פרצה מלחמת עולם הראשונה. היה זה בתשעה באב, אבל היא טרם הורגשה בגניוווישוב וגרניץ ,כי מה להם ולמלחמה, שם הרחק על גבול גרמניה? רק במקרה נתקלו בה כאשר חיילים רוסיים עברו דרך העיירה למצודת „איוונגורוד". הם תעו בדרך וחיפשו את הכביש אשר לפי המפה היה צריך להימצא שם, אך בינתיים שקעו בבוץ עד לבירכיהם. קרה, כי החיילים איבדו את מגפיהם בבוץ, כי לא יכלו למשותם, קללו וגדפו את יהודי גניווישוב, כאילו הם האשמים. לא פעם הם נעצרו לשעה קלה בעיירה למנוחה ואין לתאר את הבהלה שקמה בעיירה. מיד נסגרו החנויות, הבתולות והנשים הצעירות התחבאו והסתגרו על שבעה מנעולים „מתחת לאדמה", אך לרוב עבר הכל בשלום. החיילים הציבו מטבח־שדה ומיד התאספו סביבם ילדים שהחזיון הזה עורר סקרנותם ואילו יהודי גניווישוב חרדו תמיד שמא יתפרצו

החיילים לבתים וישדדו את רכושם הדל. וביום בהיר אחד, אחר הצהריים כאשר על אנשי גניווישוב נפלה תרדמה קלה וחלמו על חיים טובים יותר כאשר לא יצטרכו לעמול כה קשה על פרנסתם, ובנקל תימצא נדוניה לבנותיהם שהגיעו לפרקן, נשמע לפתע קול התוף של הווייט, שהכריז בקולי קולות כי תוך 24 שעות חייבים כל היהודים לעזוב את העיירה בקוטר של 25 מיל מסביב. אין לתאר את הבהלה שקמה בשתי העיירות. פתאום, באמצע היום, לנטוש את העיר, להשאיר אחר גוו כל הרכוש שאבות אבותינו הורישו לנו! היהודים רצו כמטורפים אחד לשני להתיעץ מה לעשות? שאלו את רב העיר, נשים התייצבו בפני ארון הקודש פתחו דלתותיו ושטחו תחינתן לפני הקדוש ברוך הוא. היתכן, הנשמע כדבר הזה, ולאן ילכו? ולמי ישאירו את הבתים על כל אשר בהם? לגויים שיבוזו את הכל? אך השמים נאלמו ולא נשמע בכים, שליח נשלח לנטשאלניק המחוזי בכדי לבטל את רוע הגזירה אך ללא תוצאות. הנאטשלסטבא אמרה שהיהודים אשמים במלחמה הזאת והם צריכים לתת את הדין. אבל ירד על העיירה וקולות הבכייה נשמעו כביום תשעה באב. ואז החליט ר׳ מרדכי יעקב להיתעץ עם הרב הזקן ששכב על ערש דווי. הוא קרא לכל היהודים להתאסף בבית המדרש, ר׳ מרדכי יעקב פתח ואמר: „יהודים, באה עלינו גזירה מן השמים ואנו צריכים לקבל אותה באהבה, הכאב הוא גדול, אבל אין דרך אחרת, אנו עוזבים את העיר, ומי שישאר אחרי 24 שעות יהרג. אין ברירה. כל העגלות בעיירות מיועדות לילדים, לזקנים ולחולים ולספרי התורה, כי אין להשאיר את ספרי התורה בשום פנים, שהרי עלולים לנפול בידי הגויים שיטמאום. איש־איש יחפור בור בחצרו ויטמין את כל כלי הכסף והחפצים בעלי הערך. יחד נצא את העיר, כל אחד יצרור חפציו בחבילה החיוניים ביותר וישאה על שכמו. ואין זו הפעם הראשונה, שאנו נאלצים ליטול את מקל הנדודים בידינו. גורשנו מארצנו, גורשנו מספרד, מפורטוגל, מגרמניה, מכל מקום מגרשים אותנו. אין לנו מקום חוץ מארץ ישראל. זכרו יהודים רק בארץ ישראל מקומנו. עשו תשובה, בקשו את הקב״ה שימחול לנו על עוונותינו וישלח את משיח צדקנו ויגאל אותנו מהגלות המרה. מחר בבוקר תצא כל העיירה יחד. יסגור כל יהודי את ביתו ואת המפתחות ישליך כלפי היושב במרומים, והוא ישמור על ביתנו. כי מי יודע אם נזכה עוד לשוב לעיירתנו החביבה. אנחות נשמעו מכל עבר ודמעות זלגו מעיני יהודי גניווישוב. אחר דברי הרב התפללו מנחה וקול הבכיה בקע עד השמים. וכל הלילה ארזו יהודי גניווישוב את החפצים החיוניים. על העגלות העמיסו את כל התינוקות, החולים והזקנים, וגם את הרב ביניהם.

בבוקר השכם התאספו כל היהודים משתי העיירות והיו לעם רב. גם הגויים משתי העיירות התאספו לשמוח לאידם של היהודים. הם ציפו לרגע שהיהודים יעזבו את העיר כדי לפרוץ לבתיהם לשדוד ולבוז. היו כמה גויים שהבטיחו לשמור על רכושם של כמה מבין היהודים, אך מי האמין להם.

עוד ניצבת התמונה לנגד עיני. אותה לא אוכל לשכוח לעולם, באמצע הככר של גניווישוב התאספה כל העדה. העגלות עמוסות ילדים, חולים וזקנים, והן היו מעטות כי הגויים לא רצו להשכירן ליהודים, כי אמרו בלבם: ככל שירבו העגלות שברשות היהודים כן ירבו להעמיס מחפציהם, לכן סרבו לספק עגלו־תיהם. והיהודים עמדו דום כמה דקות באמצע הככר, הרימו עיניהם לשמים ואמרו, רבונו של עולם, בידך אנו מפקידים רכושנו הדל, פרי עמל חיינו. ר׳ מרדכי יעקב הכריז בקול רם: יהודים ללכת! וכל הכבודה זזה, הרימו ראשים בגאוה והלכו. כך פסעו אבות אבותיהם, הלכו לגלות, אך גאים עם ראש מורם. העגלות הטעונות נעו קדימה ואחריהם האנשים. דמעות זלגו מעיני נשים. והעם פוסע בדממה. נתן ר׳ מרדכי יעקב את קולו בשירה, הוא שר ניגוני חסידים, קרא לכולם שיתנו קולם בשיר, ועל אף צחוקם של הגויים, המשיכו והלכו בראש מורם, כשהם מתרחקים מגניווישוב גרניץ עיירת הולדתם. בהיותם מחוץ לעיירה, השליכו כולם את מפתחותיהם לשדות והלכו.

הייתי אז נער צעיר, אך זוכר אני את שיחותיהם של המבוגרים, ודאגתם לבית הקברות, שם טמונים עצמותיהם של הצדיקים ושל אבות אבותיהם שאפילו לא היה הסיפק בידם להפרד מהם. ומי יודע מה יהיה עליו ועל בית המדרש ובית הכנסת, שיעמדו שוממים וארון הקודש שיחולל על ספרי התורה שבו. קשה להאמין כי אפשר לנטוש עיר בה נולדו וגדלו והיכו שורשים.

בעוברם בכפרים הושלכו עליהם אבנים ע״י הגויים והשקצים ורבים נפצעו. עברו דרך אלקסוב, סלבצין, בורק ואיבאנגרוד. גם יהודי איבאנגרוד גורשו מהעיר, ועדים היינו כיצד הגויים מהסביבה פורצים לחנויות שנעזבו על־ידי היהודים ושודדים כל אשר בהם. הגענו לפרשת דרכים, הרחק מהמצודה איבנגורוד עצמה, ושם התחילו הצרות. כל הדרכים היו מלאות חיילים רוסיים, נכנסנו ללוע הארי. החיילים התנפלו על המחנה. שדדו כל מה שבא לידיהם, נערות ונשים נחטפו, הכו בקתות הרובים את כל ההולכים. בין רגע נתפזרו מאות יהודים וכל אחד רץ לכיוון אחר, ילדים אבדו להוריהם, עשרות חללים נפלו מבין היהודים. ביניהם היה גם סבי, ר׳ לייזער רעגווער מאחרוני פובסטאנצים, גם הרב אשר שכב בעגלה נהרג. אנו ברחנו לעבר קוצק ולמזלנו רצנו כל המשפחה יחד, ובהיותנו ילדים

קטנים יכולנו לוץ כ־ר יותר מהחיילים. אבי ר׳ מרדכי יעקב ז״ל שהיה רגיל ללכת הרבה במהירות (כי הלך כל יום ליער להביא עצים) יכול גם הוא לרוץ מהר וכן גם אמי, ואחרי שרצנו קילומטרים אחדים מבלי להפנות ראשינו אחורנית מרוב פחד, ומאחר שעייפנו נעצרנו וראינו שהסכנה חלפה, כי לא ראינו את רודפינו. הסתכלנו סביבנו וראינו כי נצלו אתנו עוד כמה משפחות. אך על גורלם של היתר לא ידענו. מאוחר יותר נודע לנו כי כ־50 יהודים נהרגו בידי החיילים הרוסיים. ורבים התחבאו בשדות, ואלה שהתפזרו בעת המהומה ורצו לכיוונים שונים נפלו בידי גויים מהכפרים הסמוכים ולא נודע גורלם. רבים הגיעו עד וורשה, אנו הגענו בחוסר כל לקוצק בערב שבת כשאנו מונים כמה משפחות. היהודים שם קבלו אותנו בחמימות והזמינו אותנו לבתיהם, זה היה החורבן הראשון של גניווישוב וגרניץ. לא חזרנו לשם. נשארנו בלובלין. ר׳ מרדכי יעקב נעשה לחזן בלובלין מבלי לקבל כסף עבור עבודתו. התחיל גם ללמד בשבתות בבית הכנסת הגדול, אשר נקרא בית כנסת מרש״ל, ואלפים נהרו לשמוע אותו. שמו נתפרסם בכל העיר כעילוי. בית הכנסת לא יכול היה להכיל כל כך הרבה אנשים, שבאו לשמוע תורה מפיו. בשנים האחרונות הוא היה ממיסדי ישיבת חכמי לובלין, יחד עם הרב שפירא שהיה המיסד הרשמי, והוא נסע בכל רחבי פולין ואפילו לארצות השכנות, לאסוף כסף בשביל ישיבת חכמי לובלין. אומרים, שיחד עם כל הבחורים של הישיבה הובל לטרבלינקה — מחנה ההשמדה הנאצי.

יהי זכרו ברוך!

יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אין שטעטל

אליעזר וויינבערג / תל־אביב

צוויי ערטער — נעמען, געשיכטע, אַנטוויקלונג

גניווישיוו — אַזוי האָט מען מיין געבורט־שטעטל גערופן אין יידיש; און אין פויליש — גניעוואַשאָוו. אַ קליין, פשוט שטעטעלע, מיט פשוטע יידישע איינוווינער.

ווי קליין דאָס שטעטל איז געווען מיט זיין אַלגעמיינע צאָל איינוווינער פון אַ 600 משפחות, דערפון אַ 350 יידישע משפחות — האָט עס ערשט זיך צעטיילט אין צוויי באַזונדערע אָרטשאַפטן: גניעוואַשאָוו און גראַניצאַ (גרעניץ).

די באַפעלקערונג אין יעדער אָרטשאַפט באַזונדער איז געווען געטיילט: גניעוואַשאָוו — אַרום 250 משפחות, פון דעם יידן — 150 משפחות; גרעניץ — אַרום 350 משפחות, פון דעם ב״י אַ 200 יידישע משפחות. די פונאַנדערטיילונג פון ביידע ערטער איז געווען אַן אַדמיניסטראַטיווע. די גמינע, פאָוויאַט און אַלע אַמטן — לויט די דערמאָנטע צוויי נעמען פונעם שטעטל. אויף אַ פאַספּאָרט איז געווען גענוי באַצייכנט ווו מען איז געבוירן: אין גניעוואַשאָוו אָדער גראַניצאַ. יעדעס הויז, צי געוועלב איז אַזוי אויך געווען באַצייכנט אין היפּאָטעק אאַז״וו. דער אַלגעמיינער נאָמען איז געווען גניעוואַשאָוו, הגם גרעניץ האָט געהאַט אַ גרויסן מאַרק־פּלאַץ. אַ פרעמדער וואָס איז געקומען קיין גניעוואַשאָוו, האָט געשטוינט הלמאי אַזאַ קליין שטעטעלע האָט אַזעלכע צוויי גרויסע מאַרק־פּלעצער.

אָט־וואָס אונדזערע זיידעס האָבן איבערגעגעבן וועגן דער אַנטשטייונג פון די צוויי באַזונדערע אָרטשאַפטן: דאָס איז געווען פאַר דער פוילישער „פּאָוור־סטאַניע״ (אויפשטאַנד) קעגן דער צאַרישער הערשאַפט. דער באָדן האָט געהערט צו פריווילעגירטע יחידים, מיט פאַרשידענע פירשטלעכע טיטלען. די גיטער פון דער אָרטשאַפט האָבן געהערט צו צוויי באַזונדערע גראַפן — גניעוואָש און גראַניץ. האָט גניעוואָש גערופן זיין יידישן אַרענדאַר און אים געזאָגט: „אַזוי ווי דיינע יידן זוכן ערטער ווו זיך צו קענען באַזעצן, גיב איך זיי אָפּ פאַר

אַזאַ און אַזאַ יערלעכן אָפּצאָל דעם שטיק באָדן און זיי קענען זיך אויפשטעלן וווינונגען און געוועלבער.״ אַזוי איז טאַקע געשען. יידן האָבן אָנגעהויבן קומען, זיך באַזעצט און פון דעמאָלט אָן רופט מען דאָס אָרט — גניעוואַשאָוו.

דער צווייטער גראַף, גראַניץ, האָט דערזען, אַז זיין שכן מאַכט נישט קיין שלעכט געשעפט מיט די יידן און יעדעס יאָר פליסט אים אַריין אַ שיינער אָפּצאָל, האָט ער נאָכגעטאָן דעם גראַף גניעוואָש, גערופן דעם אַרענדאַר, געגעבן די יידן לייכטע באַדינגונגען מיט נאָך אַ גרעסערן שטח. האָבן יידן זיך דאָרט אָנגעהויבן באַזעצן — און פון דעמאָלט אָן רופט זיך דאָס אָרט גראַניצאַ. אַזוי האָב איך געהערט דערציילן און אַזוי גיב איך איבער.

אַדמיניסטראַטיוו, האָט דאָס שטעטל מיט צוויי נעמען ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, געהערט צו קאָנגרעס־פּוילן (אָקופּירט דורך רוסלאַנד) און געווען איינגעשלאָסן אין ראַדאָמער גובערניע, קאָזשעניצער פּאָוויאַט, גמינע סאַרנאָוו. די צוויי ישובים צוזאַמען ליגן האַרט ביי דער ווייסל, צווישן פּולאַוו און דעמבלין (מאָדזשיץ). רעכטס פון גניעוואַשאָוו געפינט זיך די פּאָוויאַטאָווע שטאָט פּולאַוו און לינקס — דעמבלין מיט איר פעסטונג, וואָס האָט אַמאָל געטראָגן דעם נאָמען „טוויערדזאַ איוואַנגאָראָדזקאַ״. קיין פּולאַוו אָדער קיין דעמבלין איז בערך 10 קילאָמעטער.

אַמאָל, אַז מען האָט געוואָלט אָנקומען קיין פּולאַוו, האָט מען געמוזט אַריבער די ווייסל, צופאָרן ביז גורי פּולאַווסקיע און פון דאָרט אַריבערשיפן זיך מיטן פּאַראָם, וואָס האָט אַרויפגענומען וועגענער ווי אויך מענטשן פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל. דער פּאַראָם איז געגאַנגען הין און צוריק. מענטשן האָבן זיך אויך געקענט אַריבערבאַקומען מיט אַ לודקע. אָנהייב ווינטער, אָדער ערב פרילינג, ווען אייז־קריעס זענען געשווימען איבער דער ווייסל, איז דעמאָלט גניעוואַשאָוו געווען אָפּגעשניטן פון פּולאַוו. ווען די ווייסל איז פאַרפרוירן געוואָרן, האָט מען מיט וועגענער אָדער צופוס געקענט אַריבער דעם טייך אויפן אייז.

אַזאַ איז געווען די קאָמוניקאַציע קיין פּולאַוו ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין דעמבלין איז די פאַרבינדונג שוין נישט איבערגעריסן געוואָרן, ווייל דאָרט איז איבער די ווייסל געווען אַ בריק מיט רעלסן פון דער באַן־ליניע ראַדאָם—דעמבלין—לובלין, אָדער ראַדאָם—דעמבלין—וואַרשע. ווען ס׳איז קיין באַן נישט געווען, זענען פורן, וועגענער און מענטשן אַריבער די בריק.

פּולאַוו און דעמבלין האָבן געהערט צו אַ צווייטער גובערניע, ווייל גניע־וואַשאָוו איז געלעגן אויף איין זייט ווייסל און די צוויי שטעט — אויף דער

צווייטער זייט, אָבער דער גאַנצער מסחר פון גניעוואַשאָוו איז אָנגעגאַנגען מיט פולאַוו און דעמבלין.

די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קהילה און די אָרטיקע מנהגים

די יידן פון גניעוואַשאָוו און גרעניץ האָבן געהאַט איין קהילה. צו איר האָבן נאָך געהערט צוויי קלענערע יידישע ישובים — גאַרבאַטקע, ביי אַ 30 משפחות און טשעטשעכאָוו — 20 משפחות.

די קהילה־אָנפירונג איז באַשטאַנען פון 4 דאָזאָרעס און אַ ראַבינער. די אינסטיטוציעס פון דער קהילה האָבן זיך געטיילט צווישן די אָרטשאַפטן: גניעוואַשאָוו האָט געהאַט אַ שול, אַ רב, אַ שמש, שוחט און חזן; אַ מנין, וואָס האָט יעדן שבת געדאַוונט ביים רב און אַ באַזונדערן בית־הקברות. אויך אין גרעניץ איז געווען אַ שול, בית־המדרש, רב, שוחט, שמש, חזן, ווי אויך צוויי חסידים־שטיבלעך: גערער און לובלינער. אויך ביים גרעניצער רב איז געווען אַ מנין יעדן שבת און אַ באַזונדער בית הקברות. אָבער נאָר איין מקווה איז געווען אין גרעניץ, וואָס צו איר האָבן געמוזט אָנקומען די יידן. די מקווה האָט פאַרייניקט ביידע קהילות — און וועגן דעם האָט מען דערציילט פאַרשידענע אַנעקדאָטן...

געווען אַ מינהג, אַז ראש־השנה צו מעריב איז מען געגאַנגען דאַווענען מיט טליתים. אָבער נאָר אין גניעוואַשאָוו. וועגן דעם זענען אַרומגעגאַנגען צוויי לעגענדעס. די ערשטע האָט דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק זענען די יידן פון גניעוואַשאָוו געקומען ראש־השנה ביינאַכט דאַווענען מעריב. אין שול איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז מען האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. דעמאָלט איז אין גניעוואַשאָוו געווען גראָד דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און מודיע געווען אַלע מתפללים, זיי זאָלן גיין אַהיים און מיט־ברענגען טליתים און זיך אין זיי איינוויקלען. אַזוי האָבן די מתפללים געטאָן. ווען זיי זענען צוריק אַריין אין שול דאַווענען מעריב, איז די ענגשאַפט פאַר־שוווּנדן. יעדער האָט זיך געקענט פריי באַוועגן. פון דעמאָלט אָן איז געבליבן דער מינהג, אַז ראש־השנה צו מעריב זענען אַלע גניעוואַשאָווער יידן געקומען אין שול מיט טליתים.

די צווייטע לעגענדע שטעלט פאַר דעם ענין אין אַ גאַנץ אַנדערן ליכט. מיט יאָרן צוריק איז אין אונדזער געגנט געווען אַ טרוקן יאָר. די גאַנצע תבואה איז פאַרברענט געוואָרן (מ׳האָט אויך געזאָגט, אַז גראָד פאַרקערט — אַ צו

שטאַרק נאָס יאָר, די תבואה אויף די פעלדער איז פאַרפוילט געוואָרן), וואָס האָט געבראַכט צו הונגער. מען האָט געברענגט קוקורוזע, וועלכע די באַפעלקע־רונג איז נישט געווינט געווען צו עסן. דערווייל האָט אין גניעוואַשאָוו אָנגעהויבן בושעווען די כאָליערע־עפּידעמיע. אַ סך מענטשן זענען געשטאָרבן. ערב ראש־השנה האָט דער רב אויסגערופן, אַז אַלע יידן זאָלן צו מעריב קומען אין שול מיט די טליתים און בעטן, אַז די מגיפה זאָל אַוועק. פון דעמאָלט אָן איז געבליבן דער מינהג: ראש־השנה צו מעריב, אַזוי גוט ווי צו כל נדרי, דאַווענען יידן אין גניעוואַשאָוו אין שול אָדער (שפּעטער) אין בית המדרש אין טליתים. אין גרעניץ און אין די חסידים־שטיבלעך איז אַזאַ מינהג נישט געווען.

די קהילה־אָנפירונג איז ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה געווילט געוואָרן אויף פאָלגענדן אופן: אין שטעטל איז געקומען דער פּאָוויאַטאָווער (קרייז) נאַטשאַלניק פון קאָזשעניץ. ער האָט צוזאַמענגערופן אַלע יידן אין בית־המדרש אין גרעניץ און געהייסן הייבן הענט פאַר וועמען מען וויל, ער זאָל זיין דאָזאָר. ווער עס האָט געוואָלט, איז פאַר עטלעכע רובל געוואָרן דאָזאָר, ווייל דער פוסק אחרון איז געווען דער נאַטשאַלניק. קיין גרויסע דעה אין דער קהילה האָבן די דאָזאָרעס במילא נישט געהאָט.

אויף דעם אַמט פון קאַזיאָנע ראַבינער האָבן שוין די חסידים געוואָלט האָבן זייערס אַ מענטש, ווייל פון די צוויי רבנים פון גניעוואַשאָוו און גרעניץ האָט קיינער נישט געקענט זיין קיין אָפיציעלער ראַבינער, ווייל מ'האָט געמוזט קענען רעדן און שרייבן רוסיש. צוליב דעם איז ראַבינער געוואָרן אַ גערער חסיד.

לעבנסשטייגער פון די גניעוואַשאָווער יידן

די יידישע באַפעלקערונג אין ביידע אָרטשאַפטן איז באַשטאַנען פון סוחרים, קרעמערס, בעל־מלאכות — שניידערס, שוסטערס, סטאָליערס, גלעזערס, בלעכערס און דאָרפגייערס. די הויפּט־פּרנסה איז געווען דער מאַרק־טאָג, וואָס איז פאָר־געקומען איין מאָל אין וואָך — דינסטיק. יענעם טאָג פלעגן אַלע פויערים פון די אַרומיקע דערפער קומען צו פאָרן מיט זייערע אַרטיקלען, כדי זיי פאַרקויפן. פאַרן אָפּגעלייזטן געלט — איינקויפן אין די געוועלבער אָדער ביי די שטעלן, וועלכע מ'האָט יעדן דינסטיק ספּעציעל אויפגעשטעלט.

אין גרעניץ, ביים אַראָפּגאַנג פון באַרג, האָט זיך געפונען די שול, דאָס בית־המדרש. אין דער זייט פון די בתי־תפילות — די מקוה און מרחץ. אין דער שול האָט מען געדאַוונט נוסח אשכנז. דאַקעגן אין בית־המדרש האָט מען גע־

דאַוונט נוסח ספרד. אַרום דריי ווענט — צפון, מזרח און דרום, זענען געזעסן בחורים און בעלי־בתים און געלערנט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. די גאַנצע מערב־וואַנט איז פול געווען מיט פּאָליצעס ספרים, ש״ס, פּוסקים און אַנדערע חיבורים.

ווינטער, אַרו̇ם 4 פאַרטאָג, האָט דער שמש איינגעהייצט די צוויי אויוונס. בעלי־בתים און בחורים פלעגן זיך זעצן לערנען, בעת פשוטע יידן האָבן געזאָגט תהילים, ביז מען האָט זיך געמעגט שטעלן דאַוונען.

אויף איינקויפן נייע ספרים אָדער פאַריכטן די צעשיטע, איז געווען אַ „ועד תיקון ספרים״, וואָס איז באַשטאַנען פון די עלטערע בחורים. יעדן דאָנערשטיק פלעגט דער ועד אַרויסשיקן צוויי „פּאָרלעך״ יינגערע בחורים אין גרעניץ און אין גניעוואַשאָוו, ווו מ׳האָט גענאַמלט געלט אויף תיקון ספרים. מ׳האָט געפירט „בוכהאַלטעריע״, ווייל עס איז געווען אַ וועכנטלעכע באַשטייערונג פון יעדן בעל־הבית, פון 5 ביז 20 גראָשן. די זעלבסט־באַשטייערונג האָבן פיל בעל־בתים גערן געצאָלט, זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע מצווה. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געענטפערט: „די צווייטע וואָך״ — און שולדיק בלייבן פאַר 6 חדשים. דעמאָלט האָט מען אָפּגעוואַרט דעם בעל־הבית און מיט אַמאָל אַרויסבאַקומען פון אים אַ סומע געלט.

געווען אַ מינהג, אַז אַ יינגל האָט אָנגעהויבן לייגן תפילין, פלעגט דער פּאָטער קומען מיט זיין בר־מצווה בחור אין בית־המדרש און אים ווייזן ווי אַזוי מען טוט די מצווה. נאָכן ערשטן מאָל תפילין־לייגן האָט דאָס יינגל גע־מוזט טיילן פּאַפּיראָסן יעדן, וואָס האָט זיך נאָר געפונען אין בית־המדרש, יונג און אַלט. אַן ענלעכער מינהג איז אויך געווען ביי אַ חתן־בחור, וועלכן מען האָט שבת אויפגערופן צו דער תורה. פון צומאָרגנס, זונטיק, ביז צום טאָג פון דער חתונה — האָט ער געטיילט פּאַפּיראָסן, אָבער נאָר זיינע חברים און באַקאַנטע.

ווי דערמאָנט זענען געווען צוויי חסידים־שטיבלעך — אַ גערער און אַ לובלינער. דאָרט האָט מען געדאַוונט אין די שבתים, יום־טובים און ימים־נוראים. איבערהויפּט איז באַקאַנט געווען דאָס גערער שטיבל. אַלע אָן אויסנאַם האָבן געטראָגן אַטלאַסענע אָדער זיידענע קאַפּאָטעס מיט דיקע גאַרטלען, לאַנגע און ברייטע טלית־קטנס און סאַמעטענע קאַפּעלעך. אַ גרויסע צאָל חסידים האָבן געטראָגן שטריימלען און די נישט פאַרמעגלעכע — סאַמעטענע

היטלען, בחורים — נאָר סאַמעטענע היטלען מיט קאַפּלען און זיידענע קאַ־פּאָטעס.

שבת פרי, 7 אַזייגער, האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען אין די חסידים־שטיבלעך. אָפּגעדאַוונט שחרית, ביז צום לייענען די תורה, איז געמאַכט געוואָרן אַ הפסקה. מ׳האָט זיך געזעצט לערנען. דאָס קליינוואַרג איז געלאָפן אַהיים עפּעס נעמען אין מויל אַריין, די גרויסע לומדים האָבן זיך געקענט דערלויבן זאָגן תהילים. אַ חסיד, וואָס איז נישט געווען פון די גרויסע לערנערס און זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ ספר פון פּוסקים — האָבן אים נישט געפעלט קיין צרות. אַלע מאָל פלעגט אונטערקומען אַ בחור און אים פרעגן, וואָס מיינט תוספת אָדער מרש״א מיט דעם און דעם, פאַר וואָס ער זאָגט אַזוי? דרך־ארץ איז געווען פאַר די חסידים, וואָס האָבן געלערנט קבלה.

פלעגט זיך מאַכן אַ „יומא דפגרא״ — פּורים, שמחת־תורה — איז געווען היימלעך אין שטיבל. מען האָט אָנגעשיכורט אַ חסיד און אים געשטעלט צום עמוד דאַווענען מנחה. דאָ האָבן אים שוין נישט געפעלט קיין קלאַפּאָטן. אַלע טליתים זענען צו אים געפלויגן. מנחה האָט ער געדאַוונט מיט אַ יום־כיפּור־ניגון. דעמאָלט פלעגן זיך די חסידים אַ ביסל משׂמח זיין, באַזונדערס דאָס יונגוואַרג.

דער געראַנגל צווישן די צוויי חסידים־שטיבלעך

צווישן די צוויי חסידים־שטיבלעך איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל ווער ס׳זאָל באַהערשן דאָס רעליגיעזע לעבן אין גניעוואַשאָוו — „גער״ אָדער „לובלין״. באַזונדערס איז געפירט געוואָרן אַ „מלחמת מצווה״ בעתן אויפנעמען אַ רב אָדער אַ שוחט: דעמאָלט האָבן די חסידים פוןביידע שטיבלעך זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די פּשוטע מתפּללים פון די שולן אָדער בית־המדרש. מ׳האָט זיך שוין געמוזט רעכענען מיט דער מיינונג פון די שטאָטישע בעלי־הבתים און האָבן אַ כתב אונטערגעשריבן מיט וואָס מערער חתימות. יעדער צד פון די חסידים האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט די גבאים, דאַזאָרעס און סתם מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַן איינפלוס ביי „עמך״.

ווען מ׳האָט געדאַרפט אויפנעמען אַ שוחט, האָבן ביידע צדדים געשיקט זייערע גדולים איבערן שטעטל, אַז מען זאָל זיך מער רעכענען מיט זיי. גלייכ־צייטיק זענען געפאָרן דעלעגאַציעס פון חסידים צו זייערע רביים, זיי זאָלן שיקן קאַנדידאַטן אויף אַ שוחט. יעדער קאַנדידאַט האָט מיטגעבראַכט אַ הסכמה

פון זיין רבין, און לויט די הסכמות האָט מען שוין געזען, וועמען דער רבי זאָל לעבן — וויל פאַר אַ שוחט. די חסידים האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען: מ׳זאָל מסכים זיין אויף דעם אָדער יענעם קאַנדידאַט.

מ׳האָט איין מאָל געדאַרפט אויפנעמען אַ שוחט, האָבן די גערער חסידים געשיקט דעם באַוווּסטן למדן, באַקאַנטער גערער חסיד ר׳ שמעון מאַנדלבוים (שמעון לייב נאָטעס) צו פאַרשטענדיקן זיך מיט „עמך", וועמענס פאָרשטייער ס׳האָט געזאָלט זיין קיסעל. ר׳ שמעון האָט אונטערגעהאַנדלט מיט קיסעלן און געזאָגט אין נאָמען פון שוחט, אַז ער גיט כך וכך פאַרן בית־המדרש, שול און אַנדערע אינסטיטוציעס, דערביי אויסגערעכנט די מעלות פון דעם שוחט: אַ גוטער מוהל, אַ שיינער בעל־מנגן, אַ גוטער בעל־תפילה און דערצו אַן אָנגעזעענער שיינער ייד. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין צוויי וואָכן אַרום, ווען מען וועט בענטשן ראש חודש, זאָל דער שוחט אַראָפּקומען דאַווענען פאַרן עמוד אין שול אָדער אין בית־המדרש.

די גערער חסידים מיט ר׳ שמעונען האָבן אָנגעשריבן אַ בריוו צום קאַנדידאַט און אים מיטגעטיילט, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, מ׳איז שוין דורכגעקומען מיט די פאָרשטייער פון „עמך", אַז אין צוויי וואָכן אַרום זאָל ער, דער שוחט, קומען אויף שבת דאַווענען און בענטשן ראש חודש און אי״ה מוצש״ק וועט פאָרקומען אַן אסיפה און מען וועט אים געבן אַ כתב שחיטות מיט חתימות פון די בעלי־הבתים.

די לובלינער חסידים זענען געוואָר געוואָרן פון די אונטערהאַנדלונגען וואָס ר׳ שמעון האָט געפירט. האָבן זיי זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און אַוועק צו קיסלען און אָנגעהויבן אויסרעכענען די אַלע מעלות וואָס זייער שוחט האָט. ער גיט כך וכך אויף קהילהשע אויסגאַבן און זיי, די „לובלינער", גיבן באַזונדער, קיינער זאָל נישט וויסן, גאַנצע 25 רובל, מכלומרשט, אַז ער, קיסעל, זאָל האָבן אויף אַ קידוש פאַר זיינע נאָענטע. האָט ר׳ קיסעל צוגעזאָגט די „לובלינער" אַז ס׳וועט זיין אין אָרדענונג.

אינצווישן האָט זיך אָנגערוקט די צייט, ווען דער קאַנדידאַט איז געקומען דאַווענען און בענטשן ראש־חודש. ער האָט אָפּגעדאַווּנט, געוויזן וואָס ער קאָן. ער איז טאַקע געווען אַ גוטער בעל־תפילה און אַ שיינער זינגער. נאָר ווי מען האָט געענדיקט דאָס דאַווענען, האָט זיך אויפגעשטעלט דער זעלבער קיסעל און אַ זאָג געטאָן: „איך גלויב נישט, אַז דער שוחט זאָל זיין גוט פאַר אונדז". זענען באַלד „שטאַפּעטן" אַריינגעלאָפן אין גערער שטיבל און איבערגעגעבן

וואָס קיסעל האָט געזאָגט. האָט ר׳ שמעון פאַר גרויס פאַרוווּנדערונג זיך געכאַפּט פאַרן האַרץ און אויסגעשריגן: „אַ־ווּאַ, אַ־ווּאַ, כ׳האָב גאָרנישט געווּוּסט, אַז קיסעל איז אַ שקרן״! פון דעמאָלט אָן איז דאָס ווערטל אַרומגעגאַנגען ביי אונדז: „אַ־ווּאַ, אַ־ווּאַ, כ׳האָב גאָרנישט געווּוּסט, אַז קיסעל איז אַ שקרן״. ווען ס׳האָט ווער ביי אונדז געזאָגט אַ ליגן, אָדער איינער איז געווען באַקאַנט אַלס ליגנער, האָט מען שטענדיק געפלעגט זאָגן: „פון וועמען דערציילסטו, ס׳איז דאָך באַוווּסט, אַז קיסעל איז אַ שקרן״.

דער סוף פון דעם שטרייט איז געווען, אַז דער שוחט איז פאָרט געבליבן. חסידים פון גערער שטיבל האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט קיסעלן און גענומען דעם ענין צו „דערליידיקן״! די חסידים האָבן געווּוּסט, אַז מיט כסף קען מען ביי אים אַלץ אַדורכפירן. דער שוחט האָט געמוזט מוסיף זיין נאָך אַ מאה רובל. פון דעם הונדערטער האָט געדאַרפט 50 רובל דערלייגט ווערן פאַר קהילהשע אויסגאַבן און די צווייטע 50 רובל — פאַר דעם בעל־דבר אַליין, ד. ה. פאַר קיסעלן.

די גערער האָבן משפיע געווען די כלי־קודש פון גניעוואַשאָוו און גרעניץ. די חסידים פון גער האָבן געהאַט דעם גרעניצער רב, ביידע שוחטים און דעם קאַזיאָנע ראַבינער. די לובלינער חסידים האָבן בכלל נישט געהאַט קיין השפעה אויף די כלי־קודש. דער גניעוואַשאָווער רב איז גאָר געווען אַ פּורי־סאָווער חסיד, אָבער נישט קיין קנאי. ער איז זייער ווייניק געפאָרן צום רבין. ביים גניעוואַשאָווער רב, ר׳ יעקב לייב צוקער, איז געווען אַ מנין. דאָרט האָבן געדאַוונט חסידים פון פאַרשידענע רביים, די הויפּט־ראָלע האָבן געשפּילט די גרעניצער חסידים, ווייל זיי זענען געווען אין אַ גרעסערער צאָל ווי אין גניעוואַשאָוו. די גערער אָדער לובלינער חסידים פון גניעוואַשאָוו האָבן געמוזט קומען קיין גרעניץ דאַווענען אין שטיבל.

דער אָנהייב פון קולטורעלער און ציוניסטישער טעטיקייט

ביז דעם יאָר 1921 האָט גניעוואַשאָוו נישט געווּוּסט וואָס עס הייסט געזעלשאַפטלעך לעבן. ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען רעליגיעזע חברות, ווי חברת ש״ס, חברת תהילים, חברה קדישא, חברת תיקון ספרים. אין צייט פון קריג האָט זיך געשאַפן אַ חברה לינת־צדק. סוף 1916 האָט אַ גרופּע יוגנטלעכע געוואָלט שאַפן אַ ביבליאָטעק און אָנגעהויבן זאַמלען ביכער. איניציאַטאָר פון דעם איז געווען משה ראָזענווייַן, אָדער ווי מען האָט

אים גערופן אין שטעטל — משה פאלאך. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגע־ זאַלטן. באַלד נאָך פוילנס באַפרייאונג, זענען כמעט אַלע אַקטיוויסטן, צוזאַמען מיטן איניציאַטאָר משה ראָזענווײַן, זיך צעפאָרן נאָך אויסלאַנד.


ערשט אין יאָר 1921 האָט אַ גרופּע 16־יאָריקע בית־מדרש־בחורים געלייגט דעם יסוד פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטעטל (בלויז איין 20־יאָריקער בחור האָט זיך צווישן זיי געפונען — לייבל ליבהאָבער).

באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן גענומען בלאָזן נייע ווינטן ביי דער ידישער יוגנט אין די קליינע שטעטלעך, בפרט ביי די בית־המדרש בחורים. יי האָבן אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן אונטער די גמרות העברעישע און יידישע יכער און צייטונגען. די ערשטע צוויי ביכער וועלכע זענען צו מיר דערגאַנגען, ענען געווען פון דער ציוניסטישער ביבליאָטעק אין פולאַוו, וועלכע איך האָב באַקומען פון מיין קוזין דאָרטן. נאָך יוגנטלעכע האָבן באַקומען ביכער פון אַנדערע ערטער. אַזוי האָבן מיר צווישן זיך געטוישט די ספרים אין משך פון טלעכע חדשים. די עטלעכע יוגנטלעכע, אַכט אין צאָל, האָבן זיך צונויפגערעדט ועגן עפּעס טאָן. קיין גענויע פּלענער האָט נאָך קיינער נישט געהאַט. מיר האָבן טלעכע מאָל אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און אָפּגערעדט, אַז מיר דאַרפן זיך צוזאַמענקומען (פאַרשטייט זיך אין געהיים) אויף אַ ספּעציעלן פּלאַץ און איינלאַדן אויך מיידלעך פון חסידישע היימען.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז שבת אָוונט זאָלן מיר זיך צוזאַמענקומען. צו דעם וועק האָבן מיר אָפּגעדונגען אויף עטלעכע שעה אַ צימער ביי דעם קריסט אַדאַם סטעפּיען, אויף אַלעקסאָווער וועג. יידן האָבן שוין אין יענער געגנט ישט געוווינט. מיר האָבן צו וויסן געטאָן די מיידלעך, אַז אין דער שעה, מוצאי־שבת, זאָלן זיי קומען צום קריסט.

צו דער באַשטימטער שעה זענען די מיידלעך געקומען אויף דעם אָרט ווו מיר האָבן אויף זיי שוין געוואַרט מיט קלאַפּנדיקע הערצער. די באַראַטונג האָט יך מיט מזל אָנגעהויבן. אַלס פאָרזיצער פון די באַראַטונגען איז געווײלט געוואָרן לייבל ליבהאָבער, וואָס האָט שוין געהאַט אַ שיין שוואַרץ בערדל.

צו קיין קאָנקרעטע באַשלוסן איז מען נישט געקומען. מ'האָט גערעדט וועגן אויפשטעלן אַ ביבליאָטעק און איינשאַפן ביכער, באַזאָרגן אַ לעגאַליזאַציע און דינגען אַ ספּעציעלן לאָקאַל. אין מיטן דער באַראַטונג איז געשען עפּעס אויסער־ געוויינלעכס: ווי פון אונטער דער ערד זענען פּלוצלונג אויסגעוואַקסן די עלטערן פון די מיידלעך, מיט אַ צוגאָב פון עטלעכע נשים צדקניות, צווישן זיי אויך



דער אַלטער קלמן לייב צווייגענבערג, וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון דעם אָרט ווו מיר האָבן אָפּגעהאַלטן די באַראַטונג — און צווישן די מיידלעך האָבן זיך געפונען זיינע דריי אייניקלעך. די געוואַלדן און געשרייען פון די אָנגעקומענע זענען געגאַנגען עד לב השמים.

— ס'ברענט! אַ פייער ברענט! — האָט מען געשריגן. — ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק?! אַזעלכע חרפות און בושות, אַז בית־מדרש בחורים זאָלן זיך צונויפקומען מיט מיידן!

די געוואַלדן זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, העכער, אַז די קריסטן פון די שכנישע הייזער זענען זיך צונויפגעלאָפן. די יידן האָבן נישט אויפגעהערט צו ליאַרעמען:

— ווי קומט איר, יונגען, צו די גניעוואַשאָווער מיידן?! נעמט אייך אייערע גרעניצער מיידן! ס'פעלן דען אין גרעניץ מיידן?!

די טענה איז געווען אַ „גערעכטע", ווייל צווישן די אַלע יינגלעך איז קיין איין גניעוואַשאָווער נישט געווען, נאָר בלויז גרעניצער, און ביי די מיידלעך איז פונקט פאַרקערט געווען: זיי אַלע זענען געווען פון גניעוואַשאָוו.

איך גיב דאָ די נעמען פון די גרעניצער יינגלעך:

לייבל ליבהאָבער, יוסף קוראָפּאַטווע, משה קאָסמאַן, פּנחס גאָלדשטיין, חיים זלאָטאָגורע, מאָטל מאַלעך, אַביש שטיינפעלד און דער שרייבער פון די זכרונות.

אָט איז די רשימה פון די גניעוואַשאָווער מיידלעך:

חנהטשע קאַרמאַן, שרה קאַרמאַן, ראָכטשע צווייגענבערג, חוה צווייגענבערג, רייזל קופּערמאַן, שרה־לאה ליפּשיץ, שרה צווייגענבערג (געוווינט אין ראַדאָם, געבוירן אין גניעוואַשאָוו).

דאָס אַהיימגיין פון די מיידלעך מיט זייערע עלטערן — קאָן מען זיך פאָרשטעלן. וואָס זיי האָבן באַקומען אין זייערע היימען — איז געבליבן אַ סוד, ווייל די מיידלעך האָבן זיך געשעמט צו דערציילן. נאָר די שטראָף וועלכע ס'האָבן באַקומען חוה און ראָכטשע צווייגנבערג, האָבן מיר יאָ געוווּסט: ווי נאָר ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן זיי נישט געטאָרט פאַרלאָזן די שטוב במשך עטלעכע וואָכן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די באַראַטונג פאַר די זיבן מיידלעך. פאַר די יינגלעך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די „חתונה" אין זייערע היימען. זונטיק אין דער פרי, ווען די עלטערן זענען געקומען אין גרעניצער בית־המדרש, האָט מען זיי איבערגעגעבן וואָס ס'איז געכטן אין אָוונט פאָרגעקומען אויף אַליקסיווער וועג.

ביידע שטעטלעך, גניעוואַשאָוו און גרעניץ, האָבן געקאָכט! ס׳טייטש! קינדער פון חסידישע היימען קאָנען אַזעלכע זאַכן טאָן, טאָ וואָס זאָלן נאָך טאָן קינדער פון די פשוטע היימען?!

אַזוי האָט אין ביידע ישובים געקאָכט און געזאָטן אַ שטיקל צייט, ביז אַלע מענער און פרויען האָבן זיך ענדלעך באַרויִקט.

געוועז אָבער עלטערן וואָס האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט יענעם צוזאַמענקום. צום מערסטן האָבן זיך גענומען צום האַרצן די עלטערן פון יוסף קוראָפּאַטווע, קהלישע מענטשן. דער פאָטער איז געווען שוחט, וואָס איז געווײנלעך אָפּהענגיק פון די בעלי־הבתים, ספּעציעל פון זייערע פרויען, די אײגנטלעכע פּרנסה־געבערינס. אַחוץ דעם איז אַ באַוווּסטע זאַך אַז אַ קהל־מענטש האָט מען נישט ליב. אויף אַזאַ איינעם פלעגט מען זאָגן, אַז ער האַלט שטענדיק אָפן די האַנט אויף צו נעמען און קיין מאָל נישט צו געבן. זענען כמעט אַלע מוטערס פון די ייִנגלעך אָנגעפאַלן אויף יאָסל קוראָפּאַטוועס עלטערן, אַז נאָר ער, דער משומד זייערער, איז שולדיק. איבערהויפּט האָט געשטורעמט די מוטער פון משה קאָסמאַן. זיי זענען געווען שכנים מיטן שוחט, און זי האָט געוואָלט, אַז איר איין־און־איינציק קינד זאָל זיין אַ רבי — און אויב נישט קיין רבי, איז כאָטש אַ רב. און דאָ אַזאַ אומגליק. איר בן־יחיד אין געזעלשאַפט מיט מיידן! זי האָט נישט אויפגעהערט שרייען, אַז ווען נישט דער משומד יאָסל וואָלט איר קינד נישט געגאַנגען אין אַזעלכע וועגן.

ווי אַזוי איז מיר דערגאַנגען נאָך דעם „אומגליק”?

זונטיק גאַנץ פרי איז מיין פאָטער אָפּגעפאָרן נאָך פולאַוו און גאָרנישט געוווּסט פון דער גאַנצער זאַך. מאָנטיק אין דער פרי איז ער אַוועק דאַווענען אין גרעניצער בית־המדרש און דאָרט האָט אים עמעצער דערציילט וואָס ס׳איז געשען שבת אין אָוונטביים קריסט אויף אַליקסיווער וועג. מיר האָבן געוווינט פונקט אין צווייטן עק פון שטעטל גרעניץ, אויך אין אַ קריסטלעכער געגנט. איך האָב יעדע רגע דערוואַרט, אַז אָט קומט אַריין מיין פאָטער. ווי נאָר ער האָט געהאַט אַריבערגעטרעטן די שוועל און מיך דערזען, האָט ער זיך נישט געקענט באַהערשן און אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין. איך האָב מיין פאָטער קיין מאָל נישט געזען וויינען, סיידן ווען ער פלעגט ראש־השנה אָדער יום־כיפור שטיין ביים עמוד אַלס בעל־תפילה. דעמאָלט פלעגט ער טייל מאָל לאָזן אַ טרער. אַ וויינענדיקער האָט ער מיר געזאָגט:

— געהאַלטן ביי די בעסטע מלמדים, אָפּגעזעסן נעכט און פאַרטאָגן און

אַליין מיט אים געלערנט... און דאָ אַזאַ חרפּה און בושה! יונגען מיט מיידן ביי אַ קריסט אין שטוב — און מיין זון אין מיטן...

מיין מוטער, הערנדיק וואָס ס'איז פאָרגעקומען, האָט אָנגעהויבן וויינען און זיך שלאָגן אין קאָפּ אַריין. שרעקלעכס האָט זיך דעמאָלט ביי אונדז אָפּגעטאָן.

אַזוי, מער ווייניקער, האָבן כמעט אַלע ייִנגלעך דורכגעמאַכט אין זייערע היימען דעם ערשטן צוזאַמענטרעף.

בעת עס זענען פאָרגעקומען די סצענעס ביי אונדז אין שטוב, האָב איך באַשלאָסן, אַז מער טו איך נישט אַזעלכעס. די עלטערן, האָב איך געטראַכט, זענען דאָך גערעכט. אַזוי פיל פאַר מיר זיך מקריב געווען — און דערפאַר זאָל איך זיי אָפּדינען מיט חרפּות און בושות?

דער באַשלוס מיינער האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאלטן. ווי נאָר איך האָב מיך ווידער געפונען אין בית־המדרש מיט די חברים, האָבן מיר אַלע פאַרגעסן וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער היים. ס'איז אַוועק אַ געוויסע צייט. די ווייבער און מענער האָבן אויפגעהערט וועגן דעם צו רעדן און די עלטערן האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן וואָס ס'איז געשען מיט זייערע קינדער.

מיר אָבער האָבן ווידער זיך געטראָפן אין געהיים אין בית־המדרש, אָדער שבת נאָכמיטאָג, צוזאַמען מיט די מיידל'עך — אין סאַראַנאָווער וועלדל, 2 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. דאָרט האָבן מיר אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען, געזונגען העברעיִשע און יידישע לידער, בעת די מיידלעך האָבן אונדז געלערנט טאַנצן. אין יענער צייט האָבן מיר אַלע נאָך געטראָגן די טראַדיציאָנעלע יידישע מלבושים — די באַוווסטע היטעלעך און לאַנגע קאַפּאָטעס. דאַקעגן שבת און יום־טוב — די ספּעציעלע סאַמעטענע היטלעך מיט געהאַקטע קאַפּאָטעס. ביסלעכווייז האָבן מיר אָנגעהויבן טראָגן שטייפע קעלנער, נאָר דאָך האָבן אַ טייל חברים פון צייט־צו־צייט זיך אַריינגעכאַפּט אין בית־המדרש און אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אָדער געלערנט אַ בלאַט גמרא. דאָס האָט געדויערט אַ קנאַפּ יאָר. ביז עס האָט זיך צוגערוקט ראש־השנה און סוכות.

כדאי דאָ צו פאַרצייכענען אַזאַ עפּיזאָד.

שמיני־עצרת, אין גרעניצער בית־המדרש, פאַרגלוסט זיך מיין חבר יוסף קוראָפּאַטווע צו וועלן קויפן מפטיר. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „ליציטאַציע". אַ באַקאַנטער בעל־הבית האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף יוסף קוראָפּאַטווע, ווייל ער האָט געמיינט, אַז ער רעדט אָפּ זיינעם אַ חבר נישט צו נעמען זיין טאָכטער פאַר אַ כלה. האָט ער אונטערגעהעצט אַ באַקאַנטן, ער זאָל אַלץ טאָן,

אַז יוסף קוראָפּאַטווע זאָל נישט באַקומען קיין מפטיר און דערמיט אים אַריינגעטריבן אין געלט אַריין. האָט זיך איינער פון יוסף קוראָפּאַטוועס חברים אָנגערופן: „וואָס פאַר אַ זין האָט אַזאַ פאַרקויפן, אַז דער צווייטער צד וועט נישט באַצאָלן? זאָל ער איינלייגן אַ פאַרזיכערונג, אַז נאָך יום־טוב וועט ער באַצאָלן״. דאָ האָט דעם בעל־הבית געדולד געפּלאַצט און ר׳איז אַרויס מיט אַ געשריי: „אַזעלכע יונגען וואָס גייען מיט מיידן האָבן נאָך די העזה צו וועלן מפטיר אין שמיני־עצרת, ווען מען בענטשט גשם?!״ ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך צו אַ געשלעג. ס׳האָבן זיך באַלד געשאַפן צוויי צדדים. די געשרייען און געוואַלדן זענען געגאַנגען ביזן הימל. מיט אַמאָל איז געוואָרן שטיל. דער שמש האָט מיט עטלעכע קלעפּ אין באַלעמער באַרואיקט דעם עולם און געמאָלדן:

— אין נאָמען פון רב גיב איך צו וויסן, אַז אַזוי ווי צו בענטשן גשם האָב איך פאַרבעטן דעם בעל־הבית ר׳ פנחס וויינבערג, ווערט דער מפטיר אַוועקגעגעבן אים, דעם בעל התפילה.

דאָס האָט געווירקט, ס׳איז שטיל געוואָרן און מען האָט זיך געשטעלט ווייטער דאַווענען און לייענען די תורה. אַלץ איז אַדורך אָן געשלעגן און אָן אַ חילול־השם.

צווישן די ימים־טובים זענען מיר זיך צונויפגעקומען עטלעכע מאָל, מער עפנטלעך, און דערביי אָנגעהויבן קלערן ווי אַזוי לעגאַליזירן די צוזאַמענטרעפן, אַז מיר זאָלן נישט זיין אויסגעשטעלט אויף עמעצענס אַ מסירה. בעת מיר האָבן אַזוי געחלומט צו עפענען אַ לאָקאַל, איז געקומען אַלס גאַסט צו זיין פאָטער דער יונגערמאַן פנחס ליבהאָבער פון שטעטל מאַרקושאָוו, ווו ער האָט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה חתונה געהאַט אַלס קעסט־איידעם. ער איז אין זיין שטעטל געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ער האָט מיט אונדז אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, געגעבן די נייטיקע אינפאָרמאַציעס און פאַרשידענע אָנווייזונגען.

באַלד נאָך יום־טוב האָבן מיר זיך געוואָנדן אין דער צענטראַלע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַז מיר ווילן עפענען אין אונדזער שטעטל אַן אָפּטיילונג און מיר בעטן צו לעגאַליזירן ביי דער מאַכט. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און באַקומען אַן ענטפער, אַז מיר זאָלן אויפגעבן דריי מאַן וועלכע זענען שוין אַלט 21 יאָר און אַריינשיקן אַ ביטע — וועלן זיי שוין לעגאַליזירן אין וואַרשע. צום באַדויערן האָבן מיר געהאַט נאָר איין חבר, וועלכער איז שוין אַלט געווען 21 יאָר — לייבל ליבהאָבער. מיר האָבן צו אים אָנגעגעבן נאָך

צוויי חברים, נישט עלטער פון 17 יאָר. צום גליק איז עס באַשטעטיקט געוואָרן און מיר באַקומען די אויסגעבענקטע לעגאַליזאַציע, וואָס גיט אַ רעכט צו פירן די ציוניסטישע און קולטורעלע אַרבעט.

די „טומאה"...

איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווער וועט אונדז פאַרדינגען אַ לאָקאַל? נאָר אַזוי ווי ס'איז געלונגען מיטן לעגאַליזירן, אַזוי איז געלונגען צו באַקומען אַ לאָקאַל, וואָס איז, ווי מ'זאָגט, אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל. אונדזער חבר וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער ערשטער באַראַטונג, אגב דער איינציקער וואָס איז נישט געווען פון די בית־המדרש בחורים, אַביש שטיינפעלד האָט זייער יונג חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ברוך ראָזענוויין (ברוך שמוקלער). די עלטערן פון דעם מיידל האָבן שוין נישט געלעבט און ער אַליין איז געבליבן אייגנטימער פון אַ הויז, וואָס די עלטערן האָבן איבערגעלאָזט. האָבן מיר ביי דעם יונגן פּאָר געדונגען אַ גרויסן צימער און אַ קליינעם. באַלד דערנאָך איינעקויפט אַ גרעסערע צאָל ביכער פאַר דער ביבליאָטעק.

ביים עפענען דעם לאָקאַל האָט ער אין שטאָט באַקומען דעם נאָמען „די טומאה" — ווי מען פלעגט אין די קליינע שטעטלעך אָנרופן אַ קלויסטער. דער דאָזיקער נאָמען האָט אָנגעהאַלטן אַפילו ביי די עלטערן וואָס זענען נישט געווען קעגן, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אין לאָקאַל.

אין דער ביבליאָטעק און אין לאָקאַל האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַריינקומען אַלץ מער יוגנטלעכע פון שטעטל. מען האָט איינגעאָרדנט פאַרשידענע פאָרלעזונגען, קעטסל־אָוונטן, ליטעראַרישע אָוונטן. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האָט געשטעלט פאַרשידענע איינאַקטערס. פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ לויט אונדזערע כוחות. מיר האָבן אויך באַשטעלט אַ טרופּע פון דעמבלין, וועלכע האָט געגעבן די ערשטע פאָרשטעלונג „דער ווילדער מענטש". וואָס ס'האָט זיך יענעם שבת אָפּגעטאָן אין בית־מדרש — איז נישט צו באַשרייבן. מען האָט דאָרט אויסגערופן אַ חרם און פאַרווערט די עלטערן אַרויסלאָזן שבת אָוונט זייערע קינדער, זיי זאָלן, חס וחלילה, נישט אַריין אין זאַל ווו ס'קומט פאָר די פאָרשטעלונג.

אין אָוונט האָט זיך צונויפגענומען אַ גרויסע צאָל פרויען ביים זאַל און אָנגעהויבן מאַכן סקאַנדאַלן, קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. מ'האָט אַרויסגערופן

פּאָליציי, וועלכע האָט די ווייבער צעטריבן. אַזוי איז אַדורך די ערשטע פֿאָרשטעלונג.

ציוניסטישע אַרבעט איז ווייניק געטאָן געוואָרן. די הויפּט־טעטיקייט איז געווען צו דערציען די יוגנט, ווייל זייער אַ סך פון זיי האָט נישט געוווּסט וואָס הייסט לייענען אַ בוך, אַ צייטונג.

אין יענער צייט איז פון פּיאַסקי געקומען אין אונדזער שטעטל אַ מאַן מיט צווייי יינגלעך, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ גניעוואַשאָווער פרוי. זיין נאָמען: אברהם צעלניקער. זיין עלטערער זון, מרדכי, האָט נאָך אין פּיאַסקי געהערט צו אַ לינקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. האָט ער אין אונדזער לאָקאַל אָנגעהויבן אין געהיים אָרגאַניזירן די יוגנט, וואָס איז אים אויך געלונגען. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט האָט געאַרבעט ביי פאַרשידענע פאַכן און זיי זענען שטאַרק עקספּלאָאַטירט געוואָרן. האָבן די גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מורא געהאַט, אַז מיט דער צייט קאָן דער פאַראיין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לינקער, געהיימער אָרגאַניזאַציע, ווייל אַ טייל יוגנטלעכע האָבן באַנוצט דעם לאָקאַל אַלס אַ טרעפפונקט — און נישט צו לייענען אַ בוך אָדער הערן אַ פאָרלעזונג.

נאָך עטלעכע באַראַטונגען האָבן מיר באַשלאָסן צייטווייליק צו פאַרמאַכן דעם לאָקאַל און דורכפירן אַן איבערגעיסטראַציע פון די חברים, כדי מער אַקטיוויזירן די ציוניסטישע טעטיקייט.

אָנהייב 1924 איז אונדז געלונגען צו דינגען אַ לאָקאַל ביים קריסט אַלשאָוויעץ, אין זיין נייעם צוויי־שטאָקיקן הויז. אַ האַלבער שטאָק איז געשטאַנען ליידיק. ער איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן זאַל און צוויי צימערן. אין גרויסן זאַל האָט מען באַלד איינגעאָרדנט אַ בינע און בענק. געקאָסט האָט אונדז נאָר דער מאַטעריאַל, ווייל די טישלער־אַרבעטן האָבן געמאַכט די נייע, יוגנטלעכע חברים: חיים גלאָזמאַן און משה לינדבערג, ביי דער מיטהילף פון אַנדערע. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איינשרייבן פון נאָך מיטגלידער. צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, זענען אויסער די ערשטע שאַפערס, צוגעקומען ביז אַ 40 חברים און חברטעס. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 7 חברים, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאָלגנדע צילן: 1) ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, שאַפן געלט פאַר קרן־קימת. 2) אַראָפּברענגען אַן עברית־לערער. 3) צוריק אויפשטעלן די ביבליאָטעק.

די אַרבעט האָט זיך אַ ריר געטאָן. מיר האָבן זיך געווענדעט צום צענטראַל־קאָמיטעט, ער זאָל אונדז שיקן רעפערענטן. עס זענען געקומען דער סטודענט

אַפּעל פון וואַרשע און פון דער קרן־קימת צענטראַלע — פישל פּאָפּאָווסקי פון שעדלעץ. די צוויי רעפּערענטן האָבן אַריינגעברענגט אַן אויפלעבונג, מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אינטענסיווער. (אַן אינטערעסאַנטער פּרט: דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קרן־קימת האָט אונדז באַשטייערט מיט 500 זלאָטעס אַ יאָר. עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה האָבן מיר נאָר דערגרייכט די סומע פון 467 זלאָטעס. האָט דער ועד באַשלאָסן צוצוגעבן די 33 זל., כדי נישט בלייבן הינטערשטעליק. צום סוף האָט מען געמאַכט אַ „לחיים", געווונטשן זיך אַ שנה טובה און געשלאָסן די זיצונג).

דער ועד האָט זיך אויך געוואָנדן צו דער „תרבות"־צענטראַלע זי זאָל אונדז שיקן אַ העברעיש־לערער. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, איז צו אונדז געקומען דער עברית־לערער יאַגאָדע. ער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן גרופּן. די לעקציעס האָט ער געפירט אין די צוויי צימערן ביים גרויסן זאַל.

גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ביבליאָטעק. ס'האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיסיע פאַר קולטור־אַרבעט. די ביבליאָטעק איז געווען טעטיק יעדן אָוונט צוויי שעה, און מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען נייע יוגנטלעכע. די ערשטע צייט זענען זיי נאָר געווען לייענערס אין דער ביבליאָטעק, שפּעטער האָבן זיי דערלאַנגט דעקלאַראַציעס, אַז זיי ווילן ווערן חברים אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַזוי האָבן מיר, די 15 עלטערע חברים, געאַרבעט אַ געוויסע צייט, בעת די רעשט האָבן נאָך אַלץ געהייסן די יוגנטלעכע, הגם צווישן זיי זענען געווען אויך אין עלטער פון 20 יאָר (אַזוי ווי די „אַלטע")...

ווי אַזוי געווינען דעם עלטערן דור פאַרן ציוניזם

צום עלטערן דור איז די ציוניסטישע אַרבעט נישט דערגאַנגען, ווייל מען האָט נאָך אין שטעטל געהאַלטן, אַז ציוניזם איז אַן ענין פאַר יינגלעך און מיידלעך, זיי זאָלן טאַנצן „האָראַ" און זינגען לידער.

די פאַרוואַלטונג איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז די באַפעלקערונג זאָל נישט אַזוי טראַכטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן זיך באַמיט אויפצוקלערן דעם עלטערן דור, אַז ציוניזם מיינט שאַפן אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, בויען אַן אייגן לאַנד. מיר האָבן זיך געוואָנדן מיט אַ בריוו צו דער צענטראַלע פון קרן־קימת, אויב זיי ווילן מיר זאָלן שאַפן מער געלט, מוזן זיי אונדז שיקן אַלס אינסטרוקטאָר און רעדנער אַ ייד מיט אַ באָרד, געווונטשן איינער מיטן טיטל פון אַ רב, ער זאָל קאָנען האַלטן אַ רעדע אין בית־המדרש

וועגן די צילן און אויפגאַבן פון ציוניזם — אויסלייזן דעם באָדן פון פרעמדע הענט פאַרן יידישן פאָלק.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט האָט דער מורשה באַקומען אַן ענטפער פון מרכז קרן־קימת אַז ער שיקט אונדז אַראָפּ דעם הרב שפעטמאַן (אויב איך האָב נישט קיין טעות אין נאָמען). מיט פרייד האָט די פאַרוואַלטונג אויפגענומען די דאָזיקע מיטטיילונג און זיך גענומען צו די נייטיקע צוגרייטונגען. מיר האָבן צעקלעפּט אויפרופן, אַז שבת נאָכמיטאָג וועט אין בית־המדרש האַלטן אַ דרשה (נישט קיין רעפעראַט!) דער באַוווּסטער רעליגיעזער ציוניסטישער עסקן הרב שפעטמאַן.

צו דער באַשטימטער צייט איז דער מורשה פון קרן־קימת, פּנחס גאָלדשטיין, אַרויף אויפן באַלעמער און געמאָלדן, אַז דאָס וואָרט צו דער דרשה א. ד. ט. ציוניזם און קרן־קימת — באַקומט הרב שפעטמאַן. די דרשה איז אַדורך אָן שטערונגען. נאָר אַ טייל שטאַרק פרומע יידן זענען בעת דער רעדע געזעסן ביי די טישן, נישט געוואָלט אָדער זיך געמאַכט נישט הערן, אַריינגעקוקט ווער אין אַ ספר און ווער אין אַ גמרא.

די דאָזיקע דרשה האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. מען האָט שוין אויף אונדז נישט מער געקוקט ווי אויף יינגלעך וואָס נאָר זיי טאַנצן „האָראַ״ מיט מיידלעך. נאָר ביי די שטרענג רעליגיעזע זענען מיר ווייטער געבליבן די זעלבע. אָבער דאָס שטערן, אָדער שרייען, אַז מיר זענען גויים — האָט אויפגעהערט. ס׳האָט אויך אויפגעהערט דער נאָמען „די טומאה״. אַנשטאָט דעם האָט מען געזאָגט אָרגאַניזאַציע: „דו גייסט שוין ווידער אין דער אָרגאַניזאַציע?״ — האָבן טאַטעס געפרעגט זייערע קינדער. אָדער: „גייסט שוין ווידער אַרויף?״ (אַרויף דערפאַר, ווייל דער לאָקאַל האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק — און אין שטעטל איז אַ צוויי־שטאָקיק הויז געווען אַ זעלטנהייט).

נאָכן אָפּפאָרן פונעם רב שפעטמאַן, האָט די פאַרוואַלטונג אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן. צום ערשט — פאַרשפּרייטן די ווייס־בלאָע פושקע אין די ווינונגען. עטלעכע פאָרלעך האָבן זיי פונאַנדערגעטיילט. יעדעס פאָרל האָט זיך אויסגעקליבן זיין באַקאַנטן קרייז מענטשן. די אַקציע איז אַדורך מיט דערפאָלג. צום ערשטן מאָל האָבן אין פיל ווינונגען געהאָנגען אויף די ווענט די פושקעס פון קרן־קימת. דער צווייטער באַשלוס איז געווען, אַז חנוכה און פורים זאָלן די אָנגעזעענע חברים אַרומגיין אין שטאָט אין די פאַרמעגלעכע הייזער, כדי צו נעמען שפענדונגען. מיט דער צייט האָבן אַ טייל חברים חתונה געהאַט און באַקומען

גנזען אין שטאָט. מיר האָבן אויך באַשלאָסן, אַז אין ט״ו בשבט זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ פייערלעכע מסיבה מיט פירות פון ארץ־ישראל. דער באַשלוס איז רעאַליזירט געוואָרן יעדעס יאָר, ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין זכות פון קאָזשעניצער רבין

אין יאָר 1924 האָט אין קאָזשעניץ זיך געשאַפן אַ געזעלשאַפט, אונטער דער אָנפירונג פון אָרטיקן רבין ר׳ ישראל אליעזר האָפשטיין. די אויפגאַבע פון דער חברה איז געווען צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל, מיט דער צייט עולה זיין און דאָרט באַאַרבעטן די ערד.

קיין גניעוואַשאָוו איז געקומען אַ פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפט, אַז אונדזערע בעלי־הבתים זאָלן זיך פאַרשרייבן און קויפן באָדן אין ארץ־ישראל. דעם הרב צוקערמאַן פון קאָזשעניץ איז געלונגען צו פאַרשרייבן פינף יידן, וועלכע האָבן גלייך איינגעצאָלט געלט: חיים־נחום פאָנטש, פנחס לעדערמאַן, הירשל גירזש, דוד שטיינפעלד און יחיאל טייטל.

אָט דער פאַקט איז פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געווען אַ זייער גוטע פראָפּאַגאַנדע. ס׳טייטש, דער קאָזשעניצער רבי אַליין פאַרנעמט זיך מיט קויפן באָדן, בכדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דערצו נאָך האָט צווישן די פינף, וואָס האָבן באַשלאָסן צו קויפן באָדן, זיך געפונען דער פרעזעס פון דער קהילה, פנחס לעדערמאַן. דער צווייטער איז געווען אַ שטאַרק חסידישער ייד, חיים־נחום פאָנטש. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, האָבן די צוויי משפחות, שטיינפעלד און טייטל, באַקומען אַ מיטטיילונג זיי זאָלן זיך גרייטן צום פאָרן.

דעם לעצטן שבת פאַר זייער אַוועקפאָרן, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־מסיבה אין וועלכער עס האָבן אויך אָנטייל גענומען פיל עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן שוין סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם.

דער זאַל איז געווען איבערפולט. די שטימונג — אַ פייערלעכע. מען האָט געהאַלטן רעדעס, געזונגען, געווונטשן די צוויי אָפּפאָרנדיקע פאַמיליעס הצלחה אין וועג און אין ארץ־ישראל. מיטן געזאַנג פון התקוה איז דער אָוונט געשלאָסן געוואָרן.

צום ערשטן מאָל אַז אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געפונען אַזוי פיל עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן געזען הענגען די בלאָ־ווייסע פענער און די בילדער פון די ציוניסטישע מנהיגים.

אין טאָג פון זייער אָפּפאָר האָט די אָרגאַניזאַציע באַשטימט אַז אַלע חברים זאָלן זיי באַגלייטן צום באַן.

די ציוניסטישע טעטיקייט איז מיט יעדן טאָג שטאַרקער געוואָרן, אויך די קולטור־אַרבעט איז נישט אָפּגעשטאַנען. מען האָט כסדר צוגעקויפט נייע ביכער און פאַרגרעסערט די ביבליאָטעק. ס׳איז געוואַקסן די צאָל לייענערס, דער עיקר יוגנטלעכע — שילערס און אַרבעטער־יוגנט. מען האָט אָפּט איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן, געשטעלט איינאַקטערס און גאַנצע פּיעסן, וועלכע זענען געשפּילט געוואָרן אין פייערלעשער־זאַל. מען האָט אַראָפּגעבראַכט פּרעלעגענטן, וועלכע האָבן רעפערירט אויף ציוניסטישע, ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס.

ביי דער אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן דער „השומר־הלאומי". מיט דער צייט איז דער נאָמען איבערגעאַנדערשט געוואָרן אויף „הנוער הציוני".

שפּעטער האָט זיך געשאַפן דער החלוץ, וועלכער האָט געפירט זיין באַזונדערע אַרבעט.

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן האָט זיך דעמאָלט געפירט אַ קאַמף איבער די וועגן פון ציוניזם און באַציונג צו דער יידישער אַגענץ. עס זענען געווען 3 שטרעמונגען: „על המשמר", „עת לבנות" און רעוויזיאָניסטן. ביי אונדז זענען געווען נאָר צוויי: „על המשמר" און „עת לבנות". אין דער ערשטער צייט זענען די מערהייט חברים, מ׳קאָן זאָגן 60 פּראָצענט, געווען „עת לבנות". ביסלעכווייז איז די צאָל געוואָרן קלענער.

צום 10טן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט גניעוואַשאָוו געהאַט רעכט אויף צוויי דעלעגאַטן — אוןביידע פון „על המשמר". אין דעמאָלטיקן צענטראַל־קאָמיטעט זענען געווען פאַרטרעטן די צוויי ריכטונגען: „עת לבנות", בראש מיט לעאָן לעוויטע, און „על המשמר" — מיט יצחק גרינבוים. אַזוי ווי אונדזער אָרגאַניזאַציע איז שוין געווען אין גאַנצן „על המשמר", האָט צו די וואַלן צו דער קאָנפערענץ זיך געשאַפן אַ באַזונדערע גרופּע, בראש מיטן רעדאַקטאָר פון „היינט", אברהם גאָלדבערג. די גרופּע האָט געהייסן „אומאָפּהענגיקע". עטלעכע טעג פאַרן אָפּשיקן אין דער צענטראַלע די צוויי באַשטעטיקטע דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ, איז געקומען פון וואַרשע אַ סטודענט (איך געדענק נישט זיין נאָמען) מיט אַ בריוו פון מרכז „על המשמר", אונטערגעשריבן פון מגר. משה פּאָלאַקעוויטש און משה קליינבוים (סנה), ווו זיי בעטן אונדז אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון איין דעלעגאַט לטובת דעם רעדאַקטאָר פון „היינט". דער סטודענט האָט אונדז דערקלערט, אַז אין וואַרשע,

ווי א. גאָלדבערג פיגורירט, האָבן זיי מורא, אַז ער וועט נישט באַקומען די געוווּנטשענע צאָל שטימען אויסגעוויילט צו ווערן. דערפאַר זאָגט ער אונדז צו אין נאָמען פון גאָלדבערגן, אַז נאָך דער קאָנפערענץ פאָרט ער אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל און צוריק קומענדיק, וועט ער זיין מיט אַ רעפעראַט אין גניעוואַשאָוו און דאַנקען פאַר דעם צוטרוי, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט צו אים. צום באַדויערן האָט רעדאַקטאָר גאָלדבערג אונדז נישט באַזוכט, ווייל קומענדיק פון ארץ־ישראל, איז ער קראַנק געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ספּאָרט־קלוב. מ׳האָט פון וואַרשע געבראַכט ספּעציעלע קליידונג.

ביסלעכווייז האָט אונדזער אָרגאַניזאַציע באַקומען אָנזען, ס׳האָבן זיך פאַרשריבן אויך עלטערע יידן. אין דעם ציוניסטישן שטיבל האָט מען געדאַוונט יעדן שבת און יום־טוב. דאָס ערשטע שטיבל איז געווען ביי דעם עלטערן חבר שיע פּערלשטיין, דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צום חבר הערשל וויערזשביצקי. די אָרגאַניזאַציע איז געוואָר׳ן די טאָן־געבערין אין שטאָטישע ענינים, אין דער קהילה און אין דער פּוילישער גמינע. ס׳האָט אַ ביסל געשטערט די מחלוקת, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צווישן גרעניץ און גניעוואַשאָוו. אָבער פון יאָר 1935, ווען די מחלוקת האָט זיך געענדיקט, איז די קהילה מיט די אַלגעמיינע שטאָטישע ענינים אַריבער אין די הענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָט אַזוי איז פון יאָר 1921, פון עטלעכע ייִנגלעך און מיידלעך פון חסידישע היימען, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע באַראַטונג ביים קריסט אויף אליקסיווער וועג — אויסגעוואַקסן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אין די דרייסיקער יאָרן געווען די הויפּט דעה־זאָגערין אין שטעטל. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן ביז צו דעם צווייטן וועלט־קריג, ווען די היטלעריסטישע מערדערס האָבן אַלץ צעשטערט און חרוב געמאַכט. געבליבן זענען בלויז יחידים.

זאָלן די דאָזיקע פאַרצייכענונגען זיין צום אָנדענק פאַר די, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען מדינת ישראל, אָבער פאַר איר פאַרווירקלעכונג אַוועקגעגעבן פיל צייט און מי.

חיים יהודיים עד למלחמת העולם הראשונה

אליעזר וויינבערג / תל־אביב

שני מקומות — שמות, תולדות וצמיחה.

גניווישוב — זה היה שמה של עיירת הולדתי בשפת יידיש; בפולנית — גנייבושוב. עיירה צנועה ופשוטה, כפי שתושביה היהודיים היו צנועים ופשוטים.

על־אף קטנותה — בסך הכל כ־600 משפחות, מתוכן — 350 משפחות יהודיות — היתה מחולקת לשתיים: גניבשוב וגראניצה (גריניץ).

בגניבשוב היו כ־250 משפחות, מהן 150 משפחות יהודיות; ובגראניצה — כ־350 משפ׳ מהן — כ־250 יהודיות. ההפרדה בין שתי העיירות היתה מינהלית. בתעודות הרשמיות נרשם שם העיירה לפי מקום המגורים, גם בדרכון נרשם מקום הלידה המדוייק — גניבשוב או גריניץ. גם בתים ונכסי דלא ניידי נרשמו בספרי האחוזה לפי איתורם. העיירה כולה נשאה השם גניבשוב, אף־כי בגריניץ היתה כיכר השוק הגדולה. זר כי נקלע אלינו תמה על שום מה לעיירה קטנה כל־כך שתי כיכרות שוק גדולות כל־כך.

ואלה דברי אבותינו על ייסודם של שני המקומות האלה: הדבר היה לפני פרוץ המרד הפולני נגד השלטון הצארי. האדמה היתה שייכת לבעלי־זכויות יתר ובעלי תארים של אצולה. האחוזות האלה היו שייכות לשני הגראפים — גניבש וגראניץ. אז קרא גניבש את החוכר היהודי שלו ואמר לו: „הרי אחיך היהודים מבקשים להם מקום בו יוכלו לגור, לכן החלטתי לתת להם שטח אדמה להתיישב עליו, לבנות בתים וחנויות". וכך היה. יהודים החלו להתיישב במקום הזה וקראו לו בשם גניבשוב.

כאשר ראה הגראף השני, גראניץ, כי שכנו עשה עיסקה טובה עם היהודים וכי הם מכניסים לקופתו סכומים ניכרים, החליט אף הוא לעשות כן. הוא קרא לחוכרו היהודי והציע לו הצעה דומה, אך בתנאים טובים יותר ועל שטח גדול יותר. וגם לשם החלו להגיע יהודים וקראו למקום מושבם החדש — גראניצה (גריניץ). זאת שמעתי מפי זקני העדה ואת דבריהם אני מוסר בזה.

מבחינה מינהלית היתה שייכת העיירה, בעלת שני השמות, עד לפרוץ מלחמת העולם הראשונה לפולין הקונגרסאית (שהיתה כבושה בידי רוסיה הצארית).

היא היתה כלולה בתחומי פלך ראדום, נפת קוז׳ניץ, גמינה סארנוב. שני היישובים שוכנים סמוך לחופו של הווייסל, בין פולאבי לדמבלין (מודזיץ). ימינה לגניווישוב שוכנת העיר הנפתית פולאבי ומשמאלה — דמבלין ומבצרה, שנשא לפנים השם „המבצר האיוונגורודי״. המרחק לפולאבי או לדמבלין הוא בערך כעשרה קילומטר.

בעבר, כדי להגיע לפולאבי, צריך היה לחצות את הווייסל, כלומר לנסוע ל„גורי פולאַבסקה״ ומשם לחצות את הנהר במעבורת, שהעבירה גם עגלות, סחורות ואנשים, תמורת תשלום. גם בסירות אפשר היה לחצות את הנהר. אולם בראשית החורף או בשלהי האביב, כאשר על הנהר צפו גושי קרח, היתה גניבשוב מנותקת מפולאבי. אך משהנהר קפא אפשר היה לחצותו ברגל או בעגלה.

כזאת היתה התחבורה עד לימי מלחמת העולם הראשונה. אולם הקשר עם דמבלין היה תקין, שכן לעיר זו הוביל גשר מסילות־ברזל לעבר ראדום־דמבלין־לובלין, או ראדום־דמבלין־ווארשה. כשהמסילה היתה פנוייה מרכבות עברו עליה אנשים ועגלות.

פולאבי ודמבלין שכנו בתחומי גוברניה אחרת, שכן שתי העיירות, גניווישוב וגריניץ, שכנו מעברו השני של הנהר אולם הסחר כולו של גניבשוב התנהל עד דמבלין ופולאבי.

הקהילה ומנהיגיה

קהילה אחת היתה ליהודי גניבשוב וגריניץ, אך השתייכו אליה גם שני יישובים יהודיים קטנים — גארבטקה (30 משפחות יהודיות) וצ׳נצ׳כוב (20 משפחות יהודיות). ועד הקהילה מנה ארבעה פרנסים ורב. היא העסיקה בגניבשוב רב, שמש, שוחט וחזן. היו בה גם בית כנסת, בית־קברות ומנין יהודים שהתפללו בשבתות בביתו של הרב. גם בגריניץ היו בית־כנסת, בית־מדרש, שוחט, שמש וחזן וכן שני „שטיבלעך״ של חסידים : „שטיבל״ של גור ו„שטיבל״ של חסידי לובלין. גם שם היה בית־קברות ומניין מתפללים התפללו אצל הרב. אולם מקווה אחת היתה והיא שכנה בגריניץ ולה נזדקקו גם יהודי גניבשוב. המקווה איחדה את יהודי שתי העיירות ואודותיה התהלכו בדיחות שונות...

מנהג היה בגניבשוב שלתפילת מעריב בראש השנה התעטפו היהודים בטליתות. על מקורו של המנהג הזה מספרת האגדה שתי גירסות. האחת מספרת, כי באחד מלילות ראש־השנה, כאשר היהודים באו להתפלל תפילת מעריב, שרר בבית־הכנסת דוחק כה גדול, עד שלא יכלו להניע אבר. במקרה נקלע לתפילה לבית הכנסת המגיד הקוז׳ניצאי, ר׳ ישראל. כאשר ראה המגיד

את הציפיות בבית־הכנסת, הוא פנה למתפללים ואמר להם לשוב לבתיהם ולהתעטף בטליתות. וכך עשו, וכאשר הם חזרו לבית־הכנסת עטופים בטליתות, רווח לפתע לכולם. מאז השתרש המנהג אצל יהודי גניווישוב להתפלל תפילת מעריב בראש השנה בטליתות.

הגירסה האחרת מציגה את המנהג באור שונה לחלוטין. לפני שנים רבות פקדה את האזור בצורת קשה. כל הקמה בשדה נשרפה בלהט השמש (גירסה אחרת קובעת, כי לא בצורת פקדה את האזור כי אם דווקא גשמים עזים שהשחיתו את השדות) ורעב פקד את האוכלוסיה. הוחל בחליקת תירס, אך התושבים לא רגילים היו לצמח זה, ובינתיים פרצה מגיפת החולירע בגניבשוב. רבים ניספו ברעב ובמגיפה. ואז, בערב ראש השנה, הכריז הרב כי יבואו להתפלל מעריב בטליתות ולבקש מריבון העולמים להעביר את המגיפה מהעיירה. מאז השתרש המנהג הזה — מעריב בראש־השנה, בדיוק כמו בתפילת כל־נדרי, מתפללים יהודי גניבשוב בטליתות. אולם ב„שטיבלעך" של החסידים מנהג זה לא נתקבל.

עד למלחמת העולם הראשונה נבחר וועד הקהילה בדרך זו: לעיירה הגיע נציב הנפה מקוז'ניץ, שקרא לאסיפה של כל היהודים בבית־המדרש. שם פקד על הנאספים לבחור בהרמת יד את פרנסי הקהילה. אולם תמורת רובלים אחדים יכול היה כל אחד להיבחר לוועד הקהילה. כי הפוסק האחרון היה הנציב. אבל דעה ממילא לא היתה לנבחרי הקהילה.

אולם למשרד של „רב מטעם" לטשו החסידים עיניהם, כי הרבנים של גניבשוב וגריניץ לא יכלו למלא תפקיד זה, שכן לא ידעו לקרוא ולכתוב בשפה הרוסית.

אורח־חיים של יהודי גניבשוב

האוכלוסיה היהודית בעיירה „כפולה" זו עסקה בעיקר במלאכה. היו ביניהם חייטים, סנדלרים, נגרים, זגגים, פחחים. היו גם סוחרים, חנוונים ורוכלי־כפרים. את מרבית הפרנסה מצאו היהודים ביום־השוק, שנערך אחת לשבוע — ביום שלישי. ביום זה היו באים איכרי הסביבה לעיירה, כדי לשווק את תוצרתם ולרכוש תמורת הכסף שקיבלו מיצרכים שונים בחנויות ובדוכני הרוכלות, שמילאו באותו יום את כיכר השוק.

למרגלות ההר, בגריניץ, שכנו בית־הכנסת ובית־המדרש. בצידם — המקווה ובית־המרחץ. בבית־הכנסת התפללו לפי נוסח אשכנז ואילו בבית־המדרש — נוסח ספרד. סביב הקירות ישבו בחורים ובעלי בתים ולמדו גמרא או ספרי

קודש אחרים, מזריחת החמה עד מאוחר בלילה. הקיר המערבי היה כולו מלא מדפים עם ספרי ש״ס, פוסקים וספרים אחרים.

בימות החורף היה השמש מסיק ב־4 לפנות בוקר את שני התנורים ואז התיישבו הבחורים והזקנים ללמוד גמרא, בעוד יהודי „עמך״ הסתפקו בפרק תהלים, לפני תפילת שחרית.

„ועד תיקון ספרים״

„ועד תיקון ספרים״, שהיה מורכב מבחורים צעירים דאג לרכישת ספרים חדשים ולכריכת ספרים קרועים. בימי חמישי בשבוע שיגר הוועד זוגות של בחורים לגניבשוב וגריניץ לאסוף כסף לתיקון ספרים. היה זה „מיסוי״ שבועי של בעלי הבתים בסך בין 5—20 גרושים. רובם נענו ברצון ושילמו את המס בעין יפה, שכן ראו בו מצווה גדולה. אולם היו גם כאלה שהיו עונים: „די צווייטע וואָך״, ותמיד פיגרו בתשלומיהם כדי ששה חודשים. ואז תבעו מהחייב בתוקף וגבו מנו את כל הסכום שהגיע ממנו.

מנהג היה בעיירה; כאשר הגיע נער לגיל בר־מצווה היה אביו מובילו לבית־המדרש להסתכל כיצד מקיימים את המצווה. לאחר הנחת תפילין בפעם הראשונה, חייב היה הנער לכבד בסיגריות את כל הנוכחים אותה שעה בבית־המדרש.

מנהג דומה נהג גם בחור־חתן, שנקרא לעליה לתורה בשבת לפני חתונתו. למחרת היום, כלומר ביום א׳ ועד ליום החתונה נהג החתן לחלק סיגריות — אבל רק לחבריו ומכריו.

כאמור, היו בעיירה שני „שטיבלעך״ של חסידים — של גר ושל לובלין, בהם התפללו רק בשבתות, בחגים ובימים־הנוראים. מקובל יותר היה השטיבל של חסידי גור, שם הופיעו המתפללים בקאפוטות אטלס או משי, חגורים אבנטים עבים. „ארבע כנפות״ ארוכים ורחבים וירמולקות קטיפה. חסידים רבים חבשו „שטריימל״ ואלו הפחות אמידים — כובעי קטיפה. הבחורים לבשו קאפוטות משי וכובעי קטיפה.

התפילה בשבת החלה בשעה שבע בבוקר ולאחר תפילת שחרית חלה הפסקה לעיון בספרי קודש. אותה שעה רצו הזאטוטים לבתיהם כדי לסעוד את לבם. רק הלמדנים הגדולים הרשו לעצמם לאמור פרקי תהלים ואלו החסידים שכוחם לא היה רב ב„אותיות הקטנות״ עיינו בספרי ה„פוסקים״. אולם הבקיאים לא רוו נחת בלימודם, שכן מדי פעם הופרע עיונם בשאלה של אחד הבחורים על פירושו של פסוק או ביטוי בפרק לימודו. כבוד רב רחשו הכל לחסידים שלמדו קבלה.

ב„יומא דפגרא" — בפורים או בשמחת־תורה — שררה ב„שטיבל" אווירה של קלות־ראש. היו משכרים אחד החסידים ומעמידים אותו לפני התיבה להתפלל תפילת מנחה. בשעת התפילה כיסו אותו בטליתות ותפילתו דמתה לתפילת הנעילה ביום הכיפורים. היה זה יום השמחה של החסידים ושל הנערים.

המאבק בין שני ה„שטיבלעך"

מאבק תמידי היה נטוש בין שני השטיבלך — של גור ושל לובלין — איזה מהם יטביע חותמו על החיים הדתיים בעיירה. במיוחד החריף המאבק בעת בחירת רב או שוחט לעיירה. אז היו החסידים מבקשים לרכוש את אהדת כל המתפללים הפשוטים בבית־הכנסת ובבית־המדרש. צריך היה גם להתחשב בדעותיהם של ה„בעלי־בתים" בעיירה ולרכוש אותם לרשימת התומכים במועמדם. שני השטיבלך ניהלו מגעים עם הגבאים ועם הפרנסים שהיתה להם השפעה על „עמך". בבחירת שוחט הופעלו כל בעלי השפעה כדי שמועמדם ייבחר. את המועמד לשוחט ביקשו החסידים אצל הרב שלהם, כל מועמד הביא עמו מכתבי המלצה מהרבי ולפי כתב הסמכות הסיקו במי תומך הרבי שיחי'.

פעם, כאשר צריך היה לקבוע שוחט חדש בעיירה, שיגרו החסידים של גר את הלמדן הגדול ר' שמעון מנדלבוים (שמעון לייב נאָטעס) לקיסל, שהיה נציגם של „עמך", כדי לרכוש את לבו. ר' שמעון אמר לקיסל, כי השוחט „שלו" מוכן לתרום סכום כסף לטובת בית־המדרש, בית־הכנסת ולמוסדות אחרים ותוך כדי כך מנה לפניו את מעלותיו של השוחט: מוהל מומחה, „בעל־מנגן". בעל־תפילה נעים ונוסף על כך גם „אַ שיינער ייד". הוסכם, כי בעוד שבועיים, כשיברכו על ראש־חודש, יבוא השוחט לגניבשוב ויעבור לפני התיבה בבית־המדרש או בבית־הכנסת.

מיד הודיעו חסידי גור למועמדם על מבצעם ועל הסכמתו של נציג ה„עמך" וכי עליו לבוא בעוד שבועיים לעיירה, לעבור לפני התיבה ולברך ברכת ראש־חודש ואם יר"ה תיערך במוצש"ק אסיפה בה יימסר לו „כתב־שחיטות" חתום על־ידי הבעלי־בתים.

אבל דבר המשא־ומתן של ר' שמעון עם קיסל נודע לחסידי לובלין. הם השימו עצמם כאילו אינם יודעים דבר על העיסקה, אבל פנו לקיסל ושטחו לפניהם את מעלותיו של השוחט שלהם; ובין היתר רמזו כי כך־וכך תורם הוא להוצאות הקהילה, והם, הלובלינים, מוסיפים מכיסם על תרומתו של מועמדם

עוד 25 רובלים טבין ותקילין ל„קידוש״ של קיסל למען קרוביו, בתנאי שאיש לא יידע על כך. ר׳ קיסל הבטיח ל„לובלינאים״ כי הכל יבוא על מקומו בשלום.

ויהי היום, כלומר הגיעה השבת ולעיירה בא השוחט של הגר״ים. הוא התפלל ובירך ברכת ראש־חודש והוכיח לכולם כי אין הוא קטלא קניא, קולו ערב ואף בעל־תפילה נאה. ואז כשנסתיימה התפילה, הזדקף ר׳ קיסל מלא קומתו והכריז כי לפי דעתו לא נראה לו כי שוחט זה הוא המועמד המתאים לעיירה כגניבשוב. מיד יצאו רצים בהולים לעבר השטיבל של חסידי גור ומסרו את הכרזתו המפוצצת של ר׳ קיסל. בשמעו את דברי קיסל קרא ר׳ שמעון כאילו אחזו השבץ: „אַ־וואַ, אַ־וואַ, כ׳האָב גאָרנישט געוווסט, אַז קיסל איז אַ שקרן״. מאז, כאשר איש בעיירה שיקר בדבריו או היה ידוע כאיש, שדבריו אינם תמיד „תואמים״ את המציאות אמרו: „פון וועמען דערציילסטו, ס׳איז דאָך באַוווסט, אַז קיסל איז אַ שקרן״.

אולם הסוף טוב, הכל טוב. שוחט זה נשאר בעיירה. שוב החל משא ומתן עם קיסל, שכן ידעו החסידים את נפשו, כי בעזרת „מצלצלים״ משתכנע קיסל על נקלה. השוחט נאלץ היה להוסיף מאה רובל — 50 רובל לצרכי הקהילה ו־50 ל„הוצאותיו הפרטיות״ של קיסל...

ההשפעה של השטיבל של גר

לחסידי גר היתה השפעה על כלי־קודש של גניבשוב וגריניץ. לימינם עמד הרב של גריניץ, שני השוחטים ו„הרב מטעם״. ואילו חסידי לובלין עמדו מחוץ ל„מימסד״. רבה של גניווישוב היה מחסידי הרבי מפוריסוב, אך לא קנאי. לעתים רחוקות היה נוסע לרבי שלו והיה מתפלל אצל רבה של גניבשוב, ר׳ יעקב לייב צוקר, במניין קבוע. גם חסידי רביים שונים התפללו אצלו, אולם חסידי גריניץ היו הרוב. לכן נאלצו חסידי גר ולובלין מגניבשוב ללכת להתפלל ב„שטיבל״ בגריניץ.

כאשר פרצה מלחמת העולם הראשונה הייתי נער כבן עשר שנים. אבא ז״ל התפלל ב„שטיבל״ של חסידי גר. בשבתות היה אבא מזמין חסידים הביתה ל„קידוש״ או לשמחת־תורה ולימים טובים. אבל נלוויתי לאבא ל„קידוש״ אצל חסידים אחרים. כך נחרטו בזכרוני דמויות של אחדים מחסידי גר.

הרבי מגריניץ, ר׳ משה־לייזער, שנפטר בימי מלחמת העולם הראשונה היה למדן מופלג, הגה בתורה יומם ולילה וצורת מטבע לא ידע. כשאשה שאלה אותו שאלה אם התרנגולת כשרה או טרפה עיין שעות רבות בספרים, כדי למצוא היתר

להכשיר את התרנגולת ולא לגרום הפסד לאשה. בנו יצחק שמואל כיהן כרב בזוולין ואחדים מחתניו היו חסידי גר.

ר׳ שמעון מנדלבוים, שהיה מכונה שמעון־לייבל נאָטעס, היה ממסובי שולחנו של ה„שפת אמת", אחד מלמדני העיירה הספורים. בצעירותו היה בעל חנות לדברי טקסטיל, אך האשה היא שניהלה את העסק והוא עסק בתורה. עם מות אשתו חוסלה גם החנות. ר׳ שמעון נהפך למלמד של ילדי אמידים. שני בניו, שמחה ויוסל מנדלבוים היו אף הם חיסדי גור. לאחר מלחמת העולם הראשונה עקר ר׳ שמעון לוורשה והועסק בחנותו של בנו שמחה, ברחוב גנשה מס׳ 2.

ר׳ הערש בער ברונשפיגל — למדן גדול, היה תקופה מסויימת מלמד בחצרו של הרבי מגר. נפטר בימי מלחמת העולם הראשונה. השאיר אחריו בת אחת ושלושה בנים, חסידים יודעי־שם. הם היו: אבא בדמבלין, משה — בווארשה, והשלישי, נטיל, היה יו״ר „שומרי־שבת" בלודז׳.

מדור החסידים הצעיר יותר, זוכר אני את ר׳ משה שמואל בורכ״ס, צעיר חריף ובקי, שהיה מפורסם כלמדן מופלג. לפני המלחמה הראשונה הוא גר בגניוווישוב ולאחריה עקר לעיירה שינה; אברהם מאירס היה בעל בעל־תפילה ערב ולמדן, גר בעיירתנו ולאחר המלחמה עבר ללובלין; ר׳ מנחם־מנדל וויינריב, שהיה ידוע בשם מנדלה קייליס, בעל חנות למוצרי ברזל, למדן ובעל תפילת־מוסף בשטיבל של גור. הוא היה חסיד גור „שרוף", אך בנו אבא, שהתחתן בלודז׳, נטה בגלל חמו לרבי מאלכסנדר.

ר׳ אפרים־יצחק שו״ב, קורופאַטווה, למדן, היו לו שני בנים וכמה בנות. בעלי הבנות היו שוחטים. החתן המבוגר ביותר — חיים הימלפרב, היה שוחט בנאשיילסק ובעל־תפילה שחונן בקול ערב. יהודי טוב־לב וחסיד מסור בלב ונפש. אחד הבנים שלו נשא לאשה בת מלנטשנו ונשאר חסיד הרבי מגר. שאר הבנים לא היו עוד חסידים.

ר׳ אליעזר־מאיר קורמן, היה „רב מטעם". היו לו בן אחד ובנות אחדות. בנו שמואל־משה התחתן בקוז׳ניץ והיה מחסידי גר הצעירים הנכבדים. אחד החתנים, לייזר־שמואל ברוכ׳ס עקר אחרי המלחמה הראשונה לעיירה לאסקז׳ב. שאר החתנים לא היו עוד חסידים

ר׳ דוד לוי לווין שו״ב, יהודי בעל הדרת פנים וזקן שירד על פי מידותיו, היה למדן, בעל־תפילה וגם מוהל, ידיד אישי של העילוי מאוסטרובצה, היו לו כמה בנים וחתנו אברהמ׳לה היה חסיד גור. בנו יחזקאל־מאיר לווין — רב ושו״ב בבוליוויה, בלא־פאז.

לא כל חסידי גור היו למדנים ויודעי ספר, אולם שאיפת כל בעלי־בתים יראי־שמים היתה להימנות על חצרו של הרבי מגור ולא חסכו מאמצים כדי להיקרא „גערער חסיד" ולהתפלל בשטיבל של גור שהיקנה סטאטוס חברתי גבוה יותר.

אַלץ איז געווען איינגעטיילט אין צווייען...

מענדל ליפשיץ ז"ל / בוענאָס־איירעס

אונדזער שטעטל גניעוואשאָוו האָט געהערט צום קאָזשעניצער פּאָוויאַט, קעלצער וואָיעוואָדסטווע. אין יידיש איז עס געווען אַ שטעטעלע, אויף פּויליש האָט עס געהייסן „אָסאַדאַ" (ישוב). צו דער יידישער קהילה אין גניעוואשאָוו האָבן געהערט די צוויי שכנותדיקע ישובים: דאָס דאָטשע־אָרט גאַרבאַטקע און טשעטשעכוּוו.

אין גניעוואשאָוו האָבן געלעבט אַ 300 יידישע פאַמיליעס און 330 פּוילישע פאַמיליעס. אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך איז געווען אין גניעוואשאָוו: עס זענען געווען 2 טיילן: גניעוואשאָוו און גראַניצאַ. יודעי־חן פלעגן דערציילן, אַז די יידישע קהילה אין גניעוואשאָוו האָט געציילט לערך 600 יאָר. עס זענען אַנט־שטאַנען צוויי קהילות. עס זענען געווען 2 בתי־מדרשים, 2 בתי־קברות, 2 שוחטים, 2 דיינים. אַלץ איז געווען איינגעטיילט אין צווייען — און אַזוי ווי עס האָט זיך געיידלט, אַזוי האָט זיך געקריסטלט. אין גניעוואשאָוו און אין גראַניצאַ, איז אויך ביי די קריסטן געווען 2 באַזונדערע קירכעס, 2 צמענטאַזשן.

אין גניעוואשאָוו איז די יוגנט ניט אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך. עס האָט געריזלט אַ פולבלוטיק, קאָליר־פול יידיש לעבן, מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס: ציוניסטישע, חלוצישע און פּראָפעסיאָנעלע. גניעוואשאָוו האָט געהערט, קען מען זאָגן, צו די שטעטלעך, פון וועלכע די יידישע שעפערישקייט האָט אויך געשעפּט יניקה.

איך האָב די לעצטע יאָרן נישט געלעבט אין גניעוואשאָוו, נאָר איך פלעג



בית משפחת גולדשטיין בין שני הישובים: גניבשוב וגרניץ
דאָס הויז פון דער פאַמיליע גאָלדשטיין צווישןביידע ישובים גניעוואַשאָוו און גרעניץ

קומען באַזוכן מיינע עלטערן. ווייס איך, אַז דער לעצטער רב איז געווען הרב ר' חיים־לייב רייטער — אַ ייד אַ גאון. ער איז געווען דער גניעוואשאָווער רב. פון רב פון גראַניצאַ, געדענק איך ניט זיין נאָמען. בתי־מדרשים זענען אָפיציעל געווען צוויי. שטיבלעך זענען געווען אַ סך: אַ פּולאַווער שטיבל, אַ לובלינער שטיבל, אַ גערער שטיבל, וווּ איך אַליין פלעג קומען דאַווענען מיט מיין פאָטער ז"ל.

די יוגנט האָט געפירט אַ קולטורעל יידיש לעבן. זי האָט געהאַט אירע ביבלאָטעקן, קולטור־אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע. איך אַליין בין געווען דער ביבלאָטעקאר פון דער פּרץ־ביבליאָטעק און גניעוואשאָוו.

די לעגאַליזאַציע פאַר דער ביבליאָטעק האָבן מיר געהאַט פון די לינקע פּועלי־ציון. ביי אונדז אין שטעטל איז די יוגנט געטרודפט געוואָרן, פּונקט אַזוי

ווי אין גאַנץ פוילן, דורך דער פּאָליציי. אומלעגאַלע ליטעראַטור האָט מען געפונען דווקא אין דער ביבליאָטעק. און דאָ איז געשען אַ מערקווירדיקע זאַך. ס'איז געווען דאָס יאָר 1929. איך בין נאָך דעמאָלט קיין 20 יאָר ניט אַלט געווען, בין איך אַרעסטירט געוואָרן, ווייל מען האָט געפונען אומלעגאַלע ליטעראַטור. שפּעטער איז פאָרגעקומען אין קרייז־געריכט דער פּראָצעס. ער האָט זיך געצויגן 3 טעג. די פּאַרטיי פּועלי־ציון האָט דעמאָלט געשיקט 3 עדות פון וואַרשע: יצחק לעוו, נתן בוקסבוים און לייב האָלענדערסקי.

איך האָב געלערנט אין אַ חדר אין גניעוואַשאָוו, ביי פאַרשיידענע מלמדים. איך וויל דערמאָנען ספּעציעל און מזכיר זיין דאָ מיין ערשטן מלמד, צו וועלכן כ'בין אָנגעקומען לערנען אַלט זייענדיק 3 יאָר — מאיר מלמד. ער האָט דערצויגן דורות. שפּעטער האָב איך געלערנט ביים גמרא־מלמד ר' הענעך גאָטליב און ר' אלימלך צוקער — דער למדן מופלג. דערנאָך האָב איך געלערנט די מסכת 1½ יאָר צייט, און פון דאָרטן בין איך שוין געגאַנגען אין וועלטלעכן לעבן. אַ צייט — אָן דעם וויסן פון די עלטערן, געלערנט אויף קורסן. איך בין אַריינגעטראָטן אין פינפטן קלאַס פּאָווישעכנע־שול, שפּעטער אין הומאַניסטישן גימנאַזיום — אין לובלין. אין 1926—1927 האָב איך איבערגעריסן די לימודים, געזוכט פּרנסה. קיין פּאַך האָב איך ניט געהאַט. בין איך געפאָרן קיין וואַרשע. אַ קורצע צייט געאַרבעט אין קרן־קימת ביוראָ אויף פּלאַץ־גזשיבאָווסקי 7. צוערשט — אין דער עקספּעדיציע.

פון יאָר 1930 האָב איך געדינט אין 83טן פּולק, אין דער 30טער דיוויזיע, אין קאָברין און אין בריסק.

נאָך דעם קום איך קיין וואַרשע, וווּ כ'הייב אָן לערנען אויף ספּעציעלע בוי־קורסן פאַר אייזן־בעטאָן, איינגעאָרדנט דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיטן אַספּעקט קאָנטראַקטירט צו ווערן צו רוטנבערגן אויף דער עלעקטראַ־סטאַנציע אין ישראל.

מיינע איבערלעבונגען בעת דער אָקופּאַציע, אין וואַרשע זענען אַ באַזונדערס שטורמיש קאַפּיטל — אין געטאָ, אויף דער אַרישער זייט, בעתן פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1944.

פון מיין משפחה זענען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה:

מוטער פריידע ליפּשיץ (לעווין), דערשאָסן געוואָרן אין 1942 אין דער צייט פון גירוש גניעוואַשאָוו.

שוועסטער רבקה פרידמאַן (ליפשיץ), אומגעקומען אין 1942 אין גניעוואַשאָוו, צוזאַמען מיט איר מאַן זלמן, 7 קינדער און אַן אייניקל.

ברודער גמליאל ליפשיץ, אומגעקומען אין וואַרשע אין 1942, צוזאַמען מיט זיין פרוי און 6 קינדער.

ברודער איטשע־מאיר ליפשיץ, אומגעקומען אין דער צייט פון גירוש גניע־וואַשאָוו אין 1942, צוזאַמען מיט זיין פרוי און 3 קינדער. זיין טאָכטער העסקע ליפשיץ געפאַלן אַלס פּאַרטיזאַנערין.

שוועסטער גענענדל ראָזנבוים (ליפשיץ), אומגעקומען אין 1942, צוזאַמען מיט איר מאַן און 9 קינדער.

שוועסטער שרה־לאה־זלאַטה סוגורע (ליפשיץ), אומגעקומען מיט איר מאַן און 4 קינדער אין 1942טן יאָר.

חנה ליפשיץ, אומגעקומען צוזאַמען מיט איר מאַן און 2 קינדער.

די פרוי בוטשעט ליפשיץ (ראַפּאַפּאָרט), אומגעקומען אין 1942 אין אוישוויץ.

טאָכטער נחמה ליפשיץ, אומגעקומען צוזאַמען מיט דער מוטער אין אוישוויץ אין 1942טן יאָר.

געשעענישן און איבערלעבונגען

יוסף דינער

אין אַ געוויסן מאַרקטאָג, אין יאָר 1910, זייענדיק אין חדר ביים מלמד מאיר וויסמאַן ז״ל, איז געוואָרן אַ בהלה אין שטעטל. ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די פעלצן־מאַכערס פון קאָריוו זענען ביינאַכט געפאָרן אויפן מאַרק־טאָג צו אונדז קיין גניעוואַשאָוו און אויפן וועג איז מען זיי באַפאַלן און צוגערויבט דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך. מ׳האָט איבערגעגעבן דער פּאָליציי, וועלכע איז אַוועק אויפן אָרט פון איבערפאַל און נאָכגעיאָגט די באַנדיטן. זיי זענען אַנטלאָפן צו דער ווייסל, אייניקע פון די רוצחים זענען אַריין אין וואַסער. ווען עס האָט זיך צו זיי דערנענטערט דער סטראַזשניק, וועלכן מען האָט גע־

רופן „דאָס קאָזאָקל״, האָט איינער פון די באַנדיטן אים דערשאָסן. די אַנדערע באַנדיטן זענען אומגעקומען אונטערן אײַז פון דער ווייסל.

אין זעלבן יאָר בין איך געגאַנגען זען ווי מען בויט די שלוזע און דעם וואַל, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרהיטן פון פאַרפלייצונגען פון דער ווייסל, ווייל אין יאָר 1908 האָט די ווייסל געהאַט פאַרגאָסן די גאַנצע נידעריקע טייל פון גרענעץ, אַזש ביז דער אַלטער שול. דער אויפגעבויטער וואַל האָט שפּעטער געדינט אַלס שפּאַציר־אָרט פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, ספּעציעל פאַר דער יוגנט.

איך וויל אויך דערמאָנען אייניקע איבערלעבונגען פון דער יידישער באַ־פעלקערונג בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1914. איך געדענק, אַז י״ב אלול האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז 100 קילאָמעטער אַרום דער פעסטונג איוואַנגאָראָד (שפּעטער דעמבלין), מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער אין משך פון 24 שעה. די בהלה איז געווען אומבאַשרייבלעך. די באַפעלקערונג האָט געמוזט איבערלאָזן אַלץ וואָס מען האָט פאַרמאָגט, און לרוב צופוס אַוועק אין דער ריכטונג פון דער בריק און פון דאָרט — ווייטער. די פאַליאַקן האָבן אין אַנהייב פאַרדינגען פאַר גרויסע געלטער פורן, זיי האָבן אָבער באַלד חרטה געהאַט, אויסרעכענענדיק, אַז במילא וועט אַלץ בלייבן פאַר זיי. איך געדענק, אַז מיין פאָטער, (וועלכער האָט געפירט אַ שיך־פאַבריקל — נפטר געוואָרן אין יאָר 1930), האָט אין דעם טאָג געהייסן דעם שמש פון דער שול, יעקב־מענדל ז״ל, איבערגעבן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז ווער עס וויל נעמען שיך — וועט זיי באַקומען אומזיסט. מיר האָבן נאָר צעטיילט 500 פאָר, ווייל נישט יעדער האָט געהאַט דעם קאָפּ דערצו. די אַנדערע סחורות זענען געבליבן אויף הפקר. אַזוי אויך האָבן געטאָן אַ סך שניידערס, וועלכע האָבן צעטיילט בגדים. נאָך די 24 שעה, איז אין שטעטל נישט געבליבן קיין איין ייד.

אין 1915, ווען דער פראָנט האָט זיך דערווייטערט פון איוואַנגאָראָד און גניעוואָשאָוו, וואָס איז דערווייל האַלב פאַרברענט געוואָרן, האָבן אייניקע יידישע פאַמיליעס באַקומען אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן אין שטעטל, ווייל עס האָבן געפעלט אַרבעטס־הענט צו בויען פאַרפעסטיקונגען. עס האָבן אויך געפעלט פאַכלייט פאַר מלחמה־צוועקן. קיין צוטרוי צו דער יידישער באַפעל־קערונג איז נישט געווען ביי די צאַרישע מאַכטהאָבער. אַ געוויסן טאָג האָט מען צונויפגערופן אַלע יידן פון שטעטל אונטער דעם אויסרייד, אַז מען וועט העלפן

צוריק אויפבויען די פאַרברענטע הייזער. ווען די יידן האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי דער פוילישער גמינע, האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעקליבן צוויי יידן — שמואל קערשנבלאַט (פיסקיווער) און חנן חיים־יעקבס און זיי אַרעסטירט. מען האָט זיי שפּעטער אַוועקגעשיקט קיין טיף רוסלאַנד אַלס ערובניקעס פאַר די יידן וועלכע זענען געבליבן אין שטעטל. די צוויי האָבן באַדאַרפט זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דער גוטער אויפפירונג פון די איבערגעבליבענע יידן.

אין יאָר 1916, ווען אונדזער געגנט איז געווען אָקופּירט פון די עסטרייכער, האָט די יידישע באַפעלקערונג ביסלעכווייז זיך צוריקגעקערט קיין גניעוואַשאָוו. אַלע הייזער זענען געווען פאַרברענט. מיט גרויס מי און אָנשטרענג האָט יעדער פאַמיליע, לויט אירע מעגלעכקייטן, זיך אויפגעבויט אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. מיט פּרנסה איז געווען שווער ווייל די פאַרבינדונג פון שטעטל פאַר דער מלחמה איז דער עיקר געווען מיט וואַרשע און אַנדערע שטעט, אָקופּירט פון די דייטשן. אַממערסטן האָט מען זיך פאַרנומען מיט שמוגל קיין פולאַוו, דעמבלין און אַנדערע ערטער, אָדער אַלס אַרבעטער ביי די עסטרייכער.

איך דערמאָן זיך, ווי אַ שטעטלדיקער ייד, זישע שטיינפאַטער, איז אַ שבת אין דער פרי אַרויס פּאַשען זיין בהמה אויף דער לאָנקע. האָט זיך באַוויזן דער פּאַליאַק קוויעט און געטענהט אַז ער פּאַשעט אויף זיין פעלד. ער האָט דעם ייד דערשטאָכן אויף טויט. ר׳ זישע האָט פאַריתומט אַ פרוי מיט קינדער.

אין אַ נאָענט דאָרף, נאָוויגאָר, האָט געוווינט אַ יידישע פאַמיליע, סאָק־שניידער. דער ראש המשפחה, אברהם, איז געווען פון פאַך אַ שוסטער. האָט ער געמאַכט פאַר אַ פּאַליאַק אַ פּאָר שטיוול, וועלכע זענען אים נישט געפעלן געוואָרן. אַ געוויסע נאַכט האָט ער דורכן פענצטער דערשאָסן דעם ייד אויף טויט. ס׳איז געבליבן אַ פרוי מיט קליינע קינדער, וועלכע זענען אַוועק פון דאָרף צו אונדז אין שטעטל.

כ׳געדענק אויך, אַז אין יאָר 1917 איז ר׳ ישׂראל־בער שטיינפעלד גע־גאַנגען אין דאָרף עפּעס קויפן — און נישט צוריק געקומען. נאָך דריי טעג זוכן האָט מען אים געפונען אַ טויטן אין אַ ברונעם, אויפן וועג פון פולאַוו קיין זוואָלין.

בעתן אַנטשטיין פון דער פוילישער אַרמיי אין יאָר 1918, האָט מען גע־נומען מאָביליזירן די יוגנט. אַ גרויסע טייל איז זיך צעפאָרן אין די גרעסערע שטעט. צוליב פאַרשידענע סיבות, האָבן משה אַלטמאַן און שלמה אייזיקס בירנבוים, זיך נישט צוגעשטעלט צו דער צייט. דערפאַר האָט מען זיי פאַר־

משפט צום טויט. יידישע פער.ענלעכקייטן האָבן זיך געוואָנדן, מען זאָל זיי באַגנעדיקן. אַזוי איז טאַקע געשען. מען האָט זייער ביסע דערפילט, אָבער די פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעוויזן זייער אַנטיסעמיטיזם. איינעם פון די פאַרמשפּטע, שלמה בירנבוים האָבן זיי דערשאָסן און דערנאָך דערקלערט, אַז די באַגנע־דיקונג איז געקומען צו שפּעט...

דער גירוש אין יאָר 1915

אברהם־מרדכי ליבהאָבער

מיר זענען געווען עלף קינדער, פון וועלכע צוויי מיידלעך, שיינדל און פינקעל — זענען געשטאָרבן. מיינע עלטערן, ר׳ אהרון־שלמה און אסתר־מלכה, האָבן געשטאַמט פון יחוסדיקע, רבנישע, נגידישע משפחות. אויף מיר, דעם בן זקונים פון מיינע עלטערן, איז אויסגעפאַלן דער גורל כ׳זאָל מיטמאַכן דעם גאַנצן עמק הבכה און איבערלעבן די מלחמה מיט מיין פרוי חיה־שרה, וועלכע איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן, 9 חדשים נאָך דער באַפרייונג, ז׳ תשרי תש״ה. אונדזער קינד, משה מענדל, איז געשטאָרבן 7 וואָכן נאָך דער באַפרייונג, אין עלטער פון זיבן אַ האַלב יאָר — ז׳ אדר תש״ה און, יב״ל מיין זון יעקב־לייב, וואָס איז מיט מיר אין ניו־יאָרק און איז שוין אַ פאָטער פון צוויי קינדער.

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899. אין עלטער פון 9 יאָר האָט מיין פאָטער מיך אַרויסגענומען פון חדר און אַריינגעגעבן אין בית־המדרש, ווו אַ זעכציק־זיבעציק בחורים האָבן געלערנט יום־ולילה. מיין פאָטער ז״ל האָט מיט מיר געלערנט יעדן טאָג אַ שיעור, וואָס האָט געדויערט פון צוויי ביז דריי שעה. ווען כ׳בין אַלט געוואָרן 12 יאָר, האָט מיין פאָטער מיך מיט־גענומען אויף ראש־השנה צום רבין אין לובלין און ביים געזעגענען זיך נאָך ראש־השנה, האָט מיין פאָטער געבעטן אַ בריוו צום ראַדזימינער רבין, ער זאָל מיך אַריינגעמען אין איינער פון זיינע ישיבות. מיר האָבן אַזאַ בריוו באַקומען.

מײַן פאָטער איז מיט מיר גלייך געפאָרן קיין ראַדזימין. דאָרט האָט מען מיך פאַרהערט אַ בלאַט גמרא — און איך בין אַריינגענומען געוואָרן אין דער ישיבה.

דאָס ערשטע יאָר האָב איך געלערנט אין ווישקאָוו, דאָס צווייטע יאָר אין נאַשעלסק, ווו איך האָב „געגעסן טעג". אין די דערמאָנטע ישיבות איז דאָס לערנען און די השגחה געווען אונטער דער אויפזיכט פון ראַד:ימינער רבין. ווען אין סוף חודש אב תרע"ד האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, זענען מיר, די בחורים פון דער ישיבה, זיך צעפאָרן אַהיים.

אין די ערשטע טעג פון חודש יולי 1915, האָט דעם צאַרס פעטער דער גרויספירשט ניקאָלייעוויטש, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז במשך פון 24 שעה טאָר זיך קיין שום ייד נישט געפינען 21 וויאָרסט פון גניעוואַשאָוו.

מיינע עלטערן האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט 8 רובל. פון געוועלב איז גאָרנישט געווען וואָס מיטצונעמען. האָט מען אַלץ פאַרפאַקט אין קעלער, מײַן מוטער האָט אָנגעבאַקן 50 פונט ברויט צידה לדרך, צוגעגרייט וועש זיך איבערצוטאָן און די משפחה האָט זיך צעטיילט: מיין מאַמע, מיין ברודער גרשון און מיין ברודער הערצקעס טאָכטער, פערל, מײַן שוועסטער לאה מיט איר מאַן — זענען געפאָרן קיין פוריסאָוו צו מיין מוטערס משפחה. דער פאָטער און איך זענען געפאָרן קיין מאַרקישאָוו, צו מיין ברודער פנחס־יעקב. פון מאַרקישאָוו בין איך געפאָרן קיין ראַדזין, ווו איך בין געוואָרן אַ תלמיד פון דאָרטיקן רבין.

מיר זענען געווען 11 בחורים. דער רבי האָט אונדז גערופן קינדער, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ער האָט מיט אונדז געלערנט יעדן טאָג, אויסער שבת, אַ שיעור און פלפול. דער רבי האָט אונדז ליב געהאַט, ממש ווי עלטערן האָבן ליב זייערע אייגענע קינדער. אין ראַדזימין האָבן מיר, די בחורים, זייער גוט געגעסן אין רבינס הויף. ס'איז געווען אַ קיך און דער משגיח פון הויף האָט אַלץ אײַנגעקויפט. ווען די זופּ איז נישט געווען גוט, האָבן מיר גענומען אַ טעלער עסן און אַריין געשיקט צום רבין ער זאָל די זופּ פאַר־זוכן. ווען דער רבי האָט דאָס עסן גענומען אין מויל, האָט ער דעם משגיח אויסגעשייגעצט און אים געגעבן אַ קנס — אַ וואָך צייט נישט קומען אין הויף.

מיט אייניקע וואָכן שפּעטער, חנוכה, זענען מיר, בחורים, נאָך חנוכה־ליכט בענטשן, אַריין צו זיך אין צימער און געשפּילט אין קוויטלעך. דער משגיח האָט געזען אַז אין צימער איז ליכטיק, האָט ער אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און געזען וואָס מיר טאָן. איז ער אַריין צום רבין און געזאָגט: „אייערע קינדער שפּילן אין קוויטלעך ביי זיך אין צימער". דער רבי האָט אים גלייך געענטפערט:

„דו וואַגסט זאָגן אַז מיינע קינדער שפּילן אין קוויטלעך? איך אסר דיר דריסת הרגל פיר וואָכן צייט אין הויף". צי דער רבי האָט נישט געקענט גלויבן, אַז זיינע טייערע קינדער פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ שפּיל, אָדער ער האָט נישט געוואָלט הערן לשון־הרע — איז מיר שווער היינט צו אורטיילן.

מיינע עלטערן האָבן אין משך פון 6 חדשים, 1912—1913, חתונה געמאַכט צוויי קינדער. די שוועסטער לאה און מיין ברודער פּנחס יעקב. מיינע עלטערן האָבן אויסגעטראָגן די חתונה־הוצאות: נדן, הלבשה און זענען געענגט געוואָרן אין געלט. איז מיין פאָטער געוואָרן אַ מלמד פון עטלעכע רייכע בחורים. ער האָט מיט זיי געלערנט גמרא און תוספות. (איינער פון די געוועזענע תלמידים, אליעזר וויינבערג, דאַרף זיך היינט געפינען אין ישראל).

אָנהייב ווינטער 1915, ווען די רוסן האָבן צוריק געטריבן די עסטרייכער פון דעם ווייסל־פראָנט און יידן זענען צוריק געקומען קיין גניעוואַשאָוו, האָט מיין פאָטער אויפגעשטעלט אַ קליין פאַבריקל פון סאָדע־וואַסער. מיין מוטערס פאַמיליע פון פּוריסאָוו האָט אונדז געגעבן 50 רובל, זי זאָל פאָרן קיין גניע־וואַשאָוו און אָנלייגן אייז אין קעלער, מ'זאָל עס זומער נוצן צו סאָדע־וואַסער און קוואַס.

שפּעטער האָט דער פאָטער געהאַנדלט מיט אַ שותף וואָס האָט געהאַט געלט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פירן פון לובלין קיין גאַרוואָלין וועגענער מיט צוקער. דער טאַטע האָט שוין געהאַט אויף זיין חלק 600 רובל בערך, אָבער דאַן איז געשען אַן אומגליק: אויפן וועג מאַרקישאָוו—לובלין זענען באַפאַלן באַנדיטן, צעשלאָגן מיין פאָטער און דאָס געלט באַרויבט. מ'האָט אים קוים לעבעדיק געברענגט אין לובלינער שפּיטאָל און מיט נסים איז אָפּגעראַטעוועט פון טויט. ביינאַכט, ווען די באַנדיטן זענען באַפאַלן דעם פאָטער, איז מיין ברודער גרשון־הענעך געלעגן קראַנק אויף טיפוס אין גאַרוואָלין. אין גרויס היץ האָט ער געשריגן: „באַנדיטן האָבן מיין טאַטן געהרגעט" — אַזוי האָט מען דערציילט אין דער משפּחה.

נאָך פּסח 1915, זענען מיינע עלטערן צוזאַמען מיט דער משפּחה: דעם ברודער הערצקעס, טאָכטער פּערל, שוועסטער לאה און איר מאַן ישראל יהושע — צוריק געפאָרן קיין גניעוואַשאָוו. אין שטעטל און אין אַ טייל גרעניץ, ווו עס זענען געוועז הונדערט יידישע הייזער, האָבן די פּאָליאַקן געהאַט פאַר־ברענט. נאָר די יידישע הייזער בשכנות פון די קריסטלעכע, זענען געבליבן

שטיין. אונד׳ער הויז איז פאַרברענט געוואָרן, האָבן מיינע עלטערן זיך אַריינגע־צויגן אין אַ געדונגענע הויז.

אין גניעוואשאָוו האָט מען דעמאָלט גוט פאַרדינט. ס'איז געווען פיל רוסיש מיליטער און אַ סך אַרבעטער, מ׳האָט געלייגט אַ ברוקירטן שאָסיי פון גניע־וואַשאָוו ביז דעמבלין. מ׳האָט אויך געגראָבן אָקאָפּעס אויף דעם ווייסל־ברעג. דער האַנדל איז אָבער געווען שווער, ווייל די סחורה וואָס מ׳האָט באַ־דאַרפט, האָט מען געמוזט ברענגען פון פולאַוו, וואָס איז געווען אויף דער צוויי־טער זייט ווייסל.

אַ וואָך נאָך שבועות, איז מיין פאָטער און נאָך יידן געפאָרן קיין פולאַוו איינקויפן סחורה. ווען זיי האָבן געוואָלט צוריק פאָרן, איז שוין געווען א באַפעל, אַז קיין שום ייד טאָר נישט אַריבערפאָרן די ווייסל. מיין פאָטער און די אַנדערע יידן האָבן געמוזט פון פולאַוו פאָרן קיין וואַרשע, וואָס איז געווען אויף דער זייט ווייסל ווי גניעוואַשאָוו. קיין וואַרשע איז מען געפאָרן איבער דער בריק פון פראַגע, וואָס די רוסן האָבן נישט געקענט אָפּשליסן פאַר יידן, ווייל וואַרשע און פראַגע איז אויך דעמאָלט געווען איין שטאָט. פון וואַרשע איז מיין פאָטער דורך גריצע און קאָזשעניץ געקומען קיין גניעוואַשאָוו.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען ווייטער אַלע יידן פון גניעוואַשאָוו אַרויסגעטריבן און די פּאָליאַקן האָבן פאַרברענט די רעשט יידישע הייזער וואָס זענען פאַרבליבן פון נאָכן ערשטן גירוש. אַז די עסטרייכער האָבן פאַרנומען אונדזער ראַיאָן, און די גניעוואַשאָווער יידן זענען צוריק געקומען, האָבן זיי קיין איין יידיש הויז נישט געפונען. אויך די בתי־מדרשים, שולן און מקוואות זענען געווען פאַרברענט.

גניעוואַשאָוו און גרעניץ האָבן געהאַט צוויי בתי־מדרשים, צוויי שולן, צוויי רבנים און צוויי מקוואות. געהייצט האָט מען נאָר איין מקווה — דינסטיק ביי־נאַכט פאַר פרויען און פרייטיק פאַר מענער. אין גרעניץ זענען געווען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה 75 פּראָצענט יידן און 25 פּראָצענט קריסטן, אין גניעוואַ־שאָוו פאַרקערט, 75 פּראָצענט פּאָליאַקן און 25 פּראָצענט יידן. דער רב פון גרעניץ, אַ שוואָגער פון מיין פאָטער, האָט באַקומען וואָכן־געלט פון די שוחטים, דער ר׳ב פון גניעוואַשאָוו האָט באַקומען 19 גילדן מיט 10 גראָשן אַ וואָך. שפּעטער האָט מען אים געגעבן אַ הוספה 20 גראָשן, ד. ה. דריי רובל אַ וואָך. דער רב פון גרענעץ, ר׳ משה אליעזר ז״ל, איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ חבר

פון ר׳ יהושועלע קוטנער און ר׳ חיים בריסקער. דער גניעוואַשאָווער רב איז געווען אַ סוחר און אַ זייער פרומער, חסידישע ייד.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה אין 1914 און מ׳האָט די יידן אַרויס־געטריבן פון שטאָט, איז דער גרעניצער רב, ר׳ משה אליעזר, געפאָרן קיין בריסק, ווו מ׳האָט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות. אין 1915 איז דער רב נפטר געוואָרן אין בריסק.

דער גניעוואַשאָווער רב איז שוין געווען אַ זקן. דער רב פון גרעניץ האָט איבערגעלאָזן אַ זון, ר׳ יצחק שמואל, אַ מורה הוראה אין דער שטאָט זוואָלין און אַן איידעם, ר׳ יעקב יצחק, רב אין באָבראָווניק. די חסידים האָבן געוואָלט דעם זון, די פשוטי העם — דעם איידעם.

ר׳ יצחק שמואל איז טאַקע געווען אַ גאון אין לערנען, אָבער אַ בטלן אין וועלטלעכע זאַכן. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מחלוקת. מ׳האָט געברענגט אַ בית־דין פון רבנים וואָס האָט געפסקנט, אַז דער איידעם זאָל פאַרנעמען דאָס כסא הרבנות פון זיין גרויסן שווער. נאָר ער דאַרף אויסצאָלן אַ סומע געלט צום שוואָגער, ר׳ יצחק שמואל.

מיט אייניקע יאָר שפעטער איז דער גניעוואַשאָווער רב, ר׳ יעקב ארי נפטר געוואָרן, זענען זיך צוזאַמענגעקומען די טובי העם, די שענסטע בעל־הבתים פון גרעניץ און גניעוואַשאָוו און מ׳האָט אונטערהאַנדלט צו מאַכן איין קהילה פוןביידע שטאָט־טיילן, איין בית־המדרש, איין שול, איין מקווה. עס זאָלן בלייבן אָפּגעזונדערט די בית־עלמינס און אין ביידע חברה קדישאס זאָל זיין ווי געווען, ווייל מענטשן ווילן אחר מאה ועשרים שנים זיין צוזאַמען מיט זייערע נאָענטסטע. מ׳זאָל מסכים זיין אויף איין רב וואָס זאָל קענען לימודי חוץ, ווייל דער גרע־ניצער רב, ר׳ יעקב יצחק, האָט נישט געקענט די פוילישע שפראַך און דער סטאַראָסטע האָט אים נישט געוואָלט האָבן פאַר אַ רב. האָבן מיר אים דעמאָלט פאַרשריבן פאַר אַ חזן, אַ זינגער און מ׳האָט זיך געאייניקט, אַז ביידע שטעט זאָלן אַריינגעמען אַ רב, וואָס זאָל זיין צו גאָט און צו לייט. און ס׳איז געווען ששון ושמחה אין ביידע שטאָט־טיילן — אַ קלייניקייט, איין רב בהסכם כולם און אָן אַן מחלוקת. אָבער די שמחה האָט לאַנג נישט געדויערט.

אין גניעוואַשאָוו איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען עובדיה ליפשיץ. איז ער אויף צו מאָרגנס נאָכן אָפּמאַך געקומען מיט אַ פּזמון, אַז ביינאַכט איז אים געקומען צו חלום אַ בר־מינן מיטן נאָמען גרשון און אים געוואָרנט, אַז גניע־וואשאָוו און גרעניץ זענען שטענדיק געווען צוויי שטעט, צוויי רבנים און צוויי

בתי־מדרשים און אַזוי זאָל עס ווייטער זיין. צי די מעשה מיטן חלום איז געווען אַן אמתע, אָדער ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ביידע שטעטעלעך וועלן זיך פאַראייניקן און ס׳וועט זיין שלום, וועט ער ווערן אויס רעדלפירער — דאָס קאָן מען נישט וויסן, און אַזוי ווי קאַליע מאַכן איז לייכטער ווי פאַרריכטן, האָט דער בעל־החלומות באַקומען אַ ווירקונג. דער גרעניצער רב, ר׳ יעקב יצחק האָט אויך מורא געהאַט פאַר זיין פחיתת הכבוד, ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט קיינ־מאָל נישט דערלאָזן, אַז אַ צווייטער רב זאָל זאָגן אין זיין בית־המדרש ערב יו״כ פאַר כל־נדרי „אור זרוע לצדיק״, ווייל — האָט ער געזאָגט — אויב מ׳נעמט אַוועק פון רב דעם כבוד, ווערט ער אויס רב און דאָס געלט וואָס ער נעמט נהמא דכסופי.

פון דער פאַראייניקונג איז גאָרנישט געוואָרן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקה וואָס האָט געדויערט יאָרן, ביז מ׳האָט זיך ענדלעך אויסגעגלייכט ווידער אויף צוויי רבנים, צוויי בתי מדרשים, איין מקווה, צוויי בתי־עלמין, צוויי חברה־קדישאָס. דער שטאָט־טייל גרעניץ, וואָס האָט געהאַט מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל יידן ווי גניעוואַשאָוו, איז זייער רב געווען פאַרשריבן אַלס חזן־זינגער און גענומען 30 זלאָטעס אַ וואָך. ער איז געווען פון גרויסן יחוס, אַן אייניקל פון דעם חוזה פון לובלין. אים האָט נישט געפאַסט צו לערנען און ריידן די לאַנדשפראַך, דאַקעגן דער גניעוואַשאָווער רב, וואָס האָט געהאַט אונטער זיין רבנות ווייניקער ווי אַ דריטל יידן פון גרעניץ, ער האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אין עסטרייך, ווו עס איז געווען אַ מוז צו לערנען אין די מלוכה־שולן, האָט געקענט פויליש און איז אויך געווען אַ למדן אין לימודי קודש. ער האָט גענומען 60 זלאָטעס אַ וואָך.

דער גרעניצער רב ז״ל איז נפטר געוואָרן אין 1938 אויף טובערקולאָז. דעם גניעוואַשאָווער רב ר׳ יהודה לייב רייטער האָבן די דייטשן אומגעבראַכט גלייך מיט אַלע יידן פון יענער געגנט.

דערינערונגען פון אַמאָל

הערצקע ליבערמאַן / ניו־יאָרק

איך, הערצקע אהרונס (פּנחס־יעקבס זון), בין געבוירן אין גניעוואָשאָוו אין יאָר 1878. קיין אַמעריקע בין איך געקומען אין 1906, אַזוי אַז איך געדענק ווייניק פון דער אַלטער היים.

דאָס שטעטל האָט געלעבט אָרעם, ווי אַלע שטעטלעך אין פּוילן. מען האָט אויסגעקוקט דעם איינציקן יאַריד־טאָג אין דער וואָך, ווען אַלע סוחרים, בעלי־מלאכהס, שוסטערס, שניידערס, היטלמאַכערס — האָבן דעם טאָג געהאַט אַ פּאָר־דינסטל. פון דעם מאַרק האָט מען געלעבט אַ גאַנצע וואָך. אויב קיין פּרנסה איז נישט געווען, האָט מען אויך נישט געהאַט קיין טענות. יידן האָבן געלעבט מיט בטחון און אמונה, אַז אַלץ איז מן השמים...

יעדן אין דער פרי איז דאָס גאַנצע שטעטל יידן געגאַנגען דאַווענען אין בית־המדרש און אין דעם גרערער און לובלינער שטיבלעך. מיין פאָטער ע"ה



בית־ספר עממי פולני, בו למדו גם תלמידים ותלמידות יהודיים
די פּוילישע פאָלקס־שול („פּאָוושעכנע") ווו ס'האָבן געלערנט אויך יידישע קינדער

האָט געדאַוונט אין לובלינער שטיבל, ווו ס׳האָבן אױך מתפלל געווען די ראַדזינער חסידים, וועלכע האָבן אין די ציצית געהאַט אַ פּאָדים פון תכלת. איין מאָל, אויף ראש־השנה, האָט דער פאָטער מיטגענומען מיך מיט מיין ברודער אליעזר ע״ה קיין לובלין צום רבין. ביים געזעגענען, האָט דער פאָטער געגעבן דעם רבין אַ „קוויטל״, אין וועלכן ס׳איז געווען געשריבן, אַז דער רבי זאָל בענטשן די קינדער מגדל צו זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים און פּרנסה בריווח. איך געדענק, ווי דער ברודער האָט געבעטן דעם רבין, אַז ער זאָל אים בענטשן לתורה. האָט דער רבי געענטפערט, אַז תורה קומט נישט בירושה און נישט פון קיין ברכה — נאָר מען מוז אַליין לערנען און לערנען...

ווען איך בין אַלט געווען 10 יאָר, האָב איך געלערנט אין בית־המדרש, באַגלייט מיט פּעטש פון מיין פאָטער (ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע האַנט).

הגם איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך דאָך אויסגעפונען אַ מיטל אַז דער טאַטע זאָל נישט שלאָגן. מיין פעטער, דער רב, האָט געהאַט אַ לײדיק שטיקל פּלאַץ נעבן מיין פאָטערס געשעפט. איך האָב געוווסט, אַז מיין פעטער האָט געאַסרט מיין פאָטער אַרויפצוגיין אויפן פּלאַץ, אונטער דער דראָונג פון אַ חרם. ווען דער טאַטע איז אויף מיר געוואָרן אין כעס, בין איך אַוועק אויף יענעם פּלאַץ און דאָרט געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג, ביז ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך מער נישט שלאָגן...

אין גניעוואַשאָוו זענען געווען : אַ רב, צוויי שוחטים, אַ חזן און אַ שמש. דער רב האָט געלעבט פון פאַרקויפן הייוון צו באַקן חלות אויף שבת און אויך באַקומען „געהאַלט״ — עטלעכע רובל פון די שוחטים. דער חזן האָט געלעבט פון פאַרקויפן וויין אויף קידוש, בעת חנוכה און פורים איז ער געגאַנגען אין די שטובן זאַמלען אין אַ רויטער פאַטשיילע עטלעכע מטבעות. דער שמש איז פרייטיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ פושקע, אין וועלכער יעדער האָט עפּעס אַריינגעוואָרפן — און פון דעם האָט ער געלעבט. (איר קענט אייך פאָרשטעלן אַזאַ לעבן). מיין מוטער האָט מיר דערציילט, אַז עס זענען געווען טעג, ווען זיי זענען געגאַנגען שלאָפן אָן עסן. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו שיקן געלט פון אַמעריקע, האָבן זיי זיך שוין גערעכנט פאַר גבירים.

אין יאָר 1921 בין איך געפאָרן קיין פוילן באַזוכן מיינע עלטערן. אין איוואַנגאָראָד (שפּעטער דעמבלין), האָב איך גענומען אַ דראָזשקע קיין גניעוואשאָוו. אויפן וועג האָב איך דערזען אַ לאַנדסמאַן, גיין באָרוועס אין דער בלאָטע, בעת די שטיוול זענען געהאָנגען אויף די אַקסלען. דאָס איז געווען משה מילער

(קיילעס), מיין פאָטערס אַ שכן. איך האָב אים אַרויפגענומען אויף דער דאָראַזשקע, געהייסן זיצן נעבן מיר. ווען איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען (הערצקע, אהרונס זון), האָט ער נישט געגלויבט. איך האָב אויסגעזען ווי אַ „גוי״... ווען די דראָזשקע איז אָנגעקומען צו קלמן־לייבס הויז, איז ער געלאָפן צו מיין משפחה אָנזאָגן די בשורה.

ווען איך בין צוגעקומען צו מיין פאָטערס הויז, איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל דאָרט געווען. קיינער האָט מיך נישט דערקענט, ווייל ווען כ׳האָב פאַרלאָזט גניעוואשאָוו, האָב איך געהאַט אַ באָרד, בעת איצט בין איך געווען אַ ראַזירטער און געקליידעט אַמעריקאַניש. איך האָב זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַנק און געזאָגט בקול רם: „איך בין הערצקע אהרונס, אויב עס פאַרלאַנגט ווער פון מיר אַ טובה, זאָל קומען צו מיין פאָטער, איך וועל זען אַנטקעגנקומען״...

האָט מיין פאָטער געזאָגט, אַז דער „קאַליקע״ דאַרף האָבן צוויי קוליעס און די מקווה — דאַרף אַ נייעם קעסל, ווייל די נשים גייען זיך טובלען אין דער קאַלטער מקווה... דאָס איז געווען זיין גאַנצער פאַרלאַנג.

ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, הער איך ווי מיין פאָטער זאָגט צו דער מוטער: „מלכה, הערצקע טראָגט נישט קיין טלית־קטן, האָט נישט קיין טלית־ותפילין — ווי אַן אמתער גוי״. האָט מיין מוטער געענטפערט: „אהרון־שלמה! מעשים טובים וואָס ער טוט, וועגן איבער אַלע מצוות״...

אונדזער זיידע ר׳ פנחס־יעקב זצ״ל, פלעגט אָפט פאָרן צום איזשביצער רבין, דער „בית יעקב״ זצ״ל, דער ערשטער רבי פון דער ראַדזינער דינאַסטיע. דערנאָך איז ער געפאָרן צו זיין זון, דער ערשטער רבי וואָס האָט געוווינט אין ראַדזין, מחבר פון „סדר טהרות״ און פון „תכלת״ — רבי גרשון־העניך זצ״ל. נאָך זיין הסתלקות, איז מיין פאָטער ז״ל הי״ד געפאָרן קיין לובלין צום „תורת אמת״. ר׳ לייבעלע אייגער זצ״ל, דער זון פון ר׳ שלמה אייגער ז״ל און אייניקל פון ר׳ עקיבא אייגער זצ״ל.

(פאַרשריבן: אברהם־מרדכי ליבהאַבער).

בעקבות ימים עברו

דוד פרלשטיין / בת־ים

המאבק בין הדורות

...בימות הקיץ החלו הילדים והילדות, בני השתים־עשרה, את עבודת יומם בשעה מוקדמת יותר מאשר בחורף. השמש עלתה מוקדם והבעלי־בתים ביקשו לחסוך את הוצאות הדלקת עששיות הנפט.

העיירה גניבשוב חיתה באבק, בפיח ובדונג. הבתים דלים וחשוכים, החדרים מוזנחים וצרים, מהם נשמע רעש מכונות תפירה. שם יצרו נעלים ומוצרים אחרים. האבות — כפופי־גוו והאמהות — צמוקות וכחושות.

כסנוניות המבשרות את בוא האביב והפריחה, כן היו בני־הנוער שהפיחו רוח של תחיה בעיירה בבקשם לרוות את צמאונם לדעת ולהשכלה.

ספרים... ספרים... ספרים.

„בערל, מדוע דולקת מנורת הנפט בשעה כה מאוחרת" — שואלת אמא, „הן יודע אתה מה יקר הוא הנפט!" אבל בערל הכין מבעוד מועד נר־חלב דק שיאיר עתה את דפי הספר.

*

— מה קרה לוועלוול? מדוע לא הופיע היום לעבודה?

— אבא הרביץ מכות נאמנות לוועלוול, משום שהבן הכריז מזמן, כי בכוונתו לקצץ את פיאותיו ולחבוש כובע אחר, אבל את תכניתו ביצע רק אתמול ואבא, כאמור, לא יכול היה לעבור על־כך לסדר היום, לכן לא הופיע וועלוועל לעבודה.

וכשוועלוול שוב הופיע, היה זה וועלוול אחר — בלי פיאות, בלי קאפוטה ובלי כובע חסידי.

*

למטה, ליד הבאר, מתגודדים יהודים ויהודיות. מעליית־הגג נישאים קולות.

זו אמה של פייגלה צועקת: „היכן נשמע כזאת, שבת יהודיה כשרה תסע בכרכרה ומי יודע עם מי? היכן ראית כדבר הזה?"

„חייך העלובים והמסכנים אמא, לימדוני זאת", ענתה פייגעלע. „איני רוצה שגורל חיי יהיה כחייך וכשמותך!"

✶

שבת בעיירה! מהומה וצעקות בשוק:

— ראו, ראו את חוצפת הבחורים האלה! בצהרי יום שבת, באמצע כיכר השוק, מתהלכים הם גילויי ראש... כלו כל הקצין. לאן נגיע?!

אצבעות כפגיונות מצביעות על אַרבעת הבחורים הנועזים, המשוחחים ביניהם בניחותא, כאילו הדבר אינו נוגע להם. הרוח מבדרת את שערות בלוריותיהם, כאילו ביקשה להתגרות בנשים שנעצו עיניהן בבחורים האלה.

בראש הנשים עומדת פריידה הזקנה.

— „עוכרי ישראל!", „צלם־קעפּ!", „ווללי־חזיר!..." „שתבלע אתכם האדמה חיים..."

— ישראל־איסר! חבוש הכובע, ולא, אשבור לך את הראש! — קוראת אמו בשברון לב.

— ואתה ירחמיאל, דע שאמך כובשת פניה בקרקע מרוב בושה!

—הביטו וראו את בנה של חנה! שמח לו על הלב... לי הוא מטיף כי אסור לסחוב אבנים בשבת ובעצמו מהלך גלוי ראש! הלווי ותהיה בראש אחד נמוך יותר! לא בכדי קוראים לך „דוקטור!" הוא הראשון שהופיע בעיירה מגולח ובמקטורן קצר! אביך לפחות חבש מגבעת ואף היה מתפלל!

— סבתא פריידה! כך דרכו של עולם! כל העולם התהפך. אבי חי לפי דרכו ואף אני אחיה לפי דרכי ובני ירחיקו לכת ממני ואולי אל הכוכבים יגיעו!

האבן שידתה פריידה פגעה בראש אחד הבחורים, אבל ראשים גלויים הוסיפו להופיע בסימטות העיירה ואף התרבו.

אולם פריידה לא יכלה לכפר ולסלוח לעצמה, כי האבן פגעה דווקא בראשו של הבחור שהצילה ממות. מי יספור כמה פעמים חזרה פריידה על סיפורה? פריידה המסכנה, כל היום יושבת היא בשוק ומוכרת למי תפוח בודד ולמי אגס יתום, כי מי שידו משגת לקנות פונד פירות אינו קונה אצל פריידה. בימות החורף, עת הכפור עז, מציבה סביבה פריידה סירים על אש. אחד — מאחוריה והאחר לחימום ידיה או תבשיל שנשים יהודיות רחמניות דואגות לספק לה.

היה ליל כפור עז. ישבה פריידה בביקתת העץ שלה וכדי לחמם עצמותיה הזקנות, הציבה סיר על אש. אך מי יכול היה להעלות על הדעת, כי סמרטוטים שמונחים אצלה עידן ועידנים ואשר בלילות חורף משמשים לה כסות לגופה, אש תאחז בהם?

אותו לילה חזרו החבריה ממועדון אגודתם ולפתע הריחו ריח חרוך סביבם. מיד פרצו לביקתתה של פריידה הזקנה ובנה של חנה מצאה ישנה מתחת לסמרטוטים.

—ושואלת אני אתכם — מסיימת פריידה את סיפורה — האוכל לשכוח זאת? ודווקא בראש הזה קלעתי אבן, הרי הוא שהציל אותי — ופורצת בבכי ומוסיפה — הם פיתו אותי לכך, ואני זקנה טיפשה, חשבתי, שבזכות זאת אזכה לעולם הבא.

✶

עומדות נערות ומלקטות דפי ספרים בלים, עומדים בחורים רכונים על שולחנות ובידיהם פטישים ומסמרים... נשימתם לוהטת, עיניהם בורקות, רעבות...

—רואה את, הספר הזה שלם הוא ואלו בזה לוקטו כל הדפים החסרים ואפשר יהיה להדביקם.

— חברים! אל תשליכו אף לא דף אחד! הפושעים רק קרעו אך לא נטלו עמם, בעד השחתת הספריה שלנו קיבלו תמורה בכסף!

— שרה׳לה, נדמה כי את אוחזת בידיך את ספרו של פרץ? הנה דפים נוספים — „אל תחשבו כי העולם הוא הפקר — שנברא בשביל זאבים ושועלים, לשוד ומירמה...״ כמה דפים חסרים עוד?

על הדלת תלוייה מודעה: „ביום שבת ה... שוב תיפתח הספריה, תרומות לרכישת ספרים חדשים אפשר למסור לחבר...״

✶

כמה קילומטרים מחוץ לעיירה, מעבר לסוללת העפר לאורך שפת הנהר, שוכן המגרש לכדורגל. בשבת תיערך בו התחרות עם נבחרת פולאבי.

כולם מתכוננים...

מתכוננים למשחק, מתכוננים לחזות בו וגם מתכוננים להפריע לו. מסביב למגרש נאסף קהל רב.

המשחק החל, כולם דרוכים ועוקבים אחר הכדור ואין שעתם פנויה להסתכל לצדדים.

ממרגלות הסוללה מופיעות דמויות בקאפוטות שחורות. בראשם צועד רב העיירה, אחריו ה„חברא קדישא" ובעלי האגרוף.

הרב מצווה לטוביה להחרים את הכדור, אולם ה„מגן" של פולאבי, בחור שכוחו במותניו, מכדרר את הכדור החוצה הפוגע בתנופתו העזה באחד מאנשי הרב, שמשתטח מלא קומתו ארצה.

המאבק החל.

גדליה ה„פלטשר" היה „רופא כללי", לכן ידיו עתה מלאות עבודה, אחד זקוק לעקירת שן שנשברה, אחד זקוק לתחבושת על היד או על הרגל, שלישי — ראשו נפגע. אמרו והוסיפו כי דווקא ה„שטאַרקע" של העיירה השאירו אצל גדליה כספים רבים... אולם מאז לא הופרעו עוד משחקי הכדורגל בעיירה.

★

על קלף של פרגמנט נרשמו שמות התורמים, שתרמו סכומים נכבדים לבניית בית־מדרש חדש. הקלף יושם באדמה עם הנחת אבן־הפינה.

דוד, יצרן הנעלים וסוחר־הקמח ידוע כקמצן גדול. אולם הפעם נכון הוא לתרום סכום גדול בתנאי...

הרב וראש־הקהל שומעים את טענותיו ומצדיקים אותו.

— כמובן, כמובן, הייתכן אחרת?

הגביר הגוץ מתנועע לצדדים, כאן לוחש הוא ע"ל אזנו של הרב וכאן לאזנו של כל מי שנכון להקשיב לו. ידיו מוציאות מהכיס שטרות כסף ולאחר מכן הוא נעלם.

בשעת הנחת אבן־הפינה התברר כי בית־המדרש יוזז כ־4 מטר מביתו של הגביר. אולם ארבעה מטרים אלה קירבו את הבניין החדש לביקתתה המטה לנפול של חנה התופרת ולאחר שיוקם הקיר לא תצטרך עוד להשחיל החוט במחט...

בניה של חנה תובעים להרחיק את אבן־הפינה מחלונם. מיד נפוצה התביעה הצודקת בין עובדי הסדנאות ובתי־המלאכה.

מיד הופסקה העבודה. מצויידים במוטות ברזל ובכלי עבודה, אצים לעבר מגרש הבנייה. חלק מהפועלים מתייצבים כקיר מגן נגד כלי־הקודש, המסתערים. אחרים, שאתים בידיהם, סותמים את פס האדמה של אבן הפינה. המשטרה המקומית אינה יכולה להשתלט על המצב.

ימים אחדים לאחר מכן הונחה אבן פינה חדשה. חלונות בית הגביר היו

מוגפים, הדלתות נעולות, פועלי הבניין הצטחקו בסיפוק לתוך חלונה הפתוח של חנה התופרת.

✶

באסיפה החשאית של אירגון ה„פיונרים" נדון ענין הנסיעה לכינוס בקארצ'ב, שאחדים מהאבות אוסרים על בניהם להשתתף בו.

בשבת צריך לצאת לדרך. הדבר נודע להורים ובעוד מועד, ביום שישי התכוננו ל„כלוא" את בניהם.

— את ישראליק אחביא אצלי...

— שרה'לה תבוא אתי...

— לי לא יקרה מאומה, אפילו אם אלון לילה בעליית הגג של הבית הישן, אבל איני יכול לנסוע בבגדים כאלה.

— מחר אביא לך נעלים אחרות.

— אני אביא מקטורן ואולי גם זוג מכנסים...

עם בוקר, התאספו כולם, ליד שפת הנהר. גם ההורים שבניהם התחבאו, באו. החברה מבקשת לשכנעם שוב:

— בעצמכם מודים אתם, כי חייכם אינם שווים אסימון שחוק, מדוע, אם־כן, מבקשים אתם שבניכם ילכו בדרכם?

— אם אביך בשבעים ושתיים שנות חייו נסע מגניווישוב לאלקסוב, חייב גם אני לנהוג כמוהו?

— האם כה שפר חלקכם, שמלבד מכונת התפירה בחייכם לא ראיתם מאומה ואפילו אתם ישנים עליה, מדוע לא תניחו לבתכם לשנות את גורלה?

אמא אחת מבקשת — ניחא, אניח לה לנסוע, אך הרשו לי לפחות לראותה!

וכבמטה־קסם הופיעה מיד הבת לצדה.

— הנה אני אמא, לפניך! אולם הבטחה היא הבטחה!

האניה המטעינה ארגזי פירות, ביצים, עופות העושה דרכה לוורשה ממתינה. רב־החובל קורא מדוע אין הנוסעים עולים לאניה! האניה מפליגה! כמה מהעומדים על החוף עולים. רב־החובל מחייך. הוא מוציא מידי אחד הבחורים שעלו לאניה את המנדולינה, פורט על מיתריה ומניע בידיו לאות הסכמה.

החבריה מסתדרת בשורה עורפית. האבות הששים לקרב ועווריהם מוקפים ועיניהם מבקשות את בניהם.

מארגני הטיול מורים לעלות על האניה ולהרים את הכבש.

מגשר הפיקוד של רב־החובל קוראים הבנים שהוחבאו לעבר אבותיהם:

— הרגע אבא! אינני לבד!

— אבא! בשובך הביתה קח את בגדי מעליית־הגג. שלום לך!

— אמא, היי שלום, תיווכחי כי לא יאונה לי כל רע!

בשובם, כעבור כמה ימים לעיירה, התגודדו קבוצות־קבוצות בסימטות העיירה והבחורים לא נלאו מלספר על וורשה הבירה, על הוואוול ועל יער הצוענים...

✶

ב־1926 הועמדו שישה פועלים מגניבשוב לדין בבית־המשפט בראדום על אירגון שביתה ופעילות קומוניסטית. מרבית האוכלוסיה גינתה בחריפות את הפרובוקאטורים ויוזמי המשפט. וכאשר לגניבשוב הגיעה הידיעה כי ששת הנאשמים יצאו זכאים בדינם, יצאה כמחצית העיירה לקבל את פניהם לבאנקובייץ.

יצויין, כי החשודים והנאשמים בימים ההם, טרם הבאתם למשפט, עונו והוכו על־ידי חוקריהם. אולם החשודים לא הרכינו את ראשיהם. היה זה פרי החינוך וההכרה הפועלית של בני גניבשוב.

✶

גניבשוב לא נזקקה לטלפון, שכן העגלון, שלמה „האק", כשבחזרו מתחנת הרכבת, היה מכריז בלשון החצץ שלו: המפקח בא! מיד החלה העיירה כולה לקרצף ולשטוף...

✶

שיא טכני „בחימום מרכזי" השיגה פריידה הזקנה, בהתקינה שני „סירי אש", שחיממו אותה מלפנים ומאחור, ביושבה בחורף בשוק ליד סליה.

✶

כדי להשיג תואר דוקטור בגניבשוב די היה ללבוש מקטורן ומגבעת. כך השיג את התואר פנחס פרלשטיין ואף ילדיו זכו בתואר „דוקטור", הודות למקטורן ומגבעת בלבד...

✶

מסתבר, כי בגניבשוב חיו האנשים הישרים ביותר! עובדה, גודל נושא

המים, כל דלי מים שהיה מספק לתושבים, היה מציין בקוו של גיר על דלתותיהם — וראה זה פלא! איש לא ניסה למחוק אפילו קו אחד!

✶

קרוב לוודאי כי הפתגם: „ער נעמט אַרויס פון אונטער דער ערד״ — מקורו בגניבשוב. והראיה, יוסל פוצר, בעת שהסיר באת את האדמה שהצטברה במשך כל השנה על ריצפת ביתו, מצא מתחתה את המחבת שאבדה לו בדיוק בפסח אשתקד.

אויף שפורן פון פאַרגאַנגענע טעג

דוד פערלשטיין / בת־ים

דער קאַמף צווישן דורות

...זומער־צייט האָבן צוועלף־יאָריקע ייִנגלעך און מיידלעך זיך געשטעלט צו דער אַרבעט פריער ווי ווינטער. דאָס ליכט פון טאָג איז געקומען פריער און בעל־הבתים האָבן פאַרשפּאָרט ברענען דעם טייערן נאַפט אין די לאָמפּן.

דאָס שטעטעלע גניעוואשאָוו האָט געלעבט מיט שטויב, קאָפּעטש, וואַקס, מיט אייזערנע און הילצערנע קאָפּיטעס, מיט שטעפּ־ און ניי־מאַשינען. אין די שטובן — דחקות און פינצטערניש, הויקערדיקע טאַטעס און איינגעשרומפּענע מאַמעס.

ווי שוואַלבן, וואָס זאָגן אָן דעם אָנקום פון פרילינג, פון בליונג, אַזוי האָט חברה יונגוואַרג אין געהיים, מיט עקשנות אַרייַנגעבראַכט אין שטעטל דערוואַכונג, געשטילט דעם דורשט צום וויסן.

ביכער... ביכער...

— בערל, וואָס ברענסטו אַזוי שפּעט דעם לאָמפּ? — שרייט אַ מאַמע — דו ווייסט דאָך ווי טייער עס קאָסט נאַפט!

אָבער בערל האָט שוין צוגעגרייט אַ ביליק, דין ליכטל, וואָס באַלייכט די געדרוקטע זייטלעך.

✶

— וואָס איז געשען מיט וועלוולען? פאַר וואָס איז ער היינט נישט געקומען צו דער אַרבעט?

וועלוול׳ען האָט דער טאַטע אַזוי צעקיילט, אַז ער האָט נישט געקאָנט גיין צו דער אַרבעט. שוין לאַנג האָט וועלוול דערקלערט, אַז ער וועט אָפּשערן די פּיאות און אָנטאָן אַ׳ אַנדער היטל, נאָר געשען איז עס נעכטן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך וועלוול באַוויזן אין זיין נייעם, אַכטקליניקן היטל, אָן פּאות און אָן דער קאַפּאָטע.

✶

אונטן, ביים ברונעם איז אַן אָנגעלויף. פון בוידעם־שטיבל הערן זיך קולות פון פייגלס מאַמען:

— ווען איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ יידישע טאָכטער זאָל פאָרן אין עפּעס אַ קוזמער און ווער ווייסט מיט וועמען?...

— דיין אומגליקלעך לעבן, מאַמע — ענפערט פייגל — לאָקט מיך נישט און איך וויל נישט לעבן ווי דו און דיינס גלייכן.

✶

ס׳איז שבת אין שטעטל. אַ שושקעריי, אַ גערודער, רעדלעך מענטשן קלייבן זיך צונויף.

— איר זעט אַ חוצפה פון יונגען?... אין מיטן העלן שבת־טאָג, אין סאַמע מיטן מאַרק, שפּאַצירן זיי מיט אָנטבלויזטע קעפּ... ס׳איז עק וועלט... מען טאָר צו דעם נישט דערלאָזן!...

אָנגעשטעלטע פינגער ווי שיס־פיילן ווייזן אויף די פיר געוואַגטע יונגעלייט, וואָס שטייען געמיטלעך, מיט אויפגעהויבענע קעפּ. דער ווינט באַוועגט זייערע טשופּרינעס ווי ער וואָלט זיך רייצן מיט שעלטנדיקע ווייבער. עטלעכע פון זיי דערנענטערן זיך צום פירלינג, בראש גייט די אַלטע פריידע.

— עוכר ישראלניקעס!... צלם־קעפּ!... חזיר־פרעסער!... אַז איינזינקען זאָלט איר ווערן דאָ אויפן אָרט!...

— דיר, ישראל־איסר, וועל איך דעם קאָפּ צעשפּאַלטן, אויב וועסט גלייך נישט גיין אָנטאָן אַ היטל.

— און דו, ירחמיאל, זאָלסט וויסן, אַז דיין מאַמע באַגראָבט זיך לעבעדי־קערהייט פאַר חרפה!

— גיב נאָר אַ קוק אויף חנהס זינדל!? ס'איז אים גאָר פריילעך... מיך לערנט ער, אַז שבת טאָר מען נישט טראָגן קיין שטיינער... און מיט אַ הוילן לעפּ מעג מען אַרומגיין?! אַז אַראָפּפאַלן זאָל ער ביי דיר... נישט אומ:יסט האָט מען דיין טאַטן אַ נאָמען געגעבן „דאָקטער". ער האָט דאָך דער ערשטער אין שטעטל זיך באַוויזן אַ געגאָלטער און אין אַ קורצער מאַרינאַרקע. אָבער דיין טאַטע האָט כאָטש געטראָגן אַ קאַפּעליוש און האָט געדאַוונט.

— מומע פריידע! אַזוי דאַרף טאַקע זיין! מיין טאַטע האָט עפּעס געטאָן, איך טו וואָס איך פאַרשיי און מיינע קינדער וועלן נאָך ווייטער גיין, אפשר וועלן זיי אַפילו צום טעלערל פון הימל דערגרייכן.

דער שטיין, וואָס די אַלטע פריידע האָט געהאַלטן, איז טאַקע געפאַלן אויף איינעם פון די פיר קעפּ, אָבער די צאָל אַנטבלויזטע קעפּ האָט זיך שנעל פאַר־גרעסערט.

די אַלטע פריידע האָט נישט אויפגעהערט טענהן כליפּענדיק, הלמאי האָט דער שטיין געטראָפן גראָד דעם, וואָס האָט זי געראַטעוועט פון טויט. צום וויפלטן מאָל האָט זי דערציילט, ווי אַזוי זי, פריידע, זיצט ווינטער אויפן מאַרק און פאַרקויפט צו איין עפּל, צו איין באַרנע און אַפילו צו עטלעכע קאַרטאָפל ווייל ווער עס קאָן קויפן אויפן פונט, גייט דאָך נישט צו פריידען.

כדי פריידע זאָל קאָנען אויסזיצן דעם טאָג אויפן מאַרק, מוז זי האָבן אַ פּאָר פייער־טעפּ. איינעם שטעלט זי הינטער זיך, דעם צווייטן נוצט זי צום וואַרעמען די הענט און אויף אָנוואַרעמען אַ ביסל עסן — אויב באַרימהאַרציקע שיקן עפּעס פאַר איר.

ביינאַכט איז געווען פראָסטיק. אין שטיבל, וואָס איז באַשטאַנען פון צונויפ־געקלאַפּטע ברעטער, איז געווען קאַלט. האָט פריידע נישט פאַרלאָשן איר פייער־טאָפּ. גיי ווייס, אַז די, זינט יאָרן ליגנדיקע שמאַטעס וואָס דינען פאַר בעט־געוואַנט, וועלן זיך אָנצינדן פון פייער־טאָפּ.

אַז חברה איז אַהיים געגאַנגען פון פאַראיין און דערפילט דעם ריח פון סמאָלינעס, האָבן זיי דער אַלטערס „שטוב" לייכט איבערגעקערט און חנהס זון האָט זי אַ שלאָפנדיקע געפונען צווישן די שמאַטעס.

— נו — פאַרענדיקט די אַלטע פריידע איר דערציילונג — קאָן איך דען דאָס פאַרגעסן? און איך האָב גראָד אין דעם קאָפּ, וואָס האָט מיך געראַטעוועט, געוואָרפן אַ שטיין. — זי צעוויינט זיך דערביי און גיט צו: — זיי האָבן מיך צו דעם צוגערעדט און איך, אַלטער נאַר, האָב געמיינט, אַז מיט דעם קויף איך מיר דעם גן־עדן.

✶

שטייען מיידלעך געבויגן איבער צעפליקטע, צעטראָטענע ביכער. שטייען יינגלעך ביי צעבראָכענע טישן מיט האַמער און טשוועקעס... אָטעמס זענען הייסע. אויגן צעגליטע, פייערדיקע...

— אָט זעסט, אין דעם בוך פעלט שוין גאָרנישט. די צעריסענע בלעטלעך וועט זיך איינגעבן פאַרקלעפּן.

— חברים! וואַרפט נאָר נישט אַוועק קיין פיצל פון קיין בלעטל. די באַנדיטן האָבן בלויז צעריסן, אָבער נישט גענומען מיט זיך. פאַר שענדן אונדזער ביבליאָטעק, האָבן זיי באַקומען באַצאָלט מיט געלט און נישט מיט שמות פון אונדזערע ביכער.

— שרהלעע! דו האַלטסט, דאַכט זיך, אין האַנט פרצעס? אָט איז צו דיין ביכל — „מיין נישט די וועלט איז הפקר — באַשאַפן פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל״... וויפל פעלן נאָך בלעטלעך?

אויף דער טיר הענגט אַ מעלדונג שבת, דעם... ווערט די ביבליאָטעק געעפנט און וועט נאָרמאַל פונקציאָנירן. באַשטייערונגען אויף איינקויפן נייע ביכער וועט איינקאַסירן דער חבר...

✶

עטלעכע קילאָמעטער פון שטעטל, איבערן וואַל־אָנשיט, וואָס גרענעצט אָפּ דעם ווייסל־ברעג, איז אַ פּאַסיקער פלאַץ צו שפּילן אין פוטבאָל. שבת וועט זיין אַ פאַרמעסט מיט דער רעפּרעזענטאַנץ פון פולאַוו.

מען גרייט זיך...

מען גרייט זיך שפּילן. מען גרייט זיך קוקן. און... מען גרייט זיך שטערן. אַרום פּראָוויזאָרישן פוטבאָל־פלאַץ איז פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם.

דער מעטש האָט זיך אָנגעהויבן. אויגן זענען אָנגעשטרענגט און האָבן קיין צייט נישט קוקן אין אַ זייט.

פון הינטערן וואַל וואַקסן אויס מענטשן מיט שוואַרצע, באַגאַרטלטע קאַ־פּאָטעס. פאַרויס גייט דער רב פון שטעטל. נאָך אים די חברה־קדישא און „שטאַרקע".

דער רב הייסט טביהן צונעמען דעם פוטבאָל, אָבער דער פולאַווער „בעק", וואָס איז דער געזונטסטער צווישן זיינע חברים, וויל דעם באַלעם אַרויסקלאַפּן — און טרעפט מיט זיין מעכטיקן קלאַפּ איינעם פון די געקומענע, וועלכער קערט זיך איבער.

דער געראַנגל האָט זיך אָנגעהויבן...

גדליה דער פעלדשער איז אין שטעטל געווען אַ „דאָקטער"־אוניווערסאַל, האָט ער טאַקע נאָך דעם געהאַט וואָס צו טאָן, ביי וועמען אַרויסנעמען אַן איבער־געבראָכענעם צאָן, וועמען באַנדאַזשירן אַ האַנט, וועמען אַ פוס. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז ביי איינעם פון די „שטאַרקע" האָט גדליה היפּש פאַרדינט. אָבער פוטבאָל־מעטשן זענען שוין פאַרגעקומען אָן שטערונגען.

✶

אויף פּאַרמעט־פּאַפּיר ווערן פאַרצייכנט די נעמען פון יענע, וואָס האָבן גרע־סערע סומעס געגעבן אויף בויען אַ ניי בית־מדרש. דער פּאַרמעט וועט איינ־געמויערט ווערן אין פונדאַמענט.

דוד, דער שוך־פאַבריקאַנט און מעל־סוחר איז באַקאַנט אַלס זייער אַ קאַר־גער, אָבער דאָס מאָל הייסט ער איבערשרייבן זיין באַשטייערונג אויף אַ גרע־סערער סומע, נאָר...

דער רב, דער ראש־הקהל, הערן אויס זיינע טענות און גיבן אים געהערכט.

— אַוודאי... אַוודאי... ווי־זשע אַנדערש ?...

דעם גבירס קליין גופל בייגט זיך. דאָ צום רבס אויער, דאָ צו אַנדערע, לעבן אים שטייענדיקע. זיינע הענט ציען זיך צו דער קעשענע, לייגן אַרויס די צוגע־זאָגטע סומע און נאָך דעם פאַרשווינדט ער.

ביים גראָבן דעם פונדאַמענט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דודס טויער האָט מען זיך אָפּגערוקט מיט פיר מעטער ווייטער. דערפאַר האָט מען די זעלבע צאָל מעטער צוגערוקט נעבעך צום איינגעהויקערטן שטיבל פון חנה דער שניי־דערקע, וואָס וועט נאָכן אויפשטעלן די שול־ווענט, פאַרשפּאַרן זען איינצופעדעמען אַ נאָדל.

חנה דער שניידערקעס קינדער פאָדערן אָפּרוקן דעם פונדאַמענט פון זייער

פענצטער. בליץ־שנעל דערוויסן זיך אַרבעטער פון די פאַבריקלעך און וואַרשטאַטן וועגן דער גערעכטער פאָדערונג.

די אַרבעטס ווערט אָפּגעשטעלט. באַוואָפנטע מיט אייזערנע „שטיצעס", מיט רידלעס, איילט מען צום בוי־פּלאַץ. אַ טייל אַרבעטער שטעלן זיך ווי אַ שוץ־וואַנט קעגן די אָנגרייפנדיקע כלי־קודש. אַנדערע, וואָס האָבן רידלעס אין די הענט, פאַרשיטן דעם אויסגעגראָבענעם ערד־פּאַס פאַרן פונדאַמענט. די שטעטל־דיקע פּאָליציי קאָן נישט באַהערשן די לאַגע.

די בוי־אַרבעטער פאַרשטייען די איפּקלערונג פון עולם און, צונויפנעמענדיק זייערע מכשירים, קלייבן זיי זיך אַוועקגיין. אייניקע פון די בוי־אַרבעטער העלפן פאַרשיטן דעם אויסגעגראָבענעם ערד־פּאַס.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געגראָבן אַ נייעם פונדאַמענט. די פענצטער ביים גביר זענען געווען פאַרהאָנגען, די טירן פאַרריגלט. אויפן פּלאַץ זענען נאָך געווען בוי־אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט אָנערקענונג אַריינגעשמייכלט אין אָפענעם פענצטער פון חנה דער שניידערקע.

*

אויף אַ געהיימער פאַר־אַמלונג פון דער „פּיאָנערן"־אָרגאַניזאַציע שטייט אַ האַרבע פראַגע. אייניקע טאַטעס וועלן נישט לאָזן זייערע קינדער פאָרן קיין קאַרטשעוו, אויפן צוזאַמענפלי.

שבת דאַרף מען אָפּפאָרן. טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך דערוווּסט און גרייטן זיך „אַרעסטירן" זייערע קינדער נאָך פרייטיק.

— ישראלקען וועל איך אויסבאַהאַלטן...

— שרהלען וועל איך נעמען צו זיך...

— מיר וועט גאָרנישט געשען, אויב איך וועל איבערנעכטיקן אויפן בוידעם פון אַלטן הויז, אָבער איך קאָן דאָך נישט פאָרן אין דעם הולך.

— מאָרגן ברענג איך דיר אַ פּאָר שיך.

— און איך אַ מאַרינאַרקע, און אפשר אויך הויזן.

ביים ווייסל־ברעג, אין דאָרף רעגוּוו זענען שוין אַלע פאַרזאַמלט, עס פעלן אויך נישט די עלטערן, וועמענס קינדער זענען אויסבאַהאַלטן. חברה וויל זיי איבערצייגן:

— אַליין זאָגט איר, אַז אייער לעבן איז נישט ווערט קיין גראָשן, פאַר וואָס זשע ווילט איר אַז אייער קינד זאָל אויך אַזוי לעבן?

— אויב אייער טאַטע האָט אָפּגעלעבט 72 יאָר און איז בלויז געפאָרן פון גניעוואַשאָוו קיין לאַסקאַראָוו, בין איך מחויב טאָן דאָס זעלבע ?

— און אייך איז גוט, אַז איר זעט בלויז די ניי־מאַשין און איר שלאָפט אַפילו אויף איר ? פאַר וואָס דערלאָזט איר אייער טאָכטער נישט פאָרן זען עפעס אַחוץ דער מאַשין ?

איין מאַמע בעט זיך — נו, גוט, איך וועל זי לאָזן פאָרן, איך וויל זי כאָטש זען, ווו איז זי מיין טאָכטער ?

ווי דורך אַ צויבער־שטעקעלע איז די טאָכטער אויסגעוואַקסן פאַר דער מאַמען.

— אָט בין איך, מאַמעשי ! אָבער אַ וואָרט איז אַ וואָרט...

די שיף לאָדנט מען אָן מיט קעסטלעך אייער, אויבסט, עופות — וואָס ווערן געפירט קיין וואַרשע.

דער קאַפּיטאַן שרייט אַראָפּ פון זיין בריקל :

— פאַר וואָס גייען נישט אַרויף די דרייסיק פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן פון פריער אויסגעקויפט בילעטן ?

אַ דעלעגאַציע קלעטערט אַרויף צום קאַפּיטאַן. ער שמייכלט גוטמוטיק. דער קאַפּיטאַן נעמט פון האַנט די מאַנדאָלין, וואָס איינער פון דער דעלעגאַציע האָט געהאַלטן, גיט אַ צימבל און ווייזט מיט דער האַנט, אַז ער איז מסכים.

חברה שטעלן זיך אויס אין אַ ריי. די קריגערישע טאַטעס און זייערע העל־פּער זענען אַרומגערינגלט. צעטומלטע זוכן זיי צווישן אַלעמען זייערע קינדער.

די אַנפירער פונעם אויספלוג הייסן אַרויפגיין אויף דער שיף און העלפן פונאַנדערנעמען דאָס בריקל.

פון קאַפּיטאַנס בריקל שרייען אַראָפּ די אויסבאַהאַלטענע :

— זיי רויִק, טאַטע ! איך בין דאָך נישט איינער !...

— טאַטעשי ! וועסט אַהיים קומען, נעם אַראָפּ פון בוידעם מיין אָנגעטועכץ, זיי געזונט !...

— מאַמע, באַרויִק זיך, וועסט זען, אַז דו וועסט זיין צופרידן !

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אין שטעטל זיך געזאַמלט רעדלעך, צווישן וועלכע יונגוואַרג האָט געמוזט דערציילן וועגן וואַרשע, וועגן וואַוועל, וועגן ציגיינער־וואַלד...

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די יידישע יוגנט אין גניעוואָשאָוו געהאַט אַ שווער לעבן, אין דחקות און נויט ממש. ביי אַזאַ מצב איז געוואַקסן די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט. לערנען אין דער פוילישער פיר־קלאַסיקער שולע (מער ווי 4 קלאַסן איז נישט געווען), האָבן געקענט נאָר אויסדערוויילטע. פון די חדרים, האָבן די גניעוואָשאָווער קינדער ווייניק וואָס געגאַסן, אויב אַ טייל יינגלעך האָבן זיך נאָך אויסגעלערנט שרייבן און לייענען, איז דער אַנאַלפאַבעטיזם צווישן די מיידלעך געווען כמעט אַ פול־שטענדיקער.

די הויפּט־שטרעבונג פון דער גניעוואָשאָווער יוגנט אין יענער צייט איז געווען צו לערנען זיך אַ פאַך. דער דורכשניטלעכער עלטער פון אָנהייבן אַרבעטן ביי יענעם, איז געווען 11—13 יאָר, ביי מיידלעך — נאָך יינגער. די פריע אַרבעט האָט צוגערויבט די פריידיקע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, אָבער גלייכצייטיק געגעבן דעם געפיל פון פריצייטיקער אַריינוואַקסונג אין דער אַרבעטער־מאַסע. אַזאַ דער־שיינונג האָט געווירקט, אַז די יוגנט האָט באַקומען אַן אינטערעס צו געזעל־שאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט. דער אויפשטײַג פון פאַרשידענע פאָ־ליטישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אויף דער יידישער גאַס האָט געווירקט, אַז אין די יאָרן 1924/25 איז אויך די גניעוואָשאָווער יוגנט מיטגעריסן געוואָרן מיט די נייע שטרעמונגען.

עס האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל יידישע ביכער, וועלכע הייבן אָן ווירקן אויפן באַוווסטזיין פון דער יוגנט. מ'האָט זיך אויסגעלערנט אויף קורסן שרייבן און לייענען, נישט זעלטן, אַפילו ביי שטערונגען פון פאַנאַטישע עלטערן.

די יונגע בחורים און מיידלעך האָבן דערפילט די נייטיקייט צו שאַפן אַ ביב־ליאָטעק אין גניעוואָשאָוו. פאַר אַ באַשיידענער סומע וואָס אַרבעטער האָבן פריי־וויליק געגעבן אויף דעם צוועק, זענען איינגעקויפט געוואָרן די ערשטע ביכער פון יידישע און נישט־יידישע שרייבער. די ביכער זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דער דורשט צום וויסן און צו פאַרשטיין האָט זיך פאַרשטאַרקט, געעפנט פאַר דער יידישער יוגנט נייע האָריזאָנטן, נייע פאַרלאַנגען.

יעדער אויפטו פאַר דער ביבליאָטעק איז געווען אַ יום־טוב. אַזוי איז געווען אין 1925, ווען עס איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע ביכער־שאַנק. די ביבליאָטעק האָט שוין דאַן געטראָגן דעם נאָמען פון י. ל. פרץ.

✶

די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ביבליאָטעק זענען געווען יונגיטשקע בחורים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ערגעץ אויף אַ בוידעם. די ענטוזיאַסטן האָבן פון פאַרשידענע „איינקונפטן" (גראָשנס פון פאַרקויפטע קאַרטאָפל־שאָלעכץ) איינגעקויפט אַ באַדייטנדיקע צאָל ביכער. שפּעטער, ווען די עלטערע האָבן איינגעשטעלט די ביבליאָטעק, האָבן זיי אין דער ביכער־שאַנק געעפנט אויך אַן אָפּטיילונג פאַר קינדער־ליטעראַטור.

די י. ל. פרץ ביבליאָטעק האָט נאָרמאַל פונקציאָנירט אין דער וווינונג פון דער משפחה פערלשטיין. נאָכן אָרגאַניזירן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון לעדער־און־שניידער־אַרבעטער, איז די פאַרגרעסערטע ביכער־זאַמלונג אַריבערגעפירט געוואָרן אין לאָקאַל פון פאַראיין. פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַראיין מיט דער ביבליאָטעק איז דורך דער פוילישער מאַכט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַנטי־מלוכהשע זאַך און זי האָט געזוכט מיטלען צו ליקווידירן די אינסטיטוציע, הגם זי איז געווען לעגאַליזירט.

אין מאַי 1926, האָט די פּאָליציי, צוזאַמען מיט עטלעכע „שטאַרקע" יונגען געמאַכט אַן איבערפאַל אויפן לאָקאַל פון פאַראיין און פאַרניכטעט און באַשעדיקט פיל ביכער פון דער ביבליאָטעק. די דאָזיקע געשעעניש האָט אַרויסגערופן אויסערגעוויינלעכע אויפרעגונג ביי די גניעוואַשאָווער איינוווינער, וועלכע האָבן גאָר שנעל געדעקט דעם שאָדן.

ביי דער פרץ־ביבליאָטעק האָט זיך גלייכצייטיק אַנטוויקלט אַ דראַמאַטישער קרייז. נישט געקוקט אויף די גאָר באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, אָרעמקייט אין רעקוויזיט און די שלעכטע לאָקאַל־באַדינגונגען, האָט דער גניעוואַשאָווער דראַמאַטישער קרייז מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט ערנסטע פּיעסן. אין משך פון עטלעכע יאָר, האָט דער קרייז אויסגעשולט פעיִקע אַרטיסטן, פרויען און מענער, וועלכע האָבן מיט זייער שפּילן באַקומען גרויס אָנערקענונג. די אָנפירער פון די דראַמאַטישע קרייזן פון קאָזשעניץ, דעמבלין, פולאַוו האָבן אָפּגעהאַלטן אָפטע באַראַטונגען מיט די שפּילער פון גניעוואַשאָוו וועגן אופן פון שטעלן די פּיעסן.

וועגן הויכן ניוואָ פון גניעוואַשאָווער דראַמ־קרייז, באַווייזט פאָלגנדער פאַקט : צוליב עקאָנאָמישע סיבות, האָט אַ גרופּע פון די גניעוואַשאָווער דראַמ־קרייזלער — שרהלע פערלשטיין, גיטל קאָרמאַן, ירחמיאל סאַקשניידער, משה פערלשטיין און מרדכי צעלניקער, זיך באַזעצט אין דער שטאָט פּינסק, וועלכע האָט געשמט מיט איר הויכער יידישער קולטור און טעאַטראַלער קונסט. די דער־

מאַנטע גרופּע האָט אין יאָר 1930 געשטעלט אין פּינסקער יידישן האַלצמאַן־טעאַטער די פּיעסע „געלט", וועלכע האָט ביים עולם געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דער־פאָלג און איז באַצייכנט געוואָרן אַלס הויך קינסטלערישע פאָרשטעלונג.

באַוווסטע פּרעלעגענטן, ווי ד״ר יוסף קרוק, זאַלאַטאַוו א״אַ, האָבן באַוווּנדערט אונדזער גניעוואַשאָווער יוגנט, דערוויסנדיק זיך, אַז זייערע פאַרלעזונגען האָבן צענדליקער יוגנטלעכע געהערט, זיצנדיק אָדער ליגנדיק, אויסבאַהאַלטענע הינ־טער דער סצענע, ווייל די פּאָליציי האָט נישט דערלויבט קיין יוגנטלעכע צו באַזוכן פאַרלעזונגען.

דער ראַדאָמער פּראָצעס

זעקס גניעוואַשאָווער אַרבעטער זענען אין יאָר 1926 געמשפּט געוואָרן אין ראַדאָם פאַר אָנפירן מיט אַ שטרייק און פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט אין שטעטל. כמעט אַלע איינוווינער האָבן געטאַדלט די פּראָוואָקאַטאָרן און אינספּי־ראַטאָרן פון דער פּראָצעס.

ווען קיין גניעוואַשאָוו איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז די זעקס לאַנדסלייט זענען באַפרייט געוואָרן, איז אַ האַלב שטעטל געפאָרן אין באָנקאָוויעץ באַ־געגענען די באַפרייטע.

מערקווירדיק, אַז די מערהייט פון די דעמאָלט געמשפּטע, האָבן אין שפּע־טערע צייטן איבערגעטראָגן שווערע פּיי־ניקונגען און שטרויכלונגען. דאָך געפינען זיי זיך צווישן אונדז לעבעדיקע. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון באַוווסטן גניעוואַ־שאָווער אויסדויער און באַוווסטזיין.

צו פאַרענדיקן מיינע זכרונות פון די פאַרגאַנגענע טעג — עטלעכע גלייכ־ווערטלעך פון שטעטל.

גניעוואַשאָווער גלייכווערטלעך

גניעוואַשאָוו האָט נישט געדאַרפט קיין טעלעפאָן, ווייל דער פורמאַן, שלמה „האק", פאָרנדיק פון באַן, האָט אַ זאָג געטאָן מיט זיין האַק־שטימע: „דער אינ־ספּעקטאָר איז געקומען" — האָט דאָס גאַנצע שטעטל גענומען רוימען און רייניקן...

✶

די העכסטע טעכניק פון „צענטראַלער באַהייצונג" האָט דערגרייכט די אַלטע פריידע. איר באַהייצונג־סיסטעם איז באַשטאַנען פון צוויי פייער־טעפּ, ווען זי איז ווינטער געזעסן אויפן מאַרק.

✶

אויף צו באַקומען דעם טיטל דאָקטער, האָט מען אין גניעוואַשאָוו געדאַרפט בלויז אָנטאָן אַ מאַרינאַרקע און אַ קאַפעלוש. אַזוי צ. ב. איז געווען, אַז פנחס פערלשטיין האָט זיך באַוויזן אין די דערמאָנטע בגדים, האָט ער, און אַפילו זיינע קינדער, באַקומען דעם טיטל „דאָקטאָר".

אין גניעוואַשאָוו האָבן געלעבט די ערלעכסטע מענטשן! אַ פאַקט — נאָך יעדעס מאָל ברענגען „אַ פאָר וואַסער", האָט גאָדל דער וואַסער־טרעגער אָנגע־צייכנט אויפן טיר אַ קרייד־פאַסיקל — און קיינער האָט די פאַסיקלעך נישט געמעקט...

✶

פון גניעוואַשאָוו זאָל שטאַמען דאָס פאָלקס־ווערטל: „ער נעמט אַרויס אַפילו פון אונטער דער ערד". ווייל ביים רייניקן ערב פסח, האָט יאָסל פוצער מיט אַ לאָפּאַטע אויסגערייניקט פון אַ גאַנץ יאָר די אָנגעטראָטענע ערד אויפן דיל — און דאָרט געפונען די פאַרלוירענע פאַטעלניע...

זכרונות

יעקב קורמן

א.

העיירה גניבשוב שוכנת בין שתי העיירות — דמבלין ופולאבי. סוללת העפר, המתמשכת לאורך שפת הוויסל מכוסה משני צדדיה בדשא ועצים. הסוללה נשפכה בשנת 1910 כדי להגן על העיירה והכפרים מפני שטפונות הנהר שעלה על גדותיו והציף את השדות והבתים. סוללה זו היתה „הטיילת" של האוכ־לוסיה כולה.

יערות עבותים השתרעו מסביב לעיירה והוסיפו הוד והדר לסביבה כולה. איכרי הכפרים שמסביב העיירה הביאו בימי היריד והשוק את תוצרתם למכירה ומהם התפרנסה העיירה כולה.

אגדות רבות התהלכו בעיירה על לצים ורוחות. אם יצאת לדרך זבלין ודאי

ראית כי על אם הדרך מונח גוש גדול של מלח או סוכר. ואם טרחת להעלות את הגוש על עגלתך וללקק ממנו, הרי במבואות העיר קפץ הגוש מהעגלה וקרא בקול: „לץ אנוכי, לץ!"

לעתים היה מופיע הלץ בחצות הלילה, בחלונות הסנדלרים שהיו עוד רכונים על דלפקם והלץ הושיט להם לשון. ואם חלילה קיצץ הסנדלר את לשונו של הלץ, מצא למחרת היום את נעליו מושחתות...

יהודי ייד גניבשוב ריח שדות ותפוחים וגם של בית־המדרש אפפוהו. בבוסתנים צמחו פירות למיניהם, כרי־מרעה הקיפו את העיירה סביב־סביב ויערות — מלא כל העין. רבים היהודים שמצאו פרנסתם מעסקי הפירות. הם היו חוכרים את גני עצי־הפרי, סוחרים בפירות השונים ומשווקים אותם הרחק, לעיר הבירה וורשה. היו גם סוחרי בהמות יהודיים ,שקנו אותם אצל איכרי הסביבה.

ב.

בשבת, עם שחר ולאחר הארוחה, הוביל היהודי עגלתו, עזו או סוסו לשדה, למרעה. עם רדת הערב נטל לו כסא או שרפרף וישב בצוותא עם שכניו לספר מאירועי כל השבוע בעיירה וכל אשר התרחש אצל התושבים ואצל הגויים.

צהרי יום שיש קיצי. הכנות אחרונות לקראת השבת. סואנת הסימטה ה„פראגאית", השבת קרבה ובאה. הנשים מצטיידות במצרכים אחרונים לקראת השבת. הבעלים חוזרים מהכפרים לבתיהם לאחר שבוע של נדודים מכפר לכפר. עתה הם יהיו כנסיכים לפני כסא המלכות של הקדוש ברוך הוא! הנה קרב ובא ישראל־בער ושותפו קלמן ובגדיהם מאובקים וחמוצים. הסנדלר הערשל אץ למסור זוג מגפים לבעליהם, בטרם שבת. נשים עייפות ויגעות, בסינרים מוכתמים בכתמי שמן ופיח נדחקות בפתח חנותה הקטנה של חנה, לקנות נרות, סוכר, תה או מצרך שאזל דווקא לפני יום השבת.

עקרות־הבית האמידות יותר, כבר היו ישובות לפני פתח בתיהן, לבושות חגיגית, בסנורים לבנים והנערות אף הן יושבות עם אמותיהן, רחוצות, מסורקות, צמותיהן השחורות קלועות, עדויות בסרטים לבנים, לבושות שמלות שבת נאות וסינורים לבנים.

לפתע נישא ענן אבק גדול, ממנו יוצאות הבהמות החוזרות מפראגה ואט־אט מופיעות מתוך הענן גם הכבשים. הן פוסעות לאט לאט, צמריהן אפרפר, עיניהן התמימות בוהות לעברים וכנופיית ילדים מלווה אותן במחיאות כפים קצובות.

והנה מופיע בקצה הסמטה השמש מנדל אהרון, כפות ידיו מאַהילות על פיו ומכריז בקול: „אין שול אַריין!"

יום שבת מפציע. בסימטות מופיעים סוחרי הבהמות והסוסים, המובילים אותם למרעה.

לפני בקתתו הדלה יושב הרועה מאַצ'ק ומנגן על חלילו שירי רועים נוגים. והיהודים פונים לבית־המדרש לאמור פרק תהלים, לעיין בספר או לקרוא את פרשת השבוע. והנוער — רבים עם ספרים תחת בית שחים יוצאים מחוץ לתחום העיירה שם ימצאו עצים עבותים שבצלם יקראו ספרים חילוניים.

לפתע פורץ לסימטה יהודי בצעקות רמות: „בנו הצעיר של קווייט דקר את סוחר הבהמות זושה". במהומה ובצעקות רצים כולם למקום, בו שוכב זושה שנדקר למוות.

גדול הוא הצער והאבל.

אבל שבת היום, קולות התפילה של המתפללים נישאים בכל העיירה. ובעוד הגברים עוזבים את בית המדרש ובית הכנסת, אצות הנשים להביא הביתה את הטשולנט מהאופה. אך היום יאחרו הבעלים לחזור הביתה עומדים הם קבוצות־קבוצות ומשוחחים על רצח זושה.

העגלונים הובילו את סוסיהם ל„פראגה". שם יקשרו אותם ליתד בחבל ארוך והם ישתערו על האדמה ואתם נשותיהם וילדיהם. הילדים ישחקו ב„פאלאנט", כדור, קלאַס או בחיילים.

ג.

ימות החורף היו עצובים בעיירה. הגשם החל לרדת בסתיו והאדמה כולה נהפכה בוצית וטובענית. כאשר ניסית להוציא רגל אחת מהבוץ — שקעת בשניה. לאחר הגשם כיסו השלגים את העיירה, השמים היו מכוסים בעננים כבדים ורוחות עזות הסתערו על הבתים הקטנים. הכפור הטביע את נוכחותו על שמשות החלונות והנוער ידע כי החורף הוא עתה במלוא עוזו. הוא יצא לאגם („פסעסווע" או „קעסל גרוב") במחלקיים להחליק על המים שקפאו. אחרים עלו לגבעות, כדי לגלוש מהן בעגלות החורף שהתקינו במו ידיהם. ואם אחרו לשוב הביתה, לאחר שקיעת השמש, יצאו לקראתם אמותיהם בצעקות: „גענוג, דער טאָג איז פאַר די ווייניק? דאַרפסט נאָך אין דער נאַכט?"

אך גם החורף חלף־עבר וכבר חג הפסח עומד בפתח. הכל התכוננו לאפיית המצות. זקן ונער נרתמו למצווה. אחד לצקת מים, אחר ללוש או לאפות. ליד

שולחנות ארוכים ניצבו נערות ונשים ללוש את הבצק ובעוד המצות חמות נשאו אותם הסבלים לבתי היהודים.

והמהומה בבתים היתה רבה. הכל הוצא לאיוורור, החדרים סוידו וכובדו לאחר החורף הארוך לכבוד הפסח הקרב ובא. ליד כל הבארות ישבו הנשים וקרצפו ומרקו בחול את סירי הנחושת כדי שיבריקו. לאחר המירוק נתלו הסירים על הקיר, כדי שיקשטו את הבית.

לקראת חג הפסח ייבשה השמש את הביצות, „עמך" יצא ביום החג לטיול ל„סענדז'ע", כך כונתה הסביבה שם שכן הגן מלא הפרחים והעצים של פקיד הדואר, בוגוצקי. כל ווידוי־אהבה נערכו שם, בצל עצי הבוקיצה.

ד.

אט־אט אך באורח שיטתי התפתחו החיים התרבותיים בעיירה. תחילה נוסדה ההסתדרות הציונית, לאחריה האגוד המקצועי של עובדי העור וספריתו הגדולה, שסייעה הרבה להעלות את הרמה התרבותית של בני העיירה. גם מרצים שונים ביקרו בעיירה ורבים מאוד האזינו לדבריהם. הנוער למד מקצועות שונים: סנדלרות, חייטות, תפרות ונגרות. הנעלים, פרי עבודתם של סנדלרי העיירה ,נמכרו בלמברג. לעתים פרצו שביתות, בתביעה לשכר יותר גבוה, או תשלום השכר במזומנים ולא בשטרות. בראש כל הפעולות האלה — התרבותיות והמקצועיות, עמדו ישראל זלצמן, מרדכי צלניקר ואחרים.

החייטים לא היו מאורגנים, הם עבדו „זמן", כלומר מפסח עד לסוכות. יום העבודה החל ב־5—6 בבוקר ונסתיים בשעת ערב מאוחרת. כל אימת שחברי איגוד העור ניסו לארגן את החייטים, הכשילו אותם ה„מייסטרים". רק בשנים 1931־32 הצליחו כותב השורות האלה והח' גרינשפאן ואברהם פלדמן לארגן ליד אגודת העור סקציה של עובדי המחט. השביתה הראשונה נערכה ב־20 באוגוסט 1932 — והושג יום עבודה של עשר שעות וקבלת או פיטורי עובדים רק באמצעות האגודה המקצועית. כמובן שהישגים אלה לא הושגו בדרך קלה. ה„מייסטרים" הסתייעו בבריונים ולא אחת פרצו מריבות ומכות ביניהם לבין הפועלים. אברהם אביש שרמן, דקר בשעת מריבה אחד הבריונים במספריים. לבסוף נוכחו ה„מייסטרים" לדעת, כי ידם תהא על התחתונה. אגודת פועלי העור תמכה כל העת בחייטים בכסף ועודדה את רוחם.

אגודת פועלי העור היתה מחולקת לסקציות שונות: סנדלרים, תפרים, מצחצחים ואחרים. כאשר העבודה היתה בצימצום ,חילקה האגודה את ימי

העבודה בין כל חבריה, בלי לקפח איש. יצויין, כי החברים היו מאורגנים היטב וממושמעים.

וכשפרץ המשבר והשתרר חוסר עבודה, החלו הצעירים לעזוב את העיירה ולחפש את מזלם בוורשה הרחוקה. חלק מהם היגר לארצות מעבר לים. כאשר חזרתי ב־1937 לגניבשוב מוורשה, מצאתי את האגודה מפוררת כליל. רק ה„בונד" בראשותו של יעקב שרמן היה פעיל וכן פעלה ההסתדרות הציונית, בה הייתי מבקר בסניף הודות לשרה קורמן.

גם העיירה שינתה את פניה. הסימטות שינו את דמותן, המדרכות רוצפו וחשמל האיר הרבה רחובות. גם הבתים הוארו בחשמל ולא עוד בעששיות נפט. הוארו הבתים והרחובות, אולם החיים עצמם הלכו והתקדרו, תרדמה נפלה על העיירה, כי רוב הנוער נטש אותה.

דערמאָנונגען

יעקב קאַרמאַן

א

צווישן פולאַוו און דעמבלין ליגט דאָס שטעטל גניעוואַשאָוו דער שיינער וואַל וואָס ציט זיך צו דער ווייסל, איז פון ביידע זייטן באַדעקט מיט גראָז און ביימער. ער איז ספּעציעל אָנגעשיט געוואָרן אין יאָר 1910, כדי באַשיצן דאָס שטעטל און דערפער ביי דער ווייסל, וועלכע פלעגט אַרויס פון די ברעגעס און פאַרגיסן די סביבה. דער דאָזיקער וואַל פלעגט זיין דאָס שפּאַציר־אָרט פאַר דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג.

אַרום גניעוואַשאָוו זענען געווען פיל דערפער מיט פּויערים, וועלכע זענען געקומען אין די יאַריד־טעג איינקויפן און פאַרקויפן — און פון דעם האָט דאָס שטעטל געצויגן חיונה.

אַרום דעם שטעטל זענען אויך געווען פיל וועלדער, וועלכע האָבן צוגעגעבן אַסך חן דער גאַנצער געגנט.

דאָס שטעטל האָט זיך געהאַט אירע לעגענדעס וועגן לצים. מען האָט דער־ציילט, אַז ווען מען פאָרט קיין זוואָלין, ליגט אַ גרויס שטיק זאַלץ אָדער צוקער

אויפן וועג. ווען דער מענטש איז זיך מטריח און נעמט דאָס אַרויף אויף דער פור און גיט דערצו אַ לעק, גיט עס אונטער דער שטאָט אַ שפּרונג אַראָפּ פון דער פור און שרייט אויס: „אַ לץ בין איך!"

די שוסטערס פלעגן אַרבעטן ביז די שפּעטע שעהן. ביינאַכט קומט דער לץ און שטעקט אַריין זיין צונג דורכן פענצטער. אויב דער שוסטער שניידט אָפּ די צונג, געפינט ער צו מאָרגנס אַלע כאָלעוועס מיט אָפּגעשניטענע שפּיצן...

דער ייד וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף גניעוואַשאָווער ערד, האָט געשמעקט מיט עפּל — סיי אין פעלד, סיי אין בית־המדרש. די געגנט איז רייך מיט פּאַשע, האָדעוועט דאָרט דער פויער די פי. עס וואַקסן אויך אין די סעדער שיינע, צייטיקע פרוכטן. יידן קויפן זיי און פירן די כחורה קיין וואַרשע, אָדער דינגען ביים פויער אויף זומער דעם סאָד און אַ גאַנצן סעזאָן איז ער אין דאָרף, וווינט ביים פויער, אָדער לעבט אין אַ בויד.

די הענדלער פון פי און פערד פלעגן אויך גיין אין דאָרף איינהאַנדלען זייער סחורה.

ב

שבת פאַרטאָג, ווי אויך נאָכן עסן, גייט מען אין פעלד, אַ. ג. „פּראַגע", כדי פיטערן אַן אייגן קיעלע, ציג אָדער פערד. פאַרנאַכט זיצט מען אויף די בענק פאַר די הייזער און מען דערציי'לט מעשיות פון אַ גאַנצער וואָך.

אַ זומערדיקער פרייטיק נאָך ניטאָג. היימלעך איז אין דעם פּראַגער געסל. מען שפּירט אַז דער שבת קומט אָן. די ווייבער לויפן מיט זייער איינקויף פון די קליינע געוועלבלעך. די מענער קומען אָן פון דאָרף: ישראל־בער מיט זיין שותף קלמן,ביידע אין פאַרשטויבטע מלבושים. דער שוסטער הערשל גערגע טראָגט אָפּ אַ פּאָר שטיוול צו וועלכן קונה. פאַרהאָרעוועטע ווייבער מיט פאַר־מאַטערטע פּנימער אין פאַרשטויבטע פאַרטעכער שטופּן זיך אין איילעניש פאַר חנהס געוועלבל, כדי קויפן ליכט, צוקער, טיי.

די רייכערע ווייבער זיצן שוין פאַר זייערע טירן אויסגעפּוצטע אין ווייסע שערצן לכבוד שבת. אויך די מיידלעך — אָפּגעוואַשענע, אויסגעקעמטע, די שוואַרצע צעפּעלעך פאַרשלייפט מיט בלאָע באַנדן, אָנגעטאָן אין קרעטאָנענע קליידלעך, ווייסע שערצלעך — זיצן מיט די מאַמעס און קוקן אין געסל.

מיט אַ מאָל הייבט זיך אויף אַ גרויסער שטויב. דאָס קערן זיך אום די בהמות פון דער פּראַגע. איינציקווייז קריכן אַרויס פון וואָלקן־שטויב אויך די שעפּסן. די געקרייזלטע וואָל זייערע איז ווייס־גראָ. זיי גייען לאַנגזאַם, קוקן תמעוואַטע אין געסל. זיי באַגלייט אַ חברה קינדער, וועלכע פּאַטשן מיט די הענטלעך און לויפן נאָך די שעפּסן.

באַלד קומט צו לויפן דער שטעטלדיקער שמש, מענדל בארן, לייגט צו ביידע הענט צו זיין דאַר פּנים און שרייט: „אין שול אַריין!"

שבת אין דער פרי. עס הייבט אָן טאָגן. די פּי־הענדלער און פערד־סוחרים לאָזן זיך אַוועק מיט זייערע פּירפּיסיקע אויף די אַרומיקע לאָנקעס.

פֿאַר זיין קליינער כאַטקע, זיצט דער הויכער מאַטשעק און פּייפט אויס מיט זיין פּייפל בענקענדיקע פּאַסטעך־לידער. יידן גייען איינציקווייז אין בית־המדרש. ווער זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים און ווער מעבר זיין די סדרה פון דער וואָך. דאַקעגן די יוגנט — מיט ביכער אין די הענט, לאָזן זיך אויף די ווּעגן ווו עס זענען פאַראַן גרויסע ביימער מיט אַ סך שאָטן. דאָרט וועט גוט זיין צו לייענען די ביכער.

אַ ייד קומט צו לויפן און שרייט איבערן גאַנצן שטעטל, אַז קוויעטס יונ־גערער זון האָט דערשטאָכן אויף טויט זישען דעם פּי־הענדלער. עס ווערט אַ גע־וואַלד, אַ טומל, אַלע לויפן דאָרט, ווו עס ליגט דער טויטער זישע.

דער טרויער איז גרויס.

ס׳איז שבת. מען איילט זיך אין בית־המדרש אַריין. יידן דאַווענען אויפן קול. דערנאָך טראָגן די ווייבער די טשאָלנטער פון בעקער. יידן איילן זיך נישט צו גיין פון בית־המדרש אַהיים. די טעמע איז — זישע.

אַ גאַנצע וואָך פּאַשען זיך די בהמות אויף דער „פּראַגע״. שבת פירן אַהין די בעלי־עגלות זייערע פערד. ליגט זיך אַזאַ בעל־עגלה אויסגעצויגן אויפן בויך, נעבן אים זיצט דאָס ווייב און קינדער, בעת דאָס פערד איז אָנגעבונדן מיט אַ לאַנגן שטריק צו אַ שטיק האָלץ אַריינגעהאַקט אין דער ערד. די יינגלעך שפּילן אין פּאַלאַנט, אין בריסקע, אין באַלעם, אין קלאַס. דאַקעגן דאָס קליינוואַרג שפּילט זיך אין זעלנער.

ג

די ווינטערדיקע טעג אין שטעטל זענען געווען זייער אומעטיקע. אין האַרבסט האָט אַ סך גערעגנט — און ס׳איז פול געוואָרן מיט בלאָטעס. אַז מען האָט אַריינגעשטעקט איין פוס, האָט מען דעם צווייטן נישט געקענט אַרויסציִען. דער־נאָך האָבן די שנייען זיך צעלייגט איבערן שטעטל. ווינטן האָבן געבלאָזן, דער הימל איז געווען באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס. דער פראָסט האָט זיך געלייגט אויף די שויבן. הינטער דער שטאָט איז געווען אַ וואַסער („פּשעסווע״, אָדער „קעסל־גרוב״). דאָס וואַסער איז געפרוירן געוואָרן. פלעגט קליין און גרויס זיך גליטשן, ווער אויף ליזשוועס, ווער מיט זיינע שיך. פון די בערגלעך האָבן חברה זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַליין געמאַכטע שליטעלעך און דערביי געליאַרעמט ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. מאַמעס אין לאַנגע ספּודניצעס מיט גרויסע פאַרטעכער, האָבן באַגלייט דאָס קליינוואַרג מיט געשרייען: „גענוג, דער טאָג איז פאַר דיר ווייניק? דאַרפסט נאָך די נאַכט?״

ווען דער ווינטער איז אַוועק און דער פסח האָט זיך גענומען דערנענטערן, האָבן די בעקערייען זיך גענומען באַקן מצות. גרויס און קליין איז געלאָפן אַר־

בעטן — ווער וואַסער גיסן, ווער רעדלען, ווער וועלגערן — עס האָט זיך געקאָכט אין שטעטל.

ביי לאַנגע טישן זענען געשטאַנען ווייבער און מיידלעך, וועלכע האָבן געוועלגערט די מצות. טרעגערס האָבן אָפּגעטראָגן די מצות אין די שטובן, ווו מ׳האָט זיי אויפגעהאָנגען ביז פּסח.

טירן־און־פענצטער האָבן זיך געעפנט צו לופטערן די שטובן, וועלכע מען האָט אויסגעווייסט מיט קאַלעך, כדי ס׳זאָל אויסזען לייטיש אויף פּסח. ביי אַלע ברונעמער זענען די ווייבער געזעסן און געריבן די מעשענע כלים מיט זאַמד, זיי זאָלן גלאַנצן. שפּעטער זיי צעהאָנגען אויף די ווענט, עס זאָל באַשיינען די דירה.

די זון האָט אויסגעוואָרעמט און אויסגעטרוקנט די גרויסע בלאָטעס. אין פּסח האָט דער עולם זיך געלאָזט גיין שפּאַצירן אונטערן „שענזשער". אַזוי האָט מען גערופן די געגנט, ווו באַגוצקי, דער פּאָסט־באַאַמטער, האָט געהאַט אַ גאָרטן מיטביימער און בלומען. אַלע ליבעס־דערקלערונגען זענען פּאָרגעקומען אין יענער געגנט, באַשיינט מיט אַקאַציע־ביימער.

ד

לאַנגזאַם און סיסטעמאַטיש האָט זיך אויך אַנטוויקלט דאָס קולטורעלע לעבן. צו ערשט איז געשאַפן געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. שפּעטער האָט זיך געגרינדעט דער פּראָפעסיאָנעלער־פאַראיין פון די לעדער־אַרבעטער, מיט איר גרויסער ביבליאָטעק, וואָס האָט אַריינגעברענגט אַ סך וויסן אין שטעטל. עס זענען אויך געקומען פיל רעדנער פון וואַרשע, צווישן אַנדערע — ד״ר יוסף קרוק. די יוגנט האָט זיך געלערנט פאַרשידענע פאַכן, ווי: שוסטעריי, שניידעריי, שטעפעריי און סטאָלעריי. די שיך זענען אין רוב פאַרקויפט געוואָרן קיין לעמ־בערג. עס זענען דורכגעפירט געוואָרן שטרייקן ועגן אַ בעסערן לוין, וועגן אויסצאָלן במזומנים און נישט מיט וועקסלען. אָנגעפירט מיט די אַלע אַרבעטן, פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע, האָבן די חברים ישראל זאַלצמאַן, מרדכי צעל־ניקער און אַנד.

די שניידערס זענען נישט געווען אָרגאַניזירט, זיי האָבן געאַרבעט אויפן זמן, ד. ה. פון פּסח ביז סוכות. דער אַרבעטס־טאָג איז געווען פון 5 אָדער 6 אין דער פרי, ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. וויפל מאָל חברים פון לעדער־פאַראיין האָבן געפּרוווט אָרגאַניזירן דאָס שניידער־פאַך, האָבן די מייסטערס, מיט פאַר־שידענע מיטלען, אַלץ צונישט געמאַכט. ערשט אין יאָר 32—1931 איז געלונגען דעם שרייבער פון די שורות און די חברים גרינשפּאַן און אברהם פעלדמאַן צו אָרגאַניזירן אַ נאָדל־סעקציע ביים פּראָפ׳־פאַראיין פון די לעדער־אַרבעטער. דער ערשטער שטרייק איז פאָרגעקומען דעם 20סטן אויגוסט 1932 — און ס׳איז אויסגעקעמפט געוואָרן אַ 10־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, און אַז צונעמען און

אָפּזאָגן אַרבעטער קען מען נאָר דורכן פֿאַראיין. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. די שניידער־מייסטערס האָבן זיך באַנוצט מיט „שטאַרקע״, ס׳זענען פֿאָרגעקומען געשלעגן. אברהם־אביש שערמאַן האָט מיט אַ שער צעשטאָכן איינעם אַזאַ „שטאַרקן״. האָבן די מייסטערס איינגעזען, אַז זיי האָבן פֿאַרשפּילט. דער לעדער־פֿאַראיין האָט די גאַנצע צייט געשטיצט די אַרבעטער מיט געלט און מוט. אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל שניידער־שטרייק.

דער לעדער־פֿאַראיין איז געווען איינגעטיילט אין פֿאַרשידענע סעקציעס: שוסטערס, פּוצערס און קאַווערס, ווי אויך שטעפּערס. פֿיל יוגנטלעכע זענען געווען באַשעפֿטיקט ביי די אַרבעטן. ווען ס׳איז נישט געווען קיין סך אַרבעט, האָט דער פֿאַראיין איינגעטיילט אַזוי, אַז יעדער זאָל עפּעס האָבן. עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז די חברים זענען געווען דיסציפּלינירט און גוט אָרגאַניזירט.

ווען ס׳איז געוואָרן אַ קריזיס און ס׳האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די אַרבעטלאָזיקייט, האָט די יוגנט אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן גניעוואַשאָוו און אַוועק קיין וואַרשע. אַ טייל האָט עמיגרירט קיין אויסלאַנד. ווען איך בין סוף 1937 צוריק געקומען פֿון וואַרשע, איז אַלץ געווען צעשטערט. דער פֿאַראיין האָט מער נישט עקזיסטירט, נאָר דער „בונד״, בראש מיטן חבר יעקב שערמאַן, איז געווען טעטיק און די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווו איך פֿלעג אַריינקומען אַ דאַנק שרה קאָרמאַן.

אויך דאָס שטעטל האָט זיך געענדערט. די געסלעך האָבן באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. עס זענען געלייגט געוואָרן טראָטואַרן, עלעקטריע האָט באַ־לויכטן די שטאָט. אויך אין די שטובן האָט מען אויפֿגעהערט נוצן די נאַפֿט־לאָמפּן. ס׳איז ליכטיק געוואָרן סיי אין גאַס, סיי אין די שטובן. אָבער דאָס לעבן איז נישט געווען אַזוי ברויזנדיק ווי פֿריִער, ווייל דער רוב יוגנט האָט פֿאַרלאָזט גניעוואַשאָוו.

זכרונות פון דער אַלטער היים

אברהם כהן

א

מיינע זכרונות פון גניעוואשאָוו נעמען אַרום די תקופות פון אַ חדר־ייִנגל, אין שול, אַלס ישיבה־בחור, ביזן שאַפן די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער־הציוני". אין עלטער פון 15 יאָר האָב איך פאַרלאָזט גניעוואַשאָוו, אַוועק קיין וואַרשע און געפירט אַ זעלבשטענדיק לעבן.

מיין לעבן אַלס חדר־ייִנגל, איז בדרך כלל געווען, ווי ביי די אַנדערע ייִנגלעך אין גניעוואשאָוו. דאָך בין איך געווען מיט עפּעס אַן אויסנאַם, אַ יוצא מן הכלל. איך בין שטענדיק געווען מער באַגרעניצט, געמוזט זיין אַ גוטער לערנער, ווייל איך האָב געוווסט, אַז מיין פאָטער ז״ל, וועט מיך שבת פאַרהערן. אויך מיין רבי, דער מלמד, האָט דאָס געוווסט. דערפאַר האָט ער אויף מיר מער אַכטונג געגעבן, געהאַלטן אַן אויג מער ווי אויף אַנדערע ייִנגלעך. איך, פאַרשטייט זיך, בין נישט געווען דערפון צופרידן. מיר האָט זיך געוואָלט אַ לעב טאָן ווי אַלע אַנדערע קינדער. אין אַזעלכע מאָמענטן האָב איך דעם רבין מער געהיטן ווי ער מיך. דער רבי האָט שטענדיק געדראָט, אַז ער וועט דערציילן דעם טאַטן, וויסנדיק, אַז דאָס וועט אויף מיר שטאַרק ווירקן.

אַזוי זענען אַוועק די קינדער־יאָרן. איך בין איבערגעגאַנגען פון איין מלמד צום אַנדערן און יעדער פון זיי — מיט זיינע פרינציפּן און געוווינהייטן.

אַ חוץ זיין אַ גוטער תלמיד, האָב איך געהאַט נאָך אַן אויפגאַבע: אַ משורר... מיין פאָטער ז״ל איז געווען בעל־תפילה אין שטעטל. האָב איך אים באַדאַרפט העלפן, טיילמאָל אויך דערמאָנען אַ ניגון. אַלס קליין ייִנגל, איז דאָס געווען אַ גרויס אָפּקומעניש און עול. איך האָב בעסער געוואָלט זיין אין שול צוזאַמען מיט אַלע קינדער, רעדן מיט זיי, זיך שפּילן. כ׳האָב אָבער געמוזט שטיין ביי דער מזרח וואַנט, נעבן גאַנצן כלי־קודש און פני פון שטעטל — און העלפן זינגען. אַזוי האָט געפאָדערט דער חוב פון כיבוד אב און שלום־בית, הגם איך בין דערפון געווען אומצופרידן.

איך האָב אויך געלערנט אין דער פוילישער פאָלקס־שול („פּאָווסשעכנע"). אין דער פרי בין איך געגאַנגען אין שול, נאָכמיטאָג — אין חדר. אין די ווינטער־טעג איז מען געזעסן אין חדר ביז שפּעט אין אָוונט.

אין יענער צייט איז אין שטעטל פאָרגעקומען אַ מחלוקת, וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט ביי מיר די בעסטע זכרונות.

מיין פאָטער איז אויך געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דאָזאָר אין דער יידישער קהילה. אויף וויפל איך געדענק, האָט מען ביי אונדז אין שטוב נישט געהאַט דערפון קיין גרויס נחת. אַ טייל שטעטל דיקע האָבן אונדז פשוט פיינט געהאַט. כ'האָב ניט געוווּסט פאַר וואָס און פאַר ווען, אָבער דאָס אַלץ גוט געפילט. טיילמאָל איז עס געווען פון די קצבים אין שטעטל, טיילמאָל — פון די שוחטים, אָדער סתם יידן, וועלכע זענען נישט געווען צופרידן פון פאָטערס טעטיקייט.

די הויפּט־סיבה איז געווען די מחלוקת אין שטעטל צוליבן אויפנעמען אַ נייעם רב. אַ מחלוקת, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן כמעט אין אַ מלחמה.

גניעוואשאָוו איז אייגנטלעך באַשטאַנען פון צוויי „שטעט": גניעוואשאָוו און גרעניץ, הגם ביידע צוזאַמען זענען געווען גרויס ווי אַ געניץ. אָט די ב ידע צדדים האָבן געדאַרפט אויפנעמען איין רב. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה. מענטשן האָבן פאַרגעסן, אַז מען דאַרף אויך טראַכטן וועגן פרנסה, זאָרגן פאַר די קינדער, וואָס האָט קיינעמען נישט געפעלט. דאָך האָט מען זיך פאַרנומען מיטן... רב. ווען מען גניעוואשאָוו האָט געוואָלט — האָט גרעניץ נישט געוואָלט, און ווען גרעניץ האָט פאַרלאַנגט — האָט זיך גניעוואשאָוו קעגנגעשטעלט. הגם מיר האָבן געוווינט אין גרעניץ, האָט מיין פאָטער געהאַלטן מיטן גניעוואַשאָווער רב. ביז היינט ווייס איך נישט די סיבה. דערנאָך זענען פאָרגעקומען וואַלן, דוכט זיך — צוויי מאָל, ווייל די ערשטע וואַלן האָט מען געפסלט. ביידע מאָל איז געוויילט געוואָרן דער גניעוואשאָווער רב, וועלכער האָט געוווינט אין שטעטל עטלעכע יאָר. לויט ווי איך געדענק, איז ער געווען אַ סימפּאַטישער, ווילער ייד. אויך די רביצין איז געווען אַ ווילע, ביידע זענען געווען געבילדעטע מענטשן.

אונדזער פאַמיליע האָט שטאַרק געליטן, ספּעציעל צוליב די געשעענישן מיטן רב, ווייל מיין פאָטער איז אַלס דאָזאָר געווען שטאַרק פאַרמישט אין די ענינים.

דערווייל איז די צייט געגאַנגען. מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער

ווירקלעכקייט, ערשט שפּעטער איינגעזען, אַז מ׳האָט פריער געטאָן נאַרישקייטן. נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, בין איך אַלט געוואָרן 13 יאָר. ס׳איז נישט קיין סוד, אַז אין גניעוואַשאָוו האָט מען אין יענער צייט נישט געמאַכט קיין טראַסק פון בר־מצוה. שבת,ביים דאַווענען, האָט מען באַקומען „מפטיר״, דער טאַטע האָט געזאָגט „ברוך שפטרני מעונשו של זה״ — און דערמיט האָט עס זיך געענדיקט...

ב

נאָך דער בר־מצוה האָט מיין פאָטער באַשלאָסן, אַז אין גניעוואַשאָוו איז נישטאָ פאַר מיר קיין פּלאַץ צו לערנען און געוואָלט מיך שיקן קיין זוואָלין, ווו ס׳האָבן געוווינט זיינע עלטערן. דאָרט איז אויך געווען אַ גרויסע ישיבה. אין פאַרגלייך צו גניעוואַשאָוו, איז זוואָלין געווען אַ גרויסע שטאָט. הגם דער טאַטע האָט געפאָדערט אַז איך זאָל דאָרט לערנען אין דער ישיבה, האָט אָבער מיין מוטער ז״ל נישט מסכים געווען אַז ביי 13 יאָר זאָל איך שוין אַוועק פון שטוב. מיך האָט נישט געאַרט צו פאַרלאָזן גניעוואַשאָוו, דווקא געהאַט חשק צו טוישן דאָס אומעטיקע שטעטל.

איך בין געוואָרן אַ ישיבה־בחור. מיין לאַגע איז נישט געווען קיין שלעכטע — אין פאַרגלייך צו אַנדערע בחורים. איך האָב נישט געגעסן קיין „טעג״. זיך אויפגעהאַלטן ביים זיידן, געווען זעלבשטענדיק, פאַרענדיקט מיט געוויסע מינהגים, וואָס זענען מיר נישט געווען צום האַרצן, פּטור געוואָרן פונעם זינגען ביי דער מזרח־וואַנט, אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַרן רבין און פאַרן שבתדיקן פאַרהער פון מיין פאָטער. אין ישיבה בין איך געווען פּטור פון דעם אַלעמען. די ישיבה־בחורים זענען יעדן שבת געגאַנגען צו די גבאים און זיי האָבן אונדז פאַרהערט. מיט די גבאים האָט מען זיך גוט איינגעאָרדנט, ווייל אָפטמאָל האָט מען געקענט בעסער פון זיי...

אַזוי זענען אַדורך זעקס חדשים. מיך האָט נישט געצויגן צו זיין אַ ישיבה־בחור, בלייבן אַ לערנער, צי אַ באַנק־קוועטשער, נישט געזען דאָרט פאַר מ׳ר אַ צוקונפט. נאָך אַ געוויסער צייט, האָב איך פאַרלאָזט די ישיבה.

צוריק קומענדיק קיין גניעוואַשאָוו, האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ נייע, שווערע צייט. נישט געזען פאַר זיך קיין שום צוקונפט און תכלית. די איינציקע באַשעפטיקונג מיינע איז געווען: העלפן דעם טאַטן אין אַ מאַרקטאָג טראָגן זעקלעך מיט תבואה, אָדער סתם זיי טאַפּן און זאָגן וואָס ס׳איז דאָרט פאַראַן.

ניט נאָר איך, נאָר כמעט די גאַנצע יוגנט האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין שטעטל. נישט געלערנט קיין תורה, געוועז אָן אַ פאַך. ס'איז אויך נישט געווען וואָס צו לערנען. ווער ס'האָט געקענט מיט עפּעס העלפן די עלטערן, האָט עס געטאָן. קיין גרויסע גליקן זענען אין יענע צייטן נישט געווען. דער שטייער־אַמט אין פוילן האָט שוין געזאָרגט, אַז יידן זאָלן נישט פאַרדינען צו פיל.

מיין נאָענטסטער חבר, יעקב פוקס ז"ל, וועלכער איז אין 1934 ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן אין גניעוואשאָוו, האָט מיט מיר אָפט געשמועסט וועגן אונדזער צוקונפט. מיר זענען תמיד געקומען צום אויספיר, אַז אין שטעטל איז די לאַגע פון דער יוגנט אַ האָפענונגסלאָזע.

ג

ווי נאָר ס'איז אין גניעוואשאָוו געשאַפן געוואָרן די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני", בין איך און יעקב פוקס געוואָרן דאָרט פון די טעטיקסטע חברים. צומערשט אין גדוד, שפּעטער אין קן מיט די קבוצות. אַרום דעם „הנוער הציוני" האָט זיך געזאַמלט די בעסטע יוגנט פון שטעטל. די גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען: יוסף טיראַנגעל — ראש הגדוד, אליעזר וויינבערג — ראש הקן, דוד פּערלשטיין — ראש הקבוצה. איך האָב געהערט צו דער קבוצה פון דוד פּערלשטיין, וועלכע האָט זיך גערופן „שמשון הגבור".

אין דער אָרגאַניזאַציע איז דאָס לעבן געוואָרן אינטערעסאַנטער. מיר האָבן געלערנט וועגן ציוניזם, ארץ־ישראל, געטאַנצט אַ „האָראַ" און דאָס וויכטיקסטע — געהאַט ווו צו פאַרברענגען די אָוונטן.

וועגן ארץ־ישראל האָבן מיר אַ סך געטרוימט און גערעדט, אָבער מער פון דעם האָבן מיר גאָרנישט געקענט טאָן. בעת אונדזערע עלטערן האָבן 3 מאָל אין טאָג געזאָגט: „ותחזנה עינינו בשובך לציון" און געוואַרט אויף משיחן, האָבן מיר יוגנטלעכע דערווייל געטאַנצט, געזינגען חלוצישע לידלעך, פאָרגע־שטעלט ווי אַזוי טרומפּעלדאָר האָט געקעמפט אין גליל און העלדיש געפאַלן מיטן „טוב למות בעד אַרצנו".

אַזוי איז זיך געלאָפן די צייט, ביז איך בין אַלט געוואָרן 15 יאָר און אַנגעהויבן פילן, אַז עס ווערט ענג אין גניעוואשאָוו. מיר איז אויך ענג געוואָרן אין שטוב. מיר זענען דאָך געווען אַכט קינדער. די מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן אַלץ שווערער. די יידן אין פוילן האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס צוליב דער שטייערן־שרויף, אַנטיסעמיטישן קורס און די פּוילישע קאָאָפּעראַטיוון,

װעלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצורײַסן דעם האַנדל פון ײדישע הענט.

איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן גניעװאַשאָװ. מיר איז נמאס געװאָרן צו זען דעם האַנדל־װאַנדל, דעם יאַריד־טאָג מיטן טאַפּן די זעקלעך קאָרן אָדער װייץ, װאָס נישט שטענדיק איז געװען פון דעם פּרנסה. איך האָב אויך געװאָלט װערן אומאָפּהענגיק פון מײַנע עלטערן.

איך בין אַװעק קיין װאַרשע. דער פאַקט, אַז איך פאַרלאָז גניעװאַשאָװ און הייב אָן אַ נײַ, זעלבשטענדיק לעבן, איז פאַר מיר געװען אַ גרױס געשעעניש.

ס'איז דעמאָלט געװען אײַנגעפירט, אַז זומער פאָרט מען קיין װאַרשע מיטן סטאַטעק, אַ קליינע שיף װאָס האָט קורסירט אויף דער װײַסל. אַזאַ רײַזע האָט געקאָסט פיל ביליקער װי מיט דער באַן. יעדן דינסטיק פאַרנאַכט, נאָכן יאַריד, האָט מען געזען יחידים און גרופּן מאַרשירן קיין רעגיװ, אַ קליין דאָרף בײַ דער װײַסל. פון דאָרט איז דער סטאַטעק אָפּגעגאַנגען קיין װאַרשע.

ד

אַ געװיסן דינסטיק, אין יאָר 1932, בין איך מיטן דאַמפּער אַװעק קיין װאַרשע, באַקומען דאָרט אַרבעט בײַ מײַנעם אַ פעטער, אין אַ הורט־געשעפט. די הױפּט־אַרטיקלען זענען געװען — אייער, פּוטער און קעז. אונדזערע קונים זענען געװען קליינע סוחרים, אײַגנטימער פון שפּײַז־געװעלבער און מילך־האַנדל. מײַן אויפֿ־גאַבע איז געװען העלפן דעם פעטער באַדינען די קונים, טײלמאָל אַװעק פירן די סחורה, אָדער ברענגען און פּאַקן די פּראָדוקטן. אויך די גניעװאַשאָװער אייער־הענדלער, װי אהרן האַנדלסמאַן, אונדזערער אַ שכן און אַנדערע פלעגן פאַרקויפן זייער סחורה דעם פעטער אין װאַרשע.

די אַרבעט איז געװע אַ גאַנץ שװערע, אַ סך שעהן און אויך אַ פאַראַנט־װאָרטלעכע. אַז מען האָט עס געקענט באַהערשן, האָט עס געהייסן אַ פאַך.

איך געדענק, װען כ'בין אָנגעקומען צום פעטער, האָט ער פאַר מיר געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע: אויב איך װעל זיך אויסלערנען דאָס פאַך און אַרבעטן געטרײַ, װעט ער מיר שפּעטער העלפן װערן זעלבשטענדיק און מיר מאַכן אַ געװעלב. פאַר מיר האָט געאַרבעט אַ בחור, גוט און געטרײַ, אָבער פון מיר פאַרלאַנגט ער צו אַרבעטן נאָך בעסער, װײַל איך בין דאָך אַן אייגענער...

איך האָב מײַן פעטער גלײַך דערקלערט, אַז איך טראַכט נישט צו װערן קיין



קבוצת חברים מן „החלוץ" בשנת 1930
(מימין לשמאל, שורה ראשונה): זליג אורטרגר, זלמן פרייברג, עוזר גוטליב, פרלה גולדווסער (מפולאווי), שמואל דינר
שורה שניה: אתל גולדנדל, רבקה גולדשטיין,ביילה קרוק, מיכאל צוקר
יושבים; אתל רובינשטיין, דוד גוטליב, שרה זילברמן, מנדל אנגלטר

געוועלבניק, כ'וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל — און דאָרט קענען נישט אַלע יידן זיין סוחרים.

אויך אין וואַרשע בין איך געוועז אַקטיוו אין „הנוער הציוני", באַזוכט אַנדערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אינטערעסירט זיך מיטן יידישן לעבן אין דער הויפּטשטאָט. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס אָרעמע לעבן איז וואַרשע איז אפשר פיל ערגער ווי אין אונדזער שטעטל. שבת האָב איך געפלעגט שפּאַצירן אין די יידישע גאַסן, געזען די אָרעמקייט און נויט אויף דער שמאָלע מילע, די קעלער־שטובן פון סמאָטשע, דעם שמוץ פון דער סטאַווקי.

אין די וואָכן־טעג זענען אויף די גאַסן געגאַנגען הונדערטער און טויזנטער יונגע בחורים, פאָרגעלייגט פאַרשידענע סחורות, כדי עפּעס צו פאַרדינען. איך האָב זיך באַקענט מיט פאַרשידענע יינגלעך אין מיין עלטער, אויך עלטערע פון מיר. מיר האָבן געשמועסט, דיסקוטירט וועגן גורל פון דער יידישער יוגנט אין פוילן. אַלע זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז אין פוילן איז נישטאָ פאַר אונדז קיין אָרט.

אַ קליינע צאָל חברים האָט געהאָפט, אַז זייער לאַגע וועט גרינגער ווערן דורך אַ רעוואָלוציע אין פּוילן, אַן ענדערונג וואָס וועט אַ סוף מאַכן צו אַלע ליידן. דאָס זענען געווען די אַנהענגער פון „בונד" און קאָמוניסטן, פּאַרשטענד־לעכע, באַוווסטזיניקע בחורים. איך האָב זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויך דאָס יידישע פאָלק האָט אַ רעכט, ווי אַלע פעלקער, אויף אַן אייגן לאַנד אין ארץ־ישראל.

ה

אַזוי איז אַוועק די צייט. טיילמאָל, אין די יום־טובים, פלעג איך קומען קיין גניעוואשאָוו. די ברידער און שוועסטער זענען אונטערגעוואַקסן. דאָס לעבן האָט זיך נישט געענדערט. בחורים אין מיין עלטער האָבן געזוכט אַ שידוך מיט אַ נדן. וועמען דאָס איז געלונגען, האָט זיך געעפנט אַ געוועלב אָדער אַ סטראַגאַן אויפן מאַרק. אַ טייל האָט דעם נדן שנעל אָנגעווירן.

אין 1933 האָבן אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס געשאַפן הכשרה־פּונקטן. אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט אויסזוכן עפּעס אַ פאַכמענישע אַרבעט, צו האָלץ האַקן, וואַסער טראָגן, האָט מען אַלץ געטאָן, כדי זיך קענען אויסהאַלטן. דער דראַנג פון דער יוגנט צו חלוצישע הכשרה, כדי דערנאָך עולה זיין קיין ארץ־ישראל — איז געווען זייער גרויס.

אויך אין גניעוואשאָוו האָט די יוגנט גענומען פאָרן אויף הכשרה. ליידער, נאָר אַ קליינע טייל פון זיי האָט שפּעטער זוכה געווען עולה צו זיין. איך בין דעמאָלט געווען אין וואַרשע. ווען כ'האָב געהערט, אַז מיינע חברים זענען געפאָרן אויף הכשרה, האָב איך פאַרלאָזט מיין אַרבעט און צוריק אַוועק קיין גניעוואשאָוו, דערלאַנגט אַ בקשה מען זאָל מיך שיקן אויף הכשרה. נאָך עטלעכע וואָכן איז אָנגעקומען אַ באַשטעטיקונג פון מרכז „החלוץ" צו פאָרן אין ק־בוץ וואָלאָמין, 20 קילאָמעטער פון וואַרשע.

דעם לעצטן שבת־צו־נאַכטס, פאַרן אָפּפאָרן, האָט מען איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־אָוונט. עס זענען געווען באַטייליקט אַלע חברים פון „גורדוניה" און „הנוער הציוני". דעם 5־טן מאַי בין איך אָנגעקומען אין וואָלאָמינער הכשרה־קיבוץ . . .

אַזוי האָבן מיר געלעבט...

משה פעלדמאַן / תל־אביב

מיט אַ ציטער אין האַרץ, דערמאָן איך זיך אין מיין היים־שטעטל, ווו עס זענען דורכגעגאַנגען די קינדער־יאָרן. אין זכרון קומען אויף די אַרומיקע נאַטור־שיינקייטן. פרילינג און זומער — די מאָלערישע, פאַרבנרייכע לאַנדשאַפט מיט די צעבליטע סעדער, סאַמעט־גרינע בערגלעך און טאָלן, כוואַליעדיקע תבואה־פעלדער מיט הימל־בלאָע קאָרן־בלימעלעך. צום מייסטן האָב איך ליב געהאַט דעם ווינטער מיט די סקריפּענדיקע שנייען, ווען דיביימער, בערג און טאָלן האָבן זיך איינגעהילט אין לויכטנדיקן זילבער און געבלענדט די אויגן מיט דעם כישופדיקן שניי־ליכט. ווינטער־צייט האָט מען זיך געקענט אַ גליטש טאָן, אַז די בעקלעך האָבן זיך אָנגעצונדן צונטער־רויט און אין אַלע גלידער איז געוואָרן הייס און מחיהדיק. און דאָס פאָרן אויף גליטשערס...

באַזונדערס האָבן מיר, חדר־יינגלעך, ליב געהאַט צו טראָגן זיך אין גאַלאָפּ, באַרג־אַראָפּ, אויף הילצערנע שליטלעך, וואָס מיר האָבן אַליין געמאַכט, זייערע קאַנטן באַשלאָגן מיט בלעך, עס זאָל זיך בעסער גליטשן. מיר פלעגן אַרויפקריכן אויפן באַרג צופוס — און פון דאָרט ממש אַראָפּ פליען מיט די שליטעלעך און זיך אַריינקייקלען אין טיפן, ווייכן שניי. ס'איז געווען אַ פאַרמעסט: ווער גיכער. די קינדערישע געלעכטערס און פרייד האָבן פאַרהילכט דעם ווינטערדיקן אַרום.

דאָס פלעגט אָבער זיין בלויז שבת, ווייל אין די וואָכנטעג זענען מיר געווען פאַרשפאַרטביים מלמד אין חדר, פון די פרימאָרגן־שעהן ביז שפּעט. די יונגע הערצלעך האָט אַזוי געצויגן אין דרויסן, צו דער שאַרפער פראָסטיקער לופט, צום גליטש. אָבער פאַר אַרויסכאַפּן זיך אין דרויסן, האָט מען פון רבין באַקומען פעטש און שמיץ.

צוויי שטראָפן האָט דער רבי באַשטימט פאַר זיינע תלמידים: פאַר עפּעס אַ חטא ביים לערנען גופא, האָט מען געקריגן מיט אַ ווירע אויף דער האַנט־פלאַך. מיר האָבן עס גערופן „לאַפּקע", ווייל דער רבי פלעגט שרייען צום יינגל: „ווייז אַהער די לאַפּקע"! פאַר אַרויסכאַפּן זיך אין מיטן לערנען אין דרויסן צום

גליטשן, האָט דער רבי אַזוי אַריינגעצימבלט מיט די רימלעך („לאָקשן") פונעם לעדערנעם קאַנטשיק אינעם „זייט־זשע־מוחל", אַז ס׳איז שוין פאַרגאַנגען דער חשק צו גליטשן זיך...

די תלמידים האָבן געמוזט, לויט דער ריי, העלפן דער רביצין אין די שטוב־אַרבעטן, דער עיקר — וויגן דאָס קינד. אַ היים איז מען געגאַנגען שפּעט אין אָוונט. אין די פינצטערע נעכט האָבן מיר געטראָגן לאַמטערנס, וועלכע מ׳האָט אַליין געמאַכט פון פּאַפּיר און זיי באַשמירט מיט אַ פעטקייט, עס זאָל זיין דורכ־זיכטיק. בעת אַ ווינט, האָט מען דאָס לאַמטערל באַהאַלטן הינטער דער פּאָלע. נישט איין מאָל פלעגט זיך דאָס קאַפּאָטקעלע צוסמאַליען... אַזוי איז זיך געגאַנגען די קינדהייט, ביז מ׳איז אַלט געוואָרן 11—12 יאָר און מ׳איז אַוועק זיך לערנען אַ מלאכה.

ביים בעל־מלאכה

דאָס רוב יינגלעך פון גניעוואַשאָוו זענען געווען פון נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן און זייער פּרי געמוזט לערנען פאַכן ביים שוסטער, שניידער, סטאָלער — אַלץ יידישע מלאכות.

איך אַליין בין אַוועק זיך אויסלערנען שוסטעריי ביים קליינעם מאירקע (אַזוי האָט מען אים גערופן). די ערשטע צייט האָב איך, אייגנטלעך, מער גע־אַרבעט פאַר זיין ווייב ווי פאַר אים. איך האָב געמוזט העלפן אין דער באַלע־באַטישקייט, ברענגען וואַסער פון ברונעם, אָנהאַקן האָלץ, אַריינטראָגן שפּענער און אונטערהייצן דעם אויוון. די עיקרדיקע אַרבעט איז אָבער באַשטאַנען אין ניאַנטשען און וויגן דאָס קינד. ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז דער קליינער מאירקע האָט מיר געגעבן אין האַנט אַריין אַן אָל מיט אַ דראַטווע. איך פלעג מיט אים פאָרן אויפן דאָרף און שלעפּן די זעק מיט שיך, וואָס ער האָט גענומען ביי די פּויערים צו פאַרריכטן („נאַפּראַוועס").

זומער־צייט, ווען מאירקע פלעגט דינגען אַ סאָד, בין איך דאָרט געווען ביז נאָך סוכות אַ שומר און אויך געהאָלפן ביים אַראָפּרייסן די פרוכטן. מיט מיינע פלינקע פיסלעך בין איך אַרויף געקראָכן אויף די העכסטע צווייגן, דאָרט, וווּ דער קליינער מאירקע האָט נישט געקענט דערגרייכן. פון די ביימער האָב איך אַראָפּגעטרייסלט עפּל, באַרן, פלוימען. אַז דער בעל־הבית האָט נישט געזען, איז אויך מיר געלונגען טועם צו זיין אַ מאָל אַן עפּעלע צי אַ באַרנע.

אַזוי האָב איך זומער־צייט געפּראַוועט „דאַטשע". פון די דאָזיקע „דאַטשעס",

בין איך מיט דער צייט פון דעסטוועגן געוואָרן אַ שטיקל בעל־מלאכה, אויך געוואָרן באַוווסטזיניקער. צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע יונגע אַרבעטער, האָב אין אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. שוין נישט געווען הפקר. מיר האָבן זיך איינגעשריבן אין אַ ביבליאָטעק, אָנגעהויבן לייענען ביכער און דערזען פאַר זיך אַ נייע וועלט, גענומען קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן.

„אייגן געלט"

אויך דאָס שטעטל גופא איז געוואָרן פאַרגעשריטענער, אינדוסטריעל אַנט־וויקלטער. בעיקר אין דער שיך־פּראָדוקציע. אין גניעוואַשאָוו זענען דעמאָלט געווען זיבן פאַבריקלעך פון געגריוועטע שיך (געקלאַפּט מיט אייזערנע טעקס־טשוועקעלעך). כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען ביי דעם באַשעפטיקט. טייל האָבן געאַרבעט ביי די מייסטערס, אַנדערע האָבן אַרויסגענומען אַרבעט אַ היים. געצאָלט האָט מען צוויי מאָל אין יאָר — ערב פסח און ערב סוכות. אין צווישנ־צייט, כדי די אַרבעטער זאָלן קענען עקזיסטירן, האָבן די אונטערנעמערס אַרויס־געלאָזט אַ מין אייגן געלט — צעטלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעשריבן געוויסע סומען, וואָס זענען דורך די קרעמערס און בעקערייען אָנגענומען געוואָרן פאַר געלט.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין שטעטל אין די צוואָנציקער יאָרן. יונגע מענטשן פלעגן זיך טרעפן אין דער צוקערניע, פון דאָרט איז מען געגאַנגען שפּאַצירן ביז הינטערן הויז פון „סענדזשע" (ריכטער) — און ווייטער איז נישט געווען וווּ צו גיין און וואָס צו טאָן. דער שטעטלדיקער לאַנגווייל האָט געטריבן די יוגנט קיין וואַרשע. ווו מ׳האָט זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט. אויך דאָרט האָבן די גניעוואַשאָווער אָפּגעזוכט איינער דעם אַנדערן, מ׳איז זיך צוזאַמענ־געקומען פאַרברענגען אין די שבתים.

איך האָב געאַרבעט אין וואַרשע. ווען איך פלעג אויף אַ יום־טוב זיך אַראָפּ־כאַפּן אַ היים, אויסגעפּוצט ווי אַ גרויסשטאָטישער, מיטן קאַפּעלושל, קנייטש אין די הויזן און ווייסן קאָלנער מיט קראַוואַט — האָבן מיך אונדזערע שכנים נישט דערקענט און געפּרווט טרעפן: „דאָס איז משהלע, משהלע פעלדמאַן, דעם אַלטן פעלדמאַנס קדיש, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר!..."

באַלד נאָך יום־טוב, נאָכן אָנפרייען זיך אין דער היים מיט דער משפּחה און פריינד, בין איך צוריק געפאָרן קיין וואַרשע צו מ׳ין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, און

גאַר אין גיכן געשאַפן זיך אַן אייגענע היים אין דער הויפּטשטאָט. כ'האָב חתונה געהאַט מיט מיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין חנה (אַנדזשע).

אין אייראָפּע זענען פאָרגעקומען אויפטרייסלענדיקע געשעענישן. היטלער האָט באַהערשט דייטשלאַנד. אין פּוילן האָבן זיך באַוויזן אַרויסגעטריבענע יידן פון דייטשלאַנד, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויך אויף די יידן אין פּוילן. די כמאַרע פון דער אָנקומענדיקער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע איז געהאַנגען איבער די קעפּ. ס'איז געקומען דאָס טרויעריקע יאָר 1939.

חדרים און מלמדים

אהרן בעקערמאַן

דאָס שטעטל האָב איך פאַרלאָזט אין עלטער פון 11 יאָר. איך דערמאָן זיך דעריבער נאָר די פריע קינדער־יאָרן אין גניעוואשאָוו.

ווען איך בין אַלט געוואָרן 4 יאָר, האָט מיין פאָטער, ישראלקע אוראַלעס, ווי מען האָט אים גערופן, באַשלאָסן, אַז ס'איז געקומען די צייט פאַר אַזאַ בחור ווי איך אָנצוהייבן גיין אין חדר. מיין מוטער רייזל, די תמיד פריילעכע און האַרציקע, האָט צוגעגרייט אַ טאָרבעלע מיט זיסוואַרג. טאַטע־מאַמע האָבן מיך גענומען פאַר די הענטלעך — און מיר זענען אַוועק אין חדר. די שכנים האָבן אונדז באַגלייט מיט ברכות.

מיין פאָטער איז געווען גליקלעך, אַז ער פירט זיין ערשטן זון לערנען תורה. מיין מאַמע האָט פון פרייד געוויינט. געקומען צום רבין, האָט די מאַמע צעטיילט דאָס זיסוואַרג צווישן די חדר־יינגלעך, וועלכע האָבן מיך, דעם נייעם תלמיד, אויפגענומען מיט שמחה.

מיין ערשטער חדר ווו איך האָב אָנגעהויבן לערנען, האָט זיך געפונען אין סאמע מיט פונעם שטעטל, קעגנאיבער דער אַפּטייק. דער מלמד כאיר איז געווען אַ הויכער, שוואַרצבערדיקער ייד, מיט לאַכנדיקע אויגן. אונדז, זיינע 4־יעריקע

תלמידים, האָט ר׳ מאיר געהאַלטן שטרענג. מיר האָבן פאַר אים מורא געהאַט און אפשר דערפאַר האָבן מיר „צוגעלייגט קאָפּ״ צו לערנען דעם א״ב. נאָך אַ טאָג לערנען, ווען מיר פלעגן פאַרלאָזן מאיר מלמדס שטוב, האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז מיר זענען שוין פריי. ערשט ווען מ׳איז אַריבערגעלאָפן דעם וועג און זיך געפונען ביי דער אַפּטייק און דער רבי האָט נישט גערופן צוריק — האָט אונדז באַהערשט אַ פרייד. מיר זענען שוין דעמאָלט געווען זיכער, אַז מ׳קען לויפן אַהיים...

מאיר מלמד איז געווען מיין ערשטער רבי. דאָס האָט ער מיך אַריינגעפירט אין דער וועלט פון די פיר־קאַנטיקע אותיות, באַקענט אונדז מיט די וווּנדער־מעשיות פון חומש.

פון מאיר מלמד בין איך דערנאָך אַדורך די חדרים און קאַנטשיקעס פון אַנדערע מלמדים, ווי: עובדיה און מענדל באַרן. שפּעטער, שוין ווי אַ „גרויסער״, אָנגעקומען צום גמרא־מלמד הענעך עוזרס.

פון יענער צייט טויכט אויף פאַר מיינע אויגן אַ בילד פון אַ שיינעם זומער־טאָג. די עטלעכע צוואַנציק ייִנגלעך פון מיין חדר זיצן ביים לאַנגן, פון קינדע־רישע אַרבל אויסגעריבענעם טיש און זינגען מיט דינע שטימעלעך די ווערטער פון דער גמרא „שנים אוחזין בטלית״. אונדזער רבי הענעך, אַ ברייט־פּלייציקער ייִד, מיט אַ הדרת־פּנימדיקער באָרד, וואָס איז דורכגעוואָרפן מיט גראָע פּעדים, דרייט זיך אַרום צווישן די תלמידים און פון צייט־צו־צייט גיט ער אַ שטאָרקע מיטן האָלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, ווייל מיטן קאַנטשיק האָט דער רבי הענעך ווייניק זיך באַנוצט — און געמונטערט: „נו, זאָג שוין, זאָג!״. און בשעת־מעשה, בעתן לערנען האָט ער זיך געוואָנדן צו זיין טאָכטער הענדל: „עסט אפשר געבן אַ ביסל קאַווע?״

הענדל האָט געברענגט אַ שיסעלע קאַווע מיט ברויט. דער רבי האָט מיט אַ קניפּיקל אָנגעשניטן קליינע שטיקלעך ברויט, זיי איינגעווייקט אין דער קאַווע און געגעסן. דאָס איז געווען זיין באַליבט מאַכל. אָפּגעגעסן, האָט דער רבי האַסטיק זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט מיט אַן אויפגעלייגטן שמייכל: „נו, קינדער, אַ הייסער טאָג היינט, מיר גייען זיך באָדן״.

זענען מיר אַלע אויפגעשפּרונגען פון די ערטער מ׳ט פרייד און אַ פּליעסקען מיט די הענטלעך. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר שטאַרק ליב געהאַט אונדזער קלוגן רבין הענעך, פאַרגעסן אַלע פּעטש און קלעפּ מיט דעם האָלץ.

מיט פרייד האָבן מיר זיך געלאָזט לויפן גלייך צום טייך און שוין אויפן וועג צעקנעפלט די קאַפּאָטקעלעך. ביים טייך האָט מען פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די בגדים — און גלייך אין וואַסער. דער רבי העניעך האָט געלערנט זיינע תלמידים די קונסט פון שווימען. מעגלעך דערפאַר, זענען די ווערטער פון דער גמרא ביי מיר איינגעקריצט אין מוח אַזן דער שפּאַציר צום טייך און דאָס באָדן זיך — זענען געבליבן טיף, טיף אין האַרצן!

*

דאָס שטעטל גניעוואַשאָוו עקזיסטירט אויך איצט. די ווייסל, דאָס טייכל פשעסווע אויך — אָבער דער קלוגער האַרציקער ר׳ העניעך איז נישטאָ מער! דער גרעסטער טייל פון זיינע דעמאָלטיקע תלמידימלעך זענען פאַרשניטן געוואָרן יונגערהייט! אויך מיינע אומפאַרגעסלעכע, טייערע פאָטער און מוטער, וועלכע האָבן מיך אַוועקגעפירט אין חדר, זענען פאַרפייניקט געוואָרן. דעם זעלבן גורל האָט געטיילט מיין עלטסטע שוועסטער חיה־רבקה, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט די עלטערן געפרייט ווען כ׳בין ס׳ערשטע מאָל אַוועק אין חדר — און וואָלט זיכער שפּעטער, מיטן זעלבן וועג, אין ענלעכן שטייגער, אויך אירע קינדערלעך געפירט אין זעלבן חדר. נאָר זיי אַלע זענען מער נישטאָ. געבליבן זענען בלויז זכרונות פון דעם יידישן שטעטל גניעוואַשאָוו, באַזונדערס פון די חברים און מלמדים...

ברדיפה אחר פרנסה

יוסף שטיינפלד

בימי מלחמת העולם הראשונה הייתי ילד קטן. התגוררנו אז בעיירה הקטנה ריקי, שהיתה תחת הכיבוש הגרמני. יהודי העיירה עסקו בכל מיני עי־סוקים כדי לפרנס את משפחותיהם. אבא ז״ל ויהודי אחד מגניווישוב, בשם הרשל־משה ווידיס סחרו בסוסים ובבהמות שונות. אולם השלטונות הרוסיים אסרו על היהודים את סחר הסוסים והחרימו הבהמות שהיו ברשותם. בלית־ברירה החל אבא ושותפו הרשל לעסוק בהברחה. הם היו מבריחים סיגריות לאזור שהיה נתון לכיבוש הגרמני, קמח ומצרכים אחרים ובשובם היו מבריחים סיגריות ומשקאות חריפים. כמובן, הדבר היה כרוך בסכנות מרובות: בהחרמת כל רכושם ואפילו בסכנת נפשות. בדרכים שוטטו פקחים ואנשי צבא והברחת הסחורות נעשתה קשה יותר ויותר. הסבלים, שהיו פורקים את השקים מהעגלות הבינו כי סוחרים אלה תלויים בהם במידה רבה. לכן תבעו מהם תביעות שונות וככל שנתרבו המבריחים כן גדלו דרישותיהם של הסבלים ואף השיגו את שלהם. כי מי ירצה להסתכסך עמהם כאשר שירותם הוא כה חיוני?

באחד הלילות אחר חצות, כאשר הגיעו העגלות עם הסחורה המוברחת, נכנסו הביתה גם הסבלים. הם פנו לאבא בתביעה להעלות את שכרם על פריקת השקים מהעגלות פי ארבעה. אחד מהם, גברתן וגס־רוח איים על אבא כי אם לא ימלא אחר דרישתם, הרי „מחר לא יהיה עוד אבא מבריח". הדבר חרה מאוד לאבא, כי הרי הוא לא האמין כי יהודי ילשין עליו בשל עסקי ההברחה שלו בה עסק בלית־ברירה כדי לפרנס את משפחתו. ענה לו אבא כי לא יוכל להסכים לדרישתו, שכן היא מעל ליכולתו הכספית ותוך כדי המריבה השליך אבי את הגברתן מהבית. זו הפעם הראשונה ראיתי את מלוא כוחו של אבא ואומץ ליבו לעמוד נגד סחטנים. הוא הכריז כי איש לא יוכל להפריע לו לעשות את העבודה במו ידיו. כאשר ראו זאת שאר הסבלים, ביקשו להרגיע את אבא ולטשטש את הרושם שעשו דברי חברם הגברתן. אבל אבא לא רצה עוד לשמוע אליהם ותוך דקות מעטות פרק במו ידיו את כל השקים מעל העגלה. בתקרית זו התגלה אבא במלוא כבודו, חוסנו ואומץ־לבו. כזה היה אבי, דוד

ז״ל. לא עוד זמן רב עסק אבא בהברחה,שכן כאשר הותר סחר הבהמות כמקודם, שב אבא עם שותפו לעיסוקו הקודם.

ב־1918, הופיע באחד הימים בביתנו פרש גרמני בתביעה למסור לידיו כל הסוסים. כנראה שהיתה זו הלשנה מצד הגויים השכנים. אולם אבא טען, כי אינו עוסק עוד בסחר סוסים. על כך ענה הגרמני כי הוא יודע אפילו באיזו אורווה עומדים הם. הפרש הגרמני הלך לקרוא לעזרה ובינתיים הוציא אבא את הסוסים מהאורווה והבריחם מרחק שמונה קילומטר מעיירתנו ריקי לאחד המכרים שלו. כאשר חזר החייל הגרמני בלוויית שני פרשים נוספים לא מצאו עוד את הסוסים. בזעם ובחרון פנו הגרמנים מאתנו.

המלחמה נגמרה, החיים שקטו, אך הפרנסה היתה מאתנו והלאה. לכן התאספו כמה משפחות יחד והחליטו לחכור גן עצי־פרי. אחד מהם שהיה בא־ויוצא אצל בעל האחוזה המקומי הציע לחכור את גן עצי הפרי שלו. ואכן, בעל האחוזה הסכים להצעה. יצאו היהודים החוכרים לגן, העריכו את הפרי שעל העצים, כמותו ושוויו. לאחר הבדיקה נחתמה העיסקה עם בעל האחוזה. כעבור חודשיים יצאו המשפחות לגן עצי־הפרי להתגורר שם לקראת עונת הקטיף ולשמירה. אבי ושותפו שהוסיפו לעסוק בסחר סוסים היו מבקרים בבוסתן בימי חמישי בשבוע ושוהים עם משפחותיהם עד יום שני בצהרים.

היו בגן פירות שהקדימו להבשיל, אותם שמרו נערים בגיל 16—15. לעתים קרובות היו נתקלים ב„שקצים״ קטנים, בניהם של העובדים באחוזה, שהיו גונבים פירות. הדבר הובא לידיעת בעל האחוזה, בבקשה למנוע את הגנבות. מנהל האחוזה הבטיח להם כי הדבר לא יישנה שוב וכי הוא שמח כי הודיעו לו על כך ומעתה יכולים החוכרים להיות שקטים ושלווים כי יעשה הכל למנוע גניבת פרי. אולם לא כן היה. באחד הימים, כאשר אבא נכנס לגן עצי־הפרי, נתקל בשלושה עובדי האחוזה בקטיפת פרי. רגע היסס אם להגיב על־כך והחליט להעיר להם בלבד, כי אין קוטפים פירות שנמכרו לאחר. בלבו חשב, כי יקטפו מעט פרי ויסתלקו. כאשר ראו כי היהודי אינו מגיב בחריפות אלא בנחת, גברה חוצפתם. אחד מהם החליט כי ראוי להתעלל בו ולתלוש את זקנו. חבריו הסכימו ל„רעיונו״ בנפש חפצה וכבר הסתערו על קרבנם. אולם הם לא ידעו מי הוא האיש שניצב לפניהם. הוא הרביץ לשלושתם מכות נאמנות, והפירות שהיו בכיסיהם ומתחת לחולצותיהם החלו לנשור. הם הסתלקו מהגן זבי דם ומוכים בכל חלקי גופם. כאשר נודע הדבר לשותפיו של אבא קבלו על שום מה הוא לא קרה להם לעזרה. הוא ענה להם בשלווה, כי אילו עמדו נגדו אפילו

חמישה או שישה „שקצים" כי אז גם איתם היה מסתדר. השותפים החליטו לפנות שוב לבעל־האחוזה, לספר לו על התקרית ולדרוש ממנו התערבותו למניעת גניבת הפרי. הם הזהירו אותו אם יישנה הדבר, כי איש מעובדיו יגנוב את פריים, הם יבטלו את החוזה איתו. הוא ענה להם, כי ראשית כל רוצה לראות במו עיניו את היהודי הגיבור, שכוחו עימו להכות במו ידיו שלושה פועלים חסונים ואלימים. כאשר ראה אבא, כי שותפיו מתמהמים, החליט ללכת לחצר האחוזה. כאן לחץ את ידיו מנהל האחוזה ובירך אותו על גבורתו והבטיח כי גניבת פרי לא תחזור עוד וכי כל מי שימרה את פיו — ייענש. הוא ביקש לא להפיץ את דבר הגניבה, כי ייצא לו שם רע בכל הסביבה.

ואכן כך היה, גניבת הפירות פסקה. ובסיום העונה, לעת חג הסוכות הוא הזמין את אבא ושותפיו לביתו, כדי להוכיח להם כי קיים את הבטחתו, ושאר השותפים העניקו לו מתנה נאה על קיום הבטחתו להם.

פון די יידישע פרנסות אין שטעטל

יוסף טיראַנגעל / בת־ים

די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אונדזער שטעטל איז בדרך כלל געווען די זעלבע ווי אינעם רוב יידישע שטעטלעך אין פוילן. אין יענע ישובים, געמוי ווי אין גניעוואַשאָוו, האָבן אונדזערע עלטערן געפירט אַ כסדרדיקן, שווערן געראַנגל פאַרן קיום, געזאָרגט דערפאַר, אַז די גרויסע משפחה זאָל האָבן אַ שטיקל ברויט צו דער זעט. דער דאָזיקער קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק אין דער פרי און זיך פאַרענדיקט ערב שבת. אַזוי וואָך־איין, וואָך־אויס, אין הייסע זומער־טעג, צי אין פראָסטיקע ווינטערס אָדער אין טריבע האַרבסטן, צי אין די פייכטע פרילינג־טעג.

מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט גניעוואשאָווער יידן?

דאָרפגייערס

צענדליקער יידן פון דער גניעוואשאָווער אָרעמקייט האָבן פרובירט זיך דערנערן פונעם גיין איבער די דערפער מיט זייערע וואַנדערנדיקע קראָמען אָדער איינהאַנדלען ביי די פויערים פאַרשידענע „מציאות" און דערנאָך זיי פאַרקויפן אין שטעטל. זונטיק פרי האָט אַזאַ ייד אָפגעדאַווענט מיטן ערשטן מנין און זיך געלאָזט אויפן וואַנדער־וועג, כדי איינקויפן ביי אַ פויער אַ נאַר־וואָס געבוירן קעלבל און אויף די פלייצעס שלעפן עס אַהיים; אָדער אַ קו וואָס האָט אויפגעהערט געבן מילך און זי האָט געטויגט פאַרן שעכטהויז; אַ זעקל תבואה, אַ ביסל פעדערן אויף פוך; אַ גענדזל, קאַטשקעס, הינער, אַ פעלעכל פון אַ קרוליק.

פון דעם אַלעמען האָט מען באַדאַרפט מפרנס זיין אַ גאַנצע משפחה...

בדרך כלל זענען די דאָרפגייערס געווען אָרעמע מענטשן, נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם קאַפּיטאַל. אַ דאַנק דער הילף פון דער האַנטווערקער־קאַסע, וועלכע פלעגט יעדן זונטיק געבן אַזאַ הענדלער אַ קליינע, אָנפּראָצענטיקע הלוואה אויף צו פירן זייער מסחר — האָבן די דאָזיקע יידן דאָך געצויגן חיונה פון זייער האַנדל־וואַנדל אין די דערפער.

בעל־מלאכהס

דער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל, איז דאָך געווען אַן אַרבעטנדיקער: שניידערס, שוסטערס, היטלמאַכערס, גאַרבערס, סטאָליערס, שטובן־מאַלערס, בעקערס, טרעגערס אאַנ״ד. אַ טייל האַנטווערקער פלעגן באַשעפטיקן אַרבעטער, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופן — געזעלן. נאָר דער אונטערנעמער, ווי דער אַרבעטער, האָבן שווער געהאָרעוועט פון באַגינען ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, די ליכטיקע שיין ניט געזען. און ניט שטענדיק איז פון דעם געווען פרנסה בריווח...

שיך־פאַבריקאַנטן

מיט דער צייט האָט אין שטעטל זיך אַנטוויקלט אַ נישקשהדיקע שיך־פאַבריקאַציע אַ דאַנק וועלכער פיל יידישע משפחות האָבן געהאַט פרנסה. צו די וויכטיקסטע שיך־פאַבריקאַנטן אין גניעוואשאָוו האָבן געהערט: פנחס לעדערמאַן, משה פרימער, בעריש פרידמאַן, יהושע פערלשטיין ז״ל און יוסף דינער (היינט אין ישראל). אונדזערע שיך זענען עקספּאָרטירט געוואָרן קיין לעמבערג און אַנדערע גרויסע שטעט אין פּוילן. זיי זענען אויך פאַרקויפט געוואָרן דורך אונדזערע מאַרק־פאָרערס.

סוחרים און קליינהענדלער

פאַר אַ סוחר האָט זיך ביי אונדז גערעכנט דער אייגנטימער פון אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, לעדער, גאַלאַנטעריע. דאַקעגן די שפייז־קרעמערס און פאַרקויפערס פון אַנדערע אַרטיקלען האָבן שוין געהערט צו דער קאַטעגאָריע קליינהענדלער.

צו די פאַרמעגלעכע מאַנופאַקטור־סוחרים האָבן געהערט: פייגע צווייגנבערג, ליבהאָבער, פנחס גאָלדשטיין און ראָזנבוים. פון די לעדער־סוחרים געדענק איך: דוד לאַקס, פּרעזעס פון דער „באַנק ספּולדזשעלטשי״ (קאָאָפּעראַטיווע) און פערל וויינבערג. אין דער גאַלאַנטעריע־בראַנזשע זענען געווען באַקאַנט: שמואל קאַרמאַן — אייגנטימער פון אַ גרויס געשעפט, אַ טרייער גערער חסיד, אַ טאַטע פון אַכט קינדער — דריי זין און פינף טעכטער. די מיידלעך זענען געווען אַקטיוו אין הנוער הציוני.

צו די עלטסטע תבואה־סוחרים האָט מען פאַרעכנט ר׳ פנחס וויינבערג, אַ

ייד אַ למדן, אַ הייסער גערער חסיד, געווען דער בעל־שחרית אין בית־המדרש אין די ימים־נוראים. דאָס האָט ער געלאָזט אויפבויען אין גרעניץ דאָס בית־המדרש. ווען די דייטשע וואַנדאַלן זענען אַריין אין שטעטל, האָבן זיי דעם מקום קדוש פאַרוואַנדלט אין אַ פערד־שטאַל. מאיר צווייגנבערג האָט זיין תבואה־מסחר געפירט דער עיקר מיט פריצים. אַ פאַרמעגלעכער ייד, וועמענס קינדער זענען געווען אַקטיווע מיטגלידער אין הנוער הציוני.

דער האַנדל מיט אייזן איז איינגעשטאַנען אין יידישע הענט. אין גרעניץ אויפן מאַרק האָט געהאַט זיין אייזן־געשעפט מענדעלע וויינריב, אַ גערער חסיד, אַ בעל־תפילה, געהאַנדלט מיט פריצים. אַ צווייטער אייזן־סוחר איז געווען יוסף צוקער, דעם גניעוואַשאָווער רבס זון, אַ חסיד. זיינע קינדער — חוה, איטע, ליובע און חנהטשע, האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין הנוער הציוני.

פערד־ און בהמות־סוחרים, קצבים

אין דער בראַנזשע האָבן געפונען באַשעפטיקונג און פרנסות אַן אָנגעזעענער טייל יידן אין שטעטל: ישראל קאַרמאַן, אברהם־שלום שטיינפעלד, ג״שון וואַלדמאַן און שאול וועלטמאַן. פון די פערד־הענדלער זענען געווען פאָפולער יואל קירשנבוים, משה־דוד שטיינפעלד, וועמענס קינדער האָבן געהערט צום הנוער הציוני. צוויי זין זענען איצט אין אַמעריקע. אויך ירמיהו גרינשפאַנס טאָכטער איז געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע.

וואָס שייך קצבים, האָב פיל פון זיי געהאַט אייגענע יאַטקעס. אייניקע נעמען געדענק איך גוט: אליעזר וויינבערג, רפאל אורטרעגער, קלמן טיראַנגעל, וועלוול שטיינשניידער, זיין זון תנחום, אברהם ראָזנוויין, אַבוש גירש. די צוויי לעצטע האָבן געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

מיין איבערזיכט איבער יידישע פרנסות אין שטעטל וויל איך פאַרענדיקן מיט די בעל־עגלות, וועלכע האָבן געפירט סחורות פון שטעטל און קיין גניעוואַשאָוו פון דעמבלין, פולאַוו, קאָזשעניץ.

פרנסות יהודיות בעיירתנו

יוסף טיראנגל / בת־ים

המיבנה הכלכלי של היישוב היהודי בעיירתנו, דומה היה לזה שברוב העיירות היהודיות בפולין. כבעיירות יהודיות אחרות ברחבי פולין, כן גם בגניבשוב נאבקו אבותינו קשות על קיומם, על לחם לבני ביתם. המאבק לא פסק כל ימות השבוע, רק ביום שבת ביקש היהודי להשתחרר מעט מסבלותיו ולהיות אדון לחייו לשעה קלה. אבל רק ביום השבת, שכן למחרתו, משחרו של יום א׳ בשבוע ועד לכניסת השבת, עמד היהודי על משמרתו לקיום ולפרנסה. בחורף העז והקר, בקיץ הלוהט, בסתיו הגשום והאפרורי — אחת היתה הדאגה — לחם לשובע!

רוכלי כפרים

רבים מיהודי גניבשוב ביקשו את מזלם בכפרים הסמוכים, בשוטם עם מרכולתם מכפר לכפר. הם ביקשו „מציאות" אצל האיכר כדי למוכרם בעיירה. לאחר תפילה חטופה ביום ראשון בבוקר, יצאו היהודים לנדודיהם, לרכוש טלא רך שנולד רק אתמול, פרה שחדלה לתת חלבה, כדי לשוחטה בבית המטבחיים, שק תבואה, תרנגולת, ברווזים, אווז, או עור של שפן — הכל עשוי להיות סחורה עוברת לסוחר.

כי צריך היה לכלכל משפחה מרובת ילדים...

רוכלי הכפרים היהודיים היו ברובם עניים מרודים, בלי הון כלשהו למסחר. ורק הודות להלוואות מ„קופת בעלי־המלאכה", בלי רבית, יכלו רוכלים אלה לגלגל את מסחרם — ולמצוא מעט פרנסה לביתם.

בעלי־מלאכה

אולם רוב האוכלוסיה היהודית של גניבשוב היתה מורכבת מבעלי־מלאכה: חייטים, סנדלרים, כובענים, בורסקים, נגרים, סיידים, אופים, סבלים וכו׳. חלק מבעלי־המלאכה העסיקו שוליות ויחד אתם עמלו קשה מבוקר ועד שקיעת

החמה ובמשך כל השבוע לא ראו אור שמש. ולמרות זאת היתה הפרנסה מהם והלאה.

יצרני נעלים

במרוצת הזמן התפתחה בעיירה תעשית נעלים ניכרת למדי. משפחות רבות התפרנסו מענף זה. על יצרני הנעלים הרציניים בגניבשוב נמנו: פנחס לדרמן, משה פרימר, בריש פרידמן, יהושע פרלשטיין, ז״ל, ויוסף דינר להבדיל לחיים (היום בישראל). הנעלים שווקו ללמברג ולערי פולין אחרות.

סוחרים וסוחרים זעירים

לסוחר נחשב בעל חנות לטקסטיל, עורות, גאלאנטריה וכו׳ ואילו בעלי חנויות מכולת או מצרכים חיוניים אחרים נחשבו לסוחרים זעירים.

על סוחרי טקסטיל האמידים נחשבו: פייגה צווייגנברג, ליבהאבער, פנחס גולדשטיין ורוזנבוים. מסוחרי העור זוכר אני: דוד לאקס, יו״ר ה„באנק ספולדז׳לצ׳י״ (קואופראטיב) ואת פרל ווינברג. בענף הגאלנטריה היו ידועים שמואל קורמן, מחסידי גור, אב לשמונה ילדים — שלושה בנים וחמש בנות, הבנות היו חברות בנוער הציוני.

לסוחר התבואות הוותיק ביותר נחשב ר׳ פנחס ווינברג, יהודי למדן וחסיד הרבי מגור. הוא היה „בעל־שחרית״ בימים הנוראים בבית־המדרש. הוא הוא אשר בנה את בית המדרש בגריניץ. כאשר החיילים הגרמניים כבשו את העיירה, מיד הפכו את בית־המדרש לאורוות סוסים. מאיר צווייגנברג ניהל את סחר התבואות שלו עם הפריצים המקומיים, הוא היה סוחר אמיד ובניו — פעילים בהנוער הציוני.

גם המסחר בדברי ברזל היה בידי היהודים. אחד מסוחרי הברזל היה מנדלה וויינריב שחנותו בשוקה של גריניץ. הוא היה חסיד גור, בעל־תפילה ועמד בקשרים עם בעלי האחוזות. שני היה יוסף צוקר, בנו של הרב מגניבשוב וחסיד. בנותיו — חוה איטה, ליובה וחנצ׳ה היו פעילות בנוער הציוני.

סוחרי סוסים ובהמות, קצבים

בענף זה מצאו תעסוקה ופרנסה חלק נכבד של יהודי העיירה: ישראל קורמן, אברהם־שלום שטיינפלד, גרשון וולדמן ושאול וולטמן. מבין סוחרי ד׳סוסים היו ידועים יואל קירשנבוים ומשה־דוד שטיינפלד. בניו של זה

השתייכו לנוער הציוני. שניים מהם חיים כיום באמריקה. גם בתו של ירמיהו גרינשפאן היתה בין פעילות הנוער הציוני.

אשר לקצבים; רבים מהם היו בעלי איטלזים ושמות של אחדים מהם, אותם אני זוכר, הם: אליעזר ווינברג, רפאל אורטרגר, קלמן טירנגל, וולוול שטיינשניידר ובנו תנחום, אברהם רוזנוויין, אבוש גירש. שני האחרונים השתייכו לתנועה הציונית.

כן היו בעיירה עגלונים רבים אשר הובילו תוצרת גניבשוב לדמבלין, פולאבי וקוז'ניץ.

יידישע באַשעפטיקונגען אין גניעוואַשאָוו

הערש סאַקשניידער / לאָדזש

מיינע קינדער־יאָרן זענען אַדורך אין גניעוואַשאָוו, ווו איך בין געקומען אויף דער וועלט. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אונדזער משפחה זיך איינגעאָרדנט אין וואַרשע און דאָרט געליטן הונגער און נויט. זענען מיר געוועזן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן וואַרשע און זיך איבערקלייבן אין דאָרף נאָוואָגורע, ווו ס'האָט אונדז געטראָפן אַ שווער אומגליק: אין יאָר 1917, נאָך אַן אָנפאַל פון באַנדיטן, איז בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן אונדזער פאָטער. די מוטער האָט גענומען די קינדער און איז בהלה זענען מיר אַוועק קיין גניעוואַשאָוו. די לאַסט פון אויסהאַלטן אונדזער גרויסע משפחה, איז געפאַלן אויף די פּלייצעס פון דער מוטער.

סאַדאָווניקעס

דאָס דינגען סעדער איז אָפט געווען אַ רעטונג פאַר אָרעמע משפחות אין גניעוואַשאָוו. קרובים האָבן דער נויטבאַדערפטיקער פאַמיליע אויסגעבאָרגט אַ סומע געלט און מעגלעך געמאַכט דינגען בײַ אַ פּויער אין דאָרף אַ סאָד. אין משך פון זומער האָבן די קינדער און עלטערן, טאָג און נאַכט, געהיטן די פרוכט־

ביימער פאַר אומגעבעטענע געסט, וועלכע האָבן געוואָלט געניסן פון געגנבעטע פּרוכטן. נישט איינמאָל האָבן יידישע שומרים באַקומען קלעפּ און שטיינער.

האָט די נאַטור צוגעשמייכלט, איז געווען אַ גוטע געראָטעניש. דעמאָלט האָבן קינד־און־קייט געהאַט ביי וואָס צו האָרעווען: טראָגן אָדער פירן שווערע קוישן מיט פּרוכטן אויף די מערק, אַרויסבאַקומען פון סאָד די פּרנסה. דערביי האָבן קינדערשע מיילעכלעך געקענט זיך קוויקן מיט ביליקערע דאָרפישע מאכלים און טאַקע עסן אויך אַ פּרוכט. אויב איז דער טאַטע געווען אַ שוסטער, שניידער אָדער סטאָלער — איז דער סאָד פאַרוואַנדלט געוואָרן אויך אין אַ וואַרשטאַט. די בויד, באַדעקט מיט שטרוי, איז געווען אַ וווינונג פאַר אַלעמען, ווי קליין זי זאַל נישט זיין.

גרויס איז אָבער געווען די טראַגעדיע, אויב די זון האָט נישט גענוג געוואַרעמט, אָדער צופיל געבאַקן, צי דער הימל האָט געקאַרגט רעגן. דעמאָלט האָבן קינדערישע מיילעכלעך צו פיל געררוט און עלטערן זענען באַצייטנס אַלט געוואָרן פון עגמת־נפש. די נישט אָפּגעצאָלטע חובות האָבן צונישט־געמאַכט דעם קרעדיט אויפן קומענדיקן יאָר. אַזעלכע טראַגעדיעס זענען, צום באַדויערן, געווען זייער אָפטע.

דאָרפגייערס

אַ צווייטע פּרנסה ביי יידן אין גניעוואשאָוו איז געווען: „גיין איבער די דערפער”. מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס, האָבן פרויען און מענער, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, געוואַנדערט איבער דערפער און קאָלאָניעס, ווי מ׳האָט אָנגעבאָטן פאַרשידענע סחורות: קנעפּלעך און פאַדעם, ביליקע בלוזקעלעך און שניט־סחורה. דאָס איז געווען אַ מין טויש־האַנדל. פאַר זייערע סחורות האָבן די דאָרפסגייער באַקומען מעל, קאַרטאָפל, גרויפּן, מילכוואַרג, אַן עוף.

בעלי־מלאכות האָבן אין זייערע זעקלעך געטראָגן שוסטער־געצייג און פאַרגעלייגט צו פאַרלאַטען שיך. מיט ענלעכע „זאַק־וואַרשטאַטן”, האָבן זיך געטראָגן איבער דערפער גניעוואשאָווער שניידער און אַנדערע פאַכלייט, וואָס האָבן פאַר זייער אַרבעט געקענט ברענגען אַ היים אַ ביסל קאַרטאָפל אָדער מעל.

איך לערן זיך אַ פאַך

אויף אַזעלכע און ענלעכע פרנסות איז געווען אויסגעשטעלט אונדזער משפּחה, אַזאַ האָרעוואַניע האָט באַגלייט מיין מאַמען טאָג־טעגלעך. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז די נויט אין דער היים האָט מיך געצוווּנגען אפילו אויפֿהערן צו לערנען אין חדר און פון 12־טן יאָר פון מיין לעבן האָב איך געמוזט גיין אַרבעטן צו אַ קאָמאַשנמאַכער. דאָס לערנען זיך אַ פאַך איז דעמאָלט געווען באַגלייט מיט שטוב־אַרבעט, מיט העלפן דער בעל־הביתטע. אין דעם נאָרמאַלן אַרבעטס־טאָג איז נישט געווען מעגלעך זיך עפּעס אויסצולערנען, האָב איך געמוזט אַרבעטן 12, 14 און מערער שעה אין טאָג, כדי ווערן צוגעלאָזן צו דער מאַשין.

מיין אַמביציע איז אָבער געווען, וואָס גיכער צו ווערן זעלבשטענדיק און קענען, ווי ווייט מעגלעך, פאַרלייכטערן דער מאַמען. אין עלטער פון 15 יאָר האָב איך פאַרלאָזן גניעוואַשאָוו און אַוועק קיין וואַרשע, ווו כ׳האָב געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל, נישט צופיל פאַרדינט, אָבער דאָך מיין מוטער גענומען צו זיך און זי אויסגעהאַלטן ביז איר פּטירה, אין יאָר 1936. אין וואַרשע בין איך שוין געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך — אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און אין רעוואָלוציאָנערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

אין די מלחמה־יאָרן

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, בין איך, מיין עלטערע שוועסטער און אַ ברודער, אַריבער די גרענעץ און אָנגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט און געהאַט די מעגלעכקייט איבערצולעבן די שרעקלעכע דייטשע אויסראָטונג.

אין יאָר 1946 האָב איך זיך אומגעקערט קיין פּוילן, צוזאַמען מיט מיין פרוי און צוויי קינדער — און געבליבן וווינען אין לאָדזש, ווו עס לעבן אויך: מיין שוועסטער שרה־רבקה און מיין ברודער ירחמיאל. זיי האָבן אַזוי ווי איך, באַוויזן זיך צו ראַטעווען אין רוסלאַנד. פיל פון אונדזער און פון מיין פרויס משפּחה, זענען פאַרפייניקט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

פאַרטייען, אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס

מאָטל מלאך / שטוטגאַרט

אין גניעוואשאָוו און גרעניץ זענען יידן געווען איינגעוואָרצלט פון דור דורות. דער קליינער ישוב האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו שעמען זיך אַנטקעגן גרעסערע שטעט אין פוילן. אונדזער שטעטל האָט אַרויסגעגעבן פון זיך גרויסע תלמידי־חכמים, רבנים. געווען ביי אונדז חסידים מכל המינים: גערער, לובלינער, מאָדזשיצער. דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט פאַרשידענע אינסטיטוציעס און אָר־גאַניזאַציעס: ציוניסטישע, אַ האַנטווערקער־פאַראיין, אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. גרעניץ־גניעוואשאָוו האָט געהאַט צוויי בתי־מדרשים, אַ שול, אַ מקוה, צוויי בית־עלמינס, צוויי יידישע בענק און איין גמינע. רבנים האָבן מיר געהאַט אַזש צוויי אין רעזולטאַט פון אַ גרויסע מחלוקתביים אויפנעמען אַ רב עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. גניעוואשאָוו האָט געהאַט איר קאַנ־דידאַט, ר׳ יהודה־לייב רויטער ז״ל, און גרעניץ האָט געהאַט איר קאַנדידאַט — מיכאל גאָלדבערג ז״ל, אַן איידעם פון דעם אָסטראָווצער רבין ר׳ משהלע זצ״ל פון ראַדאָם. ר׳ מיכאל גופא האָט געשטאַמט פון בעלזער הויף.

מיט גרויס מסירות־נפש האָבן די בעלי־בתים פון ביידע שטעטלעך, מיט די קהילה־פאָרשטייער בראש, זיך געוואָרפן אין וואַל־קאַמף, כדי דורכפירן זיין קאַנדידאַטור. דער ראש־הקהל און אַנדערע בעלי־בתים האָבן פאַרלאָזט זייערע גע־שעפטן און אַרומגעפאָרן אָרגאַניזירן אָנהענגער. מען האָט אַפילו געגעבן אַ געוויסע סומע געלט פאַר יעדער שטימע... געזיגט האָט גניעוואשאָוו. הרב רייטער ז״ל איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס מרא דאַתרא פון ביידע שטעט. ער איז אומ־געקומען צוזאַמען מיטן גאַנצן קהל פון ביידע ערטער.

די גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביי אונדז איז שטאָט זענען געווען עטלעכע בית־המדרש בחורים. אַ גאַנצן טאָג איז מען געזעסן אויף די דאַרטע בענק, געגריבלט זיך אין אַ בלאַט גמרא, תוספות און אַלע מפרשים פון ראַ״ש, נדרים מיטן ר״ן, ש״ך מיטן תאומים. אַלע טאָג איז מען אויפגעשטאַנען 5 אַ זייגער פאַרטאָג, אַפילו אין די גרעסטע פרעסט און שנייען. געלערנט האָט מיט אונדז יעדן טאָג אַן אַנדערער בעל־הבית — אַ תלמיד־חכם. צו האַלטן פאַר אונדז



חברי „החלוץ" בגניבשוב (1930)
עומדים מימין לשמאל: **יוסף דינר, רחלה גולדנאפל, הרשל ויינברג, אתל רובינשטיין, דוד גיטליב, שרהלה זילברמן, מנדל ליפשיץ, קיילה גולדנדל**
יושבים: **משה לדרמן, וולוול גרינשפן, זליג אורטרגר, שמואל דינר**

אייניקע חלוץ־חברים אין גניעוואַשאָוו (1930)
עס שטייען פון רעכטס אויף לינקס: **יאָסל דינער, רחלע גאָלדנאַפּעל, הערשל וויינבערג, עטל רובינשטיין, דוד גאָטליב, שרהלע זילבערמאַן, מענדל ליפּשיץ, קיילע גאָלדנאַדעל**
עס זיצן: **משה לעדערמאַן, וועוול גרינשפּאַן, זעליג אורטרעגער, שמואל דינער,**

אַ ספּעציעלן רבין, איז מען נישט געווען בכוח מאַטעריעל. שפּעטער האָט מען יאָ אַנגאַזשירט אַ ספּעציעלן רבין, ר' מנחם פאָנטש ז"ל. מיר זענען געווען פון אים זייער צופרידן. געוויסע טעג האָט ער מיט אונדז געלערנט ניט מער ווי איין משנה, מיט אַזוי פיל פשטים און פירושים, אַז מען האָט קיין סוף נישט געזען...

אין די יאָרן 1922 — 1923 האָט זיך אין בית־המדרש אַריינגעכאַפּט די סיטרא אחרא ר"ל. די בית־המדרש בחורים האָבן זיך געריסן צום פּראָגרעס, צו נייע אידעען. נישט געקוקט אויף די ווײַ געשרייען, האַרציקע קרעכצן און טיפע זיפצן פון אונדזער פרומע עלטערן — „האַ, יונגען מיט מיידן. משומדים!"... — האָבן מיר געשאַפן די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. מען האָט געזאַמלט געלט,

געדינגען אַ שיינעם לאָקאַל און ווערבירט מ טגלידער. די ערשטע פּורצי גדר, די אָרגאַניזירער און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, זענען געווען: יוסף קוראָפּאַטווע הי״ד, פּנחס גאָלדשטיין הי״ד, משה קאַסמאַן הי״ד, און יבל״ל אליעזר וויינבערג — סעקרעטאַר (היינט אין תל־אביב).

שפּעטער איז געוואָרן אַ שטיקל מחלוקת, ווען עס זענען פאָרגעקומען וואַלן. עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן: לייבל ליבהאָבער הי״ד, פּנחס גאָלדשטיין הי״ד און דער שרייבער פון די שורות.

דערנאָך האָבן די עלטערע חברים גענומען טראַכטן וועגן תכלית — און די אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון יונגערן דור: חיים גלאַזמאַן הי״ד — פּרעזעס, יבל״ל יוסף טיראַנגעל — סעקרעטאַר און אַנדערע.

(כמעט אַלע מיינע חברים האָבן חתונה געהאַט פון גניעוואָשאָוו, נאָר איך בין געווען אַן אויסנאַם און אין יאָר 1928 חתונה געהאַט קיין זוואָלין, אַ ביסל אַ גרעסערע שטאָט נישט ווייט פון גניעוואָשאָוו. איך בין דאָרט געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די הויפּט־אַרבעט איז געווען: זאַמלען געלט פאַרן „קרן היסוד״. שפּעטער בין איך געוויילט געוואָרן אין דער קהילה פאַר־וואַלטונג און געווען קאַסירער. די אַרבעט איז נישט געווען לייכט, ווייל דער בודזשעט האָט ניט געסטייעט אויף אויסצאָלן אַלע קהילה אָנגעשטעלטע ווי שוחטים, חזנים, שמשים, סעקרעטאַר און די רבנים מיט די דיינים. ווען ס׳איז פּרייטיק געקומען צום אויסצאָלן די געהאַלטער — האָט אָפט צוגעפעלט אין קאַסע...)

אין גניעוואשאָוו האָבן מיר געהאַט צוויי יידישע בענק. די ערשטע, „באַנק ספּולדזיעלטשי״ („קאָאָפּעראַטיווע באַנק)״ איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער צענטראַלע אין וואַרשע. מיר האָבן געקריגן פון דאָרט אַ הלוואה פון אַ 12,000 זלאָטעס. אין יענע צייט איז דאָס געווען אַ שיינע סומע. שפּעטער האָבן זיי געשיקט דעם ה׳ חיים שאָשקעס צו קאָנטראָלירן די טעטיקייט. שאָשקעס איז געווען זייער צופרידן פון אונדזער אַרבעט. ער האָט געזאָגט, אַז מיר זענען פון די געציילטע שטעטלעך וואָס פירן אַזאַ זויבערע און גוטע אַרבעט.

איך מיט מיין אומפאַרגעסלעכן חבר פּנחס גאָלדשטיין, זענען געווען די גרינדער פון דער באַנק, געאַרבעט אָן געהאַלט, בתנאי, אויב די באַנק וועט זיך אַנטוויקלען און דער בודזשעט וועט דערלויבן — וועלן מיר באַקומען באַצאָלט...

שאָשקעס האָט צוגעזאָגט אַ הלוואה, אַ־ווי אַז עס וועט שוין זיין צו צאָלן די בוכהאַלטערס... מיר האָבן אים באַגלייט אין אַ וואָגן מיט צוויי קליינע פערדלעך

(דער בעל־עגלה איז געווען אברהם זשאַבניקער) צו דער באַן אין דעמבלין, צוריק קיין וואַרשע. ס׳איז דורך אַ שטיקל צייט ביז מיר האָבן באַקומען די צוגעזאָגטע הלוואה. דערווייל האָב איך חתונה געהאַט און אַוועק קיין זוואָלין. פּנחס גאָלדשטיין האָט אָנגעפירט מיט דער באַנק ביזן סוף.

די צווייטע באַנק, אַ גניעוואשאָווער, אונטערן נאָמען „באַנק לודאָווי" ("פאָלקס־באַנק"). די באַנק איז געשאַפן געוואָרן, ווי מען זאָגט, „מתוך קנאה". די „באַנק ספּולדזשעלטשי", האָט מען געטענהט, איז כלומרשט אַ גרעניצער באַנק, נישט געקוקט דערויף וואָס די גניעוואשאָווער בעלי־בתים האָבן באַקומען די זעלבע הלוואות ווי די גרעניצער. דאָך האָבן די גניעוואשאָווער געוואָלט האָבן זייערס אַן אייגענע קרעדיט־אינסטיטוציע.

די גרינדער פון דער צווייטער באַנק זענען געווען אונדזער אומפאַרגעסלעכער חבר יוסף קוראָפּטאַווע הי״ד און חבר אליעזר ווייגבערג, היינט אין תל־אַביב. די באַנק איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּטיילונג פון דער גמינע, ווו קוראָפּטאַווע איז געווען סעקרעטאַר.

זכרונות פון אַ געוו. אַרבעטער־טוער

פנחס פערלשטיין („דאָקטאָר")

דאָס שטעטל האָט געהאַט צוויי נעמען: גניעוואַשאָוו און גרעניץ. פּאַקטיש זענען עס צוויי פּאַראַײניקטע שטעטלעך הגם זיי האָבן געהאַט באַזונדערע בתי־מדרשים, בית־עלמינס, רבנים און שוחטים. גניעוואַשאָוו איז געווען גרעסער פון גרעניץ און מסתם אויך עלטער, דעריבער — מער יחסנטע. דערפאַר האָבן די פּאַראײניקטע שטעטלעך געהאַט דעם נאָמען — גניעוואַשאָוו.

גניעוואַשאָוו געפינט זיך צווישן גרעסערע שטעט, וואָס יעדע פון זיי האָט וואַרשײנלעך עפּעס אַרײנגעטראָגן פון איר אײגנאַרטיקייט און געהאַט אַ השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג אין לעבן פונעם שטעטל. די פיר שכנותדיקע שטעט פון גניעוואַשאָוו זענען: פון מזרח־זייט — פּולאַוו, וואָס האָט אין די צאַרישע צייטן געטראָגן דעם נאָמען נאָוואָ־אַלעקסאַנדראָווסק. יידן האָבן דאָס שטעטל גערופן פּילעוו; פון מערב — קאָזשעניץ; פון דרום — זוואָלין און מאָדזשיץ. פון אָט די שטעטלעך האָט זיך יעדעס געהאַט זיינע אנשי שם. דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל, דער זוואָלינער רבי, דער מאָדזשיצער רבי, באַוווּסט אין דער חסידישער וועלט מיט זיינע הערלעכע ניגונים וואָס ער אַליין האָט געשאַפן. ער איז געווען אַ זון פון וואָלינער רבי, ר׳ ישראל.

צווישן די אַלע שטעטלעך, האָט זיך אײנגעגעסטעט גניעוואַשאָוו וואָס האָט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געציילט ביז 300 יידישע משפחות. אַלע האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. מער ווי איין־צימער דירה האָט קיינער נישט געהאַט, וואָס איז געווען סיי דאָס עסצימער, שלאָפצימער און קיך. צוויי ברונעמער האָט גניעוואַשאָוו פאַרמאָגט. מ׳האָט זיי גערופן מיט יידישע נעמען: חיים דיינס ברונעם, מיט גוט טרינקוואַסער און דער לאָמער ליבעס ברונעם, וועמענס וואַסער האָט געדינט בלויז צום וואַשן.

ווי גרויס די אָרעמקייט איז געווען אין שטעטל, און ווי קליין די שטיבלעך, אַזוי זענען זיי, אָן עין־הרע, פול געווען מיט קינדער. כ׳האָב געהאַט אַ חבר, האָט זיין טאַטע, אַן אָרעמער שניידער, פאַרמאָגט זעכצן קינדער... דאָס זעכצנטע איז געקומען אויף דער וועלט, אויף אַ וווּנדערלעכן אופן. מ׳האָט אין יענער צײַט

געטראָגן העמדער פון גראָבע לייוונט, האָט מען זיי ביים וואַשן געמוזט גוט קלאַפּן מיט אַ „פּראַטש״ (אַזאַ מין פלאַך שטיק האָלץ מיט אַ הענטל). די וועש פלעגט מען וואַשן ביים נאָענטן טייכל פשעסוואַ.

מיין חברס מאַמע, ווען זי איז געווען אין ניינטן חודש, איז אַוועק צום טייכל וואַשן וועש, און אַזוי קלאַפּנדיק מיטן „פּראַטש״ די העמדער — איז איר אומגעריכט „אַרויסגעפאַלן״ דאָס זעכצנטע קינד און אַריינגעפאַלן אין טייכל. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דאָס קינד באַלד אַרויסגעצויגן אַ לעבעדיקס. לאַנגע יאָרן האָט מען אין שטעטל און אין דער אַרומיקער געגנט דערציילט, ווי אַזוי אַ יידישע מאַמע האָט געבוירן אַ קינד אָן ווייען...

ביזן יאָר 1900, איז אין גניעוואַשאָוו נישט געווען קיין פליישׂ־יאַטקע. ווען עמעץ האָט געלאָזט שעכטן אַ קעלבל און געוואָלט פאַרקויפן פלייש, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ ייִנגל, וואָס איז פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס געלאָפן איבער גניעוואַשאָוו און גרעניץ און געשריגן בקולי־קולות:

— קישקעלעך מיט לעבער ביי חיים הערשן!

האָבן יידן און ווייבער איינגעהאַנדלט אויף שבת אַ האַלב פונט פלייש, לעבער, קישקעס. אַ גרעסערער אָרעמאַן האָט געקויפט אַ ביסל ביינער, אָדער אַ מאָגן, און דאָס ווייב האָט דעם מאָגן אָנגעפילט און איינגעבראָטן ווי עס געהער צו זיין, האָט מען עס געגעסן אַ גאַנצע וואָך און געלעקט די פינגער.

איין טאָג אין דער וואָך האָט דאָס שטעטל ממש אויפגעלעבט — דינסטיק. דאַן איז געווען מאַרק־טאָג. די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען אין שטעטל און געברענגט צו פאַרקויפן הינער, אייער, פּוטער אדג״ל. יידן האָבן איינגעהאַנדלט די דאָזיקע פּראָדוקטן, זיי אַוועקגעפירט קיין וואַרשע, אָפּגעזעצט די סחורה פאַר גוט געלט — און אַזוי אַרום פאַרדינט אויף זייער אויסקומעניש.

זומערצייט האָבן יידן געדונגען ביי די פּויערים פרוכט־סעדער, מ איז געווען מיט זיי באַשעפטיקט ביז נאָך סוכות און פיין פאַרדינט. ווינטער־צייט — פלעגט מען „זעצן״ גענדז. ווער עס האָט נישט געהאַט קיין אָרט אין אַ קעמערל, האָט זיי געהאַלטן אויפן בוידעם. נישט איין מאָל האָבן די גענדז איבערגעקערט דאָס וואַסער, וואָס זיי האָבן געהאַט צום טרינקען, פלעגט ביינאַכט אַראָפּרינען פון סופיט, גלייך אין בעט אַריין. אָבער עס האָט געלוינט צוליידן. פון די גענדז האָבן יידן געהאַט חיונה, ווי אויך גריוון און שמאַלץ, וואָס האָט חנוכה־צייט ביים פּרעגלען פאַרשמעקט די שטוב און די גאַס.

קיין שולן צום לערנען זענען דאַן אין גניעוואַשאָוו נישט געווען. די קינדער האָבן געלערנט אין חדרים ביי מלמדים. ווען אַ יינגל איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט מען אים געשיקט צו אַ מלמד. מיידלעך אין עלטער פון 11—12 יאָר האָט מען געשיקט קיין וואַרשע אויף אַן „אָרט", אַלס אַ דינסט, הייסט עס, האָט זי געאַרבעט אַזוי לאַנג עבודת פרך, ביז זי האָט פאַרדינט אויף נדן. יינגלעך אין זעלבן עלטער האָט מען געשיקט קיין וואַרשע לערנען אַ פאַך. פרומע עלטערן האָבן געשיקט זייערע זין לערנען אין ישיבה.

דער אונטערוואַקסנדיקער דור האָט נישט באַקומען קיין וועלטלעכע בילדונג און וויסן, מ'האָט נישט געלייענט קיין ביכער. עלטערע יידן האָבן געקוקט אויף אַ בוך ווי אויף „טריף־פסול", וואָס טאָר זיך נישט געפינען אין קיין יידישער שטוב. אַ חבר פון פולאַוו האָט מיר אַ מאָל געליִען צוויי יידישע ביכער צום לייענען, האָב איך זיי געמוזט גוט באַהאַלטן. ערשט שבת, ווען דער טאַטע האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָב איך געוואַגט אַרויסצונעמען די ביכער, זיי לייענען און הנאה האָבן, און נישט איין מאָל אויך פאַרגאָסן טרערן אויפן גורל פון די העלדן וואָס זענען דאָרט געווען באַשריבן. אַמאָל פלעג איך זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם אָדער אַוועק אין וואַלד און דאָרט געלייענט.

אַ:וי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין שטעטל ביזן יאָר 1904.

אין יאָר פון שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס

אין יענער צייט זענען אין וואַרשע אַנטשטאַנען שוסטער־פאַבריקן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פּראָדוצירן אַ נייעם סאָרט שיך, אַזוי גערופענע „סקאָראָכאָדן", (סאַנדאַלן). מיין פאָטער און מנשה פרידמאַן זענען דעמאָלט אַוועק קיין וואַרשע, ה'ו זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך און געעפנט אין גניעוואשאָוו פאַבריק־לעך פון „סקאָראָכאָדן". שפּעטער האָבן צו דעם עסק זיך אויך גענומען אַנדערע יידן: שוסטערס, שטעפּערס, וואָס האָבן גוט פאַרדינט, צו 6—7 רובל אַ וואָך, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ באַדייטנדע סומע. דער מאַטעריעלער מצב פון יידן אין גניעוואשאָוו האָט זיך אַרום פאַרבעסערט. אָבער די יוגנט האָט זיך געריסן אין דער גרויסער וועלט אַריין, און קודם כל — קיין וואַרשע. איך בין געווען איינער פון די יונגע בחורים, וואָס זענען אַוועק קיין וואַרשע און דאָרט זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפנט.

אין וואַרשע זענען געווען טעטיק, אומלעגאַל, די פאַרטייען: פּ. פּ. ס.

(„פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי”) ווו יידן זענען געווען ווייניק פּאַרטרעטן, „בונד”, ס. ס. (ציוניסטן סאָציאַליסטן) און אַנאַרכיסטישע גרופּן.

איך בין געוואָרן אַקטיוו אין דער ס. ס.־פּאַרטיי און אָנגעהויבן פיל צו לייענען, זיך באַטייליקט אין אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, געוואָרן אַן אַגיטאַטאָר פון מיין פּאַרטיי און פאַנאַנדערגעט״ילט פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. די יידישע אַרבעטער־יוגנט האָט דאַן אויפגעוואַכט, געוואָרן ענערגיש, דרייסט, גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן אין קאַמף פאַר פרייהייט.

ס'איז געקומען דאָס היסטאָרישע יאָר 1905. די יידישע אַרבעטער, צוזאַמען מיט די נישט־יידישע, אונטער דער אָנפירונג פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען וועגן אַ פאַרקלענערטן אַרבעטס־טאָג. מ'האָט דעמאָלט געאַרבעט ביז 16 שעה אין מעת־לעת, אָפטמאָל — גאַנצע נעכט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייקן אין די וואַרשעווער פאַבריקן און וואַרשטאַטן.

אין גניעוואַשאָוו איז דערווייל אַלץ געבליבן ביים אַלטן. די עקספּלאָאַטאַציע איז געווען גרויס. אויב אין די וואַרשעווער פאַבריקן האָט מען די אַרבעטער געצאָלט 60 קאָפּיקעס פאַר אַ פּאָר „סקאָראָכאָדן”, האָט מען אין גניעוואַשאָוו אין דער זעלבער צייט געצאָלט די אַרבעטער פון 25 ביז 35 קאָפּיקעס פאַר אַ פּאָר. אויף אַזאַ אויפן האָבן די גניעוואַשאָווער פאַבריקאַנטן געקאָנט פאַרקויפן זייערע שיך־אויסאַרבעטונגען פאַר פיל ביליקער און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ צווישן די גניעוואַשאָווער און די וואַרשעווער שוסטער־אונטערנעמונגען.

דער פּראָפעסיאָנעלער ראַט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין וואַרשע האָט געפאָדערט פון די גניעוואַשאָווער שיך־פאַבריקאַנטן זיי זאָלן העכערן דעם לוין פון די אַרבעטער און אויסגלייכן אים מיט די פאַרדינסטן פון די וואַרשעווער באַשעפטיקטע אין דער זעלבער בראַנזשע, אויב נישט, וועט מען רופן די אַרבעטער צו אַ שטרייק. דער ראַט האָט מיך דעלעגירט קיין גניעוואַשאָוו צו אַגיטירן די שוסטער אָפּצושטעלן די אַרבעט. נאָך פאַר מיין קומען אין שטעטל, האָט דער דאַמען־שניידער יצחק הערש־לייבס אַגיטירט צו פאַרשטרייקן, ער איז אַריין אין איינער פון די פאַבריקלעך און גערופן צו וואַרפן די אַרבעט. די דינערס — אַזוי האָט מען גערופן די אייגנטימער פון פאַבריקל — האָבן דערהערט אַזאַ מין מעשה, האָבן זיי זיך געוואָרפן שלאָגן דעם אַגיטאַטאָר. די אַרבעטער האָבן זיך אַריינגעמישט און נישט דערלאָזן צו אַ בלוט־פאַרגיסונג. (וועגן דעם דאָזיקן פאַל האָט מיר דאַן יצחק געשריבן).

אין אַ פרייטיק בין איך געקומען קיין גניעוואַשאָוו. שבת צו נאַכטס, ווען די מענטשן האָבן זיך געזעצט אַרבעטן, בין איך אַריין צו די דינערס און גערופֿן די אַרבעטער צו פֿאַרשטרייקן. ווי נאָר דער אַלטער האָט דערזען, האָט ער זיך גלייך געוואָרפֿן מיך שלאָגן. אַ קריסטלעכער אַרבעטער, יוזשיק זאַשאַט, האָט זיך פֿאַר מיר איינגעשטעלט. די שוסטערס האָבן געפֿאָלגט מײַן רוף און פֿאַרשטרייקט.

איך בין אַוועק צוריק קיין וואַרשע און באַריכטעט דעם ראַט פֿון די פֿאַרטייען. אויף אַ זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין משך פֿון דריי חדשים טאָרן די גניעוואַשאָווער פֿאַבריקאַנטן זיך נישט ווייזן מיט זייער פּראָדוקציע אין וואַרשע.

אַ ספּעציעלע „באָיוווקע" האָט געהיט ביים וואָקזאַל נישט לאָזן די גניע־וואַשאָווער שיך־פֿאַבריקאַנטן קומען קיין וואַרשע. דער ערשטער קרבן איז געווען ישראל סאַמעט, וועלכער האָט געהאַט אַ גאַרבעריי אין שטעטל. ער איז געוואָרן צעשלאָגן, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט תיכף צוריק צו פֿאָרן מיט זיין סחורה קיין גניעוואַשאָוו. דאָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף די אַנדערע שיך־פֿאַבריקאַנטן אין שטעטל. אַפֿילו די גניעוואַשאָווער דינסט־מיידלעך האָט מען פֿון וואַרשע צוריק געשיקט אַהיים. האָבן די גניעוואַשאָווער שיך־פֿאַבריקאַנטן גערופֿן אַן אסיפֿה צו וועלכער אַלע זענען געקומען, חוץ מײַנע קרובים: פּנחס לעדערמאַן, הערשל וואַלדמאַן און מיין ברודער דוד. זיי האָבן אויך געהאַט אַ שיך־פֿאַבריקל. צו דער אסיפֿה האָבן די פֿאַבריקאַנטן פֿאַרבעטן די גרעסטע שלעגער פֿון שטעטל. מ'האָט זיי דאָרט מכבד געווען מיט בראָנפֿן, געבראָטענע גענדזלעך און זיי גערופֿן צו שלאָגן די שטרייקערס, באַזונדערס זייער אָנפֿירער.

וועגן דעם האָט מען מיר גלייך צו וויסן געגעבן קיין וואַרשע. איך בין אַוועק צום ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און זיי מיטגעטיילט וועגן דער סכנה וואָס עס דראָט די שטרייקער פֿון גניעוואַשאָוו און אויך מיר. די אָנפֿירער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן ראַט האָבן מיר דאַן געגעבן אַ רעוואָלווער מיט וועלכן איך זאָל זיך קענען פֿאַרטיידיקן און צוויי באַגלייטער, געניטע יונגען. מיט זיי האָב איך געדאַרפֿט פֿאָרן קיין גניעוואַשאָוו אָנצופֿירן מיטן שטרייק. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון די באַגלייטערס און אַוועק אין שטעטל.

מײַנע עלטערן האָבן זיך געפֿונען אין אַן אויבסט־סאָד, וואָס זיי האָבן אויף זומער־צייט געדונגען. ווען איך בין אָנגעקומען קיין גניעוואַשאָוו, בין איך

אַריין צום שניידער מאַטיס, וואָס האָט געוווינט ביי אונדז אין הויז. ווי נאָר זיין ווייב טעלצע האָט מיך דערזען, האָט זי גלייך אויסגערופן:

— אַנטלויף די מינוט, ווי גאָט איז דיר ליב! מ׳וועט דיך דאָ באַלד דערהרגענען!

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין מורא פאַר פאָליציי און אוודאי נישט פאַר די שטאַרקע. איך בין אַוועק צו מיין באַקאַנטע חברה און זיי אויפגעמונטערט נישט צו שרעקן זיך. פרייטיק און שבת בין איך געווען אין געזעלשאַפט פון צוויי חברים: ישראל מאיר, אַ שטעפער, און ישראל משה יעקב׳ס.

שבת פאַרנאַכט, ווען איך בין געזעסן ביי טעלצען, האָב איך דערזען דורכן פענצטער ווי א חברה יונגען האָט זיך געלאָ:ט אויף אַ שפּאַציר — וווילינגעריש און האָפערדיק. מיט מיינע צוויי באַגלייטער בין איך אַרויס אַנטקעגן. קיינער פון די שלעגערס האָט נישט געוואגט צו אונדז צוצוגיין. דעם זעלבן אָוונט בין איך צוריק געפאָרן קיין וואַרשע.

די גאַנצע אַרבעט אין די לעדער־וואַרשטאַטן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. צענדליקער מענטשן זענען געבליבן אָן פּרנסה. בלויז די הענדלער מיט הינער, אייער און פּוטער, האָט מען אַריינגעלאָזט אין וואַרשע. דערזען אַז ס׳איז שלעכט, האָט מען אָנגעהויבן אַלאַרמירן מיט בריוו קיין וואַרשע, אַז מ׳וויל אונטערהאַנדלען. האָבן מיר מסכים געווען, אַז אַ דעלעגאַציע פון פאַבריק־אייגנטימער זאָל קומען אויף אַ שמועס.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען. דער פּראָפעסיאָנעלער ראַט האָט געפאָדערט, אַז די גניעוואָשאָווער פאַבריקאַנטן זאָלן באַצאָלן קנס: 400 מיטאָגן און 200 רובל פאַר נויטבאַדערפטיקע וואַרשעווער אַרבעטער. ווען די אונטערנעמער האָבן דערויף מסכים געווען, בין איך געקומען קיין גניעוואָשאָוו, צוזאַמענגערופן די יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער און זיי דערקלערט, אַז זיי טאָרן נישט נעמען ווייניקער ווי 50 קאָפּיקעס פאַר אַ פאָר „סקאָראָכאָדן“ אַרבעט־געלט. די פאַבריק־אייגנטימער האָבן נאָכגעגעבן און נאָך דריי חדשים מהומות און שטרייקן, האָט זיך דאָס לעבן אין גניעוואָשאָוו צוריק איינגעשטעלט.

איך ווער אַרעסטירט און מיין מאַמע באַזאָרגט מיר תפילין

דער שטרייק האָט זיך געענדיקט. ס׳איז אדורך דאָס יאָר 1905 פון אויפברויז און רעוואָלוציע. איך בין ווייטער געווען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905, האָבן די גניעוואַשאָווער פאַבריקאַנטן אויפגעהויבן די קעפּ און באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין פאַר מיין אָנפירן דעם שטרייק. זיי האָבן דעם „סטאַרשי־סטראַזשניק״ (עלטסטער פּאָליציאַנט אין די צאַרישע צייטן) פון גניעוואַשאָוו גוט אָנגעטרונקען, געגעבן אַ פעטן צובייס און אַ פיינע מטבע, פאַרלאַנגענדיק פון אים, ער זאָל מיך אַרעסטירן, ווייל איך בין אַ „בונטאָווטשיק״, אָרגאַניזיר שטרייקן, מאַך אַלע אַרבעטער פאַר סאָציאַליסטן.

איינס אַ זייגער ביינאַכט האָט דער סטאַרשי־סטראַזשניק גענומען זיינע צוויי געהילפן, אויך אַ יידישן שומר, וועמען ער האָט צוגעזאָגט אַ גוטן שנעפּסל, מיטן תנאי ער זאָל מיטגיין מיט זיי, אָנקלאַפּן אין טיר און רעדן אויף יידיש. אַזוי איז טאַקע געשען. אינמיטן נאַכט וועקט מיך אויף אַ קלאַפּן אין טיר און אַ ייד בעט זיך:

— יידן, האָט רחמנות! אַ ייד ווערט פאַרפרוירן, לאָזט אריין זיך אָנוואַרעמען!...

ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָט זיך אין שטוב דער ערשטער אריינגעריסן דער „סטאַרשי סטראַזשניק״ — כאַלאַי האָט מען אים גערופן — מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער אין האַנט און אויסגעשריגן:

— רוקי ווערך!!! (די הענט אין דער הייך!)

— וואָס ווילסטו?

— קודם, גיב אַהער דאָס געווער — האָט ער אויסגערופן.

— רייד נישט צו מיר אין אַזאַ טאָן — האָב איך געענטפערט. איך בין גרייט דיר אָפּצוגעבן דאָס געווער, אויב גיסט דיין ערנוואָרט, אַז גייסט שוין אַרויס פון שטוב.

דער פּאָליציאַנט האָט צוגעזאַגט צו דערפילן מיין פאַרלאַנג. איך האָב אָפּגעגעבן מיין רעוואָלווער און מיט אים אַוועק. איך האָב אַזוי געוואָלט, ווייל אין שטוב האָט זיך געפונען אַ סך אומלעגאַלע ליטעראַטור און איך האָב נישט געוואָלט דער פּאָליציאַנט זאָל מאַכן אַ רעוויזיע. נאָך מיין אַוועקגיין, האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געברענט אין שטוב די „טריפהנע סחורה״. מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ שווערע נאַכט.

דער „סטאַרשי סטראַזשניק״ מיט זיינע געהילפן האָבן מיך אַוועקגעפירט אין גמינע וואָס האָט זיך געפונען אין דאָרף אלעקסאָוו. דאָרט האָב איך ווידער געהאַט אַ שטרייט. מ׳האָט מיך געוואָלט אַריינזעצן אין קאַרצער. איך האָב

געפאָדערט מ׳זאָל דאָרט אײַנהייצן, מאַכן וואַרעם, ווייל ס׳איז געווען אַ גרויסע פראָסט. דער פּאָליציאַנט האָט אויפגעוועקט דעם אויפזעער, באַפוילן אײַנהייצן דעם אויוון. מען האָט מיך אַרײַנגעפירט אין דער קאַמער און פאַרשלאָסן.

באַגינען זענען צו מיר געקומען מײַן מאַמע און ברודער יהושע. זיי האָבן מיר געבראַכט אַ פּאָר תפילין און וואַרעמע שטיוול. זיי האָבן מורא געהאַט מ׳וועט מיך אַוועקשיקן אין פעסטונג — און פון דאָרט איז נישטאָ קיין צוריק. איך האָב זיי באַרויקט און געבעטן דעם ברודער, אַז ער זאָל מיר שנעל ברענגען טינט, פעדער און פּאַפּיר. ער האָט מיר אַלץ געבראַכט און דערלאַנגט דורך דעם לאָך אין פענצטער, וואָס איך האָב געמאַכט דורך אַרויסנעמען אַ שטיק שויב. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו בראָניען, אַ באַקאַנטע סטודענטין אין פולאַווו, אַ טוערין אין אונדזער פּאַרטיי, און איר געבעטן זי זאָל זען עפּעס טאָן פאַר מיר, איידער עס ווערט שפּעט.

מײַן ברודער איז מיט דעם פורמאַן אברהם זשאַבינקער גלײַך אַוועק קיין פולאַווו און באַזאָרגט דעם בריוו צו בראָניען. זי איז דעם זעלבן טאָג געקומען קיין גניעוואַשאָוו, צוזאַמען מיט נאָך דרײַ חברים. זיי זענען קודם אַרײַן צו מײַנע עלטערן. מײַן מאַמע האָט זיך שטאַרק צעוויינט. מײַנע פרײַנד האָבן זי באַרויקט און געזאָגט, אַז זיי וועלן טאָן אַלץ, כדי מיך אַרויסצוראַטעווען פון גויאישע הענט. זיי האָבן געבעטן מײַן ברודער ער זאָל זיי ווײַזן דעם סטאַרשי סטראַזשניק. ווען דער פּאָליציאַנט איז דורכגעגאַנגען די גאַס, האָט די גרופּע אים אַרומגערינגלט און געזאָגט, אַז זיי דאַרפן מיט אים עפּעס ריידן, אָבער נאָר ביי אים אין שטוב. ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן פעסטן טאָן און איז אַרײַן מיט זיי אין שטוב.

אויף דער פראַגע פאַר וואָס מ׳האָט מיך אַרעסטירט, האָט דער פּאָליציאַנט זיי דערקלערט אַז מ׳האָט מיך געמסרט חברה האָט אַרויסגעכאַפּט די רעוואָלווערס און געפאָדערט פון אים, ער זאָל מיך תיכף באַפרײַען. דער פּאָליציאַנט האָט שוין געהאַט אַוועקגעשיקט אַלע זאַכלעכע באַווײַזן צו נאַטשאַלסטוואָ אין קאַזשעניץ. דעם רעוואָלווער און אַ קינזשאַל וואָס ער האָט בײַ מיר צוגענומען בעתן אַרעסט, ווי אויך אַ פּראָטאָקאָל וועגן מײַנע מעשים. איז ער אַוועק קיין קאָזשעניץ, „געשמירט" ווו מען האָט באַדאַרפט — און מ׳האָט מיך באַפרײַט.

נאָך דער באַפרײַונג בין איך אַוועק קיין פולאַווו צו בראָניען, זיך באַראָטן וואָס ווײַטער צו טאָן און באַשלאָסן: נישט נוקם זײַן אין די מוסרים אין גניעוואַשאָוו. דערמיט האָט זיך די זאַך פאַרענדיקט.

בעת דער ערשטער וועלט מלחמה

דאָס לעבן אין שטעטל איז צוריק אַריין אין די נאָרמאַלע ראַמען. איך האָב געאַרבעט. באַלד איז אונטערגעקומען מיין פריזיוו און איך בין אַוועק דינען דעם צאַר, וועלכן כ'האָב פריער געוואָלט אַראָפּוואַרפן. געגעסן „פּאָניעס" ברויט און קאַשע. אין יאָר 1913 בין איך צוריק געקומען אַהיים אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט. איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן ווו איך האַלט אין דער וועלט און וואָס איך האָב ווייטער צו טאָן, איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה...

אין שטאָט איז געוואָרן אַ מהומה. טאַטעס האָבן אין געציילטע שעהן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך צושטעלן צו דער אַרמיי. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט די מהומה זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרצווייפלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי — ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש — דער פעטער פונעם צאַר ניקאָליי דעם צווייטן האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז אין משך פון 24 שעה טאָר זיך קיין איין ייד נישט געפינען אויפן שטח 25 קילאָמעטער אַרום דער דעמבלינער פעסטונג. גניעוואַשאָוו האָט געהערט צום פאַרבאָטענעם שטח... די פאַרצווייפלונג איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען די אַנטיסעמיטישע אָרטיקע מאַכטהאָבער האָבן דעם באַפעל געענדערט: געפאָדערט פון די יידן אין משך פון 12 שעה צו פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער. עס איז אויסגעקומען צו לויפן ווו די אויגן טראָגן. אינעם נייעם באַפעל האָט זיך געזאָגט: „פון מיטוואָך 12 אַ זייגער ביינאַכט ביז דאָנערשטיק 12 אַ זייגער בייטאָג, טאָר זיך קיין ייד נישט געפינען אויפן דאָזיקן שטח."

מ'קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ נאַכט פון פּאַניק און שוידער דאָס איז געווען. די רייכערע איז נאָך געלונגען צו כאַפּן פערד־און־וואָגן און עפּעס וואָס פון זייער פאַרמעגן און צו אנטלויפן. די אָרעמעלייט האָבן זיך מיט טרערן און די אויגן צעשיידט מיט די פיר ווענט, ווו מ'איז געבוירן געוואָרן, חתונה געהאַט, געברענגט קינדער אויף דער וועלט, אין נחת זיי אויסגעגעבן און איצט דאַרף מען אַלץ איבערלאָזן אויף הפקר. ווער ווייסט, צי מ'וועט נאָך אַמאָל זען די היים...

אָבער קיין צייט צו טראַכטן איז נישטאָ. די נאַכט שטייט נישט. האָט מען

געקומען אויף איין האַנט אַ פעקל בעטגעוואַנט, אויף דער צווייטער — אַ קינד, און מ׳האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו אַן אומבאַשטימטן גורל.

באַגינען איז מיר געלונגען צו געפינען אַ פור אין איינעם פון די נאָענטסטע דערפער. דער פורמאַן, מיינער אַ באַקאַנטער פּאָליאַק, האָט מסכים געווען אונדז צופירן קיין ריקי. אויפן וואָגן האָבן זיך געפונען אויך מיינע ברידער מיט זייערע משפחות און דאָס ביסל בעבעכעס. מיינע עלטערן האָבן זיך דאַן נישט געפונען אין גניעוואשאָוו. מיר זענען אָנגעקומען קיין דעמבלין און דאָרט געטראָפן טויזנטער יידן פון דער אַרומיקער געגנט. דער פורמאַן איז אַריין אין אַ שענק מאַכן אַ שנעפסל מיט גוטע ברידער. זיי האָבן אים אָנגערעדט ער זאָל אונדז ווייטער נישט פירן, ווייל עס קען טרעפן, אַז מ׳זאָל אויך הייסן די פּאָליאַקן פאַרלאָזן די געגנט — און ער וועט זיך „שלעפן מיט אַ וואָגן זשידעס״.

דער פויער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, דערקלערט, אַז ער פאָרט נישט ווייטער און גענומען אַראָפּוואַרפן אונדזערע זאַכן און די קינדער פון וואָגן. איך האָב זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל דאָס נישט טאָן. אַז ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, בין איך אַוועק אין דער גמינע. דאָרט איז געווען פול מיט מיליטער און זשאַנדאַרן. כ׳האָב זיך לעגיטימירט מיט מיין מיליטער־ביכל און דערציילט די גאַנצע געשיכטע, אַז דער פויער וואַרפט אונדז אַראָפּ פון וואָגן און אויך אונדזערע פיצלעך קינדער, ווו וועלן מיר גיין און וואָס וועלן מיר טאָן אין אַזאַ גאָס־רעגן. אַ רוסישער אָפיציר האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם ענין. ער איז אַרויס מיט מיר צום פויער און אים געפרעגט ביז וועלכן אָרט האָט ער זיך באַדינגען אונדז צו פירן. דער פויער האָט געענטפערט, אַז ביז ריקי.

— טאָ פאַר וואָס וואַרפסטו זיי אַראָפּ אין דעמבלין? — האָט דער אָפיציר שטרענג געפרעגט.

דער פויער האָט זיך פאַרענטפערט: ער האָט געהערט, אַז ביינאַכט וועט מען אַרויסטרייבן אויך די פּאָליאַקן און ער מוז זיין אין דער היים גרייט.

דער אָפיציר האָט זיך אָנגעבייזערט אויף דעם פורמאַן און באַפוילן ער זאָל צוריק אַרויפלייגן אַלע זאַכן אויפן וואָגן און אונדז פירן קיין ריקי.

מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט ווי אָפּצודאַנקען דעם גוטען אָפיציר און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

יענער צאַרישער גירוש פון יידן האָט אויסגעזען שרעקלעך. טויזנטער יידן פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך האָבן זיך געשלעפּט איבער דעמבלין. דער

רעגן האָט געפּליוכעט, דאָס געוויין פון קינדער, דאָס זיפצן פון מאַמעס, די מהומה און די פאַרצווייפלונג — זענען געווען אין לשער. מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט זענען געגאַנגען צופוס און זיך געבעטן מ׳זאָל זיי אויפנעמען אויף די וועגענער. מענטשן האָבן אַוועקגעוואָרפן אויפן וועג פּוטערס, קישנס, פּערענעס און מ׳איז בלויז געבליבן מיט די קינדער אויף די הענט. אַזוי איז מען הויל און נאַקעט, מיט אַ קללה אויף די ליפּן, געגאַנגען איבער די בלאָטיקע וועגן פון איין גלות אין צווייטן, נישט וויסנדיק צו וועמען און צו וואָס...

מיר, די „גליקלעכע", זענען געפאָרן אונטערן שלאַקס־רעגן. אויפן וואָגן האָב זיך בלויז געפונען די פרויען און קינדער. צוליב מאַנגל אין אָרט, זענען מיר, מענער, געגאַנגען נעבן וואָגן צופוס. בעת מיר האָבן זיך שוין געפונען אַן ערך אַ האַלב־וועג פון ריקי, האָב איך פּלוצלונג דערהערט אין די גראָזן וויינען אַ קינד. מיר האָבן איינגעהאַלטן די פערד, איך בין אַריבער דעם ריוו און געבליבן פאַרשטיינערט: אין גראָז איז געלעגן מיין קוזינע, אברהם ראַדאָקס טאָכטער, מיט אַ דריי־טאָגיק קינד, און ביי דער זייט אַ קינד פון דריי יאָר. אַזוי זענען זיי געלעגן אונטערן גאָס־רעגן און ס׳האָט אַ סך נישט געפעלט, זיי זאָלן דאָרט געווען אויסגיין פון קעלט און הונגער.

אויף מיין פראַגע, ווי קומט זי אין די גראָזן, איז זי זיך פאַרגאַנגען אין אַ ביטער געוויין און נישט געקענט קיין וואָרט פון מויל אַרויסברענגען. איך האָב זיי אַרויפגענומען אויפן וואָגן, זיי איינגעדעקט. ווען זיי האָבן זיך אַביסל דערוואַרעמט און געקומען צו זיך, האָט מיין קוזינע מיט אַ שוואַכער ציטערדיקער שטימע דערציילט:

— אין דער גרויסער בהלה האָט איר מאַן אין אַ דאָרף ביי דעמבלין געדונגען אַ פור, וואָס זאָל זיי ברענגען ביז ריקי. דאָס איז פּונקט געווען צוויי טעג נאָך איר געבוירן דאָס קינד, זי האָט זיך נישט געטאָרט רירן אין וועג, אָבער קיין אַנדערע עצה איז ניט געווען. נאָך אַ גליק, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַ פור. אין מיטן וועג איז פּלוצעם צוגעפאָרן צו זיי אַ מאַשין. עס איז אויסגעשטיגן אַ רוסישער אָפיציר, האַלב־שיכורער. איז ער צוגעגאַנגען צום פויער און געפרעגט:

— וווהין פירסטו די זשידאָווסקי חזירים?

דער פויער האָט אַ דערשראָקענער געענטפערט:

— קיין ריקי, באַרין.

— וויפל נעמסטו ביי זיי פאַר דער רייזע?

— 10 ריבל, מיין הארעלע.

— נאַ דיר 10 רובל, וואַרף זיי אַראָפּ פון דער פור און פאָר צוריק אַהיים! פאַרשטאַנען?

ס'האָט נישט געהאָלפן קיין וויינען און קיין בעטן. דער אָפיציר אַליין האָט געהאָלפן דעם פויער אַרויסוואַרפן פון וואָגן די קימפעטאָרין מיט די קינדער. אַזוי זענען זיי פאַרבליבן אין מיטן פעלד, אונטערן גאָס־רעגן. דער מאַן איז אַוועק אין די דערפער זוכן אַ צווייטע פור — און איז נאָך נישט צוריק געקומען.

מ'האָט געמוזט קלערן וואָס צו טאָן. בלייבן לענגער אינמיטן וועג און וואַרטן אויף איר מאַן, איז געווען אוממעגלעך. דער פליטים־שטראָם האָט אונדז געטריבן פאָרויס. אונדזער פורמאַן האָט נישט געקאָנט וואַרטן אפילו אַ רגע. האָבן מיר אויף אונדזער וואָגן געמאַכט אָרט פאַר דער פרוי מיט אירע צוויי קינדערלעך און געפאָרן ווייטער.

נישט געקוקט אויף אַלע צרות, איז אויפן וועג דאָך געוואָרן אַביסל הייטערער צוליב א מעשה מיט א ציג. אָט וואָס עס האָט געטראָפן: איך האָב שוין געהאַט אַלץ איינגעאָרדנט אויף ווייטער צו פאָרן, איז צו אונדז צוגעקומען אונדזער שכן, ניסן פוטראַ און געבעטן ארויפנעמען אויפן וואָגן אים און זיין פרוי. ער איז געבליבן אין שטעטל דער לעצטער און האָט בשום אופן נישט געפונען קיין פור.

אַ ווי ווי מיר האָבן נישט געוואָלט לאָזן אַ היימישע משפחה אויף הפקר, האָב איך אים אַרויפגענומען אויפן וואָגן. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זיין פרוי וועט זיך נישט רירן פון אָרט אָן איר ציג, וועלכע זי האָט מיטגעפירט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין עצה און געמוזט מיטנעמען אויך זייער ציג. צוליב דוחק אין אָרט אויפן וואָגן, האָט ר' ניסנס ווייב, רבקה, געמוזט געבעך האַלטן די ציג אויף די הענט, ווי אַן עופהלע, להבדיל... די ציג האָט זיך אָבער ווייט אויס געפילט נישט היימיש אין דער געזעלשאַפט, זי האָט זיך אָפט אויפגעשטעלט, פאַריסן דעם קאָפּ מיט די הערנער צום הימל און אַרויסגעלאָזט אַ דריי־גאָרנדיקן מעע. האָבן מיר אַלע זיך געמוזט צעלאַכן ביי די צרות.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום שיידוועג פולאַוו־גאַרוואָלין, צו די שטעטלעך: דעמבלין, קאָצק, איז שוין געווען פאַרנאַכט. יידן זענען אונדז אַנטקעגנגעלאָפן און געשריגן: „וווהין פאָרט איר? דאָרט שטייען קאָזאַקן און שלאָגן, זיי

לאָזן נישט די יידן ווייטער". אונדז איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. דער רעגן פליוכעט און דאָ קאָן מען זיך פון אָרט נישט רירן. דערצו האָבן מיר נאָך אויפן וואָגן אַ קימפעטאָרין. וואָס טוט מען?

מיר זענען צוגעפאָרן צו אַן אָרט, ווו עס זענען געשטאַנען פיר הייזער. מיר האָב אָנגעקלאַפּט אין איינעם פון זיי און געבעטן: „לאָזט אונדז אַריין מיטן וואָגן אין סטאַדאָלע, דער רעגן גיסט און מיר זענען דאָ מיט א קימפעטאָרין און אַן עופהלע. האָט רחמנות, ליבע מענטשן! מיר וועלן אייך געבן געלט און זאַכן".

דער בעל־הבית האָט זיך מרחם געווען און אונדז אַריינגעלאָזט אויף נאַכט־לעגער. דעם פויער מיט דער פור האָבן מיר אָפּגעשיקט אַ היים, ווייל ער האָט געוויינט און געקלאָגט, מען זאָל אים לאָזן פאָרן צוריק. די אָרטיקע מענטשן האָבן אונדז געגעבן עסן און מילך פאַר די קינדער. גאַנץ פרי איז מיין עלטערער ברודער אַרויס זוכן אַ פור. נאָך גרויסע שוועריקייטן, האָט ער געפונען אַ פויער מיט אַ וואָגן, און מיר זענען אין אַ גוטער שעה געפאָרן ווייטער און אָנגעקומען אין ריקי. די קימפעטאָרן מיט איר קליינוואַרג האָבן מיר געלאָזן אין שטעטל, ביי איר מאַנס ברודער, און מיר זענען געפאָרן ווייטער. אין וועג זענען אונדז באַפאַלן פויערים און באַוואָרפן מיט שטיינער. זיי האָבן קיינעם נישט געטראָפן. די פרויען זענען געזעסן אויפן וואָגן און מיר מענער זענען געגאַנגען צופוס.

פרייטיק פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין ריקי און דאָרט זיך דערוווּסט, אַז ביים אַריינפאָר אין שטעטל שטייען פייערלעשער, וואָס לאָזן נישט אַריין די טויזנטער היימלאָזע יידן. ווען עס האָט גענומען טינקלען, האָט רבקה'לע, ניסנס פרוי, זיך דערמאָנט אַז זי מוז בענטשן ליכט. אַזוי ווי קיין ליכט האָבן מיר נישט געהאַט, האָט ר' ניסן איר געבראַכט קינדלעך פון וואַלד און זי האָט „געבענטשט ליכט" ביי די אָנגעצונדענע שפּענדלעך.

די היימלאָזע יידן האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע צום רב פון גאַרוואָלין. ער איז שוין געווען אין בית־המדרש צו קבלת־שבת. ווען דער רב האָט דערהערט וואָס עס טוט זיך, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין באַלעמער און אויסגערופן:

— יידן! סכנת נפשות דוחה שבת! מיר מוזן ראַטעווען אונדזערע אומגליק־לעכע ברידער! ווער עס האָט פערד־און־וואָגן, זאָל תיכף שפּאַנען און אַרויספאָרן ברענגען די היימלאָזע און דאַכלאָזע יידן. איך גיי שוין אינטערווענירן ביי דער מאַכט מ'זאָל זיי גלייך אַריינלאָזן קיין גאַרוואָלין.

דער רב האָט געטאָן זיינס, די יידן זענען אַרויס הינטער דער שטאָט און אַלע היימלאָזע געבראַכט קיין גאַרוואָלין. ווען מיר האָבן דערזען ברענען שבת־

ליכט אין די הײַזער, איז אונדז געוואָרן וואַרעמער אין ליכטיקער אויף דער נשמה. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מ׳האָט די אַלע מענטשן איינגעאָרדנט אין יידישע הייזער און אין עטלעכע עפנטלעכע ערטער. דער רב האָט באַפוילן צו „קאָנפיסקירן״ אַלע טשאָלנטס פון שטעטל און זיי אָװעקגעבן די היימלאָזע יידן.

זונטיק פרי איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט. פנחס כהן און איך זענען געווען פאַרשטייער פון גניעוואַשאָוו. מיר האָבן באַזאָרגט עסן פאַר די היימלאָזע ווי אויך מלבושים פאַר די נויטבאַדערפטיקע. איך בין געפאָרן קיין וואַרשע אין נאָמען פון קאָמיטעט און ביי דער קהילה באַקומען הילף פאַר אונדזערע פליטים.

נאָך דער ערשטער הילף, איז זיך יעדער געפאָרן וווהין ער האָט געקאָנט. איך האָב זיך באַזעצט אין וואַרשע, דאָרט זענען אינגיכן אַריין די דייטשן. ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ הונגער. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן לאַנגע רייען נאָך ברויט וואָס מ׳האָט געטיילט אויף קאַרטן.

איך האָב באַקומען אַ פּאָר־שיין קיין גניעוואַשאָוו. דאָרט זענען אַריין די עסטרייכער. ס׳איז אויך געוואָרן אַ הונגער. אַלץ איז געווען אויף קאַרטן. די אַרבעט און דער מסחר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. נישט געווען ביי וואָס צו פאַרדינען. מ׳האָט געלעבט פון שמוגלען נאַפט, שפּירט, זאַלץ און אַנדערע פּראָדוקטן. צוליבן הונגער, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן ערנסטע קראַנקהייטן, ווי פלעק־טיפוס, בויך־טיפוס און אַנדערע. עס האָט זיך געשאַפן אַ לינת הצדק וואָס האָט געבראַכט מעדיצינישע הילף פאַר די קראַנקע משפחות. איך בין געווען טעטיק אין לינת־הצדק און ווי אַ פאַרטרעטער פון דער אינסטיטוציע געפאָרן קיין דעמבלין און דערליידיקט, אַז ד״ר סאָכאַצקי זאָל אויך באַדינען די גניעוואַשאָווער באַפעלקערונג. און דער לינת הצדק־טעטיקייט האָט פיל מיטגעהאָלפן ראַבינער קאָרמאַן.

איך האָב באַקומען אַ דערלויבעניש צו האַנדלען מיט תבואה און געהאָלפן די הונגעריקע נויטליידנדיקע יידן.

דער פּראָפעסיאָנעלער פּאַראיין

ישראל־איסר זאַלצמאַן / תל־אביב

איך בין אַלט געווען 14 יאָר, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־קריג. שפּעטער האָט די מיליטערישע מאַכט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז אַלע יידן דאַרפן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

די רייכע יידן האָבן געדונגען וועגענער, איינגעפּאַקט זייערע לאָקשן־ברעטער מיט די באַליעס, די וועש און קליידער — און זענען געפאָרן קיין ריקע. דאַקעגן די אָרעמע, וועלכע האָבן נישט געקענט דינגען קיין פורן, האָבן געפּאַקט פעקלעך — און וויפל קינדער עס זענען געווען אין שטוב, האָט מען יעדן געמאַכט אַ פּעקעלע, לויט די יאָרן און כוחות. אַזוי ווי די יידן ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים, האָט מען זיך געלאָזט צופוס, אויפן וועג קיין דעמבלין. פון דאָרט זענען מיר געגאַנגען צום ריקער שאָסיי. פון ביידע זייטן שאָסיי זענען געשטאַנען קאָזאַקן מיט נאַהייקעס אין די הענט, און מיר האָבן געמוזט אַדורכגיין דורך דעם פייער. יעדער קאָזאַק האָט געגעבן אַ שמיץ — אַ מתנה דעם ייד.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ריקע, איז נישט געווען קיין אָרט ווו זיך אָפּצורוען, ווייל דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אין פייער, אָבער דערפאַר זענען מיר פון די קאָזאַקן געווען פריי.

פון ריקע האָבן מיר זיך געלאָזט וואַנדערן קיין גאַרוואָלין. דאָרט האָבן מיר שוין געהאַט מזל, ווייל די שטאָט האָט נישט געברענט. מיר האָבן זיך איינגע־אָרדנט אין בית־המדרש, אין שולן. מ׳קען זיך פאָרשטעלן ווי דאָס לעבן האָט אויסגעזען. מיר זענען דאָרט געווען ביזן סוף קריג.

אין 1918, ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ צוריק־וואַנדערונג אין גניעוואַשאָוו. אין שטעטל איז געווען אַ סך ליידיקע פּלעצער. מען האָט אָנגעהויבן בויען הייזער. מאַטעריאַל צו בויען האָט מען גענומען פון שאַרנעווער וואַלד, ווו עס זענען געווען גרויסע אָקאָפּעס. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין פונאַנדערנעמען די אָקאָפּעס. מען האָט גע־שלעפּט די ברעטער, וואָס איז געווען די באַשעפטיקונג פון רוב מענטשן אין שטעטל. די מער רייכערע האָבן געקויפט די ברעטער.

מען האָט אויך געבויט אַ מקווה, אַ שול — און משה־ביילעס האָט ווידער גענומען לערנען מיט די קינדער.

דאָס שטעטל האָט געפירט אַן אָרעם לעבן. די גאַסן זענען נישט געווען ברוקירט, פיל בלאָטעס, אָן עלעקטריע, דער עיקר — אָן פרנסה.


אין יאָר 1922 האָט זיך אָרגאַניזירט דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אין גניעוואַשאָוו. דער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען ביי דער ווייסל אין רעגיוו. די איניציאַטאָרן זענען געווען: ישראל־איסר, בן־ציון גירש, סוכער ליפשיץ, משה פערלשטיין, יוסף רובינשטיין. אין שטעטל איז געווען אַ פאַרצווייגטע שיך־פאַבריקאַציע. פאַרן שאַפן דעם פאַראיין, האָט יעדער בעל־הבית געטאָן מיט זיינע אַרבעטער וואָס ער האָט געוואָלט, סיי בנוגע דעם לוין, סיי די אַרבעט־שעהן. דער אַרבעטער האָט נישט געהאַט קיין ברירה, אויך נישט קיין הילף. געלעבט אין געהאַקטע צרות. אַפילו די מער באַוווסטזיניקע האָבן זיך נישט געקענט אַ סך העלפן, ווייל די אַנדערע אַרבעטער האָבן מיט זיי קאָנקורירט און נישט געווען סאָלידאַריש. די לאַגע האָט זיך געענדערט מיטן שאַפן דעם פּראָפ.־פאַראיין.

מיר האָבן געעפנט אַ לאָקאַל און אָנגעהויבן אַריינציען אַרבעטער. ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, ווייל די בעלי־הבתים זענען געווען קעגן. די ערשטע צייט האָבן מיר כמעט יעדן צווייטן טאָג געהאַט פאַרזאַמלונגען אויפצוקלערן דעם אַרבעטער וואָס אַ־ווינס ס׳איז אַ פּראָפ.־פאַראיין. ס׳האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז עס ליגט אין זייערע אייגענע אינטערעסן צו אָרגאַניזירן זיך. זיי האָבן גענומען אַנדערש רעדן מיט די אונטערנעמערס. די בעלי־הבתים האָט דאָס נישט געשמעקט, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע קאַמפן. נאָך אַ פּאָר חדשים האָט מען גניעוואַשאָוו גערופן — קליין מאָסקווע.

די אַרבעט איז צעטיילט געוואָרן חבריש און ברודערלעך, צווישן די קוואַ־ליפיצירטע פאַכלייט און נישט־קוואַליפיצירטע. אויך דער שלעכטער אַרבעטער האָט דאָך געמוזט לעבן און מפרנס זיין די משפחה. די בעלי־הבתים האָט דאָס נישט געשמעקט, זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי ווילן נישט די שוואַכע אַרבעטער.

דער פאַראיין האָט זיך דערווייל פאַרגרעסערט. אַפילו די וועלכע זענען געווען אין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, זענען איבערגעגאַנגען צום פּראָפ.־פאַראיין, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק, אַ דראַמאַטישן קרייז, אַ ספּאָרט־קלוב. דערפאַר איז די יוגנט געגאַנגען צו אונדז געגאַנגען.

דער ערשטער שטרייק האָט געדויערט אַ 6 וואָכן. מיר האָבן אָרגאַניזירט



הבית של הפולני אולשביץ׳, בו היה המועדון של האיגוד המקצועי
דאָס הויז פון פּאָלאַק אָלשעוויטש ווו ס׳האָט זיך געפונען
דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין

אַ הילפס־קאָמיטעט צו שטיצן די נויט־באַדערפטיקע אַרבעטער מיט געלט און שפּייז. קינדער פון רייכערע שטובן האָבן געברענגט פון דער היים ברויט, מעל, צוקער, קאַרטאָפל און אַנדערע פּראָדוקטן, וועלכע מיר האָבן צעטיילט צווישן די שטרייקנדע.

מיר האָבן אויך אַרויסגעשיקט אין די שכנותדיקע שטעטלעך שליחים, כדי זאַמלען געלט פאַרן שטרייק־פאָנד.

עס איז דערווייל דערגאַנגען צו גרויסע געשלעגן צווישן די אַרבעטער און די בעלי־בתים. די פּאָליציי האָט ניט געקענט העלפן די אונטערנעמערס, ווייל די אַרבעטער זענען געווען שטאַרק פאַרביטערט און די פּאָליציי האָט געוואָלט אויסמיידן בלוט־פאַרגיסונג.

צוויי אַרבעטער, קאַמאַשן־שטעפּער, האָבן זיך געלאָזט צורייידן און געוואָלט צוטרעטן צו דער אַרבעט. דער פאַראיין האָט זיי געוואָרנט נישט צו ברעכן דעם שטרייק, אָבער זיי האָבן נישט געפאָלגט. ווען זיי האָבן געענדיקט די אַרבעט און זיך געלאָזט אַ היים, האָבן די שטרייקערס זיי מכבד געווען מיט קלעפּ אַזוי, אַז זיי האָבן שוין נישט געקענט אַרבעטן.

פּאָליציי האָט זיך צו אונדז געווענדעט, מיר זאָלן פאַרענדיקן דעם שטרייק. זיי האָבן פאַרלאַנגט צו רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'זאָלן זיין אַנוועזנד פאַרשטייער פון דער פּאָליציי. מיר האָבן דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן.

דערווייל האָבן מיר זיך געוואָנדן צו די פּוילישע שוסטער־אַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויסגענומען אַרבעט צו זיך אַ היים, אַז זיי זאָלן אונדז מיטהעלפן און וואַרפן די אַרבעט. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, איז אונדז געלונגען זיי איבערצייגן זיי זאָלן צושטיין צום שטרייק און זיך סאָלידאַריזירן מיט אונדזער פאַראיין.

אַ קורצע צייט דערנאָך איז דער שטרייק פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פולשטענדיקן נצחון פון די אַרבעטער.

שפּעטער האָט מען געשענדעט אונדזער ביבליאָטעק. אונטערוועלט־חברה האָבן אויפגעריסן דעם לאָקאַל, צעריסן די ביכער, געמאַכט אַ חורבן פון מעבל, געשענדעט די בילדער און אַלע ביכער אַריינגעוואָרפן אין אַ ברונעם.

דאָס איז פאָרגעקומען ביינאַכט, 4 אַ זייגער פאַרטאָג האָט די פּאָליציי אָנגעקלאַפּט ביי מיר. עס איז געקומען באָכנער, געמאַכט אַ רעוויזיע אין שטוב. זיי האָבן גאָרנישט געפונען און מיך גענומען אין ביבליאָטעק אַריין. ווען איך ביז צוגעקומען נאָענט צו דער ביבליאָטעק און דערזען דעם חורבן, האָב איך נישט געוואָלט אַריינגיין און אויך זיי נישט געלאָזט אַריין, ביז זיי וועלן נישט ברענגען דעם סאָלטיס מיט צוויי ציווילע עדות. ערשט דערנאָך זענען מיר אַריין אין לאָקאַל.

נישט געקוקט דערויף וואָס מען האָט גאָרנישט געפונען, בין איך אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט משה פּערלשטיין, יוסף רובינשטיין, יחזקאל פרייבערג, יוסף־הערש רויזן און מרדכי צעלניקער. מען האָט אונדז אַוועק געפירט קיין ראַדאָם און באַשולדיקט אין קאָמוניסטישע טעטיקייט.

אין דער צייט ווען מיר זענען געזעסן אין תפיסה, האָבן די אַרבעטער אויף

דער פריי נישט געווּס. זיי האָבן פאַרפאָלגט די קאָנפידענטן, נישט געגעבן זיי קיין אַרבעט — און זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציען ביים פּראָצעס.

זעקס חדשים זענען מיר געזעסן ביזן משפּט. אַ סך עדות זענען אַרויסגערופן געוואָרן און כמעט אַלע האָבן עדות געזאָגט לטובת אונדז, סיי רעליגיעזע, סיי וועלטלעכע יידן. מיר האָבן אויך געהאַט גוטע אַדוואָקאַטן. דער סוף איז געווען, אַז מיר זענען אַלע באַפרייט געוואָרן.

נאָך דער באַפרייונג, האָבן מיר גענומען אַרבעטן נאָך שטאַרקער ווי פריער, דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט — פּראָפעסיאָנעל, קולטורעל און פּאָליטיש.

אין יאָר 1938 האָב איך פאַרלאָזט גניעוואַשאָוו.

החיים הציבוריים

משה פרלשטיין / רמת־גן

בגניבשוב, כבעיירות יהודיות אחרות, לא היה קיים בית־ספר יהודי. הילדים למדו ב„חדר" ורק מיעוט קטן מבני הנוער למדו בבית־הספר היסודי הפולני, שהיה בן ארבע כיתות. המשך ההשכלה כרוך היה בהוצאות כספיות מרובות.

כאשר הורי ביקשו לאפשר לאחותי העסקה המשך לימודיה, נאלצו לשלחה לעיירה הסמוכה פולאבי ולשכור לה שם חדר, מעשה שהיה כרוך בהוצאות מרובות, שרק מעטים מבני העיירה יכלו לעמוד בהם. אבל גם האמידים מבין יהודי גניבשוב לא ראו בהמשך ההשכלה של בניהם צורך חיוני והסתפקו בזו שתנאי העיירה איפשרו לבניהם. משום כך כה מועט מספר האנשים המשכילים בעיירתנו. אעפ"כ הצטיינו אחדים מצעירי העיירה — אלה שעבדו בוורשה. הם היו מפותחים יותר מהבחינה התרבותית ובשובם לעיירה בימי החגים, ניסו לארגן את החיים הציבוריים בה.

נסיונות ראשונים של פעולה תרבותית בעיירה נערכו בשנת 1917/18. קבוצת צעירים (הענעך ונוסקה רוזנויין ואבי) תחת הדרכתו של אברהם פאליוך,

כפי שכונה אירגנו ערבים מוקדשים לנושאים שונים. הם גם ייסדו ספריה. אולם עד מהרה חלק מהם עזב את העיירה והנסיון גווע בראשיתו.

נסיון שני של פעולה תרבותית נעשה בידי אבישל בארקר. הוא אירגן הצגות ובעצמו הופיע בריקודים ובתפקידים שונים מאולתרים. הואיל וההורים אסרו על הבנות להשתתף בהצגותיו של אבוש, נאלצו הבחורים למלא תפקידי נשים בהצגות. אחת ההצגות היתה „מכירת יוסף", בה אני מילאתי את תפקידו של בנימין. לא היה בעיירה אולם להצגות ולכן נאלצנו להציג בביתו של שלמה הנגר.

„שחקני" „מכירת יוסף" השתתפו גם בחגיגה ההיסטורית הראשונה לכבוד עצמאותה של פולין. כל שחקני „מכירת יוסף" בתלבושות של ההצגה הזאת הופיעו יחד עם נכבדי העדה בכיכר השוק של גניבשוב ליד הגמינה, כדי לברך על עצמאותה של פולין.

זו היתה ראשית התעוררות הפעולה התרבותית בעיירה. בחורים ובחורות החלו להופיע ולטייל יחד על הסוללה „אונטערן סענדזע", קראו ספרי שלום עליכם, פרץ וסופרים אחרים, שוחחו על נושאים ספרותיים, ארץ־ישראל והמהפכה הרוסית, והתעוררות תרבותית בין הנוער הורגשה בכל העיירה. אליעזר וויינברג, בשיתוף עם בני־טובים אחרים ייסד ספריה והוכנה הצגה, שהכנוסותיה היו קודש לרכישת ספרים לספריה.

האיגוד המקצועי

באותו זמן הוקמו ההסתדרות הציונית ונוסדה האגודה המקצועית ע"י הפועלים הצעירים. המפלגה הקומוניסטית החלה לפעול במחתרת. בין פעילי האגודה המקצועית היו בנים ממשפחות אמידות כפנחס צווייגנברג, יוסף פרידמן ואחרים, שנטלו חלק בפעולה התרבותית של האגודה.

בשנים 1922/23 גדל מספר הסדנאות ובתי־המלאכה בעיירה, בייחוד התרבו בתי־המלאכה לנעלים. סנדלרים שחיפשו תמיד עבודה בוורשה, יכלו עתה למוצאה בעיירה. כך גדל מספר הפועלים בגניבשוב. גם נערים בגיל צעיר מאוד החלו לעבוד. בבתי מלאכה אלה מצאת ילדים בגיל 10—12 ונערות אף בגיל נמוך יותר. גם הורים מיוחסים מסרו את בניהם לבתי המלאכה לתפרות, סנלדרות או חייטות.

תנאי העבודה של השוליות היו קשים מאוד. משך לימוד מקצוע ללא שכר או תמורת שכר נמוך מאוד היה — שלוש שנים. מעבידיהם העסיקו אותם רוב הזמן בעבודת־בית פרטיות ולא בלימוד מקצוע.

אני עבדתי כשוליה אצל יוסף פרידמן. אשתו היתה בתו של הרבי הענעך והיא הכירה אותי מימי לימודי ב„חדר״. עכשיו, ציוותה עלי „המעבידה״ שלי לטפל בתינוקה, לכבד את הבית והעסיקה אותה בכל מיני עבודות־בית — ובלבד לא ללמוד התפרות. משום כך עזבתי את מעבידי ואת אשתו כעבור שנה.

כאשר החל להיות מורגש חוסר עבודה, מיד הורידו המעבידים את השכר, במיוחד של הבלתי־מקצועיים ושל אלה שלא מצאו חן ביניהם. מצב זה עורר תסיסה והחיש את הקמת האיגוד המקצועי. הנסיון הראשון עשו הסנדלרים הפולניים, עובדי־בית („כאַלופניקעס״). ישראל־איסר שחזר מראדום, אירגן את האסיפה הראשונה בכפר רעגוב וב־1924 נוסדה האגודה של עובדי העור בגניבשוב. האחראים כלפי השלטונות היו ישראל זלצמן, בן־ציון גירש וסאכער ליפשיץ. הם שכרו אולם והחלו בפעולה. לידם עזרו רוזן ברנשפיגל ודוב קעסטנברג מקוז׳ניץ.

מיד פרצו סכסוכים עם בעלי המלאכה. הם לא יכלו לתפוס באיזו רשות וזכות באים הפועלים להביע דעתם כלפי מעבידיהם. חמומי המוח מביניהם אף הרימו אגרוף.

בייחוד סבלתי אני מהמצב החדש, שכן רוב יצרני הנעלים בעיירה היו דודים ובני דודים שלי, נגדם העזתי לצאת ולהעלות דרישות. אולם דבר לא הועיל, אפילו המעבידים העקשים ביותר נאלצו להיכנע לתביעות. נקבעו תערי־פי־שכר ועקרון של חלוקה שווה של העבודה בעת מחסור. כן נקבע כי המעבידים יקבלו עובדים דרך האגודה.

אבל החלוקה בעבודה לא נתקבלה תמיד בחיוב על־ידי הפועלים עצמם. צריך היה לפקח בחומרה אם הדבר מתבצע נכון. נזכר אני במקרה, עת הלכתי לבקר אצל התפרים, אם לא גזרו יותר משהאגודה התירה. ואכן אצל אלי פרידמן („גליאוונע״) מצאתי סחורה גזורה בכמות יותר גדולה משהותרה. הוא הצטדק כי עשה כן בשל משפחתו מרובת הילדים. על כך עניתי כי החלטת האגודה חייבת להתבצע בכל תנאי.

ב־1925 נערכה בגניבשוב אחת השביתות הראשונות הסוערות ביותר. היצרנים האריכו את השביתה בהסתייעם עם כמה מפירי־שביתות, אבל האגודה אירגנה עזרה לשובתים הנזקקים. מראדום ומשידלובייץ הוגשה עזרה ובוועד העזרה רוכזו מצרכים רבים, שחולקו בין הפועלים. העיירה כולה נסערה, כאשר הפועלים עם נשותיהם וילדיהם יצאו בהפגנה לרחוב תחת הסיסמה „לחם ועבודה״! מיד נזעקה המשטרה המקומית שביקשה עזרה מהעיר השכנה ונערכו מאסרים בין

הפועלים. ביניהם נאסרו: יוסף רובינשטיין, אייזיק קירשנבוים וכותב השורות האלה ואחרים. אז פנו כל הפועלים לעבר תחנת המשטרה והכריזו כי הם כולם אחראים להפגנה ואם מאסרים — כי אז ייאסרו כולם! לאחר חצי יום של מעצר, שוחררנו.

הסכסוכים בין העובדים והמעבידים לא פסקו אף לאחר השביתה הגדולה. במיוחד התנגדו המעבידים לתביעת האגודה, לשלוח לעבודה את הבלתי־מקצועיים, בהסכמת הפועלים המקצועיים, שכן זה היה מקור פרנסתם היחידי. שוב פרצה שביתה ולאחר התנגשות עם מפיריה, הלשין מישהו כי באגודה מתנהלת פעולה קומוניסטית. ב־20 באפריל 1926 ערכה המשטרה מעצרים בכל האזור ובבית־הכלא בראדום נשארו במאסר 8 אנשים: שנים מקוז'ניץ — רוזן וסירוטה, מגניבשוב — ישראל־איסר זלצמן, מרדכי צלניקר, יחזקאל פרייברג, יוסף רובינשטיין ואני. המאסרים עוררו מהומה ואהדה לנעצרים בעיירה.

לאחר כמה חודשי מאסר, נודע בעיירה עקב החקירה, כי המאסרים בוצעו על סמך הלשנה של שני בני גניבשוב. אז הטילה האוכלוסיה חרם על המלשינים ומשפחתם. המלשינים נאלצו לפנות לפרקליטים, כדי לבטל את הודעותיהם במשטרה. הם עשו כן עקב השפעת אביהם הזקן, שנפל למשכב וחלה בגלל מעשה בניו. הוא תבע מהם לבטל את הכרזתם, כדי שיוכל למות בשלווה. ואכן האב נפטר בטרם החל המשפט.

המשפט נערך בראדום. הודות לסניגוריה שלמדו עליהם עורכי־הדין המפורסמים בימים ההם, ברנסון (נפטר בגיטו וורשה) והוניגוויל (כיום באמריקה) שוחררו האסירים. השחרור עורר קורת־רוח בכל העיירה ובליל־שבת, עת המשוחררים עמדו לחזור, יצאו לקראתם המוני תושבים לקבל את פניהם וללחוץ את ידיהם.

ב־1927, כאשר ניסו להוריד מהעבודה מפירי־שביתה, שוב בא לידי התנגשות עם בני אותה משפחה. המשטרה אסרה אז את יחזקאל פרייברג, אייזיק מנדל קרשנבוים, את כותב השורות האלה ועוד אחדים שאת שמותיהם איני זוכר. הודשים אחדים הם היו כלואים בכלא קוז'ניץ, אולם הואיל שהמשטרה לא יכלה לספק הוכחות על אשמתם, שוחררו העצורים.

באותה שנה נערכו בחירות לסיים הפולני. הפועלים, ביחוד הצעירים, חברי האגודה המקצועית, תמכו ברשימה הקומוניסטית החצי־ליגאלית „אחדות הפועלים והאיכרים". הם ניהלו תעמולת בחירות ערה ביותר, היו תולים על גבם כרזות

הרשימה ובאופניים עברו ממקום למקום. ואכן הרשימה הזאת זכתה בהרבה קולות באזורנו.

הפעולה התרבותית

לאחר פתיחת המועדון של האגודה המקצועית הוחל בייסוד ספריה. הספרים שנרכשו עוד קודם לכן על־ידי אחי דודצ׳ה, וועלוול גרינשפאן, פייגל שנייפלד ואחרים, הורדו עתה מעליית הגג ואוחסנו בארון ספרים מיוחד שהוזמן למטרה זו. כן נרכשו ספרים נוספים והספריה ע״ש י. ל. פרץ החלה בפעולתה. הבאת ספרים ע״י הבנים לבתיהם נתקבלה במורת־רוח על־ידי האבות הקנאים, שראו בתמורה המתחוללת בנפש בניהם בהשפעת קריאת הספרים. ובאחד הלילות, הרסו האבות האלה את מועדון האגודה וחלק מהספרים השליכו לתוך הבאר. ההתנפלות הזאת והשחתת הספרים הגבירה את הרצון לפעילות תרבותית בקרב בני הנוער ובהתנדבות כספית רבה נרכשו ספרים רבים לספריה. מעתה נמצא היה ספר כמעט בכל בית יהודי בגניבשוב.

ההוג הדראמטי העלה הצגות רבות, ביניהן: „אל נקמות״, מאת שלום אש, „חסיה היתומה״ ו„השחיטה״ מאת גורדין, „המשפחה״ של נומברג, ואת המחזה האמריקני „כסף״. בחוג הדראמטי הזה שיחקו: משה הולצהנדלר (משה זוואליער), אשתו רושקה, אחותי שרה׳לה, ירחמיאל סאקשניידר, רחל׳ה גולנטאל ואחרים. עד שנת 1923 ביקרה לעתים מזומנות הלהקה הדראמטית של דמבלין, בהנהלתו של ירמה פלטשר.

עד שהוקמה תחנת מכבי־האש, הציג החוג בבתים פרטיים, בהם הקימו במה, תפרו תפאורות ותלבושות. התכונה לכל הצגה היתה כלחג גדול. הבחורים והנערות עמלו וטרחו כל שעה פנויה.

נזכר אני באפיזודה אחת: בהצגת „אל נקמות״ צריך להשתמש בספר־תורה. לשם כך הכין אחי דודצ׳ה מעין ספר־תורה מנייר. מיד נפוצה שמועה בעיירה, כי בהצגה ישתמשו בספר־תורה שהוצא מבית־הכנסת. כדי למנוע סכסוך, צריך היה להציג לפני כולם את „ספר התורה״ שהוכן להצגה ואז נרגעו הרוחות.

מדי שבת בשבת נערכו הרצאות מעניני דיומא שהשמיעו חברים מקומיים או מרצים שבאו מקוז׳ניץ,פאלניץ. נחרתו בזכרוני הרצאותיו המעניינות של החבר סווק מפאלניץ, איש בעל השכלה ויזמה. מדי פעם הוזמנו לעיירה להשמעת הרצאות עסקני ציבור וסופרים מוורשה, כאהרון וואל, יוסף קרוק ואחרים.

מועדון הספורט וה„פיוניר"

אורגנו מועדון ספורט וסקצית כדורגל ששיחקה בעיירה עם כדורגלנים מדמבלין. גם הפעולה הספורטיבית נתקלה בהתנגדות קנאי העיירה. באחת השבתות, כאשר כדרגלנינו התכוננו למשחק במגרש ליד הווייסל, הופיעה לפתע על הסוללה קבוצת יהודים שניסתה למנוע את המשחק בשבת. רק לאחר עמל רב הצליחו למנוע התכתשות בין הצופים ובין ההורים האדוקים.

אירגון ה„פיוניר" של הנוער היהודי הקומוניסטי, שניהל פעולה מחתרתית, ערך טיולים לקוזמיר פאלניץ וליערות הסביבה. עונג והנאה רבה הסבו לנוער הטיולים ליערות ולאתרים ההיסטוריים בקוזמיר. מגניבשוב יצאו הטיולים בספינה לפולאבי ומשם — באוטובוס לקוזמיר. שם, ביערות ובהרי קוזמיר נפגשו עם נוער ה„פיוניר" מערים אחרות. הטיולים שנערכו בשבת הופרעו על־ידי ההורים האדוקים ולכן נאלצו הילדים להתחמק מבתיהם בעוד מועד.

בשנים 1925/28, עת אני הייתי פעיל בחיי הציבור בעיירה, שלטה האגודה במידה רבה על הפעולה התרבותית היהודית בגניבשוב. בראש הפעולה הזאת עמדו: מרדכי צלניקר, יוסף רובינשטיין, אייזיק־מנדל קירשנבוים, פסח הוברמן, אברהם פלדמן, אחי דוד׳טשה ואחרים. אחריהם נרתמו לפעולה בני הדור הצעיר יותר.

פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן

משה פערלשטיין / רמת־גן

די דערוואכונג

גניעוואַשאָוו, ווי אַ סך קליינע שטעטלעך אין פוילן, האָט נישט געהאַט קיין יידישע שול. קינדער האָבן געלערנט אין חדרים. גאָר אַ קליינע צאָל יידישע יוגנטלעכע האָבן געלערנט אין דער דאָרטיקער פוילישער פאָלקס־שול, וועלכע האָט געהאַט נאָר 4 קלאַסן. דאָס ווייטערדיקע לערנען איז שוין געווען פאַרבינדן מיט גרויסע אויסגאַבן.

ווען מיינע עלטערן האָבן געוואָלט, אַז מיין שוועסטער העסקע זאָל פאָרזעצן איר לערנען, האָט זי געמוזט פאָרן אין דערבייאיקן שטעטל פולאַוו, צאָלן פאַר אַ דירה און אויך כאַרן לערנען, וואָס גאָר ווייניק מענטשן פון שטעטל האָבן זיך געקענט דערלויבן. אויך די קליינע צאָל פאַרמעגלעכע משפחות אין גניעוואַשאָוו האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו שיקן זייערע קינדער לערנען אויסערן שטעטל. צוליב דעם טאַקע זענען געווען ביי אונדז נישט קיין סך מענטשן מיט בילדונג. דאָך האָבן זיך אויסגעטיילט עטלעכע יידישע יונגעלייט, דער עיקר די, וועלכע האָבן געאַרבעט אין וואַרשע. זיי זענען געווען קולטורעל מער אַנטוויקלט און קומענדיק אַ היים אויף יום־טוב, האָבן זיי פרובירט אָרגאַניזירן אַ געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייט.

ערנסטע פרוּוון צו פירן אַ קולטור־טעטיקייט אין גניעוואַשאָוו איז געווען אין די יאָרן 1917/18. אַ גרופע יונגע מענטשן (העניעך און נאַסקע ראָזנווין און מיין פאַטער), אונטער דער אָנפירונג פון אברהם פאליוך, ווי מען האָט אים גערופן, האָבן געעפנט אַ לאָקאַל אין גרעניץ און דורכגעפירט אָוונטן אויף פאַר־שידענע טעמעס. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן שאַפן אַ ביבליאָטעק. אָבער גאָר שנעל האָבן אַ טייל פון די אָרגאַניזאַטאָרן פאַרלאָזן דאָס שטעטל — און דער פרוּוו האָט זיך נישט איינגעגעבן.

אַ צווייטן פרוּוו פון קולטור־טעטיקייט האָט געמאַכט אַבישל באַרקער. ער האָט אָרגאַניזירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אַליין אַרויסגעטרעטן מיט אינסצע־

ניזאַציעס, טענץ. אַזוי ווי די מיידלעך פון באַלעבאַטישע היימען זענען נישט געגאַנגען צו אַבישן שפילן טעאַטער, האָבן די פרויען־ראָלן אין די ערשטע פאַרשטעלונגען אויסגעפירט איבערגעטוענע מענער. דער דראַמקרייז האָט פאָר־געשטעלט „מכירת יוסף". איך האָב געשפילט די ראָלע פון בנימין. קיין טעאַטער־זאַל איז אין שטעטל נישט געווען, האָבן מיר געשפילט ביי שלמה סטאָליער אין שטוב.

די „אַקטיאָרן" פון „מכירת יוסף"־שפיל האָבן אויך אָנטייל גענומען אין דער ערשטער היסטאָרישער פייערונג פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט. אַלע אָנטיילנעמער זענען אין די קאָסטיומען און ספּעציעלע היטלען, צוגעגרייטע צום „מכירת יוסף"־שפּיל, אַרויס אויפן גניעוואַשאָווער מאַרק־פּלאַץ ביי דער גמינע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה יידן, כדי באַגריסן די אומאָפּהענגיקע פוילן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע קולטור־אויפלעבונג אין שטעטל. די יידישע בחורים און מיידלעך זענען געוואָרן דרייסטער. מ'האָט גענומען צוזאַמען שפּאַצירן אויפן וואַל, „אונטערן סענדזשע" און געזונגען נאַציאָנאַלע און אַרבעטער־לידער, מ'האָט געלייענט שלום עליכמען, פּרצן, גערעדט און דיסקוטירט וועגן ליטעראַטור, ארץ־ישראל און דער רוסישער רעוואָלוציע. אליעזר וויינבערג מיט



המשפחה של אַבישל בארקר (מייסד החוג הדרמטי)
די משפחה פון אַבישל בארקער (גרינדער פון דראַמקרייז)

נאָך עטלעכע יונגע מענטשן, קינדער פון די מער פּאַרמעגלעכע אין גניעוואַשאָוו, האָבן גענומען אָרגאַניזירן אַ ביבליאָטעק, מ׳האָט צונויפֿגעזאַמלט געלט, אײַנגעקויפֿט ביכער. עס איז צוגעגרייט געוואָרן לטובת דער ביבליאָטעק אַ פֿאַרשטעלונג, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן ביי אַבישל שטיינפעלד אין שטוב. שפּעטער איז דערפֿון אויסגעוואַקסן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. נאָר די אַרבעטער־יוגנט איז פון איר אַוועק און זיך אָנגעשלאָסן אינעם נאָר וואָס געגרינדעטן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

אויך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן פירן איר אומלעגאַלע טעטיקייט. עטלעכע יוגנטלעכע פון פּאַרמעגלעכע עלטערן, ווי פנחס צווייגנבערג, יוסף פרידמאַן און אַנדערע, האָבן אין אָנהייב זיך באַטייליקט אין די קולטור־אונטערנעמונגען פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין

אין די יאָרן 1922־23 האָט אין שטעטל זיך פאַרגרעסערט די צאָל וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך, באַזונדערס איז זיך צעוואַקסן די שיך־פּראָדוקציע. שוסטערס, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן געזוכט אַרבעט אין וואַרשע, האָבן איצט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן ביי זיך אין שטעטל. אַזוי אַרום האָט גניעוואַשאָוו באַקומען אַ גרעסערע צאָל יידישע אַרבעטער. אויך יוגנטלעכע זענען אין גאָר פריען עלטער אַוועק אין וואַרשטאַט. אַ יינגל פון 10—12 יאָר, אַ מיידל — נאָך פריער. אויך יחסנדיקע עלטערן האָבן געגעבן זייערע קינדער צו לערנען דאָס פאַך ביי קאַמאַשנמאַכערס, שוסטערס, שניידערס.

די באַדינגונגען פאַר די לערן־יינגלעך זענען געווען שווערע. דער טערמין פון לערנען אַ פאַך אָן אַפּצאָל, אָדער מיט אַ קליינער באַלוינונג, איז געווען דריי יאָר. די בעל־הבתים האָבן זייערע לערן־יינגלעך באַשעפטיקט מער ביי שטוביקע אַרבעטן און דערפאַר ווייניק זיי געלערנט דאָס פאַך.

איך האָב געאַרבעט אַלס לערן־יינגל ביי יוסף פרידמאַן. זיין פרוי איז געווען הענעך, דעם רבינס טאָכטער. זי האָט מיך געקענט נאָך פון חדר. מיין רבינס טאָכטער האָט מיך געהייסן האָדעווען דאָס קינד און טאָן פאַרשידענע שטוב־מלאכות — אָבער נאָר נישט לערנען קאַמאַשנמאַכעריי. צוליב דעם בין איך נאָך אַ יאָר אַוועק פונעם מייסטער.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן אויספעלן אַרבעט, האָבן די בעל־הבתים גענומען רייסן די פרייזן, אָפּזאָגן אַרבעטער, ספּעציעל די ווייניק קוואַליפיצירטע, אָדער די וועלכע זענען נישט געפעלן די מייסטערס. דאָס האָט דערפירט צום אָרגאַ־

ניזירן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. דער ערשטער פּרווו איז געמאַכט געוואָרן ביי די פּוילישע שוסטערס, די היים־אַרבעטער („כאַלופּניקעס”). ישראל־איסר זאַלצמאַן, וועלכער איז געקומען פון ראַדאָם, האָט אין דאָרף רעגווו ביי דער ווייסל, אַדורכגעפירט די ערשטע פאַרזאַמלונג. אין יאָר 1924 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון לעדער־אַרבעטער אין גניעוואַשאָוו. פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מאַכט זענען געווען ישראל זאַלצמאַן, בן־ציון גירש און סאַכער ליפשיץ. עס איז געדונגען געוואָרן אַ לאָקאַל. געהאָלפן אין דער אַרבעט האָבן די חברים פון דערבייאיקן שטעטל קאָזשעניץ: ראָזע ברענשפיגל, דוד קעסטנבערג א״אַנד.

דער אָנהייב פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין איז געווען: קאָנפליקטן מיט די בעל־הבתים. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, מיט וועלכע רעכט און העזה קומען די אַרבעטער זאָגן אַ דעה די מייסטערס? די מער היציקע פון זיי האָבן אַפילו געפּרוווט הייבן פויסטן...

אַמיינסטן האָב איך געליטן, ווייל כמעט אַלע שיך־פאַבריקאַנטן זענען געווען מיינע פעטערס און קוזינס, קעגן וועלכע איך האָב געוואַגט אַרויסצושטעלן פאָדערונגען. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אַפילו די סאַמע פאַרביסענע מייסטערס האָבן געמוזט אָננעמען די פאָדערונגען. עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן סטאַבילע פּרייזן און דער פּרינציפּ פון טיילן זיך מיט דער אַרבעט, ווען ס׳איז געווען ווייניק. מ׳האָט אויך געמוזט צונעמען אַרבעטער דורך דעם פאַראיין.

דאָס טיילן זיך מיט דער אַרבעט איז נישט שטענדיק אויפגענומען געוואָרן פּאָזיטיוו פון די אַרבעטער. מען האָט געמוזט שטרענג קאָנטראָלירן, צי דער באַשלוס ווערט דורכגעפירט. איך דערמאָן זיך אַ פאַל, ווען כ׳בין געגאַנגען קאָנטראָלירן צי די קאַמאַשנמאַכערס האָבן נישט צוגעשניטן מער אַרבעט וויפל דער פאַראיין האָט דערלויבט. ביי אלי פרידמאַן („גליאַוונע”) האָב איך געטראָפן פיל מער צוגעשניטענע סחורה. אויף מיין פראַגע, איז געקומען אַן ענטפער: „דו זעסט דאָך, כ׳האָב אַ פולע שטוב מיט קינדער”. איך האָב אים דערויף דער־קלערט, אַז דער באַשלוס פונעם פאַראיין מוז ווערן דורכגעפירט.

אין יאָר 1925 איז אין גניעוואַשאָוו פאָרגעקומען איינער פון די ערשטע שטורמישע שטרייקן. די פאַבריקאַנטן האָבן פאַרצויגן דעם שטרייק, באַנוצט זיך מיט אַ קליינע צאָל שטרייקברעכערס. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן הילף פאַר די נויט־באַדערפטיקע אַרבעטער. מ׳האָט געברענגט פאַרשידענע פּראָדוקטן צום שטרייק־

קאַמיטעט, וואָס זענען פאַרטייל'ט געוואָרן צווישן די שטרייקנדיקע. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן שליחים קיין ראַדאָם און שידלאָוויעץ, ווו ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן הילף. דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן אויפגערודערט, ווען די אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער זענען אַרויס אין גאַס דעמאָנסטרירן מיט דער לאָזונג „אַרבעט און ברויט". די פּאָליציי אין גניעוואַשאָוו האָט גלייך אַרויסגערופן הילף פון פּאָוויאַט — און עס זענען דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן: יוסף רובינשטיין, אייזיק קירשנבוים, דער שרייבער פון די שורות און אַנד. זענען אַלע אַרבעטער אַוועק אויפן פּאָליציי־פּאָסטן און דערקלערט, אַז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דעמאָנסטראַציע. אויב אַרעסטירן, זאָל מען נעמען אַלע. די פּאָליציי האָט אונדז באַפרייט נאָכן האַלטן אַ טאָג אין אַרעסט.

די קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער מיט די פאַבריקאַנטן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט, אַפילו נאָכן פאַרענדיקן דעם גרויסן שטרייק. באַזונדערס האָבן די פאַבריקאַנטן נישט געוואָלט ליידן, וואָס דער פאַראיין האָט צוזאַמען מיט די בעסערע פאַכלייט געשיקט אויף אַרבעט די נישט קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין באַשעפטיקונג, ווייל דאָס איז פאַר זיי געווען דער איינציקער קוואַל פון פרנסה. עס איז געקומען צו אַ פרישן שטרייק. נאָך אַ צוזאַמענשטויס מיט די שטרייקברעכערס, האָט ווער געמסרט, אַז אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פירט זיך אַ קאָמוניסטישע טעטיקייט. דעם 20סטן אַפּריל 1926 האָט פּאָליציי דורכגעפירט אַרעסטן אין גאַנצן ראַיאָן. עס זענען געבליבן אין תפיסה אין ראַדאָם 8 מענטשן: צוויי פון קאָזשעניץ — ראָזען און סיראָטאַ, פון גניעוואַשאָוו — ישראל־איסר זאַלצמאַן, מרדכי צעלניקער, יחזקאל פרייבערג, יוסף רובינשטיין און איך.

דער ערשטער גרויסער אַרעסט האָט אַרויסגערופן אי אַ בהלה אין שטעטל, אי סימפּאַטיעס מיט די אַרעסטירטע.

ווען נאָך עטלעכע חדשים אַרעסט, האָבן די שטעטלדיקע זיך דערוווּסט פון דער אויספאָרשונג, אַז די באַשולדיקונג שטיצט זיך אויף אַ מסירה פון צוויי גניעוואַשאָווער, האָט דער רוב פון דער באַפעלקערונג געלייגט אַ חרם אויף זייערע משפּחות. די מוסרים זענען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פאַראַכטונג און געווען געצווונגען צו ווענדן זיך צו אַן אַדוואָקאַט, ער זאָל זיי העלפן צוריקציען זייערע דערקלערונגען. באַזונדערס האָט אויף זיי געווירקט זייער אַלטער פאָטער, וועלכער איז קראַנק געוואָרן פאַר צרות צוליב דער האַנדלונג פון זיינע זין. ער

האָט פון זיי געפאָדערט צוריקציען די דערקלערונגען, ער זאָל קענען רויִק שטאַרבן. ער איז טאַקע נפטר געוואָרן נאָך פאַרן פּראָצעס.

דער משפּט איז פאָרגעקומען אין ראַדאָם. מיט דער הילף פון די באַוווּסטע אַדוואָקאַטן בערנסאָן (געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ) און האָניגוויל (היינט אין אַמעריקע), זענען אַלע באַפרייט געוואָרן, וואָס האָט אַרויסגערופן אויסערגעוויינלעכע פרייד אין שטעטל. פרייטיק פאַרנאַכט, ווען די באַפרייטע האָבן געדאַרפט אָנקומען, איז אַ האַלב שטעטל אַרויס אויפן וועג זיי באַגעגענען, צו דריקן די האַנט און אָנווינטשן.

אין 1927, בעתן אַראָפּנעמען שטרייקברעכער פון דער אַרבעט, איז ווידער געקומען צו אַ שאַרפן שטרייט מיט אָנגעהעריקע צו דער זעלבער משפּחה. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט די אַרבעטער יחזקאל פרייבערג, אייזיק־מענדל קערשנבוים, דעם שרייבער פון די שורות און נאָך אייניקע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

עטלעכע חדשים זענען די אַרעסטירטע געזעסן אין קאָזשעניצער תּפֿיסה. די פּאָליציי האָט דעמאָלט נישט געקענט געפינען קיין עדות, וועלכע זאָלן אונטערשטיצן די באַשולדיקונג און געמוזט באַפרייען די אַרעסטירטע.

אין זעלבן יאָר זענען פאָרגעקומען וואַלן צום פּוילישן סיים. די אַרבעטער, באַזונדערס די יוגנט, מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, האָבן געשטיצט די האַלב־לעגאַלע קאָמוניסטישע ליסטע „אַרבעטער און פּויערים־איינהייט" און געפירט אַן אויסערגעוויינלעכע וואַל־אַגיטאַציע. אָנגעהאָנגען אויף זייערע רוקנס פּלאַקאַטן, זענען זיי אַרומגעפאָרן אויף ראָווערן אין שטאָט און אין די דערפער. אין אונדזער ראַיאָן איז דעמאָלט געפאַלן אַ גרויסע צאָל שטימען פאַר דער ליסטע פון „אַרבעטער און פּויערים־איינהייט".

קולטור־אַרבעט

נאָכן עפענען דעם לאָקאַל פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, איז מען צוגעטרעטן שאַפן אַ ביבליאָטעק. די צאָל ביכער, וועלכע זענען נאָך פריער איינגעקויפט און געזאַמלט געוואָרן דורך מיין ברודער דאָווטשע, וועלוול גרינשפּאַן, פייגל שטיינפעלד און אַנדערע און האָבן זיך געפונען אויף אַ בוידעם, זענען געבראַכט געוואָרן אין די ספּעציעל באַשטעלטע שענק. עס זענען איינגעקויפט געוואָרן נייע ביכער און די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. דאָס באַווייזן זיך אין כמעט יעדער שטוב ביכער, איז נישט גינסטיק אויפגענומען

געוואָרן דורך אַ טייל פֿאַנאַטישע עלטערן. זיי האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר די ראַדיקאַלע ענדערונגען ביי זייערע קינדער. אַ געוויסע נאַכט איז דעמאָלירט געוואָרן דער לאָקאַל פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, אַ גרויסע צאָל ביכער פֿון דער ביבליאָטעק איז אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ ברונעם. דער אומדערהערטער אָנפֿאַל אויף דער קולטור־אינסטיטוציע האָט נאָך מער געשטאַרקט די אַמביציע ביי דער יידישער יוגנט אין שטעטל און ביי אַלע ליבהאָבער פֿון בוך. ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן געלט, מ׳האָט איינגעקויפֿט אַ גרעסערע צאָל ביכער פֿאַר דער ביבליאָטעק. אין כמעט יעדער יידישער שטוב אין גניעוואַשאָוו האָט זיך געפֿונען אַ ספֿר.

דער דראַמאַטישער קרייז האָט אויפֿגעפֿירט אַזעלכע פּיעסן, ווי שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה", גאָרדינס „חסיה די יתומה", „די שחיטה", נאָמבערגס „משפּחה", די אַמעריקאַנער פּיעסע „געלט". אין די יאָרן 1923 פֿלעגט קומען קיין גניעוואַשאָוו דער דראַמ־קרייז פֿון דעמבלין, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ירמיה פֿעלדשער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט שוין גניעוואַשאָוו געהאַט אַן אייגענעם דראַמ־קרייז, אין וועלכן ס׳האָבן געשפּילט: משה האָלצהענדלער (משה זוואָליער), זיין פֿרוי רוזשקע, מיין שוועסטער שרהלע, ירחמיאל סאַקשניידער, רחלע גאָלדנאַדעל און אַנדערע.

ביז ס׳איז אויפֿגעבויט געוואָרן די פֿייערלעשער־רעמיזע, האָט מען געשפּילט אין פּריוואַטע הייזער, ווו מען האָט אַליין אויפֿגעבויט אַ בינע, געשאַפֿן בענק, געמאַכט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. צו יעדער פֿאָרשטעלונג האָט מען זיך געגרייט ווי צו אַ גרויסן יום־טוב. די יונגע בחורים און מיידלעך זענען געווען פֿאַרהאָרעוועט ביי די צוגרייטונגען און פֿאַרשידענע אַרבעטן.

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד: מען האָט געשטעלט די פּיעסע „גאָט פֿון נקמה", ווו עס דאַרף זיך געפֿינען אין רעקוויזיט אויך אַ ספֿר־תורה. האָט מיין ברודער דאָווטשע אויסגעפּאַרטיקט פֿון פּאַפּיר עפּעס ענלעכעס. האָט זיך אין שטעטל פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט צו דער פֿאָרשטעלונג אַרויסגענומען אַ ספֿר־תורה פֿון שול. כדי אויסצומיידן קאָנפֿליקטן, האָט מען געמוזט באַווייזן די „ספֿר־תורה" און איבערצייגן, אַז ס׳איז געמאַכט פֿון פּאַפּיר. ערשט דעמאָלט איז געוואָרן רואיק אין שטעטל.

יעדן שבת זענען אויך פֿאָרגעקומען פֿאָרלעזונגען, רעפֿעראַטן אויף אַקטועלע פּאָליטישע טעמעס, געהאַלטן פֿון אייגענע חברים, אָדער געקומענע פֿון קאָזשעניץ און פּאַלעניץ. עס זענען פֿאַרבליבן אין מיין זכרון די רעפֿעראַטן פֿון דעם קלוגן, ענערגישן חבר סעוועק פֿון פּאַלעניץ. פֿון צייט צו צייט האָט מען איינגעלאַדן



כמה מפעילי בשטח התרבות בעיירה
עומדים מימין לשמאל: **שמעון ניישטיין, ישראל בקרמן ז״ל, שמואל קרשנבלט, יוסף פרידמן, יחזקאל פרייברג ז״ל.**
יושבים: **פנחס צווייגנברג, שרהלה פרלשטיין ז״ל, מרדכי צלניקר ז״ל, גיטל קרמן, משה פרלשטיין**

אייניקע קולטור־טוער אין שטעטל
עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: **שמעון ניישטיין, ישראל בעקערמאַן ז״ל, שמואל קערשענבלאַט, יוסף פרידמאַן, יחזקאל פרייבערג ז״ל.**
עס זיצן: **פנחס צווייגענבערג, שרהלע פערלשטיין ז״ל, מרדכי צעלניקער ז״ל, גיטל קאָרמאַן, משה פערלשטיין**

געזעלשאַפטלעכע טוער און שרייבער פון וואַרשע, ווי אהרן וואַל, יוסף קרוק א״אַ, וועלכע האָבן געהאַלטן פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע טעמעס.

ספאָרט־קלוב און „פיאָנער״

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ ספאָרט־קלוב מיט אַ פוטבאָל־סעקציע, וואָס האָט געשפילט אין שטעטל און זיך פאַרמאָסטן מיט די דעמבלינער פוטבאָליסטן. אויך די ספאָרט־טעטיקייט איז נישט אַדורך אָן שטערונגען מצד פאַנאַטיש־פרומע עלטערן. איינעם אַ שבת, ווען אונדזערע פוטבאָליסטן, אָנגעטאָן אין די ספעציעלע ספאָרט־קאָסטיומען, האָבן זיך געגרייט אַדורכצופירן אַ מעטש אויף אַן אויסגעקליבענעם שטח ביי דער ווייסל, האָט זיך אויפן „וואַל״ באַוויזן אַ גרויסע גרופע

יידן, וואָס זענען געקומען שטערן די שפּיל אין שבת. ס׳האָט געקאָסט פּיל מי אויסצומיידן אַ געשלעג צווישן די צושויער און די רעליגיעזע יידן.

די „פּיאָנער־אָרגאַניזאַציע" פון דער יידישער קאָמוניסטיש־געשטימטער יוגנט, וועלכע האָט געפירט איר טעטיקייט אומלעגאַל, פלעגט אָרגאַניזירן אויספלוגן קיין קוזמיר, פּאַלעניץ און אין די וועלדער. פיל פרייד און פאַרגעניגן האָט געברענגט די קינדער די באַזוכן אין די אָטוואָצקער און פּאַלעניצער וועלדער, אָדער אין די שיינע היסטאָרישע ערטער פון קוזמיר. אַזעלכע אויספלוגן זענען געגאַנגען פון גניעוואַשאָוו מיטן „סטאַטעק" אויפן ווייסל קיין פּולאַוו, פון דאָרט — מיטן אויטאָבוס קיין קוזמיר. אין די באַרגיקע קוזמירער וועלדער האָט מען זיך גע־טראָפן מיט קינדער־פּיאָנירן פון אַנדערע שטעט און מיט זיי פאַרברענגט. די עקסקורסיעס, וואָס פלעגן פאָרקומען אין שבת, זענען געשטערט געוואָרן דורך די עלטערן. האָבן קינדער געמוזט זיך אַרויסגנבענען פון דער היים, אַז מ׳זאָל נישט באַמערקן.

אין די יאָרן 1925/28, ווען איך בין געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק אין שטעטל, האָט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין באַהערשט אין אַ גרויסער מאָס דאָס געזעלשאַפטלעך־קולטור־לעבן פון יידישן גניעוואַשאָוו. בראש פון דער דאָ־זיקער אַרבעט זענען געשטאַנען: מרדכי צעלניקער, יוסף רובינשטיין, אייזיק־מענדל קירשענבוים אאַנ"ד; דערנאָך — די יוגנטלעכע פּסח הובערמאַן, אברהם פעלדמאַן, מיין ברודער דאָווטשע און אַנדערע.

עס ווילט זיך דערמאָנען

זעליג אורטרעגער / רמת־גן

א. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע

די אַנטשטייונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין גניעוואַשאָוו איז פאַרבינדן, דער עיקר, מיט די נעמען פון די משפחות שטיינפעלד און טייטל, וועלכע האָבן עולה געווען אין יאָר 1925.

איך געדענק ווי היינט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך צוזאַמענגעקליבן זיי צו געזעגענען און באַגלייטן ביז דער באַן אין דעמבלין. זייער עליה האָט געגעבן אַ גרויסן שטויס פאַר ציוניסטישער אַרבעט און שטרעבונג צו עלייה.

די יידישע יוגנט אין אַזאַ קליין אָרט האָט נישט געהאַט קיין צוקונפט און דערפאַר געזוכט נייע וועגן און אידעען. עס האָבן זיך גענומען שאַפן ציוניס־טישע קרייזן און חלוצישע גרופן. מען האָט געזאַמלט געלט פאַר קרן הקיימת און קרן היסוד, געלערנט די העברעישע שפּראַך און געגרייט זיך דורך הכשרה עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

די חלוצישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרומגענומען אַ גרויסע טייל יוגנט, סיי רעליגיעזע, סיי וועלטלעכע. די ערשטע גרופּע איז געווען אַ קליינע. איינינקע נעמען פון זיי וועל איך דערמאָנען: מענדל אנגעלטער, אברהם צווייגנבערג, דוד גוטליבען, עוזר און יעקב גאָטליב, הערשל וויינבערג, עטל רובינשטיין, שרהלע זילבערמאַן, רחל גאָלדנאדל, וועלוול גרינשפּאַן, משה לעדערמאַן, בער לעווין און דער שרייבער פון די שורות.

די אַלע חברים האָבן געאַרבעט טריי און ערלעך, כדי צו שאַפן אַן איינ־הייטלעכע אָרגאַניזאַציע. אין אָנהייב איז טאַקע געווען שווער, ווייל אין אַזאַ קליין שטעטל, זענען נישט געווען קיין פּאָליטיש־רייפע און געניג באַוווסטזיניקע פירערס. אָבער אונדזער דראַנג נאָך וויסן איז געווען גרויס, דערפאַר האָבן מיר אַ סך דערגרייכט.

נישט האָבנדיק קיין לאָקאַל, פלעגן מיר זיך טרעפן אויף די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, ביים טייך און אויך אין די שטובן פון חברים. מיר פלעגן לייענען

ציוניסטישע צייטונגען, ביכער, באַהאַנדלען פאַרשידענע פראַגן, געזאַמלט געלט פאַר די ארץ־ישראל פאָנדן.

ווען די אָרגאַניזאַציע איז געוואַקסן און ס׳איז געוואָרן אוממעגלעך צו פירן די ווייטערדיקע אַרבעט אָן אַ לאָקאַל, האָבן מיר געדונגען אַ גרויס צימער ביי שמחה גראָסמאַן (דער רימער). דער לאָקאַל איז תמיד געווען געפּאַקט מיט חברים. די שכנים פלעגן זיך באַקלאָגן, אַז מיר שטערן זיי די רו.

אין יאָר 1929 האָבן מיר פון דער צענטראַלע אין וואַרשע באַקומען צוויי אישורים צו פאָרן אויף הכשרה. מען האָט באַשטימט צו שיקן מיך און אברהם צווייגענבערג. אויף דעם געזעגענונג־באַנקעט אין לאָקאַל איז די שמחה געווען גרויס. איך האָב טאַקע עולה געווען, אָבער אברהם האָט נישט זוכה געווען צו זען דאָס לאַנד. זיין מוטער האָט געדראָט, אַז אויב ער פאָרט, וועט זי דאָס לעבן זיך נעמען. ער איז געבליבן אין גניעוואַשאָוו, דעם אישור האָבן מיר איבער־געגעבן אַן אַנדערן חבר פון אַ שכנותדיק שטעטל, אָבער ליידער, אויך ער האָט נישט עולה געווען.

ב. אונדזער היים

עס ווילט זיך דערמאָנען דאָס שטעטעלע ווו איך בין געבוירן. אירע פעלדער און וועלדער, אירע בערג און טייכן, דיביימער, בלומען און גראָזן, וועלכע זענען דאָרט געוואַקסן — אָבער נישט פון יידישע הענט געפלאַנצט.

איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט וויסן, וויפל איינוווינער זענען דאָ אין גניעוואַשאָוו. דער רבי אין חדר האָט אויך נישט געציילט זיינע תלמידים, מיט דער טענה, אַז מען טאָר נישט ציילן. „אַז מען ציילט נישט — קומט אַריין די ברכה”. האָב איך טאַקע געוואָלט, אַז די ברכה זאָל קומען אויפן יידישן ישוב.

פאַר מיינע צייטן זענען קיין ספּעציעלע גאַסן נישט געווען, אויך די הייזער — אָן נומערן. מיר האָבן געוווינט אין אַ „סטראַטעגישער” געגנט, ווו דער רוב מענטשן האָבן געמוזט פאַרבייגיין אונדזער שטוב, וועלכע האָט זיך געפונען צווישן גניעוואַשאָוו און גרעניץ. איך האָב אַזוי אַרום געקענט זען יעדן טאָג דעם גרעסטן טייל איינוווינער פון די צוויי מקומות. במשך דעם גאַנצן טאָג פלעגן פאַרביי אונדז אַדורכשפּאַצירן פיל בעלי־בתים פון שטעטל — און אונדזער שטוב האָט זיי באַוואָרגט מיט אַ קאַלטן טרונק. איך געדענק, ווי איך פלעג אַרויסטראָגן קוואָרטן וואַסער פאַר מידע מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען און געקומען פון ווייט־ווייט, כדי ברענגען אַהיים פרנסה פאַר זייערע משפחות. די־אָ יידן האָבן

נישט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט. אין פרעסט, אין רעגן, אויף דער זון — האָבן זיי געפירט זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

אין אונדזער געגנט איז אויך געווען דאָס שולעכל. די וועלכע האָבן שוין נישט געקענט ווייט גיין — זענען דאָרט אַריין דאַווענען אַ מנחה־מעריב, צי אַ שחרית.

פון דעם באַרג נעבן שולעכל, פלעגט דאָס גאַנצע שטעטל קומען נעמען דעם שיינעם זאַמד אויף צו באַשיטן די פאָדלאָגעס לכבוד שבת און יום־טוב...

ג. צום אָנדענק פון אייניקע משפחות

איך וויל דערמאָנען די משפחה גלאָזמאַן, זייערע זין און טעכטער. דער זון חיים ז"ל האָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַר ארץ־ישראל. ליידער, ער האָט נישט דערלעבט צו זען די פרוכט פון זיין אַרבעט.

איך בין געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן געוווּסט ווו עס וועט זיין אַ חתונה אין שטעטל, ווייל יעדעס פּאָרל האָט באַשטעלט מעבל ביי שלמה גלאָזמאַן. נאָר פון זיי אַלע איז קיין שפור נישט געבליבן. אויך די שכנים: די משפחה קורמאַן, יואל אלי־קאָפּלס און זיין פאַמיליע, שיינדל יואלס — נישטאָ קיינער. איך וויל אויך דערמאָנען די משפחה פון חיים־נחמן פונטש. אָט די יידישע מאַמע — קיילע־צביה, מיט איר שטענדיקן שמייכל, וועלכע האָט געהאָלפן מענטשן. זיי זענען אַלע געווען ציוניסטיש געשטימט. אויך אברהם פונטש האָט פיל געטאָן פאַר ארץ־ישראל.

די שטוב פון לייביש און רייזעלע פרידמאַן איז שטענדיק געווען אָפן פאַר דער ציוניסטישער יוגנט. מיר פלעגן זיך דאָרט צוזאַמענקומען און באַהאַנדלען פאַרשידענע פראַגן.

ואחרון אחרון חביב — מיין אייגענע משפחה.

ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ וואַרעמע, ליבע אַטמאָספער. די עלטערן — באַשיידענע מענטשן. מיין פאָטער, אַ פרומער ייד, האָט צו מיר געהאַט טענות, הלמאי איך גיי נישט אין זיינע וועגן. ער האָט שטילערהייט תמיד געהאָלפן אַ נויטבאַדערפטיקן.

גרויסע גבירים זענען מיר נישט געווען, נאָר אין שטעטל האָט מען אונדז געהאַלטן פאַר פאַרמעגלעכע. דער זיידע, נאָך וועלכן איך הייס, איז געווען אַ בכבודיקער ייד, אַ בן־תורה. מען האָט זיך נישט געשטעלט דאַווענען, ביז ר'

זעליג איז געקומען. מיין פאָטער האָט מען גערופן רפאל זעליגס. ער האָט געגלויבט, אַז יידן דאַרפן זיין אין גלות — ביז משיח וועט קומען און זיי אויסלייזן.

די מוטער איז געווען אַ שטילע, באַשיידענע. שטענדיק געדאַגהט פאַר דער משפחה, געהאָלפן אין פרנסה, באַמיט זיך דערציען די קינדער לתורה ולעבודה. זי האָט אָפט דערמאָנט, אַז זי איז ר׳ לייביש־פסחס אַן אוראיייניקל און אַז דער לעצטער ראַדאָמער רבי איז איר קוזין.

ביי אונדז אין שטוב פלעגן זיך צונויפקומען יוגנטלעכע פון פאַרשידענע פאַרטייען באַהאַנדלען פאַרשידענע פראַגן, דיסקוטירן, אָדער סתם פאַרברענגען.

זאָלן זייערע ריינע נשמות רוען אין גן־עדן!

אַ קליין שטעטל מיט גרויסע אַספּיראַציעס

משה וואַסערמאַן / חולון

בסך־הכל איין יאָר האָב איך געאַרבעט און געוווינט אין גניעוואַשאָוו — נאָר וויפל דערינערונגען און איבערלעבונגען זענען געבליבן טיף איינגעקריצט אין זכרון. איינס איז פאַר מיר זיכער: דאָס דאָזיקע קליינע שטעטל האָט געהאַט געוואַלטיקע אַספּיראַציעס נישט צו בלייבן הינטערשטעליק כלפּי דער גרויסער שטאָט וואָס שייך פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, קולטור־טעטיקייט. דאָס איז געווען די אַמביציע פון דער יידישער יוגנט ראַדיקאַל צו ענדערן דעם גייסט און כאַראַקטער פונעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, אריינברענגען אין די אָרעמע היימען אַ ביסל ליכט, פּראָגרעס און באַנייאונג.

די ערשטע וואָס אָרגאַניזירן זיך פּראָפעסיאָנעל זענען געווען די שוסטער־ און שטעפּער־אַרבעטער. דערנאָך קומען די נאָדל־אַרבעטער. מיט אַ צייט שפּעטער עפנט זיך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די אָנהענגער פון יצחק גרינבוים. בראָש זענען געשטאַנען יוסף טיראַנגעל און לאָזער וויינבערג.

עס דויערט נישט לאַנג און גניעוואַשאָוו איז „אויסגעשטאַט" מיט די אַלע אינסטיטוציעס וואָס האָבן אַזוי באַלעבט דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע און קול־

טורעלע לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. אָט הייבט אָן פירן אַ טעטיקייט דער האַנטוועַרקער־פאַראיין, אַ יידישע באַנק און דער לעדער־פאַראיין וויל זיינע מיטגלידער, אויסער דעם פראָפעסיאָנעלן קאַמף, אויך באַזאָרגן מיט אַ ביבליאָטעק און אַ דראַמאַטישן קרייז, וועמענס פּאָפּולאַריטעט גרייכט ווייט, אויך אויסער דעם שטעטל.

פאַר גניעוואַשאָוו איז עס נאָך אַלץ ווייניק. מען שאַפט אַ״ש צוויי ליטעראַרישע קרייזן: איינער אונטער דער אָנפירונג פון משה פערלשטיין (די באַהאַנדלטע טעמע — מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם ווי צוויי קעגנזעצלעכע טעאָריעס) און דער צווייטער, אונטער דער אָנפירונג פון מרדכי צעלניקער ז״ל (פּאָליטישע עקאָנאָמיע). די דאָזיקע קרייזן זענען שטאַרק באַזוכט געוואָרן פון יוגנטלעכע וואָס האָבן געלעכצט נאָך וויסן.

שוין אָפּגערעדט פון רעפעראַטן, קעסטל־אָוונטן, שמועסן. די זאַלן זענען תמיד געווען איבערפולט, דער אינטערס — אַ גוואַלדיקער, די דיסקוסיעס נאָך יעדער אַזאַ קולטור־אונטערנעמונג — ביי די ציוניסטן, קאָמוניסטן — זענען געווען לעבהאַפטע, טייל מאָל שטורמישע.

געווען אויך אייניקע יוגנטלעכע מיט ליטעראַרישע נטיות, ווי דער יונגער חבר מאיר קרימהאַנד ז״ל, וואָס האָט געשריבן לידער; מאיר אנגלענדער, וואָס אויסער זיין התלהבות פאַר דער שיינער ליטעראַטור, האָט אויך געשמט מיט זיין רעדנער־טאַלאַנט; שמואל קערשענבלאַט, פון די שטעפער־אַרבעטער, האָט געהאַט אַ נייגונג צו שרייבן נאָוועלן.

געזעלשאַפטלעך אַקטיוו זענען געווען: יחזקאל פרייבערג ז״ל, ישכר ליפשיץ — דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, ישראל־איסר זאַלצמאַן, אייזיק־מענדל קירשענבוים ז״ל. ביי די פרויען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַקטיוויטעט שרהלע פערלשטיין ז״ל און גיטעלע קאָרמאַן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די הכנסות־אורחים און פיינע חברישע באַציִונג כלפּי אַרבעטער, געקומענע פון אַנדערע שטעט. די דאָזיקע פריינדשאַפט און וואַרעמקייט האָב איך געפילט אויף דער אייגענער הויט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די האַרציקע באַציִונג צו מיר מצד חיים־יצחק גירש ז״ל און מאיר שפּילבערג ז״ל.

אויב אַזאַ באַציִונג צו פרעמדע, קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי מ׳איז געווען טריי און איבערגעגעבן אייגענע חברים, נאָענטע מענטשן. איך געדענק, ווי נאָר כ׳בין אין חודש מאַי 1926 אָנגעקומען פון דעמבלין קיין גניעוואַשאָוו, האָט מען

מיט אַ צייט פריִער געהאַט אַרעסטירט די אָנפירנדיקע חברים פון לעדער־פאַראיין: ישראל־איסר זאַלצמאַן, משה פערלשטיין, יחזקאל פרייבערג ז״ל און אייזיק־מענדל קערשענבוים ז״ל. מ׳האָט זיי באַשולדיקט אין העצן צו שטרייקן. די אָרגאַניזירטע גניוואַשאָווער אַרבעטער האָבן אָבער נישט פאַרגעסן אין די פאַרשפּאַרטע חברים. אַ געוויסן זונטיק, 12 בייטאָג, האָבן אַלע אָפּגעשטעלט די אַרבעט און געקומען צו דער ספּעציעלער פאַרזאַמלונג ווו מ׳האָט באַדאַרפט באַהאַנדלען די פראַגע פון העלפן די אַרעסטירטע, וואָס זייער פּראָצעס האָט אין גיכן באַדאַרפט פאָרקומען אין ראַדאָם. נאָך אַ קורצער רעדע פון פאַראיינס־סעקרעטאַר, אָן דיסקוסיעס, האָט דער עולם גענומען טראָגן זיינע באַשטייערונ־גען צום פּרעזידיום־טיש. נאָכן אָפּציילן דאָס געלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז דאָ אַ פיל גרעסערע סומע וויפל מ׳האָט באַדאַרפט פאַר די אַדוואָקאַטן.

לאחר שיצאנו לכביש הראשי בדקנו את האוטובוס והתברר להפתעתנו שהמנוע נשאר תקין ורק מיכל הבנזין נוקב. הבנזין שנשפך מנע מאתנו להתניע את המכונית והמשכנו בלוויית המשוריין של הסוכנות וה„קרומוולים" הבריטים. באבו־גוש עצרונו ולקחונו לחקירה. הבריטים רצו לדעת אם יצאנו כתגבורת להרטוב, ואם נתלוו אלינו אנשי משטרת היישובים כמשמר מגן. אני חזרתי וטענתי שנסעתי לתל־אביב. הבריטים סרבו להאמין ושאלו: איך זה נסעת בדרך שאינה מובילה לתל־אביב? מדבריהם בינם לבין עצמם הבנותי שימים ספורים לפני כן הופיעה פקודה בריטית שאסרה על אנשי משטרת הישובים ללוות שיירות והעוברים עליה צפויים למוות. שוב טענתי שאין בינינו לבין הגפירים כל קשר. אני נסעתי לתל־אביב ובדרך ירו עלינו, התבלבלתי, ראיתי טנדר נוסע בכיוון להרטוב וחשבתי שהדרך לשם בטוחה, לכן הפניתי את המכונית לשם והמשכתי בדרך להרטוב. הקצין החוקר החל לדבר חלקות והבטיח לשחררני אם אומר את האמת, ואח"כ עבר לאיומים וגידופים. התעלפתי. מישהו שפך מים על פני, השקו אותי במים, נתנו לי כדור הרגעה. הבריטים הבינו סוף סוף שאין טעם להמשיך ולחקור אותי, כי לא אוכל לעמוד בחקירה ארוכה. הבריטים שיחררו אותי והניחו לשיירה להמשיך בדרכה. הגענו למוצא, שם חיכה רופא, הגיש לנו עזרה ראשונה. מידי השמאלית הוצא כדור ולאחר שחבשו את הפצועים טילפנתי ל„אגד" ירושלים והודעתי שאנו מגיעים. הגענו בשלום לירושלים. הורדתי את חברי אוסקר ליד „אגד" והמשכתי לבי"ח. אנשי השיירה

ואחים מהשרות הרפואי הורידו את הפצועים וההרוגים ולאחר מכן המשכתי ל„אגד", שם חיכתה לי רעייתי שבכתה, וחברי „אגד". הרגשתי חולשה ועייפות. אשתי תמכי בי, הכניסוני למכונית והובילוני לבית החולים.

*

ב־1925 עזבתי את גניווישוב. ב־15 באפריל 1941 התגייסתי לצבא הבריטי כדי להילחם בצורר הנאצי. השתתפתי בפלישה לסוריה. מצבנו כחיילים יהודים היה קשה. בין הבריטים היו רבים שיחסם אלינו היה בלתי־אוהד. בדרך כלל הוטלו עלינו העבודות הקשות ביותר. היו קצינים שניסו להוכיח שאיננו מסוגלים לעבודה משום שאנו יהודים. אבל חיילינו עשו כמיטב יכולתם כדי להוכיח את כשרותם. בלילות הקפדנו לשמור על מחננו. באותם הימים כשהיינו במחנה בסביבת קוניטרה התפרצו סנגלים „וישאים" לאחד ממחנות האוסטרלים ועשו בהם טבח רב. לנו היה הדבר אות אזעקה והגברנו את השמירה. הסנגלים התפרצו למחנות של „בנות הברית" וחיבלו ברכוש ובנפש. באחד הלילות תפסנו שמונה־עשר סנגלים „וישאים" שניסו להתגנב למחנה שלנו. השמדנו אותם ומאז נודענו בסביבה כחיילים ללא חת.

התקדמנו עם צבא „בנות הברית" עד דמשק, שם הוטל עלינו לבנות שדה תעופה. החילונו בעבודה, אך קשיים טכניים עצומים הפריעו לעבודה זו ולבסוף העבירונו לתפקידי תובלה ובמקומנו הובאה פלוגת תובלה בריטית כדי שתקים את שדה התעופה. אולם הפלוגה הבריטית נכשלה! ואז החזירו אותנו לבנות את שדה־התעופה והצלחנו. בפקודת יום מיוחדת ציין הקולונל את הפלוגה היהודית.

גרנו במחנה כ־4 ק"מ מדמשק. בינתיים החלו להגיע יהודים יחידים וקבוצות, שהתארגנו לעלות לארץ. נרתמנו למשימה זו ועזרנו לאנשי ההגנה לארגן את ההעפלה. במדים בריטיים ובמכוניות שלנו הברחנו יהודים מעירק וסוריה ומחילות אנדרס (הצבא הפולני) אל מעבר לגבול, שם קיבלום בקיבוצים אשר דאגו להם.

אַ שווערער לעבנס־וועג

צבי מאיראָוויטש / תל־אביב

אין יאָר 1904 האָבן מיינע עלטערן פאַרלאָזט גניעוואַשאָוו און איבערגעפאָרן קיין מאָדזשיץ (דעמבלין). די סיבה דערפון איז געווען די, ווייל מיין פאָטער איז געווען אַ מויערער. אין שטעטל איז געווען נאָך אַ מויערער — יוסף־הערש. פֿאַר צוויי איז נישט געווען גענוג באַשעפטיקונג. אמת, אין די דערפער האָט מען יאָ געקענט קריגן אַרבעט, אָבער מיין פאָטער איז געווען אַ זייער פרומער, אָן אָפּגעהיטענער אין עסן כשר. אין דעמבלין האָט געלעבט אונדזערס אַ פריינד, דער מלמד פון מאָדזשיצער רבינס זין, שאול און אלתר. ער האָט אונדז געהאָלפן זיך איינאָרדענען און דערמעגלעכט דעם טאַטן צו באַקומען אַרבעט.

אין דעמבלין האָב איך אָנגעפאַנגען גיין אין חדר. מיין רבין האָט מען גערופן מאיר ספּודניצע. דער צונאָמען האָט זיך געפונען דערפון וואָס אין דעמבלין האָט אַ מאָל שטאַרק געברענט. אין גרויס בהלה פון דער שריפה האָט דער רבי אָנגעטאָן דעם ווייבס ספּודניצע און איז אַרויס אין גאַס. פון דעמאָלט אָן איז ער שוין געבליבן ביים צונאָמען ספּודניצע...

ביי דעם רבין האָב איך לאַנג נישט געלערנט. איך בין איבערגעגאַנגען אין אַ העכערן חדר ווו ס'האָבן געלערנט עלטערע קינדער. זיי האָבן מיך אויס־געלערנט צו טאָן אַלץ פאַרקערט וואָס דער רבי פאָדערט. אַנשטאָט דאַוונען, לערנען — נאָר איבערמישן די בלעטלעך...

אין דעמבלין האָבן מיר לאַנג נישט געקענט בלייבן, ווייל די קריסטלעכע מויערער האָבן געדראָט מיין פאָטער צו דערהרגענען, ווייל ער האָט צוגענומען זייער אַרבעט. זענען מיר צוריק געפאָרן קיין גניעוואַשאָוו.

אין שוסטער־וואַרשטאַט

צוריק קומענדיק קיין גניעוואַשאָוו, בין איך מער אין חדר נישט געגאַנגען. אַזוי ווי מיין טאַטע האָט נישט געוואָלט איך זאָל זיין אַ מויערער — האָט ער מיך אָוועק געגעבן צו לערנען שוסטעריי ביי טוביה דעם שוסטער.

אָפּאַרבעטנדיק אַ האַלב יאָר, האָב איך באַהערשט דאָס גאַנצע פֿאַך וואָס טוביה האָט מיך געקענט לערנען און בין פֿון אים אַוועק. איך האָב געקליבן זיך פֿאָרן קיין וואַרשע אַרבעטן. אָבער מיין פֿאָטער האָט מיר נישט דערלויבט צו פֿאָרן, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז איך וועל דאָרט אַוועק וואַרפֿן דאָס גאַנצע יידישקייט. האָט ער מיך אַריינגעגעבן אַרבעטן צו אַ צווייטן שוסטער. אָבער דאָ האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף אַ מענטשן, וועלכער האָט געהאַט די געוווינהייט צו שלאָגן, באַזונדערס — צו קאָפּען אין די פּיס... נאָך עטלעכע אַזעלכע פֿאַלן האָב איך געוואָרנט דעם מייסטער, אַז אויב ס'וועט זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן דאָס שלאָגן, וועל איך אים וואַרפֿן אין קאָפּ אַריין וואָס מיר וועט קומען אונטער די הענט. ווען ער האָט מיך נאָך איין מאָל געקאָפּעט, האָב איך אים אַריינגעשטאָכן אין פֿוס אַן אָל. ער האָט אָנגעהויבן שרייען אַז איך האָב אים דערהרגעט, בין איך פֿאַר גרויס שרעק אַרויס דורכן פֿענצטער און געלאָפֿן אַ היים. ווען מיין פֿאָטער האָט מיך געפֿרעגט וואָס איך בין עפּעס אין מיטן טאָג געקומען, האָב איך אים אַלץ דערציילט און געבעטן ער זאָל מיר אַרויסנעמען אַ פּאַס, כדי צו קאָנען פֿאָרן קיין וואַרשע אַרבעטן.

איך האָב אויך געהאַט צרות פֿון מיין פֿאָטער, וועלכער האָט פֿאַרלאַנגט אַז איך זאָל מיך חברן מיט די קינדער פֿון פֿרומע, אָנגעזעענע עלטערן — און נישט מיט קינדער פֿון שוסטערס. האָב איך אים דערקלערט, אַז איך בין גרייט מיט זיי צו שפּילן זיך, אָבער זיי ווילן נישט מיט מיר, ווייל איך בין אַ שוסטער־יינגל. דאָס האָט אָבער מיין פֿאָטער נישט איבערצייגט, מיין קאַמף מיטן טאַטן ער זאָל מיר דערלויבן פֿאָרן קיין וואַרשע, איז ווייטער אָנגעגאַנגען. באַקאַנטע און שכנים האָבן צוגערעדט דעם פֿאָטער ער זאָל מיך לאָזן פֿאָרן. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. ווען אָבער מען האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז איך טרעף זיך מיט אַ מיידל, וואָס שטאַמט פֿון אַ פֿאַמיליע וווּ ס'איז געווען אַ משומדת, האָט ער זיך דערשראָקן און באַשלאָסן מיר דערלויבן צו פֿאָרן קיין וואַרשע.

אָבער אַליין פֿאָרן קיין וואַרשע האָט מיין פֿאָטער דאָך נישט דערלויבט און ער האָט געפֿונען דעם ייד משה יעדער, וועלכער איז אויך געפֿאָרן אַרבעטן אין וואַרשע, און אים געבעטן ער זאָל אַכטונג געבן אויף מיר.

אין וואַרשע

קיין וואַרשע זענען מיר אָנגעקומען נאָך מיטאָג און מיטן טראַמוויי צוגעפֿאָרן

אויף דזשעלנע גאַס נומער 4, צו אַ מייסטער, וועלכער האָט געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל ווו מען האָט אויך געאַרבעט. דער מייסטער האָט מיך אָנגעקוקט און געפרעגט: „ווער איז דאָס קליינע ייִנגל? נאָך וואָס איז ער געקומען?" האָט משה יעדער אים אויפגעקלערט, אַז איך קען אַרבעטן שוסטעריי. דער מייסטער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צוטרוי און מיר געגעבן צו אַרבעטן נאָר קינדער־שיכלעך. ביי אים האָב איך געאַרבעט זייער שוואַך. פרייטיק האָט מען געאַרבעט אַ האַלבן טאָג. בין איך אַרויס אין גאַס און געטראָפן אַ פאַבריקאַנט פון אונדזער שטעטל — משה פרימער, ביי וועלכן איך האָב נאָך געאַרבעט אין גניעוואַשאָוו פון שבועות ביז סוכות.

אויף יום־טוב בין איך געפאָרן אַ היים און מיין פאָטער האָט מיך אָפּגעוואַרט ביי דער פור. כ'האָב אים געוויזן אויף דער פלייצע ווו מיין מומע אין וואַרשע האָט מיר איינגענייט דאָס געלט וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט פון מיינע פאַרדינסטן. אַ דאַנק דעם געלט האָט דער טאַטע פאַרגרעסערט און פאַרשענערט דאָס הייזל וואָס מיר האָבן געהאַט אויפגעבויט נאָכן אומקערן זיך אין שטעטל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

קיין וואַרשע בין איך צוריק געקומען פאַר דער פויליש־רוסישער מלחמה און ווייטער געאַרבעט אין מיין פאַך. גלייכצייטיק האָב איך געזוכט אַ מעגלעכקייט אָנצופאַנגען אַרבעטן פאַר זיך. אַ דאַנק דער הילף פון מיין קוזינע טובהלע, וועלכע האָט מיר געבאָרגט אַ ביסל געלט, האָב איך אָנגעהויבן פירן אַ פאַבריקל. ביי מיין קוזינע וועלכע האָט געפירט אַ שניידער־וואַרשטאַט, האָב איך זיך באַקענט מיט מיין צוקונפטיקע פרוי, מיט וועלכע איך האָב אין יאָר 1919 חתונה געהאַט. צוליב דעם מלחמה־צושטאַנד, האָט מען געמוזט מאַכן די חתונה פרי, ווייל אין אָוונט האָט מען נישט געטאָרט גיין אין גאַס. מיין פאָטער איז געקומען צו דער חתונה פון שטעטל, ער האָט מיטגעבראַכט אַ געשאָכטענע הון, אַ לעקעך און צוויי חלות. ווען כ'האָב אים געפרעגט צי ער האָט צו געבן דרשה־געשאַנק, האָט ער געענטפערט אַז ניין. אָבער כדי ער זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען, האָב איך אים געגעבן 20 רובל. דאָס האָט געפאָדערט אויך פון אַנדערע צו געבן מתנות.

נאָך דער חתונה האָב איך פאַרגרעסערט מיין פאַבריקל. ווי ביי אַ סך אין יענער צייט, איז אויך ביי מיר די „פאַבריק" געווען אין מיין דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימער און אַ קיך.

איך בין עולה קיין ארץ־ישראל

אין יאָר 1929 האָב איך באַקומען פון מיין ברודער אריה אין ארץ־ישראל אַ סערטיפיקאַט פאַר מיר מיט דער פאַמיליע. אָבער די גרויסן וואָס מען האָט באַקומען פון לאַנד, זענען נישט געווען קיין גוטע. האָב איך באַשלאָסן, אַז די פאַמיליע זאָל דערווייל בלייבן אין וואַרשע — און איך אַליין בין דעם 18טן פעברואַר 1929 געקומען אין לאַנד. די ערשטע טריט זענען געווען שווערע. פון די פּאַקן וואָס מען האָט מיר געמאַכט אויפן שיף, איז שטאַרק געשוואָלן געוואָרן די האַנט. קומענדיק צו מיין ברודער, וועלכער האָט פאַרנומען נאָר אַ האַלב געוועלבל, האָט מען געמוזט זיך וואַלגערן אויף דער פּאָדלאָגע. קראַנקערהייט האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס שותף אין דעם פאַבריקל אין תל־אביב, אויף נחלת־בנימין 80. ער האָט געהאַט 2 מאַשינען און עטלעכע אַרבעטער. פון אָנהייב איז גאָר נישט געגאַנגען גלאַט. דער הויפּט־אָפּנעמער פון אונדזער סחורה האָט באַנקראָטירט, אַפילו באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַזוי, אַז אויף מיינע פּלייצעס איז געפאַלן די לאַסט פון העלפן זיך אַרויסדרייען פון די חובות. צוליב דעם האָב איך נישט געקענט אַראָפּנעמען די פאַמיליע. בכלל האָב איך אין די ערשטע חדשים געטראַכט וועגן צוריקקערן זיך קיין וואַרשע. אָבער מיין פרוי האָט אין אירע בריוו געשילדערט די שווערע לאַגע אין פּוילן און געראַטן נישט צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. סוף 1929 האָב איך געשיקט אַ סערטיפיקאַט און מיין פאַמיליע איז געקומען אין לאַנד.

אויך זייער קומען איז נישט אַדורך גלאַט. מיין עלטערער זון איז קראַנק געוואָרן פון אַ פאַרקילונג אויף דער שיף און איז אָפּגעלעגן אין „הדסה"־שפּיטאָל אַ לענגערע צייט.

די פאַבריק פון מיין ברודער, צו וועלכער איך בין געוואָרן אַ שותף, האָט זיך פאַרבעסערט אַ דאַנק טעכנישע אויסבעסערונגען, וועלכע איך האָב איינגעפירט. מיר האָבן אויסגעצאָלט אַלע חובות און אַפילו געקענט קויפן באָדן.

איך ווער זעלבשטענדיק

די קראַנקייט פון מיין זון און די אָפּטע קאָנפליקטן האָבן דערפירט דערצו אַז מיר זאָלן זיך צעטיילן. דאָס איז געשען צוויי יאָר נאָך מיין קומען אין לאַנד. אַ פאַרמעגן פון דעם שותפות האָב איך נישט געהאַט. וואָס איך האָב דעמאָלט אַרויס גענומען איז געווען: אַ טיש, אַ ביסל ברעטער אויף פּאָליצעס, אַ ביסל

פאַדעשוועס און עטלעכע פאַרשוועקעטע שיך. מיט דעם האָב איך אָנגעהויבן איינאָרדענען אַ פאַבריקל ביי זיך אין שטוב, אויף אוריאל אקוסטה גאַס. די אַרבעטער האָבן נישט גערן געוואָלט ביי מיר אַרבעטן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין מאַשין. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז אַלע מאַשין־אַרבעטן וועל איך אַליין אויספירן מיט דער האַנט.

מיין פאַבריק האָב איך אַ נאָמען געגעבן „מרה" (אַזוי האָט עס געהייסן אויך אין וואַרשע). די פאַבריק איז כסדר געוואַקסן און איך בין אַריבער אין אַ גרעסערן לאָקאַל אויף נחלת־בנימין 27.

שפּעטער האָב איך געקויפט נאָך אַ גרעסערן לאָקאַל אויף לבנדה 81. דאָ האָבן שוין געהאָלפן אין דער אַרבעט מיינע צוויי זין, וועלכע זענען פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן. מיטן פאַרגרעסערן דעם פערסאָנאַל, איז אויך דער לאָקאַל געוואָרן קליין. מיר האָבן, לויט אַן אייגענעם פּלאַן, אויסגעבויט אַ באַקוועמע פאַבריק אויף בן־אביגדור 26, מיט וועלכער עס פירט אָן מיין זון משה, בעת דער צווייטער זון, יעקב, פירט מיט אַ שותף די אַבצאַסן־פאַבריק „פּלסעקב".

מיין לעבנסוועג, סיי אין פּוילן, סיי אין לאַנד אין די לעצטע 40 יאָר, איז געווען אַ שווערער, פול מיט מי, אָנשטרענגונג, לאַנגע אַרבעטס־טעג און נעכט.

75 שנות בריאות

צבי מאירוביץ' / תל־אביב

בוקר של יום חורף, תל־אביב נמה את שנתה. על רציף הטיילת רצה דמות בצעדים קלילים אך בטוחים ועושה דרכה הלוך וחזור מגבול יפו ועד לשגרירות צרפת. לאחר כשעה מתחיל האיש על החוף בתרגילי גוף ולאחר־מכן הוא שוחה במי הים הקרים.

„דמות" אמרנו וצדקנו, כי צבי מאירוביץ הפך זה כבר לדמות בקרב ספורטאי הבוקר המשכימים לעיסוקם הספורטיבי בשעות הקטנות של הלילה בחורף ובקיץ.

צבי מאירוביץ הוא ספורטאי אמיתי, חובב בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו.

אין הוא חוזה במשחקים או בתחרויות ספורטיביות אלא עוסק בעצמו בספורט לשמו.

בתחילת דרכו הספורטיבית עסק רק בריצות, קפיצות, התעמלות והרמת משקלות, אך מאז שהחלו הצעדות צרף גם אותן „לתפריטו" ולא החמיץ ולוא רק אחת.

לעבודה מגיל 10

צבי מאירוביץ נולד בעיירה גניבשוב בשנת 1894. כבר מגיל 10 נאלץ היה להטות כתף ולעזור באיזון תקציב המשפחה. באותם ימים כששוק העבודה קלט יהודים רק במקצועות שוליים, נאלץ היה ללמוד סנדלרות, אולם, כורח זה הפך במשך הזמן לאהבת חייו. כשרונותיו בנושא הביאו לכך כי כבר לאחר הבר־מצווה פתח בית מלאכה קטן, בו העסיק 4 פועלים. בבית מלאכה זה עבד גם אביו, שהיה בנאי ושינה את מקצועו בהדרכת בנו.

משפרצה מלחמת העולם הראשונה, גורשה משפחת מאירוביץ מגניבשוב, לשם עברה ממוד'יץ והגיעה לווארשה. אז נתברר כי מקצוע הוא מקצוע בכל אתר ואתר. צבי מאירוביץ נקלט מיד בשוק העבודה ומתחיל לעבוד כקבלן משנה של הצבא הרוסי ועושה חיל.

1919 — יסוד „מרה" בפולין

שנת 1919 מהווה מפנה בחייו של צבי מאירוביץ, הוא נושא לאשה את אסתר ומקים את מפעל „מרה" הוורשאי ששמו מהווה קיצור לשם „מאירוביץ".

כבר לאחר מלחמת העולם הראשונה מקדיש צבי את כל מרצו לייצור נעלי נשים אלגנטיות, ומנעיל רבות מנשות האצילים הוורשאים.

כך הולפות מספר שנים, העסק משגשג, אך חיידק העליה לארץ נדבק גם בבני מאירוביץ.

אחיו אריה עולה לישראל ראשון וב-1929 עולה ארצה גם צבי.

צעדים ראשונים בישראל

בארץ עובד צבי עם אחיו אריה, במפעל שנחשב משוכלל מאד בימים ההם, שכן, היה מצויד בשתי מכונות. הוא מכין אמומים, מתקן אמומים ומעצב דוגמאות חדשות. שמו הולך לפניו כאיש שהביא מהפכה לענף הנעלת הנשים.

שנתיים חולפות והשותפות מתפרקת. האח אריה ממשיך לייצור נעלי גברים,

צבי מתחיל לייצר נעלי נשים בבית־המלאכה הנושא את השם „מרה״, שהקים בביתו ברחוב בר־כוכבא, כשאליו מצטרפים מספר פועלים ממפעלו של האח, להם הבטיח לספק חלקי נעליים במהירות השווה לזו של שתי מכונות. שכן, הללו שעבדו בקבלנות היתנו אתו תנאי שרמת משכורתם בבית המלאכה ללא מכונות תהיה זהה לזו של המפעל בעל המכונות.

טרם חלפה חצי שנה (השנה היתה 1932) בית המלאכה שגשג וצבי מאירוביץ מזמין שתי מכונות לייצור נעלים. בד בבד עובר המפעל לרחוב זבולון 27 וקולט עוד פועלים. המפעל גדל והולך ומדי פעם יש להרחיבו. כל הרחבה פרושה עקירה לכתובת חדשה. כך עובר המפעל מרחוב זבולון לנחלת בנימין, משם שוב לזבולון ואח״כ ללבנדה 81.

„מרה״ עובר למיכון מלא

עם המעבר לרחוב לבנדה עובר „מרה״ למיכון ומייצר נעליים אלגנטיות, הדגמים והאימומים מיוצרים על־פי דגמים של חברת „באלי״ השוויצרית. האימומים מעוצבים מאימומים שונים כדי להקדים את המתחרים.

אולם גם השטח ברחוב לבנדה צר מלהכיל את „מרה״ והמפעל נודד שוב, הפעם לבית קבע ברחוב בן־אביגדור 26 (השנה 1964).

בביתו החדש עובר המפעל לשיטת הסרט הנע ולמיכון מלא. הוא מעסיק כ־70 פועלים ומתחיל „לפזול״ לעבר שווקי חו״ל.

„מרה״ יצואן מספר אחד בישראל

כפי שהיה „מרה״ לחלוץ בענף ההנעלה, כך הפך מפעלו של צבי מאירוביץ לחלוץ בייצוא נעלי נשים. השנה ייצא המפעל נעליים ב־100,000 דולר, לעומת 54,000 אשתקד.

נעלי „מרה״ המשווקות בארה״ב על־ידי חברת „סימורה״ נמכרות ב־40 חנויות עילית, ביניהן „סקס פיפט אבניו״, „מיי קומפני״, „וסטרן ברוס״, „בוטיק״, „בארונס״, „לורד אנד טוולור״, „רובינזון״ ועוד.

למרות ההצלחה אין צבי מאירוביץ נוטש את מפעלו לנוח על זרי דפנה. כיום הוא עוסק בשיפורם של האימומים, שיטות עבודה וביעוץ לפועלים. הוא גם מכשיר עובדים צעירים המתקבלים לעבודה.

(„הארץ״, ת״א־אביב, 8.4.69)

אין דער יידישער בריגאַדע

משה בירמאַן / נתניה

סוף יאָר 1937. אַ שווערע אַנטיסעמיטישע כוואַליע טראָגט זיך איבער פּוילן. אַלץ אָפטער קומען פאָר פּאָגראָמען. מאַסן יידן לעבן אין מוראדיקער אָרעמקייט. די יוגנט האָט נישט פאַר זיך קיין צוקונפט, נאָר געטרוימט צו פאַרלאָזן פּוילן.

אומלעגאַל קיין ארץ־ישראל

נישט קיין לייכטע זאַך איז געווען איבערצולאָזן די עלטערן, פריינד און דאָס שטעטל צו וועלכן מ׳איז געווען צוגעבונדן פון געבוירן אַן און פאָרן אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט. אָבער נאָך שווערער איז געווען צו געפינען אַ לאַנד, וואָס זאָל אויפנעמען יידישע עמיגראַנטן. ארץ־ישראל איז געווען פאַרשלאָסן פאַר די מאַסן יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך געריסן אַהין אַנצוקומען. געווען נאָר איין וועג — די אומלעגאַלע עליה.

איך בין אַרויסגעפאָרן פון פּוילן מיט אַ פּאַספּאָרט, ווו ס׳איז געווען פאַרשריבן מיין פּראָפעסיע — אַ דאָקטער. געפאָרן בין איך סתם אַזוי, באַקוקן די וועלט, נאָר ארץ־ישראל האָט דאָרט נישט פיגורירט. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער רייזע אויף דער וועלט, האָב איך געדאַרפט זיך אומקערן קיין פּוילן... בין איך געפאָרן מיט האַרץ־קלאַפּעניש און מורא. ערשט ווען איך בין אַריבער די פּוילישע גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע — איז מיר אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן. דאָרט האָב איך געזען אַן אַנדערע באַציִונג פון מענטשן, נישט די שטעכעדיקע שנאה־בליקן פון די פּאָליאַקן.

כ׳האָב געוואַנדערט איבער פאַרשידענע לענדער. פיל פּראַכטפולע איינדרוקן זענען מיר נאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אין גריכנלאַנד האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויף אַ פישער־שיפל. ווען מיר האָבן זיך דערווייטערט פון די ברעגעס, איז די סכנה פון דערטרינקען ווערן געווען גרויס. טיילמאָל האָבן מיר געמיינט, אַז מיר וועלן נישט צוקומען צו קיין ברעג.

ווען מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען בשלום קיין ארץ־ישראל, האָבן מיר נישט געקענט אויסשטייגן ווי מענטשן גלייך. צוויי געפאַרן האָבן אויף אונדז

געלויערט: די ענגלענדער און די אַראַבער. עס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען שווערע קאַמפן מיט אַראַבישע באַנדעס.

ווען כ'בין אַרויף אויפן ברעג פון לאַנד, בין איך געפאַלן און געקושט די הייליקע ערד, אַז איך האָב זוכה געווען צו טרעטן אויף איר.

אין קיבוץ מעלה החמישה

אין דער שטילער פינצטערער נאַכט, מיט דער הילף פון מענטשן פון דער הגנה, זענען מיר פאַרשוווּנדן געוואָרן. מיר זענען געווען אַ גרופע פון 65 מאַן. מען האָט אונדז צעוואָרפן אין פאַרשידענע קיבוצים, צו וועלכע מיר זענען געווען נאָך פריער צוגעטיילט.

ווען כ'בין אָנגעקומען אין מיין קיבוץ מעלה החמישה, אין די בערג פון יהודה נעבן ירושלים, האָבן מיר ערשט געדאַרפט שאַפן דעם קיבוץ. דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט. אַרום אונדז איז געווען אַ ים פון אַראַבער. בייטאָג האָבן מיר געאַרבעט שווער און ביינאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך. אַ דאַנק אונדזער שטאַרקן ווילן, האָבן מיר אַלץ איבערגעטראָגן און געבויט אַ ניי לעבן אין לאַנד.

אָפּזייענדיק אַ לאַנגע צייט אין קיבוץ, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן אַ זעלבשטענדיק לעבן. מיר איז שווער געווען דעצידירן זיך צו מאַכן דעם ערשטן שריט. קיין אַרבעט האָט מען דעמאָלט נישט געקענט באַקומען. דאָך האָב איך פאַרלאָזט דעם קיבוץ און געאַרבעט וואָס ס'האָט זיך נאָר געטראָפן. איך האָב אויך געהערט צו דער הגנה. מען האָט מיך נישט געלאָזט רוען. כ'האָב געמוזט זיין גרייט צו יעדער צייט צו גיין קעמפן, ווו נאָר די אַראַבער זענען אָנגעפאַלן.

אַזוי איז געגאַנגען די צייט, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג. דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 זענען די דייטשן אַריין קיין פוילן.

ווען כ'האָב באַקומען די ערשטע ידיעה דערפון, האָב איך אין גאַנצן אויפגע־ציטערט. כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ טרויעריקער גורל עס דערוואַרט די יידן אין פוילן און צווישן זיי די יידן פון מיין שטעטעלע, מיין מוטער, שוועסטער און ברידער.

מיט מיין פאַמיליע בין איך געשטאַנען אין בריוולעכן קאָנטאַקט, ווייל זיי האָבן געוווינט אין אוקראַינע, אין דער געגנט פון קרעמעניץ־ווישנעוויטש. געווען זענען דאָרט: מיין מוטער חיה, פייגע מיטן מאַן זלמן און זייערע פינף קינדער, מיין ברודער מאיר ז״ל און זיסל. מאיר איז דאָרט געשטאָרבן פון טיפוס.

אין גניעוואַשאָוו אָדער אין זוואָלין זענען נאָך פאַרבליבן מיין עלטסטע שוועסטער גיטל מיט איר מאַן פּסח און פינף קינדער. זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן אין פּוילן.

דער קאָנטאַקט מיט מיין פאַמיליע איז איבערגעריסן געוואָרן, ווען מען האָט זיי פאַרשיקט אין ווייטן, קאַלטן סיביר. פון דאָרט האָב איך מער נישט געהאַט קיין ידיעה און נישט געוווּסט ווו זיי געפינען זיך.

פרייוויליק אין מיליטער

איך האָב זיך געראַנגלט מיט מיין געוויסן, געהאַט שלאָפלאָזע נעכט. איך האָב געטראַכט, אַז אין אַזאַ צייט דאַרפן יונגע מענטשן אָנטייל נעמען אין קאַמף, ווען עס בושעוועט די היטלעריסטישע חיה.

כ׳האָב זיך פרייוויליק געמאָלדן אין מיליטער, כדי צו קעמפן קעגן דער דייטשער בעסטיע.

אין דער ערשטער צייט האָט מען אונדז באַנוצט נאָר צו שמירה. דערנאָך, ווען ראָמעלס אַרמיי האָט אָנגעהויבן גיין פאָרויס, זענען מיר געשיקט געוואָרן צו שטעלן אים אַ ווידערשטאַנד. מיר זענען אַוועק קיין מצרים. איך בין געגאַנגען זען דעם נילוס, דאָס וואַסער פון וועלכן מען האָט אַרויסגענומען אונדזער גרויסן מנהיג, וועלכער האָט אונדז באַפרייט פון קנעכטשאַפט און געגעבן דעם יידישן פאָלק די תורה. איך האָב אויך באַזוכט די פּיראַמידעס, וועלכע יידן האָבן געבויט אין דער צייט פון זייער פאַרשקלאַפונג.

אין דער צייט האָט מען גענומען אָרגאַניזירן די יידישע בריגאַדע. שפּעטער זענען מיר מיט אונדזער בלוי־ווייסע פאָן אָנגעקומען קיין אייראָפּע. צו ערשט קיין איטאַליע. אונדזער נאָמען איז געוואָרן באַרימט דורך אונדזערע העלדישע קעמפער. זייער פיל חברים זענען געפאַלן אין קאַמף. כ׳האָב מיט זיי געלעבט פיל יאָרן און זייער פאַרלוסט איז געווען פאַר אונדז אַ שווערע איבערלעבעניש. איך בין אויך פאַרוווּנדעט געוואָרן אין שלאַכט, נאָר אין אַ לייכטער פאָרם.

זייענדיק אין איטאַליע, האָב איך גענומען זוכן מיין פאַמיליע. איך האָב זיך געוואָנדן צום יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע. כ׳האָב זיי געשילדערט ווי איך ליג אין די שוץ־גרובנס אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען פאַשיסטישן שונא און אַז די איינציקע טרייסט מיינע וואָלט געווען, ווען זיי העלפן מיר אויפזוכן מיין מוטער און משפחה, וועלכע האָבן פריער געלעבט אין אוקראַינע. נאָך אַ לענגערע צייט, איז מיר אָנגעקומען אַן ענטפער מיט דער

יידישער צייטונג „אייניקייט״, וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט. דאָרט איז געווען געדרוקט מיין בריוו אונטערן קעפּל: „דער יידישער ישראל־קעמפער אין דער ענגלישער אַרמיי״. אין זייער ענטפער האָבן זיי מיך פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אַלץ טאָן צו געפינען מיין פאַמיליע.

נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך באַקומען זייער אַדרעס און כ׳האָב זיך מיט זיי פאַרבונדן. די פרייד איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. איך האָב גענומען זיי שיקן הילף. איך בין שוין געשטאַנען מיט זיי אין קאָנטאַקט ביזן סוף פון דער מלחמה.

מיר האָבן פאַרשפּעטיקט...

איך האָב פאַרענדיקט מיין קעמפערישע אויפגאַבע, וואָס כ׳האָב גענומען פרייוויליק אויף זיך. דער גרויסער טאָג פון נצחון איבער די נאַציס איז געקומען, אָבער פאַר אונדז יידן איז די פרייד נישט געווען אַ גאַנצע. עס זענען פון אונדז אומגעקומען זעקס מיליאָן נפשות. מיר האָבן פאַרשפּעטיקט.

די קאַמפן האָבן זיך פאַרענדיקט, אָבער די יידישע בריגאַדע האָט נאָך געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע אויפגאַבע. מיר האָבן נאָך נישט געקענט גיין אַ היים.

אין די מיליטער־מונדירן האָבן מיר אַרומגעוואַנדערט איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע און צונויפגענומען די רעשטלעך פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן זיי קאָנצענטרירט אין קיבוצים אין איטאַליע, פאַרזיכערט די מאַקסימאַלע הילף, ביז מען האָט זיי אַריבערגעפירט קיין ארץ־ישראל. ביי דער געלעגנהייט האָב איך זיך געטראָפן מיט משה דינער און אים פאַרזאָרגט מיט די ערשטע הילף. איך האָב אים פאַרגעלייגט קומען קיין ארץ־ישראל, אָבער ער, לײדער, האָט אָפּגעזאָגט.

פון ארץ־ישראל האָב איך דעמאָלט באַקומען אַ בריוו פון דוד פערלשטיין, אין וועלכן ער האָט מיר צו וויסן געגעבן, אַז אין לאָדזש געפינען זיך גניעוואַ־שאָוער יידן און איך זאָל זיך פאַרבינדן מיט זיי. איך האָב גלייך געשריבן צו אליעזר וויינבערג און אים אָנגעפרעגט אין וואָס זיי נייטיקן זיך. קיין ענטפער האָב איך אָבער נישט באַקומען.

אין דער צייט האָב איך זיך פאַרבונדן מיט דער ענגלישער מאַכט און געבעטן אַ דערלויבעניש פאַר מיין מוטער און משפחה צו קומען קיין ארץ־ישראל. באַלד נאָך מיין באַפרייונג פון מיליטער, אין יאָר 1947, איז מיין מוטער

געקומען. זי איז געוועזן קראַנק און צעבראָכן. זי האָט זייער פיל געליטן הונגער און קעלט אין ווייטן סיביר, דערנאָך אין מיטל־אַזיע, סאַמאַרקאַנד. זי האָט דאָ אַ ביסל אויפגעלעבט, גלייך ווי משיח וואָלט געקומען. זי האָט נאָך זוכה געווען דערלעבן די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. מיין פרייד איז געוועזן זייער גרויס אַז איך האָב נאָך געזען מיין מוטער אין איר שבת־קלייד ליכט בענטשן און בעטן פאַר מיר. זי איז געוועזן ביי מיר דריי יאָר, ביז איר פּטירה. יצרור ה׳ את נשמתה בצרור החיים, ה׳ היא נחלתה ותנוח בשלום על משכבה ונאמר אמן.

עס זענען אויך געקומען אין לאַנד מיין שוועסטער פייגע מיט איר מאַן זלמן און זייערע פינף קינדער. דער ברודער זיסל לעבט אין אַמעריקע...

ד מ ו י ו ת

•

געשטאלטן

רביים, רבנים, חסידים, אפיקורסים און סוחרים

רבי ר׳ פנחסל מגניבשוב

אין ספר פון הרב אהרון ולדין „הגדולים החדש״, געדרוקט אין יאָר 1823, ז כ״ט (29), ווערט געשריבן פאָלגנדעס:

„הרב מו״ה פנחס מגניבושוב, הרב הגדול המפורסם בישראל חסידא קדישא, צדיק יסוד עולם, נכד להגאון בעל־פנים־מאירות ז״ל, תלמיד מובהק של הרב הקדוש והטהור מו״ה אלימלך מליזענסק זצלה״ה, עמיתו וחבירו של הגאון קדוש ישראל המגיד מקוזשניץ זצ״ל וגם עליו האירו משמים להאיר על הארץ ללמד לבני ישראל את הדרך ילכו בה ולהשמיעם דברי אלקים חיים, והרב ח״ק מר ראובן מדזארנאָוויצא מביא משמו דבר תורה בספרו „דודאים בשדה״ עי״ש״.

וועגן רב פנחס מגניעוואַשאָוו שרייבט אויך אין „ספר אדמורים״ דער מחבר ר׳ יצחק אלפסי, אַז „הרב פנחס מגניעוואַשאָוו איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ד״.

אין ספר פון זיין אייניקל, הרב שלמה יהודה, רב אין וואָנוואָלניץ, אין ספר „שלחן שבת״, געדרוקט אין לובלין תרע״ג (1913) ווערט אַ סך געשריבן פון זיין זיידן הרב פנחס מגניעוואַשאָוו.

אין זעלבן ספר (ז׳ 10) אין דער הקדמה, דערמאָנט דער מחבר נאָך אַ רב. „שמעתי מפי מורי ביראת שמים, הרב החסיד המפורסם ר׳ משה מגניבושוב ז״ל וכו׳״. אויף זייט 14 דערמאָנט ער נאָך אַמאָל: „עוד שמעתי מפי הרב החסיד המפורסם, ר׳ משה זלה״ה מגניעוואַשאָוו״. אויך דערמאָנט ער דעם זון פון הרה״ק ר׳ פנחס ז״ל, הרה״ק ר׳ זלמן־ברוך.

צווישן די הסכמות פון די רבנים אויפן ספר „שולחן שבת״, עמוד ד׳ פון הרב יעקב אורנר דק״ק נאַשעלסק, שרייבט דער רב אַזוי: „גם אני אקח ספר אחד מן הרב המחבר שליט״א בל״נ במחיר אשר יושת עלי ומצוה גדולה לקרבו ולסעדו כי הוא נכד להרב הצדיק המפורסם הר׳ פנחס זי״ע מגניעוואַשאָוו ובנו הרה״צ המפורסם ר׳ זלמן־ברוך זצלה״ה״.

האָבן מיר דאָ פאָלגנדע רביים און רבנים:

1. הרב ר׳ פנחס מגניעוואַשאָוו און זיין זון.

2. הרב ר׳ זלמן־ברוך און זיין זון, דער מחבר פון ספר „שולחן שבת״.

3. הרב ר׳ שלמה־יהודה, רב אין וואָנוואָליץ ביז די ערשטע וועלט־קריג.

4. הרב ר׳ משה מגניעוואַשאָוו.

אין זעלבן ספר פון מחבר הרב אהרון ולדין „הגדולים החדש״, געפינען מיר אַלס רב אין גרעניץ דעם איידעם פון קאָזשעניצער מגיד: „הרב מו״ה אבי עזרה זעליק הרב הגדול צדיק וחסיד מפורסם אבד״ק גרעניץ, חתנו של המגיד הקדוש מקוזשניץ והוא אבי הג׳ החסיד מו״ה חיי׳ מאיר יחיאל ז״ל האבד״ק קוזשעניץ ומגליניצא ונח נפשיה שנת תקצ״ה תנצב״ה״.

איך גיב דאָ איבער וואָס כ׳האָב געהערט דערציילן (און נישט געפונען אין קיין שום ספר):

דער קאָזשעניצער מגיד איז אַ געוויסע צייט געווען רב אין גניעוואַשאָוו. אין זיין צייט האָט אין שטעטל געבושעוועט אַ מגיפה און פיל זענען געשטאָרבן. כדי אָפּצושטעלן די מגיפה האָט ער איינגעפירט, אַז ראש־השנה צו מעריב זאָלן אַלע יידן אין גניעוואַשאָוו קומען מיט טליתים דאַווענען, אַזוי ווי צו כל־נדרי אין יום־כיפור. און אַזוי איז עס געבליבן דער מנהג ביזן אומקום פון שטעטל גניע־וואַשאָוו. דאַקעגן אין גרעניץ האָט מען נישט געדאַוונט אין די טליתים ראש־השנה ביינאַכט.

און נאָך האָב איך געהערט דערציילן: דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך געוואָלט משדך זיין מיט ר׳ פנחס מגניבשוב, נאָר ר׳ פנחס האָט נישט געוואָלט, ווייל ער האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס — אַן איינקל פונעם ש״ך און פון בעל „פנים־מאירות״, בעת דעם קאָזשעניצער מגידס פאָטער איז געווען אַ פּראָס־טער איינבינדער פון ספרים. ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער געזאָגט „כ׳פאַרהאָף צום רבש״ע, אַז פון היינט אָן וועט זיך דער יחוס אָנהייבן פון מיר״. אַזוי איז טאַקע געווען. די קאָזשעניצער דינאַסטיע האָט זיך אָנגעהויבן פון מגיד און זי ציט זיך ביז היינט. פון ר׳ פנחס פון גניעוואַשאָוו איז מער קיין רביים פון חסידים נישט געווען. עס זענען נאָר

געווען רבנים, כמעט אַלע קינדער און אייניקלעך זענען געוואָרן לובלינער חסידים.

איך גיב איבער פון רבנים, וועלכע זענען געווען ביי אונדז אין שטעטל און קינדער פון גניעוואַשאָווער יידן, וועלכע האָבן פאַרנומען רבנות־שטעלן אין אַנדערע שטעט.

גרעניצער רב ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען ר׳ משה לייזער, איינער פון די אָנגעזעענסטע למדנים, וועמענס למדנות איז געווען באַוווּסט אין דער גאַנצער געגנט. מען האָט זיך צו אים געוואָנדן מיט פאַרשידענע שאלות. געווען באַוווּסט אַלס גרויסער בקי אין ש״ס ופוסקים. ער איז נפטר געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־קריג. זיין זון הרב שמואל־יצחק, אויך אַ גרויסער למדן, איז געווען רב אין זוואָלין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין גניעוואַשאָוו איז געווען רב פון פאַר דער ערשטער וועלט־קריג ביז נאָך איר, הרב ר׳ יעקב־לייב צוקער. ער האָט געשטאַמט פון רבנים, געווען זייער פרום. פאַר קיין ספּעציעלן גרויסן למדן האָט מען אים נישט געהאַלטן. נאָך דער ערשטער וועלט־קריג האָט גרעניץ אויפגענומען אַלס רב דעם איידעם פון גרעניצער רב, הרב יעקב־יצחק הכהן קלוגסבערג. אַ פרומער, אָפּגעהיטענער ייד, אַ ראַדזינער חסיד. דער לעצטער רב פון גניעוואַשאָוו איז אויפגענומען געוואָרן אין יאָר 1932 — הרב יהודה־לייב רייטער פון סקאַלע, גאַליציע. דאָס איז געווען נאָך עטלעכע יאָר מחלוקת צווישן גניעוואַשאָוו און גרעניץ. דער רב איז געווען אַ יונגער מענטש, געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַ סך געלערנט. די שטעטישע למדנים און די פרומע יידן האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן. דערצו האָט ער געהאַט אַ ידיעה אין וועלטלעכע ענינים, געקענט די יידישע און העברעישע ליטעראַטור און נישט דורכגעלאָזט דאָס לייענען די טעגלעכע פּרעסע. בקיצור — אַ געלערנטער, קלוגער מענטש.

גניעוואַשאָוו־גרעניץ האָט אויך אַרויסגעגעבן רבנים אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אין קראָקאָווער ראַבינאַט איז געווען אַ מיטגליד הרב ר׳ יידל לעווין, דער זון פון ר׳ לייביש קירע, גניעוואַשאָווער חזן און מוהל. מען האָט אים גערופן יידל אָסטראָווצער, ווייל ער איז געווען פון די אָנגעזעענסטע מקורבים פון אָסטראָווצער רבין. אין קראָקע האָט ער זיך גערעכנט פון די געציילטע למדנים און ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים דאָרט.

אין וואָנוואָליץ איז נאָך דער ערשטער וועלט־קריג געווען רב — הרב

יהודה־לייב פרייבערג. מחבר פון אַ ספר. ער איז געבוירן אין גניעוואַשאָוו. ווער זיין פאָטער איז געווען — געדענק איך נישט. מען האָט געזאָגט, אַז אורי שמשס זון איז רב אין וואָנוואָליץ. אין תל־אביב ווינט זיינס אַ זון, הרב פרייבערג. ער געדענקט נישט ווי זיין זיידע האָט געהייסן. ער ווייסט נאָר, אַז אַ מעטריקע אַרויסנעמען האָט ער געמוזט פאָרן קיין גניעוואַשאָוו, ווייל דאָרט איז ער געווען פאַרשריבן. יידל אָסטראָווצער איז געווען מיט אים משפחה.

העשל איידלמאַן — דער ערשטער אַפּיקורס

גערופן האָט מען אים הערשל יאַציק. פאַר וואָס אַזאַ נאָמען — ווייס איך נישט. אין שטעטל האָט יעדער געהאַט אַ צונאָמען, טיילמאָל — אויך אָן אַ פאַר־וואָס. געשטאַמט פון אַ דאָרף נישט ווייט פון אונדזער שטעטל. אין די יוגנט־יאָרן געווען אין וואַרשע. חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון גניעוואַשאָוו און פון נאָכן ערשטן וועלט־קריג געווינט אין שטעטל. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, אַ בלאָנד בערדל און געטראָגן די אַמאָליקע פויליש־יידישע קליידונג מיט אַ קיילעכיק יידיש היטעלע. נישט געווען קיין עם־הארץ, געקענט אַ בלעטל גמרא און געווען אַ ביסל באַקאַנט אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור, געלייענט די „הצפירה". יעדן טאָג האָט ער געדאַוונט אין בית־המדרש. זיין אפּיקורסות איז באַשטאַנען אין נישט וועלן אָנטאָן אַ גאַרטל ביים דאַוונען. אַפילו ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט און געדאַוונט פאַרן עמוד, האָט ער אויך נישט געוואָלט אָנטאָן קיין גאַרטל. ער האָט ממש הנאה געהאַט, ווען אַ חסיד, אָדער בית־המדרש בחור האָט אים געפרעגט: „הערשל, פאַר וואָס טראָגסטו נישט קיין גאַרטל?" דאָ האָט ער אויפגעלעבט און מיטן גאַנצן ברען אויפגעוויזן, הלמאי מען דאַרף נישט טראָגן קיין גאַרטל — און אָנגעהויבן אויך רעדן אַנדערע אפּיקורסישע רייד. פאַרשטייט זיך, אַז דער חסיד איז אַוועק מיט זיינס און הערשל איז געבליבן ביי זיינס. אַמערגסטן האָט אָפּגעשניטן ביי הערשלן אַ חסיד, אָדער גלאַט אַ פרומאַק, וואָס איז דערצו געווען אַן עם־הארץ, וועלכער האָט אים געפרעגט וועגן ענין גאַרטל. הערשל האָט אים אַריינגעזאָגט, אַז נאָך אַזאַ שמועס האָט שוין דער פרעגער פאַרזאָגט זיינע קינדער און קינדס־קינדער נישט אָנהייבן מיט אַן אַפּיקורס. די בית־המדרש בחורים, וועלכע זענען שוין געווען אַ ביסל „געכאַפּט", האָבן הנאה געהאַט פון די דיסקוסיעס און ווערטלעך.

אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער גנעוואַשאָווער אפּיקורס.

לייבל ליבהאָבער (לייבל מאָטל)

לייבל האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער היים. דער פֿאָטער, מאָטל בייגלבעקער, איז געווען פון די אָנגעזעענע לובלינער חסידים און געצויגן זיין יחוס פון ר׳ פנחסל גניעוואַשאָווער. אַלס בחור האָט לייבל געלערנט אין בית־המדרש און געהאַט אַ שם אַלס גוטער לערנער. ער האָט שוין געהאַט אַ קליין שוואַרץ בערדל, ווען ער האָט אונטער די גמרא אָנגעהויבן לייענען טריפה־פסולע העברעישע און יידישע ביכער און צייטונגען. אין יאָר 1921 האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדערע חסידישע בחורים געגרינדעט די ערשטע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „התחיה". ביסלעכווייז גענומען שערן דאָס בערדל און מיט דער צייט — אין גאַנצן עס אָפּראַזירט. דאָך האָט ער געטראָגן די טראַדיציאָנעלע יידישע קליידונג און דאָס יידישע היטעלע. ער האָט זיך געלערנט אַ פֿאַך — געגריוועטער שוסטער. ער איז אויך געווען דער מיטגרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, געהאַלטן פֿאָרטראַגן אין פראָפעסיאָנעלן פֿאַראיין, ווו ער איז געווען מיטגליד און דאָרט האָט ער גערעדט וועגן מאַרקסיזם און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. (דער פֿאַראיין איז געווען אונטער די השפעה פון די קאָמוניסטן). נאָך דער חתונה האָט ער זיך געלאָזט וואַקסן די באָרד און אין אַ פרייער צייט זיך אַריינגעכאַפּט אין בית־המדרש לערנען אַ בלעטל גמרא, אָדער אַריינקוקן אין אַ ספר. אַזוי האָט ער דורכגעמאַכט פֿאַרשידענע גלגולים. שטענדיק אַ האַרציקער און צוגעלאָזענער.

אָנגעזעענע בעלי־בתים פון גניעוואַשאָווער מאַרק

דער ערשטער שכן מיינער איז געווען חיים־נחום פּאַנטש, פון די געציילטע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צונעמען אין שטעטל, ווייל מען האָט געמיינט, אַז פּאַנטש איז אַ צונאָמען, בעת דאָס איז געווען זיין אמתער פֿאַמיליע־נאָמען. זיין געוועלב איז געווען באַוווסט אין גניעוואַשאָוו און אין גרעניץ. אַלע אַרטיקלען, וואָס האָט געהערט צו שפייז, קאָלאָניאַל, פֿאַרבן — האָבן זיך געפונען אין חיים־נחומס געוועלב. יידן און קריסטן האָבן געוווסט, אַז אויב אַן אַרטיקל פעלט אויס אין אַלע געוועלבער, וועט מען עס געוויס באַקומען ביים חיים־נחום פּאַנטש. נאָר קוים איז ער ביי אים אויך נישט געווען — איז אַ שאָד דאָס ווייטערע זוכן.

דאָס צווייטע געשעפט אויף דער אַנדערער זייט פון שאָסיי איז געווען דאָס קרייד־ און פֿאַרבן־געוועלב פון ראובן מילער („דער געלער ראובן"). סיי ווינטער און סיי זומער, האָט ער געעפנט זיין קראָם 5 פֿאַרטאָג. ר׳איז געווען דער ערשטער וואָס האָט באַגריסט דעם מאַרק־פּלאַץ מיט אַ גוט־מאָרגן. נישט געקוקט אויף זיין

פלייסיקייט, איז ער געווען אַ שוואַכער בעל־פּרנסה. ערב די יידישע יום־טובים, ספּעציעל פאַר פּסח און פאַר די קריסטלעכע ווייניאַכט און פּאַסכע, ווען מען האָט געקאַלעכט די ווינונגען, איז דער געלער ראובן געווען אַ ווייסער. די באָרד און האָר זענען פול געווען מיט קאַלעך און קרייד. ער האָט געהאַט נאָך אַ צונאָמען: „ראובן פּרעזעס וגם כותב". דער נאָמען האָט געהאַט זיין געשיכטע: ווען גניעוואַשאָוו האָט נאָכן ערשטן וועלט־קריג אויפגעשטעלט דאָס בית־המדרש, איז ראובן געווען אין ועד בנין פון בית־המדרש און זיך געמאַכט אַ סטעמפּל בזה הלשון: „ראובן פּרעזעס וגם כותב".

דאָס דריטע געשעפט איז שוין געווען אָפּגערוקט אַ גאַנץ ווייטן מרחק, נאָך אַ ריי געשעפטן פון נישט באַזונדערער חשיבות, — דאָס געשעפט פון שמואל קאָרמאַן (דער געלער שמואלעלע) — דאָס גרעסטע געשעפט פון טריקאָטאַזש און גאַלאַנטעריע. שמואל איז געווען אַ חסידישער ייד, אַ בן תורה און אַ נגיד. קיינמאָל נישט געקויפט סחורה אויף קרעדיט, נאָר פאַר מזומן. אַלץ האָט ער געטאָן פּאַמעלעך, דאָך קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט. דאָס געשעפט האָט ער געעפנט 8 אַ זייגער, הגם ער האָט זיך אויפגעהויבן גאַנץ פרי. פריער אָפּגעדאַוונט אין בית־המדרש אין יידע פאָר תפילין, אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אַ היים געגאַנגען פרישטיקן און דערנאָך געעפנט דאָס געשעפט. קונים האָבן געהאַט גרויס צוטרוי צו אים. ער האָט זיך נישט געמישט אין קהלישע ענינים אָדער אין פרעמדע געשעפטן. אין יאַריד־טעג האָט ער באַלד אין דער פרי געגעבן הלוואות צו סוחרים, וועלכע האָבן איינגעקויפט ביי די פּויערים עופות, אייער און פּוטער צו פירן קיין וואַרשע. די העכסטע הלוואה איז געווען אַ פינפאונצוואַנציקער זלאָטי. דאָס איז געווען זיין איינציקער חסרון, וואָס קיין גרעסערן קרעדיט האָט קיין סוחר, אַפילו דער באַליבטסטער מענטש, פון אים נישט באַקומען.

אין דער צווייטער זייט מאַרק האָט דאָס ערשטע געוועלב געהערט צו ביילע קופּערמאַן (ביילע עלקעס). איר מאַן איז געשטאָרבן יונגערהייט. זי איז געווען די טאָכטער פון הערש־בער בראָנשפּיגל. איר שפּייז־געוועלבל איז געווען קליין, אַפילו אין אַ יאַריד־טאָג איז דאָרט געווען שטיל. נאָר ווען עס איז געקומען פאַר די קריסטלעכע יום־טובים און אַ ביסל פאַר די יידישע, איז דאָס קליינע געוועלבל געוואָרן דער צענטער פון סוחרים. זי איז געווען די צושטעלערין פון הייוון פאַרן שטעטל. ס'איז פול געווען מיט קונים, הן סוחרים און פּריוואַטע קריסטן — אין אַזאַ צייט איז דאָרט געווען דער אמתער יאַריד.

ווייטער אַ ביסל פון ביילע עלקעס געוועלב איז געווען דאָס שענק־הויז פון

גוטמאַן ליפשיץ (חיים יחיאל׳ס). ער איז געווען מפורסם אין שטעטל און אין דער גאַנצער געגנט אַרום. יידן און קריסטן האָבן געוווּסט, אַז אין גניעוואַשאָוו איז דאָ אַ שענקער גוטמאַן חיים יחיאלס און זיין פרוי פריידע־חומעס. די שענק איז כמעט אַ גאַנצע וואָך געווען אָן קונים, אַחוץ געציילטע שטענדיקע געסט, אָדער אַ פויער פון אַ דערבייאיק דאָרף פלעגט זיך אַריינכאַפּן אָנוואַרעמען מיט אַ גלעזל טיי אָדער אַ הייסן קרופּניק. טיילמאָל פלעגט אַריינפאַלן אַ רייכער גאַסט און באַשטעלן אַ פּירטל גענדזנס מיט אַ שנאַפּס. ווען ס׳איז געקומען דער יאַריד־טאָג, יעדן דינסטיק, איז שוין אַ גאַנצן טאָג די שענק געווען געפּאַקט מיט געסט, בעיקר פויערים. נישט בלויז די שענק, נאָר אויך די וווינונג איז געווען פאַרנומען מיט געסט. זיין פרוי האָט געשוויצט אַ גאַנצן טאָג ביים דערלאַנגען עסן און געטראַנקען צו די קונים און קאָמאַנדעוועט מיט די עטלעכע צוהעלפּערינס, וואָס זענען באַשטאַנען פון אייגענע קינדער און אַ צוויי שיקסעס.

גוטמאַן איז געווען זייער אַ קלוגער ייד, ליב געהאַט זיך מישן אין אַלץ.

איבערהיפּערנדיק צוויי הייזער, נאָכן הויז פון גביר מאיר צווייגענבערג, קומען מיר צו צום הויז און געשעפט פון די קאָרמאַנס — אליעזר־מאיר און טאָבע־גיטל. אליעזר־מאיר איז געווען קאָזשאָנע ראַבינער, גערער חסיד, אַריינגעטאָן אין קהילהשע ענינים, ווי פאַרשרייבן ניי־געבוירענע קינדער, צונויפשטעלן חתונה־אַקטן פאַר יונגע פּאָרלעך און אַלטע פּאָרפעלקער, וואָס האָבן שוין געהאַט אייניק־לעך. צוליב די באַשעפטיקונגען האָט ער נישט געהאַט קיין צייט און דעם קאָפּ צו פאַרנעמען זיך מיטן געוועלב. ווען ס׳איז אים יאָ געבליבן אַ פרייע שעה, האָט ער אַריינגעקוקט אין אַ ספר. דערפאַר איז זיין פרוי טאָבע־גיטל געווען די אמתע אשת־חיל, געהאַנדלט און געוואַנדלט — נאָר קיין גרויסע פרנסה איז דערפון נישט געווען. אַ פּאָר יאָר נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה זענען זיי ביידע געשטאָרבן און פאַריתומט פינף טעכטער, וועלכע האָבן ווייטער געפירט דאָס געשעפט. דעריבער פלעגט מען זאָגן, אַז מען גייט צו די קאָרמאַנס. דאָס אָרט איז אויך געווען דער הויפּט טרעף־פּונקט פון דער ציוניסטישער יוגנט.

אַז ווער אין שטעטל האָט געוואָלט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, איז ער אַוועק אין רעסטאָראַן פון שמואל־לייב בירענבוים. דאָרט האָט מען געקענט באַקומען אַ געפּרעגלט לעבערל, אַן אָנגעפּילט מעגעלע, אַ פערטל גענדזנס, גע־פילטע פיש און אַ קאָפּ פון אַ פיש — און דערביי צוטרינקען אַ גלעזל פינף־און־ניינציקער, אָדער האַבערבושס אַ פלעשל ביר. שמואל־לייב גופא האָט אויך נישט פיינט געהאַט צו נעמען אין מויל אַריין פון זיינע געשמאַקע מאכלים.

פונעם רעסטאָראַן לאָזן מיר זיך ווייטער שפּאַצירן — צום מאַרק ווו ס׳האָט זיך געפונען דאָס הויז פון גניעוואַשאָווער רב ר׳ יעקב־לייב צוקער ז״ל. דאָרט האָבן געוווינט זיינע צוויי זין און אַ טאָכטער. דער עלטסטער זון, שמואל־אלי צוקער האָט געפירט אַ געשעפט־וואַרשטאַט פון גאַלאַנטעריע, זייגערמאַכעריי און ראָווערן. דער צווייטער זון, יאָסל, האָט געהאַט אַן אייזן־געשעפט און די דריטע אונטערנעמונג אין דעם הויז — אַ בעקעריי — האָט געהערט צו דעם רבס טאָכטער ניכע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט שלמה בערגער פון קאָזשעניץ, אַ פאַרברענטער גערער חסיד, גוט געקענט לערנען. הגם דער מאַן האָט געהאָלפן פירן די בעקעריי, איז דאָס געשעפט געווען באַקאַנט, אַז עס באַלאַנגט צו ניכע די בעקערין.

אין שטעטל איז געווען באַקאַנט אַזאַ מעשה: אין דער ווייַנאַכט, ווען פרומע יידן, אַנשטאָט לערנען, מאַכן גאָר אַ קערטל, איז אויך שלמה בערגער געווען פאַרטאָן אין קאָרטן־שפּיל ביי אַ צווייטן ייד, בעת זיין פרוי איז גראָד געגאַנגען צו קינד און געבוירן אַ ייִנגל. ווען מ׳איז געקומען דעם טאַטן אָנזאָגן די בשורה, האָט ער פונקט געהאַט צווישן זיינע קאָרטן צוויי אינטערס (ייִנגלעך) און די דריטע קאָרט — נאָך אַן אינטער אייכל — האָט ער אַרויסגעצויגן מיט אַן אויס־געשריי „אינטער אייכל״, אין דעם מאָמענט ווען מ׳האָט אים אָפּגעגעבן „מזל טוב״. הגם דאָס ניי געבוירענע קינד האָט באַקומען אַ נאָמען כדת משה וישראל, איז עס אָבער שוין געבליבן ביים צונאָמען „אינטער אייכל״.

פון חיים־נחומס פּאָנטשס הויז לאָזן מיר זיך אויף דער צווייטער זייט, ווו ס׳געפינט זיך די וווינונג פונעם ־שיך־פאַבריקאַנט בעריש פרידמאַן. ער — אַ נידער־ריקער און דאַרער, דערפאַר זי, חנה בערישעס, אַ הויכע און דיקע. ער איז אין משך פון עטלעכע יאָר געווען דאָזאָר אין דער יידישער קהילה, אַקטיוו זיך באַ־טייליקט אין דער מלחמה צווישן גניעוואַשאָוו און גרעניץ וועגן אַ רב. מ׳האָט געשמועסט, אַז צוליב דער מחלוקת האָט ער פאַרנאַכלעסיקט זיין שיך־פאַבריק און ממש געוואָרן אַן אָרעמאַן — אָבער זיינס האָט ער דערגרייכט. אַלס רב איז אויסגעקליבן געוואָרן „זיין״ קאַנדידאַט.

איצט קומען מיר צום שענסטן שניט־געוועלב אין שטעטל — פון שמערל־דוד צווייגענבערג. אַ קליין ברייט יידל מיט אַ לאַנגער, גראָער באָרד. מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז אין עלטער פון 30 יאָר איז ער געווען אַזוי גראָ ווי אַ ייד פון די זעכציק. אַן אָנגעזעענער חסידישער ייד, אַ בעל תורה, אַ פּוריסאָווער חסיד, בעל־מוסף אין גניעוואַשאָווער בית־המדרש. בעת די יידן האָבן זיין פרוי פייגע גערופן

פייטשע שמערלס, איז זי ביי די קריסטן געווען באַקאַנט אַלס דאַווידאָוואַ... זי האָט עס געפירט דאָס מאַנופאַקטור־געשעפט. אַ קלוגע סוחרישע פרוי, אָבער גאָרנישט געטאָן אַליין, תמיד געפרעגט ביי שמערלען אַן עצה.

דאָס לעצטע יידישע הויז האָט געהערט צו אליעזר שערמאַן (לאָזער שניי־דער), איינער פון די בעסטע שניידער־מייסטערס. ער פלעגט דערציילן ווי אַזוי די פריצים און רייכע לייט פלעגן אים אויפנעמען אין זייערע פּאַלאַצן, ווען ער האָט זיי גענייט אַנצוגער. עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געקומען אין שטעטל זיין אייניקל, אַ גימנאַזיסט יעקב שערמאַן, וועלכער האָט גענומען שטאַרק אַגיטירן פאַרן „בונד". ס'האָט נישט גענומען קיין סך צייט און די גאַנצע משפחה, מיטן אַלטן אליעזר בראש, זענען געוואָרן אָנהענ־גער פון „בונד"...

גערער חסידים

בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מחלמה, בין איך אַלט געווען 10 יאָר. אַלס ייִנגל בין איך מיטגעגאַנגען מיט מיין פאָטער ז"ל דאַווענען אין גערער שטיבל. חסידים זענען פאַרבעטן געוואָרן צו אונדז אויף שמחת־תורה אָדער אַ יום־טוב צו אַ קידוש. כ'פלעג אויך מיטגיין מיט מיין פאָטער צו אַנ־דערע חסידים אויף אַ קידוש. זענען מיר געבליבן אין זכרון די געשטאַלטן פון עטלעכע גערער חסידים:

דער גרעניצער רב ר' משה לייזער, נפטר געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען אַ גרויסער למדן, געזעסן יום ולילה און געלערנט, נישט גע־ווּסט פון קיין צורת מטבע. ווען מ'איז געקומען פרעגן אַ שאלה וועגן אַ גע־שאָכטענער בהמה, אָדער וועגן אַ הינדל, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן פאַר נישט כשר, פלעגט דער רב אָפּזיצן שעהן און נאָכזוכן די דינים אין זיינע ספרים, כדי ער זאָל קענען מאַכן כשר. זיין זון יצחק שמואל איז געווען רב אין זוואָלין, די עטלעכע איידעמס זענען געווען גערער חסידים.

ר' שמעון מאַנדעלבוים (שמעון לייבל נאָטעס) איז געווען אַ „טיש־זיצער" ביים „שפת־אמת", פון די געציילטע למדנים. געהאַט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. די פרוי האָט געפירט דאָס געשעפט און ער איז געזעסן און געלערנט. מיט איר טויט איז אויך דאָס געשעפט אָפּגעשטאָרבן. ר' שמעון איז געוואָרן אַ מלמד פון עטלעכע רייכע קינדער. זיינע צוויי זין, שמחה און יאָסל מאַנדלבוים, אָנגעזעענע גערער חסידים, האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך באַזעצט אין וואַרשע,

געאַרבעט, בעסער געזאָגט, געווען אין מאַנופאַקטור־געשעפט פון זיין זון שׂמחה אויף גענשע 2.

ר׳ הערש בער בראָנשפּיגל — אַ גרויסער לערנער, געווען אַ צייט מלמד אין גערער הויף, נפטר געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. געהאַט איין טאָכטער און דריי זין, באַוווסטע גערער חסידים. זיי האָבן געוווינט: אבא — אין דעמבלין, משה — אין וואַרשע, דער דריטער זון, נעטיל, איז געווען פּרעזעס פון „שומרי־שבת" אין לאָדזש.

פון די יונגערע חסידים אין יענער צייט געדענק איך: ר׳ משה שמואל ברוכ׳ס, אַ יונגערמאַן מיט אַ שאַרפן קאָפּ, געשמ׳ט פאַרן בעסטן לערנער, געווען אין גניעוואַשאָוו ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, שפּעטער געוווינט אין שטעטל שענע; אברהם מאירס, געקענט גוט לערנען, געווען אַ גוטער בעל־תפילה. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווינט אין גניעוואַשאָוו, שפּעטער אין לובלין; ר׳ מנחם מענדל ווייגריב, מ׳האָט אים גערופן מענדעלע קייליס, געהאַט אַן אייזן־געשעפט, אַ קליין יידל, אַ למדן, געווען אַ בעל־מוסף אין גערער שטיבל, אַ „פאַרברענטער" גערער חסיד, געהאַט אַ זון אבא, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין לאָדזש און געוואָרן אַן אַלעקסאַנדער חסיד צוליב זיין שווער.

ר׳ אפרים יצחק שו"ב קוראָפּאַטווע, אַ ייד אַ למדן, געזעסן און געלערנט, געהאַט צוויי זין און עטלעכע טעכטער. די מענער פון די טעכטער זענען געווען שוחטים. דער עלטסטער אײדעם — חיים הימלפאַרב, שוחט אין נאַשעלסק, איז דאָרט אויך געווען בעל־תפילה, ש״ין געזונגען, אַ גוטער מענטש און הייסער חסיד. איין זון זיינער, שלום, האָט חתונה געהאַט קיין לענטשנע און געבליבן אַ גערער חסיד. די רעשט קינדער זענען שוין נישט געווען קיין חסידים.

ר׳ אליעזר מאיר קאָרמאַן האָט געהאַט איין זון און עטלעכע טעכטער. ער איז געווען קאַזשאָנע ראַבינער. דער זון זיינער שמואל־משה האָט חתונה געהאַט קיין קאָזשעניץ און געווען פון די אָנגעזעענע יונגע גערער חסידים. איין אײדעם, לייזער, שמואל ברוכס, האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווינט אין לאַסקאַזשעוו, די אַנדערע אײדעמס זענען נישט געווען קיין חסידים.

איך געדענק די גרויסע לערנערס און אָנגעזעענע גערער חסידים, וואָס האָבן דעמאָלט פאַרפולט צוויי צימערן מיט מתפללים. נישט אַלע זענען געווען גוטע לערנער, אָבער פרומע בעל־הבתים האָבן געשטרעבט צו געהערן צום גערער הויף און מ׳האָט זיך געלאָזט קאָסטן, כדי צו הייסן „גערער חסיד".

ר׳ דוד הלוי שו״ב לעווין ז״ל



זיין פאָטער און מוטער זענען געקומען קיין גניעוואַשאָוו פון קראָקע, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו עסטרייך — דערפאַר איז ער געבליבן ביים נאָמען לייביש קירע. הגם ר׳ לייביש איז געווען חזן און מוהל און שטעטל (דערצו נאָך אַ גערער חסיד), האָט זיין ווייב מלכה אים געהאָלפן אין דער פרנסה מיט איר שפייז־געוועלבל. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געקלעקט צו דערנערן זייערע צוויי טעכטער און פיר זין, בפּרט, אַז די טעכטער האָבן חתונה געהאַט, האָט מען די איידעמס צוגעזאָגט קעסט. דריי זין האָבן חתונה געהאַט אויסער גניעוואַשאָוו: ר׳ יאַנקל דער גערער חסיד — קיין זוואָלין; ר׳ יידל — קיין אָסטראָווצע (דערפאַר איז ער שוין געבליבן ביים צונאָמען אָסטראָווצער), פון די אָנגעזעענסטע טיש־זיצער און מקורבים פונעם אָסטראָווצער רבין און עילוי ר׳ מאיר־יחיאל ז״ל. געוווינט אין קראָקע, פון די באַדייטנדיקע מיטגלידער אין אָרטיקן ראַבינאַט. דער דריטער זון, ר׳ מענדל, האָט חתונה געהאַט קיין מאָרדי (ביי דעם נאָמען איז ער טאַקע געבליבן: מענדל מאָרדער).

דער איינציקער פון די פיר זון וואָס איז פאַרבליבן אין שטעטל איז געווען ר׳ דוד הלוי שו״ב (דוד שוחט). דער דאָזיקער ייד וואָס איז געווען שוחט, מוהל און בעל־תפילה אין פאַרלויף פון 40 יאָר, האָט צוזאַמען מיט זיין משפחה געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אין אונדזער ישוב.

זיין פרוי, די גניעוואַשאָווערין יארע־לאה האָט אים געבוירן זיבן קינדער — זעקס זין און אַ טאָכטער: מלכה, לייביש, יחזקאל־מאיר (איצט רב אין לאפּאז, באָליוויע), מרדכי־מענדל ישראל (ישראלקע), אברהם־בער און חיים־יצחק. אויסער יחזקאל־מאירן וואָס איז אין יאָר 1938 אָפּגעפאָרן קיין באָליוויע, זענען די אַלע קינדער מיט זייערע משפחות אומגעקומען.

ר׳ דוד שוחט געדענק איך אַלס פעסט געבויטן, הויכן אוןברייטן ייד, אַ הדרת פּנים מיט אַ שיינער לאַנגער באָרד. אַ שטאַרקער מאַן, אַ גיבור, מיט אַ שאַרפן

קאָפּ פון אַ לערנער, פון די אַנגעזעענסטע געַרער חסידים, באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. ווי געזאָגט, איז ער אויך געווען שוחט — און אַלע קצבים און באַלעבאָסטעס זענען געווען צופרידן פון זיין שנעלער און פינקטלעכער שחיטה. אַז ביי אַ פאָרפאָלק איז געבוירן געוואָרן אַ זכר און מ'האָט זיך געגרייט צום ברית, האָט מען אַלס מוהל תמיד גענומען אין באַטראַכט ר' דודן. אויך אַלס בעל־תפילה האָט ער געהאַט אַלע מעלות טובות, דער עיקר — אַ שטאַרקע שטים וואָס האָט זיך גוט געהערט אויך אין דער ווייבער־שול.

פאַר די ימים־נוראים האָט ער זיך גענומען גרייטן צו די יום־טובדיקע תפילות מיט זיינע אייגענע משוררים — די בנים, צו וועלכע ער האָט צוגענומען צוויי בית־המדרש בחורים מיט שטאַרקע שטימען. אָנגעפירט מיט דעם כאָר האָט זיין זון יחזקאל (היינט — אין באַליוויע).

איך דערמאָן זיך ווי פאַר מוסף, ווען אין שול איז געווען אַ רעדעריי און טומל, איז גענוג געווען אַז ר' דוד זאָל צוגיין צום עמוד און שטילערהייט אָנהייבן די תפילה „הנני העני ממעש", כדי דערנאָך אויסשרייען מיט זיין דונערדיק קול „אל רחום וחנון" — אַז דער עולם זאָל זיך מאָמענטאַל באַרויִקן.

אויף יעדער שמחה אין שטעטל איז מען געווען פאַראינטערעסירט צו פאַר־בעטן ר' דודן ער זאָל משמח זיין מיט זיינע ניגונים. הגם ער האָט ביי זיך אין שטוב געהאַט אַ שאַנק מיט ספרים, פלעגט ער זיצן און לערנען אויך אין בית־המדרש.

ר' דודס גבורה איז געווען אַ שם דבר אין שטעטל. איך האָב אַליין בייגעוווינט איינעם פון זיינע העלדנטאַטן אויף דער דעמבלינער באַן־סטאַציע, אין יאָר 1920, ווען די אַנטיסעמיטישע „האַלערטשיקעס" פון דער פוילישער אַרמיי האָבן געשוירן און געריסן יידיש עבערד... יענעם טאָג האָבן די כוליגאַנעס זיך אָנגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג פון דעם וואָקזאַל, באַוואָפנט מיט שערן און מעסערס כדי זיי באַנוצן אויף די בערד פון יידן, וואָס וועלן זיך באַווייזן פונעם אָנגעקומענעם צוג. אָט קומט אָן ר' דוד מיט זיין לאַנגער באָרד — און די „האַלערטשיקעס" שרייען פון פרייד „יאַקאַ בראָדאַ" („סאַראַ באָרד"). אייניקע הייבן שוין אויף די שערן — אָבער ר' דוד איז געווען פלינקער פון זיי. ער נעמט שאַרן מיט זיינע ביידע הענט אויף רעכטס און לינקס און די פאַלאַקן פאַלן פון די פיס ווי אונטערגעהאַקטע...
ר' דוד האָט דערנאָך זיך אָפּגעטראָגן פון וואָקזאַל מיט זיין גאַנצער באָרד.

אין די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דייטשע זעלנער זענען אַריין קיין גניעוואַשאָוו, איז זייער ערשטער אויפטו געווען — שערן יידישע

ג׳ערד. נאָר ר׳ דודס באָרד איז אויך אין יענער תקופה געבליבן אומבאַרירט. ער פלעגט נישט אַרויסגיין אין גאַס. נאָר ווען ר׳האָט אַ מאָל דרינגענד יאָ באַדאַרפט פאַרלאָזן די שטוב, האָט ער זיך אַרומגעבונדן דאָס פּנים מיט אַ פאַטשיילע, ווי ער וואָלט געליטן פון ציין־ווייטאָג, אַבי אָפּהיטן די באָרד. ער האָט אויסגעטראָגן די צרות און פּיין פון אַלע יידן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. ער האָט שטאַרק געליטן אויף אַ כּוס. אין יאָר 1942 האָט ער צו מיר געזאָגט:

— לאָזער, קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן אַ וואָסער זכיה דיין טאַטע האָט געהאַט, וואָס ער איז נפטר געוואָרן פאַרן אויסברוך פון קריג. ער איז זיכער געווען פון די ל״ו צדיקים, אויב ער קוקט נישט צו, וואָס אונדזער פאָלק לעבט איצט איבער און ער איז געבריינגט געוואָרן צו קבר ישראל...

ליידער איז מיר נישט באַוווּסט ווי אַזוי ער איז אומגעקומען, ווייל אין טאָג פון דער אויסזידלונג, דעם 18טן אויגוסט 1942, בין איך אַוועק קיין דעמבלין.

ר׳ לוי יצחק שו״ב זאַלצבערג ז״ל (לוי שוחט)

ער איז געקומען קיין גניעוואַשאָוו פון קאָריוו ווו ר׳איז באַקאַנט געווען אַלס האַלבער משכּיל. ווי דער רוב בחורים אין יענער תקופה, איז ער געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט יום ולילה. דער דאָזיקער 20־יאָריקער יונגערמאַן מיטן געלן בערדל האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט די ספרי קודש, נאָר געליינט פון צייט צו צייט אַ יידישע, העברעישע, פּוילישע און רוסישע צייטונג. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט דייטש און געוואָרן אַ לייענער פון אַ דייטשער צייטונג און בוך. דערביי האָט ער נישט נאָכגעלאָזן פון זיין פרומקייט און תורה לערנען. פאַרשטייט זיך, אַז די פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען האָט ער געליינט אין געהיים. אויך די באָרד זיינע האָט ער נישט גערירט, אַפילו זי נישט צוגעקעמט. דערפאַר האָט מען אים אין קאָריוו גערופן דער האַלבער משכּיל — און מיט דעם נאָמען איז ער געקומען צו אונדז אין שטעטל, ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ אפרים־יצחק שו״ב קוראָפּאַטווע. מפרנס געווען האָט ער זיך פון קויפן ביי די דאָרפגייערס האָזן־פעלעכלעך און אין דער פרייער צייט געלערנט אין בית־המדרש.

די גניעוואַשאָווער בית־המדרש בחורים האָבן געוווּסט, אַז פאַר דעם קאָריוווער האַלבן משכּיל דאַרף מען זיך נישט היטן און אַ מאָל אַריינבליקן אין דער טריפה־

פסולער ליטעראַטור. פאַרקערט, אַז אונדז איז געווען עפּעס אומפאַרשטענדלעך פון דעם געלייענטן האָט מען דרייסט געמעגט ביי אים פרעגן דעם באַטייט.

ר׳ לוי יצחק האָט נישט געהאַט צו פיל פּרנסה און ווען דער שווער זיינער איז געשטאָרבן, איז ער געפאָרן צו זיין ווייבס זיידע קיין סעראָצק און ביי אים געלערנט שחיטה און נאָך אַ קורצער צייט איז ער צוריק געקומען קיין גניעוואַ־שאָוו מיט סמיכות אויף שוחט, געחתמעט פון עטלעכע רבנים. אמת, ביז ער האָט זיך גענומען שעכטן בהמות און עופות, זענען נאָך געווען עטלעכע מחלוקתן און רייסערייען — ער איז אָבער געבליבן שוחט אין שטעטל.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט לוי שוחט פּאָרויסגעזען דאָס אָקופּירן פראַנקרייך און אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. ער איז געווען זייער פּעסימיסטיש בנוגע דעם גורל פון יידישן פאָלק אונטער דער דייטשער הערשאַפט. אַ סך זיינע שוואַרצע נבואותן האָבן זיך באַשטעטיקט. אויך ער מיט זיין משפּחה זענען אומגעקומען פון די דייטשע רוצחים.

צום אָנדענק פון מיין פאָטער פּנחס וויינבערג ז״ל און משפּחה

אין שטעטל און אויסער אים איז ער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען כּנחס ישׂכרס, ווייל דער זיידע זיינער האָט געהייסן ישׂכר. דער צווייטער באַקאַנטער נאָמען פון מיין פאָטער איז געווען פּנחסל שמוקלער. אַזוי ווי מיינע עלטער־עלטער זיידעס האָבן געפירט אַ האַנט־וועבעריי פאַר גאַרטלען צו פּויערישע פּעלצן און דאָס דאָזיקע פאַך האָט מען גערופן שמוקלערסקי אַרבעט — איז מיין טאַטן געבליבן דער צונאָמען שמוקלער. מיט דעם אָבער איז נאָך נישט געענדיקט מיין פאָטערס נעמען. ער איז אויך געווען באַוווסט אַלס פּנחסל גניעוואַשאָווער אין די סוחרישע קרייזן.

ווען פּנחסל איז אַלט געווען 9 חדשים איז אים די מוטער (מיין באָבע) געשטאָרבן און אים האָט אויפגעהאָדעוועט אַ מיידל וואָס דער זיידע האָט צוגע־נומען אין שטוב. דאָס קינד האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ צום לערנען און ווי דער שטייגער אין יענע צייטן, איז ער געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. ביי 18 יאָר חתונה געהאַט מיט טאָבע־מרים פון קאָזיעניץ, די טאָכטער פון דער בכבודיקער פאַמיליע לאָזער־אברהם און טעמעלע ניימאַרק.

נאָך אַ יאָר קעסט ביי שווער־און־שוויגער אין קאָזיעניץ, האָט ר׳ פּנחס וויינבערג זיך אומגעקערט קיין גניעוואַשאָוו. אָנגעהויבן אַלס סוחר און זייער מצליח געווען. געוואָרן אַן איינגייער אין גערער שטיבל און מיט גרויס התמדה און קענטעניש

געל'ערנט. גערער לומדים האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ווען ער לערנט אָן אויפ־הער, וואָלט ער עולה לגדולה געווען אין תורה. 2 מאָל אין יאָר איז ער געפאָרן צום גערער רבין. צו 30 יאָר האָט ער אין גערער שטיבל געדאַוונט פאַרן עמוד אין יום־כיפור שחרית (מענדל וויינריב — מוסף). ראש־השנה האָט מען פאַר־ברענגט ביים רבין.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מיין פאָטער אַלט געווען 33 יאָר און באַזיצט זיינע אַ 15 טויזנט רובל. אַזוי ווי מ'האָט פון גניעוואַשאָוו פאַרטריבן אַלע יידן, האָבן מיר גאַנצע 2 יאָר געוווינט אין קאָריוו. ווען די עסטרייכער האָבן אין יאָר 1916 פאַרנומען לובלין, האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין גניעוואַשאָוו. פאַקטיש — קיין גרעניץ, דער צווייטער ישוב וואָס האָט בעצם געבילדעט איין אָרט און זיך געפונען אין גאָר נאָענטער שכנהשאַפט פון גניע־וואַשאָוו. אין יענער צייט איז גרעניץ געווען פולקאָם אָפּגעברענט, אויסער 2 גאַנץ פאַרבליבענע הייזער: פון מיינע עלטערן און פון ברוך ראָזענוויין.

מיין פאָטער האָט זיך ווידער פאַרנומען מיט מסחר: ציגל, פעלדער, האָלץ, תבואה — דערביי נישט אויפגעהערט לערנען אין בית־המדרש, אַליין אָדער מיט עטלעכע בחורים. אין יאָר 1930 איז ער געווען פון די רייכסטע סוחרים אין גרע־ניץ און חתונה געמאַכט זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער. אַלע קינדער זענען אַריין אין מסחר.

אין יאָר 1934 (אָדער 1935) האָט ער זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע אויפצובויען אין גרעניץ אַ שיין געמאָלן בית־המדרש און דער ערשטער זיך מתנדב געווען מיט 15% פון די אויסגאַבן. יעדן דינסטיק נאָכן מאַרקטאָג איז ער אַרומגע־גאַנגען זאַמלען געלט ביי יידן פאַר דעם וויכטיקן צוועק. די אַרבעט פון אויפ־שטעלן דאָס בית־המדרש האָט געדויערט ביזן יאָר 1938, הגם אויך צו יענער צייט איז נאָך אַלץ נישט געווען פאַרטיק. יענעם יאָר איז מיין פאָטער קראַנק געוואָרן און נאָך צוויי וואָכן ליגן צו בעט האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה אין ט"ו חשון. פילנדיק דעם זיך דערנענטערנדיקן טויט, האָט ער געהייסן רופן זיין פריינד דוד שוחט און אים געבעטן שרייבן די צוואה, וואָס איינע זאָל געעפנט ווערן אין טאָג פון דער פטירה און די צווייטע — נאָך די שלושים. ווען ר' דוד האָט אָנגעשריבן די צוואה, האָט דער טאַטע געבעטן עס זאָל קומען דער רב, יהודה־לייב רייטער און פאַר אים איבערלייענען די צוואה, כדי ער זאָל זיין דער עדות.

באַלד נאָך דער פטירה האָט מען איבערגעלייענט דעם ערשטן טייל פון דער צוואה: נישט מאַכן קיין הספד, נישט דורכפירן קיין הקפות אַרום דעם בית־

המדרש און אין דעם טאָג זאָל מען פאַרטיילן אָרעמע לייט 3 מאָל צו 198 זלאָטעס (פנחס באַטרעפט 198). ער האָט אויך געבעטן אויסענדיקן דעם בית־המדרש און אַפילו אויסגערעכנט וועלכע אַרבעטן אַדורכפירן. אַ געוויסע סומע אויך געלאָזן פאַר דער חברה קדישא. (כדי צו באַמערקן, אַז די חברה קדישא האָט נאָך פאַרן עפענען די צוואה גענומען זיך מטפל זיין מיטן מת, נישט שטעלנדיק קיין שום באַדינגונגען ווי זיי האָבן זיך נוהג געווען מיט פאַרמעגלעכע יידן, וואָס זענען נפטר געוואָרן).

די לוויה איז פאָרגעקומען אַרום 3 בייטאָג. מ'האָט דעם נפטר געבערענגט אין בית־המדרש, ווו דער רב האָט געמאָלדן וועגן רצון פון טאָטן נישט מספיד צו זיין און נישט מאַכן די הקפות. דאָך האָט ער גערעדט אַ האַלבע שעה וועגן דער משפחה פונעם נפטר — די מוטער טאָבע־מרים, די שוועסטער קיילע־רחל און איר מאַן משה קאָסמאַן און זייערע דריי קינדער; דער ברודער הערשל מיט זיין פרוי רחל און צוויי קינדער; מיין שוועסטער מירל־לאה און איר מאַן בעריש רובינשטיין און 3 קינדער; מיין טעכטערל תמר, 10 יאָר אַלט. זיי אַלע האָבן מיט 3 יאָר שפּעטער געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די אין אייראָפּע אומגעקומענע יידן.

אליעזר וויינבערג / תל־אביב

דמויות מהעיירה

פריידה הזקנה

פריידה הזקנה היתה מוכרת־ירקות. כל מרכולתה היו — מעט גזר, בצל, כרוב, תפוחי־אדמה ופטרוזיליה. בקיץ הוסיפה למבחרה גם פירות. הקונים שלה היו מדלת־העם — עקרות־בית עניות, שסלן מעולם לא היה מלא. העשירות, היו מצטיידות מבעוד זמן במלאי של ירקות שונים — תפוחי־אדמה, גזר, כרוב וכד׳. כל אלה סיפקו להן איכרי הכפרים. לא ייפלא, כי פריידה לא ראתה ברכה רבה בסחרה ואת לחמה הצר הוציאה בקושי רב.

בגשם, בכפור, ברוח ובשלג — ניצבה פריידה על משמרתה וסליה הריקים למחצה סביבה. בחורף הציבה „סירי־אש" לידה כדי לחמם גופה הבלה ובייחוד

ידיה ורגליה הזקנות שקפאו בקור העז. בקיץ סכך עליה בפני קרני השמש כעין גג של קיקיון. כך ישבה ימים אין קץ בחורף, בסתיו ובקיץ.

ביקתת מגוריה — לא הצליח איש להגדיר האם מאבן היא או מעץ. קטנה, צרה ומטה לנפול, שקועה כמעט כולה באדמה — שימשה לה ללינת לילה. ומלבד סמרטוטים ישנים וכסא שבור ומיטה דלה, לא תמצא שם דבר.

באחד מלילות החורף העזים, חזרו לביתם שני אברכים מישיבה באגודה המקצועית. לפתע הריחו עשן. ואכן העשן יצא מביקתתה של פריידה הזקנה. מיד ניגשו לכבות השריפה בהזעיקם עזרה. כיבוי השריפה לא עלה להם במאמץ רב, שכן לא הרבה היה בביקתתה של פריידה, אולם ביתה נעלם מנוף העיירה. עמדה פריידה הזקנה ורעדה מכפור, קיללה את סיר־האש שהמיט עליה שואה — ונותרה ללא קורת גג.

גאַדל שואב המים

אם שמעת קריאה: „גאַדל, הבא היום פעמים!" — ידע כל אדם בעיירה, כי הכוונה היא לגאַדל שואב המים. גבו שחוח תמיד מאסלי הדליים שהיו חלק בלתי־נפרד מגופו, היה משרך דרכו מבית לבית ושופך מים לחביות. את מספר דליי המים שסיפק לבעלי־בתים היה רושם בקווי גיר על פתח הבית. וביום שישי היה עובר מבית לבית, כדי לגבות הקופיקות תמורת המים שסיפק במשך כל השבוע.

לבוש היה קאפוטות אחדות ומותניו חגורות בחבלים וכן גם הנעלים, כדי לא להחליק על הקרח ליד הבאר. מים רבים סיפק ליהודי גניבשוב. אך כדי מחייתו לא הספיק.

איטשע „פעטרעק"

איטשע העגלון הוביל בשתי סוסותיו הכחושות והצמוקות עופות, חמאה וביצים — לסירות שעל הווייסל. ידוע היה איטשע בעיירה כבעל שרירים. כאשר הסוסות לא יכלו עוד לסחוב את העגלה העמוסה לעייפה, נטה שכם העגלון והעגלה שוב רצה כגלי הנהר.

פעם הופיע קירקס בעיירה וקבוצת האטלטים הציגה גבורותיה. העיירה כולה באה לחזות בלהטוטיהם ונפלאותיהם של האטלטים. הם נאבקו ביניהם וגילו „פלאי־פלאים". אחד מהם הזמין אנשים מהקהל שנכונים להאבק עמו. אז התייצב איטשע „פעטרעק" והכריז, כי הוא מוכן למאבק. הקהל עצר נשימתו. האטלט

המקצועי השתמש בכל מיני „טריקים" אך לא יכול לאיטשע שלנו. הקהל נהנה ועוד את בן העיירה האטלט סמוק מכעס ובושה עזב חפוי ראש את הבמה וידו של איטשע על העליונה!

„אַלץ אינאיינעם, אַלץ אינאיינעם!"

משפחה היתה בעיירה ו„קוגל" שמה. מניין וכיצד נדבק שם זה למשפחה — זאת לא אדע. בני המשפחה עסקו בפיטום אווזים וכתוספת מכרו מי־סודה, בימות קיץ.

אבי המשפחה מת לפתע. אז פרץ הבן הצעיר החוצה וקרא: „אלץ אינאיינעם איז געשען! דער טאַטע געשטאָרבן, די גאַנדז געפגרט און דער פלומפ איז שוין אויך נישט ווי געווען!"

והילד איננו

לתפר אלי היו תשעה ילדים, שהתגוררו כולם בחדר אחד. גם בית־המלאכה שלו שכן בביתו. רכון היה התפר על מלאכתו עד מאוחר בלילה, כדי לפרנס הפיות המרובות. ולמי היתה סבלנות לשמור על הילדים? ב„מיפקד" לפני השינה קראה האם בשמות כל הבנים. כולם התייצבו ורק הקטן בן השלוש — נעדר! קוראים בשמו, מחפשים אותו פה ושם, צועקים, בוכים והילד איננו! „אלי מערדער" — קוראת האשה — „עזור לי למצוא את הילד!"

העיירה כולה התגייסה לחפש את הילד האבוד, אך ללא הצלחה. האב חזר שוב לעבודתו, אך משביקש להוציא חתיכת עור מארגז העורות, שמע לפתע בכי ילד — הילד התעורר משנתו ופרץ בבכי.

כך נמצאה האבדה והעיירה כולה שמחה.

גדליה פעלטשער

חוליים ומחושים לא חסרו אצל יהודי העיירה. אבל גדליה — מומחה היה לכל המחלות. אם התחמק חולה מחיבוקו של מלאך־המוות — הרי זה „רק" בזכותו של גדליה הפעלטשער. אבל אם החולה החזיר נשמתו לבוראו — הרי היה זה רצון האלוהים. יולדת כי מקשה ללדת, חולה שחפת הנחנק בשעולו, ילד הנאבק במחלתו, זקן הסובל מקצרת או משבר — רק אצל גדליה ימצא מרפא! תפיחות, מורסה, מיחושי קיבה, עקירת שיניים — גדליה יענה על הכל! כי גדליה — הוא גדליה!

דוד פרלשטיין

גניעוואַשאָווער געשטאַלטן

די אַלטע פריידע

די אַלטע פריידע איז געווען אַ ירקות־הענדלערין. איר גאַנצע סחורה איז באַשטאַנען פון אַ ביסל מייערן, ציבעלעס, קאַרטאָפל, קרויט. זומער — אויך פּרוכטן. ביי איר האָבן געקויפט נאָר יענע באַלעבאָסטעס, וועלכע עס האָט אויסגעפעלט אין טעפּל אַריין. די רייכערע האָבן מיט אַ מאָל זיך פאַרזאָרגט מיט אַ זאַק קאַרטאָפל, מייערן, קרויט — גלייך ביים פויער. פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע פרנסה האָט די אַלטע פריידע נישט געהאַט.

אין רעגן, אין ווינט, אין שניי און אין קעלט, איז זי געשטאַנען מיט איר סחורה. ווינטער — מיט אַ פייער־טאָפּ צו וואַרעמען די פאַרפרוירענע הענט, זומער־צייט האָט אַ קליין דעכל זי געשיצט פון דער ברענענדיקער זון. אַזוי איז זי געזעסן פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין אַ הייזל האָט זי געוווינט, וואָס איז שווער געווען צו זאָגן צי ס'איז געווען געמויערט, אָדער פון האָלץ. קליין, איינגעבויגן, ממש אין דער ערד איינגעזונקען. אַחוץ אַ ביסל אַלטע שמאַטעס, איז דאָרט גאָרנישט געווען.

אין אַ געוויסער ווינטער־נאַכט, זענען צוויי יונגטלעכע געגאַנגען פון פאַראיין צוריק אַהיים און דערפילט אַ רויך, ווי עס וואָלט געשמעקט מיט שריפה. דאָס האָט געריכערט פריידעס הייזל. די בחורים האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד, מען האָט גענומען לעשן. קיין סך אַרבעט איז נישט געווען. דאָס הייזל איז פאַרשווינדן פון דער גניעוואַשאָווער לאַנדשאַפט. די אַלטע פריידע איז געשטאַנען און געציטערט פון קעלט, געשאָלטן דעם פייער־טאָפּ, וועלכער האָט גורם געווען צו דער שריפה — און געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ...

גאָדל דער וואַסער־טרעגער

אויב אין שטעטל האָט ווער געשריגן: „מאָטל, ברענגט מיר היינט צוויי מאָל!" — האָט יעדער געוווּסט, אַז ס'איז אַ רייד וועגן וואַסער. שטענדיק אַן איינגעבויגענער, אונטער דער לאַסט פון דער קאָראָמיסלע מיט די צוויי וויאַדרעס,

האָט ער זיך געשלעפּט איבער די הייזער פון שטעטל און פאַרזאָרגט אַלעמען מיט וואַסער. ביי יעדער טיר האָט ער פאַרצייכנט מיט פּאַסיקלעך וויפל וויאַדרעס ער האָט געבראַכט — און ערב־שבת האָט ער געמאַכט דעם חשבון וויפל גראָשנס אים קומט.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין עטלעכע קאַפּאָטעס, אַרומגעבינדן מיט שטריק די לענדן און שיך — ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן אויפן אייז ביים ברונעם. געטראָגן דאָס וואַסער האָט ער פון אַ ווייטן ברונעם. געשעפּט פון דאָרט און געשעפּט — נאָר קיין פרנסה נישט אָנגעשעפּט.

איטשע „פּעטרעק"

איטשע דער בעל־עגלה האָט אויף זיינע צוויי דאַרע פערדלעך געפירט עופות, אייער, פּוטער — צו די שיפלעך אויף דער ווייסל. ער האָט געשמט אין שטעטל אַלס זייער אַ שטאַרקער מאַן. ווען די פערד האָבן דעם וואָגן נישט געקענט רירן פון אָרט, איז גענוג געווען ער זאָל אַ ביסל צולייגן זיינע אַקסלען — און דער וואָגן איז געפאָרן ווי געשמירט...

אַמאָל איז געקומען אַ צירק מיט אַן אַטלעטן־גרופּע און אויפגעשטעלט אַ צעלט אינמיטן מאַרק. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען זען די גבורה פון די אַטלעטן. זיי האָבן צווישן זיך געקעמפט, און איינער האָט אַרויסגעוויזן גאָר וואַזשנע גבורה. צום סוף האָט ער גערופן ווער עמען פון עולם, וואָס איז גרייט מיט אים צו קעמפן. אונדזער איטשע „פּעטרעק" האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער בינע און דערקלערט, אַז ער איז גרייט. דער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער אַטלעט האָט אָנגעווענדט פאַרשידענע „גענג" — אָבער נישט געקענט באַזיגן איטשען. דער עולם האָט אָנגעקוואָלן, אים צוגעגעבן מוט. דער אַטלעט, רויט פון חרפה, האָט פאַרלאָזט די בינע — און איטשע איז געבליבן דער זיגער.

„אַלץ איינאיינעם, אַלץ איינאיינעם!"

געווען ביי אונדז אַ משפּחה „קוגל'ס". פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער צונאָמען — ווייס איך נישט. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט שטאָפּן גענדז אין ווינטער און זומער פאַרקויפט סאָדע־וואַסער.

פּלוצלינג איז דער אַלטער קוגל געשטאָרבן. דער יונגסטער זון איז אַרויס פון שטוב מיט אַ געוואַלד און געוויין: „אַלץ איינאיינעם איז געשען! דער טאַטע געשטאָרבן, די גאַנדז געפּגרט און דער פלומפּ איז שוין אויך נישט ווי געווען".

„פאַרלוירן" אַ קינד

געווען ביי אונדז אַ שטעפּער אלי. געהאַט האָט ער ניין קינדער און אַלע צוזאַמען האָבן געוווינט אין איין צימער. אין שטוב איז אויך געווען זיין וואַר־שטאַט. ער האָט געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט צו פאַרדינען פּרנסה פאַר זיין גרויסער משפּחה. ווער האָט געהאַט צייט זיך אומצוקוקן אויף די קינדער?

אלי׳ס ווייב האָט אויסגערופן די נעמען פון די קינדער, ווען מען איז גע־גאַנגען שלאָפן. נאָר איינס פון זיי, אַ דריי־יעריקער — איז נישטאָ. פון גאָט אַ שטראָף. מען שרייט, מען רופט, מען וויינט און קלאָגט — הילד איננו. „אלי, מערדער! — שרייט זיין ווייב — העלף מיר אויפזוכן דאָס קינד!".

טיף דערשיטערט האָט דאָס גאַנצע שטעטל געזוכט דאָס קינד, אָבער אָן רעזולטאַט.

די משפּחה האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען, נאָר ווען אלי האָט זיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט און געזוכט אַ שטיק לעדער אין קעסטל פון אָפּפאַל — האָט זיך דאָס קינד אויפגעוועקט און זיך צעוויינט אויפן קול.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ שמחה. די אבידה האָט זיך געפונען.

גדליהו פעלדשער

קראַנקייטן אין קליינעם שטעטל — האָבן נישט געפעלט. גדליהו איז געווען אַ מומחה צו אַלע קראַנקייטן. האָט דער חולה דעם טויט אויסגעמיטן — איז עס געווען אַ דאַנק גדליהן, נאָר אויב די קרענק האָט באַזיגט — איז עס פון גאָט באַשערט. האָט אַ פרוי נישט לייכט געבוירן — צום קימפּעט־בעט לויפט גדליה. קינדער־קראַנקייטן, שווינדזוכט, אישיאַס — גדליה־רופא קומט און היילט. טרעפט אַ ווייטאָג, אַ געשווילעכץ, מאָגן־ווייטאָג, ציינער־רייסן — אַלץ צום פעלדשער, ער איז אַ מומחה צו אַלץ...

דוד פערלשטיין

טיפּן פון שטעטל

יעקבֿ־שמואל דער אונטער־שמש

סליחות־טעג. ער גייט זיך טריט נאָך טריט, שפּאַנט אַ גלייכער. די פּאָלעס פון זיין אויבער־מלבוש בלאָזן זיך. די קאַפּאָטע איז לענגער ווי ביי אַלע יידן פון שטעטל. אויך זיין פּנים מיט דער שמאָלער, לאַנגער באָרד — זענען אַנדערש. ער איז געקומען קיין גנ׳עוואַשאָוו פון שכנותדיקן שטעטל גאַרבאַטקע. די סאָסנע־ווּעלדער האָבן עס פאַרוואַנדלט אין אַ קור־אָרט, ווו יידן פון ראַדאָם, לובלין און אַנדערע שטעט, האָבן גענאָסן פון זומער־אָפּרו. יעקבֿ־שמואל האָט דאָרט צו־געשטעלט מילך, כשר למהדרין, פאַר די פרומע דאַטשניקעס. צו סליחות־טעג איז יעקבֿ־שמואל צוריקגעקומען אין שטעטל. אַ סך מענטשן פלעגן זיך פרייען ווען מען האָט אים געזען, ווייל מ׳האָט גוט געדענקט די אַלע מעשיות, וואָס ער פלעגט דערציילן. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ שווייגער. זיינע קאַרגע רייד זענען פול געווען מיט רמזים. אין די פאַרנאַכטן איז ער געשטאַנען מיט דוד שוחט, הערשל היטלמאַכער און אַנדערע — און איז נישט מיד געוואָרן צו דערציילן מעשיות וואָס האָבן אַוועקגעפירט אין אומבאַקאַנטע וועלטן: וועגן די רויטע יידעלעך פון יענער זייט סמבטיון, וועגן גלגולים וואָס בלאָנדזשען אַרום און זוכן אַ תיקון, וועגן משיחס צייטן אאַז״וו.

זיין פרנסה אין גניעוואַשאָוו איז געווען — אונטער־שמש. ער פלעגט צו־נויפנעמען ליכט פאַרן בית־המדרש און אַליין זיי אָנצינדן. מיט זיין באַווייזן זיך אין שטעטל, איז מיטגעקומען דער יום־טוב ראש־השנה. עס האָבן זיך שוין געפילט די קילע ווינטן, די האַרבסטיקע ריחות פון אויבסט און פון טרוקענעם היי. די יידן וועלכע האָבן געדינגען סעדער, זענען דעמאָלט אויך צוריקגעקומען אין שטעטל און אויף פויערישע פורן מיטגעבראַכט געלע דיניעס, פרישע פּירות, לעבעדיקע הינער און קאַטשקעס. פון די שטובן האָט געשמעקט מיט פרישע עפּל, שטרודל און האָניק־לעקעך.

דוד שוחט

עס לויפן מידע יידן — קרעמער, האַנטווערקער, הענדלער. ס׳דערנענטערן

זיך די ימים־נוראים. מיט אַמאָל דערהערט זיך דער שאַל פון שופר־בלאָזן. דאָס פּרוּווט אויס דוד שוחט דעם שופר. דאָרט, אין דער גרעניצער שול, מיט פיל פענצטער, פלעגט דער שוחט מיט זיינע זין זיך גרייטן צו די ימים־נוראים און מיטן שופר פאַרהילכן דאָס גאַנצע שטעטל. פריער האָט יעקב־שמואל אָפּגע־רייניקט דעם שופר, וועלכער איז געווען אַן אַלטער, אַ לאַנגער און דורכזיכ־טיקער. ווען שטעטלדיקע יידן האָבן דערהערט דאָס שופר־בלאָזן, פלעגט זיי באַפאַלן אַ פחד פאַרן אָנקומענדיקן יום־הדין.

ער מיט זיינע זעקס זין האָבן געדאַוונט פאַרן עמוד אין די ימים־נוראים.

דוד שוחט פלעגט שמייכלען בעתן לייענען די תורה, צי ביים נעמען דעם שופר אין זיין האַנט. ער האָט זיך געפילט גרויס ביים אָרון־קודש מיט אַלע זיינע זין, וואָס זייער קול פלעגט אָפּקלינגען איבער גאַנץ גרעניץ. זיינע ניגונים ליגן מיר נאָך ביז היינט אין זכרון. מיר האָבן געוווינט נאָענט פון בית־המדרש און איך האָב שטענדיק מיט הנאה געהערט די מאָדזשיצער ניגונים פון דוד שוחט און זיינע באַגלייטערס.

מענדעלע אויבער־שמש

אויבער־שמש איז געווען מענדעלע בארן — מיט זיין דאַר פּנים, קליין בערדל און אַלטער קאַפּאָטע.ביידע שמשים האָבן זיך פאַרנומען אין שול מיט אויפרוימען, אויסשטעלן די לאַנגע טישן און בענק, ריין מאַכן און אויספּוצן די מנורות, אויסקלאַפּן דאָס פּרוכת פון בלאָען זייד, געהאָפטן מיט גאָלד־ און זילבער־פעדים די עשרות הדברות, מיט צוויי גאָלדענע לייבן, גאָלדענע קרוינען און אַ מגן־דוד אין מיטן.

יואל דער וואַסער־טרעגער

אין זעלבן געסל האָט געוווינט יואל דער וואַסערטרעגער, וועלכער האָט געטראָגן וואַסער אין שכנותדיקן שטעטל דעמבלין. אין גניעוואַשאָוו האָט ער געלאָזן זיין קראַנקע פרוי מיט קינדער און פון דעמבלין געשיקט די מאָגערע גראָשנס אַ היים... דאָס איבעריקע האָבן שוין די שכנים געגעבן. מיין מוטער ע״ה האָט שוין געוווּסט וועלכע טעג אין דער וואָך מען דאַרף געבן. יואלס מוטער, יהודית די ווינטשערין, אַ ברייטע יידענע אין אַ ספּודניצע לאַנג ביז דער ערד, האָט אַ סך בייגעשטייערט צו שטילן דעם הונגער פון די קינדער...

יעקב קאָרמאַן

משה נוביגורר — הגיבור

היה היה גיבור בעיירה. משה נוביגורר שמו, וגבורתו נודעה בכל הסביבה. לשמע שמו רעדו הקצבים והשוחטים הגויים בבתי המטבחיים לחזירים.

הם באו לעיירה בימי חגא ובמגפיהם היו חבויים פגיונות השחיטה שלהם. תחילה נכנסו לכנסיה, שם התאסף המון שהתכונן לצאת בפרוצסיה דתית, אך תחילה האזינו לדברי הסתה נגד היהודים מפי הכומר. לאחר מכן היזה הכומר מים קדושים על האיקונין והצלמים, ויצאו לרחוב.

שעה שהתהלוכה עברה בסמטות העיירה, התחבאו היהודים בבתיהם, מאחורי מנעול ובריח. הם ישבו באימה ובפחד וציפו בדריכות לשמוע צלצול הפעמונים, שיבשרו סיום התהלוכה.

גם השוחטים והקצבים הגויים ציפו לשעה זו ומיד בהשמע פעמוני הכנסיה, פרצו לבית המרזח של פאוולצ׳יק, לשתות לשכרה, ולקנח בנקניק.

פתע נשמעו זעקות: „מכים יהודים!״

— איפה מכים? בגניבשוב?

— לא! לא בגניבשוב, כי אם בגריניץ!

מיד החלו היהודים לסגור חנויותיהם ושוב להסתגר בבתים, אחוזי פחד מפני הבריונים.

וכאשר הקצבים והשוחטים השיכורים השתוללו בעיירה וסכיניהם בידיהם, בחפשם קרבנות יהודיים, יצא משה נוביגורר בשלווה מביתו בהחזיקו בידיו אלת־עץ עבה.

משה נוביגורר פרץ לתוך כנופיות הבריונים הפולניים והחל להרביץ על ימין ועל שמאל. גניחות כאב פרצו מגרונותיהם וזעקות בקול: „ראַטוי יעזו קוכאני!״ — הצילו. —

שמו של נוביגורר כיהודי אמיץ וגיבור נישא בכל סביבות הווייסל מפולאבי, קוז׳מיר, איבנגרוד, זוולין וקוז׳ניץ. מרוב סיפוק והערכה שזכה מכל יהודי העיירה, גבר בטחונו העצמי והוא היה מצפה להזדמנות נוספת להראות לגויים את נחת זרועו.

ואכן היום המצופה הגיע!

היו אלה ימים שלפני חג הפסח, שחל באותה שנה סמוך לפסחא הנוצרית. אף כי האביב הגיע, עדיין עמדו מימי הווייסל בקפאונם, רוחות קרות נשבו והשמים היו מכוסים בעננים כבדים. גם גשמים הוסיפו לרדת והפכו את האדמה הקפואה לבוץ טובעני. האביב הקר בישר קיץ קר, אבל חג הפסח קרב ובא. במאפיות המצות עבדו במלוא המרץ, נערות ונשים לשו הבצק והאופים טרחו ליד התנורים הלוהטים.

דלתות הבית נפתחו לרווחה, הכל הוצא החוצה למירוק, לקירצוף ולניקיון הגדול לקראת חג האביב. החדרים סוידו מחדש והחיים התנהלו בחצר. שם טרחו עקרות הבית במירוק פמוטי השבת, בקירצוף סירי הנחושת והפליז, בצביעה ובאיוורור כלי המיטה. מזג האוויר השתפר קמעה ושמש לטפנית הופיעה בשמים. הכל שמחו בה, שכן התגעגעו לקרניה ולאורה.

אז שוב הופיע הכומר מארטושל בכנסיה, בדרשת־הסתה נגד היהודים, שלאחריה, כמנהגו, הכין את ההמון המוסת לצאת בפרוצסיה מלווה איקונינין דרך רחובות העיירה.

היה זה ביום א׳, ערב חג הפסח, עת משה נוביגורר ובני ביתו טרודים בהכנות האחרונות לליל הסדר.

פתע בא׳ במרוצה יהודים מגריניץ בצעקות:

„משה, מכים יהודים!"

„מי מכה?"

„הקצבים ועובדי המטבחיים הגויים מכים ילדים וזקנים!"

„את עורם אפשוט מהם!"

ובעודו מדבר, תפס משה מוט ברזל ורץ לעבר גריניץ, שם השתוללו הבריונים. משה רץ כחץ מקשת וידיו שלוחות לפנים. קבוצת בחורים יהודיים שנקרתה לו בדרך, עודדה את רוחו:

„דערלאַנג זיי משה, אַז זיי זאָלן דיך האָבן צו גדענעקען לאַנגע יאָרן!"

(„הרבץ בהם משה, כדי שיזכרוך שנים רבות").

משה נוביגורר פרץ לתוך כנופיית הבריונים, בעוד שסכיניהם בידיהם והחל ־הכות במוט על ימין ועל שמאל ולא הרפה. סכיניהם נשמטו מידי השקצים צמאי־הדם וקריאות נשמעו מכל עבר: „או לה בוגאַ, שווײנטה מאַריה!"

הבריונים נשאו רגליהם וברחו כל עוד נפשם בהם, מוכים וזבי־דם, בהפנותם את עיניהם אחורה לראות אם אין משה רודף אחריהם.

אולם משה נוביגורר, שעתו לא היתה פנויה לבריונים הטמאים, כי ביקש

לסיים הכנותיו לסדר, בו ייסב כמלך חופשי ויספר לבני ביתו על יציאת מצרים וחרות עמו.

למחרת, כאשר הופיע בבגדי חג לתפילה בבית־הכנסת, הקיפו אותו כל המתפללים: „משה נאָוויגרודר, בן־חיל אתה! ירבו כמוך בישראל!"

והוא ענה: „כל עוד אני חי אשמור על כבוד היהודי בעיירה! לא יוכה יהודי בגניבשוב!"

ואכן, כך היה, השקצים לא ההינו עוד להרים יד על יהודי גריניץ וגניבשוב!

דוד איידלמן

דער גיבור משה נאָוויגאָרער

געווען אַמאָל אַ גיבור, משה נאָוויגאָרער האָט ער געהייסן. געשמט האָט ער מיט זיין גבורה ווייט אַרום. זיין נאָמען האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה און פחד אויף די גויאישע קיילערס און העקער־יונגען פון די שעכט־הייזער, ווו מען האָט געקוילעט חזרים און קי פאַר די טריפענע יאַטקעס.

אין די חגא־טעג זענען זיי געקומען צוגיין אין שטעטל אַריין, וואָס איז געווען צעטיילט אויף צווייען און האָט זיך גערופן גניעוואַשאָוו־גרעניץ, האָבנדיק פאַרוקט די קיילער־מעסערס אין די כאָלעוועס פון די שטיוול.

צוערשט זענען זיי אַריין אין קאָשטשאָל, ווו דער גלח מאַרטשוק האָט געהאַלטן אַ העצערישע דרשה קעגן יידן, אויפהעצנדיק אַזוי אַרום דעם המון וואָס האָט זיך געקליבן אַרויסצוגיין איבערן שטעטל אין אַ פּראָצעסיע.

דער גלח האָט באַשפּריצט מיטן הייליקן וואַסער די פּראָצעסיע־גייערס, וועלכע האָבן געטראָגן די צלמים מיט די יויזן.

אין דער צייט, ווען די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן דורכן שטעטל מיט פאַנאַטישע געזאַנגען און קריסטלעכע תפילות, זענען די יידן געזעסן אין די פאַרמאַכטע שטובן מיט שרעק אין האַרצן און געוואַרט אויפן מאָמענט, אַז די

צעקלונגענע קלויסטער־גלאָקן זאָלן אַנטשוויגן ווערן — אַ סימן אַז די פּראָצעסיע איז פאַרענדיקט.

געוואַרט אויף דעם האָבן אויך די גויאישע קיילערס מיט די העקערס פון די שעכט־הייזער, וועלכע זענען גלייך נאָכן אַנטשוויגן ווערן פון די קלויסטער־גלאָקן, אַריין צום רעסטאָראַטאָר פאַוועלטשיק און זיך גענומען צום זויפן בראָנפן פון די פלעשער, פאַרבייסנדיק מיט קאָלבאַס.

מיט אַמאָל איז דאָס שטעטל אויפגעציטערט געוואָרן פון מוראדיקע געשרייען:

— מען שלאָגט יידן.

— ווו שלאָגט מען — אין גניעוואשאָוו?

— נישט אין גניעוואשאָוו, נאָר אין גרעניץ.

האָבן יידן אין גרעסטן איילעניש גענומען שליסן די געוועלבן און זיך ווידער אַמאָל פאַרמאַכט אין די שטובן, אין שרעק פאַר די שלעגערס.

דעמאָלט, ווען די באַזויפענע קיילערס מיט די העקערס זענען אַרומגעלאָפן איבערן שטעטל מיט בלאנקע קוילער־מעסער אין די הענט, זוכנדיק יידישע קרבנות, איז זיך משה נאָוויגאָרער פאַמעלעך אַרויס פון זיין שטוב, טראָגנדיק אין דער האַנט אַ דיקע קלאָניצע, וואָס ער האָט אָפּגעריסן פון אַ בעל־עגלהשן וואָגן.

מיט אָט דער דיקער קלאָניצע האָט זיך משה נאָוויגאָרער איינער אַליין אַריינגעריסן אין דער כאָפּטע גויאישע שלעגער און זיי גענומען באַלייגן מיט אַזעלכע קלעפּ, אַז עס האָט זיך אַ יאָמערלעכער געקרעכץ אַרויסגעריסן פון זייערע טריפענע מיילער:

— „ראַטוי יעזו קאָכאַני” — ראַטעוועט!

אַזוי אַרום איז משה נאָוויגאָרער געוואָרן אַ העלד — און זיין נאָמען האָט געשמט איבער דער גאַנצער ווייסל־געגנט, אָנהויבנדיק פון פּילעוו, קוזמיר, איוואַנגאָראָד, זוואָלין ביז קיין קאָזשעניץ. פון גרויס נחת און פון גרויס כבוד וואָס עס האָבן אים אָפּגעגעבן די איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים פונעם צעטיילטן שטעטל, איז משה נאָוויגאָרער געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער און ער האָט בלויז געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו קענען אַרויסווייזן די גבורה, וואָס האָט געשפּאַרט פון זיינע מעכטיקע פּלייצעס און די אייזערנע הענט, וואָס האָבן געקענט אַוועקלייגן אַן אָקס.

און ער האָט זיך דערוואַרט:

דאָס איז געווען איינמאָל אין אַ פּסח־צייט, ווען עס איז פּונקט געהאט אויך אויסגעפאַלן די קריסטלעכע פּסחא.

עס האָט דעמאָלט אויסגעזען צו זיין אַ קאַלטער זומער — וואָרום נישט קוקנדיק דערויף וואָס אויף דער וועלט איז געווען פרילינג, איז נאָך די ווייסל געווען טיילווייז פאַרפרוירן און שטיקער ערד זענען געלעגן באַדעקט מיט שניי־פלאַכטעס.

ווינטן האָבן געבלאָזן און דער הימל איז געווען באַלייגט מיט גרויע וואַלקנס, וואָס זענען געשווומען אַוועק איבער די הימלישע ווייטקייטן. רעגנס זענען אָנגעפאַלן אין שטעטל און פון דער פאַרפרוירענער ערד איז געוואָרן אַ טיפע בלאָטע, אין וועלכער עס האָבן אַרומגעטאָפּטשעט די שטעטלשע איינוווינער.

דער יום־טוב פּסח האָט זיך דערנענטערט מיט רעשיקע טריט. אין די מצה־בעקערייען האָט געקאָכט און געטומלט. מיידלעך און ווייבלעך זענען געשטאַנען אַרום לאַנגע טישן און געוועלגערט די מצות, רעדלער האָבן גערעדלט און שיבער האָבן מיט לאַנגע לאָפּעטעס געשיבט די מצות אין אויוון אַריין, וואָס האָט געברענט מיט אַ העליש פּייער.

טירן און פענצטער האָבן זיך צעפּראַלט און פאַר די הייזער־ווענט האָבן ווייבער געשייערט און געפּוצט די שטוב־זאַכן לכבוד יום טוב און נישט קוקנדיק אויף דער דרויסנדיקער קעלט, האָבן זיי געפּוצט די שבתדיקע לייכטער און די שטובן אויסגעווייסט מיט קאַלך. האַרט פאַר יום טוב האָט אָפּגעלאָזט די קעלט און עס האָט אויפגעשיינט אַ ליבע זון, וואָס האָט געגלעט און געוואַרעמט די פאַרפרוירענע אברים און האָט אויסגעטריקנט די טיפע שטעטלשע בלאָטעס.

און אָט האָט דער גלח מאַרטשוק ווידער אַמאָל געהאַלטן אַ העצערישע דרשה אין קאָשטשאָל קעגן יידן און האָט זיך ווי דעמאָלט אויפסניי אַוועקגעלאָזט מיטן המון גויים אין אַ פּראָצעסיע איבערן שטעטל, מיטפירנדיק מיט זיך די געמאָלענע יויזלעך.

געווען איז דעמאָלט זונטיק, אין טאָג פון ערב פּסח, בשעת משה נאָוויגאָרער און זיין בני־בית האָבן געמאַכט די לעצטע הכנות צום סדר.

מיט אַמאָל זענען יידן פון גרעניץ אָנגעלאָפן אין איין בהלה:

— געוואַלד, משה, מען שלאָגט!

— ווער שלאָגט?

— די גויאישע קיילער מיט די העקער שלאָגן יונג און אַלט.

— איך וועל זיי די הויט אָפּשינדען!

און דאָס זאָגנדיק, האָט משה נאָוויגאָרער אַ כאַפּ געטאָן אַן אייזערנעם דראָנג און האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין גרעניץ, ווו עס האָבן געווילדעוועט די כוליגאַנעס. משה נאָוויגאָרער איז געלאָפן אין איין אָטעם, שיקנדיק פּאָראויס זיינע אייזערנע הענט, וואָס האָבן געקענט ברעכן פּאָדקאָוועס און רייסן קייטן. מיט אים איז מיטגעלאָפן אַ כאַלאַסטרע יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן אים צוגעגעבן מוט:

— דערלאַנג זיי משה, אַז זיי זאָלן דיך האָבן צו געדענקען לאַנגע יאָרן!

און אַז משה נאָוויגאָרער איז נאָר אָנגעקומען צום אָרט, ווו עס האָבן די קיילער־שקצים געווילדעוועט מיט די לאַנגע מעסערס אין די הענט, אַזוי האָט ער זיך געגעבן אַ צעפּאָכע מיטן אייזערנעם דראָנג און פון אַלע זייטן האָבן גענומען פאַלן צו דער ערד די העקער מיט איין געקרעכץ:

— „אָ לא באָגאַ, שוויענטא מאַריאַ!”

און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, זענען די שלעגער אַוועק פון שטעטל צעקיילטע און צעביילטע, אומקוקנדיק זיך מיט מורא אויב ער, משה נאָוויגאָרער, יאָגט זיי נישט נאָך.

נאָר משה נאָוויגאָרער האָט גאָרנישט געהאַט בדעה נאָכצויאָגן די אַנטלאָפענע העקער מיט די קיילער — ער האָט זיך בעסער אַ נעם געטאָן צוצוגרייטן דעם סדר, וואָס ער האָט געפּראַוועט כיד המלך, זיצנדיק אויפן היסב־בעט און דער־ציילנדיק זיין בני־בית די געשיכטע פון יציאת מצרים.

צומאָרגנס, ווען משה נאָוויגאָרער איז אַן אויסגעפּוצטער אין די יומטבדיקע בגדים געקומען צוגיין דאַוועגען אין שול אַריין, איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן פון די דאַוועגער:

— משה נאָוויגאָרער — ביזט אַ כוואַט!

— דו קענסט דערלאַנגען די גויים דעם אמתדיקן מתנת־יד!

האָט משה געזאָגט צו די מתפּללים:

— כל זמן משה נאָוויגאָרער לעבט, וועט מען אין גניעוואַשאָוו און אין גרעניץ נישט שלאָגן קיין יידן.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען. קיינער פון די קיילער־שקצים האָט נישט געוואַגט אויפצוהויבן אַ האַנט קעגן די שטעטלשע יידן, איבער וועלכע עס האָט געוואַכט דער גיבור משה נאָוויגאָרער...

דוד איידלמאַן

מיין זיידע דער העלד

ווען מיין פאָטער דוד שטיינפעלד און יחיאל טייטל האָבן באַשטימט אַלץ צו פאַרקויפן בכדי עולה צו זיין מיט די משפחות קיין ארץ־ישראל, איז דאָס געווען אַ נייעס און סענסאַציע אין דער גאַנצער געגנט, בפרט פאַר דער ציוניס־טישער יוגנט פון שטעטל.

מענטשן זענען מיט וואָכן פריער געקומען זיי באַגריסן און זיך געזעגענען. דעם לעצטן שבת פאַרן אַוועק פאָרן, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צוגעגרייט אַ באַנקעט. צווישן די געסט האָבן זיך אויך געפונען באַקאַנטע קריסטן, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגענען. איינעם פון זיי האָב איך באַזונדערס נאָענט געקענט.

ווען איך בין געזעסן און פאַרברענגט מיט מיין קוזין דוד פרידמאַן, האָט זיך דער קריסט צו אונדז צוגעזעצט און געזאָגט:

— איר זענט יונגע מענטשן. איר באַווייזט איצט אַ העלדישקייט מיטן פאָרן אין אַ ווייט אומבאַקאַנט לאַנד. אָבער אַזעלכע העלדן ווי אייער זיידע — וועט איר נישט זיין.

מיר זענען געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן מערער פרטים וועגן אונדזער זיידן און וועגן דעם געבעטן דעם פויער. און אָט וואָס ער האָט דערציילט:

אייער זיידע איז פון דער נאַטור געווען אַ זייער גוטער מענטש. ער האָט אַלץ געטאָן, אויב מען האָט געדאַרפט ווען קומען העלפן. אָבער נישט מקנא האָט מען געדאַרפט זיין יענע, וועלכע האָבן געוואָלט אים אָפּנאַרן. איך געדענק, ווען אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז געלאָפן אַ פרוי, אַ האַלב־נאַקעטע און מיט די לעצטע כוחות געשריגן: „ראַטעוועט! ראַטעוועט!" נאָך איר האָבן זיך געיאָגט צוווילדעוועטע סאָלדאַטן. אין דעם מאָמענט איז אייער זיידע אָנגעפאָרן. נישט קלערנדיק קיין סך, איז ער אַראָפּ פון דער פור, געכאַפּט אַ סאָלדאַט ביי ביידע פיס און מיט אים געשלאָגן די אַנדערע סאָלדאַטן, ביז קיין איינער פון זיי האָט אויף די פיס נישט געקענט שטיין. פאַרשעמטע און צעשלאָגענע האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן פון מאַרק — און די פרוי איז געוואָרן געראַטעוועט.

„אַזאַ העלד איז געווען אייער זיידע".

יאָסל שטיינפעלד / תל־אביב

דער תם און גאון...

ביי אונדז אין שטעטל גניעוואשאָוו האָט געלעבט אַ פֿאַמיליע. דער נאָמען פֿון פֿאָטער איז געווען יאָסל (מיטן צונאָמען נאַר). קיין פֿאַרמעגלעכער איז ער נישט געווען, דערפֿאַר אָבער אַ מטופל מיט אַ סך קינדער. צו דעם איז אים נאָך די פֿרוי געשטאָרבן. דאָס עלטסטע יינגל איז דעמאָלט אַלט געווען 11—12 יאָר. ער איז געווען אַ שווייגער, מיט קיינעם נישט גערעדט. דערפֿאַר האָט מען אים אויך גערופֿן תם.

אין אַ שיינעם טאָג האָט ער פֿאַרלאָזט דעם פֿאָטערס הויז, איז אַוועק אין בית־המדרש און דאָרט געלעבט. די יינגלעך, וועלכע האָבן געלערנט אין בית־המדרש, האָבן אים געבראַנגט עסן און אַמאָל — אויך אַ העמד צו טוישן. וויסנדיק אַז ער איז אַ פֿאַרחלומטער, פֿלעגן די יינגלעך אים אויספּרווון, שטעלן פֿאַרשידענע פֿראַגן און באַזונדערס אים פֿאַרהערן אין חשבון: וויפֿל איז 2 מאָל 2, און נאָך אַזוינע קינדערישע פֿראַגן. אָבער ענטפֿערן האָט ער נישט געוווּסט.

אַזוי איז די צייט געלאָפֿן. דאָס יינגל איז עלטער געוואָרן, דערגאַנגען צו 17 יאָר, אָבער די אָפּגעשטאַנענקייט איז געבליבן די זעלבע. צווישן די יינגלעך וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיטן גרויסן תמעוואַטע בחור, האָט זיך געפֿונען איינער, וועלכער פֿלעגט טאָג־טעגלעך זיך פֿאַרנעמען מיט אים, פּרווון אים לערנען, אויפֿקלערן. דער דאָזיקער בחור האָט באַמערקט, אַז ביי דעם תם קומט פֿאָר אַן ענדערונג. ער האָט אָנגעהויבן ענטפֿערן אויף געשטעלטע פֿראַגן גאָר אַנדערש ווי פֿריער, איז געוואָרן לעבעדיקער, פֿריילעכער אאַז״וו. אויף מאַטעמאַטישע פֿראַגן פֿלעגט ער געבן קלאָרע תשובות, נישט באַנוצנדיק קיין פֿעדער און פּאַפּיר. נישט קלערנדיק קיין סך, פֿלעגט ער געבן ריכטיקע ענטפֿערס. די חשבונות זענען דערגאַנגען צו מיליאָנען — און ער האָט אַלץ גערעכנט פֿון קאָפּ.

כ׳געדענק, אַ גרופּע מענטשן האָבן אים געגעבן אַזאַ חשבון: ווען אין אַ לויט (דעמאָלט האָט מען נישט גענוצט קיין גראַמען) קאָרן זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל קערנדלעך, וויפֿל וועט זיין אין אַ וואָגן פֿון 900 פּוד? ער האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט — אָבער באַלד ריכטיק אויסגערעכנט.

די ידיעה וועגן דאָזיקן פענאָמען האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ראַדאָמער גובערניע. פון דעם האָט זיך אויך דערוווּסט דער גרויסער גביר ראובן בעקערמאַן. האָט ער געשיקט אַ מענטשן קיין גניעוואַשאָוו, וועלכער האָט דעם תם אויסגעקליידעט און אַוועק געפירט קיין ראַדאָם צום גביר.

דער גביר האָט לאַנג געשמועסט מיט דעם תם און זיך איבערצייגט, אַז עס וואַקסט באמת אַ וווּנדער־מענטש. ער האָט אים פאַרגעלייגט צו שיקן לערנען שרייבן, ווייל בלויז רעכענען אויפן קאָפּ איז נישט גענוג. אָפּלערנענדיק אַ שטיקל צייט, איז דאָס יינגל געוואָרן הויפּט־בוכהאַלטער אין ראובן בעקערמאַנס אַלע געשעפטן.

פנחס פערלשטײן / רמת־גן

יידישע אַרבעטער־טוער אין גניעוואַשאָוו

מרדכי צעלניקער

אין יאָר 1924 איז געקומען פון שטעטל פּיאַסק ביי לובלין קיין גניעוואַשאָוו אַ ייד מיט היתר הוראה. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גניעוואַשאָווער פרוי. מיט אים איז געקומען זיין זון מרדכי, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, האָט זיך מיט ברען אַ נעם געטאָן צו דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. ער איז געווען זייער באַליבט ביי דער יוגנט.

אין 1926, זייענדיק אַרבעטלאָז, איז מרדכי צעלניקער אַוועק קיין וואַרשע, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס שטובן־מאָלער. צוליב זיין קאָמוניסטישער טעטיקייט, איז ער עטלעכע מאָל געזעסן אין תפיסה. צום ערשט אין גניעוואַשאָוו, אין יאָר 1930 — אין פּינסק.

אין יאָר 1932 איז מרדכי אַוועק אין ראַטנפאַרבאַנד, געלעבט אין טאָמסק, געווען דאָרט איינער פון די בעסטע „סטאַכאַנאָווצעס". אין 1937 איז ער אַרעסטירט געוואָרן. ביז איצט ווייסט מען נישט וועגן זיין גורל. מיין שוועסטער (זיין פרוי), איז פאַר צרות קראַנק געוואָרן. נאָך דער מלחמה, בעת דער רעפּאַטריאַציע

פון די יידישע פליטים פון ראַטנפאַרבאַנד, איז מיין שוועסטער געקומען קיין פוילן און דאָרט געשטאָרבן. זייער זון שמחה האָט מען געבראַכט קיין ישראל, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן אין קיבוץ בית־אלפא, ווו ער געפינט זיך ביז היינט.

ירחמיאל פאַקשניידער

גאַנץ פרי האָט ירחמיאל אָנגעהויבן אַרבעטן, ווייל זיין פאָטער איז טראַגיש אומגעקומען. ער איז געווען אַקטיוו צווישן דער יוגנט און אָנטייל גענומען אין דראַמקרייז.

אין 1930 איז סאַקשניידער אַרעסטירט געוואָרן אין פינסק פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. אָפּגעזעסן אַן אורטייל פון 6 יאָר אין תפיסה, איבערגעלעבט די מלחמה אין ראַטנפאַרבאַנד.

חנה די שניידערין

צווישן די פרויען־געשטאַלטן פונעם שטעטל, וויל איך אַריינברענגען מיין מוטער. ווער האָט נישט געקענט חנה די שניידערין, באַזונדערס די גרויסע צאָל מיידלעך, וועלכע זי האָט אויסגעלערנט שניידעריי. אַלע קינדער פון אונדזער שטוב האָבן אָנטייל גענומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטעטל און די מאַמע האָט נישט ווייניק דערפון געליטן. די אָפטע רעוויזיעס האָבן געברענגט צו דעם, אַז די מאַמע, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען די קינדער פון אַרעסט, האָט באַהאַלטן ביי זיך אין בוזעם די אומלעגאַלע ליטעראַטור און דאָקומענטן. זי האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט און דאָך געפונען צייט און געלט אויף איינצוקויפן אַ גרעסערע צאָל פּראָדוקטן אויף צו שיקן פעקלעך צו די אַרעסטירטע אין תפיסה, נישט בלויז פאַר אירע קינדער, נאָר אויך פאַר די אַרעסטירטע, וועלכע האָבן נישט געהאַט ווער ס'זאָל זיי עפּעס איבערשיקן. אין יאָר 1928 איז מיין מוטער אַוועק פון גניע־וואַשאָוו אין פינסק און אויך דאָרט איז איר אויסגעקומען דאָס זעלבע איבער־צולעבן ווי אין גניעוואַשאָוו.

אין יאָר 1937, ווען מיין יונגערער ברודער דוד'טשע איז געווען פאַרבונדן מיט קאָמוניסטישער טעטיקייט און צוליב דעם האָט מען די משפחה פאַרפאָלגט, איז מיין מוטער מיטן יינגסטן ברודער אהרן־יוסף אַריבער די גרענעץ אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו דאָרט איז שוין פון פריער געווען כמעט די גאַנצע משפחה. די דעמאָלטיקע היטער פון געזעץ און גערעכטיקייט אין סאָוויעטן־לאַנד האָבן זיך

נישט גערעכנט מיט דיליידן פון מיין מוטער צוליב דער קאָמוניסטישער טעטיקייט פון אירע קינדער און אויך נישט מיט איר הילף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַנשטאָט זי אויפנעמען פריינטלעך, מיט כבוד, האָבן זיי איר פאַרשפאַרט אין תפיסה, דערנאָך פאַרשיקט אויף 5 יאָר אין ווייטן צפון, אין קאָלימאַ. שפּעטער זי איבערגעפירט אין אַ תפיסה ביי מאָסקווע — און מיר ווייסן נישט ווו זי איז אומגעקומען און אויך ווו דער ברודער איז אומגעקומען.

פאַר מיין אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, אין 1957, האָט די סאָוויעטישע מאַכט מיר צוגעשיקט אַ באַשטעטיקונג, אַז מיין מוטער איז אומשולדיק און איז רעהאַביליטירט. אויך מיין ברודער איז געווען אומשולדיק און רעהאַביליטירט געוואָרן...

משה פערלשטיין / רמת־גן

מיינע עלטערן אברהם און איטע שטיינפעלד ז״ל

מיין פאָטער אברהם־שלומס איז געבוירן אין גניעוואשאָוו אין יאָר 1883. אויך מיין מוטער איטע, אַ טאָכטער פון גרשונס, איז אַ געבוירענע אין גניעוואשאָוו.

מיין פאָטער האָט געהאַנדלט מיט בהמות און זומער געדונגען סעדער מיט פּרוכטן.

מיר זענען אין שטוב געווען פינף קינדער. די משפּחות פון פאָטערס און מוטערס צד האָבן געהאַט אַ סך קינדער.

געפירט האָבן מיר אַ רעליגיעז בעל־הביתישע שטוב. מיין טאַטע איז געווען אַ שמח בחלקו, שטענדיק גרייט געווען צו העלפן אַ מענטשן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, געטיילט זיך מיטן ביסן מיט אַ נויטבאַדערפטיקן.

אין יאָר 1933 האָט אַ קרוב מיך אַרויסגעפאָדערט קיין ארץ־ישראל. אין זעלבן יאָר האָב איך חתונה געהאַט מיט מיינעם אַ קוזין לייביש שטיינפעלד.

די גאַנצע צייט האָבן מיר געטראַכט ווי אַזוי צו ברענגען מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער קיין ארץ־ישראל. איך האָב אויך געפּלאַנט צו ברענגען

מיינע אַ געהייראַטע שוועסטער רבקה׳לע, מיט אירע 3 קינדער. זיי האָבן געוווינט אין רעמבערטאָוו ביי וואַרשע. ליידער, פון די אַלע פלענער איז גאָרנישט געוואָרן. אין יאָר 1938 האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ „דרישה" פאַר די עלטערן, אַפילו באַקומען פאַר זיי סערטיפיקאַטן. נאָר די פאַרשאָלטענע רעגירונג האָט נישט געוואָלט באַשטעטיקן דאָס אַרויספאָרן. אויסגעזוכט תירוצים, אַז דער פאַמיליע־נאָמען שטימט נישט (אַנשטאָט שטיינפעלד, איז ביי זיי אין די ביכער געווען פאַרשריבן שטיינפעלץ). די פאָדערונג איז געווען גילטיק נאָר אַ האַלב יאָר, דערנאָך איז אויסגעבראָכן די קריג — און זיי האָבן שוין נישט באַוויזן עולה צו זיין, נאָר אומגעקומען ביי די דייטשן ימ״ש, צוזאַמען מיט מיינע ברידער און שוועסטער: מאַניע, מלכה, רבקהלע מיט איר פאַמיליע, זלמן מיט זיין פאַמיליע, פעטער הערשל שטיינפעלד מיט זיין פאַמיליע, לייביש שטיינפעלד מיט זיין פאַמיליע, די באָבע חנה, די מומע גיטל און דער פעטער מאיר בע־קערמאַן מיט זיין פאַמיליע.

זאָלן זייערע נעמען דערמאָנט ווערן אין ספר יזכור, צוזאַמען מיט אַלע הייליקע נשמות, אומגעקומען אויף קידוש השם.

אסתר שטיינפעלד / כפר חסידים

פערל שטיינפעלד ז״ל

מיר ווילן פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער גניעוואשאָווער פרוי, פערל שטיינפעלד ז״ל.

אין אַפריל 1926, בין איך מיט מיין פרוי און צוויי קליינע קינדער (פון 2½ יאָר און אַ האַלב יאָר), אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל דורך חיפה.

אויפן וועג איז אונדזער באַגאַזש פאַרלוירן געוואָרן, מיר האָבן נישט געהאַט ווו אַהין און מיט וואָס אַריינצוגיין אין אַ דירה.

מיין פרוי האָט געדענקט, אַז אין עבודת ישראל (היינט — כפר חסידים), דאַרף זיך געפונען אירס אַ משפחה.

זענען מיר פון חיפה אַוועק צופוס, מיט בײדע קינדער אויף די הענט. אויטאָבוסן קיין עבודת־ישראל האָבן אין יענער צייט ניט קורסירט. צום באַדויערן, האָבן מיר דאָרט אונדזערע קרובים נישט געפונען. האָט מײַן פרוי מיט די צוויי קינדער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און געוויינט.



פערל שטיינפעלד

גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען פערל שטיינפעלד, וועלכע איז נישט לאַנג צוריק געוואָרן אַן אלמנה און געבליבן מיט זעקס קליינע קינדער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען אויספרעגן מײַן פרוי פאַר וואָס זי זיצט דאָרט און וויינט.

נאָכן אויסהערן איר טרויעריקע דערציילונג, האָט זי געזאָגט:

— קום מיט דײַנע קינדער צו מיר. וואָס מיר וועלן עסן, וועסטו מיט דײַנע קינדער אויך עסן.

זי האָט מײַן פרוי מיט די קינדער גענומען צו זיך אין צריף. זיי זענען ביי איר געווען, געגעסן און געשלאָפן, ביז מיר האָבן באַקומען אונדזער באַגאַזש.

קיין פאַרמעגן קען זיך קיין מענטש נישט מיטנעמען אין קבר אַריין, אָבער אַ סך גוטע מעשים האָט פערל שטיינפעלד יאָ מיט זיך מיטגענומען.

זאָל איר נאָמען זיין געבענטשט אויף אייביק.

ירמיהו און פנינה בערקאָוויטש / כפר־אתא

ר׳ דוד שטיינפלד ז״ל

נספה באורח טראגי בכפר חסידים (הכפר נקרא אז „עבודת ישראל״), שנוסד ע״י הרבי ר׳ ישראל אלעזר הופשטין זצ״ל מקוז׳ניץ שכונה אע״י החברים „הנשיא״ הידוע. הואיל ויש לי שייכות לר׳ דוד הנ״ל שמוצאו מעיר גרניץ — גניבישוב אשר בפולניה, וגם אני גיסו של הנשיא — שורשי ומקורי מהעיירה הנ״ל. אחרי שסבי הרה״ג ר׳אביעזר זליג זצ״ל אשר היה חתנו וממלא מקומו של המגיד מקוז׳ניץ זצ״ל אחרי שנפטר, ושרת גם בקהלה קדושה בתור רב אב״ד גניבשוב־גרניץ.

ר׳ דוד היה איש ישר מאד, היה מפורסם בחוץ־לארץ בתור סוחר נאמן ומסור לעבודתו. גם החברים כאן היכרוהו במעשיו הטובים וכירא שמים. השאיר אחריו בנים בישראל ישרים ומסורים למדינת ישראל. בין כל הנהרגים והנשחטים בעירה בשואה מצרף אני גם אותו להזכירו שנהרג למען המולדת.

יהי זכרם ברוך הי״ד.

שלום שפירא / כפר־חסידים

מיין זיידע — און נאָך געשטאַלטן

דער פאָטער פון מיין מוטער, אשר שטיינבערג ז״ל, איז געבוירן אין טשע־טשעכאָוו. ער איז געווען אַן ערלעכער ייד, אַ בן תורה, אַ זייער גוטער מענטש, פון פאַך אַ קירזשנער. זיין ווייב, אסתר, אַ שוועסטער פון מנשה פרידמאַן, איז געבוירן געוואָרן אין גניעוואַשאָוו. נאָך דער חתונה האָבן זיי געוווינט אין טשע־טשעכאָוו.

מיין זיידע איז נישט געווען קיין פאַרמעגלעכער מענטש. אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע משפחה, האָט אויך די באָבע געמוזט העלפן שאַפן פרנסה.

זי פלעגט פון די סעדער, וועלכע זיי האָבן געדונגען זומער, פירן אויבסט קיין וואַרשע.

די באָבע איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דער זיידע איז געבליבן מיט אַ שטוב קינדער, קליינע און גרעסערע, און אויף אים איז געפאַלן אַ גרויסע לאַסט מיט זיי זיך מטפל צו זיין. נישט געקוקט אויף אַלע שווערקייטן האָט ער די קינדער געשיקט לערנען אין חדרים און ישיבות, געלערנט זיי פאַכן, ביז זיי זענען געוואָרן זעלבשטענדיקע מענטשן און איינגעאָרדנט זייער לעבן.

מיין זיידע פלעגט אָפט קומען צו אונדז קיין גניעוואַשאָוו אויף שבתים און ימים־טובים און גיין אין שול מיט מיין פאָטער ז״ל און די גרעסערע אייניקלעך, לייביש, יוסף און משה. מיר, קינדער, האָבן זייער ליב געהאַט דעם זיידן.

אין יאָר 1925 זענען מיר אַלע אַוועק קיין ישראל, נאָר דער זיידע איז געבליבן ביי זיין טאָכטער איטע צוקער וואָס האָט געוווינט אין טשענסטאָכאָוו. נאָך אַ קורצער צייט איז איר מאַן געשטאָרבן און דער זיידע האָט געמו־ט דערציען די אייניקלעך.

ווען זיין איידעם איז געשטאָרבן, איז ווידער געפאַלן אויף אים דער עול אויסצוהאַלטן די אייניקלעך, זיי דערציען ביז זיי זענען גרויס געוואָרן.

ווען די קינדער זענען שוין געווען פאַרזאָרגט און ער האָט אָנגעהויבן אַ ביסל אָפּטעמען אויף די עלטערע יאָרן, איז געקומען היטלער ימ״ש און דעם זיידן אומגעבראַכט צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן הי״ד.

יהי זכרו ברוך!

די בעקערין און אַקושערקע

דערציילט האָט עס מיר מיין מוטער פּערל שטיינפעלד.

אין שטעטל גניעוואַשאָוו איז געווען אַ פרוי, פּערל חיה־אַלטעס, מיט צוויי באַשעפטיקונגען: אַ בעקערין און... אַקושערקע (הייבאַם). זי פלעגט באַקן ברויט, נאָר ווען אַ פרוי האָט געדאַרפט געבוירן אַ קינד, האָט מען זי גערופן.

אַמאָל איז אין שטעטל אויסגעבראָכן אַ מגיפה, וועלכע האָט באַ־ונדערס געטראָפן קימפּעטאָרינס. אין משך פון אַ קורצער צייט, זענען געשטאָרבן פינף קימפּעטאָרינס, צוזאַמען מיט די ניי־געבוירענע קינדער, צווישן זיי — אויך צביה, דער הייבאַמס אַ טאָכטער.

מיין מוטער איז געווען אין אַ זייער שווערן מצב ביים געבורט. מיין פאָטער ז״ל האָט אָבער נישט פאַרלוירן דעם מוט, נישט געהערט קיין שום ווייבערישע

עצות, נאָר איינגעשפּאַנט די פערד און געפֿאָרן קיין דעמבלין. דאָרט איז געווען אַ קריסטלעכער דאָקטאָר, הגם נישט קיין ספּעציאַליסט אין אַקושעריע.

ווען דער ד״ר סאָכאַצקי האָט אונטערזוכט די מוטער, האָט ער פֿאָרגעלייגט ברענגען נאָך דאָקטוירים, כדי אָפּהאַלטן אַ קאָנסיליום. עס זענען געקומען דריי דאָקטוירים — פֿון וואַרשע, ראַדאָם און פּולאַוו. זיי אַלע האָבן איר טאַקע אָפּגעראַטעוועט.

ווען ס׳איז דער מאַמען בעסער געוואָרן, האָבן זיי געהייסן ברענגען די הייבאַם. שטעלט אייך פֿאָר איר אויסזען, אַז פּערל חיה־אַלטעס איז נאָר וואָס אַוועק פֿון דער זשיזשע טייג. די דאָקטוירים האָבן געוואָלט זען אירע הענט און מכשירים, מיט וועלכע זי באַנוצט זיך ביי די קימפּעטאָרינס. פֿאַרשטייט זיך, אַז די הענט זענען געווען — בלויז טייג...

ד״ר סאָכאַצקי האָט קאַטעגאָריש פֿאַרלאַנגט, זי זאָל אויך ווייזן אירע מכשירים. נישט לאַנג געקלערט, האָט זי אַריינגעשטעקט אירע הענט אין פֿאַרטעך־קעשענע און אַרויסגענומען אַ שפּריצער פֿול מיט... טייג. ד״ר סאָכאַצקי איז געוואָרן אין כעס, דערלאַנגט איר אַ פּאַטש און געשריגן, אַז דאָס האָט זי אומגעברענגט אַזוי פֿיל יונגע פֿרויען מיט קינדער, איבערפֿירנדיק קראַנקייטן פֿון איין קימפּעטאָרין צו דער אַנדערער.

אַ דאַנק מיין פֿאָטערס ענערגישע האַנדלונג און דעם ד״ר סאָכאַצקי האָט מען מיין מוטער אָפּגעראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט, דערביי זענען אַ סך אַנדערע פֿרויען פֿון שטעטל ניצול געוואָרן, ווייל פֿון דעמאָלט אָן איז פּערל חיה־אַלטעס געוואָרן אויס הייבאַם. דאָקטוירים האָבן איר פֿאַרבאָטן אָפּצונעמען קינדער. זי איז געבליבן נאָר בעקערין.

יהודית סימענהויז לבית שטיינפעלד

מיין פאָטער ע״ה

מיט יאָרן צוריק פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל און די נויט אין שטוב איז געווען גרויס, ווייל מיין טאַטע איז געווען אַרבעטלאָז — האָט ער באַשלאָסן, אויף זיין אופן, צו באַזאָרגן די משפחה מיט אַ שטיקל ברויט. אַ געוויסן טאָג איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, גענומען אַ זאַק, אַריינגעלייגט דאָרט זיינע שוסטערישע כלים און אַוועק־געשפּאַנט צופוס אין דאָרף צו זוכן אַרבעט. אָנגעקלאַפּט אין די פּויערישע כאַטעס, אפשר וועט מען אים אַריינרופן און געבן צו פאַרריכטן אַ פּאָר אַלטע צעריסענע שטיוול.

און אַזוי איז טאַקע געשען. אַ פּויער האָט אים אַריינגערופן אין שטוב און ביי אים באַשטעלט אַ פּאָר נייע שטיוול פאַר אַ גאַנץ בכבודיקער סומע, וואָס אין יענער צייט איז עס ממש געווען — אַ גליק.

אין אָוונט איז דער טאַטע געקומען פון דאָרף און דערציילט דער מאַמען וועגן דער באַשטעלונג און געדאַנקט גאָט פאַרן חסד, וואָס ער פאַרגעסט נישט אין אים. דערנאָך האָבן טאַטע־מאַמע אויסגערעכנט וואָס מען וועט אַלץ קויפן פאַרן פאַרדינסט פון די שטיוול: קאַרטאָפל, קרויט און אַנדערע פּראָדוקטן — און וויפל עס וועט נאָך בלייבן געלט צו באַצאָלן דעם חוב אין געוועלבל, מחמת דער געוועלבניק אַליין איז אויך געווען ווייט פון צו זיין אַ ראַטשילד...

נאָך אַ וואָך אַרבעט, זענען די שטיוול פאַרטיק געוואָרן. דער טאַטע האָט זיי אויסגעפּוצט, פאַרפּאַקט אין אַן אַלטער צייטונג און אַוועק צום פּויער אין דאָרף. ווי נאָר ר׳איז צו אים אַריין אין שטוב, איז דער פּויער צו צום בעט, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ מין שמאַטע, אַרומגעוויקלט מיט איר דעם רעכטן פוס, ווי מען באַנדאַזשירט אַ שווער פאַרוווּנדעטן — און געזאָגט צום טאַטן:

— הערשקע, דאַוואַיטשע בוטי!״ (הערשקע גיב די שטיוול).

ווען מיין טאַטע האָט אָנגעקוקט דעם באַנדאַזשירטן פוס, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. פאַרשטייט זיך, אַז אַפילו אַ „האַלבער פוס״ האָט נישט געקענט אַריין אין דעם נייעם שטיוול. דער פּויער איז געוואָרן מלא רציחה, און זיך צעשריגן:

— הערשקע! נעם צו די שטיוול, וואַרף זיי אויפֿן מיסט!...

דער טאַטע האָט זיך ביי אים געבעטן:

— פֿאַניע לעבן! נעם, זיי מוחל, אַן אַנדערע שמאַטע, ווייסטו זען, אַז זיי וועלן אויף דיינע פֿיס פּשוט אַרויפּפליען...

דער פויער האָט נישט געוואָלט הערן, אַ כאַפּ געטאָן די שטיוול און מיט כעס זיי אַרויסגעוואָרפֿן. מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט דער טאַטע גענומען די שטיוול און זיך געלאָזט אַ היים — דאָס גרויסע גליק איז אויסגערינען געוואָרן...

אין דער היים זענען מיר געזעסן הונגעריק און אומגעדולדיק געוואַרט אַז אָט קומט דער טאַטע, מען וועט ברענגען פֿון געוועלבל ברויט און עס וועט זיין מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער. אַזוי ווי דער טאַטע האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן, בין איך אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן שאָסיי באַגעגענען מיין פֿאָטער. ווען איך האָב אים ענדלעך דערזען גיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט מיך ביים האַרצן פֿאַרקלעמט. דער טאַטע האָט מיר דערציילט די טרויעריקע נייעס, פֿון וועלכער כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן אויך היינט זיך לייגן שלאָפֿן הונגעריקע...

מיין פֿאָטער איז געשטאָרבן אין גניעוואַשאָווער געטאָ — מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

אַ סך האָבן אים מקנא געווען, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ „מזל" און אַ־ווי אַרום אויסגעמיטן דעם טראַגישן גורל פֿון אונדזערע יידן. אָבער מיין מאַמע און דער איינציקער חתונה געהאַטער ברודער מיטן ווייב און קינדער, ווי אויך די שוויגער־עלטערן, זענען אומגעקומען אין אוישוויץ.

כבוד זייער ליכטיקן אָנדענק!

גימפּל האַנדעלסמאַן

ניסן יודל לערנער

ניסן איז געווען דער זון פון שמואל זשעלאזניק, ווי מען האָט אים גערופן אין גניעוואַשאָוו. ער איז געווען אַ שניידער, וועלכער האָט געאַרבעט אין די דערפער: געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף מיט זיין ניי־מאַשין און שניידער־געצייג. אויך מיטגעפירט אייגענע כלים צו קאָכן זיך אַליין כשר עסן פון די פּראָדוקטן וואָס ער האָט באַקומען ביי די פּויערים, אַלס לוין פאַר זיין אַרבעט. די פּראָדוקטן וואָס זענען געבליבן, האָט ער סוף וואָך געברענגט פאַר דער משפּחה.

ניסנען, ווי אַנדערע יוגנטלעכע אין שטעטל, האָט געצויגן אין דער גרויסער שטאָט און ער איז אַוועק קיין וואַרשע, דאָרט חתונה געהאַט מיט רבקהלע שטיינפעלד, אַ שוועסטער פון פּערל ז״ל (אין ישראל). ער האָט געאַרבעט אַלס שוסטער, געפירט אַ באַשיידן לעבן. שפּעטער האָט ער איינגעאָרדנט אַ קליין פאַבריקל פון קינדער־שיך. איין טאָג אין דער וואָך זענען זיי געשטאַנען אויפן קאַרצעלי־פּלאַץ און פאַרקויפט זייער סחורה.

זיי האָבן די קינדער געגעבן אַ גוטע דערציִונג.

געוווינט האָבן זיי אויף דער דזשעלנע גאַס, ווו ס׳איז שפּעטער געווען דאָס געטאָ — און דאָרט אומגעקומען פון די דייטשן.

משה פעלדמאַן

די משפּחה פאָנטש

איך בין ניט קיין גניעוואַשאָווערין, נאָר יעדער זומער פלעג איך פאָרן אַהין פאַרברענגען ביי מיין מומען און פעטער, די פאַמיליע פאָנטש.

דאָס איז געווען אַ ברייט פאַרצווייגטע משפּחה, גוט באַקאַנט אין שטעטל, ווי אויך זייער עלטסטער זון — אַנשל מיט זיין פרוי ראָכטשע און צוויי זונעלעך.

דער פרומער אַנשעלע איז אומגעקומען פון די דייטשע רוצחישע הענט. אַברהם פאָנטש איז געווען אַ הייסער ציוניסט, געקומען אָפּט אַ היים קיין גניעוואַשאָוו מיט זיין פרוי און צוויי קינדער. צו יעדערן זיך באַצויגן מיט אַ סך ליבשאַפט. אויך ער איז געפאַלן אַ קרבן פון די נאַצישע רציחות. געבליבן לעבן איז גיטעלע, די איינציקע טאָכטער, מיט איר מאַן און צוויי קינדער. זיי געפינען זיך היינט אין תל־אַביב.

חייה איז געווען פול מיט לעבן און הומאָר, אַ שיין מיידל, אַן אַקטיווע מיטגלידערין אין השומר הלאומי. אומגעקומען אין אוישוויץ. שלמה, אויך אַ חבר אין השומר הלאומי, איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ פּאָליאַק. די 9־יאָריקע שיינע בלאָנדע רבקהלע, איז צוזאַמען מיט אירע עלטערן אומגעקומען אין אוישוויץ.

תמיד שטייט מיר פאַר די אויגן יענע פריילעכע היים אין מיטן מאַרק, וואָס האָט געהערט צום פעטער חיים־נחום. דער דאָזיקער ייד האָט ליב געהאַט צו חכמהנען זיך און זייער אָפט גערעדט וועגן ארץ־ישראל. דאַקעגן די מומע חייהלע־צביה האָט נאָר געטראַכט ווי אַזוי העלפן נויטבאַדערפטיקע יידן. די דאָזיקע גוטהאַרציקע פרוי האָט פון באַגינען אָנגעהויבן טראָגן אין די אָרעמע שטובן הייסע טעפּ קאַווע. דאָס האָט זי געטאָן שטיל, מען זאָל איר נישט זען און הערן, דער אמתער מתן בסתר.

יעדער דאָנערשטיק אין אָוונט האָט זי פאַרקנעטן 8 קילאָ מעל און דאָס טייג אַוועק געטראָגן צום באַקן ביי אונדזער פעטער נח וויינבערג, וועלכער האָט געוווינט אין גרעניץ. אויך די וויינבערגס זענען געווען אַ באַליבטע משפחה. מאָטעלע וויינבערג מיט זיין פאַמיליע און חיליק מיט זיין משפחה זענען אומגע־קומען פון די היטלעריסטישע רוצחים.

פרייטיק פרי איז מיין מומע געגאַנגען אָפּנעמען די אויסגעבאַקענע חלות און גייענדיק אַ היים, האָט זי אויפן וועג אָנגעהויבן זיי צו פאַרטיילן יענע משפחות וועלכע האָבן דערין זיך גענייטיקט. ערב שבת האָט זי אויך באַזאָרגט מיט טעפּלעך עסן די נצרכים. זי האָט קיינמאָל ניט גענאָסן אַליין פון אירע מאַכלים, תמיד געטיילט זיך מיטן ביסן. זי פלעגט אָפט מיר זאָגן:

— זעסט לאהלע, גאָט האָט מיר געגעבן איך זאָל האָבן שיין פרנסה, דאַרף איך זען צו טיילן זיך מיט אָרעמע מענטשן...

איין מאָל האָב איך אויפן בוידעם ביי מיין מומען געפונען אויפגעהאָנגענע פעק און זעק. אויף מיין פראַגע וואָס דאָס איז, האָט זי אַ פריילעכע מיר געענט־

פערט, אַז זי האָט צוגעגרייט בעטגעוואַנט פאַר אָרעמע כלות און חתנים — אַ׳ן צוגעגעבן:

— מײַן קינד, וועגן דעם טאָר קײנער נישט וויסן, ווײַל אויב אַ מענטש טוט גוטס פאַר אַ צווייטן, דאַרף ער עס נישט אויסריידן...

ערשט דעמאָלט האָב איך באַגריפן וואָס עס מײנט אַן אמתדיקער גוטער מענטש — און די מומע האָט טאַקע פאַרקערפּערט די דאָזיקע מידה.

אַ דרייסיק יאָר זענען פאַריבער פון יענעם מאָמענט, ווען דער פעטער און מומע האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט ביים באַן — צום לעצטן מאָל. זי האָט מיר אַרײַנגעשטופּט אַ בײַטעלע מיט געלד אַ׳ן אָנגעזאָגט, איך זאָל איר למען השם שרייבן פון ארץ־ישראל אַ סך בריוו. אויך זי וויל פאַרלאָזן דאָס גלות־לעבן.


איך וועל תמיד געדענקען די דאָזיקע ליכטיקע געשטאַלטן. כבוד זײער אָנדענק!

לאה ווײַנשטאָק

מײַן זיידע מנשה פרידמאַן

איך האָב געוווינט אין פולאַוו, דאָרט אויסגעוואָקסן און חתונה געהאַט. נאָר די גאַנצע משפּחה פון מײַן פאָטערס צד האָט געוווינט אין גניעוואַשאָוו און איך פלעג זײַן אַן אָפטער גאַסט אין דעם שטעטל, באַזוכט מײַן משפּחה.

ווי מײַן פאָטער האָט דערציילט, איז דער זיידע מנשה פרידמאַן געווען דער וועלכער האָט אײַנגעשטעלט אין גניעוואַשאָוו די שיך־פאַבריקאַציע. דאָס איז געשען אין יאָר 1890. מײַן זיידעס פאָטער, ר׳ יוסף, איז געווען אַ מלמד און ווי דער שטייגער אין יענע צייטן, אויך זײַן זון געוואָלט מאַכן פאַר אַ לערנער אין בית־המדרש. מײַן זיידע איז אָבער געווען פול מיט ענערגיע און איניציאַטיוו, נוטה געווען צו לערנען זיך אַ מלאכה. ער האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, כאַרפאָרן קיין ווארשע און אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ שיך־פאַבריק, דערלערנט אַלע סודות פון דער פראָדוקציע, באַקענט זיך מיט סוחרים, וואָיאַ־זשערן, ליפעראַנטן.



מנשה פרידמאן ז״ל

קומענדיק צוריק קיין גניעוואַשאָוו, האָט ער דער ערשטער אין שטעטל אָנגעהויבן אויסאַרבעטן שיך אין גרויסן מאַסשטאַב. פוילן האָט דעמאָלט געהערט צו דער צאַרישער אימפעריע — און גניעוואַשאָווער שיך האָבן געפונען זייער אָפּזאַץ־מאַרק אין כאַרקאָוו און אין אַנדערע רוסישע שטעט.

קיין באַן־סטאַציע האָט דאָס שטעטל נישט געהאַט, האָט מען די גרויסע קאַסטנס מיט „סקאָראָכאָדן״ (אַזוי האָט מען גערופן די מענער־לאַטשן) צוגעפירט אויף וועגענער קיין דעמבלין און פון דאָרט, מיט דער באַן — קיין רוסלאַנד.

ווען פוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, האָט די גניעוואַשאָווער שיך־פּראָדוקציע געפונען אירע אָפּנעמערס אין די שטעט פון דער לובלינער װאָיעװודסטווע, ווי אויך אין לעמבערג, טאַרנאָפּאָל און אַנדערע ערטער.

מיט דער צייט האָבן מיין זיידנס ביישפּיל נאָכגעטאָן אַנדערע. אין שטעטל האָט זיך אַנטוויקלט אַ שיך־פּראָדוקציע וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער פּרנסה קוואַל פאַר הונדערטער מענטשן. און דאָרט ווו ס'זענען פאַראַן אונטערנעמונגען און פאַבריקלעך, זענען אויך דאָ אַרבעטער. במילא שאַפן זיך פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קולטור־געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס.

שפּעטער האָבן דעם זיידנס פאַבריקל איבערגענומען די זין. אויך מיין פעטער בעריש פרידמאַן האָט געפירט אַ שיך־פאַבריק אין גניעוואַשאָוו, בעת מיינע פעטערס אלי און יוסף זענען געווען קאַמאַשנמאַכערס.

מיין פאָטער יצחק האָט געפירט אַ שיך־פאַבריק אין פולאַוו, דער פעטער זלמן — אין לובלין, שפּעטער אין וואַרשע. אַלע זענען אומגעקומען פון די דייטשע רוצחים.

רבקה פרידמאַן־ראָזענבערג

העסקן מגניוושוב ר' מרדכי יעקב איידלמן ז"ל

אבי ז"ל היה מבין העסקנים הבולטים בעיירה, הדואג לצרכי ציבור: החזקת בית־הכנסת ובית־המדרש; ניהל שעור בגמרא עם בחורי גניבשוב, למד אותם כל יום שיעור — וקול התורה היה בוקע במשך כל הלילה וכל היום. עזר להם להת־קדם בלימודים. חוץ מזה לימד אבי ז"ל בכל שבת עם בעלי־מלאכה, אשר במשך כל השבוע היו טרודים בדאגות פרנסה.



ר' מרדכי יעקב איידלמן ז"ל

בכל יום שישי אבא היה הולך מבית לבית ואסף כסף בכדי לחלק לעניים. היה שולח אותי עם סכומי כסף לחלק בין הנצ־רכים — למי פחות ולמי יותר (לפי מספר הילדים בכל השפחה).

אמי היתה בתו של ר' לייזר רגיוועד, ממנהיגי המתקוממים נגד ה„פריצים" וזכה לקבל חווה גדולה שנקראה „רעגיוו".

עד כמה שאני זוכר, היה אבא בכל שבת אחה"צ לומד בבית הכנסת וכל אנשי גניבשוב באו לשמוע אותו. בית המדרש היה מלא מפה לפה ואלו שלא היה להם מקום בפנים עמדו בחוץ.

כל הסכסוכים שפרצו בעיירה, כל ריב בין איש לחברו, הגיעו לאבי ז"ל, שטרח ימים ולילות ליישב ולפייס, עד שהכל בא במקומו בשלום. והתגרות נשתתקו, ותושבי גניבשוב חיו להם בשלום ושלוה. התלמידים הטובים ביותר של אבי ז"ל היה דוד־משה נובוגרודר, אברהם ז'בינקר, פנחס „דוקטור", ומשה סקורוחודניק.

כאשר היו שמועות שהגויים מסביב גניבשוב מתכוננים לעשות פרעות ביום השוק, אירגן אבי את כל היהודים החזקים שבעיר והם יצאו לשוק עם „קלוניצעס", ועשו שמות בפולנים, שהם פחדו אחרי כן לבוא העירה.

למרות שר' מרדכי יעקב התגורר בשנים האחרונות בלובלין, הוא לא שכח את העיר גניבישוב. הוא היה תומך בכל הזדמנות בעניי העיירה. היה שולח כספים עבור כלות עניות ולכל מוסדות כגון „הכנסת אורחים", „לינת הצדק". עד שהגרמים באו והחריבו את העיר. מכיוון שאבא היה אחד ממנהיגי „ישיבת חכמי לובלין", הובילו הנאצים את אבי יחד עם כל בחורי ישיבה למיידאנק והומתו.

חבל דאבדין דלא משתכחין. יהי זכרו ברוך!

ח. איידלמאן

מיין פאָטער דוד פרידמאַן

מיין טאַטע דוד פרידמאַן ע"ה איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1906 אין גניעוואַשאָוו, ביי די עלטערן רויזע און יעקב פרידמאַן, אַ שניידער. דאָס איז געווען אַ פאַרצווייגטע משפחה.



דוד פרידמאַן ז"ל

פון דער פריסטער יוגנט, האָט מיין פאָטער געזוכט און געקעמפט פאַר אַ מער גערעכטע וועלט מיט אַ יושרדיקער אָרדענונג — און געשטרעבט צו זיין אין סאָוויעט־רוסלאַנד. סוף 1931 געלונגט אים צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים — און ער קומט אומלעגאַל אין לאַנד פון די סאָוויעטן, נאָר ער ווערט גלייך פאַרשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין סעראָוו, מאָרדאָווסקאַ אָבלאַסט. נאָכן אָפּזיין דאָרט אַ יאָר, האָט מען אים פאַרשיקט אויף אַרבעט אין זלאָטאָוסט, ווו ער האָט אין יאָר 1933 חתונה געהאַט מיט מיין מוטער סאָניע, פון ווילנע. אין יאָר 1935 זענען זיי נאָך גרויס מי אָנגעקומען קיין באַ־

יאַרקוב, אַ שטעטל 40 קילאָמעטער פון קיעוו. אַזוי ווי אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע האָבן זיי נישט געהאַט קיין וווין־רעכט, נאָר בלויז צו אַרבעטן, איז מען יעדן טאָג געפאָרן אַזאַ מרחק צו און פון דער אַרבעט.

אין יאַנואַר 1937 איז ביי זיי געבוירן געוואָרן די טאָכטער אידאַ און אין יולי 1937 האָט מען ווידער איבערגעוואַנדערט קיין סוויערדלאָווסק, צו דער פרויס אַ ברודער. נישט לאַנג האָט געדויערט די פרייד — דעם 4טן נאָוועמבער 1937 האָט מען מיין פאָטער פאַרשיקט, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע, אָן אַ פאַר וואָס. 2 ביינאַכט זענען געקומען עטלעכע פונקציאָנערן פון דער נ. ק. וו. ד. באַפוילן מיין פאָטער זיך אָנטאָן — און ער איז פאַרשוואונדן פון אונדזערע אויגן ביזן היינטיקן טאָג.

פון דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז בלויז צרות. מ׳האָט אונדז באַזייטיקט פון דער דירה, נישט געגעבן קיין אַרבעט, ס׳האָט פשוט געדראָט אַ הונגער־טויט. איך בין אין יענער צייט אַלט געווען 10 חדשים און איך שטעל זיך פאָר ווי מיין מוטער האָט באַדאַרפט זיך דורכשלאָגן צום לעבן פאַר מיר און זיך. אַזוי זענען פאַריבער יאָרן. אַ דאַנק דעם וואָס מיין מוטער האָט געהייראַט מיט אַ צווייטן מאַן, וועלכער האָט געשטאַמט פון פוילן, האָבן מיר גענאָסן פון דער רעפּאַטריאַציע און דעם 24־סטן אַפּריל 1949 זענען מיר אָנגעקומען קיין ישראל.

מיין מוטער דערציילט, אַז ווען מיין פאָטער איז געווען אין רוסלאַנד אויף דער פריי, האָט ער כסדר גערעדט וועגן זיין פאַרצווייגטער משפחה אין ארץ־ישראל, מיט וועלכער ער האָט זייער געוואָלט זיין צוזאַמען. קומענדיק אין לאַנד, האָב איך דורך דער צייטונג אויסגעפונען אונדזער מומע און פעטער דוד שטיינפעלד ז״ל — און פון דעמאָלט זענען מיר צוזאַמען.

אידא אייזנמאן / חולון

מענדל ליפשיץ ז״ל — דער אונטערגרונט־קעמפער

מנחם־מענדל ליפשיץ איז געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (צוערשט אין דער לינקער פּועלי־ציון, שפּעטער אין פּועלי־ציון פאַראייניקט מיט צ. ס.). אויסער די פּאַרטייאישע אַרבעט, איז ער געווען אַקטיוו אין נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקסטעאַטער אין בוענאָס איירעס, סעקרעטאַר פונעם פאַרלאַג „אונדזער וואָרט״ ביי דער אחדות העבודה און גלייכצייטיק — פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון קולטור־צענטער א. נ. עמנואל רינגעלבלום.



מענדל ליפשיץ ז״ל

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע גילגולים און אין די יאָרן 42־1944 (וואַרשעווער פּעריאָד), איז ער אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די בעסטע און אַקטיווסטע אונטערגרונט־קעמפערס אויף דער אַרישער זייט אַלס פּאָליאַק מאַריאַן ליפּטשינסקי, שפּעטער — סטאַניסלאַוו גראַנטשעווסקי.

לעבענדיק אין וואַרשעווער געטאָ מיט פּוילישע דאָקומענטן, האָט ער זיך מער געפונען אויף דער אַרישער זייט ווי אין געטאָ. אַלס געוועזענער געזעלשאַפט־לעכער טוער, האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ראַטעווען וואָס מער יידן. צו דעם צוועק האָט ער איינגעאָרדנט אויף פאַרשיידענע פּלאַצוווקעס אַ גרויסע גרופּע יידן, פאַרזאָרגט זיי מיט אַרבעט. נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, האָט ער די יידן איינגעאָרדנט אין פאַרשיידענע „מעלינעס״ ביי פּאָליאַקן. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געבליבן לעבן, אַ טייל פון די לעבן געבליבענע געפינען זיך אין ישראל. ער איז צוגעשטאַנען צום רעטונגס־

קאָמיטעט, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען ד"ר אַדאָלף בערמאַן. ער האָט אויסגעפירט פאַרשיידענע שליחותן פון דעם קאָמיטעט, געווען דירעקטער פאַר־בינדלער פון יוסף זשעמיאַן, געשטאַנען אין ענגע קאָנטאַקטן מיט באַשע בערמאַן, אַנטעק צוקערמאַן, וואַנדאַ עלסטער, סטאַשאַ מערנהאָלץ. לויט זיינע אינפאָר־מאַציעס, האָט ער צוגעטיילט הילף ניט ווייניקער ווי 50 יידן.

אַ דאַנק אַ באַקאַנטן פוילישן קאַפּיטאַן, קאָנאָפּאַצקי, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער א. ק. ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער פוילישער אויפשטאַנד, אָנגעפירט פון גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי, איז מענדל ליפשיץ, שוין דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד, (1טער אויגוסט 1944) קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג פון דער א. ק. און אויף דעם פונקט מאַרשאַלקאָווסקאַ־שניאַדעצקיך אָפּגעשטויסן אַן אַטאַקע פון דייטשע טאַנקען.

אין דער אַקציע „באַבאַ", וועלכע איז אַריין אין דער געשיכטע, האָט זיך ליפשיץ אויסגעצייכנט, שטייענדיק שוין אין שפּיץ פון אַ גרויסער אָפּטיילונג פון 120 אויפשטענדלער. די אונטערערדישע צייטונג „באַריקאַדאַ" באַשרייבנדיק די אַקציע און די העלדישקייט פון די אויפשטענדלער, האָט געווידמעט ליפשיצן אַ גאַנצע זייט.

אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד, אויגוסט 1944 — 2טער אָקטאָבער 1944, האָט ליפשיץ געקעמפט אויף פאַרשיידענע קאַמפּס־אָפּשניטן. ער איז אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד אויך נאָמינירט געוואָרן פון דער אָנפירונג פון א. ק. אַלס קאָמענדאַנט פון דייטשן קריגס־געפאַנגען לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען אין קינאָ „האָליוווד". ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר מיליטערישער אויסשולונג פון די אויפשטענדלער.

אין צייט פונעם אויפשטאַנד, האָט מחנם־מענדל ליפשיץ דערטיילט הילף אַ גרופּע פון 15 יידישע פרויען. ער האָט פאַר זיי אויסגעפונען אַ בונקער, פאַרזאָרגט מיט עסנוואַרג, וואַסער. אַ טייל פון זיי האָט דערלעבט די באַפרייונג.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון אויפשטאַנד, איז ליפשיץ גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט אַלס פוילישער אָפיציר פון דער א. ק. אין די לאַגערן צייטהיים, מילבערג, מאנאו, האָט ער זיך געפונען פון דעם 10טן אָקטאָבער 1944, ביז דעם 24טן אַפּריל 1945. ער איז באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

נאָך דער באַפרייונג, איז ער באַשטימט געוואָרן פון דער אַנפירונג פון א. ק. אַלס וויצע־שעף פון דער פוילישער מיליטערישער מיסיע אין בעלגיע, וועלכע האָט אונטערליגט דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן.

אויסנוצנדיק זיין מונדיר אַלס פּוילישער אָפיציר, האָט ער זיך מיט ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דער „בריחה", וועלכע האָט געדויערט אַנדערטהאַלבן יאָר אין בעלגיע.

אין בעלגיע האָט ער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל. זיין ערשטע פרוי און אַ קינד זענען אומגעקומען.

אָנהויב 1947 איז ער אַריבער געפאָרן קיין אַרגענטינע, צוזאַמען מיט זיין פרוי וווּ ס'האָט געלעבט זיין ברודער.

אין אַרגענטינע זענען אים געבוירן געוואָרן 2 קינדער.

י. אַלפעראָוויטש


מצבת עד
של בני קהילת
גניבושוב
ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳

ד

השואה

•

דער חורבן

מזכרונותיו של ילד

יעקב גולדשטיין



פנחס גאָלדשטיין און גאָלדע קוראָפּאַטווע

מוקדש לזכרם של הורי: פנחס גולד־שטיין ושיינדל בת ר' יונה קירשנבוים, שנרצחו ע"י הפולנים בעירתם גניבר־שוב לאחר המלחמה, בהשארם בחיים לאחר התופת הנאצי.

ילדות

ילדות, עולם שכולו תום וזוהר, עולם שהאדם, ככל שהוא מפליג בשנים, כמהה לחזור אליו. עולם שבמרוצת הימים, ככל שהאדם נסחף למאבק החיים, כן נראה הוא אידיאלי יותר. רק מאתנו, בני דור השואה, נגזל עולם זה ונחרב כליל.

ילדות, כיצד לגשר על פער הזמן ומרחק השנים? איך דולים מנבכי הנשמה את פניני הילדות החבויים עמוק בלב?

למה להעלות זכרונות הילדות? בשביל מה ובשביל מי? כדי למצוא מרגוע מקשיי המציאות? האם רק בשביל עצמי? הרי אני חיי זכרונות אלה די והותר, וככל שאזקין אחיה את חוויות הילדות ביתר אינטנסיביות. אולי מטבעו של האדם הוא, כי בערוב ימיו נוטה הוא לסקור את עברו, דרך חייו ולקחם. וככל שהוא מתקרב ל„סוף המירוץ", מביט הוא אחורה, אם בשמחה ואם בצער.

מלה כתובה משמעות לה, היא יוצאת מרשות הפרט ונכנסת לרשות הכלל. עמה בא לידי ביטוי רצונו של הפרט להתחלק בחויותיו עם הזולת, לשתפו בעולמו או בחלק מעולמי. איך יבינו אותנו בנינו אם רק חלק מחיי גלוי לפניהם ובסיס ושורש חיי סתום להם? איך ילדי יבנו ויראו עתידם בלי לדעת את עברם ועבר הוריהם במלוא משמעותם? והרי אין עתיד בלי עבר וזה בזה שלוב ומאוגד.

זה נכון בחיי הפרט ובחיי הכלל, אך כדי להעניק תפיסה זו לכלל יש להתחיל מהפרט, איש איש בפינתו ואיש איש אצל ילדיו. יהיו נא דברי אלה על העבר תרומה לילדי, שבקוראם ובהבינם את העבר של הוריהם יעשירו את עתידם.

כמבעד לערפל עוברים לנגד עיני ימי ילדותי. נזכר אני בשבת אחת לאחר פרוץ המלחמה, או סמוך לכך, ואני ילד בין ילדי העיירה ומשחק עם ילדים בני גילי בערך. והנה — נקרעו מכנסי החדשים. לא נעים היה לחזור הביתה במכנסים קרועים, והיום הוא יום שבת. בשקט אני חומק אל הרבנית שגרה בקומה העליונה של ביתנו ומגלה לה צרותי, והיא בחיוך על שפתיה מרגיעה אותי באמרה כי עם צאת השבת היא תתקן לי את מכנסי. עד צאת הכוכבים אשהה בביתה, כי הרי אי־אפשר לשחק במכנסים קרועים. וכך אני מבלה את שעות אחר־הצהריים של יום השבת בבית הרבנית, משחק עם בתה דינה, בת־גילי, ומעבר לדלת נשמע קולו של הרב העוסק בתורה.

על־יד ביתנו, בית אבנים חדש ורחב־מידות שבעיירה, כאילו מצטנע לו ביתה של סבתי, אם אבי, הינדה בת ר׳ אהרון לבהבר. עולם מלא כל טוב הוא ביתה של סבתא. בחנותה אפשר לקבל וגם לקחת בצנעה סוכריות ומיני מתיקה מסוגים שונים, לזלול מאחרי גבה של הסבתא ולאחר־מכן לחזור הביתה כגיבור ולהכריז שאין אנו רעבים. ואמא תחנן לפני בנה המסכן, הגווע מרעב, לאכול כפית מרק. ואין היא מעלה בדעתה כי הקיבה מלאה ממתקים ואין עוד מקום למרק. וה„בוידעם״ — עליית הגג — של סבתא הינדה, הרי זה פלא. עולם קסום, מלא רזים, „אוצרות״ שאין הדמיון יכול להכילם ימצא שם הילד ולא ייעף ולא יחדל מחיפושיו. באחד החיפושים ב„בוידעם״ גיליתי שקי כסף רבים, וכבר אני עצמי בדמיוני כמלך קריזוס חדש, והעולם כולו הוא אחוזתי הפרטית, וכחסד מיוחד הנני מבטיח לדינה בת הרבנית וחברת משחקי לשתפה בעושרי העצום. ומה רבה היתה אכזבתי כאשר אבא הסביר לי בבת צחוק שאלה הם קורונות אוסטריות מזמן מלחמת העולם הראשונה, שעתה הן נטולות כל ערך ואינן עוד כסף עובר לסוחר ויפים רק כשטרי כסף למשחקי ילדים. אבל, הרי עוד יועילו למשחק ולדמיין שהנך עשיר כקורח.

ושוב אני נזכר בסבתי האחרת, גיטל מבית בירנבוים, אם אמי. כילד בגן הילדים הביאה לי הסבתא גיטל חליפת מלחים נאה מוורשה, ואני כולי אומר גאוה, מבליט את חזי המעוטר בעיטורים שונים ומדקלם ברוב התלהבות:

Na górze — róże
Na dole — maliny,
Pójdziemy wszyscy
Do Palestyny...

גם טעם „חדר" טעמתי. זה היה „חדרו" של ר׳ מאיר מלמד. שם למדתי רק עונה אחת, מעט חומש ורש"י. בערבי החורף היו נושאים אותנו הביתה על כתפי ה„בעלפערים", שהיו מצויידים בפנסים ובפנים נרות. קסמו של ה„חדר" הזה לא היה טמון בלימוד או בשינון האלף־בית או בר׳ מאיר עצמו, כי אם בסבתא מלכה. בוקר־בוקר בלכתנו ל„חדר" היינו עוברים על־יד פתח ביתם של הסבא אהרון והסבתא מלכה, שהיתה מחלקת מטבעות קטנות לכל נכדיה הקטנים וניניה המרובים, שזכתה וראתה אותם מבניה ובנותיה ומנכדיה הגדולים.

ארבעה בנים היו לו לסבא שלי, אב־אמי, ר׳ יונה קירשנבוים: ישראל, ראובן, משה ואליהו ושתי בנות, מהן אחת אמי, שיינדל, והשניה בת זקונים, מניה, שבראשית המלחמה חלתה ברגליה שהיכתה קשה בנערה היפה. שלושת הבנים הגדולים כבר הרויחו לפרנסתם וכסף רב היה בידיהם ואני, שהייתי הנכד הראשון במשפחה, זכיתי לפינוקים רבים. כל דוד ראה מחובתו לקנות לי דברי מתיקה או לדחוף לידי כמה מעות, ואני כמובן נוטל מכולם.

שיחק לי המזל כי משפחתי נמנתה על המשפחות הגדולות בעיירה שלנו גרניץ וגניבושוב. גם מצד אבי וגם מצד אמי היו משפחות ענפות ומפוזרות בשני גבולות העיירה. רוצה — הריני אוכל בבית סבתי הינדה, רוצה — הולך אני לגניווישוב לבית סבי ר׳ יונה ואוכל שם ומתפנק ומשחק בחצר הנרחבת של סבי, או באורוותיו מלאות השחת. בחצר עמדה מרכבה ישנה, ששימשה אוביקט להפעלת דמיונו של הילד הקטן, ואם משעמם קמעה, וסאת המשחקים והדמיונות נתמלאה, הרי אפשר לבקר אצל הדודים והדודות הרבים, מצד אבא או מצד אמא, לחזור הביתה רק לפנות ערב, ולגרום עגמת נפש וצער לאמא, שחיפשה אחרי כל היום. אמי כבר תארה לעצמה שילדה יחידה לא אכל כל היום, היא לא תארה לעצמה שבכל מקום כבר אכלתי ושבעתי, אבל בבואי הביתה הייתי מעמיד פני מעונה וקדוש כדי לשמש נושא לרחמי אמי. אוכל — הס מלהזכיר — אלא בתנאי — שאקבל פרס. יצא, שעם פרוץ המלחמה צברתי לי „הון" בסך שלושים זלוטי.

משפחה גדולה ברכה רבה בה: בכל סכסוך בינך לבין הוריך יכול אתה למצוא מקלט אצל אחד הקרובים. לשם אפשר להימלט עד יעבור זעם וכעס ההורים עליך יחלוף. כמובן שלסבא או לסבתא, לדוד או לדודה, אינך חייב לספר דבר המריבה בינך ובין הוריך, אף כי אותה שעה הופכים הם את העיירה בחיפושיך אחריך. בבואך אל הקרובים סיפרתי להם שבאתי מתוך געגועים רבים וכי נעים לשהות במחיצתם. באת ואתה אצלם משחק ואוכל עם ילדי הבית. ואם

חשדנים הם ומתחילים להציק בשאלות, הרי רצוי לשנות את הנושא או להפרד מהם ולשים פעמיך לדוד אחר, בקצה השני של העיירה, מה רב האושר! משפחה ענפה וכולה מרוכזת בעיירה אחת. מי יחזיר חזיון זה לימינו? אימתי יחזור עולם מכושף זה לילדינו?

ימות החורף הם עולם קסום בלובן. אז אפשר להחליק על האחוריים מכל תל וגבעה או להגיע במגררת השלג שלי ל„הר" שליד סבי ר' יונה בגניבושוב, ומשם לגלוש בתנופה מלאה למטה ושוב לעלות לראש הגבעה וחוזר חלילה. מגררת שלג זהו ספורט של הקטנים, הגדולים יותר, הספורטאים יותר, יחליקו על מחליקיים וקנאתנו היתה רבה. אך בלא הצטננות בימי החורף הקרים אי־אפשר. ולהצטננות היתה בידי אמי תרופה בדוקה, ואם לא הועילה, ודאי שלא הזיקה: תה מהביל, מלא עם מיני מרקחת שהמרתף הגדול שלנו היה מלא בהם לקראת החורף, ושינה. והמרתף, הרי גם הוא היה מרתף קסמים. גדול ומרווח וגדוש בכל מיני ריבות ומרקחות, במיוחד לקראת החורף. זכורני שבראשית המלחמה דאג אבא, שיהיה מלא פחמים ותפוחי אדמה, ובזמן המחסור לא אחד מעניי העיירה היה זוכה לקבל שק פחמים חנם ממרתפו של אבא, שלבו תמיד היה פתוח ורחום לצרכי עניים. עניי העיירה ידעו שפנחס גולדשטיין לא יסרב להושיט סיוע. כך היה לפני המלחמה וכך היה בשנים הראשונות של המלחמה כל עוד ישבנו בעיירה שלנו.

זכרונות מועטים, אך עד כמה יקרים הם, כבנים יחידים, כאודים מוצלים מאש, ולכן ההתרפקות עליהם היא כה עמוקה. זוכר אנכי את גרניץ ואת גניבושוב על שלל יהודיהן העשירים והעניים. שתי עיירות, שאחת היו שאופיין היהודי היה כה מובן לנו, , וברקע הגויי הרגישו רק בעת שיצאו לפרוורים, לקצווי העיירה, כי היהודים במרכז ישבו. זוכר אני את כולכם בלי שמות, בלי פנים; כהמון תוסס, ער וחי. זוכר אני את בית־הכנסת הגדול בחגים ובשבתות והוא הומה קהל המתפללים, והוא מלא בקולו המתרונן והמתנגן של החזן בעל הזקן הלבן הפטריארכלי, היורד לו עד אבנטו, חזן שהיה גם שוחט העיירה. זוכר אני את הרחוב ההומה בלבושי קפוטות ושטריימלך, וסתם לבושי חג, לאחר התפילה בשבתות ובחגים. זוכר אני את כולכם, אתם שיצרתם את קהל העיירה הקטנה החיה הזו — היא עיירת מולדתי הרחוקה.

זוכר אני את משפחתי הגדולה והענפה, את דמותו מלאת הדרת הכבוד והגבוהה משכמה ומעלה, של סב־אבי ר' אהרון ליבהאבר ועל־ידו אשתו הקטנה מלאת בינה וטוב לב, הסבתא מלכה. סבתי שלי מצד אבי, הסבתא הינדה,

שנשאה כל חייה בעול פרנסת ביתה, בעוד בעלה עובד אלוהיו בבית־הכנסת, או מדפדף בדפי הגמרא בבית. זוכר אני את ילדיה של הסבתא הינדה־שיינדל ומירל, האחיות והאח של אבי משה׳לה.

זוכר אני את סבי מצד אמי, ר׳ יונה קירשנבוים וסבתי גיטל, זוכר אני את בניהם הצעירים ואת בתם, שבמיטב שנותיהם, באביב חייהם הלכו לבלי שוב.

את כולכם, את כל־כולכם אני זוכר באהבה רבה שהשנים רק הגבירוה. בהתרפקות גדולה אני מתרפק עליכם, על כל אחד לחוד ועל כולכם יחד. על כל אלה שהזכרתי ואלה שלא הזכרתי, כי זכרוני, זכרון ילד, לא עמד לי. מי יתן ותחיו לא רק בי אלא גם בילדי ובילדי ילדי.

במלחמת העולם השנייה

כאשר פרצה המלחמה מלאו לי שש שנים. הורי ביקשו לרשום אותי לבית־הספר, אך לא עלה בידם, שכן לבית־הספר נתקבלו ילדים שמלאו להם שבע שנים. כאשר פרצה המלחמה נאסרו על ילדים יהודיים הלימודים בביה״ס הכללי הפולני. בלית ברירה התחלתי ללמוד בבית, אצל מורה פרטי, כי איזה אב יהודי יוותר על השכלה לבנו? לי היתה מורה, נערה יהודיה שהגיעה אלינו עם מגורשי לודז׳.

פרצה המלחמה ועיירתנו נכבשה בידי הצבא הגרמני. בביתנו השתכן קצין אפסנאות גרמני.. הקצין היה איש קשיש יותר, ותיק מלחמת העולם הראשונה ואורחו־ורבעו היה אנושי יותר. הוא היה כעין צדיק בסדום. פעם נפל לידי סיגר שלו, עטתי על המציאה והחלטתי לעשן את הסיגר. שומו שמים. לא רק סיגריה קטנה שמעשנים אותה בסתר, בלי ידיעת ההורים, אלא סיגר עבה וארוך נפל בידי. הסתגרתי בבית השימוש והתחלתי לעשנו. ראשי החל להסתחרר עלי וככל שאני מוסיף לעשן כן גובר כאב ראשי. הנסיון הראשון שלי בעישון נסתיים בבחילה ובהקאות, אך כך גם התרפאתי ונגמלתי מעישון, בטרם התחלתי לעשן ואיני מצטער על כך.

בשנת 1942 בקיץ, גורשנו מהעיירה לאחר שעוד קודם הוקם בה גיטו. הורי ועוד חלק מהמשפחה עברנו לעיירה־הכפר חודז׳צה, שבפלך ליפסק דאז. שם גרנו יחד עם משפחת סבי מצד אמי, ר׳ יונה, בשני חדרים אצל אכר אחד. אך גם כאן לא ניתנה לנו מנוחה, כעבור חודשיים־שלושה גורשו ממנה יהודיה והפליטים שנמלטו אליה, לגיטו בעיר ליפסק.

היהודים הועמסו על שיירת עגלות שיצאה תחת שמירה לליפסק. בעיירה

עצמה נשארה רק קבוצת גברים קטנה, ביניהם אבי ועוד כמה קרובי משפחה ואנשי עיירתנו גניבושוב. הם הושארו להשליט סדר בחודז'צה, לאחר שיהודיה גורשו ממנה. תכניתנו היתה שבלילה ינסו הגברים להוציא את משפחותיהם מהגיטו בליפסק ולהסתתר מעיני הגרמנים.

ערב הגירוש ניצבו הורי בפני בעייה קשה בקשר עם אחי הקטן עזרא, שהיה אז כבן שנתיים (נולד בראשית 1940). ילד יפה היה ודומה לאמי ז"ל. אולם להחזיקו עמם לא יכלו, שכן בכיו או מילמולו עלולים היו להסגיר אותנו בידי הגרמנים. ונוסף לכך, כיצד יכול פעוט בן שנתיים לחיות בתנאים קשים של מחבוא? באין ברירה הוחלט למסרו למשפחת האכרים אצלה גרנו. כסף רב ניתן להם ועוד יותר הובטח להם בתנאי שישמרו על הילד עד יעבור זעם. וכך הוא הושאר אצל משפחת האכרים הפולניים; אבי נשאר עם קבוצת הגברים בעיירה חודז'צה ואני ואמי עם משפחת סבי ושאר קרובי, יצאנו בשיירת העגלות לגיטו ליפסק.

אמי, שיינדל בת ר' יונה קירשנבוים וגיטל מבית בירנבוים, כל ימי אזכרנה כאשה אמיצת לב, מלאת מרץ, פעלתנית ומסורה לבני משפחתה. כזאת היתה לפני המלחמה וסגולותיה אלה התבלטו עוד יותר בזמן המלחמה ואחריה, עד שרצחוה הרוצחים הפולניים לאחר שעברה את כל מדורי הגיהנום של המלחמה. כל הדרך לליפסק, בהיותנו ישובים בעגלות ומוקפים שמירה גרמנית, חשבה אמא על דבר אחד בלבד — לברוח! כי היא ידעה שמהגיטו הבריחה קשה שבעתיים. ואמנם, סמוך לעיר ליפסק, כאשר בתיה כבר נראו מרחוק, וכבר ירד הערב, היא לקחה אותי — ילד בן שמונה — וברחנו מהשיירה והצלחנו להסתתר בשדה. המתנו בשדה עד רדת הלילה וכאשר שמענו טרטור גלגלי העגלות הריקות שחזרו מהעיר, עלינו שוב על הדרך, עצרנו עגלה אחת וחזרנו אתה לחודז'צה. אבא, בראותנו, הופתע הפתעה גדולה, כי הוא לא ציפה לראותנו כה מהר. עוד באותו לילה מסרנו את אחי לגויים, כשדמעות זולגות מעיני אמא בלי הרף. השכבנו את התינוק לישון ובישנו שנת מלאך נשקנו אותו נשיקת פרידה ומיד, בלילה חמקנו, בדרך לא דרך, לסביבת עיירתנו גניבשוב. כך החלה פרשת ההסתתרות.

חדשים אחדים הסתתרנו בכפרי הסביבה אצל אכרים שונים. מדי כמה לילות ולעתים מדי לילה, החלפנו בתי־האכרים, שקיבלו אותנו והאכילו אותנו תמורת תשלום רב ולא מתוך רחמנות או רגשות אנושיים. המצב נהיה קשה ביותר, עם התקרב החורף של שנת 1942/3. החיפושים של הגרמנים והפולנים אחר

היהודים המסתתרים הלכו וגברו וכן גברה חשדנותם של הפולנים ואי רצונם להסתכן בהסתרת יהודים ואפילו תמורת בצע כסף, מה גם שרבים, רבים מהם שמחו לאיד היהודים. העם הפולני אכול שנאה ואנטישמיות היה, ורבים הצדיקו את השמדת היהודים בידי הגרמנים ואף הודו להם על כך, אף כי ארצם שלהם היתה למירמס קלגסי הנאצים.

אצל איכר אצלו הסתתרנו, שהה חתנו עם משפחתו מהעיר וורשה. הם באו לכפר כי מחוסרי אמצעים היו ולא יכלו לכלכל עצמם בוורשה, אך החתן לא רגיל היה בחיי כפר והתגעגע לוורשה. הוסכם אתם שכל המשפחה תחזור לוורשה ותקח אתה את אמי ואותי ואבי יוסיף להתחבא אצל האיכרים, מתוך הנחה כי לאיש אחד, בודד, קל יותר הדבר. תמורת המחסה שהמשפחה הפולנית תתן לי ולאימי, תקבל המשפחה הוורשאית סכום כסף שיספיק לכלכלתה. כך הגענו אמי ואני לוורשה לרחוב קפוצינסקה ואבינו נשאר לבד בכפר.

בוורשה

ישבנו בוורשה, אך את העיר לא יכולנו לראות. הפחד לצאת לרחוב היה גדול מדי, שמא יכירו, כי יהודים אנחנו, והרי פולנים רבים הפכו את המצוד על היהודים לפרנסתם. אלה, בתופסם יהודי, היו סוחטים ממנו כספים, תחת איום הסגרה לגרמנים, ולא מרפים. הפחידונו גם ה„אקציות" שהגרמנים היו עורכים בצד הפולני. לכן סגורים ומסוגרים היינו כל היום והערב בדירה, בבחינת בל יראו, לפני שכנים ומבקרים, ורק מאוחר בלילה יכולנו לצאת לחצר לנשום מעט אוויר.

בוורשה שהינו חודשים אחדים ומאחר שסכנה היתה צפוייה לכל המסתיר יהודים, החליטה אמא לחזור למקום מחבואו של אבא בכפר. ייתכן שאמא ביקשה להצטרף לאבי ולחלק אתו את גורלו בנדודיו בכפרים הפולניים. אינני יודע מה היה השיקול המכריע, מכל מקום יום אחד קמה אמא, נפרדה ממני ומחופשת כפולניה חזרה לאבי, ואני נותרתי לבדי בוורשה אצל המשפחה הפולנית.

לבדי

כאמור, הסתתרתי באחד הבתים ברחוב קפוצינסקה בוורשה. את הרחוב לא הכרתי, כי לא ניתן לי לצאת, ובכלל לא הכרתי את וורשה למרות היותי בה יותר משנתיים, כי לא יצאתי ממחבואי אפילו בלילות.

כדי להגביר הרגשת בטחוני, סודרה לי תעודה פולנית על־שם יאַן ווייצ׳ורק. בבואי לוורשה ידעתי רק אידיש, אך נאסר עלי לדבר באידיש אף בנוכחות

אמא והכריחוני לדבר רק בשפה הפולנית. לאט־לאט החלה שפה זו להיות שגורה בפי ולדחוק את האידיש. כדי שהפולנית תהיה שוטפת בפי וכדי להיוודע לספרות הפולנית נרשמתי על ידי הבת הבכירה של בעל הבית בספריה. לאט לאט השתלטתי על השפה ויכולתי לה. בסוף תקופת הסתתרותי קראתי ספרים בשטף עד שהייתי מסיים קריאת ספר במשך יום.

לאחר נסיעת אמי התקינו לי מסתור בעליית־גג צרה, עד שלא יכולתי למתוח רגלי והייתי נאלץ לשכב כשרגלי מקווצות. בעליה זו ביליתי כשנתיים, עד הקיץ של שנת 1944, כאשר פרץ המרד הפולני. אפלולית מתמדת שררה ב„משכני" ורק קרני אור בודדות חדרו פנימה. במשך היום, על ידי אימוץ עיני, עלה בידי איכשהו לקרוא, אולם בערבים שרר בעלית־הגג חושך גמור ולא יכולתי לקרוא. אז שקעתי במחשבות.

קרוב לשנתיים ימים לא ירדתי מעלית עינויים זו, וגם צרכי עשיתי שם. לא ראיתי איש לנגד עיני, מלבד הדיירים, ורק הקולות שעלו מלמטה שמעתי ואת סאון רחובות וורשה עלה אלי כאילו מעולם רחוק ומכושף. ואני, כאילו הייתי גרוטאה בין הגרוטאות שהוטלו לעליית־הגג בה שכבתי, אך גרוטאה זו תבעה אוכל. כן, שכנים היו לי בעלייתי, שכנים בלתי קרואים — הפשפשים היו בני לויתי כל השנים האלה.

נחמתי היחידה בימים האפלים ההם היו הספרים. אילולא הקריאה הבלתי פוסקת בהם הייתי שוקע בטמטום מוח. ספרים קראתי ללא הפסק, יום־יום ספר חדש. ואם זכרוני אינו מטעה אותי, וודאי קראתי כ־700 ספר. הייתי רושם שם הספר, מחברו ונושאו. „בלעתי" כל סוגי ספרים: ספרי ילדים, הרפתקאות, מדע, היסטוריה, הכל ראוי היה להיקרא. לאט־לאט התחילה להיווצר תמונת עולם במוחי. למדתי פרקי היסטוריה רבים, הכרתי מושגים ועקרונות ואידיאלים של חיים; הודות לספרים עוצבה בי לאט לאט תפיסת עולם וראשית השקפת חיים.

מתוך הרהורי וקריאה בספרים גמלה בלבי החלטה נחושה, בשכבי מכווץ במארתי החשוכה: להתגונן כאשר הגרמנים יבואו לקחתני. לכן בקשתי שיקנו לי סכין. סכין לא קיבלתי רק אולר גדול קנו לי. אולר זה נהפך לחברי ולא נפרדתי ממנו. ילד הייתי בחושבי כי אפשר להתגונן בפני הגרמנים באולר. עוד נתברר לי, אולי הודות לחינוך שקיבלתי בבית אבי ואולי הודות לקריאה בספרים, כי ארץ יש לי, מולדת, אי־שם במזרח ופולין איננה מולדתי, ולאחר המלחמה, אעזוב את פולין, אעלה לארצי, למולדת היהודים. כל אותן השנים חייתי

בתקווה, כי אחיה, ואבלה את המלחמה. היתה זו אמונה בלתי רציונלית, מבלי שיהיה לה על מה לסמוך.

השכיבה המתמדת ללא תנועה, בקיווץ גפיים, גרמה לרפיון שרירי הרגלים, עד שניטל ממני הכושר לישרן או להלך זמן רב, עד שרגלי חזרו לאיתנן.

חלפו ימים, שבועות וחודשים ודבר לא התרחש, חייתי אותם חיים חדגוניים ובלתי־משתנים. לעתים רחוקות קבלתי ידיעה מהורי, ולעתים רחוקות עוד יותר חל מאורע כלשהו בחיי בעלייתי הקטנטונת. לעתים שמעתי רחש עולה מהחדרים ואחר שוב השתרר שקט. אך באחד הימים הגיעו אלי קולות רמים. מקטעי הדברים של המשוחחים השונים ושל הבעל והאשה, הבינותי שפרץ מרד בגיטו. התרגשות רבה אחזה את הנוצרים. „מיטיבי", פולני עירוני צעיר, לאומני ביותר, לא נעדר רגשות אנטישמיים, אך אותי הסתיר רק מתוך רדיפת בצע. נימת דיבורו על המרד היתה חדורה נימה של הערכה. היהודים לוחמים בגרמנים בגלוי! היהודים מצליחים להחזיק מעמד וגם להרוג בגרמנים! איזה פלא! לא יאמן דבר כזה מצד היהודים! לבסוף לא יכלו להתאפק, עלו אלי וסיפרו לי על המאורעות שפרצו בגיטו וורשה. אינני יודע מה היתה כוונתם; אולי ביקשו להביע הערכתם ליהודים ואולי ביקשו לעודדני, או סתם לספר לי על מאורע היסטורי בחייה של וורשה. כך נודע לי על מרד גיטו וורשה ועל מלחמת אנילביץ וחבריו. לאחר זמן מה נדם הכל וכאשר עלו אלי שנית סיפרו בנימה של זעם, כי בגלל היהודים הורסים הגרמנים את וורשה שלהם.

שוב עברו ימים, שבועות וחודשים. מקטעי השיחות שהתנהלו בדירה למטה, הבינותי שהחזית הרוסית מתקרבת, והגיע היום בו שמעתי רעם תותחים. ופתאום המולה למטה, התרגשות עצומה, פרץ מרד הפולנים בראשותו של בור קומארובסקי. לא ידעתי הרבה על התפתחותו של המרד, רק אחת הרגשתי, עם כל הפצצה ירדו דיירי הבית למיקלט ואילו אני נשארתי נתון לגורלי ולגורל הפצצה הגרמנית.

יום יום, בדייקנות של שעון היה מטוס גרמני מפציץ אותנו, עד שבאחד הימים פגעה פצצה והרסה את האגף הימני של הבית בו הסתתרתי. ואני התחלתי אז לקרוא בפעם השניה את הספר האחרון שקבלתי עם פרוץ המרד; אפשרות אחרת לא היתה לי, וכי מה יכולתי לעשות? הפחד של הרחוב שלט עלי, הייתי גם משותק ברגלי ולכן נשארתי במקומי וחכיתי לבאות.

להפגזות המרגמות התרגלתי אף לא התרגשתי כאשר פגז פגע בדירה מעלי, בפעולתה היתה מרגמה מקימה רעש דומה לגיעה של פרה או לחריקת של דלת חלודה של ארון. רעש זה היה מבשר את ההפגזה הקרבה והוא מרט את העצבים.

במתיחות ובדריכות ציפינו לפגזים שעוד רגע קט יפגעו בבתינו. צפיה מתוחה דומה לזו הרגשתי כאשר הפציצו אותנו מטוסי הצלילה הגרמניים. שמעתי צלילתו של המטוס ומחכה אין אונים לפצצה שתיפול על הבית.

ככל שנמשך המצב הורגש מחסור במצרכי אוכל ראשונים. בשר סוס הרוג נהפך למטעמי מלך.

הגרמנים הרסו באורח שיטתי רחוב אחר רחוב ובית אחר בית. גם תור הרחוב שלנו הגיע. האוכלוסיה כולה גורשה החוצה, הגברים הבריאים נשלחו לעבודות לגרמניה ואלו הנשים והילדים גורשו מחוץ לוורשה.

בהגיע תורנו, יצאה המשפחה כולה מביתה ואותי השאירו סגור על מנעול. חכיתי לגורלי ואלרי בידי... חשבתי: אולי אצליח להחזיק מעמד במחבואי עד שהרוסים יכבשו את העיר. אך כיצד אחזיק מעמד — לא ידעתי.

הגרמנים התכוונו להפוך את ורשה לתל חרבות. בית אחר בית העלו באש ורק השלדים נותרו. והנה הגיע גם תור הבית בו הסתתרתי.

יום אחד הרגשתי שהדירה מתמלאת עשן, תחילה חשבתי שהעשן ימוג מיד ואחזיק מעמד, אולם הרגשתי שאני הולך ונחנק. בלית ברירה זחלתי על ארבע וירדתי מעליתי החוצה דרך החלונות ההרוסים. כמעט והסתנורתי, כי זו הפעם הראשונה לאחר שנתיים ראיתי את אור השמש, והימים ימי קיץ. מתאר אני לעצמי שמי שראני אז, חשב אותי ליצור שלא מהעולם הזה. מין גוף של ילד הזוחל על ארבע, מגודל פרא ושערותיו מכסות את חזהו, כי זה כשנה לא הסתפרתי ובגדי — סחבתי.

בזחילתי ראיתי גוויות שני אֲנשים מוטלות בחורבות החצר השוממה, וכשלושה צעדים ממני עמדו שני חיילים גרמניים חמושים ומביטים עלי. לפי התלבושת שלהם שהיתה שונה מתלבושת הז׳נדרמים או ה־ס. ס. ידעתי כי הם חיילי החזית, לאחר שהתאוששו מההלם שתקפם נוכח הופעתי, לקחוני תחת זרועותי וסחבו אותי אתם.

הגענו לכיכר התיאטרון. שם עצר אותנו ז׳נדרם והתפתח ויכוח בינו ובין שני החיילים שהחזיקו בי. כנראה שהתווכחו על מוצאי. הם הפשילו את מכנסי להיווכח אם יהודי אני אם לאו. למזלי הרפה ממני הז׳נדראם והחיילים הביאו אותי למקום ריכוזם, שם האכילו אותי, נתנו לי בגדים אֲחרים. באוסף משונה של בגדים שחורים וגדולים ממידתי — הביאוני ליד מים והתרחצתי. לפנות ערב הסיעו אותי בעגלה לאחד ממקומות הריכוז של האוכלוסיה הפולנית שגורשה מוורשה. זכורני שזאת היתה כנסיה גדולה וכולנו רוכזנו באולם התפילה הגדול שלה.

בכנסיה מויינו העצורים: הבריאים והצעירים — לעבודת כפייה בגרמניה: החולים לבתי־החולים והיתר גורשו מוואראשה, איש איש לנפשו. אותי הביאו לבית־חולים, כי לא יכולתי לעמוד על רגלי. היה זה בית־חולים הגדול „טוורקי״, שאת חוליו חיסלו הגרמנים.

בבית החולים

מקיץ 1944 ועד חורף 1945, עת הרוסים פתחו באופנסיבה החורפית שלהם וכבשו את פולין, עברו עלי בבית־החולים זה.

החולים היו עזובים לנפשם. מזון כמעט שלא סופק להם, פרט ל־50 גר. לחם לארוחת בוקר ומים רתוחים. לארוחת־צהרים קיבלתי עלי כרוב במים רתוחים ולארוחת ערב שוב 50 גרם לחם ומים רתוחים. אך מי שהיה לו כסף יכול היה להשיג מזון כלשהו להחייאת נפשו. גברים היו מוסרים את מעט הטבק שלהם תמורת מנת הלחם. רופאים לא היו, רק נזירות טיפלו בנו.

בתחילה היו לי 500 זלוטי או „גורל״, כפי שקראו אז לשטר כזה, מתנת שני החיילים הגרמניים, שאספוני בוורשה לפני הפרדם ממני. כסף זה עזר לי מעט בתחילה, כי יכולתי לקנות בו מעט מזונות, ליד השער של בית־החולים. במהרה אזל הכסף ורזיתי מיום ליום עד שנהפכתי לשלד שקוף.

באולם בו שכבתי הייתי הילד היחידי, לכן הסבתי תשומת לב החולים. חלק מהם ניחש כי יהודי אני ואני כמובן הכחשתי בכל תוקף. זכורני, כומר, שהיה מבקר אותנו, ואשר בתפילותיו הנוצריות השתתפתי בקביעות ובאדיקות, לקחני יום אחד הצדה ושאלני באורח דיפלומטי אם אינני בן דת משה? כמובן שהכחשתי. והמצב נשאר בבחינת תיקו. הם מניחים כי יהודי אני ואילו אני מכחיש.

בבית־החולים הייתי שוב בין אנשים וקלטתי רשמים ושיחות. זו הפעם הראשונה מזה שנתיים שהייתי בין אנשים חיים. מה גם שהתחלתי להתהלך, אמנם באיטיות ובצליעה, אך לאט לאט יכולתי להזדקף ולהניע את שרירי ולהתחיל להחזירם למילוי תפקידם. התחלתי ללכת זקוף.

כך עברו הימים בבית־החולים. אנשים מתו והשאר המשיכו לחיות. הנותרים בחיים ציפו בכליון עיניים למיתקפה הרוסית וליום השחרור. קוויתי שהורי נשארו בחיים ומכיוון שכך ודאי יעמדו בקשר עם האיכר, שאצל בתו וחתנו הסתתרתי בוורשה. תכננתי, כי מיד לאחר השחרור אכתוב לו ואודיע לו על מקום הימצאי, בתקוה כי כך ימצאוני הורי.

והנה הגיע היום הגדול. מבעוד בוקר שמענו כעין רעם בלתי פוסק הנישא מהמזרח. תחילה לא תפסנו משמעות הדבר, עד שהבינונו כי זו היא מיתקפת הרוסים. האש ורעם התותחים קרבו לעיר וכעבור ימים אחדים שוחררתי.

גם בהיותי משוחרר, טענתי כי פולני אני, למרות שניסו לפתות אותי באומרם כי עתה יכול אני להודות על האמת, אבל אני בשלי: יאַן ווייצ׳ורק שמי.

בכליון עינים חיכיתי לחידוש שירותי הדואר הפולני. ואכן, מיד לאחד הפעלתו שיגרתי מכתב לאיכר, אליו הובאתי לפני שנתיים. מאותו רגע חייתי במתיחות ובדריכות בצפייה ותקווה כי הורי חיים. אך חוסר הוודאות טלטלני בין יאוש ותקווה, כי מה אעשה בודד וגלמוד בעולם אכזרי זה?

בית החולים החל להתרוקן, איש איש החל לחזור למקומו ולמשפחתו. יותר ויותר מיטות עמדו ריקות ורק מעטים נשארו בין כותלי בית־חולים, וביניהם אני. שאלוני למה אני מחכה? ואני התחמקתי בשתיקה או בתשובה סתמית. כל עוד נתנו לי לשהות במקום חיכיתי ולא זזתי.

יום אחד עמדה אמי לידי. נפגשנו לאחר פרידה ארוכה ארוכה וכעת — חופשיים. חופשיים מאימת הגרמנים. את הפגישה אין לתאר, אין המלה הכתובה יכולה להביע את קדושת הפגישות בין אמהות יהודיות שניצלו ומצאו את ילדיהם. דל העט ודלה שפת אנוש למסור חוויה כזאת לזולת ומוטב שתשאר חרוטה בנפש כפקדון קדוש וטהור.

בדרכנו חזרה לעיירת הולדתנו עָברנו את ורשה ההרוסה. בדרך חזרה סיפרה אמי את הקורות אותה ואת אבי במשך כל אותה התקופה הארוכה. היא סיפרה על סבתי הינדה ועל בתה הצעירה ביותר מירלה, היא דודתי, שגם הן ניסו להסתתר בסביבות העיירה שלנו ושתיהן נרצחו ע״י הפולנים מתוך שחמדו את מעט הכסף שהיה לשתי הנשים הנרדפות, או סתם מתוך אנטישמיות וצמאון לדם יהודי; כך מצאו סבתי הינדה ז״ל ובת זקוניה והיא באביב ימיה, בטרם מלאו לה עשרים שנה, את מותן מיד פולני מרצחת וקברם אי שם באחד מיערות פולין, בסביבת עיירתנו.

הגענו לעיירה. מתחנת הרכבת לקחני דודי אליהו, אח אמי הצעיר ביותר, שגם הוא נשאר בחיים. נפגשתי עם אבי ועם היהודים המועטים שהתקבצו בעיירה, מי מכפרי הסביבה ומי ממחנות הריכוז.

קשה היה להכיר את העיירה, בתים רבים נהרסו, אך ביתנו עמד על תילו, כי תחנת המשטרה הפולנית שכנה בו. דומה כאילו התחלנו לחזור לחיים רגילים. אבל היתה זו רק אשלייה.

הבודדים שנשארו מכל בני העיירה היהודית הפורחת, הציצו לתוכה לשעה קלה, אך לא עצרו כוח לשהות בה והלכו הלאה לעולם הגדול. גם מעט המשפחות היהודיות נוכחו לדעת כי אין עוד חיים כאן. אבי תכנן לעקור ללודז׳ וכן תוכנן שאכנס לגימנסיה פולנית. עם זאת החלו הורי בחיפושים אחרי אחי הקטן עזרא, שהושאר בשנת 1942 בחודזצה.

אך בשל המאבק בין כנופיות הא. ק. וממשלת פולין בחסות ברית־המועצות, נבצר היה מהורי לנסוע לחודזצה ולחפש את אחי. הסביבה היתה מאד מסוכנת, עקב כנופיות הא. ק. ששרצו שם. אולם שמענו מהכומר של חודזצה כי אחי חי. הכומר סיפר: המשפחה הגויית, לאחר שקיבלה את הכסף החזיקה את הילד זמן מה, אך מאוחר יותר פחדה להסתכן והחליטה להפקיר את הילד ברחוב וכך עשו. הילד הושלך לרחוב ושם מצאו אותו שוטרים פולניים. אלה הביאוהו לתחנת המשטרה ושאלו את הז׳נדרמריה בליפסק מה לעשות בו. התשובה היתה: „עשו בו כראות עיניכם״, והכוונה היתה שיש להרגו. בין השוטרים היה אחד חשוך ילדים והוא לקח את הילד כאילו להוציאו להורג, אבל למעשה הסתיר אותו ואימץ אותו. שוטר זה, — סיפר הכומר — עם השחרור עזב את חודזצה ועבר לשטחי מערב פולין במגמה להעלים עקבותיו, כי לשוטרים ששירתו את הגרמנים יצא שם רע לאחר השחרור. הורי החלו לחפש את השוטר, ואמנם עלו על עקבותיו עד שבא האסון. עד היום אני מבקש את אחי ומנסה להתחקות על עקבותיו שנעלמו, עדיין לא אבדתי תקוותי שבמוקדם או במאוחר אמצאנו.

כעבור כמה חודשים לשהותנו בעיירה, החלטנו לעבור ללודז׳. דודי אליהו לקחני ברכבת ללודז׳ והשאירני בדירה שלנו. הוא עצמו חזר לעיירה כדי לשוב עם הורי כעבור כמה ימים ולהתישב קבע בלודז׳.

נשארתי לבדי בדירה, ציפיתי להורי. עברו כמה ימים והורי לא הגיעו. התחלתי לדאוג, עד שהבשורה הובאה אלי.

פוגרום נערך בעיירה, הפולנים רצחו את הורי, דודי אליהו, את דודתי, אשתו של ר׳ אברהם ליבהאבר ועוד יהודיה. חמישה יהודים, שרידי השואה, נרצחו בידי הפולנים. כולם נרצחו בדם קר ע״י רוצחים שצלם אנוש נמחק מהם.

יהיה זכרם ברוך ומנוחתם באדמת נכר, רחוק מיקיריהם, מנוחת אמת תהיה. אך דמם השפוך יזכיר לנו ולעולם, כי הפולנים שותפים היו לחיה הנאצית ברציחת היהודים; שותפים טמאים, רוצחים בדם קר. בל נשכח זאת לעולם!

פון באַהעלטעניש צו באַהעלטעניש

אברהם מרדכי ליבהאַבער

1

פרײַטיק, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך זיך באַדאַרפט מעלדן צום מיליטער אין ראַדאָם. אָבער שוין פרײַטיק פרי זענען די דײַטשע עראָפּלאַנען געפלויגן איבער דעם בנין ווו ס'איז פאָרגעקומען די מאָביליזאַציע און געוואָרפן באָמבעס. מ'האָט אונדז געהייסן פאָרן אַהיים.

צוריק פון ראַדאָם זענען מיר געפאָרן מיט פערד־און־וואָגן, ווײַל די גאַנצע באַן־ליניע איז געווען צעשטערט. מאָנטיק פרי בין איך געקומען אין גניעוואַשאָוו. מײַן געשעפט איז געווען ליידיק, ווײַל גניעוואַשאָוו ליגט 10 קילאָמעטער פון דעמבלין, אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פונקט, דערפאַר זענען די דײַטשע עראָפּלאַנען כסדר געפלויגן איבערן שטעטל. זענען מײַנע יידישע גוטע פרײַנד אַ גאַנצן שבת־צו־נאַכטס און זונטיק געווען ביי מיר אין געשעפט און אַוועקגעפירט אויף וועגענער די סחורה צו מײַנע באַקאַנטע, וועלכע האָבן געהאַט קעלערס. דאָרט איז די סחורה געלעגן ביז מוצאי־שבת תשובה ווען אין שטאָט איז אַרײַן דײַטשיש מיליטער. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די וואָס וועלן באַהאַלטן סחורה, וועלן דערשאָסן. מיר האָבן די סחורה צוריק געבראַכט אין אָרדענונג.

דעם 24סטן סעפּטעמבער אין דער פרי, איך קום פון דאַווענען און דערזע, אַז מײַן געוועלב איז אויפגעריסן, דײַטשן זענען אינעווייניק. איך האָב זיי געפרעגט וואָס זיי ווילן, וועל איך זיי געבן. זיי האָבן געפאָדערט אַ שאַליק אויפן האַלדז. כ'האָב יעדן פון זיי געגעבן אַ שאַליק. מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער זענען געקומען צענדליקער דײַטשן, מ'האָט אויפגעריסן די טירן פון געשעפט און געהייסן ראַבירן, נעמען וואָס יעדער איינער וויל. אין שטאָט זענען געווען פיל פויערים פון די דערפער. זיי האָבן גענומען וואָס און וויפל זיי האָבן געוואָלט. כ'האָב געזען, אַז אַלץ איז פאַרלוירן. כ'האָב אונטערגעשיקט יידישע פרויען, מיט פאַטשיילעס אויפן קאָפּ, זיי זאָלן אויסזען ווי פויערטעס און נעמען וואָס נאָר זיי קענען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָב איך פון זיי אַלץ צוריק

באַקומען. אַ טייל האָב איך באַלוינט פאַר זייער טירחה. נאָר דער רוב פון זיי האָט נישט געוואָלט נעמען פאַר זיך.

זונטיק ביינאַכט האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי דייטשן צו היטן דאָס געוועלב. אין מיטן נאַכט האָבן דייטשן געקלאַפּט, כ'זאָל זיי עפענען דאָס געשעפט און דערביי פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן מיר קיין שלעכטס נישט טאָן, זיי ווילן מיר בלויז עפּעס זאָגן. איך האָב געעפנט די טירן. האָבן זיי געבעטן, אַז איך זאָל זיי ביידע געבן יעדן אויף אַן אַנצוג, וועלן זיי מיר עפּעס זאָגן, וואָס וועט מיר צונוץ קומען. כ'האָב זיי געגעבן אויף אַן אַנצוג. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז מאָרגן פרי קומען פאָלקס־דייטשן מיט וועגענער און מ וועט אַלץ אַרויספירן, טאָ וואָס איך קען נאָר, זאָל איך באַהאַלטן. מיינע עלטערן זענען מ׳ט מיר געווען אַ גאַנצע נאַכט. מ׳ין פאָטער האָט מיר געעצהט אויף וועלכן אָרט און ווי אַזוי איך זאָל באַהאַלטן די סחורה.

2

אויף מאָרגן, מאָנטיק פרי, האָט מען אַלע יידישע מענער געטריבן צו דער אַרבעט — טראָגן שטיינער פון איין אָרט אויפן צווייטן, אָן אַ ציל, אַבי אונדז צו דערנידעריקן. אויף דעם גניעוואַשאָווער רב האָט מען אַרויסגעשלעפט צו דער אַרבעט. ער האָט געמו֯ט טראָגן די תפילין של ראש אויפן קאָפּ און דעם של יד אויף דער האַנט — און אַזוי האָט מען אונדז אַלע פאָטאָגראַפירט. צום געשעפט זענען די דייטשן צוגעפאָרן מיט לאַסט־אויטאָס און אַרויפגעלייגט די גאַנצע סחורה, זי אַוועק געפירט אין די דערפער לעבן אונדז, וואָס זענען געווען באַזעצט מיט פאָלקס־דייטשן. די סחורה וועלכע כ'האָב געהאַט באַהאַלטן אַ דאַנק מיין פאָטערס עצה, איז מיר פאַרבליבן, אויך די וועלכע כ'האָב צוריק באַקומען פון די יידישע פרויען און יענע אַרטיקלען, וועלכע מיין פרוי האָט געהאַט איינגעקויפט אין ראַדאָם. דאָס אַלץ און אַ סומע געלט, האָט מיר געהאָלפן איבערלעבן די פינצטערע מלחמה.

די סחורה האָב איך געגעבן צו באַהאַלטן צו העכער דרייסיק אָרנטלעכע קריסטן פון די דערפער אַרום גניעוואַשאָוו. אַ באַפעל איז געווען, אַז יעדער ייד וואָס האָט אין זיין באַזיץ שניט־סחורה, מוז ער זי איבערגעבן דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. יעדער פון די פויערים, וועמען כ'האָב געגעבן צו באַהאַלטן די סחורה, האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַלץ טאָן, כדי נישט איבערגעבן די סחורה דעם דייטש.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דער פֿויער ליעס, פֿון דאָרף מאַרקיוואָלע, 4 קילאָמעטער פֿון גניעוואַשאָוו, אַוועק צו די דייטשן און זיי דערציילט, אַז ביי אים ליגט שניט־סחורה, וואָס אַ ייד האָט באַהאַלטן — און ער וויל דאָס זיי איבערגעבן. זיין כוונה איז געווען: די דייטשן וועלן אים געבן 10 פּראָצענט פֿון דער סחורה און ער וועט ביי זיי זיין אַן אָרנטלעכער פּאָליאַק, וואָס האָט פֿיינט יידן. (דאָס האָט מיר איבערגעגעבן זיין איידעם). אַ טאָג נאָך דעם איז געקומען דער פֿויער און מיר דערציילט, אַז די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט אַז ער האָט יידישע סחורה, האָבן זיי ביי אים אַלץ צוגענומען.

אין ערשטן ווינטער פֿון דער מלחמה, פֿרייטיק־צו־נאַכטס כ׳ כסלו, נאָכן עסן, ווען אַלע זענען געשלאָפֿן און די מאַמע האָט געלייענט אין טייטש־חומש די סדרה פֿון דער וואָך, האָט זי פּלוצלונג באַקומען אַ ברוך. אַלע אין שטוב האָבן זיך באַמיט זי צו ראַטעווען, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. אַרויסגיין אין גאַס איז געווען פֿאַרבאָטן, מ׳האָט דערפֿאַר געקענט דערשאָסן ווערן. ערשט צומאָרגנס, שבת האָט מען געבראַכט דעם דאָקטער, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז שוין צו שפּעט. ביז 12 שעה נאָכן ברוך האָט מען נאָך געקענט ראַטעווען. איצט איז שוין פֿאַרשוואָלן, מ׳קען גאָרנישט טאָן. מיינע שוועסטערס פֿייגע און הינדע זענען געפֿאָרן קיין דעמבלין צו ברענגען דעם שפּיטאָל־דאָקטער, נאָר אים נישט באַקומען. זענען זיי געפֿאָרן קיין קאָזשעניץ און געבראַנגט דעם דאָקטער פֿאַרזשען. ער האָט געראָטן מען זאָל די קראַנקע שיקן אין זיין מאַשין קיין קאָזשעניץ און זי אָפּערירן אין שפּיטאָל. מיר זענען ביינאַכט געפֿאָרן מיט אַ וואָגן קיין קאָזשעניץ אין שפּיטאָל, ווו מיין מוטער איז שוין געווען אָפּערירט. מיר זענען געשטאַנען ביים בעט — און מיט צוויי שעה שפּעטער האָט זי אויס־געהויכט איר ליכטיקע נשמה. מיט דעם זעלבן וואָגן וואָס מיר זענען געקומען, האָבן מיר צוריק געבראַנגט איר טויטן קערפּער קיין גניעוואַשאָוו.

מיר האָבן געשיקט אַ קריסט מיט פֿערד־און־וואָגן, ער זאָל ברענגען פֿון מאַרקישאָוו דעם ברודער פּנחס־יעקב. דער וועג איז געווען פֿאַרבונדן מיט סכנת נפֿשות, באַזונדערס פֿאַר יידישע מענער.

פֿרייטיק 12 בייטאָג, האָט דאָס גאַנצע שטעטל אָפּגעגעבן מיין מוטער דעם לעצטן כבוד.

3

סוף 1939, האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן אַלע יידן פֿון פּולאַווו. זענען פֿיל יידן אַנטלאָפֿן צו אונדז אין שטעטל. אונדזער הויז איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויס

געוועלב, אַ קיך און עטלעכע גרויסע צימערן, אַ באַזונדערע וווינונג פאַרן פּאַטער און אַ לובלינער חסידים־שטיבל. ווען די פּליטים פון פּולאַוו זענען געקומען קיין גניעוואַשאָוו, האָבן מײַנע עלטערן געוווינט מיט מיר צוזאַמען און זייער וווינונג, ווי אויך דאָס לובלינער שטיבל זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די פּליטים פון פּולאַוו. ווען די דײַטשן האָבן אײַנגעשטעלט דאָס געטאָ, האָט מען אין אונדזער הויז אַרײַנגעזעצט עטלעכע משפּחות. איין צימער איז געווען פאַר אונדזער משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פון 9 מענטשן. בײַנאַכט איז מײַן שוועגערין שיינדל און טאָכטער הינדע מיטן קינד געשלאָפן בײַ מײַן פּלימעניק פּנחס גאָלדשטיין און מײַן ברודער פּנחס־יעקב איז געשלאָפן מיט אונדזער פּאַטער.

אין 1942 האָבן די דײַטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דער ייִד וואָס וועט טראָגן אַ באָרד, וועט באַשטראָפט ווערן. האָבן די רעליגיעזע ייִדן, ואני בתוכם, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַראָפּנעמען די באָרד, גענומען אַ טיכל און פאַר־בונדן דעם קאָפּ מיטן פּנים, גלײַך די מענטשן וואָלטן געליטן ציין־ווייטיק...

איינמאָל איז פאַרבײַגעגאַנגען דער פאָלקס־דײַטש ראַטקאַ און באַמערקט ווי איך גיי פאַרבונדן דעם קאָפּ, איז ער אַריבערגעשפּרונגען די געטאָ־צוים און גענומען מיך יאָגן ביזן סוף פון געטאָ. כ׳האָב ווײַטער נישט געקענט לויפן, האָט ער מיר געגעבן אַ פּאַטש, אַרײַנגעטריבן צו אַ פריזירער און באַפוילן אָפּ־ראַזירן די באָרד פון דער לינקער זײַט — פון די פּאות ביז די גאָמבע און נישט וואַגן אַראָפּנעמען די רעכטע זײַט פון דער באָרד. איך האָב ווײַטער פאַרבונדן דאָס פּנים, ביז די לינקע זײַט באָרד איז צוריק געוואַקסן.

ווען די דײַטשע זעלנער זענען צו אונדז געקומען, האָבן זיי פון בית־המדרש געמאַכט אַ שטאַל פאַר פערד. ווען זיי זענען אַוועק צום פראָנט און אין שטאָט איז געווען אַן עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס, פון וועלכן פיל ייִדן זענען געשטאָרבן, האָט מען דאָס בית־המדרש פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל.

4

אין אויגוסט 1942, האָבן די דײַטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ביז פרײַטיק מוז גניעוואַשאָוו זײַן ריין פון ייִדן און וועלכן ייִד מ׳וועט טרעפן נאָך פרײַ־טיק, וועט גלײַך דערשאָסן ווערן. דער באַפעל איז געווען צו פאָרן קיין זוואָלין, 21 קילאָמעטער פון גניעוואַשאָוו, אָבער ייִדן זענען זיך צעלאָפן ווו די אויגן האָבן

געטראָגן — קיין קאָזשעניץ, דעמבלין, ליפּסק, טשעפּאַלאָוו. כאָטש צו די לעצטע דריי ערטער איז דער וועג געווען אַ סך ווייטער און פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, אָבער מ׳האָט געוווּסט, אַז דאָרט לעבן די יידן רויק, נישטאָ קיין געטאָ.

אין די טעג פון מיטוואָך ביז פרייטיק, וואָס מיר האָבן נאָך געמעגט זיין אין גניעוואַשאָוו, איז ביי די פּאָליאַקן געווען אַ יום־טוב, פון אַלע דערפער אַרום גניעוואַשאָוו זענען זיי געקומען אין שטאָט. זיי האָבן גערעדט צו די יידן: „וואָס דאַרפט איר דאָס אַלץ מיטנעמען, גיט עס אונדז צו באַהאַלטן. ווען איר וועט צוריק קומען נאָך דער מלחמה, וועלן מיר אייך אַלץ אָפּגעבן"... אויך די פּאָליאַקן וועמען איך האָב אָנפאַרטרויט מיין פאַרמעגן, האָבן בשעתו פאַרזיכערט, אַז איך און מיין משפחה וועלן ביי זיי קענען זיך אויסבאַהאַלטן, ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. נאָר איצט זענען זיי געקומען אָנזאָגן די בשורה, אַז כ׳קען ביי זיי אַפילו די שוועל נישט אַריבערטרעטן — און וואָס כ׳האָב ביי זיי באַהאַלטן, וועלן זיי אָפּגעבן נאָך דער מלחמה, אויב ס׳וועט ווער פון אונדז צוריק קומען.

כ׳האָב באַשלאָסן נישט צוהערן זיך צו די באַפעלן פון די דייטשן און עצות פון מיינע פאַלשע פריינד, די פּאָליאַקן, נאָר אַז כ׳מוז זיך און מיין משפחה אויס־באַהאַלטן. דאָס געלט וואָס איך האָב און די סחורה וואָס ליגט ביי די גויים — ווי ווייט מעגלעך אַליין אויסנוצן. כ׳האָב אויסגעזוכט אַ פּאָליאַק, וואָס כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געטרויט, זייער אַן אָרעמער גוי. כ׳האָב געוווּסט, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער און אים געזאָגט, אַז כ׳וויל זיך ביי אים אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל צייט פאַרן פּרייז פון 100 זלאָטעס אַ טאָג פאַר יעדן איינעם פון מיין משפחה, ד. ה. — 400 זלאָטעס אַ טאָג, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער אַ גרויסע סומע געלט.

מיר זענען ביי אים געווען באַהאַלטן צוויי וואָכן. דורך דער צייט האָבן מיר דעם פּאָליאַק געשיקט געוווּר ווערן ווו געפינען זיך נאָך יידן אין דער געגנט און ווו איז דער זיכערסטער אָרט צו לעבן. מיר האָבן אויסגעקליבן דאָס דאָרף כאָטש, 35 קילאָמעטער פון גניעוואַשאָוו. פאַר דער מלחמה האָבן דאָרט געלעבט 20 יידישע פאַמיליעס און אין די מלחמה־יאָרן — עטלעכע הונדערט. עס איז דאָרט געווען אַ יודענראַט. קיין געטאָ איז נאָך נישט געווען. מיר, דאָס הייסט איך און מיין פאַמיליע, אויך מיין ברודער גרשון־העניעך מיט זיין פאַמיליע, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין אַ דאָרף, האָבן געדונגען פערד־און־וואָגן און במשך דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין כאָטש.

ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ פון דעם וואָגן, האָט ווער פון יודענראַט מיר

געזאָגט, אַז זיי פרייען זיך שטאַרק וואָס אַזאַ מענטש ווי איך בין צו זיי געקומען. נאָר פאַר דעם זכות צו ווױנען אין כאָטש מוז איך זיי געבן 1.500 זלאָטעס. איך האָב זיי געגעבן דאָס געלט און מיר זענען „געכשרט געוואָרן” צו וווינען אין כאָטש.

דאָס דאָרף איז אַרומגערינגלט מיט וועלדער. דער רוב פויערים האָט באַלאַנגט צו דער פוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אַ. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ). מיר האָבן געדונגען אַ שטוב ביי אַ פויער. מיט אייניקע טעג שפּעטער זענען צו אונדז אין שטוב אַריין באַנדיטן און פון מיר און מיין פרוי צוגענומען דאָס פּויליש געלט וואָס זיי האָבן ביי אונדז געפונען. ביי די קינדער האָבן זיי נישט געזוכט.

5

נאָכן צונעמען פון אונדז די סחורה און דאָס פּוילישע געלט, איז מיין פרוי, מיט נאָך עטלעכע יידישע פרויען, געגאַנגען צופוס קיין גניעוואַשאָוו, איינצוקאַסירן אַ ביסל געלט. זיי האָבן געטראָגן פּאַטשיילעס אויפן קאָפּ. נאָכן אָפּזיין צוויי טעג אין גניעוואַשאָוו, ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען קיין כאָטש, זענען זיי באַפאַלן די קינדער פון די רייכערע פּאָליאַקן פון שטעטל און ביי זיי צוגענומען אַלצדינג. אויך דעם דימענט־רינג, וואָס מיין פרוי האָט געטראָגן אויפן פינגער.

אין כאָטש האָט מען זיך געריכט, אַז יעדע מינוט זאָל אַראָפּקומען אַ שטראָף־עקספּעדיציע פון ס. ס., כדי צו ליקווידירן די א. ק., איז בעסער, אַז מיר זאָלן דאָ נישט זיין. איך און מיין פאַמיליע, דער ברודער גרשון־הענעך מיט זיין פאַמיליע, זענען מיט אַ געדונגענער פור געפאָרן קיין טשעפּלאָוו, ווו ס'האָבן זיך געפונען מיין שוועסטערס זון און מיין שוואָגער פנחס מיט זיין משפחה. אין טשעפּלאָוו איז געווען אַ גיהנום. דער יודענראַט האָט נישט געוואָלט איינמעלדן די צוגעקומענע. אויף יעדן טריט און שריט איז געווען אַ דייטש און געפאָדערט אַ שיין, אַז מ'איז פון טשעפּלאָוו. ווער עס האָט נישט געהאַט קיין דאָקומענט איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. ווו צו באַהאַלטן זיך איז נישט געווען. איז געבליבן איין אויסוועג: צושטעלן זיך צום אויסגראָבן קאַרטאָפל פאַר די גוטבאַזיצערס, אָן געצאָלט, אַפילו נישט קיין עסן. דער אויפזעער איז געווען אַ פּאָליאַק. אויב מ'האָט נישט שנעל אויסגעקאָפּעט די קאַרטאָפל, האָט ער מיט אַ בייטש געשמיסן איבערן פּנים און הענט.

מיין ברודער גרשון־הענעך מיט זיין משפחה זענען געפאָרן קיין קאַזינאָוו,

צו מיין שוועסטער פייגע און איר משפחה, ווי אויך צו מיין ברודער פנחס־יעקב מיט זיין משפחה, וועלכע זענען דאָרט געקומען מיט אייניקע וואָכן צוריק.

שבת אין דער פרי הערט מען, אַז אין קאַזינאָוו איז אַן אויסזידלונג. דאָס מיינט, אַז טשעפּאַלאָוו וועט באַלד נאָכקומען. שבת־צו־נאַכט האָבן מיר געדונגען פערד־און־וואָגן און מ'איז צוריק געפאָרן קיין כאָטש. אויך מיין שוועסטערס זון פנחס צווייגנבערג מיט זיין משפחה זענען מיטגעפאָרן.

6

מאָנטיק איז טאַקע פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון טשעפּאַלאָוו. דינסטיק איז געקומען זשאַנדאַמעריע פון ליפּסק און באַפּוילן, אַז אַלע יידן פון כאָטש מוזן זיך צוזאַמענקלויבן אין עטלעכע הייזער ביים פּוילישן מאַגיסטראַט. דער ייד וואָס האָט נישט באַוויזן אַזוי שנעל צו פאַרלאָזן די וווינונג, וועלכע איז געווען בשכינות מיט פאַליאַקן, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. די זשאַנדאַרמען האָבן דערנאָך באַפּוילן, אַז דער יודענראַט מוז איינצאָלן פאַר יעדער יידישער פאַמיליע 500 זלאָטעס, כדי באַקומען אַ פערד־און־וואָגן צו פאָרן קיין טאַרלאָ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס זאַמלפּונקט פאַר די יידן פון די שטעטלעך אין יענער געגנט.

ניין אין דער פרי זענען מיר אַלע געווען אויפן פּלאַץ. דער עלטסטער פון די זשאַנדאַרמען האָט געזאָגט: „ווער עס וועט געבן 1000 זלאָטעס, וועט בלייבן אויפן אָרט דריי טעג, ביז מען וועט צוזאַמענעמען אַלע יידישע זאַכן, וואָס זענען געבליבן אין כאָטש, זיי אויפלאָדן אויף וועגענער און איבערשיקן אין ליפּסק. שפּעטער וועט מען אונדז פאַראייניקן מיט אונדזערע פאַמיליעס און איבערשיקן קיין סקאַרזשיסק".

איך, מיין זון יעקב־לייב, פנחס צווייגנבערג, פנחס גאָלדשטיין און זיין שווער וואָלקע שיינבאַום און, דוכט זיך, יאָסל טיראַנגעל האָבן געגעבן צו 1000 זלאָטעס יעדער. מיר האָט אויסגעפעלט עטלעכע הונדערט זלאָטעס, נאָר פנחס גאָלדשטיין האָט מיר געבאָרגט דאָס געלט. (ווען ער באָרגט נישט דעמאָלט די סומע, וואָלטן איך מיט מיין זון, פנחס צווייגענבערג מיט זיין פאַמיליע נישט איבערגעלעבט די אויסראָטונג. שפּעטער האָב איך פאַר זיי געשאַפן באַהעלטענישן).

מיר זענען פאַרבליבן אין כאָטש, כדי צוזאַמענקלויבן יידיש האָב־און גוטס. מיר האָבן פאַרזיכערט אונדזערע פרויען און קינדער, אַז מיר שיקן נאָך זיי אַ מענטש מיט פערד־און־וואָגן, זיי צוריק ברענגען פון טאַרלאָ. דאַן וועלן מיר

פּרוּוון צוקומען אין די דערפער אַרום גניעוואַשאָוו, ווו מיר קענען יעדן פּאָליאַק און פּרובירן זיך אויסבאַהאַלטן.

מיטוואָך, אַ גאַנצן טאָג, האָבן מיר צוזאַמענגענומען דאָס הפקר־געוואָרענע יידישע פאַרמעגן. ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, זענען מיר אַוועק צו דעם קריסט וואָס האָט אונדז באַדאַרפט ברענגען די פרויען און קינדער פון טאַרלאָ — און ביי אים זיך אויסבאַהאַלטן. דאָנערשטיק ביינאַכט איז ער געקומען צו אונדז אויפן בוידעם און דערציילט, אַז אין וואַלד זענען דאָ עטלעכע אַנטלאָפענע יידן. מיר האָבן באַשטימט, אַז ביינאַכט וועט מען זיך צוזאַמענקומען. אָבער יענעם אָוונט זענען אונדז באַנדיטן באַפאַלן. איך האָב באַקומען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, כ׳בין געפאַלן באַוווסטלאָז. די באַנדיטן האָבן צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געטראָפן, נאָר ביי די קינדער האָבן זיי נישט געזוכט.

7

נאָך דעם אָנפאַל האָבן מיר געדונגען אַ פּויער, ער זאָל ביינאַכט אונדז פירן נענטער צו גניעוואַשאָוו, אַזוי, אַז מיר האָבן נישט געטראָפן זיך מיט די מענטשן פון וואַלד. (איך מיין, אַז פּנחס צווייגנבערג איז זיי געגאַנגען זען — און דאָרט געטראָפן זיין מוטער, מיין ברודער פּנחס־יעקב מיט זיין פרוי שיינדל, מיין שוועסטער פייגע. די פּאָליאַקן זענען זיי באַפאַלן, אַלץ אַוועקגערויבט און דערנאָך איבערגעגעבן די דייטשן. מ׳האָט זיי געפירט קיין ליפּסק און דערשאָסן אויפן יידישן בית־הקברות. פּנחס צווייגענבערג ווייסט אפשר מער וועגן דעם, ווייל ביינאַכט האָט ער זיי באַדאַרפט ברענגען צו אונדז).

דורך די גאַנצע נאַכט וואָס דער פּאָליאַק האָט אונדז געפירט נענטער צו גניעוואַשאָוו, האָבן מיר באַוויזן דורכצופאָרן אַ האַלבן וועג, ווייל מיר האָבן געהאַט מיט זיך קליינע קינדער, מען האָט זיי געמוזט טראָגן. וואָלקע שיינבאַום, דער שוויגער־פאָטער פון מיין פלימעניק פּנחס גאָלדשטיין, וואָס איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען, האָט אין יענעם דאָרף געהאַט אַ באַקאַנטן פּאָליאַק. מיר האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט איבערן טאָג. ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, זענען אונדז ווידער באַפאַלן באַנדיטן און צוגענומען אַלץ וואָס איז געבליבן נאָכן איבערפאַל פאַריקע נאַכט.

פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף זוואָלע. דאָס ערשטע וואָס כ׳האָב געטאָן: אַריינפירן מיין משפּחה אין דער סטאָדאָלע פון פּויער, ביי וועלכן כ׳בין געווען אויסבאַהאַלטן די ערשטע צוויי וואָכן ווען מיר האָבן פאַרלאָזן גניעוואַשאָוו.

פנחס צווייגענבערג מיט זיין פאַמיליע האָב איך אַוועקגעפירט צום פויער סטאַך קוביצקי, וואָס האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט אויסבאַהאַלטן דעם ייד. דער פויער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ וואַסער־מיל, און דאָס אָרט איז געווען זייער גוט פאַר אויסבאַהאַלטן זיך. אַרום איז געווען אַ וואַלד, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע הייזער, ווו ס'האָבן זיך באַוויזן ווייניק מענטשן.

איך בין צוריק אַוועק צו מיין משפחה אין דער סטאָדאָלע פון פויער גאַוראָן. אין דער פרי, ווען ער איז אַריין אין שייער און אונדז דערזען, האָט ער אויף אונדז אָנגעשריגן, אַפילו געדראָט. קוים געקענט איבערזיצן דעם טאָג. ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, בין איך אַוועק זוכן אַ ניי באַהעלטעניש — און געפונען ביי אַן אָרעמען פויער. ער האָט פאַר זיך געהאַט אויפגעשטעלט אַ הויז פון צוויי צימערן און באַוויזן אויסצופאַרטיקן נאָר איינס. דאָס צווייטע איז געווען פאַר־קלאַפּט מיט ברעטער. דאָרט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן מיט מיין משפחה. דער פויער האָט געמאַכט אַ פאַרשטעלטן אַריינגאַנג.

אייניקע טעג שפּעטער, בין איך אין אַ פינצטערער נאַכט אַוועק צו פנחס צווייגענבערג מיט זיין משפחה, אויסבאַהאַלטענע ביים פויער סטאַך קוביצקי. ווען כ'בין אַריין אין דער סטאָדאָלע, האָט רייזל צווייגענבערג מיך געבעטן צוּוואַרטן ביז פנחס וועט קומען, ווייל דער פויער וויל זיי נישט האַלטן. איך בין געוואָרן צעטומלט: וואָס טוט מען? ווו גייט מען? ווען פנחס איז אָנגעקומען, האָט ער מיר דערציילט: „דער באַלעבאָס זאָגט, אַז מען שמועסט אין דאָרף, אַז ער, קוביצקי, באַהאַלט־אויס יידן און ר'האָט מורא פאַר אַ מסירה. קוים טרעפט מען ביי אים אַ ייד, וועט מען אים און זיין משפחה דערשיסן און דאָס הויז פאַר־ברענען".

נישט געווען קיין סך צייט צו וואַרטן. איך האָב פנחסן אַוועקגעפירט דערווייל אין מיין באַהעלטעניש און באַשלאָסן זיי איינצוּאָרדענען צווישן דאָרף קאַלאַ און פּאַדראַוויץ, ווו עס האָט געוווינט אַן איינ:אַמע קריסטלעכע משפחה, וועלכע איך האָב גוט געקענט. שפּעט ביינאַכט האָבן מיר דאָרט אָנגעקלאַפּט. די פויערטע האָט זיך געפרעגט ווער ס'איז. אַז איך האָב אָנגעגעבן מיין נאָמען, האָט זי געעפנט דעם הויף. איך האָב איר געזאָגט, אַזוי ווי פנחס צווייגענבערג האָט אין שטאָט אַ הויז, וועט ער עס איר אָפּשרייבן, אויך צאָלן וואָכנגעלט פאַר אויסבאַ־האַלטן אים און באַשפּייזן. מיט צוויי טעג שפּעטער, האָבן פנחס און זיין פאַמיליע זיך געפונען ביי סטאַך מאַסלאָווסקי.

אין דער זעלבער צייט, איז מיין שוועסטער הינדע און איר טאָכטער מירעלע געווען אויסבאַהאַלטן אין דאָרף זוואָלע, ביים פויער מאָלענדאָ. אין איינער אַ נאַכט האָט זיין זון געזאָגט צו מיין שוועסטער מיט איר טאָכטער, אַז ער ווייסט ווו איר זון פנחס גאָלדשטיין באַהאַלט זיך אויס, ער קען זיי צופירן צו דעם אָרט. ביידע פרויען האָבן מסכים געווען. ווען ער האָט זיי אַרויסגעפירט אין מיטן וועג, האָט ער מיט אַ שטעקן גענומען שלאָגן איבערן קאָפּ מיין שוועסטער מיט איר טאָכטער און שפּעטער מיט אַ שטריק איבערן האַלדז דערשטיקט די מוטער און די טאָכטער, מירל, וועלכע איז אומגעפאַלן און געחלשט. דער פויער האָט געמיינט אַז ביידע זענען טויט, האָט ער פון זיי אַלץ צוגענומען און צוריק אַוועק צו זיך אין הויז. מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט מירל זיך אויפגעכאַפּט און געזען ווי איר מוטער איז טויט. איז זי אַריין אין דער נאָענטסטער כאַטע. זי איז געווען פאַרבלוטיקט און האָט דעם פויער אַלץ איבערגעגעבן. צו מאָרגנס איז פּאָליציי געקומען פון שטאָט און מ׳האָט מיין פאַרפייניקטע שוועסטער קובר געווען אויפן אָרט.

8

מירל, הערצקע, דער זון פון מיין ברודער גרשון־העניעך און נאָך דריי יידישע בחורים, האָבן זיך געשאַפן אַ באַהעלטעניש ביי אַן אַנדערן אָרעמען פויער. אויך מיר, ווי דערמאָנט, זענען געווען באַהאַלטן ביי אַזאַ פויער. ווען ער האָט פון אונדז באַקומען געלט, האָט ער זיך אָנגעשיכורט און גענומען זיך באַרימען, אַז ביי אים זענען באַהאַלטן יידן. אַ געוויסן דינסטיק ביינאַכט, נאָך דעם מאַרק־טאָג, איז צו דעם פויער געקומען אַ פאָלקס־דייטש און געוואָלט אונדז נעמען צו דער זשאַנדאַרמעריע אין זוואָלין. ער איז מיט אונדז אויך געגאַנגען צו אַ צווייטער באַהעלטעניש, ווו ס׳איז געווען באַהאַלטן יוסף טיראַנגעל מיט זיין פרוי און דער דערמאָנטער הערצקע. איך האָב דעם פאָלקס־דייטש געגעבן אַ סומע געלט און געזאָגט, אַז פנחס צווייגענבערג וויל זיך מיט אים זען, ער האָט אים וויכ־טיקס איבערצוגעבן. (דער פאָלקס־דייטש איז פאַר דער מלחמה געווען באַ־פריינדעט מיט פנחסן). דער דייטש האָט געמיינט, אַז פנחס צווייגענבערג וויל ביי אים באַהאַלטן שניט־סחורה אָדער געלט. האָט ער אונדז געלאָזט פריי און מיר זענען אַוועק פון דעם אָרט.

די זעלבע נאַכט בין איך מיט מיין משפחה אָנגעקומען אין דער באַהעל־טעניש, וואָס כ׳האָב געשאַפן פאַר פנחס צווייגענבערג און זיין פאַמיליע ביי

סטאַך מאַסלאָווסקי. דאָרט זענען מיר געווען באַהאַלטן אַ יאָר צייט. דער פויער האָט געהאָפט צו ווערן דער אייגנטימער פון דעם שיינעם נייעם הויז וואָס פּנחס צווייגענבערג האָט פאַרשריבן אויף מאַסלאָווסקיס נאָמען. אויך זיין פרוי, די סטאַכאָווע, האָט דערביי געהאַט איר כוונה. זי איז געווען אַ פרומע, גלויביקע קאַטאָליקין. דער גלח האָט יעדן זונטיק אין זיין דרשה געזאָגט, אַז אַלע יידן מוזן אומקומען איבער דער זינד פון קרייציקן יעזוסן. די קריסטין האָט אַבער געהאָפט, אַז מיין זון וועט בלייבן לעבן, וועט ער זיך שמדן און אויך זיינע עלטערן. דער זון וועט חתונה האָבן מיט איר טאָכטער, וועט זי, די סטאַכין, האָבן אַ גרויסן זכות ביי דער הייליקער מאַריאַ...

נאָך צוויי וואָכן זיין דאָרט, איז געקומען סטאַך און געזאָגט, אַז אין דאָרף שאַרנאָוו, אויף דער באַן־ליניע, האָט מען געפונען ליגן פינף יידן מיט אָפּגע־שניטענע אויערן און פינגער, ווייל זיי האָבן געטראָגן גאָלדענע אוירינגלעך און גאָלדענע רינגלעך. זיי זענען געווען די איינציקלעך פונעם גניעוואַשאָווער רב, ר׳ יעקב־לייב צוקערמאַן — אַ מאַן מיט אַ פרוי און זייער קינד, אויך אַ פאָרפאָלק, קינדער פון די שענסטע רייכסטע מענטשן פון שטעטל, פון דער משפחה פון שמואל קאָרמאַן. זיי זענען געווען באַהאַלטן ביי רייכע פּאָליאַקן פון דאָרף, וועמענס זון איז געווען אַ מיטגליד אין דער א. ק. ער האָט זיי איבערגעגעבן צו די פוילישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן די יידן פאַרפייניקט און באַרויבט.

9

דאָס ערשטע יאָר זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן ביי די מאַסלאָווסקיס: איך און מיין משפחה; פּנחס צווייגענבערג און זיין פאַמיליע; זיין שוועסטער מרים (איצט אין אַמעריקע). סך־הכל — 9 פערזאָן. מיר זענען בייטאָג געזעסן שטאַרק צונויפגעדרענגט. אין די נעכט איז מען אַרויס אויפן הויף און אויך גע־עפנט די טיר, כדי איבערלופטערן די באַהעלטעניש. אָפטמאָל האָט אונדז באַזוכט פּנחס גאָלדשטיין און זיין פרוי שיינדל. אין יענער צייט האָב איך אָפּגעזוכט אַ באַ־קאַנטן פויער, סטאַך גאווראָן פון זוואָלע און האָב אים געגעבן צו באַהאַלטן שניט־סחורה. ער איז געווען אַן אָרנטלעכער קריסט, געהאַט אַ טאָכטער און איידעם אין וואַרשע. ער האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן מיין פרוי חיה־שרה, מיטן קינד משה־מענדעלע, פאַר אַ געוויסער סומע. אַזוי ווי מיין פרוי האָט נישט באַ־הערשט גוט די פוילישע שפּראַך, האָב איך פאַר דעם מורא געהאַט און די באַ־העלטעניש איבערגעגעבן דער פרוי פון מיין פלימעניק, פּנחס גאָלדשטיין מיט

איר זון יעקב (איצט אין ישראל). אַזוי זענען מיר פאַרבליבן אין אונדזער באַ־העלטעניש צען מיילער צום עסן.

איין מאָל אַ זונטיק, נאָכן קומען פון קלויסטער, איז צו אונדז אַריין די פויערטע און געזאָגט:

— דער גלח האָט היינט געהאַלטן אַ רעדע, אַז צוליב די זינד וואָס די יידן האָבן געקרייצט יעזוסן, וועט נאָך דער מלחמה נישט איבערבלייבן קיין איין ייד. דעריבער איז אַ שאָד אונדזער מאַטערניש, ווי איר אַרבעט און ריזיקע. זי וויל מ׳זאָל זי באַפרייען פון דעם אַלעמען, מיר זאָלן פאַרלאָזן איר הויז.

מיין פלימעניק פנחס גאָלדשטיין האָט געזען, אַז זי מיינט ערנסט, אַז מיר זאָלן אַוועק, אָבער ווו צו גיין איז נישטאָ. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה: שפּעט אין אָוונט, ווען די פויערטעס קינדער זענען שוין געשלאָפן, איז פנחס געקומען צו איר אין הויז און געבעטן אַ טובה. אַזוי ווי ער ווייסט, אַז די יידן קומען אום איבער די זינד וואָס מ׳האָט יעזוסן געקרייציקט, פאַרלאַנגט ער פון איר זי זאָל מאָרגן פרי גיין צום גלח און אים זאָגן, אַז ביינאַכט זענען פאַרביי־געגאַנגען יידישע פאַרטיזאַנער און געבעטן אים איבערגעבן 31 זלאָטעס, אַז ער זאָל אָפּריכטן אַ ספּעציעלע תפילה צו דער הייליקער מאַריאַ פאַרן געזונט פון די פאַרטיזאַנער, ווייל די יידן זענען איבערצייגט אין דער געטלעכקייט פון יע־וסן און זי, די קריסטין, זאָל בעטן, מ׳זאָל איבערלעבן די מלחמה. די 31 זלאָטעס, דער פרייז פאַר אַ תפילה, האָט די קריסטין איבערגעגעבן דעם גלח. דעם צווייטן זונטיק אָוונט איז זי אַרויף צו אונדז און געזאָגט, אַז מיר וועלן זיכער די מלחמה איבערלעבן. דער גלח האָט אָפּגעריכט אַ ספּעציעל געבעט און שפּעטער געזאָגט, אַזוי ווי בעתן מבול זענען אַלע מענטשן אומגעקומען, אויסער נח מיט זיין פאַמיליע, אַזוי וועט נאָך דער מלחמה איבערבלייבן אַ נח מיט זיין פאַמיליע. איז ווער קען דאָס זיין? זיכער, אַז אברהם מיט זיין משפחה. אַזוי, אַז זי וועט אונדז שוין האַלטן.

מ־ט אייניקע טעג שפּעטער איז ווידער געקומען סטאַך און געזאָגט, אַז ביים פויער סאָכעצקי האָט פּאָליציי געטראָפן פינף יידן, צווישן זיי: מיין ברודערן־זון הערצקע, פנחס גאָלדשטיינס שוועסטער מרים און זיי גענומען אין שטאָט. צו מאָרגנס האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אויפן יידישן בית־עולם. זיי האָבן פאַר זיך אַליין אויסגעגראָבן אַ קבר און מ׳האָט זיי אַלע פינף געשאָסן.

מיר האָבן זיך באַרעכנט, אַז אַלע דאַרפן זיין באַהאַלטן אויף איין אָרט, נאָר ס׳איז נישט גוט, קוים ווערט דאָס אָרט אַנטדעקט. מ׳האָט געשאַפן אַ צווייטע באַ־

העלטעניש פאַר פנחס צווייגענבערג און זיין משפחה, בעת איך מיט די מייניקע, פנחס גאָלדשטיין און מירא צווייגענבערג זענען געבליבן ביי מאַסלאָווסקין.

10

איין מאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט, בין איך געגאַנגען צום פּאָליאַק סטאַך פוסקאַרעק אָפּנעמען אַ ביסל שניט־סחורה וואָס כ'האָב ביי אים געהאַט באַהאַלטן איך האָב אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געזאָגט וואָס איך וויל. ער האָט מיר געענטפערט, אַז היינט קאָן ער מיר גאָרנישט געבן, נאָר אַזוי ווי ער ווייסט ווו איך האַלט זיך אויף, וועט ער אין אַ טאָג־צוויי ברענגען די סחורה אין מיין באַהעלטעניש. איך בין גלייך אַוועק צו מיינע און וועגן אַלעם דערציילט. מ'האָט באַשלאָסן, אַז מיר מוזן שוין פאַרלאָזן דאָס אָרט.

די צווייטע נאַכט בין איך אַריין צו אַ באַקאַנטן אָרעמען פויער, אַן אָפּגעזונדערטן פון דאָרף. ער האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע טעכטער חתונה צו מאַכן. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געזאָגט ווער איך בין. ער עפנט די טיר, איך זאָג אים וואָס איך וויל פון אים און וויפל איך וועל צאָלן. די צוויי מיידלעך, וועלכע זענען געלעגן אויפן אויוון ווו מ'באַקט ברויט, זענען פון דאָרט אַראָפּ און געפרייט זיך מיט מיר. זיי האָבן געפרעגט, אויב איך קאָן זיי געבן צוויי גאַנצע שטיקלעך ווייסע לייוונט און אויך שטאָף אויף חתונה־מלבושים. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אַלץ באַקומען. האָבן זיי פאַרגעלייגט צו קומען נאָך אַן ענטפער מאָרגן שפּעט אין אָוונט. כ'האָב מורא געהאַט צו באַווייזן זיך דעם צווייטן טאָג, קוים שטעלן זיי וועמען אונטער צו שפּיאָנירן, ווייל אַזוי האָב איך זיך געפירט די גאַנצע צייט פון אונדזער באַהאַלטן זיך — נישט קומען אין דער אָפּגערעדטער נאַכט.

ווען איך בין מיט עטלעכע טעג שפּעטער אַוועק צו דעם פויער, סטאַך זשעמבאַ, איז דער ענטפער געווען אַ פּאָזיטיווער — אָבער נאָר פאַר מיר און מיין פאַמיליע, ווייל דאָס אָרט איז קליין. צווישן דעם דאַך, באַקלאַפּט פון צוויי זייטן מיט קראָקוועס באַדעקט מיט שטרוי, איז אין בוידעם געווען אַ חלל, ווו מ'האָט נישט געקאָנט שטיין גלייך. דאָרט איז געווען אונדזער באַהעלטעניש, ווו מיר זענען געלעגן איבער דעם חזיר־שטאַל פון 6 פרי ביז 12 אָוונט, נישט געטאָרט זיך רירן פון אָרט, ווייל די זשעמבאַס האָבן געהאַט אַ קליין קינד, אַ יינגל פון 6 יאָר און שוויגער־עלטערן. זיי האָבן נישט געטאָרט וויסן, אַז אין דעם הויז באַהאַלטן זיך אויס יידן. די שוויגער־עלטערן מיטן קינד זענען עטלעכע מאָל

אין טאָג געקומען אין שטאַל מעלקן די בהמה און צוזאַמען מיטן חזיר אַרויס־טרייבן אויפן פעלד. יעדע באַוועגונג פון אונדז וואָלט מען אין שטאַל געהערט. אַלע באַדערפענשן דורכן טאָג האָט מען געמוזט טאָן אויפן אָרט, ווו מ׳איז געלעגן אָדער געזעסן. איינער האָט די כלי איבערגעגעבן צום צווייטן. ערשט נאָך צוועלף ביינאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט דיביינער און אַרויסגעטראָגן די אומריינקייט. צוויי מאָל אין טאָג האָט די פויערטע אונדז אַרויפגעגעבן עסן: אין דער פרי — אַ שיסל קאַרטאָפל און אַ שיסל קליסקעס מיט מילך און וואַסער; דינסטיק, אין מאַרקטאָג — האָט זי געקויפט פאַר אונדז אַ ברויט, פאַר דער גאַנצער וואָך.

11

ביי פנחס צווייגענבערג איז עפּעס קאַליע געוואָרן מיט דער באַהעלטעניש. ער און זיין משפחה, זיין שוועסטער מירל, פנחס גאָלדשטיין מיט זיין פרוי שיינדל, זענען אין מיטן נאַכט געקומען צו מיר. זענען מיר שוין געווען 11 פּערזאָן. אין דער פרי, ווען די קריסטין האָט געבראַכט עסן, האָט זי געפרעגט: „וואָס איז דאָס״? האָב איך איר אויפגעקלערט, אַז ס׳איז נאָר צייטווייליק. מיר וועלן זיך אויסגלייכן מיטן פּרייז פאַר זייער אויפהאַלטן זיך. זענען מיר טאַקע דורכגע־קומען וועגן אָפּצאָל, אָבער די קריסטין האָט נישט געוואָלט געבן מער שפּייז, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ חשד מצד אירע שוויגער־עלטערן און די טעכטערס חתנים: מ׳וועט זען צוגרייטן עסן פאַר מער מענטשן.

באין־ברירה האָבן מיר מסכים געווען, אַבי מ׳האָט ווו צו זיין. ס׳האָט זיך דאָך איינגעגעבן צו שאַפן אַ באַהעלטעניש פאַר פנחס צווייגענבערג מיט זיין משפחה. אויך פנחס גאָלדשטיין מיט זיין פרוי האָבן באַקומען אַ צייטווייליק אָרט ביי אַ באַקאַנטן קריסט, אַ געוועזענער פּאָסט־באַאַמטער, ווייל די פּאָסט איז געווען אין גאָלדשטיינס הויז.

אין די דערפער אַרום גניעוואַשאָוו, האָבן צווישן פויערים זיך אויפגעהאַלטן צוויי יידישע שניידערס: יוסף — מ׳האָט אים גערופן יאָסל דער האַלענגאַנשער און אַ שניידער פון דעמבלין. זיי זענען געווען פון די פאַרמלחמהדיקע בעסטע שניידערס. איצט האָבן זיי געדאַנקט גאָט, אַז מ׳גיט זיי עסן און שלאָפן פאַר זייער אַרבעט. ווען זיי האָבן פאַרטיק געמאַכט ביי איין פויער, האָט ער זיי איבער־געגעבן צו זיינעם אַ פריינד. פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך דערוווּסט וועגן די יידישע שניידערס. דער ערשטער קרבן איז געווען יאָסל דער האָלעגאַנשער.

אַ פּאָליציאַנט האָט אים געפֿירט קיין זוואָלין צו די זשאַנדאַרמען. דאָרט האָט מען אים געשאָסן. דעם דעמבלינער שניידער האָט מען אַזוי געפּייניקט אין דער זשאַנדאַרמעריע, אַז ער האָט זיך איינגעבראָכן און אויסגעזאָגט, אַז ביי מאַס־לאַנסקין לעבן יידן. (ביי די מאַסלאַנסקיס זענען מיר געווען באַהאַלטן ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק). די זשאַנדאַרן זענען מיט אים געקומען און קיינעם נישט געפֿונען. זיי האָבן דעם שניידער שטאַרק געשלאָגן און דערשאָסן.

אייניקע וואָכן שפּעטער, איז מיר געקומען צו חלום מיין פֿאָטער און געזאָגט, אַז ס'וועט זיין אַ חתונה — נאָר מיר וועלן דאָרט נישט זיין...

זונטיק נאָך מיטאָג איז זעמבאַ געקומען אַהיים פֿון קירך און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דינסטיק ביינאַכט וועלן מיר מוזן פֿאַרלאָזן די באַהעלטעניש, ווייל לויט אַ פֿאַראָרדענונג פֿון די דייטשן, מוז יעדער ניי־געבוירן חזיר אָדער בהמה, איינגעמעלדעט ווערן אין מאַגיסטראַט און באַקומט אַ בלעכל, צוגעקלאַפּט צום אויער. יעדעס יאָר קומען די זשאַנדאַרן פֿון פּאָוויאַט קאָנטראָלירן, צי די בעלי־חי זענען געסטעמפּלט. נאָך דער פֿאַראָרדענונג, האָבן די דייטשן זיך געלאָזט איבער די דערפֿער זוכן אויף די ביידעמער, קעלערס און סטאָדאָלעס, אויב די פּאָליאַקן האָבן נישט באַהאַלטן אָדער געקוילעט אומגעסטעמפּלטע חזירים. ווען דייטשן זענען אַריין צו אַ פּויער און געטראָפֿן אַ גרויס פֿעט חזיר, צוגעבונדן צום בעט, האָט ער זיי געזאָגט, אַז דאָס חזיר איז „אויף דער צייט" צו האָבן קליינע חזירימלעך. אין אַזאַ פֿאַל האָט מען נישט געדאַרפֿט ברענגען עס אין שטאָט, נאָר בלויז מעלדן.

מיטוואָך איז געווען דער טאָג, ווען די פּויערים פֿון דער געגנט, וווּ מיר זענען געווען באַהאַלטן, האָבן געדאַרפֿט ברענגען די לעבעדיקע חזירים און בהמות צו דער גמינע. אַזוי ווי דאָס לעבן פֿון פּויער און אונדזערע לעבנס זענען געווען אין סכנה, האָבן מיר דינסטיק אים פֿאַרלאָזט. אויך פּנחס צווייגענבערג איז געווען אין געפֿאַר, ווייל פֿון זיין דאָרף האָט מען אויך געדאַרפֿט ברענגען די בעלי־חי צום רעגיסטרירן. הגם מיר האָבן נישט געהאַט וווּ צו גיין, האָב איך געזאָגט דעם פּויער, אַז דינסטיק שפּעט ביינאַכט וועלן מיר פֿאַרלאָזן זיין באַהעלטעניש. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען פּנחס צווייגענבערג מיט זיין משפּחה און פּנחס גאָלדשטיין זענען דינסטיק אַריינגעקומען און געזאָגט: „ווי גאָט וועט פֿירן, אַזוי וועט זיין". אין דער פֿרי איז זשעמבאַ געקומען זען, צי מיר האָבן טאַקע פֿאַרלאָזט — און געטראָפֿן אַלעמען...

אין דרויסן איז שוין געווען ליכטיק. די פּויערים פֿירן די חזירים אין שטאָט,

בעת די זשאַנדאַרן הייבן שוין אָן זוכן אין די דערפער. זיי זענען שוין נאָענט פון אונדז. זשעמבאַ, זיין זון און פרוי, האָבן פאַרבראַכן די הענט, גענומען די קינדער און אַוועק פון הויז, ווייל אויב מען אַנטדעקט אונדז, שיסט מען זיי און דאָס הויז ווערט פאַרברענט.

מיר האָבן געקוקט דורך די שפּאַרעס און געזען ווי די זשאַנדאַרן גייען אויפן וועג צו אונדז — און מיט פּחד דערוואַרט דעם סוף. מירל צווייגענבערג און פּנחס גאָלדשטיין האָבן געוואָלט אַראָפּשפּרינגען און לויפן צו דער ווייסל. איך האָב זיי פאַרהאַלטן, ווייל אין העלן טאָג זענען פיל מענטשן אויפן וועג, מיר זענען זיכער פאַרלוירן. נאָר דער נס איז געשען. ווען די דייטשן זענען שוין געווען נאָענט צו זעמבאָס הויז, האָבן זיי זיך אַוועקגעדרייט אין אַן אַנדערער זייט. שפּעטער איז זעמבאַ אַרויפגעקומען צו אונדז, זיך צעקושט מיט אונדז און געזאָגט, אַז מיר יידן האָבן אַ גרויסן גאָט. פּנחס צווייגענבערג איז צוריק אַוועק אויף זיין אָרט.

צוויי נעכט אין חודש, ווען ס'איז געווען גוט פינצטער, זענען מיר געגאַנגען צו פּויערים, וווּ מיר האָבן געהאַט באַהאַלטן אונדזער סחורה און פון זיי געבעטן דערפון צו ביסלעך. אַ געוויסן שבת־צו־נאַכט, בין איך, פּנחס צווייגענבערג, זיין שוועסטער (אָדער פּנחס גאָלדשטיין און זיין פרוי) געגאַנגען צו מאַסלאַנסקין מיט סחורה. מיר האָבן גענעכטיקט אין סטאָדאָלע און זונטיק, נאָכן אומקערן זיך פון קלויסטער, איז דער שוואָגער באָליעק שמיטאַנקע כלומרשט געקומען זיך זען מיט דער משפּחה — און מיר האָבן אויספאַרקויפט די סחורה.

אַ געוויסע נאַכט, אין יאָר 1944, בין איך מיט יעקב־לייבן און פּנחס גאָלד־שטיין מיט זיין פרוי אַוועק פון אונדזער באַהעלטעניש און גענומען מיט זיך די סחורה, וואָס מיר האָבן אין די פינצטערע נעכט אָפּגענומען פון די פּויערים.

12

מיר זענען געגאַנגען נעכטיקן צו מאַסלאַנסקין. אויף מאָרגן האָט געדאַרפט קומען זיין שוואָגער צו קויפן ביי אונדז די סחורה. ווען מיר זענען שוין געווען אין שטוב האָבן מיר דערהערט הינט בילן און זייער רייסן זיך פון דער קייט. מאַסלאַנסקי איז אַרויס מיט אַ לאַמטערן און דערזען מיין פרוי חיה־שרה מיטן קינד משה־מענדעלען און פּנחס גאָלדשטיין מיט זיין פרוי. זיי האָבן דערציילט, אַז נאָך אונדזער אַוועקגיין איז זשעמבאַ געקומען אין באַהעלטעניש און געזאָגט, אַז מאָרגן דאַרפן קומען זשאַנדאַרן אין דאָרף און אומגעגנט, ווי אַ שטראָף־

עקספּעדיציע פֿאַר נישט צושטעלן די קאָנטיגענטן תבואות — און די באַהאַלטענע מוזן דאָס אָרט פֿאַרלאָזן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז די פֿרויען מיטן קינד זאָלן נעכטיקן אין חזיר־שטאַל און איך, מיין זון און פּנחס גאָלדשטיין זאָלן זיך איינאָרדענען אין סטאָדאָלע.

זונטיק נאָכמיטאָג איז באָלעק שמיעטאַנקאַ געקומען קויפֿן די סחורה. ווען ס'איז געוואָרן גוט פֿינצטער, האָבן מיר זיך געגרייט צו גיין צו פּנחס צווייגענבערג. פּלוצלונג זענען אָנגעקומען באַנדיטן, מיט מאַסקעס אויף די פּנימער, גענומען אונדז שלאָגן מכות רצח און צוגערויבט דאָס געלט וואָס מיר האָבן געהאַט. זיי האָבן געפֿאָדערט, כ'זאָל זיי זאָגן ביי וועמען איז באַהאַלטן מיין שניט־סחורה. ווען איך האָב נישט געגעבן קיין ענטפֿער, האָבן זיי מיך אָפּגעלאָזן. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען מענטשן פֿון א. ק., האָבן מיר זיי געבעטן, אַזוי ווי זיי האָבן אונדז צוגענומען דאָס גאַנצע געלט, זאָלן זיי זאָגן מאַסלאַנסקין, ער זאָל אונדז האַלטן אַ וואָך צייט אָן געלט. זיי האָבן גלייך צוגערופֿן די מאַסלאַנסקיס און זיי באַפֿוילן צו האַלטן אונדז אַ וואָך צייט, אָן געצאָלט. ווי נאָר די באַנדיטן זענען אַוועק, האָבן מיר פֿאַרלאָזט די מאַסלאַנסקיס.

די צוויי פֿרויען און מיין קינד האָבן מיר אַריינגעגעבן צו פּנחס צווייגענבערג אין באַהעלטעניש. איך און מיין עלטערער זון יעקב־לייב און פּנחס גאָלדשטיין, זענען אין מיטן נאַכט געגאַנגען צו די זשעמבאַס געוויר ווערן וואָס האָט געטראָפֿן. די פֿויערטע האָט זיך צעוויינט, אַז מ'האָט איר פֿאַלש אינפֿאָרמירט וועגן דער שטראָף־עקספּעדיציע און אויס מורא, האָט זי באַלד נאָך אונדזער אַוועקגיין געהייסן זיי פֿאַרלאָזן. ווו זיי זענען — ווייסט זי נישט. אין דער קומענדיקער נאַכט האָבן מיר צוריקגעברענגט אונדזערע משפּחות אין דער באַהעלטעניש ביי די זשעמבאַס.

13

מיר האָבן געוווּסט, אַז גאַווראָן פֿון זוואָלע, ווו פּנחס גאָלדשטיינס זון, יעקב, איז געווען אויסבאַהאַלטן, איז פֿאַרבינדונגס־מאַן פֿון דער א. ק.־צענטראַלע אין וואַרשע פֿאַר גניעוואַשאָוו און אומגעגנט. פּנחס גאָלדשטיין האָט באַדאַרפֿט יעדן חודש געבן גאַווראָנען געלט פֿאַרן אויפֿהאַלט פֿון זייער זון יעקב. אויך איך בין מיט גאַווראָנען געווען גוט באַקאַנט, געהאַט ביי אים שניט־סחורה. ער איז געווען אַן ערלעכער פּאָליאַק. צוליב דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפֿט האָבן מיר באַשלאָסן צו זען זיך מיט אים און פֿרעגן מכוח דער באַציונג פֿון א. ק.

צו יידן. גאַווראָן האָט געוויזן געדרוקטע אויפרופן קעגן אויסראָטן באַהאַלטענע יידן ביי קריסטן. נאָר יעדער לאָקאַלער קאָמענדאַנט פון דער א. ק. האָט אַ רעכט צו האַנדלען לויט די אומשטענדן אין זיין ראַיאָן. דער איינציקער וואָס קען אונדז ראַטעווען איז מאַלענדאַ, קוביצקיס איידעם פון גזשיבאָוו. ער איז דער קאָמענדאַנט פון גאַנצן ראַיאָן. אַזוי ווי איך בין מיט מאָלענדאַן גוט באַקאַנט, דאַרף איך זיך מיט אים זען.

אין אַ פינצטערער נאַכט בין איך און פּנחס צווייגענבערג אַוועק קיין גזשיבאָוו. מיר זענען צוגעקומען נענטער צום הויז און נישט געהערט די הינט בילן. די זאַך איז געווען אויפפאַלנד. אויף די שפּיץ פינגער זענען מיר צוגע־גאַנגען צום הויז און באַמערקט דאָרט אַ פולע שטוב מענטשן. זיי באַראַטן זיך אין דער פינצטער, מ׳גיט פאַראָרדענונגען. מיר זענען אַזוי געשטאַנען איייניקע מינוטן — און צוריק אַוועק. מען איז אונדז נאָכגעלאָפן און געשאָסן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן. מער זענען מיר צו מאָלענדען נישט געגאַנגען.

ווען מ׳האָט זיך געטראָפן מיט באַקאַנטע פּויערים בעת פאַרקויפן די סחורה, האָבן מיר זיי דערציילט וועגן די געדרוקטע אויפרופן פון דער א. ק. אין וואַרשע, אַז זיי זענען קעגן אויסראָטן די יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס. געווען פּויערים, וואָס האָבן געענטפערט, אַז דאָס איז אַ ליגן, ווייל די צענטראַלע פון א. ק. איז קעגן די יידן. האָבן מיר באַשלאָסן וואָס ווייניקער זיך ווייזן ביי די פּויערים.

פּנחס צווייגענבערגס „מעלינע״ איז קאַליע געוואָרן, איז ער מיט זיין פאַמיליע, שוועסטער מרים און פּנחס גאָלדשטיין און זיין פרוי, געקומען אין אונדזער באַהעלטעניש. אָנפאַנג זומער 1944, האָבן מיר דורך אַ שפּאַרע באַמערקט דייטשיש מיליטער מאַרשירן פאַרביי דעם הויז ווו מיר זענען געווען באַהאַלטן. אָפיצירן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך איינקוואַרטירט אין זעלבן הויז. מיר האָבן דערזען אַ נייע סכנה. ווען די אָפיצירן זענען אַן אויפדערנאַכט געווען פאַרנומען מיטן אַפּעל, האָבן מיר אויפגעריסן עטלעכע ברעטער פון צווייטן עק הויז און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און צווישן די תבואות אַנטלאָפן צו די מאַסלאַנסקיס, קיינעמען געפרעגט און אַריין אין תבואה־שפּייכלער. דאָרט איז געווען אַ געהיימער אַרויפגאַנג אויפן בוידעם. דערנאָך בין איך אַריין צו די מאַסלאַנסקיס אין שטוב און זיי געזאָגט וואָס ס׳האָט געטראָפן, און אַז בקרוב וועלן דאָ זיין די רוסן.

פאַר דער א. ק. איז שוין קיין מורא נישט געווען. זיי זענען אַנטלאָפן, אָדער זיך באַהאַלטן, ווייל אַלץ אַרום איז שוין געווען פול מיט דייטש מיליטער.

אין צוויי טעג שפּעטער איז דער גאַנצער הויף געווען פול מיט היימלאָזע פּאָליאַקן, אַ 40 משפּחות, אַנטלאָפענע פון זייערע וווינונגען נאָענט צו דער ווייסל, ווו די דייטשע זעלנער האָבן זיך איינקוואַרטירט. מיר האָבן ווידער געלעבט אין פּחד, נישט געקענט זיך אַ ריר טאָן. די היצן זענען געווען גרויס. ס׳איז אויך געווען שווער צו ברענגען אונדז עסן.

אין אַ געוויסער נאַכט, זייענדיק אַזוי אויפן בוידעם, האָבן מיר געהערט ווי אַ פּויער זאָגט צו אונדזער בעל־הבית, ווו מיר זענען געלעגן באַהאַלטן: „איצט, ווען די רוסן קומען אַריין, וועט זיין אַ יידישע רעגירונג אין פּוילן”.

צו מאָרגנס פרי זענען געקומען עטלעכע דייטשע אָפיצירן מיט סאָלדאַטן און פאַראָרדנט אַלעמען צו פאַרלאָזן אין משך פון 5 מינוט. ווען די פּויערים זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אין דאָרף, זענען מיר אַראָפּ פון בוידעם אין שפּייכלער. איז גראָד אָנגעקומען מאַסלאַנסקי און געבעטן מיר זאָלן נישט אַרויסגיין פון דאָרף מיט אַלע פּויערים גלייך, ווייל מ׳וועט אונדז גלייך דערקענען און מסרן. אויפן וועג זענען געגאַנגען פּויערים אין די טויזנטער, האָבן מיר זיך אויסגעמישט צווישן זיי. מיין זון יעקב־לייב, צוזאַמען מיט פּנחס צווייגענבערג און זיין משפּחה, משה מענדעלע פון 6 יאָר, זיין מוטער און מיין פרוי, זענען געגאַנגען צוזאַמען. דערנאָך האָט מען זיך געזעצט אין אַ וועלדל אָפּרוען. ווי מיר זיצן אַזוי, קומט צו אַ פּויער, וועלכן איך האָב נישט געקענט, זאָגט צו מיר אויף יידיש: „אַבראַמעק, דו קענסט נישט מיטגיין מיט די מענטשן, ווייל יעדער קען דיך און מ׳וועט דיך מסרן”.

דאָך בין איך ווייטער געגאַנגען. אין דאָרף וויסאָקיע קאָלאָ האָבן מיר געטראָפן אונדזער זון יעקב־לייב, ער האָט געהאַט בדעה צוריקגיין צו די מאַסלאַנסקיס, ווייל אין וועג, ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, איז ער אַריין אין אַ דאָרף נעמען אַ טרונק וואַסער. זענען אין יענעם הויז געווען יונגע פּויערטעס מיט דייטשישע זעלנער. איין פּויערטע פון אַ דאָרף נעבן גניעוואַשאָוו האָט אים דערקענט און געזאָגט די זעלנער. יעקב־לייב איז אַנטלאָפן. די דייטשן האָבן אים נאָכגעשאָסן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין דער תבואה, געלעגן דאָרט איבער נאַכט. אין דער פרי האָט ער אונדז געטראָפן. אין זעלבן טאָג זענען אויך צו אונדז געקומען פּנחס גאָלדשטיין מיט צווייגענבערגן. איצט זענען מיר

געווען 7 פּערזאָן, אויסבאַהאַלטן אויף דעם קאַטוילישן צמענטאַזש. עטלעכע טעג זענען פאַרביי און מיר האָבן נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש פאַר די אויגן. אין אַ געוויסער נאַכט זענען מיר צוריק געגאַנגען צו די מאַסלאַנסקיס אין שפּייכלער, ווו ס׳איז פון אינעווייניק געווען אַן אומזעבאַרער אַרויפגאַנג אויפן בוידעם. מיט דריי טעג שפּעטער זענען אָנגעקומען דייטשע זעלנער. זיי האָבן אומעטום געזוכט, צוגעשטעלט אַ לייטער צום דאַך, אַרויסגענומען עטלעכע דאַכיוועס — און אונדז דערזען. מיר זענען גלייך אַראָפּ אין שפּייכלער. זיי האָבן געפרעגט וואָס מיר טוען דאָ, האָבן מיר געענטפערט, אַז מיר גייען פון זייער אַ וויטן וועג, ווו מ׳האָט אַלע פאַליאַקן אַרויסגעטריבן. אַז ס׳איז געוואָרן נאַכט, זענען מיר דאָ אַרויף זיך אָפּרוען. זיי האָבן געזאָגט: „מיר זענען נישט קיין דייטשן, נאָר מאַנגאָלן, מיר וועלן אייך נישט שיסן״. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון מירל צווייגענבערג און שיינדל גאָלדשטיין אָפּצוקאָכן עטלעכע הינער, וואָס זיי האָבן געכאַפּט און געזאָגט, אַז מיר קענען דאָ בלייבן. די צוויי פרויען וועלן נאָכן אָפּקאָכן די הינער, צוריק קומען. בלית־ברירה האָבן מיר געלאָזט גיין די פרויען מיט די זעלנער. דעם זעלבן פאַרנאַכט זענען די פרויען צוריק געווען מיט אונדז.

15

מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען מיר ביינאַכט געגאַנגען אויפן פעלד, אויפגעגראָבן קאַרטאָפל, אָנגעריסן קרויט און דערנאָך אַוועק צו די מאַסלאַנסקיס אָפּקאָכן אַ ביסל עסן. נאָענט פון מאַסלאַנסקיס הויף, האָט מען געהערט שרייען אויף דייטש „ווער מיר זענען?״ מיר האָבן גענומען אַנטלויפן. מ׳האָט אונדז נאָכגעשאָסן. מיר זענען ווידער אַנטלאָפן אויפן צמענטאַזש.

אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר דערהערט אַ געזאַנג און באַמערקט, אַז דער אָרגאַניסט דרייט זיך אַרום אויפן פעלד הינטערן קלויסטער. מרים איז געווען גוט באַקאַנט מיטן אָרגאַניסט, ער איז אַמאָל געווען זייער אַ קונה. זי איז צו אים אַוועק און געבעטן ער זאָל פאַרשאַפן ברויט און פלייש, וועט זי אים דערפאַר באַצאָלן מיט עכטע גאָלד־רובל. זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט ווו ער זאָל עס ברענגען — און ער האָט געברענגט. זי האָט אים באַצאָלט 15 גאָלד־רובל. צוויי טעג שפּעטער איז געווען אַ רעגן, וואָס איז געפאַלן אין משך פון דריי מעת־לעת. מיר האָב נישט געהאַט דאָס ברויט ווו צו באַהאַלטן, עס איז פאַרשימלט געוואָרן. מיטן פלייש האָבן מיר זיך אַלע געטיילט.

דערווייל האָב איך באַקומען אויפן גאַנצן קערפּער אַן אויסשיט פון געשווירן. מיר זענען אַריין אין אַ סטאָדאָלע נישט ווייט פון צמענטאַזש. יעדע נאַכט איז מיין זון יעקב־לייב, מרים, פּנחס און שיינדל גאָלדשטיין, אַרויף אויפן פעלד און געריסן דאָרט בורעקעס, אוגערקעס — און מיר האָבן זיי געגעסן רויערהייט. מיט אַמאָל האָבן מיר באַמערקט, אַז אויפן הויף ווו מיר זענען געווען אויפן בוידעם, קומען דייטשע זעלנער. זיי מעסטן דעם הויף אין דער לענג און ברייט. צוויי דייטשן זענען אַריין אין סטאָדאָלע און מיט אַ לייטער אַרויף אויפן בוידעם, ווו מיר זענען געלעגן. אונדזער הצלחה איז געווען, וואָס די פויער־טעס האָבן געלאָזן הענגען וועש אויף שטריק. די וועש האָט אונדז פאַרשטעלט. מיר האָבן זיי געזען — און זיי אונדז נישט. די דייטשן זענען אַוועק פון הויף.

פאַרנאַכט זענען מיר אַראָפּ פון בוידעם. מיר האָבן געהאַט אַן ערך צוויי קילאָמעטער ביז גניעוואַשאָוו, צו ביילע־מרדכיס הויז — און באַשלאָסן אַהין צו גיין. דאָס האָט גענומען אַ גאַנצע נאַכט גיין, ווייל איך בין געווען מער טויט ווי לעבעדיק. מיר זענען געקומען צום הויז און אַרויף אויפן בוידעם, אַרויפגעצויגן די לייטער. דאָס הויז איז באַשטאַנען פון צוויי קליינע שטיבלעך. מיר האָבן זיך דערנערט פון אויסגראָבן קאַרטאָפל אין די נעכט. אין ביילע־מרדכיס הויז האָבן מיר געמאַכט פייער און געקאָכט עסן, געבראָטן קאַרטאָפל. די פרעסט זענען געווען שווערע, די ערד געפרוירן, מיין זון האָט געקאָפּעט אַ גאַנצע נאַכט אין דער האַרטער ערד, געמיינט ער האָט אַ זאַק קאַרטאָפל — צום סוף איז עס געווען אַ זאַק געפרוירענע ערד. זעלטן האָט זיך געפונען אויך אַ געפרוירענע קאַרטאָפל. ווען מיר האָבן זיי אָפּגעקאָכט, איז געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער.

אַ געוויסן טאָג, ווען מיר זענען געלעגן אויפן בוידעם, האָבן מיר ווידער דערזען, אַז אין שטוב זענען דאָ דייטשן. מיר האָבן אויפגעהערט מורא האָבן, ווייל דאָס לעבן איז שוין געהאַט נמאס געוואָרן. מיר זענען געווען גלייכגילטיק צו אַלעמען. די דייטשן זענען אַוועק פון שטוב און מיר האָבן ווייטער געלעבט און געגעסן דאָס פאַרשימלטע ברויט, וואָס מיר האָבן געהאַט פון אָרגאַניסט. יעדער האָט באַקומען אַ כזית.

16

דעם 15טן יאַנואַר 1945 האָבן מיר באַמערקט אָנקומען רוסיש מיליטער, מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָבן זיך באַוויזן פּאָליאַקן, וואָס זענען פאַרטריבן

געוואָרן פון זייערע היימען. זיי זענען געקומען אויפן בוידעם. מיר האָבן נאָך אַלץ מורא געהאַט אַראָפּצוגיין פון דער באַהעלטעניש. מיר זענען געווען זיבן מענטשן: פון מיין משפחה — מרים, פנחס און שיינדל גאָלדשטיין. די פּאָליאַקן וואָס האָבן אונדז דערזען, האָבן אויסגעשריגן: „טילע יעשטשע איז וואַס פּאָזאָסטאַלאָ?" („אַזוי פיל איז נאָך פון אייך פאַרבליבן?"). איך בין געווען קראַנק און געשוואָלן. מיין קינד משה מענדעלע איז געוואָרן קראַנק אויף די נירן. אויף דער זיבעטער וואָך נאָך דער באַפרייונג, האָבן מיר אים געגומען קיין לובלין, נאָר אויפן וועג איז דאָס קינד געשטאָרבן.

נאָך פּסח 1945 זענען מיר געפאָרן קיין לאָדזש. מיין זון יעקב־לייב האָב איך אַריינגעגעבן אין אַ קיבוץ. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען אים מיטן קיבוץ געשיקט קיין עסטרייך. איך בין אַוועק קיין גניעוואַשאָוו. בייטאָג בין איך געווען אין שטעטל. איידער עס איז געוואָרן נאַכט, בין איך אַרויס און גענעכטיקט אויפן פעלד. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז מ'טאָר נישט בלייבן אין שטאָט. דאַקעגן פנחס גאָלדשטיין האָט געהאַלטן, אַז בייטאָג דאַרף מען זיך נישט ווייזן אין שטאָט, אָבער ביינאַכט, ווען קיינער זעט דיך נישט, מעג מען נעכטיקן אין שטוב. אַזוי אַרומוואַנדערנדיק, אָן אַ שטענדיקער היים, איז דערוויייל אַדורך דער זומער.

ראש־השנה איז דעמאָלט אויסגעפאַלן שבת און זונטיק. מאָנטיק זענען מיר — איך, מיין ערשטע פרוי חיה־שרה, פנחס גאָלדשטיין, זיין פרוי שיינדל, איר ברודער און בערל קירשענבוים (איצט אין ניו־יאָרק), געפאָרן מיט דער באַן קיין גניעוואַשאָוו און געקומען אַהין דינסטיק. מיר האָבן זיך געהאַט פאַרשטענדיקט מיט די קריסטן, וואָס האָבן געוואָלט קויפן די הייזער, אַז מיר וועלן דערליידיקן די פּאַפּירן, צוריק פאָרן קיין לאָדזש, און זיי וועלן קומען אַהין מיר זאָלן זיי איבערשרייבן די הייזער. דאָנערשטיק פרי איז נאָך געקומען קיין גניעוואַשאָוו חוה בוימייל, אַ פרוי פון 25 יאָר. איר מאַן האָט פון ניו־יאָרק טעלעגראַפירט, אַז ער שיקט איר אַרויס פּאַפּירן. יענעם טאָג האָט דער פּאָליאַק גרייפער געקויפט דאָס הויז פון בערל קירשנבוימס זיידע. איך האָב אים געזאָגט: „בערעלע, הער מיך און גיי גלייך אַוועק פון גניעוואַשאָוו". איך און חיה־שרה האָבן תיכף פאַרלאָזט די שטאָט. ווען מיר זענען געווען אַ האַלבן קילאָמעטער פון גניעוואַשאָוו, האָבן מיר געטראָפן די פויערטע מאַזאַרקע פאָרן פון פעלד אין שטאָט. מיר האָבן איר געבעטן זי זאָל אונדז געבן עפּעס פון דער סחורה, וואָס מ'האָט ביי איר באַהאַלטן, אָדער געלט.

זי האָט געענטפערט, אַז קיין סחורה האָט זי נישט, אויך נישט קיין געלט. זי קאָן אונדז יאָ געבן אַ 10 קילאָ חזיר־פעטס (סלאָנינע), וואָס האָט געהאַט די ווערט פון צוויי טויזנט צוויי הונדערט זלאָטעס. מיר האָבן נישט געהאַט קיין חשק צוריק גיין אין שטעטל. אַזוי ווי מיר שמועסן צווישן זיך, יאָ אָדער נישט צוריק גיין, פאָרט פאַרביי אַ וואָגן געשפּאַנט אין צוויי פערד, מיט רויט־אַרמייער, געקליידעט אין מונדירן פון נ. ק. וו. ד.

מיר האָבן זיך דערפילט זיכערער. חייה־שרה האָט פאָרגעלייגט, כ׳זאָל אַריינגיין אין דאָרף אַלעקסאָוו, נישט ווייט פון אָרט ווו מיר זענען געשטאַנען און דאָרט ביים פויער וויטשעך באַנאַש, אַן עלטערער מענטש, וואַרטן, ביז זי וועט צוריק קומען פון שטאָט מיט די 10 קילאָ פעטס. דאַן וועלן מיר צוגיין צו דער באַן־סטאַציע און פאָרן קיין לאָדזש. זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, וואָס די רוסישע פּאָליציי איז געפאָרן קיין גניעוואַשאָוו, וועט דאָך זיין שטיל. חייה־שרה איז אַוועק אין שטעטל, איך — קיין אַלעקסאָוו, צום פויער באַלאַש. עס זענען פאַריבער 3—4 שעה און חיה־שרה איז נישטאָ צוריק. איך בין געוואָרן אומרויִק. וויטשעך באַנאַש זאָגט מיר: „אַבראַמעק, איך וויל נישט זאָלסט לענגער זיין ביי מיר”. איך האָב אים געענטפערט: „איך מוז וואַרטן אויף מיין פרוי”. דערויף האָט ער געזאָגט: „כ׳גלויב נישט, אַז זי זאָל קומען היינט אין אָוונט. אויב יאָ, וועט זי דיר נאָכקומען. דו, אַבראַמעק, גיי צו דער באַן, ביי מיר קאָנסטו מער ניט וואַרטן”.

איך בין אַוועק צו דער באַן־סטאַציע צו פאָרן קיין לאָדזש און פאַרשפּעטיקט דעם צוג. כ׳האָב געוואָלט צופאָרן קיין קאָזשעניץ, ווייל דאָרט האָב איך געהאַט היימישע יידן. דאָרט זענען יידן מיך באַפאַלן מיט פראַגן פון וואַנען איך קום, וואָס האָט געטראָפן? זיי האָבן געוווסט, אַז איך בין געוועזן אין גניעוואַשאָוו. איך האָב געקוקט מיט דערשטוינונג אויף די יידן: וואָס ווילן זיי פון מיר? און זיי האָבן דערציילט פון אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט דאָנערשטיק פאַרנאַכט אין גניעוואַשאָוו.

אין קאָזשניעץ זענען דעמאָלט געוועזן אַ דרייסיק יידישע נפשות. מיר זענען אַוועק צום פּאָליציי־נאַטשאַלניק. איך האָב אים דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט דעם טאָג מיט דער פויערטע מאַזורעק און וועגן די 10 קילאָ חזיר־פעטס. דער נאַטשאַלניק האָט דערקלערט, אַז מאָרגן פרי פאָרן זיי קיין גניעוואַשאָוו. איך האָבן געזאָגט, אַז כ׳וויל מיטפאָרן, מ׳דאַרף די קרבנות ברענגען צו קבר ישראל.

דער נאַטשאַלניק האָט מיר געענטפערט, אַז איך קען נישט מיטפאָרן, זיי גאַראַנטירן נישט פאַר מיין לעבן.

וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין גניעוואַשאָוו, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט נאָך סוכות, ווען די פּאָליאַקן, וואָס מיר האָבן זיי פאַרקויפט די הייזער, זענען געקומען קיין לאָדזש. איינער פון זיי, באָלעק שמיעטאַנקע, האָט דערציילט, אַז די פור מיט די נ.ק.וו.ד.יסטן, וואָס זענען דאָנערשטיק פאַרנאַכט געקומען קיין גניעוואַשאָוו, זענען געווען איבערגעטוענע א.ק.־רוצחים, צוויי זענען געווען געקליידעט אין דייטשישע מונדירן. די צוויי האָבן די פאַרשטעלטע א. ק.־לייט געפירט געשלאָסן און געבראַכט צו דער פּאָליציי אין גניעוואַשאָוו, מעלדנדיק, אַז זיי פירן צוויי דייטשע שפּיאָנען. ווי נאָר די פּאָליציי האָט זיי אַריינגעלאָזט צו זיך, האָבן די א. ק.־באַנדיטן געגומען דאָס געווער, די פּאָליציאַנטן אַריינגע־לאָזט אין אַ באַזונדער צימער, איינער האָט אויף זיי אַכטונג געגעבן. די רוצחים האָבן איבערגעשניטן דעם טעלעפאָן און זיך אַרויסגעלאָזט אין שטאָט זוכן יידן. יעדן יידן האָבן די באַנדיטן געברענגט אין דער פּאָליציי־סטאַציע און זיי דאָרט דערשאָסן. עס זענען געווען פיל קרבנות. צווישן זיי: מיין פרוי חייה־שרה, מיין שוועסטער־זון פּנחס גאָלדשטיין, זיין פרוי, אירע ברידער און חוה בוימייל.

כבוד זייער אָנדענק!

חיים של סבל ורציחות

שרה גרטנר / חיפה

אני הנני בתו של פסח קישקה והודעס. נולדתי וגדלתי בגניבשוב. כאשר הגרמנים כבשו את העיירה שהיתי בוורשה. בדי עמל חזרתי לבית הורי.

זוכרת אני, כי אז עבד אצל האופה ישראל פלדמן, צעיר יהודי מלודז׳. כאשר זה יצא באחד הימים מן המאפיה, תפסוהו הגרמנים, כלאוהו בגמינה, ואילצוהו למלא פיו מאסלת בית השימוש ולרוץ. בריצתו, נורה בידי הרוצחים.

בעת חיפוש אצל הקצבים, נמלט ילד קטן מביתם. אחותי, בשומעה צעקות, פתחה את הדלת, אז ירו בה הגרמנים ופצועה בידה. הודות לטיפולו של הרופא דפולני קלצ׳ינסקי התרפא הפצע.

את היהודים שחטפו הגרמנים לעבודות כפייה, אספו ליד בית המרקחת בגריניץ ועל חלק מהם פקדו הרוצחים לשכב על האדמה, כשפניהם כלפי מטה. ביניהם היה גם דוד שוחט. כשמישהו מהם הניע אבר, מיד נורה.

בנוסעי יחד עם אשתו של גדליה רייטר מגניבשוב לדמבלין, נקרה בדרכנו גרמני רכוב על אופנוע. בלי לאמור מלה התנפל עלינו והכה אותנו מכות נוראות ואת ידי דקר בפגיונו.

כאשר יהודי העיירה הועברו לגיטו המגודר, התרחקה אחות אשתו של תנחום הקצב מהגדר ואז נורתה במקום.

בעת גירוש יהודי העיירה עברתי עם משפחתי לזבולין. בדרך מת ילדו של אחי מוטל. גרנו שם בתנאים נוראים. יום־יום נחטפו יהודים לעבודות שונות. את אחי מוטל שלחו למחנה, אותי ואת בעלי חיים גרינשפן ואת בנו של אחותי, פישל קורמהאנט ואשתו גולדה־מרים שלחו לעבודה באחוזה פאלטשנה. בעבודה או באקציה, בדרך או במחנה, רצחו הגרמנים את חסרי הישע, תוך הנאה סאדיסטית ורמיסת גוויות המומתים.

מפאלטשנה שולחנו אני, בנו הצעיר של אחי מוטל ובתו של דודי אברהם, לסקארז׳יסקו. שם הופרדתי מהם ונשלחתי לעבוד לבית חרושת לתחמושת „צה״.

מדי עשרה ימים נערכו סלקציות והחלושים שלא יכלו עוד לעבוד — לפי דעת הרוצחים — נורו וגוויותיהם נשרפו בשדה. כאשר עבדנו במשמרת שניה נחנקנו מריח הגוויות השרופות.

פעם, בשובנו מהעבודה, בחרו הגרמנים חמישה אנשים ותלו אותם. ביניהם היה נער שאביו אולץ לחזות בתלייתו, ודעתו נטרפה עליו במקום עומדו והגרמנים ירו בו ללא שהיות. הם נשארו תלויים שלושה ימים ואנו, בלכתנו לעבודה, אונסנו לחזות בגופותיהם התלויות.

באחד הימים בוצעה התפוצצות בבית־החרושת. כ־250 איש נפצעו, רובם קל. אז יצאה פקודה לירות בכל הפצועים. כאשר איש מהפצועים הצליח להתחמק מהיריות, צווינו להתייצב למיסדר בו כל עשירי בשורה נורה למוות. אני לא הייתי ביניהם. אולם אשה אחת שנורתה, אך נשארה בחיים, יצאה מתחת לערמת הגוויות וברחה. היא התחבאה אצל אחד האיכרים ושם נרפאה, אולם הגרמנים גילו אותה ורצחוה. את שמה איני זוכרת ורק זאת אדע שמוצאה מקוז׳ניץ, בשם פייגל.

ב־44 הועברנו מסקארז׳יסקו ללייפציג. שם הוחזקנו שלושה ימים בלי שבא לפינו פירור לחם או טיפת מים. אז ערכה הגיסטפו סלקציה: אלה שהיו עוד כשרים לעבודה הושארו בחיים והחולים והחלשים — נרצחו.

הובלנו בקרונות להובלת סוסים, בהם נשפך סיד. רבים מתו בדרך מדוחק, מצמא, מעלפון ומחוסר אוויר. בלייפציג נתנו לנו חלוקים בפסים. כאן שוב נערכה סלקציה והחלשים — נרצחו.

לא אזכור על איזה חטא נאלצנו לכרוע ברך סמוך לחוטי החשמל, כשידינו מורמות למעלה. מי שלא החזיק מעמד ועשה תנועה קלה בגופו, נפל על החוטים המחושמלים.

בשובנו מהעבודה מצאנו יום־יום מתים רבים שאת גופותיהם נאלצנו לפנות. הואיל וסבלנו רעב מתמיד, נברנו בארגזי האשפה ומי שנתפס בכך „זכה" ל־25 מלקות בנוכחות כל האסירים. רבים לא החזיקו מעמד, תחת הצליפות, יאחרים נישאו על כפינו חזרה לצריפם ולמחרת היום נאלצו שוב לצאת לעבודה.

ב־12 באפריל 1945, ב־2 אחר חצות הופיעו פלוגות הס. ס והעבירו את כל 12.500 העצורים שהיו אותה שעה במחנה. כוונת ה־ס. ס. היתה לרצוח אותנו. הועמדנו ארבעה־ארבעה בשורות וגישׁשנו באפלה אם מובילים אותנו לבורות. למחרת היום הסתלקו ה־ס . ס., שמסרו אותנו לנשי הס. ס. כך צעדנו 10 ימים. רבים נורו בדרך, כי לא יכלו לשמור על קצב ההליכה. מדי פעם נעצרנו לחנייה

קצרה, אבל רבים לא יכלו לקום עוד על רגליהם מאפיסת־כוחות. כאשר עברו מעלינו מטוסים, השתחו ה־ס. ס. בין שורותינו. ב־22 באפריל בלילה נעלמו גם נשות ה־ס. ס. ואנו נמלטנו על נפשותינו לכל עבר.

כפי שסופר לי נרצחו בבית־הקברות של גריניץ קרובי משה הולצהנדלר ושיינדל, אחותו של פיניע גולדשטיין. את בתו חיה׳לה, שהוחבאה אצל איכר, שלחו עם בנות כפר אחרות לעבודה לגרמניה. מה עלה בגורלה — אינני יודעת.

אשתו רושקה ושני ילדיה הקטנים, אשר ניסו להגיע לגיסתן שרה׳לה בז׳ליחוב נרצחו בדרך בדקירות בחזה.

אַ לעבן פון פיין און רציחות

שרה גערטנער / חיפה

איך בין די טאָכטער פון פסח קישקע און האָדעס. געבוירן און געלעבט אין גניעוואַשאָוו. פון צייט צו צייט פלעג איך פאָרן קיין וואַרשע. גראָד דעמאָלט ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען אונדזער שטעטל, בין איך געווען אין וואַרשע. איך האָב מיט גרויסע שוועריקייטן זיך צוריק געקערט אין שטעטל.

אין די ערשטע וואָכן, געדענק איך, האָטביים בעקער ישראל פעלדמאַן גע־אַרבעט אַ יונגערמאַן פון לאָדזש. ווען ער איז אַרויס פון דער בעקעריי, האָבן צוויי דייטשן אים געכאַפּט, אַריינגעזעצט אין דער גמינע און צו מאָרגנס אים געצווינגען ער זאָל פון קלאָזעט אָננעמען אַ פולע מויל און לויפן. לויפנדיק, האָבן זיי אים דערשאָסן.

בעת אַ רעוויזיע ביי די קצבים, איז אַ יינגעלע אַרויסגעלאָפן פון זייער שטוב. ווען מיין שוועסטער האָט געהערט געשרייען פון דעם יינגעלע, האָט זי געעפנט די טיר. די דייטשן האָבן אויף איר געשאָסן און זי פאַרוואונדעט אין האַנט. אַ דאַנק דעם קריסטלעכן דאָקטאָר קעלטשינסקי, האָט מען די וווּנד אויסגעהיילט.

ווען די דייטשן זענען געקומען נעמען מענער אויף אַרבעט, האָט מען ביי דער אַפּטייק אין גרעניץ צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע יידן און אַ טייל פון זיי געהייסן

זיך לייגן אויף די ערד מיטן פנים אַראָפּ. צווישן זיי איז געווען דוד שוחט. ווען איינער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, האָט מען אים דערשאָסן.

געווען אַ פֿאַל, ווען איך מיט גדליה רייטערס פֿרוי זענען געווען אויפֿן וועג פֿון גניעוואַשאָוו קיין דעמבלין, איז אָנגעפֿאָרן אַ דייטש אויף אַ מאָטאָציקל. נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט ער אונדז ביידע מערדעריש צעשלאָגן. מיר האָט ער מיטן באַגנעט אַדורכגעשטאָכן די האַנט.

מיר דערמאָנט זיך אויך, אַז אין טאָג ווען מען האָט אַלע יידן פֿון שטעטל אַרייַנגעטריבן אין אָפּגעצוימטן געטאָ, האָט די פֿרוי פֿון תנחום קצבס שוועסטער זיך אַ ביסל דערווייטערט פֿון דער פֿאַרצוימונג, האָט מען זי אויפֿן אָרט דערשאָסן.

ווען מען האָט אויסגעזידלט פֿון גניעוואַשאָוו, בין איך מיט מיין משפּחה אַוועק קיין זוואָלין. אויפֿן וועג איז ביי מיין ברודער מאָטל געשטאָרבן אַ קינד. מיר האָבן געלעבט אין שרעקלעכע באַדינגונגען. יעדן טאָג האָט מען געכאַפּט אויף אַרבעט. מיין ברודער מאָטל האָט מען געשיקט אין אַ לאַגער אין די סטאַוועס. מיך מיט מיין מאַן, חיים גרינשפּאַן, אין מיין שוועסטערס זון פֿישל קרומהאַנט מיט זיין פֿרוי גאָלדע־מרים, האָט מען געשיקט אויף אַרבעט אין אַ פֿאָלוואַרק איז פּאַליטשנע. ביי די אַלע אַקציעס פֿון כאַפּן אויף אַרבעט און אויפֿן וועג האָבן די דייטשן פֿאַר יעדע קלייניקייט, אָדער פּשוט ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט פֿאַרווייל̇ן, געשאָסן מענטשן און געהייסן די לעבנגעבליבענע טרעטן אויף די טויטע.

פֿון פּאַליטשנע האָט מען מיך מיט מיין ברודער מאָטלס ייִנגל פּסח און מיין פֿעטער אַברהמס טאָכטער, איבערגעשיקט קיין סקאַרזשיסק. מיט זיי האָט מען מיך דאָרט צעשיידט און געשיקט אַרבעטן אין ווערק „צע", וווּ מען האָט אויסגעאַרבעט געווער. יעדע 10 טעג האָט מען דורכגעפֿירט סעלעקציעס און די שוואַכע, וועלכע האָבן לויט זייער איינזען, מער נישט געקענט אַרבעטן, האָט מען גלייך געשאָסן און נישט ווייט פֿון דעם ווערק פֿאַרברענט אויפֿן פֿעלד. ווען מען האָט געאַרבעט אין די צווייטע שיכט, האָט מען זיך געשטיקט פֿון דעם ריח פֿון די פֿאַרברענטע קרבנות.

גייענדיק פֿון דער אַרבעט, געדענק איך, האָבן די דייטשן אויסגעקליבן פֿינף מענטשן און זיי אויפֿגעהאָנגען. צווישן זיי איז געווען אַ ייִנגל, וועמענס פֿאָטער האָט געמוזט שטיין און צוקוקן ווי מען הענגט זיין זון. ער איז גלייך אַראָפּ פֿון זינען, האָבן אים די דייטשן אויך געשאָסן. די געהאָנגענע זענען געבליבן אויף דער תליה דריי טעג, און מיר, גייענדיק אין דער פֿרי צו דער אַרבעט און אין אָוונט פֿון דער אַרבעט, האָבן געמוזט זיך צוקוקן צו דעם בילד.

אַ געוויסן טאָג איז אין דער פאַבריק פאָרגעקומען אַן אויפרייס. עס זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן בערך 250 מענטשן. צווישן זיי זענען געווען אַ סך לייכט פאַרוווּנדעטע. איז געקומען אַ באַפעל, אַז מען זאָל אַלע פאַרוווּנדעטע דערשיסן. ווען איינעם איז געלונגען צו אַנטלויפן, איז געקומען אַ באַפעל, אַז מען זאָל אַלעמען אויסשטעלן אויפן אַפּעל און יעדן 10־טן מענטשן דערשיסן. צופעליק בין איך נישט אַריינגעפאַלן צווישן זיי. איין פרוי וואָס איז נישט דערשאָסן געוואָרן, נאָר זיך אַרויסבאַקומען פון צווישן די טויטע און זיך אויסגעהיילט ביי אַ פויער, האָבן די דייטשן דערנאָך געטראָפן אין דאָרף און זי דערשאָסן. איר נאָמען ווי איך געדענק, איז געווען פייגל פון קאָזשעניץ.

אין יאָר 1944 האָט מען אונדז פון סקאַרזשיסק איבערגעשיקט קיין לייפּציג. דאָרט האָט מען אונדז געהאַלטן דריי טעג אָן עסן און אָן וואַסער. די געסטאַפּאָ האָט דורכגעפירט אַ סעלעקציע: ווער איז נאָך פעיק צו אַרבעט, וועמען דאַרף מען אומברענגען.

געפירט האָט מען אונדז אין וואַגאָנען פון פערד, פול מיט קאַלך. פון דער ענגשאַפט, נישט באַקומענדיק קיין עסן און טרינקען, זענען אַ סך אויפן וועג אויסגעשטאָרבן.

אין לייפּציג האָט מען אונדז ארויסגעגעבן קליידער מיט פּאַסן, וועמען גרויסע, וועמען גאָר קליינע. דאָ האָט מען ווידער אַדורכגעפירט אַ סעלעקציע און די שוואַכע גלייך געשיקט צום אומברענגען.

איך געדענק נישט גענוי פּאַר וועלכע זינד מען האָט דאָס אַדורכגעפירט: צוויי מאָל אין וואָך האָט מען אויף צוויי שעה אַוועקגעלייגט אויף די קניען מיט די הענט אין דער הייך, צווישן עלעקטריזירטע דראָטן. ווען מען האָט נישט געקענט אויסהאַלטן און זיך אַ דריי געטאָן, איז מען פאַרברענט געוואָרן פון עלעקטרישן שטראָם.

יעדן טאָג, קומענדיק פון דער' אַרבעט, האָבן מיר געפונען פיל טויטע וועלכע מיר האָבן געמוזט אַוועקפירן. נישט האָבנדיק גענוג צו עסן, האָבן מענטשן געזוכט אין די מיסט־קאַסטנס. אויב מען האָט וועמען דערביי געכאַפּט, האָט מען אים באַשטראָפט מיט 25 שמיץ. די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען אויף אַ טיש און אַלע האָבן געמוזט קוקן. אַ סך האָבן נישט אויסגעהאַלטן, דאָס רוב האָט מען דערנאָך געמוזט אַריינטראָגן אין באַראַק. צו מאָרגנס האָט מען ווייטער געיאָגט צו דער אַרבעט.

דעם 22סטן אַפּריל ביינאַכט זענען די ס. ס. פרויען אויך פאַרשוווּנדן און

און אַרויסגעפירט אַלע 12,500 וועלכע האָבן זיך געפונען צו יענע צייט אין לאַגער. דער פּלאַן פון די ס. ס. איז געווען אונדז צו דערשיסן. מיר זענען געגאַנגען פיר אין אַ ריי, געטאַפּט אין דער פינצטער צי מען פירט אונדז צו גריבער.

גלייך דעם ערשטן טאָג זענען די ס. ס. לייט אַוועק און אונדז איבערגעגעבן צו ס. ס. פרויען. אַזוי זענען מיר געגאַנגען 10 טעג. זייער אַ סך זענען אויפן וועג דערשאָסן געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט גיין. מיר פלעגן אַ ביסל רוען אויף אַ פּלאַץ. אויפשטייענדיק צו גיין ווייטער, זענען געבליבן אַ סך טויטע. ווען עס פלעגן אָנפליען עראָפּלאַנען, האָבן די ס. ס. זיך געוואָרפן אויף דער ערד, צווישן אונדזערע פרויען.

דעם 22סטן אַפּריל ביינאַכט זענען די ס. ס. פרויען אויך פאַרשוווּנדן און מיר אַלע זענען זיך צעלאָפן ווו נאָר מען האָט געקענט.

ווי מען האָט מיר דערציילט, האָט מען מיין קרוב משה האָלצהענדלער און פּיניע גאָלדשטיינס שוועסטער, שיינדל, דערשאָסן אויפן גרעניצער בית עלמין, נאָכן זיין באַהאַלטן דאָרט — און מ׳האָט זיי געכאַפּט. זיין מיידל חיהלע, וועלכע איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּויער אין דאָרף זוואָליע, האָט מען צוזאַמען מיט די דאָרפישע מיידלעך אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד. ווו זי איז אַהין געקומען — ווייסן מיר נישט.

זיין פרוי רוזשקע מיט די קלענערע 2 קינדער וועלכע האָט פון גניעוואַשאָוו געוואָלט זיך דערקלויבן צו דער שוועגערין שרהלע קיין זשעליכאָוו, פאָרנדיק מיט אַ דייטש אין אַן אויטאָ, האָט מען אויפן וועג מערדעריש אַוועקגעלייגט די קינדער אויף דער ברוסט און זיי דערשטאָכן.

פאַרצייכנט: משה פערלשטיין

אין דעמבלינער לאַגער

שרה אָרנשטיין־שייער / בת־ים

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, בין איך געווען אין שכנותדיקן שטעטל דעמבלין. אין ערשטן טאָג, פרייטיק, איז דעמבלין שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין אָקאָפּעס אַרום דער שטאָט. אַזוי האָבן מיר זיך געוואַלגערט פון איין באַהעלטעניש צום צווייטן, בערך אַ צוויי חדשים. ווען מיר האָבן געהערט אַז דעמבלין איז שוין פאַרנומען דורך די דייטשן, זענען מיר צוריק געקומען.

די לאַגע אין שטעטל איז געווען גאָר אַ שווערע. מען האָט געלעבט אין שטענדיקן פחד פאַרן כאַפּן צו אַרבעט. שפּעטער האָט מען געמאַכט אַ געטאָ, און גראָד אין אַ געגנט פון קריסטן, אַזוי אַז יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע ווויין־ערטער.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן די דייטשן געשאַפן אַרום דעמבלין אַרבעטס־לאַגערן. איך האָב געאַרבעט אין לאַגער אויפן פלי־פּלאַץ. פאַר דער קלענסטער פאַרשולדיקונג האָט מען געפּייניקט, אַפילו געשאָסן. ס'איז גענוג געווען אויפצוהייבן אַ געפונענע קאַרטאָפל, האָט מען געשלאָגן ביז טויט.

ענדע 1942, ווען מען האָט פון גניעוואַשאָוו אַרויסגעפירט אַלע יידן, זענען געקומען צו אונדז אין לאַגער עטלעכע שטעטישע, צווישן זיי מיינע ברידער סרולקע, אהרון־הירש און הערשל וויינבערג.

ענדע 1944 האָט מען מיך און אויך אַ סך גניעוואַשאָווער פון דעמבלינער לאַגער אַוועק געשיקט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אין שרעקלעכע באַדינגונגען, אין אַ לאַגער אין טשענסטאָכאָוו. מען האָט אונדז געפירט אין באָד און צוגענומען אַלץ וואָס מ'האָט געהאַט. מיט אונדזער טראַנספּאָרט זענען געפאָרן עלטערן מיט קינדער. די קינדער האָט מען גלייך צוגענומען, זאָגנדיק, אַז מען פירט זיי אין אַן אַנדער הויז. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט מען זיי צוגענומען אויפן בית־הקברות און זיי אומגעברענגט. צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודערס קינד.

דער טשענסטאָכאָווער לאַגער איז געווען זייער אַ גרויסער. אויבערפלעכ־

לעך איז אַלץ געווען איינגעאָרדנט, אַפילו געגעסן ביי געדעקטע טישן, אָבער פאַרשידענע אינזעקטן האָבן אונדזער לייב געגעסן. געאַרבעט האָבן מיר אין אַ געווער־פאַבריק. פאַר דער אַרבעט האָט מען געמוזט גיין אויף די אַפּעלן, געוועקט האָט מען ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער. אין די גרעסטע קעלט האָט מען געמוזט שטיין שעהנלאַנג. פאַר די מינדעסטע באַוועגונג, האָט מען שרעק־לעך געשלאָגן.

מיין ברודער סרולקע איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט געשמייכלט ווען אַ מאַשין האָט זיך איבערגעקערט. דערפאַר האָט מען אים באַשטראָפט מיט 39 שמיץ אויפן הוילן לייב. גאַנץ אָפט פלעגט מען אַלע פרויען פון באַראַק אַראָפטרייבן פון די נאַרעס, צווינגען זיך אויסלייגן אויף דער פּאָדלאָגע און זיי שלאָגן מיט גומענע שטעקנס.

דעם 16טן יאַנואַר זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. איך בין געפאָרן זוכן וועמען פון מיינע נאָענטע, אָבער קיינעם נישט געפונען. ערשט נאָך 6 חדשים האָב איך געטראָפן מיין ברודער אהרון־הערש. ער האָט דערציילט, אַז אונדזער ברודער סרולקע איז אומגעקומען אין בוכענוואַלד פאַר דער באַפרייונג.

גניעוואַשאָוו־דעמבלין־טשענסטאָכאָוו

אהרן־הערש שייער / לאָס־אַנזשעלעס

א

יאָרן זענען פאַריבער זינט איך האָב פאַרלאָזן אונדזער געבורטס־שטעטל — און עס לאָזט זיך נישט אויסמעקן פון זכרון די אַלטע היים, דאָרט ווו מ'איז געבוירן און אויסגעוואַקסן, ווו מ'האָט געלעבט צוזאַמען מיט אַ גאַנצער עדה יידן, באַזונדערס מיט אונדזער פאַרצווייגטער משפחה פון אַ 50 נפשות, פון וועלכער עס זענען געבליבן נישט מער ווי צוויי: מיין שוועסטער שרהלע און איך. היינט איז נאָר געבליבן צו דערמאָנען מיינע אומגעקומענע ברידער (אבא און סראָלקע), און די שוועסטערס — פייגע־לאה, פערעלע, חנהלע, מאַניע.

מיין פאָטער ע"ה, ר' לייזער מרדכיס, איז געווען אַ שטילער בכבודיקער מענטש, תמיד שווער געאַרבעט כדי מפרנס צו זיין די גרויסע משפחה. מיר, די קינדער, האָבן אים געהאָלפן — ביז ס'איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס שטעטל און אירע יידן.

ב

ווען די דייטשע רוצחים זענען אַריין קיין גניעוואַשאָוו, האָט אונדזער לאַגע אין גאַנצן זיך געביטן. רדיפות און נגישות כלפי יידן זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אין אָנהייב האָט נאָך מיין פאָטער געקענט ברענגען מילך פונעם שכנותדיקן דאָרף אַלעקסיוו און מיין מוטער האָט עס פונאַנדערגעטראָגן אין די שטובן. דערפון האָבן מיר געצויגן חיונה. שפּעטער אָבער, ווען מ'האָט די יידן פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָט דער פרנסה־קוואַל זיך אָפּגעשטעלט.

אַ געוויסן טאָג האָט מען דורכגעפירט דעם גירוש קיין זוואָלין. איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס בילד, ווי מיין פאָטער איז געשטאַנען מיט דוד שוחט און צו מיר געזאָגט:

— אהרון־הערש, גיי אַוועק אין דאָרף. ביסט נאָך יונג, וועסט זיך ראַטעווען...

טרערן האָבן אַ פלייץ געטאָן פון מיין טאַטנס אויגן — און מיר האָבן זיך געזעגנט אויף שטענדיק...

דעם זעלבן אָוונט בין איך מיט מיין פרוי אַוועק אין דאָרף טשערניעיווו, צו באַקאַנטע פויערים, ווו מ'האָט אונדז דערלויבט צו זיין אין אַ סטאָדאָלע, פאַרגראָבן אין היי. אָבער לאַנג בלייבן האָבן מיר נישט געקענט, ווייל די שכנים האָבן אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן אונדזער פויער, אַז ער באַהאַלט אויס יידן — און מיר זענען אַוועק קיין דעמבלין.

ג

דאָ איז דאָס גיהנום געווען נאָך גרעסער ווי אין דעם קליינעם גניעוואַשאָוו. יעדער טאָג — „לאַפּאַנקעס", אַ כאַפּעניש צו פאַרשידענע אַרבעטן, בכדי דערני־דעריקן, פייניקן און נאָך שווערער מאַכן דאָס אַזוי אויך ביטערע לעבן פון די אומגליקלעכע יידן. צו דעם אַלעמען האָט מען נאָך געהונגערט. פאַר אונדז, געקומענע פון אַן אַנדער אָרט, איז אויך געווען אוממעגלעך זיך איינצומעלדן און לעגאַליזירן אונדזער זיין אין דעמבלינער געטאָ. זענען מיר אַוועק אין לאַגער, ווו מ'האָט געאַרבעט זייער שווער. ס'איז אָבער געווען ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און עפּעס צו עסן, הגם הונגער־נאָרמעס.

ווען איך און מיין פרוי זענען אָנגעקומען אין לאַגער, איז זי געווען אין זעקסטן חודש שוואַנגערשאַפט. מיט 3 חדשים שפּעטער איז אונדז געבוירן געוואָרן אַ קינד. אין דעמבלינער לאַגער איז אָבער געווען אַ מעגלעכקייט צו האַלטן אויך קינדער און במשך 18 חדשים זענען מיר אַלע געווען צוזאַמען.

ד

מיטן דערנענטערן זיך פון פראָנט צו דער ווייסל איז אונדזער לאַגער עוואַקויִרט געוואָרן פון דעמבלין קיין טשענסטאָכאָוו — אין אַ ריזיקער פאַבריק, הינטער דיקע מויערן. דייטשע רוצחים און זייערע אוקראַאינישע העלפערס האָבן מיט ביקסן־קאָלבעס און נאַהייקעס געשלאָגן די אומגליקלעכע יידן ביים אָנקומען אויפן נייעם אָרט. בעת מ'האָט די דערוואַקסענע געטריבן אין די באַראַקן, זענען די קינדער געוואָרן צוגענומען. דער רוב פון זיי זענען אכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן. אַזוי האָבן אונדז דערציילט די פאָליאַקן מיט וועלכע מיר האָבן צומאָרגנס זיך געטראָפן אין פאַבריק ביים אויסאַרבעטן אַמוניציע.

צו די שוידערלעכע באַדינגונגען וועלכע מיר האָבן געהאַט אַלס דייטשע שקלאַפן־אַרבעטער, האָט מען נאָך געמוזט זיין שטאַרקער פון אייזן און הערן די אויב־בשורה וועגן אומקום פון די קינדער...

ה

גניעוואַשאָוו איז טאַקע געווען אַ קליין, אָרעם יידיש שטעטל — אָבער רייך אין אינהאַלט, מיט אַן אינטערעסאַנט געזעלשאַפטלעך לעבן. דאָרט האָבן געווירקט כמעט אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פונעם פאַרמלחמהדיקן פוילן. איך דערמאָן בלויז אייניקע נעמען פון יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַקטיוויטעט: מרדכי צעלניקער, יעקב שערמאַן, מאיר אַנגלעטער און אַנדערע, וועמען דער היטלעריסטישער תליין האָט פאַרשניטן וייערע לעבנס און די לעבנס פונעם רוב יידן אין שטעטל.

כבוד זייער אָנדענק!

ווי אַזוי מיר האָבן איבערגעלעבט

פנחס צווייגענבערג

...דעם 18טן אויגוסט 1942 האָבן די דייטשן באַפוילן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל אין פאַרלויף פון דריי טעג — דאָנערשטיק, פרייטיק און שבת. נישט געקוקט וואָס אין יענער תקופה איז די מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד געווען אין פולן ברען, ווי אויך די רציחות און אויסזידלונגען פון די יידן, האָב איך געגלויבט, אַז ביז סוף יאָר וועט אַוודאי אַ סוף נעמען צום קריג. נאָר דערווייל מוז מען אַוועק פון שטעטל — און איך מיט מיין פרוי באַשליסן צו פאַרלאָזן ערשט שבת און ביז דעמאָלט פּרובירן איינאָרדענען ערגעץ־ווו מיינע צוויי טעכטערלעך, פון 6 יאָר און 3 יאָר. איך בין אַוועק צו אַ פויער, וועלכער איז גרייט געווען פאַר געלט אויסצובאַהאַלטן די קינדער. אויף מיין פראַגע, וואָס וועט ער זאָגן אויב די דייטשן וועלן אַנטדעקן די קינדער, פרעגן ווער זיי זענען

און ווי אַזוי זיי הייסן — האָט דער פויער געענטפערט, אַז ער וועט זיי אין אַזאַ פאַל איבערגעבן דער פּאָליציי... איך האָב אים באַדאַנקט — און אַוועק.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער נע־ונד: צומערשט קיין קאַזאַנאָוו, ווו מ'האָט זיך אַרומגעוואַלגערט 8 טעג. ווען ס'איז געקומען אַהין די זשאַנדאַמעריע און אָנגעהויבן קאָנטראָלירן ביי אַלעמען די דאָקומענטן און די געקומענע פון פרעמדע ערטער האָבן זיי אויפן אָרט דערשאָסן, האָב איך נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן מיט דער פרוי און קינדער קיין טשעפּאַלאָוו, ווו מיר זענען געווען ביז סוכות. מיט אַמאָל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען וועט אַלעמען אַרויספירן קיין טאַרלע. האָב איך זיך ווייטער געלאָזט צופוס מיט מיין משפחה קיין כאָטש, אויף דער ווייסל.

חול־המועד סוכות איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג אין כאָטש. נאָכן באַפעל אַז אַלע יידן זאָלן זיך צושטעלן אויפן באַשטימטן אָרט, האָט מען די קראַנקע, אַלטע לייט און שוואַכע, וועלכע האָבן ניט געקענט מיט אייגענע כוחות פאַרלאָזן די היימען — דערשאָסן אין די בעטן, צי אין די באַהעלטענישן. אויך די וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט נאָך דער אָנגעצייכנטער שעה, זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. נאָך די רציחות האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג. די פרויען מיט די קינדער האָט מען געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף די פון פריער צוגעגרייטע פויערישע וועגענער און די מענער, אויסגעשטעלט מיליטעריש, האָבן באַדאַרפט צופוס מאַרשירן קיין טאַרלע. מיך מיט נאָך עטלעכע יידן (צווישן זיי: מיין פעטער אברהם ליבהאַבער מיט זיין זון יעקב־מאיר, מיין קוזין פנחס גאָלדשטיין, דערמאָר־דעט שפּעטער דורך די פּאָליאַקן און יוסף טיראַנגעל — היינט אין ישראל), האָט מען באַפוילן צו בלייבן, כדי אויפרוימען די טויטע נאָך דער אַקציע. מיר האָבן שווער געאַרבעט אַ גאַנצן מעת־לעת און דערנאָך איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן אין דערבייאיקן וואַלד.

מיר איז געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיט אַ פויער, וועלכער האָט פאַר באַלוינונג זיך אונטערגענומען צו ברענגען מיין משפחה פון טאַרלע. נאָך אַ שטיקל צייט, בין איך ווידער געווען צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער. דער פויער האָט זיי געברענגט, אויך מיין שוועסטער (היינט אין ניו־יאָרק) און אַ צווייטע שוועסטער, וועלכע איז דערמאָרדעט געוואָרן נאָך דער באַפרייונג. איצט, האָבנדיק מיט זיך די גאַנצע משפחה, האָבן מיר באַשלאָסן צופוס זיך לאָזן אין דער געגנט פון גניעוואַשאָוו. נאָר פאַר אַלעמען בין איך אַוועק זיך געזעגענען מיט מיין מוטער ע״ה, וועלכע איז געווען אין כאָטש און מיט מיין פעטער פנחס פון

מאַרקושאָוו. נישט באַוויזן מיט זיי צו געזעגענען זיך, זענען אָנגעקומען פּאָליאַקן און אַלעמען פאַרהאַלטן מיט דער כּוונה איבערצוגעבן די דייטשן. אויפן וועג האָט זיך מיר איינגעגעבן איבערצוצייגן די פּאָליאַקן (פאַר אויסקויף־געלט, פאַרשטייט זיך) זיי זאָלן אונדז אָפּלאָזן. אָבער מיין מוטער מיטן פעטער האָב איך שוין מער ניט געזען. אין 8 טעג אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זיי אומגעבראַכט אין כאָטש. מיין פאָטער ז״ל איז נאָך דער אויסזידלונג פון גניעוואַשאָוו אַוועק קיין טאַרלע און דאָרט האָט מען אים דערשאָסן.

אָנעם וויסן פון בעל־הבית, בין איך מיט מיין פרוי און קינדער אַריין אין אַ סטאָדאָלע און דאָרט איבערגעשלאָפן אַ נאַכט. אין דער פרי, ווען דער פּויער האָט אונדז דערזען, הגם אַ גוט באַקאַנטער פון פריער, האָט ער אויפגעהויבן אַ ויצעקו. נאָר אויך ער, ווי איך, האָט געגלויבט, אַז אָט־אָט ענדיקט זיך די מלחמה און ער האָט אונדז דערלויבט צו בלייבן 3 טעג. יענער הויף האָט זיך אָבער געפונען אויף אַ הויפּט־טראַקט און ס׳איז געווען געפערלעך זיך אויסצו־באַהאַלטן אויף אַזאַ אָרט. זענען מיר אַוועק צו אַ צווייטן פּויער און ווידער געווען פאַרשטעקט אין דער סטאָדאָלע עטלעכע טעג. דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די פרעסט און קעלטן, ביי די קינדער זענען אָפּגעפרוירן געוואָרן די פיסלעך. צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דעם זעלבן דאָרף באַהאַלט זיך אויס מיין פעטער אברהם ליבהאַבער, וועלכער איז טאַקע געקומען ביינאַכט און אונדז אַלע גענומען צו זיך, אין זיין באַהעלטעניש, ווו מיר זענען געווען צוזאַמען אַ שטיקל צייט.

מיר איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אין איינעם פון די דייטשע אַרבעטס־לאַגערן אין דעמבלין געפונען זיך: מיין שוואָגער אליעזר וויינבערג, משה קאָסמאַן און בעריש רובינשטיין. מיר האָבן געטראַכט וועגן אַריינבאַקומען זיך אין לאַגער ווייל דאָס ביידעמל ווו מיר זענען געווען באַהאַלטן, וואָלט גוט געווען פאַר צוויי מענטשן — און נישט פאַר אַכט. דער פּויער אונדזערער האָט דערציילט, אַז אין זעלבן דאָרף זענען דאָ נאָך אויסבאַהאַלטענע יידן, ווי פּנחס גאָלדשטיין מיט זיין פרוי, משה בונם פון טשעטשעכאָוו (איצט אין ישראל) און די זין פון מיין געוו. שוואָגער הערש־נחמן פינקעלשטיין און פון מיין פעטער גרשון ליבהאַבער. מיר, די אויסבאַהאַלטענע יידן, האָבן פון צייט־צו־צייט געזען זיך, אַדורכגע־שמועסט און געזוכט וועגן וויאַזוי זיך אַרויסצורייסן פון דעם פאַרשאָלטענעם לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז די צוזאַמענטרעפן זענען פאָרגעקומען נאָר אין די גוט פינצטערע און רעגנדיקע נעכט, ביים אָנווענדן די גרעסטע פאָרזיכטיקייט.

אין די גאַר קאַלטע נעכט, האָבן מיר געבעטן ביים פויער אַ ביסל הייסע טיי צו דערוואַרעמען דעם געפרוירענעם קערפּער.

אין אַ געוויסער דעצעמבער־נאַכט פון יאָר 1942, האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר פון דעם פויערס כאַטע, ווו מיר זענען געלעגן באַהאַלטן. דורך אַ לעכל אין וואַנט האָבן מיר געזען ווי באַוואָפנטע מענטשן ווילן אַריין אינעווייניק. צומערשט זענען מיר געווען זיכער, אַז דאָס זענען דייטשן און אונדזער סוף איז אַ נאָענטער. נאָר דער פּאַס ליכט פון דער געעפנטער טיר האָט גאָר אַנטפּלעקט עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער, טאַקע פון אונדזער שטעטל: מאיר גירש, פנחס אפרימס אַ זון, משה בירנבוים, בער שפּייזמאַנס ברודער און נאָך עטלעכע פון די אַרומיקע ישובים. די פרייד פון דער באַגעגעניש איז געווען רירנדיק און האַרציק. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז דער־ווייל זענען זיי אַ קליינע גרופּע פּאַרטיזאַ־נער, וועלכע פירט קאַמפן מיט דייטשע פּאַט־רולן און זוכן פאַרבינדונג מיט אַ גרעסערן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וועלכער האָט זיך גע־פונען אין יענער געגנט. נאָכן אויסשמועסן זיך, זענען זיי אַוועק מיטן צוזאָג בקרוב אונדז ווייטער צו באַזוכן. ליידער, מיר האָבן זיי שוין מערער ניט געזען. מיט עט־לעכע וואָכן שפּעטער איז אונדז באַקאַנט געוואָרן, אַז די גאַנצע גרופּע איז געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשע מערדערס.


מאיר גירש ז״ל, בצבא הפולני

נאָך פאַרן אומקום פון די פּאַרטיזאַנער, איז צו אונדז געקומען מאיר גירש, אַ שווער פאַרוווּנדעטער אין אַ פוס. אונדז איז געלונגען אײַפצוזוכן אַ דאָקטאָר פון שטעטל, וועלכער האָט אים אומלעגאַל געהיילט. נאָכן געזונט ווערן איז גירש אַוועק און מ׳האָט נישט געהערט פון אים מער.

הגם מיר זענען געווען אַזוי פאַרשטעקט, דאָך האָבן מיר פון צייט־צו־צייט אָפּגענומען גרוסן און ידיעות פון אַנדערע יידן. אַזוי האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין פאַרשידענע ערטער זענען אויסבאַהאַלטן אַ ריי שטעטלדיקע יידן, ווי: די קינדער פון שמואל קאַרמאַן, פון חיים־נחום פּאַנטש, פון יצחק טענענבוים, משה

פעלדהענדלער. נאָר אַ סך פון זיי זענען אומגעקומען צוליב די מסירות פון די פויערים. אַזוי איז אין אַ געוויסער נאַכט געקומען אונדזער פויער און דערציילט, אַז מיט אַ טאָג פריער האָט מען דערשאָסן שמואל קאָרמאַנס קינדער — און דערביי געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער האָט שטאַרק מורא, ווייל מיטן געפונען אַ ייד ווערט ניט נאָר ער אומגעבראַכט, נאָר דער פויער וועלכער האָט אים אויסבאַהאַלטן קומט אים און זיין ווירטשאַפט ווערט פאַרברענט.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער דערציילט, אַז מען האָט אַנטדעקט און דערשאָסן די קינדער פון חיים־נחום פאָנטש — און צוגעגעבן, אַז מיר מוזן פאַרלאָזן זיין הויז. אונדזערע געווייִנען און געבעטן האָבן ניט געהאָלפן — און צום גליק האָבן מיר געפונען אַן אַנדערן מקום מקלט. באַזונדער איך מיט מיין משפחה און באַזונדער פאַרן פעטער אברהם ליבהאַבער מיט זיין משפחה. אויך פנחס גאָלדשטיין איז געווען אין אַ באַזונדער באַהעלטעניש. פון צייט־צו־צייט האָבן מיר זיך געזען.

אַזוי איז אַדורך דאָס יאָר 1943. אויף דער שוועל פון 44סטן יאָר איז די לאַגע געוואָרן פיל ערגער. האָבן מיר ווידער גענומען טרוימען וועגן אַריינבאַקומען זיך אין איינעם פון די דעמבלינער לאַגערן. נאָר די ידיעות פון דאָרט זענען געווען זייער טרויעריקע. אַז די שקלאַפן פון איינִיקע לאַגערן האָט מען דערשאָסן, אָדער אַרויסגעפירט. בלויז דער לאַגער וווּ מיין שוואָגער געפינט זיך, עקזיסטירט נאָך, נאָר אַריינקריגן זיך דאָרט איז אוממעגלעך.

איין מאָל, ליגנדיק באַהאַלטן ביי אַ פויער אויפן בוידעם פון דער סטאָדאָלע וואָס האָט געגרענעצט מיט דער שטאַל, האָבן מיר דערהערט געשרייען און באַפעלן אין דער דייטשער שפראַך. מיט אַ טראַסק האָט זיך געעפנט די טיר פון שטאַל, די דייטשן האָבן געזוכט אַ קו, וועלכער דער פויער האָט באַדאַרפט צושטעלן פאַרן קאָנטיגענט. מיר האָבן פון דער הייך געזען די רוצחים און געווען זיכער, אַז אויב זיי זוכן שוין, וועלן זיי מן־הסתם אויך צו אונדז צוקומען. צום גליק זענען זיי אַוועק — נאָר שפּעטער האָט דער פויער געהייסן, אַז אויך מיר זאָלן אַוועק פון אים. „גענוג ריזיקירט מיטן לעבן" — האָט ער געטענהט.

האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ זוכן און וואַנדערן פון איין אָרט צום צווייטן מיט די אַלע געפאַרן וועלכע האָבן אין יענער פינצטערער תקופה געלויערט אויף אַן אויסבאַהאַלטענעם און גערודפטן ייד. אָפטמאָל איז אויסגעקומען צו זיין צוזאַמען אַ 12 פערזאָן (מיין פאַמיליע, פון ליבהאַבער, גאָלדשטיין און מיין שוועסטער) אויף אַ קליין אָרט, אַז מען האָט געמוזט נאָר זיצן אָדער שטיין. אַ סך מאָל האָט פּאַסירט אַז די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט רעוויזיעס, זוכנדיק

ניט געסטעמפּלטע, צי ניט געצייכנטע חזירים, ציגן און קי פֿאַרן קאָנטיגענט. אין אַזאַ פֿאַל האָבן מיר ניט איין מאָל זיך געזעגנט מיט אונדזער לעבן, אַפֿילו געזאָגט וידוי... נאָר אַ נס איז געשען יעדעס מאָל — און אַלץ איז אַדורך בשלום.

אין יענער צייט האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט די זוכונגען נאָך אויסבאַהאַלטענע ייִדן און דער פּויער האָט אונדז דערציילט אַז מען האָט געכאַפּט הערש־נחמן פינקעלמאַנס זון, אליעזר, מאיר פינקעלמאַן, מיין פעטער גרשון ליבהאבערס זון, הערצקע, מיין מומעס (הינדע גאָלדשטיין) טאָכטער מירל, משה האָלצהענדלער און יצחק טענענבוימס זון פּסח. מען האָט זיי אַלע אַוועקגעפירט אויפֿן בית־עולם אין גרעניץ, דאָרט דערשאָסן און באַגראָבן אין אַ ברידער־קבר.

הערנדיק אַזעלכע ידיעות, זענען מיר געווען זיכער, אַז קיין שום פּויער וועט נישט וועלן באַהאַלטן קיין ייִד, אַפֿילו פֿאַר געלט. האָט מען זיך פֿאַרשטעקט אין וואַלד, אין פעלד. נאָר אַ דאַנק מיין פעטער אברהם ליבהאַבער און זיין זון לייב (ביידע איצט אין ניו־יאָרק), וועלכע האָבן געהאַט גרויס באַקאַנטשאַפֿט מיט די פּויערים — בין איך געבליבן לעבן. אים איז דאָך געלונגען אויסצוגעפֿונען פֿאַר אונדז אַ באַהעלטעניש.

אין יולי 1944, ווען די רוסישע אַרמיי איז שוין געהאַט צוגעקומען צו דער ווייסל פון דער זייט דעמבלין—פּולאַווו, זענען מיר געווען זיכער, אַז איצט איז די ישועה געקומען און אַז ס'איז ניט ווייט דער טאָג פון באַפרייונג. מיר זענען געלעגן באַהאַלטן אויפֿן צווייטן ברעג ווייסל, אפשר אַ קילאָמעטער פונעם טייך און מיט די אייגענע אויגן געזען די שלאַכטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענע מקומות. די דייטשן האָבן שוין געהאַט זיך צוריקגעצויגן פון דער זייט און מיר האָבן געקענט זיך לאָזן אויף דער צווייטער זייט, די באַפרייטע, נאָר מורא געהאַט פֿאַר די... פּאָליאַקן. זענען מיר פֿאַרבליבן מיט דער האָפֿענונג, אַז אָט קומען די רוסן און אויך אונדזער געגנט ווערט באַפרייט.

דערווייל איז געקומען אַ דייטשע פֿאַראָרדענונג, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג אין ראַדיוס פון 20 קילאָמעטער פון דער ווייסל, זאָל פֿאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פעלקער־וואַנדערונג — און מיר, ניט ווילנדיק בלייבן בלויז מיט די דייטשן, האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף מיט אַלע פּויערים. איך האָב זיך איבערגעטאָן פֿאַר אַ פּויערטע, מיט אַ פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, גענומען איין קינד אויף דער האַנט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט אַלע. מיין פרוי איז געגאַנגען מיט דער צווייטער מומע. דאַקעגן אברהם ליבהאָבער, פּנחס גאָלדשטיין, מיין שוועסטער און יוסף טיראנגעל זענען געבליבן אויפֿן אָרט.

אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ווו געטאָגט האָט מען נישט געגעכטיקט. דער נייער נע־ונד האָט געדויערט ביז אָקטאָבער 1944. אין יענער צייט האָט מען מיך געכאַפּט צו צוואַנגס־אַרבעט און מיט אַנדערע פּאָליאַקן אַוועק־געשיקט קיין טשאַרנאָלאַס. דאָרט זענען געווען אַ סך באַקאַנטע קריסטן, וועלכע האָבן מיך דערקענט אַלס ייד. נאָר ווייזט אויס, אַז ס׳איז שוין קיינעמען נישט געלעגן אין קאָפּ מיין נאַציאָנאַליטעט. מיר האָבן געגראָבן טיפע אַנטי־טאַנק גריבער. אַ געוויסע נאַכט בין איך מיט אַ גרופּע פּאָליאַקן אַנטלאָפן אונטער אַ האָגל פון קוילן. מיר האָט אָפּגעגליקט צוצוקומען צום דאָרף, ווו ס׳איז געווען אויסבאַהאַלטן מיין פרוי מיט די קינדער. נאָר דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיינע נאָענטע זענען אַוועק קיין ראַדאָם — און כ׳האָב פאַרלוירן מיט זיי די פאַרבינדונג.

הגם די הילף איז געווען אַזוי נאָענט און ס׳איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז די דייטשן האָבן די מלחמה פאַרשפּילט, דאָך האָבן פויערים נאָך אַלץ נישט געוואָלט מיך האַלטן און זיכערן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויס פאַרצווייפלונג, האָב איך באַשלאָסן מעלדן זיך אויף אַרבעט צו די דייטשן, פאַרשטייט זיך, אַלס פּאָליאַק. מיינע לאַנגע וואָנסעס, דאָס פויערישע אָנטאָן און דער גאַנצער „געשטעל״ מיינער איז געווען נישט קיין יידישער. אַ דייטשער אונטעראָפיציר האָט גלייך מסכים געווען מיך צו אַנגאַזשירן — און כ׳האָב איצט געהאַט באַשעפטיקונג, עסן, אַ וווינונג. דער עיקר — כ׳בין געווען אַ לעגאַלער. נאָר פּאָליאַקן האָבן מיר דערקענט און צוגעטראָגן דעם פאַראַנטוואָרטלעכן דייטש, אַ קאַפּראַל, וועלכער האָט מיך אַריינגערופן און געפרעגט וועגן מיין אָפּשטאַם. איך האָב געזען, אַז עס האָט נישט קיין זין צו לייקענען און מיט אַ געוויין דערציילט, אַז כ׳בין אַ ייד און געבעטן ער זאָל אויף מיר רחמנות האָבן. דער קאַפּראַל האָט מיך באַרויִקט, געזאָגט, אַז אויסער וואָס ער איז אַ דייטש, איז ער אויך אַ פרומער קאַטאָליק, געדענקט גוט די צען געבאָט און אַז איך זאָל פאַר גאָרנישט מורא האָבן, כ׳קאָן ווייטער אַרבעטן. אַזוי בין איך געבליבן אויף דער פּלאַצוווקע ביזן 15טן יאַנואַר 1945.

יענעם טאָג, מיטן עוואַקויִרן דעם דייטשן פראָנט, האָט מען אויך אונדז עוואַקוירט — דורך ראַדאָם און פשיטיק. דאָרט האָבן די רוסן שטאַרק באָמבאַרדירט דעם שאָסיי — און מיר זענען ענדלעך געוואָרן באַפרייט.

לאָזנדיק זיך קיין ראַדאָם אויפזוכן מיינע נאָענטסטע, זענען אויפן וועג מיך באַפאַלן א. ק.־אָווצעס און אין אַ וואַלד מיך אויסגעטאָן נאַקעט און אָנגעצילט

די ביקסן מיך צו דערשיסן. איך האָב אָנגעהויבן וויינען און בעטן און דערביי געזאָגט, אַז איך קען גוט זייער עלטסטן, מאַלענדא. דערהערנדיק דעם נאָמען, האָבן זיי מיך צו אים אַוועקגעפירט און יענער האָט באַפוילן מיך נאָכצולאָזן. איך האָב איבערגענעכטיקט אין וואַלד און צומאָרגנס בין איך אָנגעקומען קיין ראַדאָם.

ביי די געציילטע ניצול־געוואָרענע יידן האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן אויף מיין פרוי און קינדער, נאָר קיינער האָט מיר נישט געקענט געבן אַ ריכטיקע אינפאָרמאַציע. נאָכן זוכן עטלעכע טעג אין ראַדאָם, בין איך אַ פאַרצווייפלטער אַריינגעפאָרן קיין גניעוואַשאָוו, ווו כ'האָב געטראָפן מיינע גוטע באַקאַנטע: אברהם ליבהאַבער מיט זיין פרוי און קינדער, מיין שוועסטער מירל, פּנחס גאָלדשטיין מיט זיין פרוי, יוסף טיראַנגעל. ליידער, זיי אַלע האָבן מיר נישט געוווסט איבערצוגעבן וועגן מיינע טייערע. אויך וועגן מיין שוואָגער אליעזר וויינבערג האָב איך נישט געהאַט קיין שום ידיעה. נאָר מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז ער געקומען קיין גניעוואַשאָוו, מיט זיין פרוי און קינד, ווי אויך די שוועסטערס פרידמאַן און נאָך עטלעכע גניעוואַשאָווער יידן. אייניקע פון זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז אין די חדשים אָקטאָבער—דעצעמבער 1944 האָט מען געזען מיין פרוי מיט די קינדער. נאָר ווו זיי זענען איצט, איז אומבאַוווסט.

איך האָב שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג צו זען מיין פרוי און די קינדער. נאָר אין מערץ 1945 באַקום איך די ידיעה, אַז מיין פרוי איז אין וועג צו מיר. ווי גרויס און רירנדיק איז געווען אונדזער באַגעגעניש נאָך אַזוי פיל חדשים פון צעשיידונג, ליידן און פּיין. זי האָט מיך גלייך באַרויִקט, אַז די קינדער לעבן, געפינען זיך אין אַ קינדער־היים אין קראָקעווער געגנט. ווי אַזוי זיי האָבן איבערגעלעבט דאָס אַלץ — איז אַ באַזונדערע פּרשה...

בגיטו גניווישוב

אברהם לאַנצמן / תל־אביב

(מתוך ספר „נעורים בדרכים" 1945—1939)

המטרה, לא היתה, כאמור, גניבשוב, ואך בלית ברירה נקלעתי לכאן. היות ו„כל ישראל אחים הם", מצאתי כאן קרוב משפחה מצד אבא. התייצבתי לפניו מתוך מחשבה, כי יסכים להלינני. אך לא הצלחתי לעבור את מפתן הבית. קרובי שמעוני, אף התעניינו לדעת על מצב משפחתם בוורשה. חקרו כיצד נודע לי דבר הימצאותם כאן. התעניינו מהי קרבת משפחתנו ותו לא. כנראה שבגדי הבלויים ומצבי האומלל לא מצאו חן בעיניהם.. לפיכך תם סיפורי עד מהרה. מסרו לידי כתובתו של אדם ,אשר ודאי יסיכם להלינני — ונפרדנו. מקום הלינה הבא שלי היה בבית עניים מרודים. הם אמנם ביקשו כמה פרוטות, אך נתנו ללון גם בלי תשלום.

היות ולא היתה לי אפשרות לשכור חדר או לשלם עבור מקום־לינה, לנתי במחסן. על ערימות שקים ישנים. נשארתי כאן זמן מסויים והתפרנסתי מעבודות שונות.

באחד הלילות, בשעות הקטנות, שמעתי דחיפות ודפיקות חזקות בדלת המחסן. נבהלתי מאד. הבינותי, חשתי, כי איני צריך לענות. כי מוטב לא לתת סימן חיים. לאחד דקות ספורות שמעתי צעדים מתרחקים מהמחסן. ידעתי, כי חייב הנני לעזוב מיד מקום זה. אך לאן אלך בשעה זו? בלית ברירה החלטתי, להשאר במקום, עד שיאיר היום. לא יכולתי להירדם יותר. חזיונות־בהלה שונים עברו לנגד עיני. ראיתי בעיני רוחי את הגרמנים גוררים אותי. שמעתי באוזני־רוחי את צריחותיהם, חשתי ממש את מכותיהם, זעה כסתה גופי, ולכן החלטתי לפשוט את המעיל. כי נוהג הייתי לישון בבגדים, מוכן ומזומן לבריחה... בו ברגע ממש (איך אשכחנו?), בדקה בה הוצאתי את ידי מן השרוול הראשון, שמעתי צעדים קרבים. נאלמתי, עצרתי נשימתי, והזדקפתי כולי דרוך על מושב השקים. לפתע זעזע הלם חזק את הדלת. היתה זו דלת עץ חלשה ודי היה בדחיפת אדם כדי לפרצה.

הנכנס היה איש המשטרה היהודית. מצאני לבוש, צריך הייתי להכניס יד לשרוול וכבר יכולתי ללכת עמו.

„טוב מאד שאתה לבוש", אמר. „אין לי פנאי. מדוע לא פתחת קודם? הגרמנים מחכים לך בחוץ. אתה איש חשוב מאד... אני מחפש אותך כבר חצי שעה.. כן אותך אני צריך. נו בוא, מה אתה חולם?" תפסני ברגלי ומשכני בתנופה עזה. עתה שכבתי על רצפת המחסן, לרגליו של השוטר בעל המגפיים המצוחצחים. לא נותרה בידי כל ברירה, אלא למלא אחר רצונו. בחוץ המתינו הגרמנים. הוא היה בעל־גוף, ודי היה בקולו, כדי להרגני בימים ההם...

השוטר לא היה מוכן לענות על שום שאלה. כל דבריו הסתכמו במלים: „לך, לך, אין זמן!" את פרצופו לא יכולתי לראות, כי היה חושך בחוץ. היה לו קול איום, שפתו דלה מאד, גסה וברוטאלית. שאלתיו על מה נכלאתי. הנודע לגרמנים כי ברחתי מגיטו וורשה? — שתק ולא ענה.

הובאתי לתחנת המעצר המקומית. שם הכניסני לתוך אולם מרתף גדול. הספקתי רק לשמוע את ההוראה שניתנה לו לאסוף בסך הכל חמישים איש. במרתף הייתי הראשון. לא עבר זמן־רב ונוספו אחרים אלי. תחילה נכלאו הזרים, אלה שחמקו לגניבישוב מיישובים אחרים, מחפשי המקלט והמחסה. אחר־כך הובאו גם מתושבי המקום. היו אלה עניי העיירה. לאט לאט נתמלא המרתף ולא נותר יותר מקום לשבת. עמדנו צפופים, כדגים מלוחים בחבית, במשך שעות רבות. לתושבי המקום וגם לזרים שהיו להם כאן קרובים או מכרים, הובאו דברי־מאכל ומשקה, ואילו לי ולאחרים כמוני, לא ניתן מאומה. נחלשתי מאד, הרגשתי שהנני מט־לנפול. פניתי לעומד לצדי וביקשתיו קצת מיים. — לא קיבלתי.

במרתף זה נמצאו אנשים שונים, בעיקר מבין אלה שבאו לכאן מיישובים אחרים. היה שם אחד מהיר־חימה, שכל אותה עת רב עם שכניו על דברים של מה־בכך. מספר פעמים הגיע אף לידי קטטה. אך לא היתה כל אפשרות להרגיעו, או אף להפריד בין הנצים.. קטן היה בינינו המרחק, אולם לעבור אי-אפשר היה. על כל סמ"ר עמד אדם. האויר היה דחוס ומחניק. היה רק חלון אחד, למעשה אשנב בודד ואף הוא היה קבוע סמוך לתקרה. כולם חפצו להתקרב לפתח זה, אך כמובן שהמקום הספיק רק לשניים־שלושה. כמו־כן השתוקקו האנשים להתרחק מן הדלת, כדי לא להיות הראשונים לכל צרה שלא תבוא. אך לזוז אי־אפשר היה.

לפיכך הורגשה תסיסה במשך כל הזמן. אנשים רצו ל„התמקם" טוב יותר. אלה שליד הדלת נדחפו פנימה ואלה שבפנים נדחפו לחלון.

עמדנו דבוקים זה לזה, שטופי זיעה ומורא.

משנפתחה הדלת אפשר היה להרגיש את הזעזוע שעבר את כולם. זמן רב חיכינו לפתיחת־דלת זו והנה נפתחה ואותנו אחזה חלחלה. השוטר שבפתח דרש שחמישה אנשים ייצאו. אך האנשים כאילו נדבקו במסמרות לרצפה, איש לא רצה לצאת. את חמשת הראשונים גררו החוצה בכוח. לא ידענו מה ברצון הגרמנים לעשות עמנו. חשנו כי חבל מתהדק סביב צווארנו.

כאשר הגיע תורי לצאת, ידעתי שיש לשנס מתניים. הבינותי שהנני חייב לפסוע בבטחון, אחרת הנני אבוד. ידעתי שהגרמנים בוחרים לעבודה אנשים צעירים וחזקים. מה נעשה בנותרים, באלה שלא נלקחו לעבודה עוד טרם ידעתי. צעיר הייתי, אף צעיר מדי לעבודות כה מפרכות, ונוסף ע"כ נחלשתי מרעב.

משהתייצבתי לפני הגרמנים, השאירו אותי עומד לפניהם זמן־רב. ראיתי אותם במטושטש. קבלתי סחרחורת, אם מרעב ואם מפחד, אחת היא. שלחוני החוצה. איני יודע מה החליטו. בדלת ראיתי כי כאן מרוכזות שתי קבוצות, פסעתי לעבר הקבוצה שישבה על המכונית. איש לא אמר לאן ללכת. למזלי, התישבתי בין המיועדים לעבודה. יכול היה להיות גם אחרת... במשך שנות הסבל, קרו לי מקרים דומים, במקומות שונים.

במשאית ישבו כעשרים איש. עתה התחלקו האנשים בדברי־המזון שנותרו ברשותם. מיד הורגשה כאן שותפות הגורל. שמחנו על שנבחרנו לעבודה, וחששנו לבאות.

הובילו אותנו לבית־מרחץ ומשם למחנה של עבודת כפייה בשיצ'קי. תוך כדי נסיעה הצביעו לפנינו, על גבשושית רגבים. היה זה קברם של שני אנשים שניסו לברוח ממחנה זה. ליד הכביש מצד שמאל, בתוך שדה־דגן, ראינו שטח שנראה כאילו נחרש בשנית. כאן נקברו שנים אחרים, שהגרמנים רצחום סתם להנאתם. הצבעות אלה שימשו אות אזהרה חמור.

הובאנו למחנה שיצ'קי. מחנה זה נוהל ע"י גרמנים בלבוש אזרחי, הדבר השפיע לטובה על מצב רוחנו. הזאב נראה — פחות זאבי... קבוצתנו קיבלה חדר גדול ומוארך שמשני צידיו עמדו מיטות בשתי קומות. באמצע ניצבו שולחן ארוך מאד ושני ספסלים.

לאחר קבלת המיטות נקראנו לצאת למפקד ומשם הובלנו לקבלת ארוחה חמה. בידינו לא היו כלי־אוכל. במטבח התברר לנו, כי מי שאין בידו כלי־

קבול אינו מקבל ארוחה. אחד העובדים יעץ לנו לאסוף בחוץ, בערימות האשפה, קופסאות של שימורים. לא נותרה ברירה, אלא לנהוג לפי עצתו.

לאחר הארוחה שופר מצב־הרוח הכללי והאנשים אף התלוצצו. היו כאלה שאמרו, כי במחנה עשוי להיות טוב יותר מאשר בגנייבושוב...

ישנו פתגם האומר: „כסף איבדת — מאום לא איבדת, תקווה איבדת — הכל איבדת!"

לפיכך לא פסקה התקווה מלבות הכלואים ונהפוך הוא, תקוות רבות מדי ניתלו על קורי הקיץ הדקיקים.

די דערציילונג פון פרץ שאפּיראַ

פאַרשריבן: עזרא ליבערמאַן, לובלין, 28.8.44

ווי נאָר די דייטשן זענען אין יאָר 1939 אַריין קיין גניעוואַשאָוו, האָט מען אָנגעהויבן שלאָגן און פאַרפאָלגן די יידן. ס׳איז אַרויס אַ פאַרבאָט צו באַזוכן די אַרומיקע דערפער. מ׳האָט געכאַפּט צו אַרבעטן אויפן אָרט און מ׳האָט אויך אַרויסגעפירט קיין ראַדאָם, אין די אָרטיקע אַרבעט־לאַגערן. אַ טייל יידן האָט מען געטריבן שניידן הויכע גראָזן אויף צו פלעכטן קיישלעך.

מ׳האָט אויך פאַרווערט יידישע בעקערייען צו באַקן ברויט. עס זענען דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס און צוגענומען אַלץ וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ ווערט. מען האָט גערויבט און געשלאָגן, אויך געהרגעט. ביי מיין מומע ביילע וויינבערג האָט מען בעת אַ רעוויזיע געפונען אַ ביסל שניט־סחורה. האָט מען זי מוראדיק צעשלאָגן און דערנאָך דערשאָסן אין איר וווינונג.

אין יאָר 1941, צי 1942 האָבן די דייטשן פאַרלאַנגט אַ קאָנטריבוציע אין דער הויך פון 100 טויזנט זלאָטעס, אין קעגנפאַל וועלן זיי אויסזידלען אַלע יידן פון גניעוואַשאָוו. די געפאָדערטע סומע איז זיי געגעבן געוואָרן. אין יענער צייט איז אויך אַרויס אַ באַפעל וועגן טראָגן אויפן אָרעם אַ ווייסע לענטע

מיט אַ בלויען מגן־דוד. פאַר נישט טראָגן דעם צייכן, האָט צומערשט געדראָט אַ שטראָף פון 3 חדשים תפיסה, אָדער 500 זלאָטעס.

אין יאָר 1942 האָבן די דייטשן באַפוילן אָפּצוימען איין גאַס און אין די הייזער אַריינגעשטויסן אַלע יידן פון שטעטל, ווי אויך די צוגעפאָרענע. אין איין וווינונג האָבן זיך געמוזט צונויפדרענגען 3—4 משפחות. צוליב דער ענגשאַפט און שלעכטער דערנערונג האָבן זיך פאַרשפרייט אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. פיל יידן זענען דעמאָלט געשטאָרבן.

קיין גניעוואַשאָוו זענען אָנגעקומען אַ סך פליטים פון אָטוואָצק און וואַרשע. די באַדינגונגען זענען געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. הונגער, שמוץ און נויט האָבן געגעבן זייערע רעזולטאַטן. אַ טייל יוגנטלעכע פון שטעטל האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן. די, וואָס ס'איז זיי געלונגען צו שמוגלען די גרענעץ קיין רוסלאַנד, האָט מען באַטראַכט פאַר גליקלעכע. ווען די באַציונגען צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד זענען געווען פריינדלעכע, זענען אויך אָנגעקומען בריוו פון די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין ראַטנפאַרבאַנד.

אין געטאָ האָט רעגירט דער יודענראַט און אָרדענונג האָט געהאַלטן די יידישע פּאָליציי. זייער אָפּט פלעגט פאַרפאָרן אין געטאָ די דייטשע זשאַנדאַר־מעריע, געכאַפּט מענער און פרויען צו דער אַרבעט און דערביי נישט געזשאַ־לעוועט קיין קוילן. אַ סך יידן זענען ביי אַזעלכע „לאַפּאַנקעס" דערשאָסן געוואָרן. אויפן באַפעל פון די דייטשן האָט דער יודענראַט צוגעשטעלט קאָנטי־גענטן אַרבעטער אין די לאַגערן. פון דאָרט איז מען שוין נישט געקומען צוריק.

אין די לאַגערן פלעגט דער יודענראַט בדרך כלל שיקן די אָרעמע, אויסגעזידלטע און פליטים. דאָס האָט געשאַפן שטענדיקע רייבונגען און אומצוטרוי צום יודענראַט. דאַקעגן די דייטשן זענען געווען צופרידן, ווייל זיי האָבן באַקומען אַלץ וואָס זיי האָבן געפאָדערט פונעם יודענראַט: סחורות, עופות, שפייז, בראָנפן, גאָלד, ביזשוטעריע און... שקלאַפן־אַרבעטער.

אין אויגוסט 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג קיין זוואָלין. די גניעוואַשאָווער יידן האָט מען אַריינגעשטויסן אין זוואָלינער געטאָ. דערביי האָט מען צוגענומען 300 מענער, פון וועלכע מ'האָט 200 פאַרשיקט קיין דעמבלין און 100 אין דאָרף סטאַווי, ווו עס האָבן זיך געפונען געווער־מאַגאַזינען. אין דעמבלין האָבן די יידן געאַרבעט אין דער פירמע שולץ, ביים לייגן באַן־רעלסן. דאָרט האָבן געהערשט שרעקלעכע באַדינגונגען. באַלד אין ערשטן

טאָג האָבן די דייטשן דערמאָרדעט 54 יידן. דאָס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

דער לייטענאַנט און הויפּטמאַן האָבן פאַראָרדנט אַן אַפּעל און געפרעגט ווער עס פילט זיך שוואַך, אָדער איז נישט געזונט און צי ס׳האָט ווער חשק זיך אומקערן קיין דעמבלין. געמאָלדן האָבן זיך אַ 15 מאַן. האָט דער לייטענאַנט אויסגעקליבן נאָך 39 יידן, גראָד געזונטע און אַרבעטס־פעיִקע און אַלע 54 אָפּגעפירט אין דערבייאיקן וועלדל און זיי דערשאָסן. איך האָב געאַרבעט אין דעם וואַלד מיט אַ גרופּע יידן. אונדז האָט מען געהייסן קובר זיין די דערשאָסענע.

אין חודש סעפּטעמבער, בעתן אַרבעטן אויף דער באַן־ליניע, האָבן מיר געזען אַ טראַנספּאָרט מיט פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אין וועלכע מ׳האָט געפירט די יידן פון זוואָלין אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. פון די אַרויסגעפירטע האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום ידיעה. אייניקע פון זיי איז געלונגען צו שפּרונגען פון די וואַגאָנען און זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, אָבער נישט לאַנג. פיל פון זיי זענען אומגעקומען פון די דייטשן אָדער פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיי אַנטדעקט.

אין נאָוועמבער 1942 האָט מען באַפרייט פון אונדזער גרופּע 17 יידן, צווישן זיי — אויך מיר און אַוועקגעשיקט קיין דעמבלין, ווו ס׳איז נאָך געווען אַ יודענראַט. פון דער גרופּע האָט מען בלויז 4 געלאָזט אַרבעטן און די אַנדערע זענען פאַרשיקט געוואָרן מיט אַ טראַנספּאָרט — די לעצטע אויסזידלונג פון דעמבלינער געטאָ. דעמאָלט זענען דערשאָסן געוואָרן 500 יידן. דאָס זענען געווען די, וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט צום אַפּעל און מ׳האָט זיי גענומען פון די וווינונגען און באַהעלטענישן.

נאָך דער אויסזידלונג האָב איך געאַרבעט אין לאַגער אויפן פלי־פעלד. מיר האָבן געפלאַסטערט שאָסייען, באַדינט עראָפּלאַנען, געטאָן אַנדערע אַרבעטן, צוזאַמען מיט זעלנער פון דייטשן לופט־פלאָט.

דעם 23סטן אויגוסט 1944 בין איך מיט נאָך 11 יידישע אַרבעטער אַנטלאָפן פון לאַגער. לעבן געבליבן זענען נאָר צוויי פון דער גרופּע: שעיה בלעכמאַן פון ריקע, געבוירן אין יאָר 1926 און איך. יענעם טאָג זענען אַלע פון דעם לאַגער אויפן פלי־פעלד אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טשענסטאָכאָוו.

דריי יאָר אָשוויענטשים

יאַנקל פערלשטיין / חיפה

1

ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך סטאַביל געוווינט אין דעם דאַטשע־אָרט גאַרבאַטקע. מיר איז געגאַנגען גוט, כ׳האָב געהאַט אַ טעקסטיל־געשעפט. מיין משפחה האָט זיך פאַרגרעסערט: פיר קינדער — דריי טעכטער און איין זון. אין זומער 1939 איז גרויס געווען דאָס לייזעכץ. מיר האָבן נישט געקענט צושטעלן אַזוי פיל סחורה, ווי מען האָט געפאָדערט אין גאַרבאַטקע, אויך די דאַטשניקעס. מיין שוועגערין נעכע פרימער איז געקומען פון וואַרשע קיין גאַרבאַטקע אויף 8 טעג אָפּרו — און שוין דעמאָלט האָט מען געפילט אַ געדריקטע שטימונג. מיין שוועגערין איז אַהיים געפאָרן, האָב איך איר מיטגעגעבן אַ זעקל זילבער־געלט, ווייל מען האָט געהאַט צוריק געהאַלטן דאָס זילבער־געלט. ליידער, דאָס איז געווען דער לעצטער צוזאַמענטרעף מיט דער שוועגערין. מער האָבן מיר זיך נישט געזען.

מיטוואָך, צוויי טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, בין איך נאָך געפאָרן קיין וואַרשע איינקויפן סחורה, ווייל איך האָב געוווסט, אַז יעדן מאָמענט קען מען מיך רופן צו מיליטער, האָב איך געוואָלט, אַז מיין פרוי זאָל בלייבן מיט סחורה. ווען איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָב איך דערזען, אַז עס איז אַן איבער־קערעניש. איך האָב נאָך באַוויזן צו קויפן 100 שטיקלעך ווייסע לייוונט און אַ ביסל זיידנס. אָבער אַהיים פירן די סחורה האָב איך שוין נישט געקענט, האָב איך אַלץ געלאָזן ביי מיין שוועגערין אין וואַרשע. ביינאַכט איז די שטאָט געווען פאַרטונקלט.

מיט גרויס שוועריקייטן האָב איך זיך באַקומען אַהיים. אין שטוב האָב איך געזאָגט מיין פרוי, אַז מיר מוזן עפּעס טאָן, ווייל יעדע מינוט איז נישט זיכער. איך האָב צוזאַמענגענומען דאָס געלט וואָס איך האָב געהאַט און עס פאַרטיילט מיין פרוי און די טעכטער. זיי האָבן עס איינגענייט אין די קליידער. אויך אין די מלבושימלעך פונעם 3־יעריקן משה־חיימל האָב איך איינגענייט

אַ ביסל געלט. קוים פאַרלירן מיר זיך איינער פון אַנדערן, זאָל יעדער האָבן מיט וואָס זיך צו ראַטעווען. אַזוי זענען מיר איבערגעשלאָפן די נאַכט.

גאַנץ פרי האָב איך מיך אויפגעהויבן, גענומען מיין ראָווער און געפאָרן אין מיין געבורטסשטאָט גניעוואַשאָוו, כדי ברענגען מיין שוויגער. אויב איך וועל גיין אין מיליטער, זאָל מיין פרוי נישט בלייבן אַליין מיט די פיר קליינע קינדער. אָפּגעפאָרן אַ פיר קילאָמעטער פון גאַרבאַטקע צו דעם דאָרף גרידיג, הער איך ווי עס קומען אָן עראָפּלאַנען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענען אונדזערע, פוילישע. איך הער אָבער באָמבאַרדירן — דאָס איז געווען פרייטיק פרי. איך בין אַרונטער אונטער אַ בוים און דערזען אויפן האָריזאָנט פלאַמען, ווי דאָס וואָלט געווען אין גאַרבאַטקע. איך בין גלייך צוריק געפאָרן. דאָס פייער איז שוין געווען ביי מיין שכן. מיין וווינונג און דאָס געשעפט האָב איך געטראָפן געשלאָסן. איך האָב אויפגעריסן די טיר, אַרויסגעוואָרפן דאָס בעטגעוואַנט. איך בין אַרומגעפאָרן זוכן מיין פרוי און די קינדער אין די וועלדער. אַ גאַנצן טאָג זיי געזוכט — און נישט געפונען. פון גרויס שרעק זענען זיי אַנטלאָפן אין פאַלעניצער וואַלד. ביינאַכט, ווען דאָס פייער איז שוין געווען פאַרלאָשן, זענען זיי צוריק געקומען. מיין פרוי האָט אין ספּאַזמעס מיר דערציילט: „יאַנקל, פון אונדזער גאַנץ פאַרמעגן האָב איך שוין געבעטלט פאַר אונדזערע קינדער אַ שטיקל ברויט״.

זונטיק פרי, אין דריטן מלחמה־טאָג, האָב איך געדונגען אַ וואָגן און מיין פרוי און קינדער אַוועקגעפירט קיין יאַבלאָננע. איך בין צוריק געפאָרן קיין גאַרבאַטקע, גענומען אַ ביסל סחורה פון מיין קראָם און געפירט עס קיין גניעוואַשאָוו, צו מיין ברודער דוד אין קעלער און צו מיין שווער. איך האָב אויך באַהאַלטן סחורה ביי קריסטן.

גאַרבאַטקע איז פיל מאָל באָמבאַרדירט געוואָרן, ווייל עס איז געווען איין גרויסע באַן־סטאַציע אויף דער ליניע וואַרשע—ראַדאָם. אַזוי האָט מען געלעבט ביז דעם צווייטן זונטיק. יענעם זונטיק פרי, ווען מיר זענען געפאָרן אַהיים פון יאַבלאָננע, זענען אויך די דייטשן אין דער זעלבער צייט אַריין צו אונדז אין שטעטל. די ערשטע פאַראָרדענונג איז געווען: אַלע יידן זאָלן אַרויס אויף דעם הויפּט־פּלאַץ. מען האָט אונדז געהייסן לייגן זיך מיטן פּנים אַראָפּ, אַלעמען אַרומגעשטעלט מיט מאַשין־געווער. אַזוי האָט מען אונדז געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. די דייטשן האָבן געזאָגט: ווען וואָס פּאַסירט, ווערן אַלע יידן דערשאָסן. פאַרנאַכט זענען מיר צוריק אַהיים געקומען.

אויף צו מאָרגנס פרי האָט מען אַלע מענטשן, יידן און קריסטן, גענומען צו דער אַרבעט פון פאַרשיטן גריבער פון די באָמבעס. נאָך אַ שעה איז געקומען אַ באַפעל, אַז נאָר יידן זאָלן אַרבעטן, און מען האָט די פּאָליאַקן אָפּגעלאָזט. אונדז האָט מען געפּייניקט און געשלאָגן, עס איז נישט געווען אויסצוהאַלטן. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט אַ פּאָר טעג, ביז מען האָט פאַרשיט די גריבער.

עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמענדאַטור און מען האָט גערופן אַלע, וועלכע האָבן געהאַט געשעפטן. אין דער קאָמענדאַטור האָט מען אונדז געזאָגט, אַז די סחורות וואָס מיר באַזיצן, מוז מען אָפּגעבן, ווייל יידן איז נישט דערלויבט צו האַנדלען, אָדער באַזיצן געשעפטן. מיר האָבן אַוועקגעגעבן די גאַנצע סחורה. יעדן טאָג האָט מען געטריבן צו אַן אַנדערע אַרבעט.

אַט האָבן מיר געשטופּט טאַטשקעס מיט שטיינער. אַ זעלנער איז געפאָרן אויף אַ מאָטאָציקל און יעדער האָט געמוזט נאָכלויפן מיט די טאַטשקעס, ווו ער איז געפאָרן.

2

גאַרבאַטקע איז געווען אַ קליינע שטאָט פון יידן, אָבער אַ גרויסער אַרבעטס־פּלאַץ. טאָג־איין, טאָג־אויס האָט מען אונדז געפּייניקט. אַזוי האָבן מיר געלעבט ביזן ערשטן יאַנואַר 1941.

אין ערשטן יאַנואַר איז געקומען דער סטאַראָסטע פון ראַדאָם און פאַראָרדנט אין משך פון איין טאָג צו מאַכן אַ געטאָ. מיר האָבן געבעטן איינאָרדענען דאָס געטאָ אין דער זייט, מען זאָל אונדז נישט זען. עס האָט נישט געהאָלפן. דער סטאַראָסטע האָט באַשטימט אַ צאָל הייזער, גראָד אין צענטער, מען זאָל אונדז גוט אָנזען. מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן אונדזערע וווינונגען, די קריסטן — זייערע וווינונגען אויפן באַשטימטן געטאָ־שטח — און מען האָט אונדז פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט, מען האָט נישט געטאָרט אַרויס. ווען איינער וועט איבערטרעטן דאָס געטאָ, ווערט ער גלייך דערשאָסן — איז געווען די דייטשע פאַראָרדענונג.

באַקומען האָבן מיר צו 70 גראַם ברויט אַ טאָג און יעדן טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט. מיליטער איז געקומען און מען האָט אונדז מיט קלעפּ און שיסעריי געטריבן צו דער אַרבעט ביז נאַכט, אָן עסן. יעדעס מאָל איז געקומען געסטאַפּאָ און זיי האָבן זיך געהייסן געבן פאַרשידענע זאַכן.

— געווען זענען מיר עטלעכע סוחרים, וואָס האָבן געהאַט אַ ביסל געלט און מיר האָבן אַלץ געמוזט דעקן וואָס די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט.

אין ווינטער 1942 איז געווען אַ גרויסער שניי. איז געקומען אין געטאָ מיליטער און פּאָליציי אויף פערד און מען האָט מיט שיסערייען געיאָגט די מענטשן, אַז מיר האָבן געמוזט לויפן ווי די פערד, געמוזט אָפּרייניקן דעם שניי.

אין גאַרבאַטקע האָבן די קריסטן געגנבעט עסנוואַרג פון די פאַרבייפאָרנ־דיקע באַן־וואַגאָנעס. געווען ביי אונדז אַ סאָלטיס מיט זיין פאַרטרעטער, ביידע גרויסע אַנטיסעמיטן. זיי האָבן געוווּסט, אַז יידן האָבן באַהאַלטן אַ ביסל סחורה ביי קריסטן. האָט דער סאָלטיס מיט זיין געהילף געמסרט די יידן, אַז זיי זענען קאָמוניסטן. דעם 9טן יולי 1942, ביינאַכט, זענען געקומען פיל געסטאַפּאָ און זשאַנדאַרמען, פאַרצוימט דאָס געטאָ און אַלע מענער אַרויסגעיאָגט פון די וווינונגען און זיי אויסגעשטעלט. מען האָט אַלע עלטערע מענטשן גלייך דערשאָסן. די ייגגערע האָט מען צוזאַמענגענומען. 75 מענער. די פרויען און קינדער זענען געבליבן אין דער היים. דעמאָלט האָט מען מיין ברודער אבוש און די פרוי אויך געשאָסן. אונדז האָט מען אַוועקגעפירט אין טאַרטאַק און געהייסן ליגן מיט דעם פּנים אַראָפּ, נישט רירן זיך, אַנדערש וועט מען שיסן. אַזוי זענען מיר געלעגן ביז נאַכט אָן עסן. פאַרנאַכט האָט מען אונדז געפירט צו דער סטאַציע און עס איז שוין געשטאַנען אַ צוג מיט וואַגאָנען, מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין די וואַגאָנען ווי הינט, געבונדן הענט און פיס. אַזוי זענען מיר געפאָרן ביז 10 פרי, אָן עסן און טרינקען. מען האָט אונדז צוגעפירט ביז אַ 2 קילאָמעטער פאַר דעם לאַגער אָשוויענטשים, אויפגעבונדן און אַריינ־געטריבן אין לאַגער אונטער אַ שטרענגער וואַך.

3

אין לאַגער האָט מען אונדז אויפגענומען מיט 4 תליות און געהאָנגענע. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער קאַראַנטין. דאָן איז אַריינגעקומען דער קאַפּאָ און געזאָגט: „איר, פּאָליאַקן, וועט אין 14 טעג אַרום קענען שרייבן בריוו אַהיים — און איר, יידן, זענט געקומען שטאַרבן”. דערביי האָט ער געוויזן די געהאָנגענע מענטשן.

מיטאָג־צייט האָבן מיר באַקומען אַ ביסל וואַסער־זופּ, נאָך 3 טעג נישט עסן און נישט טרינקען. ביינאַכט האָט מען זיך געלייגט אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע. קיינער איז נישט געשלאָפן. אין מיטן נאַכט איז אַריינגעקומען דער קאַפּאָ און אַלעמען געשלאָגן מכות רצח, טעראָריזירט די מענטשן און זיי אַרויסגעטריבן אין קאָרידאָר. פאַרטאָג איז געקומען אַ טויטן־וואָגן און

צוגענומען די טויטע. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען בירקענאו, עס זענען נאָך נישט געווען קיין קרעמאַטאָריעס, נאָר איינע, אַ קליינע, ווו מען האָט געברענט די פּאַרפייניקטע. צוזאַמען מיט אונדז האָט מען געבראַכט קיין אָשווענטשים 200 קריסטן פון גאַרבאַטקע. מען האָט אונדז גענומען אין באָד און אָנגעקליידעט מיט די פּאַסן־קליידער און שיך פון האָלץ, וועלכע מ׳האָט פאַרלוירן פון די פיס. מען האָט באַלד גענומען צו דער אַרבעט.

איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו בלאָק 18. נאָך דעם אַפּעל בין איך גלייך דעם ערשטן טאָג אַריינגעפאַלן אין אַ קליינער קאָמאַנדע פון 16 מאַן. איך בין געווען איין ייד צווישן זיי. דאַן איז געקומען דער עס.עס.־מאַן און האָט צו מיר צוגעשטעלט אַ יונגטלעכן פּאָליאַק, אפשר פון 15 יאָר מיט אַ לאַסט־וואָגן. מען האָט מיר געגעבן אַ לאָפּאַטע, אַז איך זאָל שיטן קליינע שטיינדלעך אויף דעם וואָגן. שפּעטער האָב איך געאַרבעט אויפן באַן־הויף און באַקומען 200 גראַם ברויט מיט זעגעכץ און אַ ביסל שמוציקע וואַסערדיקע זופּ אויף מיטאָג. דאָ האָט מען יעדן טאָג גענומען יידן צו אַרבעטן אין דער בונאַ, אַ פיליע פון אָשוויענטשים.

מיר האָבן אָנגעהויבן בויען אַ גומי־פאַבריק פאַר דער „א. ג. פאַרבן־אינדוסטריע". 3 פאַרטאָג זענען מיר דריי טויזנט יידן געטריבן געוואָרן פון אוישוויץ 10 קילאָמעטער צו דער באַן, ביז מיר האָבן זיך צוגעשלעפּט צו דער אַרבעט. מיר האָבן שוין אויפן וועג געהאַט טויטע און זיי געמוזט מיטנעמען מיט זיך צו דער אַרבעט. ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער באַן, זענען געווען צוגעגרייט פערד־וואַגאָנען. מען האָט צו יעדן וואַגאָן צוגעשטעלט 100 יידן און נאָך אַ באַפעל 1, 2, 3 — זאָלן מיר שוין זיין אין די וואַגאָנען. מיר זענען געווען לגמרי דערשעפּט, האָט מען אונטעריאָגט מיט קלעפּ. אינעווייניק זענען די וואַגאָנעס געווען פאַרטיילט מיט איין לאַנגע באַנק. איין העלפט וואַגאָן איז געווען פאַר 2 עס־עס מ ט הינט, איין קאַפּאָ און איין פאָר־אַרבעטער. אין דער אַנדערער העלפט זענען מיר געווען צוזאַמען מיט די טויטע.

בעתן אַריינגאַנג אין וואַגאָן, האָט מען געשלאָגן מיט קאָלבעס איבער די קעפּ, ווייל מען האָט נישט געקענט אַזוי שנעל אַריינגיין. מיר זענען געשטאַנען געפּאַקט איינער צום צווייטן. די טויטע אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און אויף זיי געטרעטן. אַזוי זענען מיר געפאָרן אַ 10 קילאָמעטער. ווען דער צוג האָט זיך געשטעלט, האָבן מיר ווידער געהאַט טויטע. געווען נאָך אַ 10 קל״מ צו

גיין צו פוס און ווייטער נעמען מיט זיך די טויטע. צוקומענדיק צו דעם אַרבעטס־פּלאַץ, זענען די לעבעדיקע שוין געווען האַלב־טויטע. די היץ איז געווען גרויס. קיין וואַסער, קיין עסן — אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן זייער שווער אַרבעטן, דער פּלאַץ איז נאָך נישט געווען אויסגעגליכן. מיר האָבן געטראָגן שווערע ברילעס ערד. ווער עס איז אַריין אין אַ גרוב, איז שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. אים איז גוט געווען, ווען ער איז שוין פאַרשאָטן געוואָרן. יעדן טאָג זענען געווען זייער פיל טויטע. אַזוי, אַז נאָך דער אַרבעט מיט דעם שווערן וועג, האָבן מיר געמוזט טראָגן די מתים אין לאַגער אַריין — און אַ טויטער, ווי באַוווּסט, איז שווער. די טויטע האָט מען געמוזט יעדן טאָג ברענגען אין לאַגער, עס זאָל שטימען די צאָל ביי דעם אַפּעל. עס האָט זיך געטראָפן עפּעס אַ סיבה, ווען איינער האָט געפעלט צו דער צאָל, האָבן מיר געקענט שטיין אַ גאַנצע נאַכט אויף דעם אַפּעל, ביז מען האָט געפונען — נישט וויכטיק צי אַ לעבעדיקן, אָדער אַ טויטן, אַבי דער ציפער זאָל שטימען. געקומען זענען מיר פון דער אַרבעט אום 10 ביינאַכט.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען יעדן טאָג צו דער אַרבעט. מען האָט צוגעשטעלט פרישע מענטשן, דאָס האָט געדויערט 3 חדשים. דאַן האָט זיך פאַרשפּרייט די טיפוס־קראַנקייט. די ס.ס. האָבן שוין נישט געיאָגט צו דער אַרבעט קיין בונאַ, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיך. די טיפוס־מגיפה איז געווען זייער גרויס. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. דער לאַגער איז געווען אָפּגעצוימט.

איך האָב געהאַט גליק, ווייל כ׳בין איבערגעשיקט געוואָרן אין דער קאָמאַנדע פון די טישלער אין בירקענאו, ביים אויפשטעלן באַראַקן.

4

ווען מען האָט פאַרטיק געמאַכט בירקענאו און מיר זענען אין איין פאַרנאַכט געקומען פון דער אַרבעט, איז דער גאַנצער לאַגער מענטשן, אַ 35 טויזנט, געווען אויסגעשטעלט. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס האָט פּאַסירט, ביז מ׳איז צוגעקומען צו אונדז, האָט מען זיך געכאַפּט אַז מען פירט אַדורך אַ סעלעקציע. יעדער איינער האָט געמוזט אויפהייבן די הויזן ביז דער קני — און ווער עס האָט נאָר געהאַט שוואַכע געשוואָלענע פיס, איז שוין גע־גאַנגען אין אויוון. דעמאָלט האָט מען באַנייט די קרעמאַטאָריעס, ווייל זיי זענען אויסגעפּערטיקט געוואָרן. אַלע פרויען האָט מען געשיקט אין בירקענאו און אַ ביסל מענער אויך. איך בין געבליבן אין אָשוויענטשים.

מען האָט געמאַכט אַ דיזענפעקציע אין לאַגער. עס איז געוואָרן רײנער. מען האָט באַקומען יעדן זונטיק אַ קלאָר העמד. ביז דאַן האָט מען געקענט גיין אין אַ העמד 3—4 חדשים און די ווערים האָבן אונדז לעבעדיקערהייט געפרעסן. אַזוי האָב איך געאַרבעט אין דער טישלערײ איין יאָר.

אַזוי ווי איך בין נישט געווען קיין פאַכמאַן, האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט אין דער טישלערײ און איבערגעפירט צו דער וואַסער־פאַרזאָר־גונג. אַרבעטן האָב איך געמוזט אין דרויסן. דאָס איז געווען אין יאָר 1943, אין ווינטער. עס איז געווען זייער אַ שווערער ווינטער. 35 גראַד פראָסט. איך האָב זיך אָפּגעפרוירן די פינגער פון די הענט און פיס. איך האָב געהאַט אַזעלכע ווייטאָגן, אַז ס'איז נישט געווען צום אויסהאַלטן. ווען איך בין געקומען אין בלאָק נאָך דער אַרבעט, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אין שרעקלעכע יסורים, נאַקעט און באָרוועס. איך האָב דעמאָלט געפילט, אַז איך האָב שוין נישט קיין אויסזיכטן צו לעבן. בין איך געגאַנגען אין קראַנקן־הויז — און אַ סוף זאָל עס נעמען. אין אַשוויענטשים האָט מען געוווּסט, אַז ווער עס גייט אין קראַנקן־הויז, גייט שוין נישט אַרויס. דאָרט זענען געווען יידישע און פּוילישע סאַניטאַרן. זיי האָבן געזען מיין העפטלינג־נומער 46000, הייסט עס — פון די ערשטע. זיי האָבן מיר באַנדאַזשירט די הענט און פיס און געזאָגט: „האַלט דיך מיט אַלע כוחות, טו נישט דאָס, ווייל האָסט שוין גענוג מיטגעמאַכט". אָבער איך האָב שוין רעזיגנירט פון מיין לעבן, ווייל איך האָב נישט געקענט מער אויס־האַלטן די יסורים. איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן מיר נישט אָפּזאָגן און אַריינגעמען אין קראַנקן־הויז. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. איך האָב ווייטער געליטן.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען דריי פאַרטאָג, האָב איך געזען פיל מענטשן הענגען אויף די עלעקטריזירטע דראָטן. זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן. איך האָב זיי מקנא געווען.

אַזוי האָב איך געאַרבעט ביז פרילינג. דאַן האָט מען מיך גענומען אין אַן אַנדערע קאָמאַנדע, ווו איך בין אַ גאַנצן זומער געווען ביי נאַכט־אַרבעט. יעדע וואָך זענען מיר דורכגעגאַנגען סעלעקציעס. איך בין ווייטער געבליבן ביי דער אַרבעט. פאַר ווינטער בין איך ווידער אַריין אין אַ צווייטע קאָמאַנדע, ווו איך האָב שוין אויסגעהאַלטן ביזן סוף ווינטער.

א געוויסן אָוונט, ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער נאַכט־שיכט, האָט מען אַלע פאַר דעם טויער פאַרהאַלטן און פאַראָרדנט, אַז די יידן זאָלן אָפּטרעטן.

דאָ האָבן מיר שוין געוווּסט די בראָך וואָס וואַרט. אַלע יידן זענען צוריק אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער. אויף צומאָרגנס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ סעלעקציע. מען האָט אַרויסגענומען 800 יידן צום פאַרברענען. עס איז געווען פּאַר פּורים. ווען עס איז אויסגעפאַלן אַ יידישער יום־טוב, האָבן די רוצחים צוגעגרייט אַ מתנה דעם „פּירער" — אַ טראַנספּאָרט יידן אין די גאַז־קאַמערן. גראָד דעמאָלט האָבן מיר געהאַט אַ גוטן לאַגער־קאָמענדאַנט, האָט ער נישט געלאָזט זיינע מענטשן אָוועקפירן קיין בירקענאו. ער האָט זיי פאַרשפּאַרט אין אַ בלאָק. דריי טעג און נעכט זענען מיר דאָרט געווען, אָן עסן און וואַסער. דער קאָמענדאַנט האָט געוווּסט, אַז די מענטשן קענען נאָך אַרבעטן, מען קען זיי נאָך אויסנוצן. נאָך דריי טעג האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט און אָפּגעפירט אין קראַנקן־הויז. אויך דאָרט זענען געווען 700 יידן, וועלכע דער קאָמענדאַנט האָט אויפגעהאַלטן, אָבער דער לאַגער־דאָקטער האָט נישט געלאָזט — און מען האָט זיי פאַרברענט. ווען זיי זענען געפאָרן אויף די אויטאָס, האָבן זיי געבעטן אַ שטיקעלע ברויט פאַרן טויט...

5

אַזוי האָב איך זיך געפּייניקט ביזן ערשטן מאַי 1944. פאַרטאָג, נאָך דעם אַפּעל, ווען מיר זענען שוין געשטאַנען אַלע צום אָפּמאַרשירן צו דער אַרבעט, איז געקומען אַ באַפעל אַרויסצונעמען 100 יידן קיין בירקענאו. יעדע קאָמאַנדע מוז געבן עטלעכע מענטשן. אויך איך בין געווען צווישן די אויסגעטיילטע. מען האָט אַלע גענומען צום טויער. עס האָט אַ ביסל געדויערט, ביז מען האָט אונדז אָפּגעפירט קיין אַשוויענטשים. דעמאָלט זענען אַהין אָנגעקומען די גרויסע טראַנספּאָרטן מיט יידן פון אונגאַרן.

בעת מיר זענען אַזוי געשטאַנען, איז דורכגעגאַנגען אַן אָבערשאַרפירער. ער האָט געפרעגט דעם פּאַטרול „וואָס איז מיט דעם הויפן?" האָבן זיי געענט־פערט: „דאָס איז אַ זאָנדערקאָמאַנדע". איך, אַן אַלטער העפטלינג, האָב שוין געוווּסט וואָס דאָס באַדייט. דעמאָלט האָב איך געוואָלט מאַכן אַ סוף מיט מיין לעבן, אָבער איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס. קיין שאַרפע זאַך האָב איך נישט געהאַט, ווייל מען האָט נישט געטאָרט האָבן. איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל שוין סיי ווי נישט בלייבן לעבן, ווייל די זאָנדערקאָמאַנדע איז די, וואָס פאַרברענען די פאַרגאַזטע קרבנות. נאָך 3 חדשים פאַרגאַזט מען די זאָנדער־קאָמאַנדע — און מען נעמט פרישע. אַזוי, עס איז שוין אַלץ איינס. דער גורל

האָט אָבער געוואָלט, אַז איך זאָל בלייבן לעבן.. דאַן האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין בירקענאַו.

אַריינקומענדיק אין לאַגער, זענען צוגעקומען 2 פאַרברעכער, דייטשן, און אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר האָבן מזל, ווייל מיר זענען געקומען שפּעט. זיי האָבן שוין אַנדערע גענומען, מיר וועלן גיין אַרבעטן אויף דער ראַמפּע. „נאָר זייט וויסן" — האָבן זיי געזאָגט — „אַז איר זענט אין בירקענאַו. פאַר יעדער קלייניקייט ווערט איר געהאַנגען".

מען האָט אונדז אַריינגעשיקט אין ציגיינער־לאַגער. דאָרט האָבן זיי געלייגט אַ באַן־ליניע צום קרעמאַטאָריום. איך בין אַריינגעפאַלן צו דער נאַכט־שיכט. עס איז יעדע 10—15 מינוט געקומען אַ טראַנספּאָרט פון 300 מענטשן — און אין משך פון דער צייט זענען זיי ליקווידירט געוואָרן. אַזוי האָב איך געאַרבעט אויף דער ראַמפּע ביז סעפּטעמבער 1944.

אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַ טראַנספּאָרט פון טערעזיענשטאַט. זיי האָבן אונדז געפרעגט: „וווּ זענען מיר?" ווען מיר האָבן געזאָגט, אַז אין אָשוויענטשים, איז איינער פון די געקומענע אַריין אין דער אוביקאַציע און זיך איבערגעשניטן די אָדערן. מען האָט אים גענומען אויף דער ראַמפּע, ער האָט נאָך געגוססט. האָבן זיך אַרומגעשטעלט די עס.־עס. מיט דעם לאַגער־קאָמענדאַנט און געלאַכט. זיי האָבן נאָך געקאָפּעט מיט די פיס דעם אומגליקלעכן.

ביי מיין אַרבעט אויף דער ראַמפּע אין אָשוויענטשים האָבן איך צוגעזען שוידערלעכע סצענעס. ווען עס זענען געקומען די טראַנספּאָרטן און מען האָט אויפגעמאַכט די וואַגאָנען, זענען די לעבעדיקע מענטשן געווען האַלב פאַרחלשט און פיל, פיל טויטע. ווען די לעבעדיקע זענען אַרויס, האָבן זיי זיך געקאַטשעט אויף דער ערד, נישט געקענט צו זיך קומען פון דער ענגשאַפט אין די וואַגאָנעס. ווען די עָס.־עס. האָבן זיי געפירט צום קרעמאַטאָריום און זיי זענען דורכגעגאַנגען ביי אַ טייך, האָבן זיך די אומגליקלעכע געוואָרפן אין טייך און דורשטיק געשלונקען דאָס וואַסער. פיל זענען דערטרונקען געוואָרן. די היץ איז געווען גרויס, דעם גאַנצן וועג אין דער באַן האָבן זיי נישט געהאַט קיין וואַסער.

איין מאָל איז געקומען אַ קליינער טראַנספּאָרט פון 30 פּערזאָן. דאָס איז געווען אין האַלבער נאַכט, האָט מען אונדז אַרויסגערופן, ווייל איך האָב דעמאָלט געאַרבעט נאַכט־שיכט. ווען די מענטשן זענען אַרונטער פון לאַסט־וואַגאָן, איז צוגעגאַנגען אַן עלטערע פרוי צו אַן עס.־עס.־מאַן און האָט אים געזאָגט: „וואָס

וואָלטן זי פאַן מיר? איך בין דאָך שאָן געטויפנט 40 יאַרע!" דער רוצח האָט געענטפערט: „אַריין אין דער ריי!" זיי זענען אַוועק אין קרעמאַטאָריע.

ווען עס זענען געקומען די מאַסן־טראַנספּאָרטן, האָב איך געטראַכט פון מיין אומגליקלעכע פאַמיליע, פון מיין פרוי און די ליבע פיר קינדער. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז איך וועל זיי טרעפן אין איינע פון די טראַנספּאָרטן. איך האָב זיך שטענדיק באַהאַלטן ערגעץ, כדי צו זען די מענטשן, ביז מען האָט זיי אַוועקגעפירט. איך האָב דערביי געשפּילט מיט דעם לעבן.

6

דריי יאָר אין אָשוויענטשים. איך קען אַליין נישט פאַרשטיין ווי אַזוי איך האָב געקענט איבערלעבן די שרעקלעכע פּיין. און דאָך האָט מען איבערגעלעבט. איך האָב נאָר שטענדיק געטראַכט, אַז איך זאָל נאָך האָבן איין טרייסט אין מיין לעבן, זאָט זיך אָנעסן מיט ברויט און דערנאָך — שטאַרבן...

דעם 12טן נאָוועמבער 1944 האָט מען איין גרופּע, ווו איך האָב זיך געפונען, איבערגעשיקט צוריק אין אָשוויענטשים. דאָרט האָט מען אַ גרויסע צאָל מענטשן אויפגעלאָדן אין לאַסט־וואַגאָנען און אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד. אָבער אונדזער טראַנספּאָרט איז אויפן וועג געוואָרן באָמבאַרדירט דורך די אַמעריקאַנער און ענגלענדער. מיר זענען אָנגעקומען אין טראַנזיט־לאַגער ראַווענסברוק, דאָרט האָט זיך געפונען אַ גרויסער אַעראָדראָם, האָט מען אים יעדן אָוונט באָמבאַרדירט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין רו. יעדער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ווו נאָר ער האָט געקענט. אַזוי זענען מיר געווען 8 טעג. נאָך דעם האָט מען אונדז איבערגעפירט קיין זאַקסענהאַוזען. מיר זענען דאָרט געבליבן נאָר 10 טעג. פון דאָרט האָט מען אונדז, בערך 2000 מענטשן, געפירט צופוס אויפן וועג קיין דאַכאַו.

דער וועג איז אויך נישט אַדורך אָן קרבנות. ווער ס'האָט נאָר נישט באַוויזן גיין אין די רייען, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. מען האָט אונדז געפירט אין לאַגער נומער 11, נעבן שטעלע דאַכאַו ביי לאַנדסבערג. אָפּגעשטעלט האָט מען אונדז אויפן פרייען פעלד. אונדזער וווין־אָרט איז געווען אין פאַרשידענע לעכער אין דער ערד, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. מעגלעך, פאַרגרייטע בונקערס פאַר די דייטשן. דאָרט האָט מען אונדז פונאַנדערגעטיילט צו פאַרשידענע אַרבעטן. איך האָב געאַרבעט אין אַ האָלץ־לאַגער ביי דער פירמע האָלצמאַן. דער הונגער איז געווען ווי פריער. מיט וואַסער — זייער שלעכט.

צווישן אונדז זענען געווען מערסטנס אונגאַרישע יידן — מענער און פרויען. זיי האָבן נישט געקענט זיך צופּאַסן צו די שרעקלעכע באַדינגונגען, געווען שרעקלעך פאַרלאָזן און געפאַלן. קיין קרעמאַטאָריע איז דאָרט נישט געווען. נאָר יעדע עטלעכע טעג האָט מען זיי געפירט קיין דאַכאו אין דער קרעמאַטאָריע. אַזוי בין איך דאָרט געווען ביזן 26טן אַפּריל 1945, ווען מען האָט ליקווידירט אַלע לאַגערן, וועלכע זענען געווען אין יענער געגנט — און די העפטלינגען געפירט אין פאַרשידענע ערטער. די מענטשן, צווישן וועלכע איך האָב זיך געפונען, האָט מען געפירט צופוס. געזאָגט האָט מען אונדז, אַז מען פירט אונדז אין טיראָל.

גייענדיק ביז לאַנדסבערג, זענען מיר אָנגעקומען אין אָוונט אין אַ פּאָלוואַרק, ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט. גאַנץ פרי, אַרום 5 פאַרטאָג, איז געקומען דער ראַפּאָרט־פירער מיט אַ ביקס און אָנגעפאַנגען שיסן אין דער לופט. גלייכצייטיק האָט מען אַרויסגעיאָגט די מענטשן אונטער אַ שלאַקס־רעגן און דער קאָמענדאַנט האָט געמאָלדן, אַז מיר גייען נישט ווייטער, ווייל די אַמעריקאַנער דערנעענטערן זיך. דער ראַפּאַרט־פירער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעוואָפן דעם קאָמענדאַנט און אונדז געטריבן ווייטער. אויפן וועג זענען געפאַלן פיל מענטשן פון הונגער און דאָרשט און אַ גרויסע צאָל זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די עס.־עס.

7

אַזוי האָבן מיר מיט די לעצטע כוחות זיך דערשלאָגן ביז מינכען. אין שטאָט האָט מען געפילט די דערנעענטערונג פון די אַמעריקאַנער און אַ סך פראַנצויזישע יידן, וועלכע זענען געווען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, האָבן זיך אַרויס־געגנבעט פון די רייען און זיך אויסגעמישט מיט די דייטשן אין שטאָט. נאָכן אָפּגיין אַ 3 קילאָמעטער, איז געקומען אַ דייטשישער גענעראַל און געמוסרט די עס.־עס. פאַר וואָס זיי האָבן אונדז אַרויסגעפירט פון דאַכאו, ווייל שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן פּלאַנירט אַלע לאַגערן אויפצורייסן מיט די מענטשן.

אַזוי גייענדיק נאָך אַ 7 קילאָמעטער, צוקומענדיק ביז אַ וואַלד, זענען אָנגעפלויגן 2 אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן באַשיסן פון מאַשין־געווער. דערזעענדיק אָבער אַז דאָס זענען העפטלינגע, זענען זיי אַוועק און באָמבאַרדירט אַ דערבייאיק דאָרף.

מיר אַלע, צווישן אונדז אויך די עס.־עס., האָבן זיך באַהאַלטן אין וואַלד. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, איז געקומען אַן אויטאָ און מען האָט פאַרגעלייגט:

„ווער ס'איז קראַנק, זאָל גיין אויפן אויטאָ". אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיי, נאָר אייניקע זענען געגאַנגען. איך אַליין בין געווען זייער שוואַך, אָבער איך האָב שוין געוווּסט זייערע מערדערישע אויסריידן און בין נישט אַרויף אויפן אויטאָ. אַזוי זענען מיר געגאַנגען דורך דעם שטעטל וואָלפראַדסהאַוזען ביז בורבערג.

אין בורבערג האָט מען אונדז איינקוואַרטירט אין אַ גרויסער געביידע. דאָרט זענען געווען ריזיקע פאַבריקן אונטער דער ערד, ווו ס'האָבן געאַרבעט אַ סך מענער און פרויען פון רוסלאַנד. צוזאַמען מיט אונדז האָט מען געברענגט נאָך פיל מענטשן פון פאַרשידענע לאַגערן, צווישן זיי אויך רוסישע קריגס־געפאַנגענע. אין דער זעלבער צייט איז אויך געקומען דער באַוווּסטער קאָמענ־דאַנט פון לאַגער 2, דער מערדער מאַל, דער זעלבער וועלכער איז געווען שעף פון אַלע קרעמאַטאָריומס אין בירקענאו. בכלל האָבן די דייטשן אין דער לעצטער צייט צונויפגענומען אַלע פאַרברעכער מיט די גרינע ווינקלען, זיי געגעבן געווער און זיי איינגעשלאָסן צו די עס.־עס. דער בירגערמייסטער פון וואָלפראַהדסהאַוזען איז געווען אַ פאַרביסענער נאַצי און ער האָט נישט געוואָלט, אַז אין זיין קרייז זאָלן זיך געפונען העפטלינגע. דעם 30סטן אַפּריל 1945 איז געקומען דער מערדער מאַל מיט נאָך עס.־עס.־לייט און געפאָדערט פון לאַגער־קאָמענדאַנט, ער זאָל´ זיי אַרויסגעבן אַלע יידן־העפטלינגע.

צו יענער צייט איז דאָס אַמעריקאַנער מיליטער געווען זייער נאָענט פון דעם אָרט ווו מיר האָבן זיך געפונען, אָבער די בריקן און די וועגן זענען געווען צעשטערט. אונדזער לאַגערפירער איז דעמאָלט געווען אַ טשעכישער ייד. האָט ער דערקלערט דעם לאַגער־קאָמענדאַנט, אַז די אַמעריקאַנער זענען נאָענט, בעט ער אים די יידן נישט אַרויסגעבן צו דעם מערדער מאַל. דערפאַר וועלן די יידן אויפקלערן די אַמעריקאַנער, אַז ער, דער לאַגער־קאָמענדאַנט, האָט זיך באַצויגן גוט צו די העפטלינגע. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן 150 רוסישע בירגער, וועלכע די עס.־עס. האָבן גלייך אומגעברענגט.

8

דעם 1טן מאַי 1945 זענען אויף אַן אומוועג געקומען אויף אַ דזשיפּ צוויי אַמעריקאַנער. ווען די אַרבעטער פון די לאַגערן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען זענען אַרויס אויפן הויף און געזען די אַמעריקאַנער, האָבן זיי גענומען ביי די אַמעריקאַנער די ביקס און דערשאָסן דעם קאָמענדאַנט פון די פאַבריקן, פאַר

אַלעמען אין די אויגן. מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז געקומען אין לאַגער אַ גרעסערע צאָל אַמעריקאַנער און האָבן אַרעסטירט דעם לאַגער־קאָמענדאַנט מיט זיינע געהילפן. פון דעמאָלט זענען די מענטשן געווען פריי, אָבער אַ גאָר גרויסער פּראָצענט פון זיי איז געווען זייער שוואַך און קראַנק, און נישט געקענט זיך באַוועגן. זענען מיר אַוועק אין נאָענטן שטעטל וואָלפראַדסהאַוזע. די אַמעריקאַנער האָבן אויפגעמאַכט די דייטשע שטובן און געהייסן נעמען וואָס מען וויל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ערשטע וואָס מען האָט געזוכט, איז געווען עפּעס עסן און אויך איבערצוטאָן, ווייל שוין חדשים ווי מען האָט נישט געביטן די וועש. אָבער צום באַדויערן, קומענדיק צוריק אין לאַגער מיטן עסן, האָט מען נישט געהאַט קיין כוח צו עסן, ווייל מיר אַלע האָבן שוין נישט געקענט פאַרנעמען נאָרמאַלע שפּייז. אַ סך האָבן געוווגן נישט מער ווי 35—30 קילאָ.

אַזוי בין איך נאָך געווען אין בוכבערג 5—6 טעג. פילנדיק זיך שוואַך, בין איך געגאַנגען זוכן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט מיך גלייך געשיקט אין שפּיטאָל אַריין. אָבער אַלע שפּיטעלער זענען געווען פול. האָט מען אונז אַוועקגעלייגט אין אַ שולע. דאָרט האָט מען אונדז געהאַלטן עטלעכע וואָכן. מיך האָט מען איבערגעשיקט אין הויפּט־שפּיטאָל. אָבער זייענדיק דאָרט 6 וואָכן און זעענדיק אַז עס ווערט מיר נישט בעסער, בין איך אַליין אַוועק פון שפּיטאָל. גייענדיק, האָב איך געטראָפן אַ דייטש, וועלכן איך האָב געבעטן ער זאָל מיר ווייזן ווו מען קען קריגן אַ דירה. דער דייטש איז גראָד געווען אַ באַאַמטער און אין יענער צייט האָבן זיי זיך געוואָלט אויספּיינערן, האָט ער מיר פאָרגעלייגט ביי זיך אין הויז אַ צימער, ווו אַלץ איז געווען פיין איינגעאָרדנט.

אין דער זעלבער צייט, נישט ווייט פון מיין קוואַרטיר אין פערנוואַלד, האָט מען געשאַפן אַ די. פּי.־לאַגער. זייענדיק איינער אַליין, בין איך אַוועק צו די אַמעריקאַנער און 9 חדשים האָב איך ביי זיי געאַרבעט.

צווישן די אַמעריקאַנער אָפיצירן האָט זיך געפונען אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט געלעבט אין אַמעריקע. ער האָט געזאָגט, אַז אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער דאַרפן צוריקפאָרן קיין פּוילן. דעמאָלט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג, ביז דער קלאַנג איז אַריבער. אָבער אין קורצן בין איך אַוועק פון דאָרט. נישט האָבנדיק קיין באַשעפטיקונג, האָב איך זיך געווענדעט צו דער מיליטער־מאַכט און געבעטן אַ דערלויבעניש אויף אַ טעקסטיל־געשעפט. דער ווירטשאַפטס־לייטער, אָבערלויטנאַנט קאָזאַק, האָט מיך געפרעגט, ווו וועל איך נעמען געלט

אויף אַ געשעפט? גלייכצייטיק האָט ער מיר געגעבן אַ בריוו צום ראַבינער קלאָוזנער אין מינכען, ער זאָל מיר העלפן. אָבער דער ראַבינער האָט מיר דערקלערט, אַז העלפן קען ער נאָר מיט געלט אויף צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

9

אין שטעטל וואלצהאוזען האָבן געלעבט געציילטע יידן, ווייל אַלע זענען געווען אין די לאַגערן, אַזוי אַז אונדז האָבן די מיליטער־אָנפירער אַלע געקענט. אין יענער צייט איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז ביי אַלע געוועזענע נאַציס דאַרף מען צונעמען די געשעפטן און דאָרט אַריינזעצן פאַרוואַלטער. דעמאָלס האָב איך באַגעגנט אַ יוגאָסלאַווישן קאַצעטלער, וועלכער האָט מיך געקענט און מיר פאָרגעלייגט אַ טעקסטיל־געשעפט. ווען איך האָב דאָס געשעפט געזען, איז עס מיר געפעלן. זענען מיר געגאַנגען צו אַן אַדוואָקאַט און געמאַכט אַן אָפּמאַך. דעמאָלט האָט דעם אָפּמאַך געמוזט באַשטעטיקן די מיליטער־רעגירונג. האָט דער באַאַמטער פון דער מיליטער־רעגירונג, אַ דייטש, געזאָגט דעם בעל־הבית, אַז ער דאַרף נישט איבערגעבן דאָס געשעפט, ווייל ער מיינט, אַז ביי אים וועט מען נישט צונעמען דאָס געשעפט, אַזוי אַז פון דעם איז דערווייל גאָרנישט געוואָרן. אָבער דער אַדוואָקאַט האָט געראָטן דעם דייטש, ער זאָל מיך צונעמען פאַר אַ שטילן שותף, ווייל איך בין אַ סוחר. איך האָב געמוזט איינגיין אויף אַלץ, ווייל נישט האָבנדיק קיין באַשעפטיקונג, האָט אויף מיר אַלץ געווירקט שלעכט. מיר האָבן געמאַכט אַ נייעם קאָנטראַקט און געוואָלט אים באַשטעטיקן. האָט דער זעלבער באַאַמטער געזאָגט, אַז איך בין שוין פון פריער באַשטעטיקט אַלס פאַרוואַלטער פון זיין געשעפט און פאַרמעגן. איך האָב טאַקע אַלץ איבערגענומען. פירנדיק דאָס געשעפט, האָב איך זיך דערוווּסט פון דער צייטונג, אַז דער בעל־הבית פון דעם געשעפט איז אַ געוועזענער נאַצי און מען וויל אים פאַר 500 מאַרק רעהאַביליטירן. דערוויסנדיק זיך אַז ער איז געווען אַן אַקטיווער נאַצי, האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף אַ יאָר.

אין צווישנצייט האָב איך חתונה געהאַט, ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ קינד און איך האָב זיך גענומען גרייטן צו פאָרן אין ישראל. ענדע 1949 בין איך מיט מיין פאַמיליע געקומען קיין ישראל און לעב אין חיפה.

אויף די וועגן פון פּיין און אומקום

מלכה טיראַנגעל / בת־ים

איך בין געבוירן און מיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט אין דעם שיינעם מאָ־לערישן שטעטעלע קאַזשימיעזש, אָדער ווי מ׳האָט עס גערופן אין יידיש: קוזמיר. נאָך מיין חתונה מיט יוסף טיראַנגעל, בין איך פון קוזמיר אַריבערגעפאָרן אין זיין היימשטעטל גניעוואַשאָוו, ווו מיר האָבן זיך באַזעצט. עס איז מיר געפעלן געוואָרן די געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע, לעבעדיקע און דרייסטע יוגנט פון גניע־וואַשאָוו. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן און געוואָרן טעטיק אין „הנוער הציוני״. אויך מיין מאַן איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין „הנוער הציוני״. מיר האָבן געהאַט אַ שיינעם לאָקאַל, ווו עס פלעגן פאָרקומען אָפטע אימפּרעזעס און פאַרוויילונגען.

מיר האָבן זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין די געלט־זאַמלונגען פאַרן קרן־הקימת און קרן־היסוד. איך האָב זיך גוט אַריינגעלעבט אין דער נייער סביבה. די יוגנט פלעגט זיך אויך פאַרזאַמלען ביי אונדז אין שטוב, ווו מ׳האָט אָרגאַניזירט פאַרוויילונגען, געשפּילט אין שאַך, דאַמקע. עס זענען פאָרגעקומען טאַנץ־אָוונטן, און דער עיקר — אָפטע שמועסן וועגן ארץ־ישראל. אונדזערע יוגנטלעכע זענען געפאָרן אויף הכשרה, און זייער אייניציקער טרוים איז געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל און אָפּגעבן אַלע כוחות פאַר אויפבויען אַ יידישע מדינה אין אונדזער אייגענעם, אַלט־נייעם לאַנד.

אַ טייל פון אונדז איז געלונגען זייער חלום צו פאַרווירקלעכן, אָבער דער גרעסטער רוב האָט נישט באַקומען די מעגלעכקייט צו פאָרן — און זיי זענען פאַרפייניקט געוואָרן בעת דער דייטשער אויסראָטונג.

די ערשטע פּאַרפאָלגונגען און רציחות

ס׳איז געקומען דער טרויעריקער ערשטער סעפּטעמבער 1939. פון פרימאָרגן אָן האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט דעם פלי־פּלאַץ אין דעמבלין. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע מהומה. מיט מיין פיר־וואָכיק קינד בין איך אַנטלאָפן צו די עלטערן קיין קוזמיר. אָבער די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן אויך אַהין געטראָפן. זיי האָבן

באָמבאַרדירט קוזמיר און פאַר מיינע אויגן איז דערהרגעט געוואָרן אַ יינגל, דער זון פון שלמה שוסטער. איך בין מיט מיין פאַמיליע ווייטער געלאָפן אין אַ דאָרף, נישט ווייט פון קוזמיר. אויפן וועג האָב איך פאַרלוירן די עלטערן. כ׳האָב געהאַט אַ ביטערן גאַנג: אויף איין האַנט האָב איך געטראָגן אַ פּאַק זאַכן און אויף דער צווייטער — דאָס קינד. מיט צרות און מאַטערניש האָב איך זיך ווי עס איז דערשלעפּט אין דאָרף. צומאָרגנס האָב איך געפונען מיינע עלטערן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אַריין די דייטשן קיין קוזמיר. זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע איינוווינער מוזן זיך צוריקקערן אויף זייערע פריערדיקע וווינערטער. אויב מ׳וועט ערגעץ געפינען נישט קיין אָרטיקן, וועט מען אים דערשיסן. בין איך מיט מיין קינד צוריק אַוועק קיין גניעוואַשאָוו, ווו כ׳האָב געטראָפן אין דער היים מיין מאַן, געזונט און שטאַרק. מיר האָבן זיך זייער געפרייט צוליבן ווידער זיך טרעפן, כאָטש אויפן האַרצן איז געווען גוט קלאָגעדיק. מיר האָבן געוווּסט, אַז קיין זיס לעבן שטייט אונדז נישט פאָר ביי די דייטשן, אָבער מיר האָבן זיך פאַר קיין שום פאַל נישט געקענט פאָרשטעלן, וואָס די דייטשן וועלן מיט אונדז טאָן.

ווען די רוצחים זענען אַריין קיין גניעוואַשאָוו, האָבן זיך אַלע יידן באַהאַלטן. האָבן די היטלעריסטישע פאַרטיליקער אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער דאָס רוב עלטערע יידן, צווישן זיי איז געווען אהרן ליבהאַבער, מ׳האָט זיי געפירט איבער דער גאַס, געפייניקט און חוזק געמאַכט פון זיי. געריסן די בערד, אונטערגעצונדן באָרד און פאות, זיך געלאָזט בעסטיאַליש ווילגיין — און דערביי האָבן די רוצחים זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער און הנאה.

דער סוף פון געטאָ אין גניעוואַשאָוו

אינגיכן איז געשאַפן געוואָרן אַ יודענראַט, כדי אויפצווינגעז אויף יידן די דייטשע גזירות, אַ יידישע פּאָליציי, וועלכע האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט די אָקופּאַנטן און באַמיט מיט אַלע כוחות אויסצופירן זייערע באַפעלן. מ׳האָט די יידן געשלעפּט אויף אַרבעט און דערבײַ געשלאָגן מכות רצח. מ׳האָט באַפוילן יידן אָפּצוגעבן זייער ביסל גוטס, ווי: גאָלד, פוטערס, מאַנופאַקטור אד״גל. ס׳איז געווען אַ צייט פון ביטערע גזירות, פּיין און הונגער. אין יאָר 1940 איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ פאַר די יידן. די ליקווידאַציע פון געטאָ איז פאָרגעקומען אין דעם טרויעריקן און וויסטן 18טן אויגוסט 1942.

ס׳איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק־פלאַץ, פון וואַנען זיי וועלן געשיקט ווערן קיין זוואָלין. איך און מיין מאַן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער סוף און מיר טאָרן אַהין נישט גיין. מיין שוואָגער, חיים־הערש גוטמאַן, וועמענס משפחה די היטלער־מערדער האָבן צוגענומען, האָט אונדז דערקלערט, אַז וווהין די דייטשן שיקן, טאָר מען נישט גיין, ווייל דאָס באַדייט אומקום. מיר האָבן אים געגלייבט און איך מיט מיין מאַן האָבן זיך דעצידירט נישט צו גיין צום מאַרק־פלאַץ. ביינאַכט האָבן מיר זיך אַרויס־געגנבעט פון געטאָ און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פונעם דאָרף כאָטש. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן נאָך יידן. אַ באַצאָלטער פויער האָט אונדז געפירט. אויפן וועג, אין דער נאַכט־פינצטערניש, האָט מען צו אונדז געשריען „האַלט!“ און מ׳האָט געשאָסן, אָבער ס׳האָט קיינעם נישט געטראָפן. מיר זענען בשלום געקומען אויפן אָרט. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אויפן וועג זענען אייניקע יידן דערהרגעט געוואָרן פון די קוילן.

טויזנטער יידן אין איין דאָרף

אין דאָרף האָב איך זיך מיט מיין גאַנצער משפּחה איינגעקוואַרטירט אין אַ צימער ביי אַ פויער און זעקס וואָכן נישט אַרויס פון שטוב. ס׳איז געווען אַ שטיל דאָרף. ס׳האָבן זיך צונויפגעקליבן און איינגעאָרדנט ביי אַ פּאָר טויזנט יידן. ס׳האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ יודענראַט. מ׳האָט געטריבן יידן אויף אַרבעט. ווער פון די געכאַפּטע ס׳האָט געפּרוּווט אַנטלויפן, איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. צווישן זיי איז אומגעקומען דער גניעוואַשאָווער משה אַלטמאַן.

אין אַן אָקטאָבער־נאַכט פון 1942 איז דאָס דאָרף געוואָרן אַרומגערינגלט פון ס.ס.־רוצחים. פאַרטאָג איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך פאַר־זאַמלען ביי דער פּוילישער גמינע. יידן האָבן ווידער גענומען לויפן פון דאָרף און די דייטשן האָבן נאָכגעשאָסן. פיל יידן זענען דערהרגעט געוואָרן. בלויז אַ קליינער צאָל איז געלונגען צו אַנטלויפן. אויפן פּלאַץ נעבן דער גמינע, האָבן ס.ס.־אָפיצירן דורכגעפירט די סעלעקציע: פרויען, קינדער און עלטערע מענטשן זענען געטריבן געוואָרן לינקס, און יינגערע, אַרבעטספעיקע מענער — רעכטס.

צווישן די פאַרזאַמלטע אויפן פּלאַץ זענען געווען אויך איך מיט מיין מאַן. אונדז איז נישט געלונגען צו אַנטלויפן. בעת דער סעלעקציע האָט מען אונדז צעשיידט (אונדזער קינד האָט זיך געפונען ביי מיינע עלטערן און איז שפּעטער צוזאַמען מיט זיי אומגעקומען). מיך האָבן די רוצחים צוגעטיילט צו דער גרופּע

פון פרויען, קינדער און זקנים. מ׳האָט אונדז אַרויפגעזעצט אויף וועגענער און אָפּגעשיקט צו דער נאָענטער באַן־סטאַציע. מיין מאַן איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע יונגע אַרבעטספעיִקע מענער און ער איז פאַרשווונדן פון מיינע אויגן.

אויף דער באַן־סטאַציע אין טאַרלאָ האָב איך דערזען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז אַרומגערינגלט פון זשאַנדאַרמעריע און ס.ס.־לייט. מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט צו 20 אין אַ ריי און אַריינגעפירט אין געטאָ. פיל יידן האָבן גענומען לויפן און מ׳האָט געשאָסן אויף זיי. אויך איך בין געווען צווישן די וואָס זענען געלאָפן. אויפן וועג האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ פויער ער זאָל אונדז פירן. איך האָב געטראָפן נאָך גניעוואַשאָווער און צוזאַמען זענען מיר צוריק געקומען קיין כאַטש. נאָענט פון דאָרף האָבן אונדז אַרומגערינגלט אַ גרופּע פויערים און געדראָט אונדז איבערצוגעבן צו די דייטשן. מיר האָבן די באַנדיטן געגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן ביי זיך געהאַט — און זיי זענען אַוועק.

דער אומצוטרוי׳ צו די פויערים

איך בין געקומען צום פויער ווו מיר האָבן פריִער געוווינט און אים געפרעגט: אפשר ווייסט ער עפּעס פון מיין מאַן, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט מיר דערציילט, אַז מיין מאַן מיט נאָך אַ גרופּע יידן זענען אַנטלאָפן קיין גניעוואַשאָוו. דער פויער האָט מיר רעקאָמענדירט אַ צווייטן דאָרפס־איינוווינער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו ברענגען מיך און נאָך יידן קיין גניעוואַשאָוו. מיר זענען געגאַנגען צופוס ביי נאַכט דורך היינטערוועגן. מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ בערגל, פון דאָרט האָבן מיר באַמערקט, אַז אין דעם דערבייאיקן וואַלד לייכטן זיך עלעקטרישע לעמפלעך. הייסט עס, אַז דאָרט זענען פאַראַן דייטשן און דער פויער וויל אונדז איבערגעבן אין זייערע הענט.

דערשראָקענע זענען מיר אַנטלאָפן צוריק קיין כאָטש צו יענעם פויער, צו מיין געוועזענעם באַלעבאָס און אים געבעטן רחמים, ער זאָל פאַר געלט געבן אַ צווייטן פויער, אַן אָרנטלעכן מענטש, וואָס זאָל דורך אַ זיכערן וועג אונדז ברענגען קיין גניעוואַשאָוו. ער האָט געברענגט אַ פויער, וועלכער האָט אונדז געפירט אין דער נאַכט־פינצטערניש אויף אַן אַנדערן וועג. פּלוצלינג האָט דער פויער עפּעס אַרויסגענומען פון קעשענע. ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אַ מעסער. דאָס בלוט איז אונדז פון שרעק פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן. מיטן אויסגעשטרעקטן מעסער האָט ער באַפוילן מיר זאָלן גיין פאָרויס. זיין כוונה איז

ווייזט אויס, געוועז: טאַמער טרעפן מיר זיך אָן אויף דייטשן, זאָלן מיר אַריינ־פאַלן אין זייערע הענט און ער וועט דערוויל אַנטלויפן.

פאַרצווייפלטע זענען מיר געגאַנגען, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. מיר זענען געווען זיכער, אַז אויב נישט דייטשן, וועט ער גופא אונדז דערהרגענען. איך האָב אַרויס גענומען הונדערט זלאָטעס און אים געגעבן, זאָגנדיק, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז אַ פיינער מענטש און ריזיקירט צוליב אונדז דאָס לעבן, און אַזוי ווי מיר ווייסן נישט, צי מיר וועלן בלייבן לעבן, בכן גיבן מיר אים דאָס געלט, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן. דאָס האָט געווירקט. ער איז געוואָרן ווייכער און האָט אונדז געבראַכט אין אַ דאָרף צו זיינע קרובים. יענע האָבן אונדז אַוועק געפירט קיין גניעוואָשאָוו.

דאָרט, ביי דעם פויער באַלעסלאַוו סמעטאַנקאַ, האָב איך געטראָפן מיין מאַן. מיר האָבן דעם פויער געגעבן פיל זאַכן. ר'האָט אָבער נישט געוואָלט אונדז מער האַלטן. זענען מיר אַוועק צו אַ צווייטן פויער אין דאָרף זדינקאָוו, וועלכער איז געווען אַ פאַראָבעק ביי מיין מאַנס פעטער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך ערד אויפן דאָרף, און ווען די דייטשן האָבן דעם פעטער מיט זיין משפחה צוגענומען, איז דער פאַראָבעק געבליבן וווינען אין דער דירה פונעם ייד.

אין וואַנדערונג איבער פויערישע הייזער

ווען מיר זענען געקומען צום פויער, איז ער אין שטוב נישט געווען, זענען מיר אַריין אין סטאָדאָלע און זיך דאָרט באַהאַלטן. דער פויער איז שפּעטער גע־קומען דרעשן און געווען איבערראַשט, ווען ער האָט אונדז דערזען, גענומען זיך צלמען פאַר שרעק, אָבער קיין טומל נישט געמאַכט, נישט געהייסן אונדז אַוועקגיין. פאַרקערט, ער האָט אונדז באַרויִקט און געבראַכט עסן און טרינקען. מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל אונדז אויסבאַהאַלטן. האָט ער מיך און מיין מאַן אַריינגעפירט אין שטוב און דאָרט האָבן מיר געטראָפן נאָך יידן: יעקב לייב, אַ זון פון אברהם ליבהאַבער און הערצקען, גרשון ליבהאַבערס זון.

ביי דעם דאָזיקן פויער האָבן מיר געלעבט עטלעכע וואָכן, ביז אין איינער אַ נאַכט האָט מען פלוצים אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס האַרץ האָט זיך ווי אָפּגע־שטעלט פאַר שרעק. ס'איז אַריינגעקומען אַ פאָלקסדייטש, געהייסן אַלעמען זיך אָנטאָן און דערקלערט, אַז מיר זענען אַרעסטירט. איך בין צוגעפאַלן צו אים און גענומען זיך בעטן: „פאַניע ראַדקו, דו קענסט דאָך מיך. וואָס האָסטו צו אונדז? פאַר וואָס ווילסטו אונדז אומברענגען?" דערויף האָט דער פאָלקסדייטש אויס־

געשריען, אַז ער קען אונדז נישט און באַפוילן זיינע באַגלייטער, זיי זאָלן בינדן אַלע מענער.

פינף יידישע מענער זענען געווען, האָט מען זיי אַלע געבונדן איינעם צום צווייטן. איך בין נישט אָפּגעטראָטן פון פאָלקסדייטש און זיינע באַגלייטערס. כ'האָב זיי צוגעזאָגט מתנות, זאַכן און געלט.

ראדקע האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז נישט שולדיק. די פויערים מסרן די יידן און גיבן זיי אויס צו די דייטשן. ער איז געקומען טאָן זיין פליכט. איך האָב אַזוי לאַנג גערעדט צו זיין געוויסן און געבעטן זיך, ביז איך האָב אויסגעפועלט און מ'האָט אונדז אַלע אָפּגעלאַזט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָבן פאַר אַלעם געווירקט די מתנות. יעדער פון אונדז איז אַוועק, ווו ער האָט געקענט. איך און מיין מאַן — צו אַ פויער אין אַן אַנדער דאָרף, דאָרט האָבן מיר געטראָפן נאָך גניעוואַשאָווער יידן, צווישן זיי — שלמה פאָנטש און זיין שוועסטער חייה. דער פויער האָט אונדז אַלעמען אויסבאַהאַלטן. איינמאָל איז געקומען אַן אויטאָ מיט דייטשן און זיך דערנענטערט צו דער סטאָדאָלע ווו מיר האָבן זיך געפונען. די פאָנטשס האָבן פאַר שרעק גענומען לויפן. דער פויער האָט זיי נאָכגעשריען: „וואָס טוט איר? איר מאַכט זיך אומגליקלעך! איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר זענט יידן!"

מיר האָבן געמוזט אַוועק פון דעם פויער און זענען געקומען אין דער קאָלאָניע שאַרנווו. אַ דאָרטיקער פויער, אַ רוס, מיטן נאָמען יאַן, האָט פאַר אונדז געמאַכט אַ צייטווייליק באַהעלטעניש אין זיין סטאָדאָלע. ער האָט שטאַרק מורא געהאַט און זיך געבעטן: מיר זאָלן אַוועק. איך האָב דעם פויער דערקלערט, אַז מיר האָבן נישט וווהין צו גיין, און אויב ער קען אונדז נישט האַלטן, טאָ זאָל ער פאַרדינען אַ מצווה און מיר ברענגען סם.

דער פויער האָט מיר דערויף געענטפערט:

— איך בין אַ פרומער קריסט און טו נישט אַזעלכע זאַכן. אויב איר ווילט פאַרענדיקן אייער לעבן, טאָ לויפט אַרויס, וועלן אייך די דייטשן נאָכשיסן, וועט איר האָבן אַ גיכן און גרינגן טויט.

מיר האָבן אים געדאַנקט פאַר דער גוטער עצה...

אין אַ ווינטערדיקן פאַרטאָג, ווען די קעלט האָט אַריינגעדרונגען אין אַלע אברים, האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן די סטאָדאָלע. מיר זענען געבליבן שטעקן ביז דער קני אין שניי און קיין פוס נישט געקענט אַרויסשלעפּן. איך האָב דערפילט, ווי עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן און גענומען בעטן מיין

מאַן, ער זאָל מיך איבערלאָזן, ווייל איך ענדיק סיי ווי, און ער זאָל אַנטלויפן, זיך ראַטעווען.

מיין מאַן האָט מיך גענומען שלעפן אַ האַלב־פאַרחלשטע איבערן שניי און אַזוי געבראַכט ביז דער פאַרמאַכטער טיר פון דער סטאָדאָלע און מיך דאָרט אַוועקגעלייגט. דער פויער איז אַרויסגעלאָפן אַ דערשראָקענער און געשריגן: „געוואַלד, וואָס האָט איר צו מיר? איר ווילט מיך אומברענגען?" ער האָט אָבער דער׳העז, אַז ער האָט נישט קיין אַנדערע עצה, ווייל טאָמער געפינט מען מיך נעבן זיין סטאָדאָלע, איז ער אַ פאַרפאַלענער. און אפשר האָט ער פשוט רחמנות געקריגן אויף אַ שטאַרבנדיקן מענטש און האָט געהאָלפן מיין מאַן מיך אַריינ־טראָגן אין דעם שייער און געבראַכט עסן און טרינקען.

איך בין אָבער געווען אַזוי שוואַך, אַז איך האָב נישט געקענט דאָס מויל עפענען. האָט דער פויער געבראַכט אַ ביסל זאַפט און מיין מאַן האָט מיר לעפלווייז דערלאַנגט אין מויל. איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך. מיין מאַן האָט געוויינט און געבעטן דעם פויער, ער זאָל אונדז באַהאַלטן ביי זיך. ענדלעך האָט ער אונדז אַרויפגעפירט און באַהאַלטן אויפן בוידעם אין אַ קע־מערל, וואָס ער האָט גוט פאַרמאַסקירט.

דייטשן און א. ק.־זעלנער אין געיעג אויף יידן

אין איינער אַ נאַכט, זענען אָנגעקומען דייטשן. זיי האָבן אָנגעקלאַפט ביים פויער און געפרעגט זיך אויף יידן. זיי האָבן געזוכט אין יעדן ווינקל, געפאָדערט ביים בעל־הבית אַ לייטער און גענומען קלעטערן אויפן בוידעם. דערזעען, אַז דער בוידעם איז פול מיט שטרוי, זענען זיי אַראָפּ און אונדז נישט געפונען.

אַ צווייט מאָל, בייטאָג, איז געקומען אַ גרופע א. ק.־לייט (אַרמיאַ קראַיאָוואַ — אונטערערדישע אַרמיי פון דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן) און געזוכט יידן. זיי האָבן אונדז געפונען, אַראָפּגעפירט אונטן און געגעבן אַ באַפעל: „די הענט אין דער הייך!" מיר זענען געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט און געציטערט פאַר שרעק. מיר האָבן געהערט, אַז מיט אַ פּאָר טעג פריִער האָבן די א. ק.־לייט געפונען און דערהרגעט די צוויי ברידער פאָנטש און סערקע באָרמאַן מיטן מאַן און קינד.

די פאָליאַקן האָבן אָנגעשטעלט אויף אונדז די ביקסן. מיר האָבן געפילט, אַז ס'איז געקומען דער סוף. די עלטסטע פון דער גרופע זענען אַוועק אויף אַ באַ־ראַטונג, ווען זיי זענען צוריק געקומען, האָב איך זיך גענומען בעטן ביי זיי.

— וואָס האָט איר צו אונדז? פאַר וואָס ווילט איר אונדז אומברענגען? אין וואָס באַשטייט אונדזער חטא? ווייל מיר זענען געבוירן געוואָרן יידן? מיר וועלן אייך געבן געלט פאַר א.ק. און לאָזט אונדז אָפּ!

מיינע ווערטער האָבן ווייזט אויס געווירקט. זיי זענען ווייכער געוואָרן און אונדז אָפּגעלאָזט, אָבער זיי האָבן צוגעזאָגט ווידער צו קומען. מיר זענען אַריין צוריק אין דער סטאָדאָלע און שפּעטער אַנטלאָפן און אָנגעקומען צוריק קיין גניעוואַשאָוו, ביינאַכט אַוועק צו אַ באַקאַנטער קריסטין: גראַבצאָוואַ האָט זי געהייסן. זי האָט אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן. מיר האָבן קוים אויסגעפּועלט זי זאָל אונדז אַרויפלאָזן אויפן בוידעם. די פרוי האָט געבראַכט עסן און אונדז געוואָרנט, אַז ביי איר אין שטוב וווינט אַן אוקראַיִנישע משפּחה און זי האָט מורא, זיי זאָלן אונדז נישט אָפּמסרן און דערמיט אויך זי אומגליקלעך מאַכן.

איך האָב באַשלאָסן צו רעדן מיטן אוקראַיִנער. איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין זייער רייך, איך פאַרמאָג צוויי מילן, אַן עלעקטרישע און אַ וואַסער־מיל, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך אים אָפּטרעטן איין מיל — און וואָס וועט ער האָבן, אויב ער וועט אונדז איבערגעבן צו די דייטשן?

דער אוקראַיִנער האָט זיך גלייך אויפן אָרט דעצידירט, אַז ער וויל די עלעקטרישע מיל. איך האָב זיך מיט אים נישט געדונגען און גלייך מסכים געווען אַוועקצוגעבן אים וואָס ער פאַרלאַנגט און דערצו ווייל אויפן אָרט געגעבן אַ ביסל זאַכן און געלט. דער אוקראַיִנער האָט אָנגעהויבן רעדן גאַנץ אַנדערע דיבורים: „וואָס הייסט, ער וועט מסרן אַזאַ יונגע און שיינע זשידוווקע? אַ פאַדלעץ וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט עס געטאָן, יאַק באָגאַ קאָכאַם! איר קענט אין גאַנצן זיין רויִק און זיך פאַרלאָזן אויף מיין ערנוואָרט", האָט ער דערקלערט.

ער האָט אויך געווירקט אויף זיין טאָכטער און איידעם, זיי זאָלן שווייגן. זיי האָבן געוווינט צוזאַמען אין דעם הויז — 5 פּערזאָן.

דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. די רוסן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די געגנט. פון אַ באָמבע וואָס איז געפאַלן, האָט דאָס הויז גענומען ברענען. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און געמוזט אַרויסלויפן. די פּויערים האָבן אונדז דערזען און גענומען זיך צלמען פאַר שרעק און אויסגערופן:

— אָ יעזוס, זשידזשי!

די פּוילישע פרוי, וואָס האָט אונדז געראַטעוועט

אין דער בהלה איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן אין די

פעלדער. שפּעטער האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו דער גראַבצאָווע. אָבער דאָ האָט פּאַסירט אַ פֿאַל, וואָס האָט אונדז שיִער נישט געקאָסט דאָס לעבן: איינמאָל בייטאָג, ווען די גראַבצאָווע איז אין שטוב נישט געווען, האָבן מיר דערהערט ווי אויפֿן הויף זענען געקומען דייטשן און גענומען רייסן דעם שלאָס פֿון שטאַל וווּ מיר האָבן זיך געפֿונען. די הערצער זענען אָפּגעשטאָרבן פֿון שרעק. איך האָב שנעל באַהאַלטן מיין מאַן אונטערן שטרוי און אים צוגעדעקט מיט שמאַטעס. ווען די דייטשן האָבן אָפּגעהאַקט דאָס שלאָס און זענען אַריין אין שטאַל, בין איך געווען אינגאַנצן ווי משוגע. כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר און געריסן די האָר פֿון קאָפּ, געצופּט און געפּליקט דאָס פּנים, זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט.

די אָנקומענדיקע דייטשן האָבן אויסגעבראָכן אין אַזאַ פֿריילעך געלעכטער, אַז זיי האָבן זיך אַזש געכאַפּט פֿאַר די בייכער, און איינער האָט געוויזן דעם צווייטן: „זע נאָר, די פֿרוי איז פֿעריקט״ און מיט שפּאָטישן געלעכטער זענען זיי אַוועק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן גאָרנישט געזוכט קיין יידן, נאָר אַ קו, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען אין דעם הויז.

ווען דער פֿראָנט האָט זיך דערנענטערט און מ׳האָט אַלעמען אַרויסגעטריבן פֿון שטעטל, האָט מיין באַלעבאָסטע געבראַכט די קו, וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן. איך האָב מיך פֿאַרנומען מיט דער בהמה. איבערגעטאָן ווי אַ פּויערטע, וואָס טרייבט אַ קו, האָב איך צוזאַמען מיט מיין מאַן און מיט די קריסטלעכע איינוווינער פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל. טראָץ דער גרויסער בהלה האָבן די פּויערים גלייך דערקענט, אַז איך בין אַ יידישע און אָנגעהויבן שרייען: „זשידוווקאַ!״

מיט פּחד בין איך ווייטער געגאַנגען און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. דאַן איז צו מיר צוגעגאַנגען דער קאָמענדאַנט פֿון שטעטל און געזאָגט: „האָב נישט קיין מורא, מיר וועלן דיר גאָרנישט טאָן, גיי רויִק דיין וועג״

כ׳האָב די אייגענע אויערן נישט געגלייבט און פּשוט נישט געוווּסט ווי אַזוי אים אָפּצודאַנקען.

די גראַבצאָווע האָט אונדז אַוועקגעפֿירט אין אַ דאָרף צו אירס אַ טאָכטער. יענע אָבער האָט אונדז בשום אופֿן נישט געוואָלט אַריינלאָזן, צוליב מיין מאַן. „די דייטשן — האָט זי געזאָגט — זוכן דער עיקר מענער״. בלית ברירה האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין דער באַהעלטעניש צו דער גראַבצאָווע, כאָטש קיינער איז שוין אין שטעטל נישט געווען. ס׳זענען ווידער געקומען דייטשן אין דעם הויז וווּ מיר האָבן זיך באַהאַלטן. זיי האָבן געזוכט אין יעדן ווינקל און אונדז

געפונען. זיי האָבן זיך צעשריגן מיט רציחה, מיר זאָלן אַרויס אין דרויסן, די הענט אין דער הייך. דערנאָך האָבן זיי געפּאָדערט דאָקומענטן.

כ׳האָב זיי געוויזן מיין פּוילישן פּאַס, אויף מיין מאַן האָב איך געזאָגט, אַז ער איז מיין קוזין, מיר זענען געקומען אין אונדזער הויז נעמען עפּעס עסן. די דייטשן האָבן באַפוילן מיר זאָלן תיכף פאַרלאָזן דאָס אָרט. איך האָב מיך אָפּגעבעטן מ׳זאָל מיר לאָזן בלייבן ביז מאָרגן, ווייל איך קען איצט נישט גיין. ווען די דייטשן זענען אַוועק, איז מיין מאַן גלייך אַוועק און זיך באַהאַלטן ביי אַ פּויער.

צומאָרגנס זענען זיי ווידער געקומען און געפרעגט זיך אויף יידן. איך האָב דערקלערט, אַז דאָ האָב איך זיי נישט געזען. דאַן האָט אַ דייטש אַראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער און געוואָלט עס פאַרניכטן. איך האָב אָנגעהויבן וויינען, זיך צלמען, תפילה טאָן. כ׳בין אים געפאַלן צו די פיס און געבעטן ער זאָל מיר צוריקקערן דאָס הייליקע בילד, ווייל דאָס איז ביי מיר דאָס טייערסטע אין מיין לעבן. אַ פאָלקסדייטש, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט דער באַנדע, האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט די געפילן פון אַ גלויביקער קריסטין און באַפוילן זיינע קאַמעראַדן צוריק אויפהענגען דאָס בילד, ווייל איך בין „אַ פרומע קריסטין".

דער פאָלקסדייטש, וואָס האָט מיך געוואָלט געווינען

דער פאָלקסדייטש האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל זיך אַריבערציִען צו אים, ער האָט אַ פיינע דירה. איך וועל דאָרט בלויז דאַרפן צורוימען און עס וועט מיר גאָרנישט פעלן. כ׳וועל ביי אים האָבן פון אַלדאָס גוטס. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט קומען אין אָוונט און מיר ברענגען עסן און אָנטועכץ.

אין אָוונט, ווען ער האָט געדאַרפט קומען, בין איך שוין געווען אין אַן אַנדער באַהעלטעניש. דער פאָלקסדייטש האָט מיך נישט געלאָזט צורו. ער האָט מיך אָפּגעזוכט, געבראַכט עסן און אַ פּעקל גוטע קליידער. געפּראַוועט מיר קאָמפּלימענטן, און דערביי צוגעגעבן, אַז ער קען מיט מיר טאָן וואָס ער וויל, אָבער ער וויל מיך נישט אויסנוצן, נאָר ראַטעווען פון די רוסן, וואָס וועלן אָנקומען.

איך האָב אים הייס געדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ און דערקלערט, אַז איך קאָן נישט גיין, ווייל כ׳וויל נישט איבערלאָזן אַליין מיין אַלטע מאַמע. מיין מאַן, וועלכער איז דאַן געלעגן באַהאַלטן אויפן בוידעם, האָט געהערט אָט די אַלע שמועסן. דער פאָלקסדייטש איז געקומען נאָך אַ מאָל און מיר געבראַכט

עסן און באַלד נאָך דעם איז ער אַוועק מיט זיין מיליטער־טייל פון שטעטל און מער זיך שוין נישט צוריק געקערט.

מיט אַ נאַכט שפּעטער זענען ווידער געקומען דייטשן. זיי האָבן געננישטערט אין שטוב און אַריין אין סטאָדאָלע, ווו זיי האָבן געזוכט אין יעדן ווינקל. איך האָב געהערט ווי מ׳קריכט אויפן לייטער און מיט אַ מאָל דערזען אַ קאָפּ פון אַ דייטש. אויך ער האָט מיך באַמערקט. ער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און געפּליסטערט: שששש, האָב נישט קיין מורא... דער קריג ענדיקט זיך שוין. היטלער קאַפּוט... פאַרבלייב דאָ און ליג רויק... שטיל... נאָר שטיל...

די באַפרייונג

מיר האָבן נאָך דורכגעמאַכט פיל שרעק און פיין. וואַדערונגען פון פויער צו פויער, ביז די רוסן זענען אַריין און אונדז אויסגעלייזט פון די אַלע צרות, פּלאָגן, און טויט־שרעק. מיר זענען ווידער געקומען צו דער גראַבצאָווע, אָבער שוין ווי פרייע מענטשן. מיר האָבן איר הייס באַדאַנקט פאַר אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן פאַר אונדז, באַצאָלט איר מיט וואָס מיר האָבן נאָר געקענט, פאַר דער מסירת־נפש פון דער טייערער, האַרציקער און איידעלער פרוי. מיר וועלן זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

שפּעטער, ווען דאָס לעבן האָט זיך אַ ביסל נאָרמאַליזירט, זענען מיר אַריבער קיין לאָדזש, געלעבט עטלעכע יאָר און אין 1950 זענען מיר געקומען קיין ישראל, ווו מיר לעבן, אַרבעטן און דערמאָנען מיט אַ טיפן וויי אין האַרץ יענע ביטערע, שווידערלעכע בלוטיקע יאָרן פון חורבן און אומקום. היינט זעט אויס יענע צייט ווי אַ וויסטער חלום און עס גלייבט זיך קוים, אַז מיר האָבן דאָס אַלץ אַדורכגע־מאַכט אויף אונדזער אייגענער הויט...

מיר האָבן נישט פאַרגעסן!

מאָטל מלאך / שטוטגאַרט

די גאַנצע צייט פון קריג האָב איך געוווינט אין ראַדאָם. אַלס פאַכמאַן פון צונויפזאַמלען פוטער און רויכוואַרג, האָב איך געהאַט אַן אויסווייז פריי אַרומצופאָרן.

אין דער וואָך פון שבועות 1942, האָט דער גניעוואַשאָווער יודענראַט מיך אַרויסגערופן און געבעטן צו שאַפן אַן אויסווייז (גניעוואַשאָוו האָט געהערט צום ראַדאָמער קרייז), מען זאָל קענען צופירן ברויט די ייִנגלעך, וועלכע מען האָט געכאַפּט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער ביי יעלנע. פּרעזעס פון יודענראַט איז געווען יאַנקל דינער הי״ד, סעקרעטאַר — יוסף קוראָפּאַטווע הי״ד. זיי, די מיטגלידער פון יודענראַט, איז אויך געווען פאַרבאָטן אַרויסצופאָרן פון געטאָ. מען האָט צונויפגעזאַמלט ברויט און געדאַרפט אַ דערלויבעניש עס אַוועקצופירן. די דערלויבעניש האָבן זיי געבעטן אויפן נאָמען פון נטע גראָסמאַן, אַ פּליט פון לאָדזש, וועלכער האָט געהאַט אַ פלאַטפאָרמע מיט 2 פערד. ער איז געווען דער איינציקער פריווילעגירטער בעל־עגלה אין גניעוואַשאָווער געטאָ. די 6 ברידער גראָסמאַן זענען געווען פון פאַך רימערס, זייער אָרנטלעכע. אין צייט פון קריג זענען זיי געקומען קיין גניעוואַשאָוו.

מיט גרויס מי און פּראָטעקציע האָב איך פון דער קאָמענדאַטור אַרויסבאַקומען דעם אויסווייז צוצופירן ברויט פאַר די גניעוואַשאָווער בחורים.

איך בין מיט דעם אויסווייז געפאָרן קיין גניעוואַשאָוו און מיט נטע גראָסמאַן אַוועק אין לאַגער צו צעטיילן דאָס ברויט.

קומענדיק אין לאַגער, האָב איך די ייִנגלעך געטראָפן אין אַ זייער שווערן מצב. ס׳איז נישט צו באַשרייבן זייערע צרות און פּיין. בחורים, וואָס די מאַמעס מילך איז נאָך געלעגן אויף זייערע פּנימער, זענען פלוצים פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די רוצחים אין אַ לאַגער, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אָפענער סטאָדאָלע. דאָרט איז געווען אָרט נישט מער ווי פאַר 20 ייִנגלעך, אָבער געהאַלטן האָבן זיי בערך 200 ייִנגלעך פון פאַרשידענע ערטער.

ווען איך בין געקומען מיטן ברויט, האָב איך געמיינט, אַז זיי וועלן זיך

שטאַרק דערפרייען. זיי זענען אַרויס מיט אַ ביטער געוויין, ווי פאַרלוירענע, דערשראָקענע שעפעלעך. איך האָב זיי געטרייסט, אַז אין קורצן וועלן זיי קומען אַהיים, אָבער זיי זענען געווען פאַריאושט און נישט געוואָלט גלויבן. דערווייל זענען אָנגעקומען די עס.־עס.־לייט — און זיי האָבן מורא געהאַט אַפילו צו וויינען.

איך בין געווען דערשיטערט פון זייער צער. באַזונדער האָב איך נישט געקענט צוזען דעם צער פון אברהם צווייגנבערג הי״ד, מאיר קלמן־לייבס זון, וועמענס ברודער, שלום הי״ד, איז געווען מיין חבר. ער איז געקומען צו מיר מיט אַ יאָמערלעך געוויין און געפרעגט, וואָס טאָן, אפשר אַנטלויפן? און ווי אַזוי? אין דער שטיל האָט ער מיר דערציילט וועגן די יסורים, פּיין און צרות וואָס מען טוט זיי אָן...

די וואַך האָט אונדז צוגעאיילט מיר זאָלן שנעל צעטיילן דאָס ברויט. איך האָב זיך מיט אים צעקושט און אַרויס פון לאַגער. אויף דער פּלאַטפאָרמע בין איך געזעסן מיט נטען און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

ווען מיר זענען צוריק געקומען קיין גניעוואַשאָוו, האָט אונדז שוין אָפּגע־וואַרט אַ גרויסער עולם. מיר האָבן זיי איבערגעגעבן גרוסן פון זייערע קינדער.



שלט מטעם השלטונות המקומיים, שהוצב בשנת 1946, האוסר להכניס לבית־הקברות היהודי פרות, סוסים, חזירים וכבשים.

אויפשריפט פון דער אָרטיקער פּוילישער מאַכט, (1946), וואָס פאַרווערט צו פּאַשען אויפן געוו. יידישן בית־עלמין קי, פערד, חזירים און שעפּסן.

יעדער האָט מיט ווייטיק און צער אויסגעהערט אונדזער נישט פריילעכן באַריכט, אָבער מיט גאָרנישט געקענט העלפן.

איך בין אַריין באַזוכן מיין פאָטער ע״ה מיט מיינע ברידער און שוועסטער. איך האָב זיי געטראָפן ביים פאָטערס בעט פאַרוויינט און פאַריאָמערט. דער טאַטע איז געלעגן שווער קראַנק. ער האָט געהאַט גרויס צער און עגמת־נפש דערפון, וואָס די עס־עס־באַנדיטן האָבן דעם רב רייטער און נאָך אַ 10—12 בעלי־בתים געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט, זיי אָפּגעשניטן האַלבע בערד, באַפוילן נישט פאַרבינדן זיך דאָס פּנים און נישט צושערן די אַנדערע העלפט. וואָס שייך דאָס צושערן — וואָלטן זיי סיי ווי נישט געטאָן מחמת פרומקייט. מיין פאָטער האָט נישט אויפגעהערט קרעכצן און וויינען אויפן חורבן, וואָס איז געקומען פאַרן כלל ישראל.

איך האָב זיך גוט צעוויינט און געבעטן מיין פאָטער ער זאָל זיך נישט נעמען צום האַרצן, אים געטרייסט, אַז ער איז נישט איינער, מען האָט דאָס געטאָן מיט פיל בעלי־בתים, מיטן רב בראש.

ער האָט בשום אופן נישט געלאָזט זיך טרייסטן. ער איז געלעגן אין בעט, געוויינט און געקלאָגט אויפן חורבן, געבעטן אויף זיך דעם טויט...

איך בין געווען אין גאַנצן צעטומלט, די שוועסטער און ברידער האָבן מיר דערמאָנט, אַז כ׳דאַרף פאָרן קיין ראַדאָם, צו מיין פרוי און קינדערלעך. איך האָב מיט געוויין זיך געזעגנט, איבערלאָזנדיק מיין פאָטער אַ קראַנקן. פיר וואָכן שפּעטער האָב איך דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע, אַז דער פאָטער האַלט ביי די לעצטע שעהן...

איך בין גלייך אַרויסגעפאָרן, כ׳האָב געהאַט אַן אויסווייז. איך בין אָנגעקומען קיין גניעוואַשאָוו 4.30 נ. מ. אָבער מיין פאָטער האָט שוין געהאַט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה. די חברה קדישא האָט נישט געקענט לענגער וואַרטן, ווייל ס׳איז געווען פרייטיק, מען האָט געמאַכט זיין טהרה, און ווען איך בין געקומען — האָט מען שוין צוגעשיט זיין קבר. איך האָב נאָך באַוויזן צו זאָגן קדיש. אויף אַ ברעטל, די צייטווייליקע מצבה, האָב איך אויפגעשריבן:
פה נקבר ר׳ יוסף דב מלאך בן ישראל הלוי. נפטר ג׳ תמוז תש״ב 1942.

ער איז געקומען צו קבר ישראל, וואָס דעמאָלט איז עס געווען די גרעסטע זכיה. אַלע לעבן געבליבענע האָבן אים מקנא געווען. אַ סטאַבילע מצבה פון שטיין, האָט מען שוין נישט באַוויזן אויפצושטעלן.

פנחס גאָלדשטיין הי״ד האָט שוין געהאַט איבערגעלעבט די מלחמה, איז ער נאָך דער באַפרייונג געפאַלן אַ קרבן אין זיין אייגענעם הויז, צוזאַמען מיט זיין פרוי שיינדל און שוואָגער אליהו. זיי זענען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעבראַכט געוואָרן מיט העק און מעסערס דורך די א.ק.־רוצחים.

שוין אַריבער 26 יאָר — און נאָר געציילטע עדות זענען געבליבן פון אונדזער חרוב געוואָרענע היים — גניעוואַשאָוו. אויך די זענען קראַנק, צעבראָכן פיזיש און מאָראַליש פון די פייניקונגען אין די געטאָס און קאַצעטן אין די יאָרן 1939—1945.

מען האָט צוגערויבט אונדזער האָב און גוטס. הייזער פאַרברענט. אָבער דאָס איז געווען ווייניק פאַר די היטלערישע רוצחים. זיי האָבן פון אונדז אַוועק געריסן די נאָענטסטע און טייערסטע — עלטערן, שוועסטער און ברידער, קליינע קינדער. מיט פאַרשידענע עינויים קשים זיי געפייניקט, מיט אַלע אַרבע מיתות בית דין, לעבעדיקערהייט געוואָרפן אין די גאַז־אויוונס. מיר האָבן גערופן נאָך הילף, אָבער די גאַנצע וועלט איז געווען פאַרשלאָסן, טויב צו אונדזערע געשרייען, כאילו נישט געזען און נישט געהערט. אויך די הימלען זענען געווען פאַרשלאָסן...

ביים אויסהויכן זייערע הייליקע נשמות, מיטן „שמע ישראל״ אויף די ליפּן, האָבן זיי אונדז אָנגעזאָגט: נישט פאַרגעסן! און די אַלע נשמות טהורות שוועבן אַרום אונדז און ווילן וויסן, צי האָבן מיר נישט, חס וחלילה פאַרגעסן אין זיי...

מיר שטייען מיט געבויגענע קעפּ, און מיטן גרעסטן יראת הכבוד איז אונדזער ענטפער: ניין! טויזנט מאָל ניין! מיר האָבן נישט פאַרגעסן!

במחנות המוות הנאציים

מאיר פוקס

1

בגיל 16 התחלתי לעבוד כשוליית חייטים אל אהרון שרמן. ב־1935 נסעתי לעבוד בוורשה. חודשים אחדים לפני המלחמה באתי לבקר אצל בית הורי בגניבשוב. בראש־השנה עברו הגרמנים את העיירה והמשיכו הלאה. נותרו בה רק החיילים הגרמניים הזקנים שריכזו את החיילים שברחו מהצבא הפולני ואת הצעירים בני 18—29 ושלחום.

ביום הכיפורים שנת ת"ש (1939) גירשו הגרמנים את המתפללים מבית הכנסת, והפכו אותו לאורווה. בכלל, כבר מהרגע הראשון לכיבוש, החלו הגרמנים להתעלל ולהתאכזר ליהודים. יהודי כי לא הוריד הכובע לפני הגרמני־המענה, ספג מכות אכזריות, ואם הורדת את כובעך, שוב הוכית: „הן ידידי אתה, מדוע תתרפס לפני" — אמר המענה בתוספת מכות נאמנות.

לראש העיריה נקבע אחד מ„פולקס־דויטשה" המקומיים שתבע כי כל החנוונים יפתחו את חנויותיהם, שנסגרו בעת הבהלה. מיד לאחר שנפתחו החנויות, פרצו הגרמנים לתוכן והחרימו כל אשר היה בהן.

בימי הסתיו הגיעו לעיירה מכוניות מלאות אנשי ס. ס. והחלו להסתער על עוברי אורח. מי שניסה להימלט — נורה על ידם. כך נרצחו כמה יהודים, ביניהם שכני גודל שניידר ושיינמן. אנו הצעירים, הסתתרנו, כדי לא לעבוד עבודות־כפיה. היודנראט שהוקם על־ידי הגרמנים, תבע מכל משפחה יהודית מיכסה מסויימת של ידים עובדות, אבל האמידים יכלו לפדות עצמם בכופר. אבי נאלץ למסור את אחי הצעיר ביותר, פענעק, ששולח למחנה עבודה כ־30 ק"מ מהעיירה. אולם העריכו כי בגניבשוב התנאים נוחים יותר ממקומות אחרים.

2

ב־1942 הוקם הגיטו של יהודי גניבשוב בתחומי גריניץ. אסור היה לעזוב את גריניץ. תנאי המגורים היו נוראים וגם הפרנסה הלכה ואזלה. אולם גם מצב

זה לא האריך ימים. יצאה פקודה מאת הבירגרמייסטר לפיה חייבים כל היהודים לעזוב את העיירה. כל הנשאר בה — יירה.

אבי ואמי, אחותי מאַטל וגיסי שלמה נסעו לקוז'ניץ, שכן הגיס היה יליד עיירה זו. אני ואחי משה ואשתו רייצה וילדיו, פנינו לעבר זוולין. שהינו שם ימים אחדים בלבד, שכן לא היה לנו מקום לינה. אחי הצעיר בא אלינו לזוולין מהמחנה בו עבד. כאשר נודע לו כי ההורים שוהים בקוז'ניץ, יצא אף פענעק לשם — ומאז לא ראיתיו עוד.

3

הגרמנים גרשו את כל יהודי זוולין מבתיהם ופקדו עליהם להתרכז בכיכר השוק. גם אני ואחי משה היינו שם. הגרמנים פקדו על כולם להסתדר בשורות, הקיפו אותנו בחיילים ובכלבים ושולחנו לגרבאטקה.

מיד לאחר שהוצאנו מזוולין, שיסו הנאצים כלבים שגררו את היהודים המזוקנים, לבושי הקאפוטות, מהשורות ונורו במקום. הרוצחים, חיות־הטרף, אף לעגו בציניות לשאר הקרבנות שהחזיקו בכפותיהם, באומרם, כי הנרצחים יעלו השמימה לבקש על חיי הנותרים. נרצחו אז גם יהודים לא־אדוקים. ניסינו לשחד את הרוצחים הסדיסטים בכסף, בשעונים ובדברי־הזהב, למרות זאת נרצחו עשרים יהודים עד הגיענו לגארבאטקה.

בגארבאטקה הועמסנו לקרונות והובלנו לתחנת הרכבת בדמבלין. שם נערכה סלקציה ואני ואחי שולחנו למחנה־עבודה „באולייטונב" בעיר זו. עבדנו ליד מסילות־הברזל, שם עברו כל הזמן רכבות מלאות יהודים שקראו לעברנו, כי הם מזוולין וכי מובילים אותם להשמדה. לאחר זמן הועברנו למחנה־עבודה "סטאווי" בריקי. מצאתי שם יהודים רבים מגניבשוב. העבודה היתה מפרכת והיהודים נרצחו בלי כל סיבה.

ביום חורף, בכפור עז, עזבו כמה יהודים מקבוצתנו, ביניהם היו שני בני עיירתנו — העשקה ויונה פרידמן, בני מנוחה האופה, — את העבודה וחזרו למחנה. הם לא יכלו עוד לעמוד בכפור הנורא ובעבודה המפרכת. הגרמנים חיפשו אותם ומצאום בצריפים. האומללים נאסרו מיד.

בשובנו מהעבודה תקעו הגרמנים לידינו אתים, הובילו אותנו לשדה ופקדו לחפור בורות. הרוצחים הביאו למקום זה את שבעת היהודים, שעזבו את העבודה, הפשיטו אותם מבגדיהם וכך ניצבו ערומים ליד הבורות. כאשר הם ראו אותנו חופרים את קברותיהם, ביקשו שנחפור מהר יותר, כי הם קופאים. ואכן — שלושה

מהם קפאו בעומדם ערומים. את יתר הארבעה רצחו הגרמנים ביריות ואנו כיסינו את קברותיהם. לפני מותו קרא השקה פרידמן לעבר הרוצחים: „מותכם יהיה אכזרי יותר משלי!"

המצב במחנה הלך והחמיר. מפי אחד הגרמנים נודע לנו כי ליד סטאלינגראד נחלו הגרמנים מפלה וכעסם הם שופכים עתה עלינו. בעת הסלקציה נבחר אחי להישלח למקום אחר. הוא ביקש כי ישלחו גם אותי אתו. הסאדיסט מה־ס. ס. נתרצה ואמר: „יילך גם הכלב הזה אתך". כשלושים איש היינו, שהועברנו לקונסקה־ווליה.

4

העיירה היתה חרבה. לא נותרו בה עוד יהודים. הגרמנים שהביאו אותנו לכאן נטשו אותנו ואנו גוועגו ברעב. לאחר ימים הובאו לשם אנשים נוספים ממחנה אחר. לאחר שכמה יהודים מקבוצתנו מתו ברעב, החליט אחי משה לצאת מהבית, לכפר סמוך, למצוא עבודה, תמורת לחם. ואכן, הוא חזר בערב ובכיסו מעט אוכל. למחרת חזר שוב לכפר וביום השלישי הצטרפתי גם אני אליו, אולם לאיכר לא היתה עבודה אלא בשביל אדם אחד. חזרתי לכן לעיירה ואחי נשאר לעבוד אצלו.

בצהרי היום הופיעה מכונית, בה ישבו גרמנים. הם הוציאו את כולם מהבית, ערכו סלקציה ואת הכשרים לעבודה לקחו אתם, ביניהם הייתי גם אני. כך רצה הגורל, שאאבד את אחי — משה.

מקונסקה־וולה הועברנו — 45 איש — לקראשניק, למחנה בו התקינו משאבות־בנזין. התנאים במחנה זה היו נוחים מעט יותר, אולם לאחר שאחד האסירים ברח, הוצאנו כולנו באמצע הלילה מצריפנו, הוכינו מכות עזות ואת ה„לאגר אלטסטה" היהודי, רצחו. בקראשניק שהייתי כחודש ימים, לאחר מכן הועברתי למחנה בודזין, שם נכלאו כאלפיים יהודים. במחנה זה צפויים היינו למוות כל רגע, בייחוד הצטיין בכך השטורמפירר פייקס, שהשקיע עצמו בהמצאת כל מיני מיתות משונות, לקרבנותיו. אני הועסקתי — יחד עם קבוצה בת 80 איש — בעבודת אדמה שונות.

5

באחד הימים ברחו מקבוצתנו שישה אנשים. כאשר חזרנו למחנה, הבחין השומר שלנו, כי נעדרים אסירים. בדרך הוכינו והשומרים איימו עלינו כי

השטורמפירר ילמדנו לקח־דמים. ואכן, במחנה הורצנו בין שני טורים של גרמנים ואוקראינים שהיכו אותנו באכזריות חייתית. לאחר מכן פקד השטרומפירר על עשרים ושנים אנשים מתוכנו — ביניהם הייתי גם אני — להשתטח על אדמה, כשפנינו כלפי מטה. כך שכבנו כל הלילה, כאשר ניסה מישהו להרים מעט את ראשו, הוכה בקת הרובה, בדרך זו נרצחו שבעה אנשים מקבוצתנו.

ממחנה זה הועברתי לראדום, בו ייצרו נשק. שם, בבית־החרושת לנשק, עבדו היהודים בתנאים נוחים למדי. העיקר — האוכל השביע את העובד. עבדנו בשתי משמרות. במשמרת אחת עבדו „פולנים חופשיים". בעת חילופי המשמרות היתה אפשרות להיוודע על המתרחש בחזיתות המלחמה. כך נודע לנו כי הצבא הרוסי כבר נלחם בטריטוריה פולנית.

6

באחד הימים התבשרנו כי נישלח לגרמניה, לעבודה. היינו בטוחים כמעט, כי מובילים אותנו להשמדה. ידענו כבר על קיום מחנות השמדה מיוחדים. רוצחי ה־ס. ס. הודיעו לנו, כי אין בשבילנו רכבות להסעה ונאלץ ללכת ברגל, כ־30 קילומטר מדי יום ביומו. הוקפנו שומרים חמושים וכלבים והוזהרנו, כי כל נסיון של בריחה ייענש ברצח. אך הואיל והיינו משוכנעים כי ממלא אנו מובלים להשמדה, ניסו רבים את מזלם וברחו. הם הסתתרו בקמה בשדה, שכבר צמחה גבוה.

ה־ס. ס. השתמשו בכלבים שחיפשו את הנמלטים. הם נורו במקום. לא טוב מזה היה גורל החלשים והתשושים, שהתלוננו כי אינם יכולים להמשיך עוד במסע. הרוצחים הסאדיסטיים העמידו פנים, כי מרחמים הם עליהם והירשו להם לעלות על העגלות. וכשהעגלה התמלאה יהודים תשושים כאלה, ציווה המפקד על העגלון להפנות לדרך צדדית ושם נורו ה„מרוחמים". העגלה חזרה ריקה.

בלילה הראשון החנו הגרמנים את הטראנספורט בשדה פתוח. הם הודיעו כי כאן אנו נלון והקיפו אותנו בזקיפים. בבוקר היה המספר של האסירים פחות ששים. כפי שנודע לנו לאחר מכן, התחפרו שישים איש בתוך האדמה, שם שכבו ולאחר שהגרמנים המשיכו בדרכם עם יתר האסירים, יצאו אלה ממחבואם וברחו ליער.

אותנו הריצו הלאה, עד שהגענו לטומאשוב־מאזובייצקי. המעונים היו מאד צמאים וזעקו: „מים!" כאשר החלו לחלק את המים, קם דוחק איום. הגרמנים

ניצלו את „ההזדמנות״ והיכו מכות רצח. אחד נפח את נשמתו, תחת מהמולות ומים לא שתינו.

למחרת היום הועמסנו לקרונות והובלנו לאושוויץ. שם הפרידו הרוצחים בין הגברים והנשים. בין הגברים נערכה סלקציה. את הבריאים יותר — ביניהם הייתי גם אני — שוב העמיסו לקרונות ואת שאר האנשים הביאו למחנה.

7

באנו לווניגר, שם עבדנו בבניין בתי־חרושת תת־קרקעיים. היתה זו עבודת פרך בתנאי רעב. כעבור ימים מעטים הגעתי לאפיסת כוחות מוחלטת. גם כאן עמדנו שעות רבות בשדה פתוח, בגשם ובבוץ. עקב הרעב והעבודה הקשה גוועו אנשים רבים מאוד.

חולה ותשוש הועברתי בטראנספורט. לאחר שלושה ימי צעידה ברגל וברעב הגענו למחנה ברגן־בלזן. שוכננו בבנין אבן רחב־ידים, שרצפתו היתה מלאה מים. בלילה מתו אחדים, בבוקר הם הוצאו מהחדר ואנו הוספנו להיות כלואים. בצהרי היום קבלנו מעט מרק דליל. לא כולם היו עוד מסוגלים לאכול. עיף ותשוש לאחר לילה ללא שינה, משום שעמדתי נשען על הקיר, כדי לא לשכב בתוך המים שעל הרצפה, נשכבתי עתה על הרצפה, שהיתה יבשה במשך היום. בערב שוב הוצפה הרצפה במים ובלילה שוב מתו קרבנות ובבוקר הוצאו לקבורה. בגלל העייפות הגדולה לא יכולתי לעמוד על רגלי, נשענתי על הגופות הקפואים כי חסמו בפני את המים, וכך עבר עלי הלילה.

בתנאים איומים אלה שהינו בבניין זה חמישה ימים. משישים הקרבנות שהגיעו הנה לפני ימים אחדים, נותרו אך עשרים ושנים בחיים. לאחר חמישה ימים הוצאנו מהבית הזה והועברנו לצריפים עם שאר האסירים.

מצבי השתפר קמעה ונרשמתי לעבודה. הובלנו למחנה לא הרחק משטטין, שם בנו שדה־תעופה. אז נודע לנו כי הרוסים עומדים במרחק קטן ממקום עבודתנו. מעבודה מפרכת זו ניטלה ממני ראייתי והושלכתי למרתף, שם שכבו חולים רבים. ראייתי החלה לחזור אלי לאט ואף לאכול התחלתי. לאחר שלושה ימים החלו כוחותי לשוב מעט אלי. מרחוק שמעתי הדי יריות תותחים. בשארית כוחותי טפסתי ועליתי לחלון הגבוה, דרכו התגנבתי למחנה האסירים. הם קיבלו אותי כאיש שקם לתחיה וסיפרו כי מתכוננים להעבירם.

בלילה הסתדרנו בשורות ויצאנו את שערי המחנה. כשהאיר הבוקר נוכחנו לדעת כי השומרים שלנו נעלמו. נשארנו לבדנו וחשבנו מה לעשות עכשיו. פתע

הופיעו חיילים רוסיים. מיד נתנו לו לאכול ואמרו כי חופשיים אנו ללכת באוות נפשנו.

8

חזרתי לפולין, לעיירתי גניבשוב. היתה בי תקווה כי אמצא מישהו מבני משפחתי. לצערי לא מצאתי איש. בביתנו התגוררה עתה משפחה גויית ואני אפילו חזרתי למקצועי — לחייטות. אולם במשך שני חודשי שהותי בעיירת הולדתי שמעתי את הגויים מדברים ביניהם, כי צריך להשמיד את שארית הניצולים. עזבתי־את גניבשוב. באתי ללובלין, שם חיו אז כ־2000 יהודים־ניצולים. שם עבדתי חודשים אחדים ואף הרווחתי יפה, אולם האווירה היתה מורעלת, חדורה משטמה ליהודים. עזבתי את לובלין ובאתי לגרמניה ומשם, בשנת 1949, עליתי לישראל.

אין די נאַצישע טויט־לאַגערן

מאיר פוקס

1

אין עלטער פון 16 יאָר, האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אהרון שערמאַן אַלס שניידער. אין יאָר 1935 בין איך אַוועק אַרבעטן אין וואַרשע, ווו איך בין געווען כמעט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. עטלעכע חדשים פריער, בין איך געקומען צו מיינע עלטערן אין שטעטל גניעוואַשאָוו. די דייטשן זענען אַדורכ־געגאַנגען דאָס שטעטל פאַר ראש השנה. געבליבן איז אַ טייל פון מיליטער, בעיקר עלטערע דייטשן, וועלכע האָבן צונויפגענומען אַלע אַנטלאָפענע פון דער פוילישער אַרמיי און אויך יוגנט אין עלטער פון 18—20 יאָר, וועלכע זענען געוואָרן אַוועקגעשיקט.

אין יום כיפור 1939, האָבן די דייטשן אַרויסגעיאָגט די פאַרזאַמלטע יידן פון שול און גלייך נאָך דעם פאַרוואַנדלט די שול אין אַ שטאַל פאַר פערד. בכלל,

פון ערשטן טאָג אָן, ווי די דייטשע זעלנער זענען אַריין, האָבן זיי אויף יעדן טריט און שריט געפּייניקט. קוים האָט אַ ייד נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל צו באַגריסן די פּייניקער, האָבן זיי געשלאָגן. האָט מען ווידער געצויגן דאָס היטל, האָבן זיי אויך געשלאָגן, זאָגנדיק: „ביסט דען מיינער אַ קאַמעראַד וואָס באַגריסט זיך מיט מיר?"

פון די אָרטיקע פאָלקס־דייטשן, איז באַשטימט געוואָרן אַ בירגערמייסטער. ער האָט געפאָדערט, אַז אַלע קרעמער זאָלן צוריק אויפמאַכן זייערע געוועלבער, וועלכע זענען געווען געשלאָסן בעת דער בהלה. די דייטשן האָבן באַלד נאָכן עפענען די קראָמען רעקווירירט און אַרויסגעפירט אַלע סחורות פון די גרעסערע געשעפטן.

אין האַרבסט זענען אין שטעטל געקומען עטלעכע מאַשינען מיט עס.־ לייט. זיי זענען אַראָפּ פון די מאַשינען און געשלאָגן וועמען זיי האָבן נאָר געכאַפּט אין גאַס. נאָך די אַנטלאָפענע האָבן זיי געשאָסן. אַזוי זענען געפאַלן עטלעכע מענטשן, צווישן זיי מיין שכן גאָדל שניידער און שיינמאַן. מיר, ייִנגערע מענטשן, זענען געווען אויסבאַהאַלטן, ווייל מ'האָט שטענדיק געמאַטערט און געכאַפּט אויף אַרבעט. דער געשאַפענער יודענראַט האָט פון יעדער יידישער משפחה געפאָדערט אַ צאָל אַרבעטס־הענט. די וואָס האָבן געהאַט געלט, פלעגן זיך פון דער גזירה אויסקויפן.

מיין פאָטער האָט געמוזט געבן אונדזער ייִנגסטן ברודער, פענעק, וועלכן מען האָט געשיקט אין אַ לאַגער 30 קילאָמעטער ווייט פון שטעטל. בכלל האָט מען געהאַלטן, אַז אין גניעוואַשאָוו זענען די באַדינגונגען לייכטערע ווי אין אַנדערע ערטער.

2

אין 1942 האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אַ געטאָ און אַריבערגעפירט די יידן פון גניעוואַשאָוו אין יענעם טייל שטעטל, וועלכעס מ'רופט גרענעץ. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצוגיין פון געטאָ. ס'איז גאָר שווער געוואָרן מיט פּרנסה, די וווין־באַדינגונגען — שרעקלעכע. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, ווייל ס'איז געקומען אַ באַפעל פון בירגערמייסטער, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווער ס'וועט בלייבן — ווערט דערשאָסן אויפן אָרט.

מיינע עלטערן מיט מיין שוועסטער מאַטל און שוואָגער שלמה, זענען אַוועק אין קאָזשעניץ, ווייל דער שוואָגער איז געווען אַ דאָרטיק געבוירענער.

איך מיט מיין עלטערן ברודער משה און זיין פרוי רייצע און קינדער, זענען אַוועק קיין זוואָלין. דאָרט זענען מיר נאָר געווען עטלעכע טעג, נישט געהאַט ווו צו נעכטיקן. מיין יינגסטער ברודער, וועלכער האָט זיך געפונען אין לאַגער, איז געקומען צו אונדז קיין זוואָלין. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די עלטערן זענען געפאָרן קיין קאָזשעניץ, איז ער אַוועק צו זיי — און מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

3

אין זוואָלין האָבן די דייטשן אַלעמען אַרויסגעיאָגט פון די הייזער אויפן מאַרק. אויך איך מיט מיין ברודער משה זענען דאָרט געווען. די דייטשן האָבן געפאָדערט, אַז אַלע מענער זאָלן זיך שטעלן אין אַ ריי אַוועקצופאָרן. דעם זעלבן אָוונט האָט מען אַלע אַרומגערינגלט מיט מיליטער און הינט און אַוועק־געפירט קיין גאַרבאַטקע.

ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון זוואָלין, האָבן די דייטשן אָנגערייצט זייערע הינט זיי זאָלן פון די רייען אַרויסשלעפן ביי די לאַנגע קאַפּאָטעס די פרומע יידן און זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די רוצחים האָבן דערביי געזאָגט, אַז די דערשאָסענע יידן דאַרפן גיין אין הימל בעטן פאַר די אַנדערע, זיי זאָלן בלייבן לעבן. עס זענען אויך דערשאָסן געוואָרן נישט־פרומע יידן. מיר האָבן געפרוווט איבערקויפן די סאַדיסטן, געגעבן זיי געלט און זייגערס, אויך גאָלד־זאַכן. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין גאַרבאַטקע, אָבער אויפן וועג האָט מען דערשאָסן אַ 20 מענטשן.

אין גאַרבאַטקע האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען און געפירט ביז דער באַן־סטאַנציע דעמבלין. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע און איך מיט מיין ברודער משה זענען געשיקט געוואָרן אין דעמבלינער לאַגער א. נ. „באולייטונג". מיר האָבן געאַרבעט ביי די באַן־ליניעס און געזען כסדר אַדור־פאָרן טראַנספּאָרטן מיט יידן, וועלכע האָבן געשריגן, אַז זיי זענען פון זוואָלין און מען פירט זיי צום טויט. מיר זענען איבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער „סטאַווער", אין ריקע. דאָרט האָט מען אָפט געשאָסן די מענטשן פאַר יעדער קלייניקייט. איך האָב דאָ געטראָפן אַ סך יידן פון אונדזער שטעטל גניעוואַשאָוו. די אַרבעט איז געווען גאָר אַ שווערע.

אין אַ פראָסטיקן טאָג האָבן זיבן יידן פון אונדזער גרופּע, צווישן זיי צוויי שטעטלדיקע — העשקע פרידמאַן און יונה, מנוחה די בעקערינס, פּאַרלאָזט

די אַרבעט און אַוועק צוריק אין לאַגער, ווייל זיי האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די קעלט. די דייטשן האָבן זיי געזוכט און געפונען אין די באַראַקן. די אומ־גליקלעכע זענען געוואָרן אַרעסטירט.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן די דייטשן אונדז געגעבן לאָפּאַטעס, אַוועקגעפירט אין פעלד און געהייסן גראָבן אַ גרוב. די רוצחים האָבן געברענגט צום אָרט וווּ מיר האָבן געגראָבן, די 7 מענטשן, זיי אויסגעטאָן נאַקעט. ווען זיי האָבן געזען, אַז מיר גראָבן דעם גרוב, האָבן די אומגליקלעכע געבעטן מיר זאָלן וואָס שנעלער גראָבן, ווייל זיי ווערן געפרוירן. און ווירקלעך — 3 פון די 7 זענען געפרוירן געוואָרן. 4 האָבן די דייטשן געשאָסן, מיר האָבן געמוזט זיי פאַרשיטן. פאַרן דערשיסן, האָט העשקע פרידמאַן אויסגעשריגן צו די דייטשן: „איר וועט נאָך האָבן אַן ערגערן טויט ווי מיר!"

דער מצב אין לאַגער איז געוואָרן אַלץ שווערער. דורך איינעם פון די דייטשן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ביי סטאַלינגראַד האָבן זיי געהאַט אַ מפּלה און זייער כעס אויסגעלאָזט צו אונדז. בעת אַ סעלעקציע האָט מען מיין ברודער אויסגעקליבן אַוועקצושיקן. ווען ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל מיך אויך שיקן מיט אים, האָט דער עס.־עס.־מאַן געענטפערט: „זאָל דער הונט אויך גיין מיט דיר". אַ 30 מענטשן זענען מיר אַריבערגעפירט געוואָרן אין שטעטל קאָנסקע־וואָלע.

4

דאָס שטעטל איז געווען חרוב. קיין יידן האָבן זיך דאָרט נישט געפונען. די דייטשן וואָס האָבן אונדז געבראַכט, זענען אַוועק און מיר זענען געבליבן נאָר אויסצוגיין פאַר הונגער. שפּעטער האָט מען נאָך געברענגט מענטשן פון אַ צווייטן לאַגער. ווען עטלעכע יידן זענען שוין געשטאָרבן פאַר הונגער, האָט מיין ברודער משה באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון דער שטוב אין נאָענטן דאָרף, צו געפונען אַרבעט ביי זיין שניידעריי און באַקומען פאַר זיך און פאַר מיר אַ שטיקל ברויט. אין אָוונט איז ער געקומען און טאַקע געברענגט עפּעס צו עסן. אַזוי איז געווען אויך צומאָרגנס. אויפן דריטן טאָג זענען מיר ביידע אַוועק צו אַ פּויער אַרבעטן, דער אָבער האָט געהאַט באַשעפטיקונג נאָר פאַר איין מענטש. מיין ברודער איז אַליין געבליבן אַרבעטן אין דאָרף און איך בין צוריק אַוועק אין שטעטל.

מיטאָג־צייט איז אין שטעטל געקומען אַ מאַשין מיט דייטשן. זיי האָבן אַלע אַרויסגעיאָגט פון די הייזער, געמאַכט אַ סעלעקציע און אויסגעקליבן די

מער אַרבעטס־פּעזיקע, צווישן וועלכע אויך איך האָב זיך געפונען. אַזוי אַרום האָט דער גורל דערפירט, אַז איך האָב פאַרלוירן דעם לעצטן ברודער — משה.

פון קאָנסקע־וואָליע האָט מען אונדז, 45 מענטשן, איבערגעפירט קיין קראַשניק, אין אַ לאַגער ווו מ׳האָט געבויט אַ בענזין־סטאַציע. אין דעם לאַגער זענען די באַדינגונגען געווען עטוואָס בעסערע, ס׳איז אָבער אויך געווען אַ פאַל, ווען איינער איז אַנטלאָפן, האָט מען אין מיטן נאַכט אַלעמען שרעקלעך געשלאָגן און דערשאָסן דעם יידישן לאַגער־עלטסטן. אין קראַשניק בין איך געווען איבער אַ חודש. מען האָט מיך אַריבערגעפירט אין לאַגער בודזין, ווו ס׳האָבן זיך געפונען העכער 2 טויזנט יידן. אין דעם לאַגער איז דער טויט שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט דער שטורעמפירער פעליקס, וועלכער האָט ספּעציעל צוגעקלערט כלערליי מיתות משונות פאַר די אַרעסטירטע.

איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 80 מאַן ביי לאַנדווירטשאַפט.

5

אין איינעם אַ טאָג זענען פון אונדזער גרופּע אַנטלאָפן 6 מענטשן. ווען מיר זענען געגאַנגען צוריק אין לאַגער, האָבן אונדזערע היטער באַמערקט, אַז עס פעלן אַרעסטירטע. האָבן די רוצחים אויפן גאַנצן וועג אַלעמען געשלאָגן און געדראָט, אַז דער שטורעמפירער וועט זיך שוין אָפּרעכענען פאַר דעם. און ווירקלעך, ווען מיר זענען געקומען אין לאַגער, האָט מען די גרופּע אויסגעשטעלט צווישן אַ שפּאַלער פון דייטשן און אוקראַיִנער, וואָס האָבן אכזריותדיק געשלאָגן די קרבנות. נאָך דעם האָט דער שטורעמפירער אויסגעקליבן 22 מענטשן, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען, געהייסן אויסלייגן זיך אויף דער ערד מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַזוי זענען מיר געלעגן אַ גאַנצע נאַכט, ביז 12 בייטאָג. ווען ווער פון די געפּייניקטע האָט געפּרוווט אונטערהייבן דעם קאָפּ, האָבן די אוקראַיִנער געשלאָגן מיטן פריקלאַד פון דער ביקס, אַזוי, אַז פון די קלעפּ זענען אומגעקומען 7 מענטשן.

פון יענעם לאַגער האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין ראַדאָם, אין אַ לאַגער ווו ס׳איז געווען אַ געווער־פאַבריק. דאָרט האָבן ראַדאָמער יידן געאַרבעט ביי נישט קיין שלעכטע באַדינגונגען. דער עיקר — מען האָט געגעבן עסן צו דער זעט. מיר האָבן געאַרבעט אין צוויי שיכטן. אין איין שיכט זענען געווען באַשעפטיקט „פרייע פּאָליאַקן”. בעתן טוישן די שיכט אַרבעטער, האָבן מיר

געהאַט די מעגלעכקייט עפּעס וואָס זיך דערוויסן. אַזוי אַרום האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז די רויטע אַרמיי געפינט זיך שוין אויף דער פּוילישער טעריטאָריע.

6

אַ געוויסן טאָג האָט מען געמאָלדן, אַז מען פירט אונדז קיין דייטשלאַנד אַרבעטן. מיר זענען כמעט געווען זיכער, אַז מען פירט אונדז ערגעץ אומ־צוברענגען. מיר האָבן שוין געוווּסט פון זייערע טויטן־לאַגערס. די עס.־עס.־רוצחים האָבן אונדז געמאָלדן: קיין באַן פאַר אונדז איז נישטאָ, מיר וועלן יעדן טאָג גיין צופוס 30 קילאָמעטער. מען האָט אונדז אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע היטערס און הינט און געוואָרנט, אַז ביי יעדן פּרוּוו צו אַנטלויפן וועט מען שיסן. זייענדיק אָבער זיכער אַז מען פירט צום אומקום, זענען אַ סך געלאָפן. מען האָט אויסגענוצט דעם קאָרן, וואָס איז שוין געווען געגנוג הויך.

די עס. עס.־לייט האָבן זיך באַנוצט מיט די הינט, וועלכע האָבן אָפּגעזוכט די אַנטלאָפענע. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. נישט בעסער איז געווען מיט די שוואַכע, וועלכע האָבן נישט געקענט גיין. די געפּייניקטע האָבן זיך באַקלאָגט פאַר די עס.־עס.־לייט, אַז די פיס טוען וויי. די סאַדיסטן האָבן געמאַכט אַ רחמנות־פּנים, געהייסן זיך זעצן אויף די וועגענער, וואָס זענען נאָכגעפאָרן, אָבער ווען ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ פולע פור מיט יידן, האָט דער אָנפירער פון טראַנספּאָרט באַפוילן דעם פויערישן פורמאַן, ער זאָל אַראָפּפאָרן אין דער זייט. באַלד האָט זיך געהערט אַ שיסעריי און דער וואָגן איז צוריק געקומען אַ ליידיקער.

דעם ערשטן אָוונט האָבן די דייטשן אַראָפּגעפירט דעם טראַנספּאָרט פון וועג אויף אַ גרויס פעלד. אַלע זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון די עס.־עס.־לייט. זיי האָבן געמאָלדן, אַז מיר מוזן דאָרט נעכטיקן, נישט רירן זיך פון אָרט. אין דער פרי האָבן זיי נישט דערציילט קיין 60 מענטשן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן די 60 זיך איינגעגראָבן אין דער ערד אויף די ערטער ווו זיי זענען געלעגן און שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן געטריבן אין ווייטערן וועג, זענען די יידן אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און אַנטלאָפן אין וואַלד.

אונדז האָט מען ווייטער געטריבן. אַזוי זענען מיר ביז אָוונט אָנגעקומען קײַן טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק. די געפּייניקטע זענען געווען זייער דאָרשטיק און געשריגן: וואַסער! ווען מען האָט געגעבן וואַסער, איז די שטופּעריי געווען שרעקלעך. די דייטשן האָבן אויסגענוצט די מהומה און געשלאָגן מכות רצח.

איינער איז אויסגעגאַנגען פון די קלעפּ. דאָס וואַסער האָט מען נישט באַוויזן צו טרינקען.

אויף צומאָרגנס פרי האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען און אָוועקגעפירט קיין אָשוויענטשים. דאָרט האָבן די רוצחים אָפּגעטיילט די פרויען באַזונדער. צווישן די געבליבענע מענער, האָט מען דורכגעפירט אַ סעלעקציע. די מער געזונטע, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען, האָט מען אויסגעקליבן און צוריק אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנעס, די רעשט אַריינגעפירט אין לאַגער.

7

מ׳האָט אונדז געברענגט קיין וועניגער, ווו מיר האָבן געאַרבעט ביים בויען אונטערערדישע פאַבריקן. שווער געהאָרעוועט און צוגעהונגערט. אין אַ קורצער צייט בין איך געבליבן אָן כוחות. מ׳האָט פאַרשריבן צו פאָרן אין אַ צווייטן לאַגער. ווי שטענדיק, האָט מען געהאַלטן עטלעכע שעה אויפן פעלד. מ׳איז געשטאַנען ביז די קני אין דער בלאָטע. צוליב הונגער און שווערער אַרבעט, זענען יעדן טאָג געשטאָרבן פיל מענטשן.

פון דאָרט האָט מען מיך מ׳ט אַ טראַנספּאָרט אַוועקגעפירט אַ קראַנקן. 3 טעג זענען מיר געגאַנגען אָן עסן און ענדלעך אָנגעקומען אין לאַגער בערגען־בעלזען. מען האָט אונדז איינקוואַרטירט אין אַ גרויסער געביידע, פון שטיינער. אויפן דיל איז געווען אָנגעגאָסן וואַסער. איבערנאַכט זענען געשטאָרבן עטלעכע מענטשן, וועלכע מען האָט אין דער פרי אַרויסגענומען צום פאַרברענען — און אונדז ווייטער פאַרשלאָסן. אַרום 12 אַזייגער בייטאָג האָט מען אונדז געגעבן אַ ביסל שיטערע זופּ. נישט אַלע האָבן געהאַט כוח צו נעמען דאָס עסן. מיד פון דער נאַכט, וואָס איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט, כדי נישט צו לייגן זיך אין וואַסער, האָב איך זיך בייטאָג געלייגט אויפן דיל, ווייל בייטאָג איז געוואָרן טרוקן. אין אָוונט איז ווייטער אָנגעקומען וואַסער. יעדע נאַכט זענען געווען טויטע, אָבער צוגענומען האָט מען זיי נאָר אין דער פרי. צוליב מידקייט, האָב איך נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס, כ׳האָב אָפּט זיך אָנגעשפּאַרט אין די אומבאַוועגלעכע גופים און איינגעדרימלט אויף טויטע קערפּערס, וואָס האָבן מיך געשיצט פון וואַסער.

אין אַזאַ שרעקלעכן מצב זענען מיר דאָרט געווען פינף טעג. פון 60 מענטשן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, זענען געבליבן נאָר 22. ענדלעך האָט מען

אונדז אַרויסגעלאָזט פון דער געביידע און אַריינגעפירט צוזאַמען מיט אַלע, אין די באַראַקן.

איך האָב זיך דערפילט אַ ביסל בעסער און פאַרשריבן אין טראַנספּאָרט צו פאָרן אַרבעטן. מען האָט אונדז געפירט אין אַ לאַגער נישט ווייט פון שטעטין, ווו מיר האָבן געבויט אַ לופט־באַזע. מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז די רוסן געפינען זיך נישט ווייט פון אונדז, ווייל זיי האָבן אָפט באַשאָסן דאָס אָרט ווו מיר האָבן געאַרבעט. פון דער שווערער אַרבעט בין איך בלינד געוואָרן. האָט מען מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער, ווו עס זענען געלעגן אַלע קראַנקע. איך האָב צוריק אָנגעהויבן זען און אויך גענומען עסן. נאָך 3 טעג בין איך ווידער געקומען צו זיך און געהערט האַרמאַטן־שאָסן. האָב איך מיט אַלע כוחות זיך דערשלאָגן צום הויכן פענצטער, בין אַרויס פון קעלער און צוריק אַריין צווישן אַלע לאַגער־מענטשן. זיי האָבן מיך אויפגענומען ווי איינעם, וועלכער קומט פון יענער וועלט און מיר דערציילט, אַז מען גרייט זיך זיי אַוועקפירן.

פאַרנאַכט האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין רייען און אַוועקגעפירט. ווען ס'איז געוואָרן ליכטיקער, האָבן מיר באַמערקט, אַז אונדזערע היטער זענען אינגאַנצן נישטאָ. מיר זענען געבליבן אַליין און געקלערט, וואָס ווייטער צו טאָן. פלוצלונג האָבן זיך באַוויזן רוסישע זעלנער, אונדז געגעבן עסן און געהייסן גיין ווו נאָר איינער וויל.

8

פון דאָרט בין איך אַוועק קיין פוילן, אין מיין שטעטל גניעוואַשאָוו. איך האָב געמיינט צו טרעפן וועמען פון מיין משפחה. ליידער, כ'האָב קיינעם נישט געטראָפן. אין אונדזער שטוב האָט געלעבט אַ פוילישע משפחה. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן שניידעריי. אָבער פאַר די צוויי חדשים, וואָס איך האָב זיך געפונען אין שטעטל האָב איך אָפט געהערט שמועסן צווישן די פוילישע איינווינער, אַז מען דאַרף די יידן אומברענגען, זיי זאָלן ווייטער זיך נישט צונויפזאַמלען אין גניעוואַשאָוו. האָב איך באַשלאָסן אַוועקצופאָרן.

איך בין אַוועק קיין לובלין, ווו ס'האָבן זיך געפונען אַרום 2000 יידן. איך האָב עטלעכע חדשים געאַרבעט און אַפילו נישט שלעכט געלעבט, אָבער די אַטמאָספער איז געווען פול מיט שנאה צו יידן. אַזוי, אַז פון לובלין בין איך אַוועק אין דייטשלאַנד און פון דאָרט, אין 1949, געקומען קיין ישראל.

גערַאטעוועט זיך מיט דער טאָכטער

רבקה ראָזענבערג (פרידמאַן) / בני־ברק

ביים אָנהייב פון דער מלחמה, האָט מען פולאַוו שטאַרק באָמבאַרדירט און אַלע יידישע איינוווינער זענען אַנטלאָפן פון שטאָט. ווען עס האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, זענען אַ טייל, און אויך מיין פאַמיליע, צוריק געקומען קיין פולאַוו. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. אָפיציעל האָבן אַלע געדאַרפט פאָרן קיין אָפּאָלע, ווו עס זענען געווען קאָנצענטרירט אַ סך יידן פון ווין. זיי האָבן געלעבט אין שרעקלעכע באַדינגונגען. זייענדיק דאָרט אַ קורצע צייט, זענען מיר אומלעגאַל אַוועק אין שטעטל כאָדלע. געווען דאָ כמעט אַ יאָר און אויך אַוועק. ס'איז אָבער נישט געווען ווו צו פאָרן, ווייל די באַדינגונגען אין אַלע שטעטלעך אַרום לובלין זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אומדערטרעגלעך. מען האָט גערעדט, אַז אין גניעוואַשאָוו, ווו מיין פאָטער (איטשע פרידמאַן) איז געבוירן געוואָרן און דאָרט האָט זיך געפונען זיין גאַנצע משפחה, איז די לאַגע אַ בעסערע. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר זיך דורך פאַרשידענע אומוועגן אַהין דערקליבן, אַריבער די ווייסל אויף פישער־שיפלעך, און צוזאַמען מיט מיין מאַן שמעון וואַסערמאַן און אונדזערע צוויי קינדער, מנשה און יעקב, אָנגעקומען קיין גניעוואַשאָוו. פריער נאָך, אויך מיט גרויסע שוועריקייטן, זענען אַהין אָנגעקומען מיין מוטער חייה־סימע, די שוועסטער פייגעלע (פאַרהייראַט צו שמעון ראָזענ־בלאַט) מיט איר טעכטערל נחמה, און מיינע ברידער נחמיה און אברהם.

אין גניעוואַשאָוו זענען סוף ווינטער 1941 געווען אַ סך פליטים פון פאַר־שידענע שטעט און שטעטלעך. די פאַרשטייער פון יודענראַט האָבן געפּועלט, אַז יעדער אָרטיקע משפחה זאָל נעמען צו זיך פון די אָנגעקומענע פליטים. איך מיט נאָך אַ פאַמיליע האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי מיין פאָטערס ברודער בעריש פרידמאַן.

די ערשטע צייט איז טאַקע געווען בעסער אין גניעוואַשאָוו ווי אין אַנדערע שטעטלעך אין לובלינער געגנט, ווו מיר איז אויסגעקומען צו זיין. עס זענען נאָך געווען געוועלבער מיט סחורה, די פויערים האָבן געברענגט פּראָדוקטן אין

די מאַרק־טעג. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לעבן איז געווען שווער, באַזונדער פאַר די פליטים, וועלכע זענען געקומען אָן מיטלען צום לעבן. אָבער מען האָט פאַר זיי אָרגאַניזירט הילף און אויך אַן אומזיסטע קיך. ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון טיפוס און אַנדערע קראַנקייטן, איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ קליין שפּיטאָל.

פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען נישט געווען קיין מעגלעכקייטן צו באַפרידיקן די מינימאַלסטע באַדערפענישן פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, באַזונדער פון די צוגעקומענע פליטים, וועלכע זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

מיר דערמאָנט זיך אַ פאַל, ווען מיין מוטער איז געקומען פון מאַרק און געברענגט אַ יינגעלע. פון איבער 8 יאָר. ער איז געקומען אין שטעטל מיט נאָך אַנדערע קינדער, וועלכע זענען דורך זייערע עלטערן אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ. צופוס, דורך זייטיקע וועגן, האָבן זיי זיך דערשלאָגן קיין גניעוואַשאָוו. די קינדער זענען געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט, פאַרלאָזט און קראַנק. דאָס יינגעלע איז געווען אין אַזאַ מצב, אַז מען האָט אים נישט געקענט לאָזן מיט אַנדערע קינדער, ווייל ער האָט געליטן פון שווינדזוכט אַפּילו געשפּיגן מיט בלוט. ער איז געווען ביי אונדז, געקומען צו זיך און געלעבט די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען געווען אין גניעוואַשאָוו.

איך געדענק אויך, ווען כ'בין געגאַנגען צו דער בעקערין קויפן ברויט, איז אויפן וועג געקראָכן אויף אַלע פיר אַ יינגל פון אַ יאָר 12. ער האָט שוין נישט געקענט גיין אויף די פיס, שרעקלעך פאַרשמוציקט, אויסגעדאַרט. ער איז געווען פון וואַרשע. זיין מצב איז געווען אַזעלכער, אַז מען האָט אים שוין נישט געקענט העלפן — און צו מאָרגנס איז ער געשטאָרבן.

עס זענען געווען פיל אינטעליגענטע מענטשן, וועלכע זענען ביינאַכט געשלאָפן אין בית־המדרש, אויף בוידעמער און אין שטאַלן און בייטאָג אַרומ־געגאַנגען זוכן עפּעס עסן. אַ סך פון זיי האָט מען דערשאָסן אויף די וועגן.

אין יענע צייטן, ווען מ'האָט נאָך געמעגט אַ ביסל פרייער זיך באַוועגן, איידער ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס געטאָ אין גניעוואַשאָוו, האָבן יידישע פרויען, דער רוב מיט אַ קריסטלעכן אויסזען אויפן פּנים, איבערגעטאָן פאַר פויערטעס, געפאָרן מיטן באַן קיין וואַרשע, ראַדאָם און אַנדערע ערטער, כדי מיט שמוגל און האַנדל זיכערן אַ קיום פאַר זייערע משפחות. צווישן די געשמוגלטע סחורות פון וואַרשע, האָט איין פרוי געברענגט אויך לערן־ביכער (כרעסטאָמאַטיעס) פאַר העברעיִש. אין גניעוואַשאָוו האָט זיך געפונען אַ לערער

פון אַ „תרבות"־שול אין וואַרשע, אַ פּליט, וועלכער האָט געגעבן אין עברית לעקציעס פּאַר אייניקע שילער און שילערינס, צווישן זיי — מיין זון מנשה, די קינדער פון משה קאָסמאַן און אַנדערע.

נישט געקוקט וואָס אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעטלעך איז אין גניע־וואַשאָוו געווען לייכטער, זענען אָבער פון צייט צו צייט געווען שרעקלעכע איבערלעבונגען. פון ראַדאָם פלעגט קומען זשאַנדאַמעריע און דורכפירן זוכונגען ביי רייכערע מענטשן. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי שרעקלעך געשלאָגן. איך געדענק, אַז ביי אַזאַ זוכונג ביי אַ פרוי אין דער צייט וואָס דער מאַן איז אין שטוב נישט געווען, האָט זי זיך דערשראָקן, גענומען איר קינד און אַרויסגעלאָפן פון שטוב. האָבן די זשאַנדאַרן איר נאָכגעשאָסן און געהרגעט אויפן אָרט.

די לאַגע פון פּראָדוקטן איז אויך געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער. האָט מען געמוזט זוכן פאַרשידענע וועגן, כדי צו שאַפן מעל אויף אַרויסצובאַקומען ברויט. מיין מאַן שמעון וואַסערמאַן, זייענדיק באַקאַנט אין דער מעל־בראַנזשע, האָט צוזאַמען מיט נאָך אַ פּליט פון פולאַוו, צוגעפּאַסט אַ פליייש־מילעכל אויף צו מאָלן מעל — און די בעקערס האָבן אין געהיים געבאַקן ברויט. ס'איז אויסגעקומען אַפילו זיי"ף אויסצואַרבעטן אין געהיים. זייף האָט מען געקענט פּאַרקויפן אָדער אויסבייטן ביי פּויערים אויף אַנדערע פּראָדוקטן. דערצו האָט מען גענוצט פּוטער, וואָס מען האָט געקענט קריגן נאָר ביי די פּויערים.

סוף 1941, אָדער אָנהייב 1942, איז אויך אין גניעוואַשאָוו געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ, אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט. עפּעס צו קויפן מחוץ דעם געטאָ איז אַנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן, פאַרבונדן ממש מיט דער געפאַר אומצוקומען.

די גאַנצע צייט האָט מען געשיקט יידן, באַזונדער יוגנטלעכע, צו פאַר־שידענע אַרבעטן. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער הילף פון יודענראַט און יידישער פּאָליציי. פאַרשטייט זיך, אַז ווער ס'האָט געהאַט אַ סך געלט, האָט זיך געקענט אויסקויפן. בדרך כלל זענען די צוגעקומענע פּליטים געווען די ערשטע, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט.

נאָכן אַרומצוימען דאָס געטאָ, איז די לאַגע פון די וועלכע האָבן געצויגן זייער שווערע פּרנסה פון גיין אין דערפער עפּעס קויפן, אָדער פאַרקויפן, געוואָרן פיל שווערער און געפערלעכער ווי פריער. אַ סך פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער און אויף די וועגן.

אַ געוויסן טאָג אין חודש סעפּטעמבער 1942, האָט מען געמאָלדן, אַז אין משך פון 24 שעה דאַרפן אַלע פאַרלאָזן דאָס שטעטל. מיין מאַן און די מענער פון אונדזער משפחה, האָבן פאַר דער צייט פון געטאָ צוגעגרייט ביים פעטער בעריש אַ בונקער, כדי זיך קענען אויסבאַהאַלטן אין דער צייט פון די אַקציעס, וועלכע עס פלעגן דורכפירן די זשאַנדאַמעריע פון ראַדאָם און די עס.־עס., דערביי האָבן זיי געשלאָגן און געמאָרדעט ווער ס'איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. בעת דער אויסזידלונג, האָט אָבער נישט געהאַט קיין זין צו באַנוצן זיך מיטן בונקער. ס'איז נישט צו באַשרייבן די געוויינען און פיין פון די מענטשן, אין די לעצטע מינוטן פאַרן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. נישט אַלע האָבן געוואָלט גיין אָדער פאָרן קיין זוואָלין. פון אונדזער משפחה, און מיר בתוכם, זענען אַ סך געגאַנגען קיין דעמבלין און זיך אַריינגעגנבעט אין געטאָ. דער וועג איז געווען פאַרבונדן מיט די גרעסטע געפאַרן. מיר האָבן אָבער געהאָפט, אַז אין דעמבלין וועט מען זיך אויסבאַהאַלטן.

דערנאָך האָבן אויך אין דעמבלין זיך אָנגעהויבן אַקציעס. אַ טייל זענען אַנטלאָפן און אומגעקומען. נאָך שווערע, שרעקלעכע ליידן און צרות, איז געלונגען מיר, מיט מיין ייִנגסטע טאָכטער איבערצולעבן און זיך באַפרייען פון טשענסטאָכאָווער לאַגער.

איצט לעב איך אין בני־ברק. מיין טאָכטער האָט געענדיקט דעם בר־אילן אוניווערסיטעט, אַרבעט אַלס לערערין.

(פאַרשריבן: משה פערלשטיין)

מיין זוכן איז געווען אומזיסט

לעאָ פייגנבוים / קליוולאַנד

ביז דעם חורבן

איך בין געבוירן אין יאָר 1922 אין גניעוואַשאָוו. איך האָב געהאַט פינף ברידער, יינגערע פון מיר און צוויי שוועסטערלעך. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן. אַלע זענען אומגעקומען פון די דייטשע רוצחים.

מיינע עלטערן האָבן געלעבט אַן אָרעם לעבן, נאָר אַ שטילס און אָרנטלעכס. אַזוי האָבן געלעבט כמעט אַלע אין שטעטל. קיין גרויסע גבירים זענען ביי אונדז נישט געווען, נאָר אַן אָרעמען יידן האָט מען געהאָלפן.

גניעוואַשאָוו האָט פאַרמאָגט אַ שיינע יידישע יוגנט. ס׳איז געווען אַ קליין שטעטעלע, אָבער פאַרטייען האָבן מיר געהאַט פון אַלע מינים. אויך צוויי שולן, איינע אין גניעוואַשאָוו און די צווייטע אין גרעניץ. געווען ביי אונדז אַ מרחץ, ווו אַלע יידן האָבן זיך פרייטיק געוואַשן.

ווען אַ פאַליאַק פלעגט אַ מאָל שלאָגן אַ ייד, האָבן אַלע יידן זיך געלאָזט אים העלפן. מ׳איז געווען פאַראייניקט ווי איין גרויסע משפחה.

מיין פאָטער, פנחס פייגנבוים ע״ה (טקועץ), האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע מלאכות, כדי צו פאַרדינען אויף פרנסה. ער איז געווען אַ שוסטער, אַ בעל־עגלה, אַ טרעגער — אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזן.

איך האָב געלערנט אין חדר ביי שמואל באַראַן. ער פלעגט האָבן אין חדר ביי אַ 40 תלמידים. ווען איך בין אַלט געוואָרן 13 יאָר, האָט מיך דער טאַטע אָועק געגעבן צו חיים בולבע לערנען שוסטעריי. ער איז געווען זייער אַן אָרנטלעכער און גוטער מענטש. שפעטער האָב איך געאַרבעט ביי פּישעלע בוינע, משה־מאירס זון. אַ פיינער מענטש געווען. דערנאָך האָב איך געאַרבעט ביי מענקע שפיר.

געווען ביי אונדז יידישע בעלי־מלאכהס פון אַלע פאַכן: שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס, בלעכער אאַז״וו. דער גרעסטער טייל יידן אין שטעטל איז געווען רעליגיעז. אויב אַן אַפיקורס האָט גערויכערט שבת פאַפּיראָסן, פלעגט

ער זיך דערמיט באַהאַלטן, ווייל ער האָט רעספּעקטירט די געפילן פון די פרומע יידן אין שטעטל.

אַזוי האָט זיך געלעבט ביזן 1טן סעפּטעמבער 1939, דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די צרות הייבן זיך אָן

ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל, האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן אונדזערע צרות — איינע גרעסער פון דער אַנדערער: זיי האָבן געשאָסן יידן, געכאַפּט צו אַרבעט, די שול האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל פאַר פערד, און די צווייטע שול — אין אַ קוזשניע.

מיך מיט מיין פאָטער האָבן די דייטשן אַרויסגענומען ביינאַכט פון די בעטן און צוזאַמען מיט נאָך פופציק יידן געשיקט קיין באַרטאָשוו אין אַ לאַגער. ווען איך האָב געזען ווי מען שיסט דאָרט יעדן טאָג הונדערטער יידן, בין איך צוריק אַנטלאָפן קיין גניעוואַשאָוו. אין אונדזער שטעטל זענען אָנגעקומען יידן פון וואַרשע, פולאַוו, קאָזשעניץ און אַנדערע שטעטלעך. בדרך כלל זענען די יידן אין גניעוואַשאָוו געווען גוטע מענטשן און אַלעמען געהאָלפן.

שפּעטער האָט מען געמאַכט אַ געטאָ. מען האָט נישט געטאָרט אַריין און אַרויס פון שטעטל. קיינער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען וועט באַצאָלן מיטן לעבן פאַר עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט. יידן, וועלכע זענען אַרויסגע־גאַנגען פון שטעטל אין דאָרף אַריין צו קויפן עפּעס עסן, האָט מען דערשאָסן. דערנאָך האָט מען זיי געברענגט קיין גניעוואַשאָוו און אַלע קובר געווען אין איין גרוב.

אין 1941 איז קיין גניעוואַשאָוו געקומען אַן עס.־עס.־מאַן, יאַנעק, פון יעלנע, נעבן ראַדאָם. לויט זיין באַפעל, האָט מען געכאַפּט אַ סך יידן און זיי פאַרשיקט אין יעלנער לאַגער. אויך מיך מיטן פאָטער האָט מען אַהין פאַרשיקט.

נאָך אַ צייט האָט מען מיין פאָטער אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז געשוואָלן געוואָרן פון די קלעפּ. ער האָט מער נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט. די דייטשן האָבן אים אַוועקגעלייגט, אויסגעמאָסטן פאַר אים אַ גרוב און אים לעבעדיקערהייט באַגראָבן. דאָס איז געווען אין 1942. איך בין דערנאָך אַנטלאָפן פון יעלנע צוריק קיין גניעוואַשאָוו. איך האָב דאָרט געטראָפן די מאַמען מיט די קינדער. אין גניעוואַשאָוו איז שוין געווען אַ געטאָ.

אין 1942 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן דאַרפן

פאַרלאָזן גניעוואַשאָוו און אַוועק קיין זוואָלין. אַ סך יידן זענען אַוועק אין אַנדערע ערטער, ווייל מען האָט געמיינט, אַז ערגעץ אַנדערש וועט מען זיך קענען ראַטעווען, אָבער אומעטום איז געווען דאָס זעלבע. דער רוב יידן פון שטעטל איז אָבער אַוועק קיין זוואָלין.

איך האָב גענומען מיין מאַמען מיט מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך און געפאָרן קיין זוואָלין. ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהין, זענען דאָרט געווען טויזנטער יידן. עס זענען נישט געווען קיין דירות, מ'איז פשוט געלעגן אין די גאַסן.

פון לאַגער צו לאַגער

אין זוואָלין זענען מיט אונדז געווען מיין מאַמעס ברידער לייזער און הערשל אַלטמאַן און זייערע קינדער יעקב, יחזקאל און זייער שוועסטער עטעלע. עס זענען דאָרט אויך געווען אַ סך פון אונדזער משפחה פון פאָטערס און מוטערס צד.

מיר האָבן דאָרט געליטן הונגער און נויט און נישט געהאַט ווו צו זיין.

נאָך אַ געוויסע צייט איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע מענער פון 15 ביז 60 יאָר אַלט, זאָלן זיך שטעלן ביים יודענראַט. איך בין אַהין אַוועק, צוזאַמען מיט מיין קלענערן ברודער יעקב. דאָרט זענען שוין געשטאַנען בערך אַ טויזנט יידן. דער טומל איז געווען גרויס. מען האָט געשאָסן. איך האָב געהאַלטן מיין ברודערל ביי דער האַנט. פלוצלונג האָט ער זיך אַרויסגעריסן — און מער האָב איך אים נישט געזען.

די דייטשן האָבן אויסגעקליבן ביי אַ 600 גניעוואַשאָווער און פון אַנדערע שטעט (איך — צווישן זיי). מען האָט אונדז געהייסן זיך לייגן אויף דער ערד, מיטן פנים אַראָפּ. אויב ס'האָט ווער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט מען אים דערשאָסן. אַרום אונדז זענען געשטאַנען עס.־עס.־לייט מיט מאַשין־געווער און הינט. עלטערן, פרויען און די קינדער זענען געשטאַנען פון דערווייטנס, נישט געטאָרט צוגיין. ווער ס'איז צוגעגאַנגען נאָענט, האָט מען דערשאָסן. דאָס איז געווען דער ערגסטער טאָג פון מיין לעבן. מער האָב איך קיינמאָל נישט געזען קיינעם פון מיין פאַמיליע. דאָס איז געווען אין סעפטעמבער 1942.

אונדז האָט מען אַוועק געפירט קיין גאַרבאַטקע צופוס. אַ סך יידן האָבן די דייטשן דערשאָסן אויפן וועג, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו גיין.

אין גאַרבאַטקע האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען און געשיקט קיין דעמבלין.

אין דעמבלין האָבן די דייטשן אויסגעקליבן די שטאַרקערע מענער און זיי איבערגעלאָזן. די שוואַכערע האָבן זיי געשיקט קיין סטאַוועס, צווישן דעמבלין און ריקע. אויך מיך האָט מען געשיקט קיין סטאַוועס.

אין סטאַוועס האָבן די דייטשן דערשאָסן אַ פּאָר הונדערט גניעוואַשאָווער יידן. אייניקע נעמען געדענק איך: הערשעלע הינד דוד־אהרונס, חיים שמוקלער, שמואל זעליגלס יינגלעך: פּסח, מאיר, וועלוול נוטעלעס, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט תבואה. זיי ליגן אין וואַלד אין איין גרוב.

פון די סטאַווס האָט מען מיך איבערגעפירט קיין קאָנסקע־וואָליע. דאָס איז געווען אין אָנהייב 1943. דאָרט האָב איך געטראָפן פון אונדזער שטעטל: סוכעס, ישראל קאַפּליק, דער בעקער מאיר, קלמן לייבס טאָכטער. מיט מיר צוזאַמען זענען געקומען מאיר און משה פוקס. (מאיר פוקס געפינט זיך היינט אין ישראל). מאיר קלמן לייבס טאָכטער איז אומגעקומען אין קאָנסקע־וואָליע, אויך איז דאָרט אומגעקומען דער בעקער ישראל קאַפּלאַק.

פון קאָנסקע־וואָליע ביז דער באַפרייונג בין איך געווען אין פאַרשידענע לאַגערן. פון בודזין האָט מען מיך גענומען קיין מיידאַנעק. אין יאָר 1944 האָט מען מיך געשיקט קיין פּלאַשאָוו. פון דאָרט קיין וויעליטשקע, צו אַרבעטן אין די זאַלץ־גרובנס. אין אויגוסט 1944 האָט מען מיך איבערגעפירט קיין מאַטהאוזען, פון דאָרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין סאַנט־וואַלענטין, עסטרייך. דערנאָך — ווידער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער עבענזי. דעם 5טן מאַי 1945 בין איך דאָרט באַפרייט געוואָרן.

פון אַלע לאַגערן, פון בודזין אָן, האָב איך נישט געטראָפן קיין איין גניעוואַשאָווער. ווען עס זענען אָנגעקומען נייע טראַנספּאָרטן מיט יידן, בין איך שטענדיק געלאָפן זען, אפשר איז ווער דאָ פון מיין משפחה אָדער שטעטל. לײדער, מיין זוכן איז געווען אומזיסט...

אַ גיהנום ביים לעבן

(זאַקסענהאַוזען, אוישוויץ, גראָס־ראָזען, בוכענוואַלד)

שיע שערמאַן

אין סעפּטעמבער 1939 בין איך אַרעסטירט געוואָרן דורך דעם פּשאַדאָווניק פון דער גראַנאַטענער פּאָליציי, יאַנקאָווסקי, וועלכער האָט מיך איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ, אַלס באַוווּסטער יידישער קאָמוניסט פון גניעוואַשאָוו. מען האָט מיך איבערגעפירט אין דער ראַדאָמער תפיסה. בעת דער אויספאָרשונג, האָט מען מיך געשלאָגן און געפּייניקט, איך זאָל אויסגעבן אַנדערע חברים. דאָס האָט געדויערט ביז נאָוועמבער, ווען מען האָט מיך איבערגעפירט אין קאָנצ.־לאַגער זאַקסענהאַוזען. נישט געקוקט אויף אַלע פּייניקונגען, האָט די געסטאַפּאָ פון מיר גאָרנישט אַרויסגעקריגן.

1

קיין זאַקסענהאַוזען־אָראַניעבורג, בין איך אַרויסגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט ד״ר קעלעס־קראוס, גרעשטאַנאַראָוו, ראַדאָמסקי, צווענק און אַנד. פון יידן, איז דאָרט געווען ראָזענהאָלץ פון יענדזשיעיוו. אין דעם לאַגער בין איך געווען ביזן 22סטן אָקטאָבער 1942. באַקומען דעם נומער 27516.

ווען איך בין געווען אין קאַראַנטין אין „קליינעם לאַגער״, האָט אויף אַ ראָווער געפלעגט קומען אַ פּאָר מאָל אין טאָג דער בלאָק־פירער קייזער. ער האָט מיט די יידישע אַרעסטאַנטן דורכגעפירט גימנאַסטישע איבונגען. מיר האָבן געדאַרפט שפּרונגען ווי זשאַבעס, שלאָגן זיך מיט גלחים, אדג״ל. ער האָט אויך באַשולדיקט די יידן, פּוילישע אָפיצירן, אָדער רייכע, אַז זיי האָבן דער־פירט צו דער מלחמה. — און פאַר דעם חטא האָט ער זיי געהייסן לויפן אַרום דעם „קליינעם לאַגער״ נאָכן ראָווער, אויף וועלכן ער איז געפאָרן. דעם פאַר־מוטשעטן אַרעסטאַנט האָט ער אויסגעענדיקט, מיט קאָפּען אין מאָגן. יעדן טאָג האָט ער דערמאָרדעט צוויי־דריי יידן.

נאָכן ענדיקן דעם קאַראַנטין, בין איך איבערגעפירט געוואָרן אין 38טן בלאָק, צוזאַמען מיט ראָזענהאָלצן. דער רוב זענען דאָרט געווען דייטשע יידן,

אויך אַ געוויסער גרינשפּאַן. קייזער האָט אים דערמאָרדעט, מיט דער טענה, אַז ער איז אַ קרוב פון הערשל גרינשפּאַן, וועלכער האָט געשאָסן אויף פאָן־ראַטן אין פּאַריז. לויט קייזערן, האָט דער יונגער גרינשפּאַן מיטגעהאָלפן הערשלען אויספירן דעם אַטענטאַט. קייזער האָט אים געשלאָגן און געקאָפּעט, ביז ער איז געפאַלן באַוווסטלאָז נעבן מיינע פיס. אין זעלבן טאָג איז ער געשטאָרבן.

אין בלאָק זענען געווען שענקלעך מיט אַלומיניום־געשיר. קייזער האָט אונדז פאַרבאָטן זיי באַנוצן. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט ער קאָנטראָלירט, צי מען האָט נישט גענוצט די כלים. ווען ער האָט באַמערקט אויף זיי וועלכן ס׳איז פלעק, האָט ער באַפוילן די אַרעסטאַנטן שנעל שפּרונגען דורך די פענצטער. דאַביי זענען שטענדיק עטלעכע מענטשן צעטראָטן געוואָרן. טיילמאָל האָט ער געהייסן זיך לייגן אויף דער ערד — און ער איז איבער די ליגנדיקע געפאָרן מיטן ראָווער. ער האָט אויך געצוווּנגען צו זינגען, אַז פוילן וועט שוין מער נישט עקזיסטירן. מיר האָבן געדאַרפט זינגען ליגנדיק, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָדער זיצנדיק, מיט די הענט אויפן קאַרק.

כמעט יעדן טאָג האָט ער דורכגעפירט רעוויזיעס, צעוואַרפנדיק אונדזערע זאַכן, מאַטראַצן אדג״ל.

איך האָב געאַרבעט אין דער קאָמאַנדע קלינקערווערק, ביים פאַרשיטן אַ קאַנאַל. אונדזער קאַפּאָ, פעליקס, האָט געהאַט אַן אָפּצייכן אַלס קאָמוניסט, נאָר ווער ווייסט צי ס׳איז געווען אמת, ווייל ער האָט אונדז געשלאָגן, געקאָפּעט און געמאָרדעט. אַזוי אַרום האָט ער זיך באַליבט ביי די עס.־עס.־לייט. די דייטשע חברים האָבן אים אויסגעשלאָסן פון זייער געזעלשאַפט, נאָר זיי האָבן אים נישט געקענט באַזייטיקן אַלס קאַפּאָ. אין אונדזער קאָמאַנדאָ האָבן געאַרבעט בלויז יידן.

אַ סך מאָל האָבן די עס.־עס.־לייט אַראָפּגעריסן דאָס היטל פון וועלכן אַרעסטאַנט, אַוועקגעפאָרן ווייט און אים געהייסן לויפן עס אויפהייבן. זיי האָבן אים נאָכגעשאָסן און דערהרגעט.

קייזער פלעגט קומען אָפט צו אונדזער אַרבעט בעתן מיטאָג, ווען מיר האָבן באַקומען דאָס ביסל זופּ. ער האָט די זופּ אויסגעגאָסן, האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו עסן. אָפט אין זונטיק, האָט ער געהייסן צונעמען אונדזער עסן, ווייל לויט זיין מיינונג, האָבן מיר נישט גוט געזונגען. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע — מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו זינגען.

פאַקטיש האָט קייזער נישט געהאַט קיין געמיינזאַמס צו אונדזער קאָמאַנדע, דאָך איז ער אָפּט געקומען צו פאָרן אויפן שאָסיי, וואָס האָט געפירט אין לאַגער, געוואַרט אויף אונדזער קאָמאַנדע וועלכע האָט זיך צוריק געקערט פון דער אַרבעט, געשלאָגן און געקאָפּעט, געצוווּנגען אונדז צו לויפן ביזן טויער. אַ מאָל האָט אַפילו דער ראַפּאָרט־פירער גוסטאַוו סערגע (די אַרעסטאַנטן האָבן אים גערופן: דער אייזערנער גוסטאַוו) אויפמערקזאַם געמאַכט קייזערן, אַז ער זאָל נישט יאָגן די אַרבעטער.

נאָכן אַרבעטן כמעט אַ יאָר אין דער קאָמאַנדע קלינקערווערק, האָט מען מיך איבערגעפירט צו אַרבעטן ביים קאָרטשעווען ביימער. די אַרבעט האָב איך באַקומען אַ דאַנק אַ טשעכישן סטודענט, מיינער אַ באַקאַנטער. אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז כ׳וועל דאָ האָבן אַ גרינגערע אַרבעט און וויייניקער באַקומען געשלאָגן. מען האָט מיר געהייסן ברענגען מיין פּאָרציע מאַרגאַרין, וואָס כ׳האָב באַקומען יעדן טאָג און אַוועקגעבן דעם קאַפּאָ און דעם בריגאַדיר — וועל איך זיכער באַקומען אַ לייכטערע אַרבעט. איך האָב די מאַרגאַרין געגעבן — אָבער קיין לייכטע אַרבעט נישט באַקומען. מ׳האָט ווייטער געאַרבעט שווער און באַקומען קלעפּ.

אַ מאָל, בעת דער אַרבעט, האָט דער עס.־עס.־מאַן, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזער גרופּע, צוזאַמען מיט אונדזער קאַפּאָ, אַ קרימינאַליסט מיט אַ גרינעם אָפּצייכן, געהייסן מיך אויסגראָבן אַ גרוב פאַר זיך. אין דעם גרוב האָט מען מיך איינגעגראָבן ביז דער העלפט, אויף עטלעכע שעה. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן געדאַרפט פאַרבייגיין און אויף מיר שפּייען.

נאָך עטלעכע שעה האָט מען מיך אויסגעגראָבן אַ פאַרמאַטערטן און געבראַכט אין לאַגער. ביים טויער האָט מען פאַרשריבן מיין נומער און נאָמען. דאָס איז געווען אַ פרייטיק. שבת האָט מען מיך נישט געהייסן גיין צו דער אַרבעט — מען האָט מיר געגעבן איין טאָג רו.

זונטיק נאָכמיטאָג איז קייזער געקומען אין אונדזער בלאָק, געהייסן מיך אָנטאָן און אַוועקגעפירט צום הויפּט טויער, אין שטוב פון די עס־עס. מען האָט מיר געוויזן אונדזער גרופּן־פירער, אַ יונגן, דייטשן קאָמוניסט מיט אַן אויסגעקרומטע האַנט, און דעם בריגאַדיר, אַ קרימינאַליסט. מען האָט מיך געפרעגט, ווער עס האָט מיך געשלאָגן און געהייסן איינגראָבן אין דער ערד. איך האָב געוויזן אויפן בריגאַדיר. קייזער האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ און פאַראָרדנט אים איבערפירן אין ס. ק. („שטראָף־סעקטאָר״). דעם גרופּן־פירער, דעם קאָמוניסט,

האָט מען אויך געשלאָגן, ווייל ער האָט מיך נישט פאַרטיידיקט. שפּעטער האָב איך אים געזען אין ס. ק. מיר האָט קייזער געהייסן געבן אַ ברויט און אָפּפירן צוריק אין באַראַק.

די אַרעסטאַנטן פון מיין באַראַק זענען געווען דערשטוינט, ווען איך בין צוריק לעבעדיק. זיי זענען געווען זיכער, אַז מען וועט מיך ליקווידירן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען אַן אַקציע צו קאָמפּראָמיטירן די קאָמוניסטן. קייזער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז מיך, אַ ייד, האָט ער פאַרטיידיקט, און די שולדיקע, קאָמוניסטן געשיקט אין שטראָף־סעקטאָר. דער רוצח קייזער איז אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אַריינגעפאַלן אין אונדזער באַראַק און אַליין דערמאָרדעט עטלעכע יידן.

שפּעטער האָט מען מיך איבערגעפירט אויף אַן אַנדערע אַרבעט — אין אַ מויערער־שול. מיר האָבן געבויט אַ גרויסע קרעמאַטאָריע. די חברים דאָ זענען זיך מיט מיר גוט באַגאַנגען, געהאָלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט.

דעם 27טן מאַי 1942, נאָך היידריכס טויט, האָט קייזער אַרויסגעטריבן אַלע אַרעסטאַנטן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. ער מיט אַ געוויסן שובערט, האָבן דורכגעפירט אַ סעלעקציע — און 35% יידן זענען איבערגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן. קייזער האָט מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס אונדז געשלאָגן איבער די קעפּ. משה גראָסמאַן האָט ער דערמאָרדעט, שלאָגנדיק אים אין בויך און אין פּנים.

צומאָרגנס בין איך געווען באַשעפטיקט ביים איבערטראָגן די פאַרגאַזטע קרבנות פון דער קרעמאַטאָריע. צווישן זיי האָב איך דערקענט פיל באַקאַנטע, וועלכע זענען פון אונדז גענומען געוואָרן בעת דער סעלעקציע.

קייזער האָט אויסגעזען ווי אַ באָקסער און גערן באַוויזן זיין „גבורה" מיט קלעפּ צו דערמאָרדן אַרעסטאַנטן. אויף אַזאַ אופן האָט ער דערמאָרדעט אַ ייד, וועלכן ער האָט געקענט נאָך פון דער פריי, זיינעם אַ שול־חבר.

נאָוועמבער 1942, נאָכן אונטערזוכן מיך אין רעוויר, האָב איך פון דאָקטאָר באַקומען אַ דריי־טאָגיקע באַפרייונג און געבליבן אין באַראַק. נישט געקוקט דערויף, האָט דער בלאָק־עלטסטער מיך געשיקט טראָגן די טויטע פון דער שטראָף־קאָמפּאַניע אין קרעמאַטאָריע. דאָרט האָט געאַרבעט דער קאַפּאָ בעם, אַ געוועזענער קאָמוניסט. ער האָט אונדז געשלאָגן אָן רחמנות. ווען די באַראַק־עלטסטע האריעק און ווערנער האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן זיי אים איזאָלירט פון אַלגעמיינעם טיש ווו מען האָט געגעסן און אים פאַרבאָטן

צו זיין צווישן חברים. ער איז פון 1933 געווען אַ חבר אין דער דייטשער קאָמ.־פּאַרטיי, נאָר אין לאַגער איז ער געוואָרן אַ בעסטיע כלפּי חברים. שפּעטער האָט מען אים ליקווידירט.

איך האָב אין שטראָף־לאַגער געזען עטלעכע הונדערט רוסישע קריגס־געפאַנגענע. קייזער האָט צוגענומען זייער עסן, באַפוילן אַרויסגעבן זיי געזאַלצענע הערינג און קאַרטאָפל — און נישט דערלויבט טרונקען וואַסער. אויסגעהונגערטע, דורשטיקע — זענען זיי אומגעקומען.

אין דער שטראָף־קאָמאַנדע איז געווען אַ גרופּע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָט אויסגעפּרוּווט שיך צום מאַרש. קייזער האָט מיט זיי געמאַכט די שווערסטע גימנאַסטישע איבונגען — שפּרונגען ווי אַ זשאַבע, לויפן, פאַלן און אויפשטיין. דאַביי האָט ער געקאָפּעט און געשלאָגן אָן רחמנות. נאָך אַזעלכע איבונגען, האָבן מיר טעגלעך אַרויסגעטראָגן 30—20 טויטע אין קרעמאַטאָריע.

דעם 22טן אָקטאָבער 1942, האָט מען די בלאָק־עלטסטע אַרויסגערופן אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג. מען האָט זיי באַפוילן נישט שיקן יידן צו דער אַרבעט, ווייל זיי וועלן אַרויסגעפירט ווערן קיין לובלין, אין אַ ספּעציעלער יידישער קאָלאָניע. די לאַגער־אָנפירונג האָט באַמערקט, אַז אַ טייל יידן פון אונדזערע בלאָקן שטייען אין קאָנטאַקט מיט די דייטשע קאָמוניסטישע אַרעסטאַנטן. מיר האָבן געהאַט דאָפּלטע לעדערנע קורטקעס און שיך. קייזער און שובערט זענען אַריין צו אונדז אין באַראַק, געמאַכט אַ רעוויזיע, געשלאָגן ביז בלוט און די זאַכן צוגענומען. דערנאָך אונדז געפירט אין באָד און געהייסן אויסטאָן זיך נאַקעט. אַלע אונדזערע זאַכן האָט מען צוגענומען און געגעבן אָפּגענוצטע „פּאסיאקעס”, וואָס זענען זיך שוין צעפאַלן. דערנאָך האָבן זיי עטלעכע אַרעסטאַנטן דערמאָרדעט, אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און געפירט צום הויפּט־טויער. אַלע אַרעסטאַנטן האָט מען צונויפגערופן אויף אַן אַפּעל — און פאַר זייערע אויגן אונדז געשלאָגן און געקאָפּעט. דאָס איז געווען אַ „מתנה אויפן וועג”.

געזאָגט האָבן זיי, אַז מען פירט אונדז קיין לובלין, אָבער געפירט האָט מען אונדז קיין אוישוויץ. לויט הימלערס באַפעל, האָט מען געדאַרפט אָפּרייניקן דעם דייטשן רייך פון יידן.

מען האָט אונדז געפירט אין פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען, אָן לופט, געפּאַקט ווי הערינג. מיר האָבן באַקומען אַ ברויט אויף 4 פּערזאָן מיט אַ ביסל מאַרגאַרין.

מען האָט אַוועקגעשטעלט אַן עמער מיט קאַווע, ס'איז אָבער נישט געווען קיין כלי מיט וואָס צו טרינקען.

2

קיין אוישוויץ זענען מיר אָנגעקומען אין אָקטאָבער 1942. איך האָב באַקומען דעם נומער 79198. נאָכן זיין אין קאַראַנטין 2 וואָכן, האָט מען מיך איבערגעפירט אין אַ בוי־קאָמאַנדע. דאָרט איז געווען קאַפּאָ אָטאָ פון זאַקסענהאוזען, מיט אַ שוואַרצן ווינקל — אַן „אַנטי־סאָציאַלער". ער האָט פיינט געהאַט אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, געצווינגען אויסצופירן אַלע אַרבעטן לויפנדיק, טראָגן ציגל צו 10 שטיק, פירן טאַטשקעס לויפנדיק — אַלץ האָט געדאַרפט געטאָן ווערן לויפנדיק. ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום אונדז מיט אַ בייטש — אַן אמתער אָנטרייבער. יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, האָבן מיר צוזאַמענגענומען עטלעכע טויטע חברים. מיר האָבן זיי געברענגט אין באַראַק אויף די פּלייצעס, כדי די צאָל אַרעסטאַנטן זאָל שטימען.

אַ גרופּע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ האָט זיך דערוווסט, אַז אינעם טראַנספּאָרט פון זאַקסענהאוזען געפונען זיך יידישע קאָמוניסטן. זיי האָבן זיך מיט אונדז קאָנטאַקטירט, און אַ דאַנק זיי בין איך נאָך אַ צייט באַשטימט געוואָרן אַלס „שטובאָווע". מיין אויפגאַבע איז געווען ברענגען עסן פון דער אַלגעמיינער קיך פאַר די אַרעסטאַנטן, צעטיילן די זופּ, ברויט, אַכטונג געבן די אַרעסטאַנטן זאָלן זיך נישט שלאָגן וועגן עסן. פאַר די, וועלכע האָבן געאַרבעט שווער, האָב איך געמוזט אָרגאַניזירן מער זופּ. אונדזערע חברים אין קיך האָבן מיר אַרויסגעגעבן מער עסן. פון דער דיעטישער קיך, האָבן מיר אָרגאַניזירט עסן פאַר די קראַנקע. מיר האָבן נישט געקענט אויסגעבן די קראַנקע אין בלאָק, ווייל מען וואָלט זיי גענומען אויף אַ סעלעקציע און דערנאָך אין די גאַז־קאַמערן. די קראַנקע זענען לרוב געווען יידן. מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט מעדיקאַמענטן פאַר די קראַנקע. אַלס „שטובאָווע", האָב איך געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון די אַרעסטאַנטן.

מיר איז שווער געווען אויסצופירן די דאָזיקע פונקציע, ווייל יידן זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו אַזאַ אַרבעט. דער בלאָק־עלטסטער, אַ קרימינאַליסט, האָט זיך געוווּנדערט, וואָס זייענדיק אַזאַ קורצע צייט אין אוישוויץ, בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס „שטובאָווע". ערשט שפּעטער האָט ער באַמערקט, ווי עס זענען צו מיר געקומען חברים און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מן־הסתמא בין

איך אַ קאָמוניסט. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן פיל בעסער באַציִען זיך צו מיר.

יעדן טאָג אין דער פרי, ווען די אַרעסטאַנטן זענען אַרויס צו דער אַרבעט, האָט אַן אָרקעסטער געשפּילט ביים טויער. פון דרויסן האָבן געוואַרט עס.־עס.־לייט מיט הינט, זיי האָבן געשלאָגן, געקאָפּעט און אָנגערייצט די הינט אויף די אַרעסטאַנטן. מיר, „שטובאָווע", האָבן געמאַכט אָרדענונג אין די באַראַקן, בעת זיי זענען געווען אויף דער אַרבעט.

אונדזערע פענצטער זענען אַרויס אויף דער הויפּט־גאַס. מיר האָבן יעדן טאָג געזען ווי פּאַליטש און גראַבנער זענען מיט די ביקסן אויף די פּלייצעס געגאַנגען אין 11טן בלאָק צו זייער אַרבעט — דערשיסן אַרעסטאַנטן.

אַמאָל, בעתן אָונט־אַפּעל, האָט מען אַרויסגערופן פון מיין באַראַק בערך 40% אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג (דער רוב פון זיי – פּוילישע אָפיצירן). דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין 11־טן בלאָק און דאָרט האָבן זיי פּאַליטש און גראַבנער דערשאָסן. (מיר האָט וועגן דעם דערציילט יעקב קאָזעלטשוק, אַ ייד, אַ פאַר־מלחמהדיקער ספּאָרט־אינסטרוקטאָר, געקעמפט מיט שמערלינגען אין דייטשלאַנד. ער האָט געאַרבעט אין 11טן בלאָק ביים אַרויסטראָגן די טויטע און ביי אַנדערע שווערע אַרבעטן. ער האָט מיר אָפט איבערגעגעבן וואָס עס קומט פאָר אין 11טן בלאָק).

כמעט אַ גאַנץ יאָר האָב איך געאַרבעט אַלס שטובאָווע אין 6טן בלאָק. שפּעטער, אויף דער פאָדערונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט מען מיך איבערגעפירט צום דעזינפעקצירן. איך האָב געאַרבעט אַנטקעגן עלפטן בלאָק. מיין אויפגאַבע איז געווען צו „אָרגאַניזירן" וועש און עסנוואַרג פאַרן 10טן בלאָק, ווו עס זענען צווישן אַנדערע, געווען די מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין 10טן בלאָק האָט קיינער נישט געהאַט קיין דערלויבעניש אַריינצוגיין, אַ חוץ די פון דער דעזינפעקציע, כדי צו נעמען די קאָצן און וועש צום דעזינפעקצירן. מיר האָבן געמעגט אַריינגיין נאָר אין קאָרידאָר, נעמען אָדער אָפּגעבן די דעזינפעקצירטע זאַכן דער „שטובאָווע", אַ יידיש מיידל פון טשעכן. אַזוי האָב איך געקענט עפּעס געוואָר ווערן, וואָסערע עקספּערימענטן מען פירט אַדורך און איבער וועמען.

דער רוב זענען דאָרט געווען יידישע פרויען פון פאַרשידענע לענדער: גריכנלאַנד, אונגאַרן, פראַנקרייך, בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיי. אין קאָרידאָר — אַ שרעקלעך געשטאַנק. אויף די אויסגעדאַרטע, בלאַסע פּנימער, האָט מען געזען

אַן אויסדרוק פון פחד — יעדער אַרעסטאַנטין האָט געוואַרט אויף איר ריי פון די עקספּערימענטן, ווייל נאָר אויף דעם האָט מען זיי געהאַלטן.

אין דעם בלאָק זענען די טירן געווען אַ גאַנצן טאָג געשלאָסן, די פענצטער פאַרקראַטעוועט און פאַרהאַקט מיט ברעטער. די פענצטער פון איין זייט זענען אַרויס צום 11טן בלאָק — דעם טויטן בלאָק, און די צווייטע — צום 9טן בלאָק. נישט די אַרעסטאַנטן פון דאָרט האָבן געדאַרפט וויסן וואָס עס טוט זיך אין טויטן בלאָק, און די אַנדערע האָבן נישט געדאַרפט וויסן וואָס עס טוט זיך אין עקספּערימענטן־בלאָק.

איך האָב אָפט געזען די דאָקטוירים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין 10טן בלאָק: פּראָפ. שומאַן, ד"ר ווירטע, פּראָפ. קלאָובערג, ד"ר דערינג, ד"ר מענגעלע. ד"ר דערינג, אַ פּאָליאַק פון וואַרשע, האָט אַזוי אַקטיוו זיך אויסגעצייכנט ביי די עקספּערימענטן, אַז ער האָט דערפאַר אַוואַנסירט אַלס דאָקטאָר אין דער דייטשער אַרמיי — אַזוי גרויס איז צו אים געווען דער צוטרוי פון דער עס.־עס.

דאָס אַריינגיין אין צענטן בלאָק האָבן אונדז דערמעגלעכט עס.־עס. פרויען צוליב דער דאַמען־וועש, וואָס מיר האָבן זיי געברענגט פון די טראַנספּאָרטן, לרוב יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ.

אונדזער אַרבעט אין דער דעזינפעקציע איז געווען זייער אַ שווערע, אָבער מיר האָבן געהאַט אַ גוטן אָבסערוואַציע־פּונקט. מיר האָבן געוווּסט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין עלפטן בלאָק. טאָג־טעגלעך האָבן מיר געזען אויספירן עקזעקוציעס ביי דער טויטן־וואַנט. מיר האָבן טיילמאָל אויך געדאַרפט אַוועקנעמען די „פּאַסיאַקעס", אָדער ציווילע קליידער פון די דערשאָסענע. די בעסערע קליידער, זענען לויט דער פאַראָרדענונג פון קאָמענדאַנט העס, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

אין 1944 האָב איך געזען ווי קאַדוק, לאַכמאַן און באָגער, האָבן אַרויסגעפירט אַ גרופּע יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנער, מענער און פרויען, אויף לאַסט־אויטאָס. די יוגאָסלאַוון האָבן געוווּסט ווו מען פירט זיי. זיי האָבן געשריגן „זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד", „זאָל לעבן יוגאָסלאַוויע", „זאָל לעבן דער קאָמוניזם". די עס.־עס.־לייט האָבן זיי שרעקלעך געשלאָגן — און אַוועקגעפירט אין קרעמאַטאָריע.

אונדזער גרופּע האָט געהאַט אַ דערלויבעניש זיך פריי צו באַוועגן איבערן גאַנצן לאַגער, אַפילו ביינאַכט. איינמאָל ביינאַכט, האַרבסט 1943, האָבן מיר געזען ווי מען האָט אַרויסגעפירט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן אין איטאַליענישע

מונדירן. געפירט האָט מען זיי אויף לאַסט־מאַשינען, אויסערן לאַגער. נאָך אייניקע שעה האָט מען געבראַכט זייערע מונדירן צום דעזינפעקצירן. אָפּנעמען די מונדירן זענען געקומען יאַקוב פון עלפטן בלאָק, צוזאַמען מיט קאַדוקן.

אין יולי אָדער אויגוסט 1944, האָט מיך פאַרהאַלטן דער א. ג. „גרויסער מאַגיק" פון סטעריליזירן — פּראָפ. שומאַן, אַ לייטענאַנט פון לופט־פלאָט. אין גרעסטן טייל האָט ער אויסגעפירט די קאַסטראַציעס פון יונגע מענער־יידן. ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין 21טן בלאָק, געהייסן מיך פאַררעגיסטרירן. צו מיין גליק האָט ער נישט פאַרשריבן מיין לאַגער־נומער — אַזוי אַרום האָב איך אויסגעמיטן די קאַסטראַציע. דעם אַנדערן טאָג איז ער געקומען מיך זוכן אין דער דעזינפעקציע, דאָרט נישט געטראָפן און גענומען אַן אַנדערן אויף מיין אָרט.

איך האָב וועגן דעם צוגעוויסן געגעבן דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיר געהאָלפן איבערגיין אויף אַן אַנדערע אַרבעט — אין רייסקאָ, ביי גערטנעריי.

צו דער אַרבעט האָבן מיר מאַרשירט אַ 4 קילאָמעטער. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אויף דער פרישער לופט. געאַרבעט שווער, פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט נישט דערלויבט צו עסן. פאַר נעמען דריי פּאָמידאָרן, האָב איך באַקומען 25 שמיץ פון קאַפּאָ, לויט דער פאַראָרדענונג פון עס.־עס.־מאַן. נישט געקוקט אויף די קלעפּ און שטרענגע השגחה, איז דאָך נישט איינמאָל אונדז געלונגען צו ברענגען אַ ציבעלע אָדער אַ קנאָבל פאַר חברים.

די עס.־עס. האָבן אונדז שטאַרק געהיטן מיר זאָלן זיך נישט קאָנטאַקטירן מיט אַרעסטאַנטין־פרויען, נישט איבערגעבן קיין נייעס און ידיעות. אין די בריגאַדעס אין רייסקאָ זענען געווען באַשעפטיקט פּוילישע אינטעליגענץ, פרויען — ביי שווערע אַרבעט, ווי גראָבן קאַרטאָפל, בורעקעס, מייערן. אַ טייל האָבן געאַרבעט אין די לאַבאָראַטאָריעס.

עס האָבן דאָרט אויך געאַרבעט פרויען פון פראַנקרייך, רוסלאַנד. זייערע קאַפּאָס זענען געווען דייטשקעס מיט שוואַרצע אָדער גרינע דרייעקס — פּראָסטיטוטקעס, אָדער גנבטעס פון דער פריי.

די אַרעסטאַנטינס האָבן געטראָגן פּאַסיאַקעס, — צעריסענע שמאַטעס. אַ סך האָבן בכלל נישט געהאַט קיין העמדער. מיר, מענער, האָבן זיך באַמיט זיי צו העלפן, צוגעוואָרפן אַ ביסל עסן, קליידער, אָדער מעדיקאַמענטן. ווען די קאַפּאָס האָבן אויף זיי באַמערקט עפּעס נייעס, האָבן זיי צוגענומען און די

אַרעסטאַנטין איבערגעגעבן צו די עס.־עסקעס. זיי זענען געווען גרויזאַמע סאַדיסטינס, שרעקלעך זיך נוקם געווען אין די אומגליקלעכע פרויען.

אַ געוויסן טאָג זענען געקומען: דער עס.־עס.־מאַן ד״ר ענטרעס און דער קאָמענדאַנט פון פרויען־לאַגער מאַריאַ מאַנדל, געמאַכט אַ סעלעקציע צווישן די פרויען אין רייסקאָ, 50% פון זיי אַוועקגעפירט אין קרעמאַטאָריע.

אין סעפטעמבער 1943 איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט יידן פון האָלאַנד, סאָסנאָוויץ און פון ביאַליסטאָקער געטאָ. בעת דער סעלעקציע איז געווען דער עס.־עס.־מאַן שילינגער. אין טראַנספּאָרט איז געווען אַ יידישע פרוי פון פוילן, אַ געוועזענע אַרטיסטין פון וואַרשע. בעת דער סעלעקציע האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אַלע גייען אויף אומקום. זי האָט מיט אימפּעט אַרויסגעריסן ביים עס.־עס.־מאַן דעם רעוואָלווער, געשאָסן און אים שווער פאַרווונדעט און אַ צווייטן דערשאָסן. אויס נקמה האָבן די דייטשן דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט און דריי שפּעטערדיקע געשיקט אין די גאַז־קאַמערן אָן אַ סעלעקציע.

מיר, יידישע אַרעסטאַנטן, האָבן געהאַט אַ סאַטיספאַקציע דערפון וואָס אַ יידישע פרוי האָט זיך דעצידירט אויף אַזאַ העלדישן טאַט.

דעם 7טן סעפטעמבער 1944, האָט די זאָנדער־קאָמאַנדע באַשלאָסן צו קעמפן. דאָר׳ט האָבן געאַרבעט בלויז יידן ביים אויסרייניקן די גאַז־קאַמערן און פאַר־ברענען די טויטע. נאָך 2 חדשים, האָט מען זיי גופא געשיקט אין די גאַז־קאַמערן און אויף זייער אָרט איז געקומען אַן אַנדערע בריגאַדע.

די בריגאַדע האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז אין קורצן וועט מען זיי ליקווידירן. דערווייל האָט אַ דייטשער קרימינאַליסט געדראָט דעם עלטסטן פון דער בריגאַדע, אַז ער וועט דערציילן וועגן באַפאָרשטייענדיקן בונט. מען האָט אים באַלד דערמאָרדעט, אַרויסגענומען דאָס באַהאַלטענע געווער און אַטאַקירט די עס.־עס.־לייט ביי דער קרעמאַטאָריע. נאָכן אונטערצינדן און באַוואַרפן די 4טע קרעמאַטאָריע מיט היימיש אויסגעאַרבעטע גראַנאַטן, האָט אַ טייל פון דער קאָמאַנדע זיך אַדורכגעריסן און אַוועק אין שכנותדיקן וועלדל.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך צעבונטעוועט די אַרעסטאַנטן פון דער 2טער קרעמאַטאָריע. זיי זענען באַפאַלן דעם אויבערקאַפּאָ, אַ דייטשער קרימינאַליסט און לעבעדיקערהייט אים אַריינגעוואָרפן אין אויוון. איין עס.־עס.־מאַן האָבן זיי אַנטוואָפנט און אויך אַריינגעפּאַקט אין אויוון, אַ צווייטן דערהרגעט, איבער־געשניטן די דראָטן און אַנטלאָפן.

אין דער קרעמאַטאָריע נומ׳ 5 האָט דער בונט זיך נישט איינגעגעבן. דער

עס.־עס. גאַרניזאָן האָט אַרומגערינגלט דעם שטח, געעפנט אַ שטאַרק פייער פון מאַשין־געווער און שנעל דערשטיקט די מרידה.

די עס.־עס. האָבן זיך געלאָזט אין אַ געיעג נאָך די אַנטלויפנדע און זיי פאַרשטעלט דעם וועג קיין ראַיסקאָ. זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין אַ סטאָדאָלע און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. די עס.־עס. האָבן אונטערגעצונדן די סטאָדאָלע און אויסגעמאָרדעט אַלעמען. אין קאַמף זענען געפאַלן בערך 250 מאַן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע, צווישן זיי — די אָנפירער פ:ן אויפשטאַנד.

אַ לופט־אַלאַרם האָט געשטערט די עס.־עס.־לייט ווייטער צו פאַרפאָלגן די אַנטלויפנדע.

אין אָוונט האָט מען צו:אַמענגעפירט אַלע הרוגים אויפן שטח פון דער 4ער קרעמאַטאָריע. מען האָט אויך צונויפגעקליבן די איבעריקע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע. אַ 200 געבליבענע פון דער קאָמאַנדע, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין בונט, זענען דערשאָסן געוואָרן. דערנאָך האָט דער פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט געהאַלטן אַ רעדע און געדראָט, אַז אויב עס וועט זיך איבערחזרן אַזאַ פאַל, וועט ער אויסשיסן אַלע אַרעסטאַנטן אין לאַגער.

פון די עס.־עס. זענען געפאַלן: דער אונטערשאַרפירער עלרער און צוויי אַנדערע.

ווען דער בונט איז אויסגעבראָכן, האָט מיין בריגאַדע געאַרבעט אין ראַיסקאָ. צו אונדז זענען געקומען דער שעף פון דער פאָליטישער אָפטיילונג באָגער און אַנדערע עס.־עס.־לייט, פון כעס גענומען שיסן צו די שוצלאָזע אַרעסטאַנטן. דער עס.־עס.מאַן פון אונדזער בריגאַדע האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳איז געשען און אונדז אַריינגעטריבן אין אַ שאָפע. באָגער, קאַדוק און די אַנדערע עס.־עס.־לייט, האָבן אונדז אַרויסגעשלעפּט, ספּעציעל די יידן, און אַזוי שרעקלעך געשלאָגן, אַז אייניקע חברים האָבן מיר באַוווסטלאָזע צוריק געברענגט אין צענטראַלן לאַגער אין אוישוויץ. מער פון אַלע האָבן באַקומען געשלאָגן די חברים פון דער „אוניאָן־ווערקע״, ווייל אַ טייל פון זיי זענען געווען באַשעפטיקט אין דער געווער־פאַבריק, פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגעגנבעט אויפרייס־מאַטעריאַל פאַר דער זאָנדער־קאָמאַנדע.

די אוניאָן־בריגאַדע איז געווען אין 4טן בלאָק. זייער קאַפּאָ, אַ יוגאָסלאַווישער ייד, האָט די אונטערגרונט־באַוועגונג אין בוכנוואַלד פאַרמשפט אין יאָר 1945 צום טויט. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן,

יאַנקל האַנדלסמאַן פון ראַדאָם, געברענגט אין לאַגער פון פאַריז, מ״ינער אַ קוזין.

אין אָוונט האָט מען אין פרויען־לאַגער אין אוישוויץ אויפגעהאָנגען 4 יידישע אַרעסטאַנטקעס פאַר העלפן אַרויסבאַקומען אויפרייס־מאַטעריאַל פון מאַגאַזין פון די „וניאָן־ווערקע״. די עקזעקוציע האָט מען אויסגעפירט אין צוויי טיילן. צוויי האָט מען געהאָנגען אין אָוונט, אין דער אָנוועזנהייט פון די אַרבעטער פון „וניאָן־ווערקע״, וועלכע זענען געווען נאָך דער אַרבעט אין לאַגער, און די צוויי אַנדערע — נאָכן צוריקקומען פון די אַרבעטער פון דער טאָג־שיכטע. צווישן די געהאָנגענע זענען געווען: גאַרטנער עלא, ראָבאָטאַ רוזשע, טאָשקע און רעגינאַ — זייערע פאַמיליע נעמען ווייס איך נישט.

במשך עטלעכע וואָכן האָט מען אונדז אַלע פון דער קאָמאַנדע שטאַרק געפּייניקט, געשלאָגן, געקאָפּעט — ספּעציעל די יידן, מיט דער טענה, אַז די יידן האָבן אָרגאַניזירט דעם בונט אין דער זאָנדער־קאָמאַנדע.

אויפן צווייטן טאָג נאָכן אויסברוך פון בונט אין דער זאָנדער־קאָמאַנדע, האָבן די עס.־עס.־לייט אין ראַיסקי אַזוי מיך צעשלאָגן, אַז די חברים האָבן מיך צוריק געטראָגן אין לאַגער. צו מאָרגנס בין איך נישט געווען בכוח צו גיין צו דער אַרבעט, געמוזט בלייבן אין בלאָק. האָט מען מיר געזאָגט, אַז די צעשלאָגענע נעמט מען ביים טויער צו אַ סעלעקציע און פון דאָרט צו דער קרעמאַטאָריע. ליידער, האָט מען דעם טאָג צוזאַמענגענומען אַלע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין לאַגער, און די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעלע אַרבעט, האָט מען צוגעטיילט צו אַ שטראָף־בריגאַדע, אָדער געגעבן צו 30 שמיץ. מיך האָט אַדאַם קורילאָוויטש, אַ פלעגער־סאַניטאַר, באַהאַלטן אין אַ קעלער, ווו מען האָט געהאַלטן די טויטע במשך דעם ערשטן טאָג ביזן אָפּשיקן אין קרעמאַטאָריע. דאָרט, צווישן די טויטע, בין איך געלעגן אַ גאַנצן טאָג. דאָס איז געווען דאָס זיכערסטע אָרט, ווו די עס.־עס.־לייט האָבן מיך נישט געקענט געפונען. אין אָוונט, ווען די קאָמאַנדאָס זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, בין איך אַרויס פון קעלער. נאָך צוויי טעג בין איך צוריק צו מיין אַרבעט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט העס און זיינע העלפער האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אַרעסטאַנטן פון די פאַרשידענע קאָמאַנדעס, זאָלן צונויפגעזאַמלט ווערן אין לאַגער. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די אַנדערע קאָמאַנדעס זאָלן זיך נישט פאַראייניקן מיט די בונטאָווטששיקעס פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע. נישט געקוקט

וואָס דער אויפשטאַנד האָט זיך נישט איינגעגעבן און די פיל קרבנות, וואָס זענען געפאַלן, האָבן מיר, ייזן, געהאַט אַ גרויסע סאַטיספאַקציע, אַז גראָד אונדזערע האָבן געהאַט מוט און געוואַגטקייט צו אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד.

גליקלעך האָט זיך געענדיקט דאָס אַנטלויפן פון די קאָמוניסטן שמעון זיידאָרף־וואָניאַרקע און יוסף מייזל, ביידע יידן, מיטגלידער פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע. ער איז אינטערנירט געוואָרן אין באָרדאָ, פראַנקרייך, נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן. פון דאָרט האָט מען אים איבער־געשיקט קיין אוישוויץ. ביידע זענען אַנטלאָפן דעם 22טן יולי 1944, אַרויסבאַ־קומענדיק זיך פון אַ באַהעלטעניש, ספּעציעל געמאַכט לעבן דער קיך פון די עס.־עס. זיי זענען אַוועק קיין קראָקע, דאָרט זיך באַהאַלטן ביז דער באַפרייונג.

דעם 27טן אָקטאָבער 1944 האָבן פינף אַרעסטאַנטן געפּרוּווט אַנטלויפן. אַ שאָפער, אַן עס.־עס.־מאַן, וועלכער האָט געפירט וועש קיין ביעלסק, האָט זיי געדאַרפט אַרויספירן אין אַן אויטאָ, געלאָדנט מיט וועש. ער האָט זיי געדאַרפט אַרויספירן אויף אַ באַשטימט אָרט, וווּ אויף זיי האָט געוואַרט אַ מיטגליד פון דער אונטערגרונט, קאָסטעק יאַגעלאָ. דער שאָפער האָט זיי פאַראַטן — און געפירט אין דער פאָליט־אָפּטיילונג צו גראַבנערן. צוויי אַרעסטאַנטן האָבן זיך אָפּגעסמט אויפן אָרט. די רעשט האָט מען פאַרמאַכט אין בונקער פון 11טן בלאָק, דעם טויטן־בלאָק.

אין גאַנצן לאַגער אין אוישוויץ איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. די עס.־עס. האָבן געשלאָגן, געקאָפּעט, און ווידער האָבן ספּעציעל געליטן יידן. מען האָט אָנגעהויבן אַ מאַסן־סעלעקציע אין די שפּיטעלער. דעם 30סטן דעצעמבער 1944 האָט מען אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע אַרעסטאַנטן אויפגעהאָנגען די פינף. דאָס איז געווען די לעצטע עקזעקוציע אין אוישוויצער לאַגער. מיר זענען געווען זייער דערשי־טערט — און ביז היינט ליגט עס מיר גוט אין זכרון. ביי יעדע עקזעקוציע האָבן די אַרעסטאַנטן געמוזט אַדורכמאַרשירן נעבן די געהאָנגענע. אַזוי איז געווען איינגעפירט אין לאַגער. דאָ אָבער האָבן מיר געמוזט שטיין אַזוי לאַנג, ביז מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט אין קרעמאַטאָריע, דערנאָך האָבן מיר אַוועק־מאַרשירט צו אונדזער שווערער אַרבעט. אַזוי האָט עס געדויערט ביזן 17טן יאַנואַר 1945.

✶

יעדער אַרעסטאַנט האָט באַקומען עסן דריי מאָל אין טאָג. אין דער פרי האָט מען געגעבן אַ האַלבע ליטער שוואַרצע קאַווע, מיט בערך אַ 5 גראַם צוקער.

זופּ האָט מען געגעבן מיטאָג־צייט. די ערשטע צייט — הייס, אָבער שפּעטער האָט מען צו מיטאָג אַריינגעגאָסן די זופּ אין די טעלערס, ווו זי איז געשטאַנען ביז אָונט, אַזוי אַז מען האָט זי געגעסן קאַלטערהייט. די זופּ איז לרוב געווען מיט קאַרטאָפל, ברוקעוו אָדער קרויט, מיט אַ קליין שטיקל פלייש אָדער פעטס. אָפט האָט מען די זופּ געקאָכט פון אָפּפאַל. אַזוי ווי דער אָפּפאַל איז נישט געווען ריין, האָט מען געפונען אין זופּ קנעפּלעך, שטיקלעך פּאַפּיר אאַז״וו. דאָס נאַכט־עסן איז געווען אַ האַלבער ליטער קאַווע, אַ שטיקל ברויט פון 350—300 גראַם און וווּרשט (בערך 20 גר.), מאַרגאַרין אַ 30 גראַם, מאַרמעלאַד איין לעפל, אָדער 30 גראַם קעז. דאָס האָט מען יעדן טאָג געטוישט. פונעם נישט דערעסן, איז אַנטשטאַנען אַ הונגער־קראַנקייט, און נאָכן אויסנוצן די רעזערוון פון קערפּער — האָט עס דערפירט צום טויט. אַן אויסגעהונגערטער אַרעסטאַנט האָט אין זשאַרגאָן־לשון פון לאַגער געהייסן אַ „מוסלמאַן״: דער אויסזען פון אַ סקעלעט, דער קוק אַ טעמפּער, אַפּאַטיש. אַזאַ אַרעסטאַנט איז געגאַנגען לאַנגזם, ווייל ער האָט נישט געהאַט גענוג כּוח צו טראָגן זיין קערפּער. צוזאַמען מיט דער פיזישער דערשעפּטקייט, איז אויך געווען ביי אים אַ גייסטיקע גלייכגילטיקייט צו אַלץ. דער זכרון איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט נישט געדענקט זיין אייגענעם נאָמען.

די מעגלעכקייט אויסצומיידן אַ הונגער־קראַנקייט איז געווען אָפּהענגיק אין געפינען צוגאָב־שפּייז, אָדער פון באַקומען מער עסן פון געגנבעטע פּראָדוקטן. דער לעצטער אופן פון באַזאָרגן שפּייז, האָט מען אין לאַגער גערופן „אָרגאַניזירן״ (אָבער נישט באַגנבענען אַן אַנדערן אַרעסטאַנט).

די עס.־עס.־לייט האָבן סיסטעמאַטיש געגנבעט די פּראָדוקטן, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר די אַרעסטאַנטן.

3

דעם 17טן יאַנואַר 1945, זענען אַלע אַרעסטאַנטן אַרויס ווי געוויינלעך, אויף דער אַרבעט, באַגלייט מיט מוזיק. דעם 18טן, צוויי אַזייגער פאַרטאָג, האָט מען פּלוצלינג אָנגעצינדן די ליכט און געמאָלדן, אַז 4 אַזייגער אין דער פרי וועלן די ערשטע 3000 מענער פאַרלאָזן דעם לאַגער. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן גיין נישט ווייט — קיין בשעזשינקע, אַ 4 קילאָמעטער צו די קרעמאַטאָריע־אויוונס.

די אַרעסטאַנטן האָבן איבערגענומען דעם מאַגאַזין מיט קליידונג. יאָרן־לאַנג

האָבן מיר געטראָגן שמאַטעס און הילצערנע שיך, אין דער צייט ווען אין מאַגאַזין זענען געווען צענער טויזנטער פּאָר נייע שיך, קליידער און שקאַרפּעטקעס.

נאָכמיטאָג, דעם 18טן יאַנואַר, האָבן די דייטשן אַרויסגעוואָרפן פון דער געביידע פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אַלע דאָקומענטן פון אַרכיוו און זיי אונטערגעצונדן. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן פאַרן 11טן בלאָק, כדי די שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס זאָלן ווערן אָפּגעמעקט.

ס'איז געקומען די נאַכט. פון דערווייטנס דערגייט דער אָפּקלאַנג פון האַרמאַטן־שאָסן. דאָס זענען די רוסן. 7 אַזייגער פאָרמירט זיך אַ לאַנגער קאָנוואָי אַרעסטאַנטן, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע וועכטער. פאַרן אַרויסמאַרש באַקומט יעדער צוויי לעבלעך ברויט און אַ באַנקע קאָנסערוון. ס'איז קאַלט. אויפן וועג טרעפן מיר קאָנוואָיען פון מענער און פרויען פון בזשעזשינקי. זיי ווערן געפירט קיין מערב, אָדער דרום. ס'איז אַ שוידערלעך בילד — אַ וואַנדער־רונג פון אויסגעמאַטערטע שקלאַפן, איבער וועלכע עס הענגט דער טויט.

צו צען אין אַ ריי גייען מיר אין אַ שנעלן מאַרש, אָן אָפּרו. אויב ווער פון די אַרעסטאַנטן קען נישט מיטהאַלטן דעם מאַרש, גייט צו איינער פון די היטער און שיסט אים אַריין אַ קויל אין קאָפּ, אָדער אין קאַרק. אויפן וועג טרעפן מיר ליגן טויטע פונעם פריערדיקן טראַנספּאָרט אַרעסטאַנטן, וועלכער איז געגאַנגען אויף דעם וועג.

אין דער נאַכט פון 18טן אויפן 19טן יאַנואַר 1945, זענען אומגעקומען דריי—פיר הונדערט אַרעסטאַנטן. טייל פון אונדז ציילן די שאָסן, וואָס שניידן איבער די לופט. אויסהאַלטן, אויסהאַלטן פאַר יעדער פּרייז. מיר האָבן פאַרלאָזט אוישוויץ. אויב מיר דאַרפן שטאַרבן — איז שוין בעסער צעריסן ווערן פון וועלף אויפן וועג, איידער צו שטאַרבן אין אויוון. עס טאָגט. נאָך אַ דערשעפּנדיקן מאַרש אַ גאַנצע נאַכט, האָבן מיר אַדורכגעמאַכט 35 קילאָמעטער. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אין אַ קליין דאָרף. מיר זעצן זיך אויפן שניי און עסן.

דעם 19טן יאַנואַר האָבן מיר אויך נישט גערוט. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין אָנשטרענגונג. ווען מען וואָלט אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן דאָ זיין ביזן אָוונט, וואָלט מען געקענט אַ ביסל זיך אָפּרוען. נאָר אונדזערע היטער האָבן אָן אויפהער געמאַטערט. געהייסן אויפשטיין, גיין אַ ביסל און ווידער זיצן. בערך 6 אין אָוונט האָבן מיר אָנגעהויבן מאַרשירן ווייטער — מידע, דערשעפּטע, קוים מיר באַוועגן זיך אין טיפן שניי.

בעתן מאַרש בין איך געווען גלייכגילטיק און מיד, אַפילו ווען כ׳האָב געזען ווי מען שיסט נאָענטע, באַקאַנטע מענטשן. כ׳בין אַליין גרייט געווען אומצוקומען, אַבי רעזיגנירן פון ווייטערדיקן מאַרש. איך האָב פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די דעקע, וואָס כ׳האָב באַקומען פאַרן אַרויסמאַרשירן, אויך אַ טייל פון עסנוואַרג. אַ דאַנק מיינע חברים, האָב איך דאָך מאַרשירט ווייטער. צוויי חברים האָבן זיך געטוישט און מיך אונטערגעהאַלטן — מאָראַליש און פיזיש, אַז כ׳זאָל ווייטער גיין.

עס קומען פאָר שוידערלעכע זאַכן. אַ טייל אַרעסטאַנטן זענען אַזוי צערייצט, אַז זיי וואַרפן זיך איינער אויפן אַנדערן, שלאָגן זיך. עס האָט געטאָגט, ווען אונדזער גרופּע איז אין אַ טרויעריקן צושטאַנד אָנגעקומען מיט די לעצטע כוחות צו אַ באַן־סטאַציע אין אַ קליין שטעטל. מען האָט אונדז אויפגעזעצט אין אָפענע פֿי־וואַגאָנען, 90 אויף איין פּלאַטפאָרמע. די וואַגאָנען זענען געווען באַדעקט מיט אייז. דאָס איז שוין געווען צום בעסערן. מען וועט קענען כאָטש אַ ביסל זיך אָפּרוען. מיר זענען געווען אַזוי צוזאַמענגעקוועטשט, אַז מיר האָבן זיך נישט געקענט רירן. אַזוי האָבן מיר געדאַרפט פאָרן 28 שעה.

דעם 21טן יאַנואַר, זונטיק, זענען מיר אָנגעקומען אויף דער סטאַציע גראָס־ראָזען. מיר זענען אויסגעשטיגן און אַדורך דאָס טויער פון גראָס־ראָזענער לאַגער, נעבן וראָצלאַוו.

דער לאַגער איז אַנטשטאַנען אין 1941. ער ליגט אויף בערגלעך. כדי אַריבערצוגיין פון איין בלאָק צום אַנדערן, מוז מען זיך אַרויפדראַפּען עטלעכע צענדליק מעטער אין דער הייך. די אַרבעט אין לאַגער באַשטייט אין שלעפּן שטיינער.

סוף 1944, זענען אויף דער שנעל אויסגעבויט געוואָרן באַראַקן אויפצונעמען די עוואַקואירטע אַרעסטאַנטן פון די לאַגערן אין מזרח. די באַראַקן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערן לאַגער. די דאָזיקע באַראַקן, טיילווייז אויסגעענדיקט, האָבן געדאַרפט אויפנעמען טויזנטער מענטשן. אָנשטאָט 300, האָט מען אַריינגעפּאַקט 1,200 אין איין באַראַק. ס׳איז נישט געווען קיין וואַסער צום וואַשן, קיין ביסל שטרוי אונטערצולייגן צוקאָפּנס.

פון די קליינע צאָל זאַכן צום אָנטאָן וואָס מיר האָבן געבראַנגט מיט זיך פון אוישוויץ, איז באַלד, אָן בושה, אַלץ צוגערויבט געוואָרן דורך די אָרטיקע אַרעסטאַנטן. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז אַנטשטאַנען אַ חיהשער קאַמף פאַר אַן אָרט ווו איבערצוזיצן. דער גראָס־ראָזענער לאַגער, וואָס איז געווען

באַשטימט פאַר 9000 מענטשן, איז פלוצלינג פול געוואָרן מיט 30,000. דער לאַגער האָט נישט געהאַט פאַר זיי קיין אָרט און קיין עסן.

דאָס עסן האָט מען צעטיילט נישט רעגולער — אָט בייטאָג, אָט ביינאַכט. מען האָט אונדז גערופן אין מיטן נאַכט צו נעמען אַ פּאָרציע זופּ פון ברוקעווס. טיילמאָל האָט מען אויך געגעבן 300 גראַם ברויט. אויסגעהונגערטע, נישט אויסגעשלאָפענע, כאָטש די מענטשן האָבן נישט געאַרבעט — זענען זיי אויסגעגאַנגען. די איינציקע טרייסט איז געווען דאָס, וואָס פון שעה צו שעה איז אַלץ געוואַקסן די דעזאָרגאַניזאַציע און כאַאָס.

די קאָמאַנדאָס אין לאַגער האָבן שוין נישט געאַרבעט. עס זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן פון פאַרשידענע ערטער אין שלעזיע. עס וועט נישט זיין קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַ נייע עוואַקואַציע, כדי אויסליידיקן דעם לאַגער.

דער אויסזען פון דעם באַראַק פאַר קראַנקע איז שרעקלעך. עס פירט מיט אים אָן אַ דייטשער אַרעסטאַנט, אַ האַלב־משוגענער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ כירורג. זיין ראָל באַשטייט אין דעם, וואָס ער גייט אַרום מיט אַ שטעקן אין האַנט און שלאָגט אָן רחמנות די אויסגעדאַרטע, פאַרלייזיקטע קראַנקע. אויף דער ערד ליגן די אומגליקלעכע, נישטאָ קיין אָרט ווו אַדורכצוגיין. אַ טייל בעטן מעדיקאַמענטן, אַ טייל שעלטן, אַנדערע ווילן איבערגעבן זייערע משפּחות, פרויען, קינדער אָדער עלטערן, אַ לעצט וואָרט, אַ גרוס... אָבער ווער וועט זיי העלפן?

דעם 9טן פעברואַר איז אין 37טן בלאָק געקומען ד״ר מענגעלע מיט זיין אַסיסטענט קלערק. מענגעלע רעדט וועגן רעפאָרמען, וועגן „מאָדערניזירן" דעם קראַנקן־באַראַק אין גראָס־ראָזען.

צומאָרגנס פון מענגעלעס באַזוך, האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון לאַגער. דעם 10טן פעברואַר, באַלד אין דער פרי, האָט די עס.־עס. צעוויסן געגעבן די דאָקטוירים און שוועסטער, זיי זאָלן זיך גרייטן אין וועג. נאָך אַ האַלבע שעה, האָט מען אַלע איבערגעפירט אין אַלטן לאַגער — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זעלבע, וואָס דעם 18טן יאַנואַר אין אוישוויץ. די אַרעסטאַנטן שטייען אין רייען — מאַסן מענטשן. איינער נאָכן אַנדערן גייען זיי אַרויף אויף די לאַסט־מאַשינען. יעדער באַקומט אַ ברויט און אַ שטיק ווורשט. מען זעט, אַז די דייטשן האָבן פאַרלוירן דעם קאָפּ, זיי זענען צעטומלט, אַלץ קומט פאָר אין איילעניש.

מיר פאַרלאָזן גראָס־ראָזען. מוזיק שפּילט — נישט געקוקט וואָס מאָרגן וועט אַלץ חרוב ווערן. מיר גייען אין דער ריכטונג פון שטעטל. אויפן וועג ביזן שטעטל, עטלעכע קילאָמעטער, ליגן אַ סך טויטע, מיט צעקלאַפּטע שאַרבנס. אין שטעטל פאַרהאַלטן מיר זיך. ס'איז אַ טונקעלע נאַכט. פּלוצלינג קומט אַ באַפעל צוריקגיין אין לאַגער. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן שוין מער נישט זען דאָס גיהנום. מיר גייען צוריק. די לעצטע נאַכט אין לאַגער איז נישט צו באַשרייבן. אַזוי ענג, אַז אויך זיצן איז נישט מעגלעך.

אין דער פרי, דעם 11טן פעברואַר, ווידער אַ מאַרש. אין דרויסן וואַרטן אויף אונדז אָפענע פּלאַטפאָרמען. מיר ווערן אָנגעלאָדן צו 100 אויף יעדן. דער בילאַנס פון דער נאַכט ווייזט אַ סך טויטע. די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט איז איצט לייכטער, געראַומער, ווייל די טויטע פאַרנעמען מער נישט קיין אָרט, מען קען אויף זיי זיצן.

נאָך דריי טעג פאָרן, אָן עסן און טרינקען, באַשיט מיט שניי, זענען מיר אָנגעקומען קיין בוכענוואַלד. מען האָט אונדז געפירט אין באָד, צוגענומען אונדזערע זאַכן, איבערגעטאָן אין שמאַטעס און אַוועקגעפירט אין געצעלטן, ווייל דער לאַגער איז געווען איבערגעפולט, נישט געווען פאַר אונדז קיין אָרט אין די באַראַקן.

אין די געצעלטן זענען מיר געווען עטלעכע טעג. נישט געטאָרט פון דאָרט אַרויסגיין. אַ דאַנק עטלעכע דייטשע אַרעסטאַנטן, קאָמוניסטן, האָט מען אונדז איבערגעפירט אין קליינעם לאַגער.

אין קליינעם לאַגער בין איך דורכגעגאַנגען אַ צוויי־וואָכיקן קאַראַנטין. דערנאָך האָט מען מיך באַשטימט אַרויסצוגעבן עסן פאַר די נייע געקומענע טראַנספּאָרטן און די אַרעסטאַנטן אין קליינעם לאַגער. בעתן צעטיילן דאָס עסן, האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין חבר פון גניעוואַשאָוו יוסף קירשענבוים. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט, דערמאָנט זיך אונדזער יוגנט. ליידער, ס'איז געווען פאַרבאָטן צו רעדן. דער קאַפּאָ האָט מיך גערופן און געהייסן ווייטער טיילן דאָס ברויט. ס'איז מיר נישט געלונגען אים ראַטעווען, אָדער אים העלפן. ער איז שוין געווען אַ מוסלמאַן, ער האָט מיך דערקענט, געקוקט אויף מיר מיט אַ צעשראָקענעם און טעמפּן בליק, ווי ער וואָלט געזוכט נאָך עפּעס אַ רעטונג. מער האָב איך אים נישט געזען, כאָטש איך האָב יעדן טאָג אַרויסגעגעבן ברויט. מען האָט אים געוויס עוואַקואירט און ער איז אומגעקומען אויפן וועג.

די לעצטע טעג פון לאַגער איז פאַר די אַרעסטאַנטן געווען די ערגסטע תקופה. זיי האָבן געזען ווי די נאַצי־הערשאַפט קומט צו איר סוף, אָבער זיי האָבן אויך געוווסט, אַז אין די לעצטע מינוטן קענען די היטלעריסטן אויסמאָרדן די אַרעסטאַנטן און פאַרברענען דעם לאַגער.

זונטיק דעם 1טן אַפּריל 1945, האָט דער דייטשער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז די אַליאַנטן האָבן פאַרנומען דעם אייזנבאַכער ראַיאָן. נישט געווען מער קיין ספק, אַז פון אייזנבאַך וועלן זיי גיין קיין ווײַמאַר, אַז עס דערנענטערט זיך די מינוט פון באַפרייען דעם לאַגער.

מאָנטיק דעם 2טן אַפּריל, האָבן די עס.־עס.־לייט גערופן 18 אַרעסטאַנטן און מען האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיי איז געשען. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, זענען זיי 3 טעג געווען באַשעפטיקט ביים צענעמען און פאַרניכטן די „שטאַל", ווו די היטלעריסטן האָבן אויסגעמאָטערט טויזנטער רוסישע קריגס־געפאַנגענע. נאָכן ענדיקן זייער אַרבעט, האָט מען זיי צוריק געשיקט אין לאַגער.

נאָך מיטאָג איז געקומען אַ מעלדונג, אַז אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געפאָרן קיין גאָטע ברענגען עסנוואַרג פאַרן לאַגער, איז צוריק געקומען ליידיק. די שטאָט איז שוין געווען פאַרנומען פון אַמעריקאַנער מיליטער. די אַליאַנטן זענען געווען בערך 60 קילאָמעטער פון בוכענוואַלד.

דעם 4טן אַפּריל איז דערהאַלטן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן פון לאַגער זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן אַפּעל־פּלאַץ. דעם באַפעל האָט מען נישט אויסגע־פירט. קיין ספּעציעלע רשימה פון יידן איז נישט געווען און אויך די אָפּטע לופט־אַליאַרמען האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די דייטשן.

צו מאָרגנס האָבן די עס.־עס. ווידער געמאָלדן, אַז אַלע זאָלן זיך שטעלן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. מען האָט געוווסט, אַז מען וויל אַזוי אַרום צונויפקלויבן די יידן צום ליקווידירן. מען האָט זיך טאַקע נישט געשטעלט.

דערנאָך האָבן באַוואָפנטע עס.־עס. גענומען זוכן אין די באַראַקן און פון 8000 יידן האָבן זיי אַנטדעקט 3000. דאָס איז געווען דער ערשטער טראַנס־פּאָרט פון בוכענוואַלד. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אַרויסגעשיקט נאָך 3000 יידן. דערנאָך זענען עוואַקויִרט געוואָרן בערך 10,000 פּאָליאַקן. אין לאַגער זענען נאָך געבליבן איבער 30.000 אַרעסטאַנטן.

איך מיט נאָך אייניקע חברים האָבן זיך באַהאַלטן אונטער דער פּאָדלאָגע פון קינאָ. מיר האָבן געהערט ווי איבער אונדז גייען די עס.־עס. און זוכן די באַהאַלטענע יידן צום אַוועקשיקן. ערשט אין דער פרי האָט מען אונדז צו וויסן

געגעבן, אַז עס זענען געבליבן אַ קליינע צאָל עס.־עס.־לייט אין דעם לאַגער.

מיר האָבן באַקומען אַ ידיעה, אַז אונדזער לאַגער וועט ווערן באָמבאַרדירט. מיר האָבן אַוועקגעלייגט טעלער אויפן אַפּעל־פּלאַץ, געבנדיק אַזוי אַ צייכן, אַז דאָ איז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, מען זאָל אונדז נישט באָמבאַרדירן.

דעם 11טן אַפּריל — דער לעצטער טאָג פון הערשן פון די היטלעריסטן אין לאַגער. דער קאָמענדאַנט האָט באַוויזן צו אַנטלויפן.

מיר האָבן איבערגעשניטן די עלעקטרישע דראָטן, די באַוואָפנטע גרופּע אַרעסטאַנטן האָט שנעל באַזיגט די עס.־עס. און געשטורעמט דעם טויער.

אַרום דריי אַ זייגער האָט איבער בוכענוואַלד געפלאַטערט אַ פאָן. אויפן אַפּעל־פּלאַץ האָט אַ מיליטערישער עלצטער געהאַלטן די ערשטע רעדע צו די געוועזענע אַרעסטאַנטן פון בוכענוואַלד.

5

מיטן ערשטן טראַנספּאָרט פון בוכענוואַלד, האָבן איך זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן. אין לאָדזש האָב איך זיך געוואָנדן צום יידישן קאָמיטעט, צי עס זענען דאָ וועלכע ידיעות וועגן געראַטעוועטע יידן פון אונדזער שטעטל. פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ קליינע צאָל יידן האָבן זיך געראַטעוועט. איך בין באַלד אַוועק קיין גניעוואַשאָוו. כ׳האָב דאָרט געטראָפן מיינע אַ קוזינע שרה גרינשפּאַן, יוסף טיראַנגעל, חוהטשע, יחזקאלס שוועסטער. פון מיין נאָענטע משפחה האָב איך קיינעם נישט געפונען. כ׳בין געגאַנגען אין שטעטל אַזוי ווי אויף אַ בית־עלמין. מען ווייסט אַפילו נישט ווו זייער געביין ליגט. פון אַמאָליקן בית־עלמין איז קיין שפּור נישט געבליבן.

מען האָט אַלעמען אויסגעמאָרדעט: מיין פרוי אירענע שערמאַן, פון דער היים גרינשפּאַן, די זין מאַרעק און שמואל, די מוטער אסתר, דעם פאָטער בן־ציון, די שוועסטער חיסה, חייה און שרה; דעם ברודער יצחק מיט די פרוי און צוויי קינדער — זייערע נעמען געדענק איך נישט.

געבליבן איז בלויז אַ קליין הייזל נאָכן פאָטער און זיידען — אַלס זכרון. ער איז באַקאַנט געווען אַלס שניידער, אַן אַלטער מיט אַ לאַנגע גראָע באָרד, בערך 80 יאָר אַלט. מיין פאָטער בן־ציון — אַ סטאָליאַר, וועלכער האָט אָפט אַרומגעוואַנדערט מיט זיין זאַק געצייג איבער די דערפער, כדי צו פאַרדינען פרנסה פאַר דער משפחה. אים האָבן די דייטשן דערמאָרדעט אַ קראַנקן אין בעט. די אַנדערע האָט מען אומגעבראַכט אין טרעבלינקע.

כבוד זייער אָנדענק!

יאָרן פון גרויל און פּיין

יעקב קאַרמאַן

א

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר יידן אַלע אַרבעטן. כדי צו האָבן באַשעפטיקונג, האָט מען געמוזט אָנקומען צום דאָרף, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט עפּעס צו פאַרדינען. שפּעטער אָבער איז דאָס גיין אין דאָרף געווען פאַרבאָטן פאַר יידן. מ׳האָט שוין נישט געקענט ברענגען פון דאָרט פּראָדוקטן. די דייטשע רוצחים האָבן געשלאָגן די יידן, געשניטן בערד. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ יודענראַט, בראש מיט י. קוראָפּאַטווע און י. דינער. געלט און ווידער געלט — איז געווען די פאָדערונג פון יודענראַט.

מען האָט אָנגעהויבן שיקן אויף צוואַנגס־אַרבעט. ווער עס האָט נישט געוואָלט גיין, האָט געקאָנט זיך אויסקויפן פאַר 5 זלאָטעס. אַ סך האָבן געוואָלט פאַרבייטן די קאַנדידאַטן אויף צוואַנג־אַרבעט און אַליין פאַרדינען די 5 זלאָטעס. שפּעטער האָט דער יודענראַט געמאַכט דערפון אַ הכנסה־קוואַל פאַר זיינע אויסגאַבן. איך האָב דעם יודענראַט אַוועקגעגעבן מיין גאַנץ פאַרדינסט פון דער וואָך, 30 זלאָטעס.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. אויך קאָנטריבוציעס האָט מען געמוזט צאָלן. איינגעמאָנט דאָס געלט האָבן יידישע פּאָליציאַנטן וואָס האָבן געטראָגן היטלעך מיט גלאַנציקע דאַשקעס, הויזן מיט באָרדאָ־לאַמפּאַסן און גומי־שטעקנס. ווער עס האָט נישט געצאָלט צו דער צייט, האָט מען איינגעזעצט אין תפיסה, אין הויזביים געלן שמואל (ראָזנבוים). גאַנץ אָפט איז דער ראש פון יודענראַט געווען געצוווּנגען אַליין גיין איינמאַנען. געווען אַ פאַל אין יאָר 1940, ווען ס׳איז ווער פון יודענראַט אַריין מיט באַגלייטערס אין דער וווינונג פון משה ראָזנווין („קייפּעץ״), אַ קצב און געפאָדערט געלט. ווען דער קצב האָט געזאָגט, אַז פאַר דעם געלט וועט ער בעסער קויפן די קינדער עסן, האָט מען אים דער־לאַנגט מיט אַ פלאַש איבערן קאָפּ.

דער יודענראַט האָט אויף דעם פאַרלאַנג פון די דייטשן, מיט דער הילף פון אַ סך „שטאַרקע", געכאַפּט פיל יוגנטלעכע און זיי אַוועקגעשיקט אין אַרבעטס־לאַגערן לעבן ראַדאָם. פון נישט דערעסן און שווערע אַרבעט זענען זייער אַ סך געפאַלן. האָט מען זיך באַהאַלטן, כדי נישט אָנקומען אַהין. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן ביי פערל צעלניקער. איר מאַן, אַ לערנער, איז געזעסן ביים פענצטער און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. איך מיט נאָך חברים זענען אַרויף אויפן בוידעם, אַוועקגענומען אַ ברעט און זיך פאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש — פון אַ דאָפּלטן סופיט. דאָרט האָט מען זיך געקענט באַוועגן, נאָר פויזנדיק אויפן בויך. איבערדרייען זיך האָט מען נישט געקענט. אויפן בוידעם איז נישט געווען צו דערקענען, אַז עמעץ באַהאַלט זיך דאָרט אויס. דאָס לויפן באַהאַלטן זיך איז פאָרגעקומען עטלעכע מאָל אין טאָג.

אין אָנהייב, ווען מ'האָט אָנגעהויבן שיקן אויף אַרבעט, האָט מען נאָך געקענט זיך אויסקויפן פאַר געלט. נאָר ערגער איז געווען ווען מ'האָט געמוזט צושטעלן אַ קאָנטינגענט אויף צו שיקן אין לאַגער. דאָס איז געווען אַ גאַנצער „האַנדל מיט לעבעדיקע סחורה". ווער עס האָט געגעבן געלט — האָט מען אָפּגעלאָזט, ווער ס'האָט נישט געהאַט — האָט מען אַוועקגעשיקט אין לאַגער. איינצלנע מענטשן זענען אַנטלאָפן פון לאַגער צופוס, אַן ערך 60 קילאָמעטער. זיי האָבן דערציילט, אַז קיין עסן גיט מען נישט און ווער עס שאַפט זיך אַ ביסל קאַרטאָפל אין פעלד און וויל זיי אָפּבראָטן, שלאָגט מען ביז טויט. אַלץ איז דאָרט שטרענג. מען שאַפט ספּעציעל שווערע באַדינגונגען, כדי וואָס מערער יידן אויסראָטן.

מיטן אומברענגען אַ גאַנצע ריי יידישע קהילות אין אונדזער געגנט, זענען אַ סך פאַמיליעס געקומען קיין גניעוואַשאָוו. עס זענען אויך געקומען יידן פון לובלין און וואַרשע. זיי האָבן געמיינט, אַז די נאַצישע גזירות טרעפן מערער די גרויסע שטעט, ווי די קלענערע. אַזוי איז ביי אונדז די באַפעלקערונג געוואַקסן. מען האָט געשאַצט די יידן אין שטעטל אויף מער פון 2,000. די אָרעמקייט איז געשטיגן, דער טיפוס האָט גענומען אַריינדרינגען אין די הונגעריקע היימען. דער יודענראַט האָט געהאַט אַנדערע ענינים ווי צו פאַרנעמען זיך מיט די היימלאָזע יידן. אין שטעטל האָבן זיך אָבער געפונען גענוג מענטשן, ספּעציעל אונדזער יוגנט, וואָס האָבן געוואָלט פאַרגרינגערן די ליידן פון די פּליטים.

די אַרבעט איז זייער שיין אָרגאַניזירט געוואָרן. ביי 700 מענטשן האָבן

באַקומען שטיצע. אויך דאָקטאָר קעלטשינסקי איז אַריינגעצויגן געוואָרן. אַלס קריסט האָט ער אונדז געמעגט באַדינען, ביזן איינשטעלן דאָס געטאָ. געלט האָבן מיר געשאַפן דורך באַשטייערן יעדן, וועלכן האָט געקענט צאָלן און אויך אויף פאַרשידענע אַנדערע וועגן. מיר האָבן געהאַט אַ קאָנטע אין די געוועלבן. יעדן ערשטן און 15טן האָבן מיר באַצאָלט פאַר ברויט, מילך, צוקער, פוטער, האָלץ, קוילן.

דער קאָמיטעט האָט עקזיסטירט די ערשטע אָנדערטהאַלבן יאָר פון דער אָקופּאַציע. שפּעטער האָט מען פון ראַדאָמער דיסטריקט געמאָלדן, אַז די הילפס־קאָמיטעטן ביים יודענראַט ווערן באַפרייט פון צוואַנגס־אַרבעט. ווען מען האָט געכאַפּט צו אַרבעט, האָט מען די מיטגלידער פון יודענראַט און פון הילפס־קאָמיטעט נישט געטאָרט אַרעסטירן. די אַלע האָבן געטראָגן אַ ברייטע לענטע מיט אַ מגן־דוד און סטעמפּל און אויך געהאַט אַ ביכעלע ווו ס׳איז געווען באַשטעטיקט דאָס טראָגן די לענטע. פאַר די רעכט צו טראָגן אַזאַ לענטע, איז מען גרייט געווען צו באַצאָלן ביז 2,000 זלאָטעס. שפּעטער איז דער קאָמיטעט געוואָרן אויפגעלייזט.

דערווייל האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס כאַפּן מענטשן און זיי שיקן קיין ראַדאָם און אומגעגנט. עס זענען געקומען די געסטאַפּאָ־לייט און דער יודענראַט האָט געמוזט פאַר די רוצחים איינאָרדענען רייכע מאָלצייטן אין דער וווינונג פון י. קוראָפּאַטווע. אויך די פאָלקס־דייטשן האָבן געשלעפּט ביי גניעוואַשאָווער יידן פאַרשידענע סחורות — שיך און לעדער ביי שוסטער, אָנטאָן און מאַנופאַקטור — ביי שניידערס, אָדער אויסגעפּרעסט געלט. ווען מען האָט זיי נישט געוואָלט געבן, האָבן זיי געסטראַשעט מיט דער געסטאַפּאָ.

ב

מיטן איינאָרדענען דאָס געטאָ, איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערגער. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון גניעוואַשאָוו האָט מען אַריינגעטריבן קיין גרעניץ. צוויי־דריי משפּחות האָבן געמוזט וווינען צוזאַמען. אַלע קוואַלן פון פּרנסה האָבן אויפגעהערט עקזיסטירן. אַרויסגיין פון געטאָ האָט געדראָט צו פאַרלירן דאָס לעבן. אַ סך זענען טאַקע געפאַלן אויף די וועגן, וואָס פירן אין די דערפער, ווו מ׳איז געגאַנגען זוכן אַ שטיקל ברויט אָדער קאַרטאָפל פאַר די הונגעריקע קינדער. ביי אַ סך יידן איז די איינציקע באַשעפטיקונג געווען: דרייען קליינע האַנט־מילעכלעך אַ גאַנצן טאָג, ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, כדי צו פאַרדינען

אַ שטיקל ברויט. דאָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט אַ טויט־געפאַר. דער הונגער האָט געהערשט אין אַ סך שטובן, עפּידעמיעס האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרשפּרייטן צוליב די נישט סאַניטאַרע־באַדינגונגען פון געטאָ. דאָס אַוועקשיקן מענטשן אין די לאַגערן האָט אויך נישט אויסגעמיטן קיין באַווייבטע.

אויף דער עלטסטער פון דער יידישער פּאָליציי מיט זיינע געהילפן, האָבן אין מיטן נאַכט אַרויסגענומען מענטשן און זיי געשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט. זיי האָבן געפאָדערט גרויסע סומען געלט, אויב נישט — וועט מען ווערן אַוועק־געשיקט.

אין יאָר 1942 האָט מען זיך דערוווסט, אַז מען ליקווידירט דעם ראַדאָמער דיסטריקט, עס האַלט שוין ביי גניעוואַשאָוו. די דייטשן האָבן געהייסן אַלע יידן אַרויסגיין פון די הייזער, זיך אויסשטעלן אין רייען, אויב נישט וועט מען שיסן. אַ טייל איז געגאַנגען, אַ טייל האָט זיך באַהאַלטן. אויך איך.

דערווייל זענען געקומען די יידישע פּאָליציאַנטן און געבעטן, אַז מיר זאָלן אַראָפּגיין, ווייל די דייטשן פאָדערן די באַהאַלטענע. צוזאַמען מיט נאָך מענער האָב איך זיך צוגעשטעלט. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז אַלץ איינס מוזן די יידן „קאַפּוט גיין". ס'איז אויסגעבראָכן אַ סומאַטאָכע ביי די פרויען און קינדער. זיי האָבן גענומען שרייען: „אַנטלויפט!", געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. די געשרייען פון די קינדער און די ווייבער האָבן אַרויסגערופן אַ צעטומלונג, אַז מענער האָבן טאַקע גענומען לויפן און די דייטשן האָבן אָנגעהויבן שיסן. דעמאָלט איז דערהרגעט געוואָרן גאָדל שערמאַן, דער שניידער. דער רוב איז זיך צעלאָפן.

איין מאָל זענען מיר אַ גרופּע יידן געשטאַנען פאַרן יודענראַט. מיר האָבן באַמערקט, ווי עס דערנענטערט זיך אַ פור מיטן פאָלקס־דייטש פייל, דער בירגערמייסטער. ער האָט איבערגעגעבן די ביטערע ידיעה, אַז אַלע יידן דאַרפן פאַרלאָזן גניעוואַשאָוו במשך דריי טעג. זיי מוזן אַוועק קיין זוואָלין. די עלטערע יידן זענען אין זוואָלין דערשאָסן געוואָרן אין גאַס, און די יונגע האָט מען צעשיקט אין פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן.

אַזוי זענען מיינע עלטערן און נאָענטסטע משפּחה מיטגלידער דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע גניעוואַשאָווער יידן, וועלכע האָבן געוווינט דאָרט הונדערטער יאָרן. דער רוב זענען געווען אָרעמע מענטשן, בעלי־מלאכהס: שוסטערס, שניידערס, מאַרק־הענדלערס, דאָרפס־גייער און קליינע סוחרים.

ג

ווען אין יאָר 1942, ביינאַכט, איז אָנגעקומען די פינצטערע ידיעה אַז אַלע איינוווינער מוזן פאַרלאָזן גניעוואַשאָוו, בין איך אַוועק צו מיינע עלטערן, כדי זיי לאָזן אַ ביסל געלט, און דערנאָך אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן טראָגן. קומענדיק אַהין, האָב איך געזען ווי אַלע גאַסן זענען געווען ליידיק און פוסט. איך האָב געהערט אַ יאָמערן פון קינדער וואָס האָט מיך באַגלייט, ביז כ׳האָב געפונען דאָס אָרט פון וואַנען דאָס געוויין האָט זיך געטראָגן. איך בין פאַרביי־געגאַנגען קליינע הייזקעס, וואָס דער רוב האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים איינפאַלן. קיין שטראַל ליכט האָט פון די הייזקעס נישט אַרויס־געשיינט: צי דערפאַר ווייל ס׳איז געווען קריגס־צייט, צי דערפאַר ווייל זיי זענען געשטאַנען פאַרלאָזט און הפקר, צי דערפאַר ווייל די איינוווינער האָבן מידע און הונגעריקע געלייגט זיך שלאָפן. די רוצחים האָבן געגעבן דריי טעג צייט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. געוווסט האָט מען, אַז קיין שום גוטס דערוואַרט נישט די יידן אין דער פרעמד. די גזירה האָט אַלעמען צעבראָכן — פיזיש און גייסטיק. אַלץ וואָס מען האָט געהאַט אָנגעזאַמלט במשך פון דורות, האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן.

איך בין ווייטער געגאַנגען מיין וועג. דאָס געוויין פון די קינדער האָט נישט אויפגעהערט. עס האָט מיך פאַרפאָלגט אומעטום ווו כ׳בין געגאַנגען. עס איז געווען שטאַרק פינצטער, כ׳האָב געמוזט אָנשטרענגען די אויערן און אויגן, כדי נישט צו פאַלן. ענדלעך האָב איך אויפגעעפנט אַ טיר. אינעווייניק איז געווען פינצטער. איך האָב אָנגעצינדן אַ שוועבעלע און דערזען קינדער־שקעלעטן ליגן אויף דער גאָלער ערד. די מוטער — פאַרצווייפלט און אומבאַ־האָלפן. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. איר געשריי „העלף!" — ליגט מיר נאָך היינט אין זכרון. דאָס איז געווען אַ געשריי פון אַ יידישער מאַמע, וועלכע ציטערט און וואַכט איבער אירע קינדער.

מיטן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, זענען די יידישע הייזער פאַרנומען געוואָרן דורך פאָליאַקן. אַזוי האָבן זיי דערלעבט זייער חלום צו ירשהנען דאָס ביסל האָב־און־גוטס פון זייערע יידישע שכנים, נאָכן אומברענגען זיי.

באַלד דעם ערשטן טאָג בין איך צוזאַמען מיט דעם קריסט קאַזשיק סמאָלאַרטשיק אַוועק קיין דעמבלין. איך האָב געהאַט אַ פוילישן דאָקומענט און אַ דאַנק דעם דורכגעשמוגלט די בריק. איך האָב באַקומען אַרבעט אויפן פלי־פלאַץ אין דעמבלין.

די גרופּע מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט, איז באַשטאַנען פון 14 פּערזאָן. צוויי דייטשן זענען געווען אונדזערע אויפזעער. איינער פון זיי, דער ייִנגערער, האָט מיך געשלאָגן און געצוווּנגען אויפצוהייבן אַ ריזיקן שפּליטער פון אַ באָמבע, וואָס האָט געוויגן צענדליקער קילאָ. „נעם הייב דאָס אויף!" ער האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן. „ס'איז אַלץ מעגלעך, נאָר ייִדן ווילן נישט אַרבעטן" — האָט ער געטענהט. געפּרוּווט אַליין אויפהייבן און נישט געקענט, האָט ער זיך צעקאָכט, געוואָרן ווילד און גענומען מיך שלאָגן. צו מיין גליק איז באַלד געוואָרן דער מיטאָג־איבערייס. ער האָט געזאָגט, אויב נאָכמיטאָג איך וועל נישט באַווייזן אויפצוהייבן, וועט ער מיך דערשיסן. ווען ער איז אַוועק אויף מיטאָג, האָט די גאַנצע גרופּע אַוועקגעפירט דעם שפּליטער און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפן גרוב. דער דייטש איז דעם זעלבן טאָג אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן לענינגראַדער פראָנט. דער צווייטער דייטש דער אויפזעער האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז זיין חבר איז שווער פאַרווּנדעט געוואָרן און געשטאָרבן.

מיין צווייטע אַרבעט איז געווען אין דעמבלין. דאָרט האָט אַ גרויסע צאָל ייִדן געאַרבעט ביי שטיין־קוילן. דעם אויפזעער, אַ דייטש צוויי מעטער די הויך, האָבן מיר יעדן טאָג געצאָלט מיט 1 ליטער בראָנפן און אַ הון, ער זאָל אונדז נישט שלאָגן. די הון האָט ער געבראָטן אויף אַ פייער אויפן אָרט און אַליין אויסגעטרונקען דעם בראָנפן. דאָך האָט דער אויפזעער דערשאָסן אַמאָל אַ פאָטער מיט אַ זון.

איינגעאָרדנט זענען מיר געווען אויפן וועג צווישן גניעוואַשאָוו און דעמבלין. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ דריי וואָכן, האָט מען אונדז, בערך 110 מאַן, אויפגעוועקט 2 אַ זייגער ביינאַכט. עס.־עס. און געסטאַפּאָ האָבן אונדז אַרומגערינגלט. דעם דיזשורנע, אַ ייִדיש ייִנגל, האָבן זיי באַלד דערשאָסן אויפן אָרט. די עס.־עס. האָבן געמאַכט אַ טומל און געשריגן, כדי מען זאָל זיך נישט אָריענטירן וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן געגעבן 5 מינוט צייט אויסצושטעלן זיך אין רייען, אויב נישט וועלן זיי אַלעמען דערשיסן. ווען מיר זענען אָפּגעציילט געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן אונדז יאָגן קיין דעמבלין. ס'איז געווען אַ דריי קילאָמעטער אין שטאָט אַריין. זיי, די דייטשן, אויף מאָטאָציקלען, האָבן געיאָגט און געשריגן, געשאָסן אין די רייען. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין שטאָט, האָבן שוין געפעלט 10 ייִדן, וועלכע די דייטשן האָבן דערשאָסן.

אָנגעקומען טויט־מידע, האָבן מיר געטראָפן די גאַנצע דעמבלינער ייִדישע

באַפעלקערונג אויפן מאַרק. דאָ איז פאָרגעקומען די לעצטע אויסזידלונג פון די איבערגעבליבענע פון דער ערשטער אויסזידלונג אין יאָר 1941. אַלע האָט מען אַוועקגעשיקט קיין מיידאַנעק, נעבן לובלין, ווו זיי זענען אומגעקומען פון הונגער, קעלט און גאַז־קאַמערן.

ד

אין דעמבלין איז געבליבן דער יודענראַט און אַ ביסל אַרבעטער. איך — צווישן זיי. מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין דער פירמע „שולץ". דער דאָזיקער שולץ, דער מייסטער אויף וועמענס נאָמען מען האָט גערופן די פירמע, האָט געהאַט אַ גרויזאַם פנים פון אַ פאַרברעכער. דאָרט האָבן מיר געדאַרפט אַרבעטן ביים לייגן באַן־רעלסן. די שוועלן זענען געווען נאַסע, מיר האָבן זיי געדאַרפט טראָגן מיט די הענט. עסן האָבן זיי אונדז געגעבן — 120 גראַם ברויט און אַ שיטערע זופּ. געאַרבעט האָט מען פון 6 ביז פינצטער.

שולץ איז געשטאַנען איבער אונדז מיט אַ גראָבן דראָנג אין האַנט און געדראָט, אַז ווער עס וועט נישט אַרבעטן פלייסיק, וועט ער שלאָגן ביז טויט. דער לאַגער איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָטן. ווו צו וואַשן זיך איז נישט געווען, אינזעקטן און ווערים האָבן געפרעסן די מענטשן. אין משך פון געציילטע וואָכן האָבן מיר אויסגעזען ווי סקעלעטן.

אין לאַגער האָב איך געטראָפן מיין שוואָגער גרשון וועלטמאַן און זיין ברודער שאול. ביידע האָבן אויסגעזען שרעקלעך. געווען אַרומגעגאַרטלט מיט דראָט, אַנשטאָט אַ פּאַסעק, צי שטריק. אין גאַנצן פאַרשמוציקט, די הענט שוואַרץ פון נישט וואַשן זיך.

פון מיין שוואָגער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז זיין פרוי, מיין שוועסטער מלכה־רבקה, און אירע דריי קינדער, זענען געבליבן אין זוואָלין. דאָרט האָט מען עלטערע מענטשן, בערך 400, אויסגעשאָסן מיט מאַשין־געווער. אין זעלבן לאַגער האָב איך געטראָפן מיכאל פעלצמאַן. ער איז געווען געשוואָלן פון נישט דערעסן. ער האָט ביינאַכט זיך אַריינגעגנבעט אין לאַגער דורך די שטעכל־דראָטן. פון אַרומוואַלגערן זיך אין די גריבער און הונגער, איז ער נישט פעיִק צו אַרבעטן. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין די נעכט האָט ער געוואַנדערט פון איין גרוב צום אַנדערן, וועלכע די פויערים האָבן צוגעגרייט צו האַלטן קאַרטאָפל אויף ווינטער. אין איינעם אַזאַ גרוב האָט ער געטראָפן אַ טויטע פרוי. ער האָט זי באַזוכט און געפונען ביי איר אַ קניפּל מיט געלט.

— העלף מיר זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט — האָט ער זיך געבעטן. אָבער אין לאַגער ביי שולצן איז געווען שווער. האָט מען פאַר געלט זיך איינגעקויפט אַרבעט אויפן פלי־פלאַץ. דאָרט זענען געווען בעסערע היגיענישע באַדינגונגען.



מעכל פעלצמאַן ז״ל

מעכל פעלצמאַן איז אָנגעקומען אין לאַגער אָנגעפירט פון דעם ווינער ייד ווענקאַרט, וועלכער האָט אויפגעוויזן די דייטשן, אַז פעלצמאַן איז אַ קליינער און אומפעיקער צו אַרבעט. זיי האָבן באַלד דערשאָסן מיין אומפאַרגעסלעכן חבר.

כ׳בין אָנגעקומען אין דער סטאָלעריי. פון הונגער איז מען דאָרט נישט געשטאָרבן. מיין שוואָגער האָט געאַרבעט נישט ווייט פון לאַגער. ער איז געקומען צו די דראָטן, פלעג איך אים געבן ברויט. איינמאָל האָט ער מיר געוויזן אַ בריוו פון מיין שוועסטער מלכה־רבקה. איך האָב געשטוינט: ווי קומט צו אים אַ בריוו אין אַזאַ צייט?

דערציילט ער מיר:

אַרבעטנדיק אויף די ליניעס ווו די באַנען גייען קיין טרעבלינקע, האָט ער צווישן די טויזנטער שטיקלעך פאַפּיר, אַרויסגעוואָרפן דורך די קליינע וואַגאָן־פענצטערלעך, באַמערקט אַ פּאַפּירל וואָס האָט אים באַזונדערס צוגעצויגן. ער האָט דאָס אויפגעהויבן און דערקענט די האַנטשריפט פון זיין פרוי. ווען ער האָט דאָס דערציילט, האָבן טרערן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. זי שרייבט אים:

„איך מיט מיינע דריי קינדער געפינען זיך אין וואַגאָנען, וואָס זענען פאַרחתמעט. מיר פאָרן אַדורך דעמבלין, איך ווייס אַז דו אַרבעטסט ביי דער באַן־ליניע, האָף איך מיט דער גאַנצער נשמה, אַז דעם בריוו וועסטו דערהאַלטן. נאָר אַ גוט טייבעלע קען עס דיר ברענגען. דו האָסט דאָרט אין דעמבלין מיין טייערן און ליבן ברודער. ער וועט דיר זיכער העלפן. וועגן מיר און די קינדער זאָלסטו זיך נישט זאָרגן. אויב דער גורל וועט וועלן, דער קריג וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר בלייבן לעבן און פאָרזעצן אונדזער געמיינזאַם פאַמיליע־לעבן. איך קוש דיך

און מיין ברודער. די קינדער קושן אייך. דיין געטרייע פרוי, וועלכע דו קענסט פון די קינדער יאָרן — מלכה־רבקה״.

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אַדורך מיין לייב — אַזוי האָט מיך אויפגעטרייסלט דער בריוו, ווען כ׳האָב געלייענט אירע האַרציקע ווערטער ווי זי זאָרגט זיך וועגן אונדז אין אַ צייט ווען מען פירט זי אין פאַרמאַכטע טויט־וואַגאָנען. איך האָב זיך נישט געקענט באַרויִקן.

מיין שוואָגער, זיין ברודער און יונה אָנגלעטער, האָט מען אויסגעזידלט קיין פּאָניאַטאָוו, ווּ זיי זענען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן פון די דייטשן, וועלכע האָבן דעם לאַגער באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן.

טאָג־טעגלעך בין איך מיט אַלע אַנדערע יידן געגאַנגען צו דער אַרבעט אין דער סטאָלערײַ. מיט מיין אַרבעט האָב איך זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, ווייל קיין סטאָליער בין איך נישט געווען. מיין וואַרשטאַט איז געשטאַנען ביים פענצטער. ווען כ׳האָב געזען אַז עס קומט אָן דער שעף פישער, אַ שטרענגער דייטש, בין איך אַרויס דורכן פענצטער. ווען ער איז אַוועק — בין איך צוריק אַריין.

אַ מאָל האָט ער מיך געטראָפן אויסער דער סטאָלערײַ. דאָס רוצחישע דייטשע בלוט האָט זיך ביי אים צעקאָכט. ער האָט מיך גענומען אין ביוראָ און אָנגעהויבן פאָרשן, ווי אַזוי האָב איך זיך אַריינגעקריגן אין דער סטאָלערײַ און אָפּגענאַרט דייטשלאַנד. ער האָט געברעוועט ווי אַ חיה, אַז מיר קומט טויט־שטראָף, פאַרשריבן מיין נאָמען און נומער. אין דעם האָט געקלונגען דער טעלעפאָן, אַז אין 5 מינוט זאָל ער זיין אין מיליטערישן מונדיר, ווייל ער ווערט געשיקט אויפן פראָנט. „דאָנערוועטער״ — האָט ער אויסגעשריגן, אַוועקגעוואָרפן די פעדער און דאָס פּאַפּיר — וואָס איך האָב צוגענומען און אויסגעמיטן דעם טויט.

נישט ווייט פון אונדזער פלי־פלאַץ, אַ 20 קילאָמעטער, איז געווען נאָך אַ פלי־פלאַץ — אָלענש. יעדן טאָג האָט מען פון אונדז געשיקט אַרבעטער אויפן פלי־פלאַץ און ביינאַכט האָט מען זיי צוריק געברענגט קיין דעמבלין. מען האָט זיי דאָרט געשלאָגן. אַמאָל, ווען ס׳איז פאַרברענט געוואָרן אַ סקלאַד, האָט מען דאָרט דערשאָסן צוויי יינגלעך.

אַ געוויסן טאָג האָט פישער געהייסן דערשיסן 10 פּערזאָן. די זשאַנדאַמעריע מיט פעטערזאָן בראש, ווען זיי האָבן באַזוכט דעם לאַגער אין יאָר 1943, האָבן זיי סתם אַזוי דערשאָסן דריי יינגלעך. דאָס קומען פון די „בלויע״ איז פאַר אונדז געווען שרעק און אַן אָנזאָג פון טויט. איך וויל דאָ דערמאָנען דעם פאַקט, ווי מ׳האָט אברהם זשאַבינקערס זון, 19 יאָר אַלט, אויפגעהאָנגען אויף אַ תליה און

אים איבערגעלאָזט הענגען 48 שעה. ער האָט געהאַנגען ביים טויער, אַז אַלע אַרבעטער, מענער און פרויען, וועלכע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן געדאַרפט קוקן אויף דעם בילד.

אַ יינגל, וועלכער איז אַנטלאָפן פון טרעבלינקע, האָט זיך אַריינגעקריגן צו אונדז אויף אַ טאָג און דערציילט, אַז אַלע יידן ווערן דאָרט פאַרגאַזט און שפעטער פאַרברענט. ער אַליין האָט געאַרבעט ביים פאַרברענען די טויטע קערפערס. „אַנטלויפט!" — איז געווען זיין געשריי. אָבער לויפן איז נישט געווען ווו. די פוילישע א. ק.־באַנדיטן האָבן געשאָסן יידן אין די דערפער און וועלדער. אין לאַגער האָט געדראָט טויט פאַר יעדן פרווו פון אַנטלויפן. אויך פאַר יעדע קלייניקייט האָט מען געשאָסן, צי געהאַנגען. אַלע מאָל זענען געקומען מענטשן מיט נייע פלענער פון אַנטלויפן, נאָר מיר זענען געווען זיכער אין אַ דורכפאַל. נאָר איין מאָל איז געלונגען 10 פערזאָן צו פאַרכאַפן געווער מיט אַ ביסל קוילן און אַוועק אין וואַלד. אָבער מער ווי אַ העלפט איז אומגעקומען פון די א. ק.

ה

אַזוי זענען געלאָפן טעג און חדשים. אַ מאָל ביינאַכט, אין 1943, האָבן מיר אין לאַגער געזען ווי רויטע באָמבעס פליען צום הימל. מ'האָט געמיינט, אַז מען ווערט שוין באַפרייט. מיר האָבן זיך געריסן אַרויסצוגיין פון באַראַק. ביי דער טיר זענען געשטאַנען יידישע פאָליציי און נישט געלאָזן. אין דער פרי האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז פאַרטיזאַנער האָבן אונטערגעלייגט אויפרייס־מאַטעריאַל אונטער די באַן־רעלסן און 36 וואַגאָנען מיט אמוניציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויפן רוסישן פראָנט, זענען אויפגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט די דייטשן וועלכע האָבן געהיטן דעם טראַנספּאָרט.

אין דער פרי האָט מען געפרעגט ווער עס וויל גיין דאָרט אַהין אַרבעטן. עס האָבן זיך פאַרשריבן בערך 60 מענטשן, און איך צווישן זיי. ווען מיר זענען צוגעקומען צום אָרט נעבן וואַלד, איז דער פלאַץ געווען פול מיט עס.־עס. און געסטאַפּאָ. די וואַגאָנען זענען געלעגן איבערגעדרייט, דער לאָקאָמאָטיוו טיף אין דער ערד. באָמבעס זענען געווען צעשפּרייט אויפן גאַנצן פעלד. די דייטשן האָבן געגרעוועט ווי די חזירים: „איר, יידן, האָט דורכגעפירט דעם אויפרייס. אַרבעטן!". אויך פאָליאַקן פון דער גאַנצער געגנט האָט מען גענומען צו דער אַרבעט, געשלאָגן האָבן אָבער באַקומען נאָר יידן.

מיט אונדז איז געווען אַן אָפיציר פון דעמבלינער פלי־פּלאַץ. מיר האָבן אים דערציילט: „זע, מיר זענען געקומען אַרבעטן, שלאָגט מען אונדז!" ער האָט געגעבן אַ געשריי: „איינטרעטן די דעמבלינער אַרבעטער! שוין אַ היים אין לאַגער". עס האָבן נישט געהאָלפן קיין פּאַרזיכערונגען, אַז מען וועט אונדז מער נישט שלאָגן — מיר זענען צוריק אין לאַגער.

ווען דער רוסישער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו לובלין, האָט מען אַ גרופּע יידן סטאָליאַרעס און מיך צווישן זיי, געשיקט אַרבעטן קיין לובלין. יעדן טאָג זענען מיר געפאָרן אַהין אַרבעטן. מיר האָבן אין די קעלער־שטובן איינגעאָרדנט ביוראָען פאַר די דייטשן. די דייטשן האָבן מורא געהאַט פאַר באָמבאַרדירונגען, האָבן זיי איבערגעטראָגן די ביוראָען אין קעלערן. ווען מיר זענען געפאָרן אויפן שאָסיי דעמבלין—לובלין, 60 קילאָמעטער, האָבן מיר געזען, אַז דער סוף פון די דייטשן איז שוין נאָענט.

דערווייל האָט די לובלינער געסטאַפּאָ געהאַט אירע פּלענער צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט די 960 יידן פונעם דעמבלינער לאַגער. ווען די געסטאַפּאָ איז געקומען נעמען די יידן, האָט דער אויבער־לייטענאַנט פון דעמבלינער פלי־פּלאַץ, אַ מאַן פון אַ יאָר 60, אויפגעקלערט דער געסטאַפּאָ, אַז אַזוי ווי דער פראָנט איז נאָך ווייט, די יידן אַרבעטן פלייסיק און די געסטאַפּאָ קריגט 4 זלאָטעס אַ טאָג פון יעדן יידישן אַרבעטער, דאַרף מען זיך נישט יאָגן מיטן פאַרניכטן די יידן. דאָס האָט געהאָלפן — און די געסטאַפּאָ איז אַוועק.

אין יענע קריטישע טעג, ווען מיר יידן האָבן געוווּסט, אַז עס פירן זיך אונטערהאַנדלונגען וועגן אונדזער לעבן און טויט, איז אין קאָפּ ביי יעדן געווען פּלענער זיך נישט צו לאָזן נעמען. אין אַ געוויסן אָוונט זענען די רוסן אַריין קיין לובלין. פון לאַגער האָט מען אָנגעהויבן לויפן, ווער מיט אַ מעסער צום טויער און ווער מיט אַ שער איבערצושניידן די דראָטן פון לאַגער. איך מיט אַ גרופּע יידן זענען אַרויס דורך די דראָטן און אַ קליין שטיקל וועגס האָט אָפּגעטיילט צוצולויפן אין פעלד פון קאָרן. אַ שטאַרקער רעגן האָט געגאָסן. דערווייל האָט דער דייטש, וועלכער איז געשטאַנען אויפן וואַך־טורעם אונדז באַמערקט און גענומען שיסן. מיר זענען אַריין אין קאָרן און איינגעבויגענערהייט געלאָפן צום וועג, וואָס פירט קיין לובלין, ווייל דאָרט דערוואַרט אונדז די פרייהייט. אָבער דער וועג איז געווען באַוווינט פון פּאָליאַקן. ווען זיי האָבן געזען, אַז יידן ווילן זיך ראַטעווען, זענען זיי אַריין אין קאָרן מיט גראָבע דרענגער און אייניקע פון אונדז האָבן באַקומען איבערן קאָפּ און אַוועקגעפאַלן. ס'איז נישט געווען קיין ברירה,

ווי נאַר זיך צוריקציען. איך מיט נאָך עטלעכע יידן זענען צוריק אַוועק אין לאַגער — נאַסע, מידע, דערשראָקענע און צעבראָכענע, גייסטיק און פיזיש.

(ווי ס׳האָט שפּעטער דערציילט ה׳ ביינישׂ בריצמאַן, זענען בערך אַ 50 יידישע יונגעלייט אומגעקומען פון די רוצחישע פּאַליאַקן, וועלכע האָבן גע־טענהט: „אייערע היימען זענען מער נישטאָ, מעגט אויך איר אומקומען״).

אין לאַגער האָט מען געשמועסט, אַז דער עלטערער לייטענאַנט גייט אויפ־רייסן דעם גאַנצן פלי־פּלאַץ, און אַז מיר, יידן, זאָלן נעמען די ווייבער מיט די קינדער און זיך זעצן ביים טייך וויעפּזש, דאָרט וואַרטן ביז די רוסן וועלן קומען. דער פּלאַן איז אָבער נישט געפעלן דעם יידישן לאַגער־פירער ווענקאַרט. ער האָט באַשלאָסן אַלע איבערפירן אין טשענסטאָכאָווער לאַגער „וואַרטאַ״. קיין וואַגאָנען זענען נישט געווען, האָט ווענקאַרט געפּועלט פּאַר געלט, אַז דער לייטענאַנט זאָל שאַפן 17 וואַגאָנען, כדי מיר זאָלן קענען אָפּפאָרן. מיט כוח האָט מען אונדז אַריינגעשפּאַרט אין די וואַגאָנען.

ו

מיר זענען אָנגעקומען אין טשענסטאָכאָווער לאַגער, ווו פירער איז געווען אַ געוויסער באַרטשלאַגער. מ׳האָט וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט געצוווּנגען יונגע מיידלעך צו לעבן מיט אים און נאָכן אַקט האָט ער זיי דערשאָסן. צענדליקער מאָל האָט ער דאָס פאַרברעכן אויסגעפירט.

מיר זענען געפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו אין צוויי גרופּן. אין יעדע גרופּע זענען געווען 150 מענטשן. אין די ערשטע גרופּע זענען געווען 14 קינדערלעך. באַרטשלאַגער האָט אַלע דערשאָסן. דאָס איז געווען אין יאָר 1944.

אָנקומענדיק אין טשענסטאָכאָווער לאַגער „וואַרטאַ״ האָט מען אונדז צעטיילט אין צוויי גרופּן. אַזוי האָט מען אויך צעשיידט עלטערן פון קינדער. די קינדער האָבן זיך געקלאַמערט אין זייערע טאַטע־מאַמע — און די דייטשן האָבן געשלאָגן. די געוויינען האָבן צעריסן הערצער.

אין „וואַרטאַ״ איז געווען אַ פאַבריק פון אַמוניציע און אויך אַ גרויסע סטאָלעריי, ווו איך בין געגאַנגען אַרבעטן.

מיט אונדזער קומען האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט, ווייל עסן האָט דער לאַגער־פירער נישט געקריגן מער ווי פריער. אַזוי, אַז מ׳האָט געהונגערט. מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט קריסטן און דורך זיי האָבן מיר געקענט זיך

צוקויפן נאָר פּאַר זאַכן, ווייל געלט האָבן די קריסטן נישט געוואָלט נעמען. איך האָב פּאַר אַ קאָץ גענומען ביים קריסט ברויט. האָט דאָס באַמערקט איינער פון יאָלעסעס באַנדע. יאָלעס איז געווען דער יידישער לאַגער־פירער און קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, זייער אַ שטרענגער מענטש. ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון דעם „פאַרברעכן”, האָט ער מיך אַרעסטירט און געשלאָגן. אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי, איז געקומען די יידישע פּאָליציי, מיך אַראָפּגעצויגן פון דער פּריטשע ווו כ׳בין געשלאָפן, און אויפן נאַקטן לייב געשלאָגן מיט אַ נאַהייקע. בכלל האָט מען די ניי געקומענע גערודפט.

אין יאָר 1945, ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט טשענסטאָכאָוו, האָט יאָלעס צוויניפגעשטעלט אַ ליסטע פון מענטשן און דעם 14טן יאַנואַר אָפּגעשיקט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען אַ טראַנספּאָרט יידן קיין דייטשלאַנד. איך בין געווען צווישן די 800 אַרויסגעשיקטע. דער רוב פון זיי זענען געווען דעמבלינער.

ז

נאָכן פאָרן פיר טעג און נעכט, זענען מיר אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, אין לאַגער בוכענוואַלד. מען האָט אונדז אויסגעטאָן נאַקעט, דאָס איז געווען אין יאַנואַר, און געשטעלט אין רייען. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ געביידע, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ גרויסע בלעכענע באַליע מיט אַ מין ווייס וואַסער, אין וועלכן מיר האָבן זיך געדאַרפט טונקען ביז איבערן קאָפּ. ווען מיר זענען אַרויס פון דער באַליע, זענען מיר געווען בלינד. די אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, עס האָט שטאַרק געברענט. מען האָט אונדז געיאָגט ווייטער, מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער וועג. צו ביסלעך זענען מיר געקומען צו זיך. דערנאָך האָט מען גענומען שערן מיט מאַשינקעס, וואָס האָבן פשוט געריסן שטיקער הויט. אַ באָד האָט מען אונדז געמאַכט פון הייס און קאַלט וואַסער און אַרויסגעגעבן קליידער מיט שיך. מיר זענען געוואָרן איינ־קוואַרטירט אין בלאָק נומער 59. דאָרט זענען געווען 1000 מענטשן. אויף די פּריטשעס זענען מיר געלעגן אויסגעלייגט ווי הערינג — יעדער מיטן קאָפּ צום שכנס פיס. עסן האָט מען געקריגן 10 דעקאָ ברויט און צו מיטאָג — אַ פּאָר קאַרטאָפל.

אין בוכענוואַלד זענען מיר געווען 6 טעג. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין טראָגן 2 שטיינער איןביידע הענט. דערביי האָט מען די הענט געמוזט האַלטן

הויך. פוןביידע זייטן האָבן אונדז באַגלייט זעלנער, וועלכע האָבן געשלאָגן יעדן וואָס האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַראָפּגעלאָזן די הענט.

פון בוכענוואַלד האָט מען אונדז געשיקט אין לאַגער „דאָראַ”. פאַרן אַוועקשיקן, האָט מען אונדז געפירט אין אַ קינאָ און געוויזן אַ פילם ווי אַזוי חיות ל'עבן אין וואַלד און פרעסן אויף איינער דעם צווייטן. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אַזוי קומט אויך פאָר צווישן מענטשן...

אין „דאָראַ” האָט מען אונדז איינקוואַרטירט אין בלאָקן. אין דער פרי, 15 מינוט פאַר פינף, האָבן מיר געדאַרפט זיצן ביי טישן צום עסן. געגעבן האָט מען שוואַרצע קאַווע, בעסער געזאָגט — שוואַרץ וואַסער, צען דעקאָ ברויט און איין דעקאָ מאַרמעלאַד. מיר זענען אַרויס פון די בלאָקן און זיך געשטעלט צום אַפּעל. געשרייען און קלעפּ זענען געווען די מעטאָדן פון די היטלער־בעסטיעס, כדי באַלד פון אָנהייב צו צעברעכן יעדן מענטשלעכן געפיל און מאַכן אונטערטעניק. שעהנלאַנג זענען מיר געשטאַנען ביי די אַפּעלן. די גאַנצע צייט האָבן מיר נישט געטאָרט מאַכן די קלענסטע באַוועגונג. דער בלאָק־עלטסטער מיט זיינע „שטובע־דינסטן” האָבן אונדז געהיט. די געשוואָלענע פיס האָבן אַפילו די לאַסט פונעם אויסגעמאַטערטן און דאַרן קערפּער נישט געקענט אויסהאַלטן. איינציקווייז האָבן מענטשן גענומען פאַלן, דעמאָלט האָבן די שטעקנס פון די קאַפּאָס גענומען אַרבעטן. מיט די פיס האָבן זיי געקאָפּעט אין די ליגנדיקע אויסגעדאַרטע קערפּערס. אָבער נישט אַלע האָבן זיך געקענט אויפשטעלן. נאָך די אַפּעלן זענען שטענדיק געבליבן ליגן טויטע.

„דאָראַ” ליגט פון בערלין בערך 180 קילאָמעטער. דאָרט איז געווען אַ גרויסע פאַבריק, ווו מען האָט פּראָדוצירט די ראַקעטן וו־1 און וו־2. טיילן פון דער ראַקעטע זענען געלעגן אויף אַ גרויסן שטח, באַדעקט מיט גרינע נעצן און גרינע בלעטער. ווינטער איז אַלץ באַדעקט געוואָרן מיט שניי, מיר האָבן געדאַרפט מיט די בלויזע הענט אָפּזוכן דעם עק פון די נעץ, כדי אַרויסצוציען די גרויסע בלעכן. זעקס מענטשן האָבן זיי באַדאַרפט טראָגן. אַ זעלנער האָט אונדז באַגלייט מיט אַ נאַהייקע און געשלאָגן מיר זאָלן שנעלער גיין אין פאַבריק אַריין. אַלץ איז געווען איינגעאָרדנט אונטער דער ערד. פון אויבן, אויף דער אויבערפלאַך, זענען געווען גרויסע בערג באַוואָקסן מיט ביימער, כדי דער שונא זאָל נישט וויסן ווו צו באָמבאַרדירן.ביים אַרויסנעמען מיט די הענט די טיילן פון די ראַקעטן, זענען די הענט פאַרפרוירן געוואָרן. מען האָט נישט געפילט די פינגער. נישט געווען ווו זיך אָנצוואַרעמען. דערביי הערן נישט אויף צו פאַלן קלעפּ

און געשריִען, אַז מיר זאָלן אַרבעטן פלייסיק. טרערן שטיקן אין האַלדז. מיר אַרבעטן פון 7 פרי ביז 7 אָוונט. ווען מען גיט 12 אַזייגער טיי, שטייט מען ביים קעסל מיט אַ גרויסן שטעקן. ביז דריי מאָל לאָזן זיי נעמען דאָס טעפל צום מויל, ווען מען נעמט מער — קריגט מען איבערן קאָפּ. בעסער נישט טרינקען און נישט קריגן געשלאָגן.

7 אָוונט זענען מיר אויסגעשטעלט אין רייען געגאַנגען „אַ היים". אויפן וועג זענען מיר געבליבן שטיין אויף אַ גרויסן פּלאַץ, מען האָט אַלע אויסגעשטעלט אין גרופּן און גענומען ציילן. צו אונדזערע צרות האָט די מוזיק, אַ קאַפּעלע פון 36 מאַן, אונדז צוגעשפּילט. ביז מען האָט איבערגעציילט איבער 20,000 שקלאַפן, האָט געדויערט ביז האַלב צען אַזייגער ביינאַכט. צוגעקומען צום באַראַק, זענען מיר געווען לגמרי דערשעפּט, די צונג טרוקן ווי אַ ברעט פון נישט עסן און טרינקען. ביים באַראַק זענען געשטאַנען די „שטובע־עלטסטע" און באַפוילן מען זאָל אָפּוואַשן די שיך, זיך אויסטאָן אין דרויסן נאַקעט און גיין זיך וואַשן. ווען מ'איז ענדלעך מידע און צעבראָכענע אַריין אין באַראַק, האָט מען געקריגן מיטאָג — אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ. אין באַראַק האָבן די העפטלינגען געזאָגט, אַז מער ווי זעקס טעג האַלט אַזאַ טראַנספּאָרט נישט אויס.

אויפן צווייטן טאָג אַרבעט האָט מען מיך מיט נאָך דריי יידן באַשטימט צו טראָגן אייזערנע קעסטלעך, מיט (אַזוי האָט מען געשמועסט) נאָדלען צו די ראַקעטן. געטראָגן די קעסטלעך האָבן הענעך זאַלצמאַן מיט די צוויי ברידער זשעלעכאָווסקי און איך. זיי זענען שפּעטער אומגעקומען. באַגלייט האָט אונדז אַ יונגער עס.־עס.־מאַן. געהאַלטן האָט ער אין האַנט אַ לאַנגע רוט פון דראָט. ווען איך האָב באַקומען אַ שמיץ מיט דער רוט, איז אַ שטראָם בלוט אַרויס פון פּוס. מיר זענען געגאַנגען און געוויינט. רעדן האָט מען נישט געטאָרט. זיי, די עס.־עס.־לייט, האָבן געוואַרטשעט, אַז מיר זענען הינט, נישט קיין מענטשן.

אויפן דריטן טאָג זענען געקומען צוויי ציווילע דייטשן. מיר זענען געווען אין פאַבריק אונטער דער ערד, גרייט אָפּצומאַרשירן אויף אַרבעט. די דייטשן האָבן געפרעגט, ווער זענען דאָ טישלער. איך און נאָך עטלעכע זענען אַרויס פון די רייען. זיי, די צוויי דייטשן האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסע סטאָלעריי, וווּ ס'האָבן געאַרבעט טשעכן, איטאַליענער, פראַנצויזן. איך בין געגאַנגען באָרוועס, ווייל מיינע שיך זענען צעריסן געוואָרן. דער קאַפּאָ, אַ באַנדיט, וועלכן מען האָט אַרויסגעלאָזט פון תפיסה, איז געווען באַשטימט איבער דער סטאָלעריי. ער האָט מיר געמאָלדן, אַז כ'וועל דאָרט אַרבעטן נאָר דריי טעג.

ער האָט מיר געהייסן מאַכן ברעטלעך אויף די פּיס, מיט לעכלעך אַריינצוציען אַ שטריקל און זיי צוצובינדן צו די פּיס. אַזוי בין איך געשטאַנען און געאַרבעט אין אַ וואַרעמע שטוב. די אַרבעטער דאָרט האָבן נאָך גוט אויסגעזען, ווייל זיי האָבן דערהאַלטן פּעקלעך עסן פון זייערע היימען. איך האָב באַקומען פון זיי צוגעוואָרפענע שיריים. אַזוי האָב איך זיך געשטעלט צו ביסלעך אויף די פּיס.

ח

נישט לאַנג אָבער האָט דאָס געדויערט. איך בין געשיקט געוואָרן אויף די פעלדער לייגן שמאָלע באַן־רעלסן, וואָס האָבן געדאַרפט נוצן צו פירן אין קליינע וואַגאָנעטקעס שפּייז צו דער קיך. דאָרט זענען געווען אויפזעער פון אַנדערע פעלקער. איינער פון זיי, אַ ציגיינער פון אַלזשיריע, האָט געשלאָגן צום טויט. אין זיין האַנט האָט ער געהאַט אַ גראָב שטיק האָלץ, מיט וועלכן ער האָט דערלאַנגט איבערן קאָפּ. אויך איך האָב אַמאָל באַקומען מיט דעם איבערן קאָפּ, בלוט האָט אַ פלייץ געטאָן — און אַ צייכן איז געבליבן ביז היינט.

די גאַנצע געגנט איז טאָג־טעגלעך באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די ענגלענדער און אַמעריקאַנער. ווען די עראָפּלאַנען האָבן גענומען פליען איבערן פּלאַץ, ווו מיר האָבן געאַרבעט אין די הונדערטער, האָבן די דייטשע אויפזעער געשריגן: „דאָנערוועטער! וואָס שטייט איר ביי דער אַרבעט? לייגט אייך אויף דער ערד”. מיר האָבן זיך געלייגט מיטן פּנים צום הימל, אָבסערווירט ווי די שטאָלענע פייגל פליען איבער אונדז — און מיר קענען זיך אַ ביסל אָפּרוען.

די סטאָלעריי איז געווען נישט ווייט פון אַ קליין שטעטל, וואָס איז שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן. אַלע הייזער זענען פאַרברענט געוואָרן און די באַפעלקער־ונג פלעגט אַרויסטראָגן די פאַרוווּנדעטע אויף טראָג־בעטלעך אויפן פעלד. די מענטשן האָבן געשריגן: „ליבער גאָט, ראַטעווע אונדז פון די ענגלישע מערדער”.

פון פוילן פלעגן נאָך אַלץ אָנקומען געפּאַקטע וואַגאָנען מיט מענטשן. טויזנטער פון זיי זענען געשטאָרבן אויפן וועג. דער אויוון אין „דאָראַ” האָט נישט באַוויזן צו פאַרברענען די קערפּערס, האָט מען אויפן פּלאַץ ווו איך האָב געאַרבעט, אויסגעלייגט אַ שיכט פאַרפרוירענע מענטשן, אויף דעם — אַ שיכט האָלץ, אַזוי עטלעכע שיכטן, באַגאָסן מיט בענזין און פאַרברענט. דער גאַנצער וועג איז געווען באַלייגט מיט טויטע קערפּערס. ווי נאָר די וואַגאָנען זענען געקומען, האָבן די ענגלענדער זיי באַשאָסן מיט מאַשין־געווער און אַ סך זענען דערהרגעט געוואָרן.

ט

ווען די דייטשן האָבן געמוזט עוואַקויִרן דעם לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טראַגעדיע. דאָס פאָרן אין די וואַגאָנען איז געווען אַ זיכערער טויט. אין דער סטאַלאַרניע האָב איך געבעטן דעם קאַפּאָ ער זאָל מיך לאָזן בלייבן אַרבעטן. האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל אים ברענגען 10 טישלער, קען ער זיי אויסטוישן אין ביורא. איך האָב אים געברענגט אַ ליסטע פון 8 טישלער, זייערע נעמען און נומערן.

ווען מען איז שוין געשטאַנען צום אָפּפאָרן, בערך 20,000 מענטשן, האָט מען געריפן דורכן מעגאַפאָן מיין נומער און נאָמען, אַז איך בלייב. אַזוי בין איך געראַטעוועט געוואָרן פון טויט. אַלע מענטשן פון לאַגער האָט מען עוואַקויִרט קיין בערגן־בעלזן. זייער פיל זענען אומגעקומען אין די וואַגאָנען. איך, צוזאַמען מיט מיין גרופּע פון דער סטאָלעריי, זענען געפאָרן מיט אַנדערע פאַכלייט אין באַקוועמערע וואַגאָנען. מיר זענען אָנגעקומען קיין בערגן־בעלזן דעם 10טן אַפּריל 1945.

ווער עס האָט געהאַט כוח, איז אַריין אין די שיינע צימערן וועלכע די דייטשע אָפיצירן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט. עס האָט געבערענט דער גאַנצער אַרכיוו. געבליבן זענען עטלעכע אָפיצירן צו היטן די אָרדענונג. צו זייער דיספּאָזיציע האָבן זיי געהאַט אויטאָס, איבערגעצויגענע מיט ווייסע לייוונט און ווייסע פענער — אַ סימן פון אונטערגעבן זיך. דער הונגער איז געווען שרעקלעך. איך האָב געקריגן אַ האַלב טעפּל טיי צוזאַמען מיט מיין מיטאַרבעטער, משה בעזנאָס פון סאַרנע. ער איז געשטאָרבן איין טאָג פאַר דער באַפרייונג.

די רוסן, וועלכע זענען אויך געווען העפטלינגע, האָבן געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די קאַפּאָס, זיי געשאָסן און פיל דערהרגעט.

מיר האָבן זיך צוגעמאַטערט ביזן 15טן אַפּריל 1945, ווען אַ האַלב־טויטער, (געוווּיגן 34 קילאָ), האָב איך ענדלעך דערלעבט דאָס אַריינמאַרשירן פון די ענגלענדער אין אונדזער לאַגער. זיי האָבן געטראָפן פאַרסמט ברויט, וואָס איז געווען באַשטימט אומצוברענגען אַלע העפטלינגע.

י

קנאַפּע 30 יאָר זענען פאַריבער זינט עס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די יידישע ליכטער, וואָס האָבן במשך פון הונדערטער יאָרן אַרויסגעלויכטן פון וואַרעמע, יידישע היימען. אַ מבול פון בלוט און טרערן האָט פאַרטרונקען אַלץ

וואָס איז יידיש. מיר וועלן נישט פאַרגעסן, כאָטש עס זענען אַוועק אַזוי פיל יאָרן. דער קאָשמאַר יאָגט נאָך די לעבנגעבליבענע רעשטלעך. די בילדער פון חורבן, רציחה און פיין לעבן אין אונדז און שווימען אויף ביי יעדער געלעגנהייט. באַזונדערס, ווען עס דערמאָנט זיך דער שוידערלעכער זומער פון יאָר 1942, ווען מען האָט איבערגעגעבן די אויב־בשורה צו פאַרלאָזן אונדזערע היימען, מיט קליינע קינדער און אַלטע לייט. דאָס בילד קען איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. יעדעס יאָר דאַרף מען דערמאָנען די יאָרצייט. אַ יאָרצייט נאָכן אומגעקומענעם יידישן יישוב, גניעוואַשאָוו...

נאָך דער באַפרייאונג האָב איך ווידער אַמאָל באַזוכט אונדזער שטעטל און געקוקט אויפן זעלבן אָרט ווו די יידישע הייזקעס זענען געווען אינגאַנצן חרוב, צוזאַמען מיט די מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. די נשמה פון יעדן יידישן קינד האָט געשוועבט אויפן ליידיקן פלאַץ פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק.

ווו עס לעבט אַ יידיש קינד, ווו יידישע מענטשן זענען צונויפגעזאַמלט און דערמאָנען טאַטע־מאַמע, דערמאָנען פאַרגאַנגענע טעג פון אַמאָליקן לעבן, מינוטן פון פרייטיק־צו־נאַכטן מיט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער — פילט עס זיי אָן מיטן לעבן פונעם היינט. זאָל די פאַרגאַנגענהייט זיין אַ לערע פאַרן מאָרגן.

ברחתי מכמה מחנות

מנחם ויינריב / חולון

לפי גביית־עדות מס׳ 1־2933/165 ב„יד־ושם״, תל־אביב.

נולדתי בשנת 1928 בעיירה גניבשוב, מחוז קיילצה, פולין. אבא היה סוחר בענף המתכת. משפחתי היתה מסורתית מאוד, מחסידי הרבי מגור. בגיל שלוש התחלתי ללמוד ב„חדר״, אחרי־כן למדתי בבית־הספר היסודי הפולני, אולם בו־בזמן למדתי גם ב„חדר״ עד השעה 10 בערב, לאחר סיום הלימודים בבית־הספר היסודי. לא היה באפשרותי להכין את שיעורי הבית בשביל בית־הספר הפולני, כי בשובי הביתה הייתי עייף מדי ללמוד שוב.

כך חייתי עד פרוץ מלחמת העולם השניה, עת התכוננתי לחגיגת הבר־מצווה.

כאשר פרצו הגרמנים, החלו הרדיפות נגד היהודים. אבי לא העז לצאת מפתח הבית, שכן היה יהודי אבדקן וכאשר נאלץ לצאת לרחוב השתדל להסתיר את זקנו, כאילו חש בכאב שיניים. מובן, שלא יכולנו עד להמשיך בלימודים, כי גם הילדים נאלצו לצאת לעבודה ולעזור בפרנסת הבית. הגרמנים דרשו יהודים לעבודות שונות והטילו עליהם עבודת־כפייה. לפי גילי הייתי פטור מעבודה, אולם עבדתי, כדי לפטור את אבא ממנה. בגיל 13 עבדתי עבודה פיזית קשה מאוד.

הוקם ה„יודנראט״, שהיו״ר שלו היה יעקב דינר ומזכירו — יוסף קורופאטווה. מפקד המשטרה היהודית היה גרוסמן יחיאל, בעבר שכננו, אבל עתה לא התחשבו עוד בקשרים ידידותיים או חברתיים.

לעתים קרובות הופיעו הגרמנים ודרשו כופר־כסף, מגפים, בדים וכד׳. את האחריות על מילוי דרישותיהם הם הטילו על היודנראט, וגוף זה נאלץ בלית ברירה, לכפותם על יהודי העיירה. לעתים פרצו מריבות וסכסוכים בין היודנראט ובין היהודים הנתבעים, על רקע של קיפוח ואי־צדק. אבל היום לא נותר איש מהם בחיים ואין לדונם לכף חובה.

מצרכי־המזון אזלו מהשוק ושום חלוקה של דברי־מזון לא קיבלנו. יהודים שעמדו לפנים בקשרים עם איכרי הסביבה, יצאו עתה לכפרים, בלילה או עם

הנץ החמה, כדי להביא טרף לבני ביתם. גם נוצרים „התפלחו" לעתים לגיטו להביא מעט אוכל לתושביו — שכן העיירה היתה קטנה ואף הגיטו כך.

בעל איטליז היה בעיירה, בשם רוזנווין. פולני הלשין עליו בפני הגרמנים, כי הוא מוכר בשר מטיב גרוע ללקוחותיו. הנאצים אסרוהו, עינו אותו ועל גבו תלו שלט עליו היה כתוב בפולנית, ביידיש ובגרמנית: „אני מוכר בשר קלוקל" וכך הובילוהו דרך סימטות העיירה. לאחר שגזזו את שערותיו שוחרר. אולם לא אחת נורה יהודי למוות, אם נמצא מחוץ לגיטו.

לפי רשימה של יהודים אמידים בעיירה, שהיתה בידי הגרמנים, הם היו פורצים לבתיהם ושודדים כל אשר מצאו בהם. הם גם פרצו לבית משפחת שצווייגנברג, ידידינו הטובים. באחד הימים נעצרה מכונית לפני ביתם והגרמנים וה„פולקסדיוטשה" שישבו בתוכה, פרצו פנימה, החרימו כל בדי־הטקסטיל שמצאו שם, שכן האיש היה לפני המלחמה סוחר טקסטיל. הייתי אז נער קטן, בלי שאיש ישגיח בי התגנבתי לתוך הדירה ובעלת־הבית פייגה צווייגנברג, דחפה לידי שקית מלאה דברי־ערך שונים ואני הבאתיה לביתנו. ימים רבים חששו בני המשפחה הזאת לצאת מפתח ביתם.

משפחתי לא גורשה לגיטו, כי ביתנו עמד מאז בתחומי הגיטו שהוקם. הבית עמד על מגרש רחב־ידים, בו שכן בעבר גם מחסן הברזל של סבי. לפני הגירוש מהעיירה, הופיע בבית גוי מוכר לנו ו„הציע" לאבי לחתום על נייר כי הוא מוכר לו את המגרש ואת הבית (היו לנו שני בתים, אחד בבעלותנו ואחר — ירושת סבי). הגוי הכריח את אבי לחתום על „המכירה" ותמורת רכושנו הבטיח הוא להובילנו בעגלתו, שכן כל יהודי צריך היה לדאוג בשעת הגירוש לעגלה למשפחתו. הוא אמנם קיים דברו, ובעגלתו גורשנו מהעיירה. זו היתה „התמורה" שקיבלנו בעד כל רכושנו.

2

הגירוש בוצע בשנת 1942. אולם עוד קודם לכן גורשו יהודים רבים, ביניהם הייתי גם אני. גורשתי למחנה־עבודה, ליד פולאווי. לא היה זה מחנה־עבודה טיפוסי, כי אם ריכוז של עובדים, שמצאו שם לינת לילה. אוכל צריך היה כל אחד להביא לעצמו. מדי כמה ימים התחלפו שם העובדים. כשנה עבדתי שם במשתלה של צמחים שונים.

ב־1941 יצאה פקודה, כי הנפה צריכה לספק עובדים למחנה־העבודה ידלינה, בו עסקה חברה גרמנית בבניית כבישים ומסילות־ברזל. גם עיירתנו חויבה לספק

מיכסת עובדים בשביל המחנה הזה. את ביצוע הגזרה הטילו הגרמנים על היודנראט. ממשפחתנו — התייצבתי אני. אבי לא יכול היה להתייצב, כי היה יהודי אדוק מאוד. הוא הקפיד על כשרות ולא טעם מעולם דבר מחוץ לביתו. האחרים דאגו לפרנסת הבית. ורק אני נותרתי — והתייצבתי לעבודה.

שם המחנה היה סיטשקי, ליד ידלינה. זה היה מחנה על כל פרטיו ודקדקיו, על משמעתו החמורה ושומריו מה־ס. ס. אתר הבנייה, שם עבדנו, היה כ־10 ק״מ מהמחנה. לעבודה הלכנו ברגל ואף חזרה ממנה עשינו רגלי. העבודה היתה מפרכת מאוד, עבדנו בזיפות כבישים ובביוב. חפרנו תעלות לצינורות תחת פיקוחו של מנהל עבודה מושחת, שהיה מכה ללא כל סיבה. יום־יום בחר לעצמו קרבן חדש להתעללויותיו והיה משבר את האתים על גבו. עבדנו לפי נורמות — כלומר — מי שחפר מעל לנורמה, קיבל צלחת מרק נוספת. כמובן שאנו — בן־דודי ואני — השתדלנו לעבור על המיכסה הקצובה, כדי לזכות בעוד צלחת מרק. החפירה לא היתה קלה, האדמה טובענית ולחפור בה היה קשה מאוד. זו היתה אדמת חמר שנדבקה לאת, וצריך היה לנקותו מדי פעם בפעם. כאשר השגיח מנהל העבודה כי העובד אינו מתנועע רגע, מיד ספג מכות רצח. עם סיום העבודה, נערך מיסדר שלאחריו הובלנו חזרה למחנה. יום העבודה ארך שתים־עשרה שעות, מהבוקר ועד הלילה.

רוב אסירי המחנה היו יהודים, היו גם פולנים מעטים, אבל אלה זכו לעבודות קלות ואחריות יותר. הם לעגו לנו במצוקתנו: „מעולם לא רציתם לעבוד״ — „עכשיו מאלצים אתכם לכך. הנעימה לכם העבודה?!״ אבל היהודים שנכלאו במחנה זה, ידעו יפה לעבוד, והיו מקרים שה־ס. ס. שיחררו עובדים שלא סיפקו את תביעותיהם בעבודה.

ביום־הכיפורים, תש״ב (1941), החליטה קבוצת יהודים (כ־20—30 איש) לא לעבוד ביום קדוש זה. הם העמידו פני חולים ולא יצאו לעבודה. הדבר נודע לרוצחי ה־ס. ס. בשובנו עם ערב למחנה נודע לנו כי השלושים הוצא להורג. לא טעמנו דבר באותו יום, התהלכנו כצללים, בין הנרצחים היו חברים שלי, אתם למדתי ב„חדר״ מילדות.

לאחר המקרה הזה, החלטנו, אני וכמה מחברי, לברוח מהמחנה. ואכן, בלילה ברחנו, אף־כי לא הכרנו את הסביבה. לאחדים מאתנו היה מעט כסף, שיחדנו איכר שיראה לנו הדרך, כדי לא להתקל בגרמנים. הגוי לקח מאתנו את הכסף, הובילנו ליער ושם עזב אותנו לנפשנו. בלית־ברירה המשכנו בדרכנו, בלי לדעת לאן לפנות. היינו שישה איש. לאחר תעייה של כמה שעות, ראינו כי הגענו

ל... גניבשוב. יראתי ללכת הביתה, כי חששתי בפני הגרמנים, שיחפשו אותי שם. נכנסתי לביתם של פולנים מכרים ושם התחבאתי, אבל הודעתי למשפחתי כי ברחתי מהמחנה ואת מקום המצאותי. בינתיים הודיעו מהמחנה לעיירה על בריחתנו ופקדו עלינו לחזור. לא חזרתי. אז אסרו את אבי, לכן נאלצתי להתייצב שוב בפני מעני ושולחתי למחנה אחר — לבורוודזיי. מחנה זה שכן ביער והועסקתי בהקמת צריפי עץ לשבויי מלחמה. הובאו לשם חיילים רוסיים לאלפיהם. הייתי שם חדשים אחדים, אבל גם ממנו ברחתי. היה זה מחנה גדול, מורכב מהרבה מחנות קטנים, בו נכלאו גם לא יהודים — אסירים בני עמים שונים. פגשתי שם יהודים ממקומות שונים בפולין. המחנה שכן סמוך לראדום.

3

משם הצלחתי לברוח, הודות לנסיוני הקודם. היו אתי יהודים אחדים מהעיירה וורקה שהכירו יפה את הסביבה, את הכפרים והאיכרים. המחנה היה מוקף זקיפי ס. ס. רבים. בלילה ברחה קבוצה גדולה ומיד התפצלה לחוליות קטנות יותר ואני הלכתי עם שני יהודים מהמחנה. פנינו לעבר קוז'ניץ. היו לי שם דודים ובני דודים, אך לא יכולתי להסתייע בהם, שכן הם עצמם שרויים היו במצוקה רבה. נודע לי שם כי כל יהודי גניבשוב גורשו לזוולין. תוך שלושה ימים הוכרחו כולם לעזוב, אבל משפחות רבות תחת לפנות לזוולין, פנו לדמבלין. הגעתי לגניבשוב ביום האחרון של הגירוש, בשעה האחרונה ממש, לפני הגירוש לזוולין. כולם היו בטוחים כי אני נמצא במחנה — והנה ניצב אני לפניהם! נסעתי עם הורי לזוולין. רוב המגורשים עשו דרכם בעגלות, אבל היו רבים שידם לא השיגה לשכור עגלה. לרשותנו הועמדה העגלה של הגוי, הנזכר לעיל, לו „מכרנו" את רכושנו. הדרך היתה קשה, אך הודות לזוג הסוסים הגענו בשלום למקום גירושנו.

בזוולין הושלכנו לרחוב, אבל היו לנו שם קרובים, משפחת וולמן, אצלה התאכסננו. כעבור כמה ימים יצאה פקודה כי על כל הגברים להתייצב ל„אפל". ממגרש ה„אפל" נלקחו הגברים הבריאים והצעירים, ביניהם היה אבא ואני. הובאנו לדמבלין. משם הובלנו ברגל, מהלך של כ־20 קילומטר, לגארבאטקי. אלה שפיגרו ולא יכלו לשמור על הקצב נורו במקום. בתחנת־הרכבת בגארבאטקי הושבנו להמתין וראשינו כלפי מטה. הגיעו קרונות רכבת שהיו מיועדים להובלת בחם. עליהם הועמסנו והובלנו לדמבלין.

4

בדמבלין שוב נערך „אפל" ומשם הובלנו למקומות שונים. הופרדתי מאבי.

את אבא שלחו לעבודות בניין ואותי — למחסני תחמושת, ששכנו ביער. יום־יום הובילו אותנו, תחת ממשר של ס. ס. מזויינים למחסני הנשק שביער.

פעם אחת שוב רוכזנו למיסדר, כדי למיין את הזקנים והחלשים שבעיני הגרמנים לא היו כשרים עוד לעבודה. שמועות הגיעו אלינו, כי ה־ס. ס. התלוננו על היודנראט בדמבלין, השולח אליהם זקנים לעבודה. הם תבעו כי היודנראט יחליפם בצעירים. אבל במחנה הילכו שמועות, כי היודנראט בכוונה שולח זקנים אלה, שכן אין לו די כוחות עבודה צעירים לעבודות המתבצעות בעיר גופה.

ב„אפל" זה הוציאו הגרמנים כחמישים יהודים זקנים, ביניהם היו גם דודי ונלקחו ליער הסמוך. עוד בעומדנו על המגרש שמענו הדי יריות משם. הם נורו למוות ולאחר מכן הושלכו גופותיהם לתך בור גדול. עמדנו על מקומותינו, לפי פקודה, עד הלילה ולא זזנו. היה זה בסתיו 1942.

למחרת היום פקדו הגרמנים על חמישה אנשים מבינינו (בתוכם הייתי גם אני) לקבור את הנרצחים. שני גרמנים הובילונו ליער וציידו אותנו באתים. בלכתי לשם גמלה בי החלטה לברוח ולא להשאר פה אפילו יום אחד נוסף.

בהתקרבנו למקום הרצח, ראינו ערמות הבגדים של הנרצחים מונחות על האדמה. הבינותי, כי לפני הרצחם הופשטו ערומים. ניצלתי רגע מתאים, כאשר השומר הפנה מבטו הצדה, חמקתי מהשורה ורצתי לעבר היער. רצתי לבדי, בכל כוחותי. לא סיפרתי לאיש על כוונתי זו, שכן גם אצלי גמלה ההחלטה פתאום. כל הזמן נורו לעברי יריות רבות מאוד, אך אני המשכתי בריצה, לאחר כמה שעות של ריצה נעצרתי והסתתרתי עד רדת הלילה. משהחשיך, המשכתי בדרכי. יצאתי מהיער וחציתי את הכביש המוביל לדמבלין. נדמה היה לי כי כל אדם שנקרה בדרכי בולש אחרי ומבקש להסגירני.

בדמבלין שהייתי יומיים, שם עבדתי בבניין. אבל הגירוש הגיע גם לכאן. לפתע פתאום נורו יריות מכל העברים. אני וחברי לעבודה ברחנו למקום עבודתנו, כדי להמלט מהעיר. אשתו של ידידי וילדו נרצחו ברחוב. לאחר הגירוש חזרנו לעיר ממקום עבודתנו שהיה מרוחק ממנה כ־3 ק"מ. לנגד עינינו נתגלה מחזה אימים שאין לתארו: מאות גוויות של נרצחים שכבו בחוצות העיר כולה, זקנים וצעירים, אמהות ותינוקות בזרועותיהן. מספר הנרצחים באותו יום הגיע לשלוש מאות. ידענו, כי אסור לנו להשאר במקום הזה, חזרנו למקום עבודתנו, במבצר הדמבליני.

במחנה זה לא הייתי „ליגאלי", שכן לא הייתי רשום בו. המחנה הדמבליני

הזה נחשב לנוח ביותר, כי הנה הובאו כל הפרוטקציונרים והמיוחסים של היודנראט. בשעת מיפקד לא התייצבתי בשורה, כדי שלא יגלוני. השתדלתי כל הזמן להתחמק ממיסדרים, אבל קשה מאוד היה לצאת בוקר־בוקר לעבודה בלי להפקד.

5

פעם בלילה הקיפו ה־ס. ס. ואוקראינים את המחנה. הוצאנו מהמחנה וגירשו אותנו שוב לדמבלין. הובאו לשם יהודים גם ממקומות אחרים, ביניהם גיליתי את אבי. חלק מאתנו הועבר למפעל הגרמני הגדול של שולץ ואת יתר האנשים גרשו לקונסקה ווליה — עיירה קטנה, מרוחקת כ־6 ק״מ מפולאווי. אנו הובלנו לשם ע״י האווקראינים, דרך של כ־30 ק״מ מדמבלין. השומרים לא הניחו לנו לנסוע בעגלות ונאלצנו ללכת כל הדרך ברגל. אך יתרה מזו, הם חלצו מהיהודים זוגות מגפים ,נעלים ואף סנדלים, שמצאו חן בעיניהם והותירו אותם יחפים.

בקונסקה־וולה הוכנסנו לחצר של מינזר — שם התחברנו עם יהודים אחרים, שהיו כלואים בחצר זו. הבינותי, כי אם רוכזו יהודים כה רבים במקום אחד, הרי כוונת הגרמנים לרוצחם נפש. שם נפגשתי שוב עם אבי.

פתע קמה בהלה, ואלפי יהודים הכלואים החלו להתרוצץ ולרוץ. נשמעו יריות רבות ואני רצתי יחד עם ההמון, בלי לדעת לאן. ברחנו — אני ושני יהודים — ישראל פרלשטיין ופלקנפלד — מהחצר והתחבאנו באחד המרתפים. את הדלת השארנו פתוחה והדי יריות הגיעו לאזנינו ללא הפסקה. הגרמנים, בלווית כלבים התרוצצו בכל העיירה, כדי לגלות יהודים מוסתרים. הם הגיעו גם למרתף שלנו, נצמדנו בכל כוחותינו לקיר ואף כי הגרמנים האירו את המרתף בפנס־כיס, לא גילו אותנו.

כל אותו יום ישבנו במקומנו ותיכננו כיצד להיחלץ משם. פתע נכנס למרתף פולני, כדי לקחת משם תפוחי־אדמה. כשראה אותנו, הוא החל לצעוק כי נסתלק מיד, שכן אינו רוצה להיות מואשם בהסתרת יהודים. הצענו לו הרבה כסף תמורת המחבוא, אולם הוא לא אווה לשמוע על־כך אך לבסוף נתרצה. הבטחנו לו הרבה כסף, דברי־ערך ואני הוספתי לו את חליפתי הטובה שלבשתי, כדי שיוביל אותנו לדמבלין, שכן אחיו של ישראל פרלשטיין נמנה על הנהלת מחנה העבודה שם.

לאחר שהגוי לקח מאתנו כל דברי־ערך שהיו ברשותנו, אמר כי הוא יוצא להכין עגלה שתסיע אותנו לדמבלין. הוא חזר כעבור זמן־מה והביא אתו מעט אוכל בשבילנו, בהבטיחו לנו כי למחרת בלילה יוציא אותנו מכאן. אולם הוא

לא הופיע ורק אחרי שלושה ימים, לאחר שאבדה תקוותנו — בא. הוא הביא אותנו לכפר ומשם ליער. כאן הוא אמר לנו לרדת מהעגלה ועזב אותנו לנפשנו. התחלנו לחפש הדרך לדמבלין, ובתעייתנו נקלענו לאחד הכפרים. האיכרים רדפו אחרינו ורצו להרגנו. במנוסתנו הם שיסו בנו את כלביהם. כפרי הסביבה של דמבלין ידועים היו מאז ברשעותם וביחסם האנטישמי העמוק.

6

אחרי סבל ופחדים הגענו לדמבלין. שני חברי לדרך פנו לאח שבמחנה ואני התגנבתי למחנה־עבודה של שולץ. עבדתי שם זמן מה עד שהועברתי למחנה „באולייטונג" גם שם לא הייתי „ליגאלי" ומצבי היה קשה למדי שכן הייתי חולה ותשוש מאוד, כ„מוזלמן". עבדנו בשדה־התעופה בבניית מחסות למטוסים, בפני הפצצות.

כאן עבדתי עד שהצבא הרוסי החל להתקרב לעבר הווייסל. אז פונינו למחנה בצ'נסטוכוב. זה קרה ביולי 1944. חולקנו לשלושה מחנות קטנים יותר. אני הועברתי למחנה ראקוב, ליד צ'נסטוכוב. עבדתי בכורי־היתוך, שייצרו חלקי טאנקים. כאן עבדתי עד סוף 1944.

יום אחד הועמסנו לרכבת ולאחר נסיעה של כמה ימים באנו למחנה בוכנוואלד, זה קרה בראשית שנת 1945. אם המחנות הקודמים היו איומים, הרי מחנה זה היה ממש גיהינום. הופשטנו ערומים והובלנו למקלחת. לאחריה הועמדנו למיפקד, ואף כי היינו כולנו ערומים, תבעו מאתנו הגרמנים למסור לידיהם את כל הכסף ודברי־הערך שברשותנו. הוכנו מכות אכזריות, בייחוד הכו אלה שקלסתר פניהם העיד בהם כאילו בעלי השכלה הם. לאחר מכן ציוו על אחד היהודים לשיר פרקי חזנות ועל אחר להציג הצגה — וכל זה בעומדנו ערומים לגמרי. שערות ראשינו גולחו וניתנו לנו „פאסיאקים" — בגדי אסירים בפסים. חזותנו שונתה עד כדי כך, שאיש לא הכיר את רעהו. חולקנו לפלוגות־עבודה. לאחר זמן קצר הועברנו למחנה דארא — מחנה משנה לבוכנוואלד. עבדנו בייצור תחמושת. לעתים קרובות נתלו אנשים עד צאת נשמתם, עקב חשדות בחבלה. כל המחנה נאלץ היה להיות נוכח בשעת ביצוע התליות.

מדארא הועברנו לרוטלברודה — גיהנום עלי אדמות. האנשים עונו עינויים נוראים בלי כל סיבה. יום־יום נפלו עשרות קרבנות. המומתים נשרפו בכבשנים. אנו סחבנו את הגוויות ממקום העבודה עד למחנה.

היה בינינו מוזיקאי נודע, מאקס אינגברג. הוא סיפר כי פעמים אחדות ניצל

ממוות, הודות לנגינתו בפני הרוצחים. אולם כאן הוא נרצח, חודש ימים בלבד לפני השיחרור.

7

כאשר החזית התקרבה אלינו, גורשנו ברגל מהמחנה. עברנו את העיר נורדהאוזן, שכולה עמדה אחוזה בלהבות. בדרך אמר איש לרעהו, כי כנראה שהגרמנים עצמם אינם יודעים לאן להוביל אותנו. לא פעם חזרנו על עקבותינו, ללא כל מטרה. השומרים לא קיבלו עוד פקודות ואיש־איש מהם עשה הישר בעיניו.

לילה אחד הגענו סמוך לעיר גארדיליגן. הגרמנים התייעצו מה לעשות בנו עכשיו. בשובם הביאו אתם שוטרים ו„היטלר־יוגנד". הם כלאו אותנו — כששת אלפים איש — בתוך גורן. אבל מהמון האדם שנדחסו לתוכה התמוטטה הגורן ורבים ניצלו ההזדמנות ונמלטו, ביניהם הייתי גם אני. על הגורן שפכו הגרמנים בנזין והציתוה. אלפי אנשים נשרפו על ידם חיים על אדמת גרמניה, ימים אחדים לפני השחרור. הזעקות הנוראות של הקרבנות הנשרפים חיים הגיעו אלינו, כששכבנו ביער סמוך. זה היה ב־13 באפריל. למחרתו, ב־14 באפריל, כבשו צבאותיו של הגנראל אייזנהאור את העיר. האמריקנים עוד ראו במו עיניהם גופות שרופות מפרפרות, מעלות עשן.

שהינו ביער ימים אחדים, כי טרם ידענו אם אמנם שוחררנו מהרוצחים־הגרמנים. ביער בימים בהם התחבאנו שם, נתקלנו פעמים רבות בגרמנים שירו לעברנו ואף הרגו אחדים מאתנו — ביניהם היה בן־עירי.

ב־15 באפריל נודע לנו כי שוחררנו ואז יצאנו מהיער. חזרנו למקום בו עמדה הגורן ולנגד עינינו נתגלה מחזה אימים, נורא ומזוויע שאין לתארו בלשון בני־אדם. גופות שרופות כליל או למחצה התגוללו מסביב. שלטונות הצבא האמריקני דאגו לנו למגורים ובקשו מאתנו להשאר במקום כדי למסור עדות נגד הרוצחים — מפלצות בדמות בני־אדם. למען האמת, את הגורן הציתו תושבים אזרחים וה„היטלר־יוגנד" ולא אנשי צבא גרמניים. אחרי כמה ימים נערכה הלוויה רשמית של הקרבנות. גוויותיהם ועצמותיהם נאספו והובאו לקבר. אך הואיל ובין הקרבנות היו גם מבני דתות אחרות ולא רק יהדים, ערכו את טקס הקבורה רב וכומר, שהובאו מהמחנה הצבאי. הגרמנים נאלצו לכרות קברות לקרבנותיהם ואף לשתול פרחים על קברותיהם. את העיר כולה הענישו האמריקנים.

עכשיו פניתי לברגן־בלזן ומשם, עם קבוצת יהודים לעבר הנובר. כעבור כמה זמן קראתי בעתון שהוועד היהודי מחפש עדים לזוועות הגרמנים במחנות. אף־כי הייתי חלש ותשוש החלטתי לנסוע למינכן, לוועד היהודי. עדותי נסבה על מחנות דורא ורוטלברודה. מרוטלברודה נותרתי העד היחידי והעידותי נגד רופא, כושי מאפריקה, שהיה רוצח אכזרי ביותר. הוא נהג להזריק לאסירים זריקות בנזין, שבגללם מתו האנשים מיד. אני זוכר כי במשפט נחקרתי מניין לי כי האנשים מתו מזריקות אלה. מסרתי עדות על שלושים רוצחים, ביניהם „קאפו". סניגורם היה העורך־דין סרוואציוס, זה שהגן לאחר שנים על הרוצח אייכמן, שנשפט בבית־המשפט בירושלים. הוא רצה לבלבל אותי בשאלותיו, אך לא הצליח במלאכתו. הואיל והמשפט נמשך כ־14 חודשים הוקצו לי מגורים בדאכאו. חמישה ימים בשבוע (פרט לשבתות וימי א') עמדתי בפני בית המשפט למסור עדותי. זה היה זמן קצר לאחר סיום משפטי נירנברג.

בגרמניה הייתי חבר ה„הגנה" עד שקבוצתי קיבלה פקודה לעלות לישראל ב„עליה ב'". הגעתי ארצה בשנת 1948 באניה „קדמה" ואז פרצה מלחמת השיחרור. השתתפתי במלחמה זו בחטיבת „יפתח" שנלחמה בנגב. לחמתי גם במבצע סיני ובמלחמת ששת הימים והיום הנני חייל מילואים בחיל השריון.

אני נשוי ואב לשלושה ילדים.

אַנטלאָפֿן פֿון עטלעכע לאַגערן

מנחם ווײַנריב / חולון

(לויט די גבֿיית־עדות נומ. 2933/165־1
אין יד ושם, תל־אביב)

1

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1928, אין שטעטל גניעוואַשאָוו, קעלצער וואָיעוואָדסטווע. מײַן פֿאָטער איז געווען אַ סוחר אין דער אײַזן־בראַנזשע. אונדזער משפּחה — זייער אַ רעליגיעזע, גערער חסידים. אין עלטער פֿון 3 יאָר האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין חדר, און שפּעטער — גלײַכצײַטיק אויך אין דער פּוילישער פֿאָווסעכנער שול — ביז מיטאָג, דערנאָך געלערנט אין חדר ביז שפּעט בײַנאַכט. איך האָב אַפֿילו נישט געהאַט קיין צײַט צו מאַכן די לעקציעס פֿון שול, ווײַל איך פֿלעג צוריק קומען 10 אַזייגער בײַנאַכט פֿון חדר און בין שוין געווען מיד.

אַזוי האָט זיך געלעבט ביז צום אויסברוך פֿון דער מלחמה, ווען איך בין אַלט געווען 12 יאָר, געגרייט זיך צו בר־מצווה.

ווי נאָר די דײַטשן זענען אַרײַן, האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפֿות קעגן ייִדן. מײַן פֿאָטער, וועלכער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד, איז נישט אַרויס אין גאַס. ווען ער האָט שוין געמוזט אַרויסגיין, האָט ער זיך פֿאַרבינדן די באָרד, כלומרשט די ציין טוען אים וויי. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס לערנען האָט זיך איבערגעריסן. די קינדער האָבן געמוזט גיין אַרבעטן און העלפֿן אין דער פּרנסה. די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאַנגען ייִדן צו דער אַרבעט. לויט מײַן עלטער, האָב איך נאָך נישט באַדאַרפֿט אַרבעטן — אָבער יאָ געגאַנגען, אָנשטאָט דעם טאַטן. בײַ 13 יאָר האָב איך געאַרבעט בײַ שווערער, פֿיזישער אַרבעט.

עס האָט זיך געשאַפֿן בײַ אונדז אַ יודענראַט. פּרעזעס — יעקבֿ דינער, סעקרעטאַר — יוסף קוראָפּאַטווא. דער קאָמענדאַנט פֿון דער ייִדישער פּאָליצײַ — יחיאל גראָסמאַן. ער איז אַמאָל געווען אונדזערער אַ שכן, אָבער נישט תּמיד האָט מען זיך גערעכנט מיט קרובֿים און ידידים.

אָפּט פֿלעגן קומען די עס.־עס. און פֿאַרלאַנגט קאָנטריבוציעס — געלט, שטיוול, שטאָפֿן א. אַ. וו. דער יודענראַט איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך און מען האָט געשלעפּט פֿון יעדן איינעם. אַ סך יידן האָבן זיך אויסגעקויפֿט פֿאַר געלט און נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. עס פֿלעגן פֿאָרקומען צוליב דעם סכסוכים און קריגערייען מיט די יודענראַט־מענטשן, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין אומגערעכטיקייט. אָבער היינט לעבט שוין נישט קיינער פֿון זיי און מ׳דאַרף זיי נישט דערמאָנען צום שלעכטן.

מיט עסן איז געווען זייער שווער. קיין צוטיילונגען האָבן מיר נישט באַקומען. יידן, וועלכע האָבן געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט די אַרומיקע פּויערים, זענען אַוועק אין די דערפֿער בגניבה, ביינאַכט אָדער פֿאַרטאָג, און זיך געשאַפֿן שפּייז. אויך קריסטן פֿלעגן זיך אַריינשמוגלען אין געטאָ און ברענגען עסן. געווען ביי אונדז אַ פֿאַרמאַכטע געטאָ, דאָס שטעטל איז געווען זייער קליין, מען קען זאָגן — אַ גרויס דאָרף.

געווען ביי אונדז אין שטעטל אַ קצב, ער האָט געהייסן ראָזנוויין. אַ פּאָליאַק האָט געמסרט פֿאַר די דייטשן, אַז דער ייד פֿאַרקויפֿט נישט קיין גוט פֿלייש. האָט מען דעם קצב געפּייניקט, געצוווּנגען אים צו גיין איבערן שטעטל מיט אַן אויפֿגעהאָנגענער שילד, וווּ ס׳איז געווען געשריבן אין פּויליש, יידיש און דייטש: „איך פֿאַרקויף שלעכט פֿלייש!“ מען האָט אים אָפּגעשוירן די האָר, דערנאָך אים אָפּגעלאָזט. עס זענען אָבער אויך געווען פֿאַלן ווען מען האָט געשאָסן יידן, בפֿרט די, וועלכע מען פֿלעגט טרעפֿן אויסערן געטאָ.

די דייטשן פֿלעגן אָפּט אַרומגיין און רויבן זאַכן ביי יידן. זיי האָבן געהאַט אַ ליסטע פֿון די פֿאַרמעגלעכע יידן און גיין לויט די אָנגעגעבענע אַדרעסן. איין מאָל זענען זיי אַריין צו דער משפּחה צווייגענבערג, אונדזערע גוטע פֿריינד. זיי האָבן אַמאָל געהאַט אַ שניט־געשעפֿט, און אויך באַהאַלטן סחורה. דייטשן, צוזאַמען מיט פֿאָלקס־דייטשן, זענען צוגעפֿאָרן מיט אַ לאַסט־אויטאָ און אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן די סחורות פֿון דער שטוב. איך, אַ קליין יינגל, האָב זיך אומבאַ־מערקט אַריינגעגנבעט צו זיי אין שטוב, אין דער צייט ווען די דייטשן האָבן דאָרט ראַבירט. די מוטער, פֿייגע צווייגענבערג, האָט אין אַ זעקל אַריינגעלייגט פֿאַרשידענע ווערט־זאַכן און איך האָב עס אומבאַמערקט אַרויסגעטראָגן און עס באַהאַלטן ביי אונדז אין שטוב. נאָך דעם רויב, האָבן זיי במשך אַ פּאָר טעג מורא געהאַט אַרויסצוגיין פֿון שטוב.

אונדז האָט מען נישט אויסגעזידלט, ווייל אונדזער הויז איז געווען אויף

דער טעריטאָריע פון געטאָ, אַזוי, אַז מיר זענען דערווייל געבליבן ביי זיך. אונדזער שטוב איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ, ווו מיין זיידע האָט אַמאָל געהאַט אַ גרויס אייזן־געשעפט. פאַר דער אויסזידלונג פון די יידן, איז צו אונדז געקומען אַ באַקאַנטער קריסט און געזאָגט, אַז ער וויל פאַרנעמען אונדזער הויז מיטן פּלאַץ (מיר האָבן געהאַט צוויי הייזער, איינס אונדזערס און דאָס צווייטע — אַ ירושה נאָך מיין זיידן). דער פּאָליאַק האָט געצוווּנגען מיין פאָטער אונטערצושרייבן, אַז ער פאַרקויפט אים דעם גאַנצן פּלאַץ מיט די הייזער, דערפאַר האָט ער אונדז צוגעזאָגט צו געבן זיין פור, ווייל יעדער ייד האָט געמוזט אַליין זיך באַזאָרגן אַ פור בעת דער אויסזידלונג. ער האָט אונדז טאַקע געגעבן די פערד, אַליין אָנגעטריבן, און דאָס איז געווען זיין „באַצאָלן" פאַר אונדזער פאַרמעגן.

2

אַזוי האָט מען געלעבט אין געטאָ ביז דער אויסזידלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1942. אָבער אַ טייל יידן, און איך צווישן זיי, זענען נאָך פריער געוואָרן אַרויסגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער, 6 קילאָמעטער הינטער פולאַוו. דאָס איז נישט געווען קיין ריכטיקער לאַגער, נאָר אַן אַרבעטס־פּלאַץ, ווו ס'איז געווען אַן אָרט צום שלאָפן. עסן האָט מען געדאַרפט ברענגען מיט זיך. די אַרבעטער פלעגן זיך טוישן אַלע עטלעכע טעג. מיר האָבן געאַרבעט אויף אַ פּלאַנטאַציע פון פאַרשידענע פלאַנצונגען. איך בין דאָרט געווען באַשעפטיקט כמעט אַ יאָר צייט.

אין יאָר 1941 איז געקומען אַ באַפעל, אַז דער גאַנצער פּאָוויאַט דאַרף געבן מענטשן אין לאַגער יעדלניאַ, צו אַ דייטשער פירמע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט בויען שאָסייען און באַן־ליניעס. אויך אונדזער שטעטל האָט געדאַרפט געבן אַ קאָנטינגענט מענטשן פאַר דעם לאַגער. דער יודענראַט האָט באַפוילן, אַז מענטשן זאָלן זיך צושטעלן. פון אונדזער שטוב בין איך געגאַנגען. מיין טאַטע האָט נישט געקאָנט גיין, ווייל ער איז געווען זייער פרום, נישט פאַרזוכט אַפילו אַ לעפל וואַסער אויסער דער שטוב. די ברידער זענען געווען פאַרנומען מיט שאַפן פרנסה, אַזוי אַז איך בין געווען דער איינציקער וואָס האָט געקאָנט גיין.

דער לאַגער האָט געהייסן סיטשקי, נעבן יעדלניאַ. דאָס איז שוין געווען אַן אמתער לאַגער, מיט עס.־עס.־אויפזעער. אונדזער בוי־שטעלע, ווו מיר האָבן געאַרבעט, איז געווען 10 קילאָמעטער פון דעם לאַגער. יעדן טאָג האָט מען

אונדז געפירט צופוס צו דער אַרבעט און פון איר, צוריק אין לאַגער. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, ביים פלאַסטערן שאָסייען און אויך ביי קאַנאַ־ליזאַציע. מיר האָבן געגראָבן די קאַנאַלן, ווו מ׳האָט אַריינגעלייגט די רערן. מיר האָבן געהאַט זייער אַ שלעכטן מייסטער, אַ גרויסער שלעגער. יעדן טאָג האָט ער געפונען אַן אַנדערן קרבן. ער פלעגט צעברעכן די לאָפּעטעס אויף זיין רוקן. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט לויט נאָרמעס. מען האָט אונדז געזאָגט אַז ווער עס וועט מאַכן איבער דער נאָרמע, באַקומט אַ צעטל אויף נאָך אַ טעלער זופּ. איך בין געווען צוזאַמען מיט מיינעם אַ קוזין, מיר האָבן זיך באַמיט צו מאַכן מער, כדי קריגן נאָך עסן. די אַרבעט איז געווען שווער, ווייל די ערד איז געווען אַ ליימיקע, אַפילו ווען ס׳האָט גערעגנט, האָט מען געמוזט שט־ין אין וואַסער און גראָבן. דאָס ליים האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער לאָפּעטע און יעדעס מאָל האָט מען געמוזט די לאָפּעטע פּוצן און רייניקן. אויב דער מייסטער האָט באַמערקט, אַז איינער שטייט אַ מינוט און באַוועגט זיך נישט — האָט ער געשלאָגן מכות רצח. נאָך דער אַרבעט איז געווען אַן אַפּעל און מען האָט אונדז צוריק געפירט אין לאַגער. מיר האָבן געאַרבעט 12 שעה, פון פאַרטאָג ביז ביינאַכט.

אין דעם לאַגער זענען די מערהייט געווען יידן. עס זענען אויך געווען געציילטע פּאָליאַקן, אָבער זיי האָבן געהאַט מער פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. זיי זענען געווען גרויסע אַנטיסעמיטן. איך געדענק נאָך ביז היינט, ווי זיי פלעגן פון אונדז חוזק מאַכן: „איר האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַרבעטן, איצט זייט איר דערצו געצוווּנגען! נו, ס׳איז גוט צו אַרבעטן?"

אין דעם לאַגער זענען געווען עטלעכע הונדערט יידן, דווקא אַלע וועלכע האָבן גוט געקענט אַרבעטן. עס זענען אַפילו געווען פאַלן, אַז די עס.־עס. האָבן צוריק געשיקט געוויסע אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט געאַרבעט גענוג פלייסיק.

יום־כיפור 1941 האָבן אַ גרופּע יידן (25—30) באַשלאָסן, אַז זיי וועלן דעם טאָג נישט אַרבעטן. זיי האָבן זיך געמאַכט קראַנק און זענען דעם טאָג נישט אַרויס צו דער אַרבעט, געבליבן אין לאַגער. די עס.־עס. האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם. ווען מיר זענען צוריק געקומען פון דער אַרבעט, האָבן מיר געהערט, אַז מען האָט געשאָסן די אַלע, וואָס מ׳האָט געטראָפן אין לאַגער. דאָס איז געווען ממש נעבן אונדזער קיך, ווו מיר פלעגן גיין נעמען עסן. איך געדענק, אַז יענעם טאָג האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין חשק צו נעמען די זופּ. יענעם טאָג האָבן מיר נישט געגעסן. צווישן די געשאָסענע זענען געווען אַ סך מיינע חברים, מיט וועלכע כ׳האָב געלערנט צוזאַמען אין חדר.

נאָך דעם פֿאַל האָב איך מיט נאָך אַ פּאָר חברים באַשלאָסן, אַז מיר בלייבן נישט מער אין דעם לאַגער. מיר ווילן אַנטלויפֿן. מיר זענען ביינאַכט אַרויס פֿון לאַגער און געגאַנגען, כאָטש מיר האָבן נישט געקענט די סביבה. עטלעכע פֿון אונדז האָבן געהאַט געלט. האָט מען באַצאָלט אַ פּויער, ער זאָל אונדז דורכפֿירן דורך די ערטער ווו עס געפֿינען זיך נישט קיין דייטשן. דער גוי האָט אָבער צוגענומען דאָס געלט און אַנטלאָפֿן. אונדז איבערגעלאָזט אין וואַלד. נישט האָבנדיק קיין ברירה, זענען מיר געגאַנגען אַליין, נישט וויסנדיק דעם וועג. מיר זענען געווען 6 מאַן. נאָך אַ סך שעהן גיין און בלאָנדזשען, זענען מיר אָנגעקומען קיין גניעוואַשאָוו. איך האָב מורא געהאַט צו גיין אַהיים, ווייל איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מען וועט מיך זוכן. בין איך אַנטלאָפֿן צו באַקאַנטע קריסטן און בײַ זיי זיך באַהאַלטן. איך האָב צו וויסן געגעבן אַ היים, אַז איך בין אַנטלאָפֿן פֿון לאַגער און ווו איך באַהאַלט זיך. דערווייל האָט מען פֿון לאַגער געמאָלדן אין שטעטל, אַז עטלעכע יידן זענען אַנטלאָפֿן און מ׳האָט באַפֿוילן אַז מיר זאָלן זיך צושטעלן. איך האָב זיך נישט צוגעשטעלט — האָט מען אַרעסטירט מיין פֿאָטער, געהאַלטן אים אַ לאַנגע צייט. דאַן האָב איך שוין נישט געהאַט קיין ברירה און זיך געמאָלדן. מען האָט מיך ווידער געשיקט אין לאַגער, נאָך אין אַ צווייטן, באַרטאָדזשעי. דער לאַגער איז געווען אין אַ וואַלד, די אַרבעט איז באַשטאַנען אין בויען באַראַקן פֿאַר קריגס־געפֿאַנגענע. מען האָט אָנגעהויבן דאָרט ברענגען זייער פֿיל רוסישע קריגס־געפֿאַנגענע.

אין דעם לאַגער בין איך געווען עטלעכע חדשים, נאָר אויך פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן. דאָס איז געווען אַיין גרויסער לאַגער מיט אַ סך קליינע לאַגערן. נישט נאָר יידן זענען דאָרט געווען, נאָר פֿון אַ סך פֿעלקער. דאָס איז געווען אין דער סביבה פֿון ראַדאָם. איך האָב זיך דאָרט געטראָפֿן מיט יידן פֿון אַ סך שטעטלעך.

3

מיר איז געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון יענעם לאַגער, ווייל איך האָב שוין געהאַט אַ ביסל דערפֿאַרונג. דער לאַגער איז געווען זייער שטרענג באַוואַכט מיט עס.־עס. עס זענען אָבער געווען מיט מיר עטלעכע יידן פֿון שטעטל וווּרקע, וועלכע האָבן גוט געקענט די געגנט, די דערפֿער און די פּויערים. איך האָב זיך פֿאַרבונדן מיט אַ פּאָר מענטשן פֿון דאָרט און מיר האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן. ביינאַכט זענען מיר אַרויס פֿון לאַגער. דאָס מאָל זענען מיר געווען אַ גרעסערע גרופּע, אָבער אויפֿן וועג האָבן מיר זיך צעטיילט און איך בין געבליבן נאָר מיט צוויי.

מיר זענען געגאַנגען ביז קאָזשעניץ. איך האָב דאָרט געהאַט קרובים, פעטערס און קוזינען, אָבער איך האָב ביי זיי נישט געקאָנט בלייבן, ווייל אויך זיי זענען געווען אויף צרות. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַלע יידן פון מיין שטעטל האָט מען אויסגעזידלט קיין זוואָלין. מען האָט זיי געגעבן דריי טעג, פון מיטוואָך ביז פרייטיק. אַ סך פון די משפחות האָבן זיך אָרגאַניזירט און זענען נישט געגאַנגען קיין זוואָלין, נאָר קיין דעמבלין. איך בין אָנגעקומען אין גניעוואַשאָוו דעם לעצטן טאָג פון די באַשטימטע דריי טעג. איך בין אַריין אין שטוב, ממש אַ פאָר שעה פאַרן אַרויספאָרן קיין זוואָלין. אַלע זענען געווען זיכער, אַז כ׳בין אין לאַגער — און פלוצלונג בין איך געקומען אַ היים. בין איך שוין געפאָרן קיין זוואָלין מיט מיין משפחה. די מערהייט איז געפאָרן מיט פורן און פערד, עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן. מיר האָבן געהאַט אַ פור מיט גוטע פערד, וואָס עס האָט געגעבן דער פּאָליאַק, וועלכן מיר האָבן „פאַרקויפט" אונדזער הויז. דער וועג איז געווען אַ שלעכטער, נאָר מיט די גוטע פערד זענען מיר אָנגעקומען בשלום.

אָנקומענדיק אין זוואָלין, האָט מען אונדז אַראָפּגעוואָרפן אין גאַס און נישט געגעבן קיין אָרט ווו אַריינצוגיין. מיר האָבן דאָרט געהאַט קרובים, די משפחה וואָלמאַן, זענען מיר אַוועק צו זיי. ווען מיר זענען געווען עטלעכע טעג אין זוואָלין, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע מענער דאַרפן זיך צושטעלן צו אַן אַפּעל. פון אַפּעל־פּלאַץ האָט מען די יונגע און געזונטע מענער פאַרנומען צו אַרבעט. אויך איך מיט מיין טאַטן זענען געגאַנגען. מען האָט אונדז אַוועק־געפירט קיין דעמבלין. אויפן וועג האָט מען אַ סך געשאָסן. מען האָט אונדז געטריבן צופוס 20 קילאָמעטער ביז גאַרבאַטקי, צו 5 אין אַ ריי. ווער עס האָט נישט געקענט גיין גיך און איז אָפּגעשטאַנען, האָט מען אויפן וועג געשאָסן. אין גאַרבאַטקי האָט מען אונדז געבראַכט אויף דער באַן־סטאַציע, ווו מיר האָבן געמוזט זיצן מיטן קאָפּ צו דער ערד און וואַרטן, ביז ס׳איז אָנגעקומען דער צוג מיט אָפענע וואַגאָנעס. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט און אָפּגעפאָרן.

4

אָנגעקומען קיין דעמבלין. דאָ האָט מען ווידער געמאַכט אַן אַפּעל, צעטיילט אין פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער. מיך האָט מען אָפּגעטיילט פון טאַטן. אים האָט מען געפירט אויף אַ בוי־אונטערנעמונג, און מיך — אין סקלאַדן פון אַמוניציע, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ וואַלד. דאָרט בין איך געווען עטלעכע

וואָכן. יעדן טאָג האָט מען אונדז געפירט צו דער אַרבעט אין די געווער־מאַגאַזינען אין אַ לאַגער באַוואַכט פון עס.־עס.

איין טאָג האָט מען אונדז ווידער פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ צו אַן אַפּעל, אָפּגעקליבן די עלטערע און שוואַכע, וואָס טויגן נישט צו דער אַרבעט. מיר האָבן די גאַנצע צייט געהערט, אַז די עס.־עס. האָבן זיך באַקלאָגט פאַרן דעמבלינער יודענראַט, אַז מען האָט זיי געשיקט אַלטע מענטשן צו דער אַרבעט. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער יודענראַט זאָל צוריקנעמען די עלטערע. אין לאַגער האָט מען גערעדט, אַז דער דעמבלינער יודענראַט האָט נישט געוואָלט געבן קיין אַנדערע מענטשן, מיט דער טענה, אַז זיי האָבן נישט גענוג אַרבעטער אויף די פּלעצער אין שטאָט, וווּ זיי מוזן צושטעלן אַרבעטס־כּוחות.

האָט מען אויף דעם אַפּעל אויסגעקליבן איבער 50 עלטערע יידן, צווישן זיי אויך מיינע פעטערס, און זיי אַוועק געפירט אין וואַלד. מיר זענען נאָך געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ און געהערט ווי מען האָט זיי אַלע געשאָסן. מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסן גרוב, וואָס איז געווען אין דעם וואַלד פון אַן אויפגעריסענער באָמבע. מיר האָבן געמוזט בלייבן שטיין אויפן פּלאַץ ביז ביינאַכט און נישט רירן זיך. דאָס איז געווען אין האַרבסט 1942.

צומאָרגנס האָט מען אויסגעקליבן 5 מאַן (איך — צווישן זיי), כּדי צו באַגראָבן די טויטע. מעז האָט אונדז געגעבן לאָפּעטעס און צוויי דייטשן האָבן אונדז געפירט אין דער ריכטונג פון וואַלד. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז איך מוז אַנטלויפן, איך טאָר דאָ מער נישט בלייבן. נאָך איידער מיר זענען צוגעגאַנגען צום גרוב, האָבן מיר געזען די זאַכן און די שיך פון די דערשאָסענע און פאַרשטאַנען, אַז פאַר דער עקזעקוציע האָבן זיי געמוזט זיך אויסטאָן באַקעט. איך האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען די וואַכמענער האָבן געקוקט אין אַ זייט, געגעבן אַ וואָרף אַוועק די לאָפּעטע און בין אַנטלאָפן אין וואַלד. געלאָפן אָן אויפהער, איינער אַליין. די איבעריקע 4 מענטשן האָב איך אַפילו נישט געזאָגט, אַז איך וויל אַנטלויפן. איך האָב געהערט ווי מען שיסט פון אַלע זייטן. נאָך עטלעכע שעה לויפן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אָרט און זיך באַהאַלטן ביז ביינאַכט. ווען עס איז געוואָרן טונקל, בין איך ווייטער געגאַנגען. איך בין אַרויס פון וואַלד, דורכגעגאַנגען דעם וועג וואָס פירט קיין דעמבלין. ווען איך האָב געזען אויפן וועג, האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס זוכט מען מיך.

איך בין אָנגעקומען קיין דעמבלין. בין דאָרט געווען צוויי טעג, דערנאָך אַוועק אַרבעטן אויף אַ בוי־שטעלע. אַ געוויסן טאָג איז אין דעמבלין פאָרגעקומען

אַן אויסזידלונג. פּלוצלונג האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן פון אַלע זייטן. איך מיט מײַנע חברים זענען אַנטלאָפן צו אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, כּדי נישט בלײַבן אין שטאָט. מײַן פרײַנדס פרוי מיטן קינד האָט מען דעמאָלט דערשאָסן אין גאַס. נאָך דער אויסזידלונג זענען מיר צוריק געקומען אין שטאָט אַרײַן, ווײַל אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ איז געווען אַ 3 קילאָמעטער פון שטאָט. מיר האָבן דערזען אַ שוידערלעך בילד: הונדערטער מענטשן זענען געלעגן דערשאָסענע אין מיטן שטאָט־פּלאַץ, אויך מאַמעס מיט זייערע קינדער אין די הענט. איבער 300 דער־הרגעטע ייִדן. מיר האָב געוווּסט, אַז מיר טאָרן נישט בלײַבן אין שטאָט, זענען מיר געגאַנגען צוריק צו אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, וואָס איז געווען בײַ דער דעמבלינער פעסטונג.

איך בין אין דעם לאַגער נישט געווען קיין „כּשרער", ווײַל איך בין דאָרט נישט געווען אָפיציעל אײַנגעשריבן. דער דעמבלינער לאַגער האָט זיך דאַן גערעכנט פאַרן בעסטן, אַהין זענען געקומען אַלע מיוחסדיקע און פּראָטעקציאָ־נערן פון יודענראַט. ווען מען האָט געציילט, האָב איך נישט געטאָרט שטעלן זיך אין דער ריי, כּדי מען זאָל מיך נישט אַנטדעקן. איך האָב זיך באַמיט שטענדיק אַרויסצודרייען, אָבער דאָס איז געווען זייער שווער — אַרויסגיין אין דער פרי צו דער אַרבעט, נישט שטייענדיק צום אַפּעל.

5

אײן נאַכט האָט מען דערזען, ווי די עס.־עס. האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער. צוזאַמען מיט אוקראַינער. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט צוריק קיין דעמבלין — און אויס לאַגער. מען האָט געבראַכט קיין דעמבלין ייִדן פון אַנדערע ערטער. פּלוצלונג האָב איך דאָרט דערזען מײַן טאַטן. אַ טייל פון אונדז האָט מען ווידער געפירט אין שולצס לאַגער, אַ גרויסע דײַטשע אונטערנעמונג. די איבעריקע האָט מען געפירט קיין קאָנסקעוואָליע, אַ שטעטעלע 6 קילאָמעטער הינטער פּולאַווי.

פון דעמבלין ביז דאָרט איז אַן ערך 30—40 קילאָמעטער. אויפן וועג האָבן אונדז די אוקראַינער אָנגעטאָן אַ סך צרות. זיי האָבן בײַ אַ סך פון אונדז אויסגעטאָן די שיך און שטיוול, געלאָזט גיין באָרוועס. אויב זיי האָבן באַמערקט בײַ עמעצן בעסערע מאַנטלען, האָבן זיי אויך צוגענומען. זיי פלעגן אונדז אַראָפּ־טרײַבן פון די פורן און באַפוילן צו גיין צופוס — און די פורן זענען געפאָרן ליידיקע, כּדי די פערד זאָלן זיך נישט פאַרמאַטערן...

מיר זענען אָנגעקומען אין קאָנסקעוואָליע, אַ קליין שטעטל אויפן וועג פולאַוו—לובלין. מען האָט אונדז דאָרט אַריינגעטריבן אין אַ הויף פון אַ קלויסטער, ווו מיר האָבן געטראָפן זייער אַ סך יידן פון פאַרשידענע ערטער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב מען פאַרזאַמלט אַזוי פיל יידן אויף איין אָרט, איז דאָס אַ סימן, אַז מען וויל זיי אויסהרגענען. דאָרט האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט מיין טאַטן.

פלוצלונג איז געוואָרן אַ בהלה, אַלע טויזנטער מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן. מען האָט אָנגעהויבן שיסן. איך בין געלאָפן צוזאַמען מיט אַלעמען, נישט וויסנדיק וווהין. מיר זענען אַרויסגעלאָפן אויסער דעם הויף פון קלויסטער. איך מיט נאָך צוויי יידן, ישראל פערלשטיין און פאַלקענפעלד, זענען אַריין אין אַ קעלער און דאָרט זיך באַהאַלטן. די טיר האָבן מיר געלאָזט אָפן. געהערט אַ שיסעריי, דייטשן מיט הינט זענען אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל זוכן באַהאַלטענע יידן. זיי זענען אויך אַריין אין דעם קעלער, ווו מיר האָבן זיך געפונען, נאָר מיר זענען געשטאַנען צוגעפרעסט צו דער וואַנט און זיי האָבן אונדז נישט באַמערקט, הגם זיי האָבן געלייכט מיט אַ לעמפל.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געזעסן און געטראַכט וואָס ווייטער צו טאָן, ווי אַזוי זיך אַרויס באַקומען פון דאָרט, פון וואַנען נעמען עפעס צו עסן. פלוצלונג איז געקומען אין קעלער אַ קריסט, כדי אַרויסצונעמען קאַרטאָפל. דערזעענדיק אונדז, האָט ער זיך זייער דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייען, אַז מיר זאָלן אַרויסגיין, ער וויל נישט ביי אים זאָלן זיך באַהאַלטן יידן. מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל אונדז דערלויבן צו בלייבן, מיר וועלן אים גוט באַצאָלן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט דערפון הערן. דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן, וויפל וועלן מיר באַצאָלן. האָבן מיר אים געבעטן ער זאָל אונדז פירן קיין דעמבלין, ווייל אין דעמבלין איז נאָך געווען אַ לאַגער און דער ברודער פון ישראל פערלשטיין האָט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון לאַגער. מיר האָבן דעם קריסט צוגעזאָגט אַ סך געלט, חוץ דעם האָט ער ביי אונדז צוגענומען אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי זיך. איך האָב אים געגעבן אַ גוטן אַנצוג, וואָס איך האָב געטראָגן. ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט צוגרייטן אַ פור צו פירן אונדז קיין דעמבלין. ער איז אַוועק אַהיים, געבראַכט ברויט און נאָך עפעס עסן און געזאָגט, אַז ער וועט אונדז פירן די צווייטע נאַכט. דערווייל איז אָנגעקומען די צווייטע נאַכט — און ער איז נישט געקומען. מיר זענען דאָרט געזעסן דריי טעג. צום סוף האָט ער זיך יאָ באַוויזן און אונדז געפירט אין אַ דאָרף, פון דאָרט אין אַ וואַלד, אין

מיטן וואַלד האָט ער אונדז איבערגעלאָזט און איז אַנטלאָפֿן. האָבן מיר אַליין געזוכט דעם וועג קיין דעמבלין. אָנגעקומען אין אַ דאָרף, ווּ פּויערים האָבן אונדז געיאָגט און געוואָלט הרגענען. מיר זענען אַנטלאָפֿן. די דערפער אין יענער סביבה זענען שטענדיק געווען באַוווּסט מיט זייער רשעות. קיינער האָט אונדז נישט אַריינגעלאָזט, די פּויערים האָבן אויף אונדז אָנגערייצט זייערע הינט.

6

מיט צרות און לייד זענען מיר אָנגעקומען אין דעמבלין. יענע צוויי זענען אַוועק צום ברודער, איך האָב זיך אַריינגעגנבעט אין אַ צווייטן לאַגער, וואָס האָט געהערט צו דער פירמע שולץ. בין דאָרט געבליבן און געגאַנגען צו דער אַרבעט. דערנאָך האָט מען מיך איבערגעפירט אין אַן אַנדערן לאַגער, די „באולייטונג". אויך דאָרט בין איך נישט געווען אין גאַנצן אַ לעגאַלער. ס'איז געווען זייער שווער, איך בין געוואָרן קראַנק און שוואַך, האָב אויסגעזען ווי אַ „מוזולמאַן". געאַרבעט האָבן מיר אויף אַ גרויסן פלי־פּלאַץ, געמאַכט בעטאָן־צודעקן פאַר די עראָפּלאַנען, כדי צו שיצן זיי פון באָמבאַרדירונגען וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן.

מיר זענען געווען אין דעמבלין, ביז די רוסן האָבן זיך דערנענטערט צו דער ווייסל. מען האָט אונדז עוואַקואירט קיין טשענסטאָכאָווע. דאָס איז געווען אין יולי 1944. אויך דאָרט האָט מען אונדז געבראַכט אין אַ לאַגער און אונדז צעטיילט אין דריי לאַגערן. מיר איז אויסגעקומען צו גיין אין ראַקאָוו ביי טשענסטאָכאָוו. דאָרט איז געווען אַ גרויסע אייזן־הוטע, ווּ מען האָט פּראָדוצירט פאַרשידענע טיילן פאַר טאַנקן. אין ראַקאָוו האָבן מיר געאַרבעט ביז סוף 1944.

איין טאָג האָט מען אונדז אַריינגעיאָגט אין אַ צוג אַריין און אונדז געפירט עטלעכע טעג. מיר זענען אָנגעקומען אין בוכענוואַלד, אַרום ניי־יאָר 1945. אויב אַלע ביז איצטיקע לאַגערן זענען געווען שלעכט — איז דאָ געווען אַ גיהנום. יעדער האָט זיך געמוזט אויסטאָן אין גאַנצן נאַקעט, מ'האָט אונדז געפירט אין באָד. דערנאָך האָט מען אונדז אויסגעשטעלט ביים אַפּעל און כאָטש מיר זענען געווען נאַקעט, האָט מען געפאָדערט, אַז יעדער זאָל אָפּגעבן דאָס גאָלד וואָס ער האָט. דערביי האָט מען שטאַרק געשלאָגן, בפרט די, וועלכע האָבן געהאַט אַן איידעלן, אינטעליגענטן אויסזען. דערנאָך האָט מען געהייסן איינעם אַרויסגיין און זינגען חזנות. אַ צווייטן האָט מען געהייסן פאָרשטעלן — אַלץ נאַקעטערהייט. מען האָט אונדז אַלעמען אָפּגעשוירן און געגעבן די פּאַסיאַקן —

געשטרייפטע קליידער. מ׳האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז גוטע פריינד און באַקאַנטע האָבן זיך נישט דערקענט. מען האָט אונדז פאַרטיילט אין באַראַקן, אויך אין אַרבעטס־גרופן. נאָך אַ קורצער צייט, האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין לאַגער דאָראַ, אַן אָפּטיילונג פון בוכענוואַלד. דאָ האָבן מיר געאַרבעט ביי אַמוניציע. אָפט פלעגט מען אויפהענגען מענטשן, וועלכע מען איז חושד געווען אין סאַבאָטאַזש. דער גאַנצער לאַגער האָט געמוזט שטיין ביים אַפּעל און זען ווי מען הענגט די קרבנות.

פון דאָראַ האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אין ראָטלעבעראָדע — אַ גיהנום עלי אדמות. מען האָט געפייניקט און געשלאָגן אָן אַ פּאַרוואָס. יעדן טאָג פלעגן פאַלן צענדליקער קרבנות. די טויטע פלעגט מען פירן צו פאַרברענען אין קרעמאַטאָריום. מיר האָבן געמוזט שלעפּן די טויטע פון אַרבעטס־פּלאַץ ביז צום לאַגער. איך געדענק, עס איז דאָרט געווען אַ באַרימטער מוזיקער, מאַקס אינגבערג. איך האָב אַליין געהערט אים דערציילן, אַז ער האָט זיך געראַטעוועט פון טויט אין עטלעכע לאַגערן אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געגעבן קאָנצערטן פאַר די דייטשן. דאָ האָט מען אים דערמאָרדעט ממש אַ חודש פאַר דער באַפרייונג.

7

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט אויך אַהער, האָט מען אונדז צופוס געטריבן פון לאַגער. מיר זענען דורכגעגאַנגען די שטאָט נאָרדהאַוזען, וועלכע האָט אין גאַנצן געברענט פון די באָמבאַרדירונגען. מען האָט דאַן גערעדט אויפן וועג, אַז די דייטשן אַליין ווייסן שוין נישט וווהין אונדז צו פירן. אָפטמאָל זענען מיר געגאַנגען אַהין און צוריק, אָן אַ ציל. זיי האָבן שוין נישט באַקומען קיין באַפעלן און געמאַכט וואָס זיי האָבן געוואָלט.

איין נאַכט האָט מען אונדז אַוועק געלייגט אויף אַ פּלאַץ, לעבן דער שטאָט גאַרדילעגען. די דייטשן זענען אַוועק זיך באַראַטן וואָס ווייטער טאָן. דערנאָך זענען זיי געקומען און געבראַכט מיט זיך אַ סך היטלער־יוגנט און אויך פּאָליציי פון שטאָט. מען האָט אונדז אַלעמען אַריינגעטריבן אין אַ גרויסער סטאָדאָלע. אַזוי ווי מיר זענען געווען אַרום 5—6 טויזנט מענטשן, האָט זיך די סטאָדאָלע איינגעבראָכן און אַ סך זענען אַנטלאָפן, אויך איך. די סטאָדאָלע האָבן זיי דערנאָך באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. עטלעכע טויזנט מענטשן זענען פאַר־ברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. מיר, די אַנטלאָפענע, זענען געלעגן אין אַ וואַלד

און געהערט די מוראדיקע געשרייען פון די קרבנות. דאָס איז געווען דעם 13טן אַפּריל. דעם 14טן אַפּריל האָט אייזנהאַוערס אַרמיי פאַרנומען דאָס אָרט. ווען די אַמעריקאַנער זענען אַריין, האָבן נאָך די קערפּערס געברענט, געטליעט...

מיר זענען נאָך אַ פּאָר טעג געזעסן אין וואַלד, נישט וויסנדיק, צי מיר זענען שוין באַפרייט. אין וואַלד גופא האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשידענע דייטשן, וועלכע האָבן געשאָסן צו אונדז און דערהרגעט עטלעכע מענטשן, צווישן זיי — איינעם פון מיין שטעטל.

שבת, דעם 15טן אַפּריל, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז מיר זענען באַפרייט און מ׳איז אַרויס פון וואַלד. מיר זענען צוריק געגאַנגען צו דעם פּלאַץ, ווו עס איז געווען די סטאָדאָלע און מיר האָבן געזען דאָס שוידערלעכע בילד, די פאַרברענטע און האַלב־פאַרברענטע קערפּערס פון די קרבנות. די אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט האָט אונדזער גרופּע געגעבן אין שטאָט אַ קוואַרטיר. מען האָט געבעטן דאָרט בלייבן, כדי דינען אַלס עדות קעגן די פאַרברעכער. אייגנטלעך, האָבן נישט מיליטער־לייט פאַרברענט די סטאָדאָלע מיט די קרבנות, נאָר פון דער ציווילער באַפעלקערונג און די היטלער־יוגנט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געמאַכט אַן אָפיציעלע לויה פון די קרבנות. מען האָט צוזאַמענגענומען די קערפּערס און די ביינער און מען האָט זיי באַערדיקט אין אַ קבר. אַזוי ווי דאָרט זענען געווען נישט נאָר יידן, נאָר אויך געפאַנגענע פון פאַרשידענע פעלקער, האָט מען געבראַכט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אַ ראַבינער און אַ גלח. יעדער פון זיי האָט אָפּגעריכט אַ תפילה בעת דער צערעמאָניע. די דייטשן האָט מען גענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט צו גראָבן גריבער פאַר די אומגעקומענע, דערנאָך האָבן זיי געמוזט פלאַנצן בלומען אויפן קבר. אַחוץ דעם האָבן די אַמעריקאַנער באַשטראָפט די באַפעלקערונג.

8

דערנאָך בין איך אַוועק קיין בערגען־בעלזען און פון דאָרט, מיט אַ גרופּע יידן, אין דער ריכטונג פון האַנאָווער. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג, אַז דער יידישער קאָמיטעט זוכט עדות קעגן די דייטשע פאַרברעכער פון די לאַגערן. כאָטש איך בין געווען שוואַך און קראַנק, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין מינכען, אין צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב זיך געמאָלדן צו זאָגן עדות וועגן די לאַגערן דאָראַ און ראָטעלבעראָדע. פון ראָטעל־בעראָדע בין איך געווען דער איינציקער עדות קעגן איינעם אַ דאָקטאָר,

אַ נעגער פון אַפריקע, אַ שרעקלעכער מערדער. ער פלעגט יעדע נאַכט מאַכן עטלעכע מענטשן איינשפריצונגען פון בענזין — און די מענטשן זענען געשטאָרבן. איך געדענק, אַז מען האָט מיך געפרעגט אויפן משפט פון וואַנען איך ווייס, אַז די מענטשן זענען געשטאָרבן. איך האָב אַלץ דערציילט, וואָס איך האָב געזען און געהערט. איך האָב עדות געזאָגט איבער 30 מאַן, אויך אויף קאַפּאָס. זייער אַדוואָקאַט, מיין „קרייץ־פאַרהערער־פרעגער" איז געווען סערוואַציוס, וועלכער האָט שפּעטער פאַרטיידיקט אייכמאַנען. ער האָט מיך נאָר געוואָלט צעמישן מיט זיינע פראַגן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. 14 מאָנאַט האָט זיך געצויגן דער משפט. איך האָב באַקומען אין דאַכאו, ווו דער משפט האָט זיך געפירט, אַ וווינונג און פולע אויסהאַלטונג. 5 טעג אין וואָך בין איך געווען באַשעפטיקט ביים עדות זאָגן (חוץ שבת און זונטיק). דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי דער נירנבערגער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט.

אין דייטשלאַנד האָב איך געהערט צו דער הגנה און מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל, אַז אונדזער קבוצה דאַרף פאָרן מיט דער עליה ב'.

איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אין מאַי 1948, מיט דער שיף „קדמה". פונקט דאַן האָט זיך דאָ אָנגעהויבן די מלחמה. איך האָב געקעמפט אין דער מלחמת השחרור — אין נגב, אין דער חטיבה „יפתח". איך האָב אויך אָנטייל גענומען אין דער סיני־אַקציע און אין דער 6־טאָגיקער מלחמה. ביז היינט געהער איך צום פאַנצער־מיליטער, באַטייליק זיך יעדער יאָר אין רעזערוו־דינסט.

איך בין פאַרהייראַט און האָב דריי קינדער. איך אַרבעט אויף דער פּאָסט אַלס טעלעפאָן־טעכניקער, שוין איבער 15 יאָר.

חורבן גניעוואַשאָוו

א. וויינבערג / תל־אביב

דער לעצטער באַפעל

דעם 17־טן אויגוסט 1942, פאַרנאַכט, האָט דער בירגערמייסטער גערופן צו זיך דעם יודענראַט און אים איבערגעגעבן דעם באַפעל פון ראַדאָמער קרייזהויפטמאַן, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן גניעוואַשאָוו אין משך פון דריי טעג, פון 18טן ביז דעם 20סטן אויגוסט און פאָרן נאָך זוואָלין, אַ 20 ק״מ פון גניעוואַשאָוו. די ביטערע בשורה איז מאָמענטאַל פאַרשפרייט געוואָרן אין שטעטל. דער בירגערמייסטער האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער האָט באַפוילן יעדעס דאָרף צושטעלן אַ צאָל פערד־און־וועגן, כדי איבערצופירן די אַלע מענטשן קיין זוואָלין.

אוממעגלעך צו באַשרייבן ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען די ערשטע נאַכט פון דער גזירה. די געוויינען און געשרייען זענען געגאַנגען עד לב השמים. מענטשן זענען געלאָפן ווי משוגע. וווּ פאָרט מען? וווּ אַנטלויפט מען? וווּ באַהאַלט מען זיך? יעדער איינער האָט געוווסט, אַז פאָרן קיין זוואָלין מיינט טויט, ווייל פון דאָרט וועט מען שיקן קיין סאָביבער אָדער טרעבלינקע. ביי אונדז איז עס פאָרגעקומען אַנדערש, אָן זשאַנדאַרמעריע. דעריבער האָט די גאַנצע נאַכט געקאָכט און געזאָטן. אַלע מאָל האָט זיך געשאַפן אַ רעדל פון באַקאַנטע, מען האָט געטראַכט וואָס צו טאָן.

אין דער פרי, דעם 18טן אויגוסט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע פערד־און־וועגנער איבערצופירן קיין זוואָלין און אין משך פון עטלעכע שעה זענעןביידע גרויסע מערק פון גניעוואַשאָוו און גרעניץ פול געוואָרן מיט זיי. אין די מיטאָג־שעהן איז שוין אוממעגלעך געווען אַז אַ פערד־און־וואָגן זאָל קאָנען אַריינפאָרן. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די פויערים זענען געקומען קויפן ביי די יידן דאָס לעצטע ביסל האָב־און־גוטס, וואָס איז זיי געבליבן און אַ סך זענען געקומען ראַבירן דאָס וואָס די יידן וועלן נישט קאָנען מיטנעמען. נאָר הגם מען האָט געוווסט אַז זוואָלין מיינט — טויט,

האָבן דער רוב ייִדן מיטגעשל'עפּט, וואָס נאָר מען האָט געקענט (וועש, בעטגעוואַנט). אַ סך פֿאַמיליעס האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן, געהאַפּט זיך צו ראַטעווען דורך אויסבאַהאַלטן אין קאָזשעניץ, דעמבלין, אין דאָרף כאָטש און ביי באַקאַנטע פּויערים. פֿון די אויסגערעכנטע זענען גוט געווען דעמבלין מיטן דאָרף כאָטש. פֿון דעמבלין האָט מען שוין געהאַט אויסגעזידלט. געבליבן זענען דאָרט נאָר די אַרבעטספֿעיִקע ייִדן און פֿאַכלייט, וועלכע זענען געווען באַשעפֿטיקט אויף 18 אַרבעט־פּלעצער. האָבן גניעוואַשאָווער ייִדן אויסגערעכנט, אַז דעמבלין וועט מען שוין נישט אויסזידלען, ווייל מען האָט שוין איין מאָל דורכגעפֿירט די אויסזידלונג. וואָס שייך דעם דאָרף כאָטש, האָט מען געמיינט, אַז די דייטשן האָבן אין דעם אָרט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, ווייל פֿון 1טן יאַנואַר 1942 איז אין גאַנץ פּוילן געווען פֿאַרבאָטן פֿאַר ייִדן צו וווינען אין אַ דאָרף, בעת אין כאָטש האָבן די גאַנצע צייט געוווינט ייִדן און קריסטן; ס'איז אויך נישט געווען קיין געטאָ.

דאָס אַריבערפֿאָרן קיין זוואָלין איז אַדורך אָן קרבנות. אויך קיין קאָזשעניץ איז כמעט אַדורך אָן קרבנות. די ערשטע קרבנות האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן אויפֿן וועג קיין דעמבלין, ווייל אַהין האָט מען זיך געמוזט אַריינשמוגלען איבער דער בריק אויף דער ווייסל. די ערשטע איז געלונגען, אָבער שפּעטער האָט מען ביי דער בריק אָנגעהויבן קאָנטראָלירן די דאָקומענטן און דער ערשטער קרבן איז געווען חוה צווייגענבערג, די פֿרוי פֿון שלום. דערנאָך — יאָסל פֿינקלמאַן (דער לאָמער יאָסל) און נאָך עטלעכע. אַלץ ב״ים אַריבערגיין די בריק. ביז ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לויפֿן נאָך דעמבלין. דערווייל האָט מען אויסגעזוכט אַ צווייטן וועג: מ'האָט זיך אַריבערגעשיפֿט איבער דער ווייסל, נעבן דאָרף רעגיוו, קיין גאָלאָמב און פֿון דאָרט זיך אַריינגעכאַפּט קיין דעמבלין. אַ טייל ייִדן זענען אין די אָוונט־שעהן אַנטלאָפֿן קיין כאָטש.

אין סוכות האָט מען די ייִדן פֿון זוואָלין און קאָזשעניץ אויסגעזידלט. די זוואָלינער האָט מען געטריבן צו דער באַן־סטאַציע גאַרבאַטקע, אויפֿן וועג זענען געפֿאַלן אַ סך קרבנות, צווישן זיי — גניעוואַשאָווער. אויך אין קאָזשעניץ האָט מען געשיקט צו דער באַן־סטאַציע. (מען האָט דערציילט, אַז דער גניעוואַשאָווער רב, יהודה־לייב רייטער, האָט זיך געפֿונען אין קאָזשעניץ. ער האָט נישט געוואָלט זיך צושטעלן צו דער אויסזידלונג און איז אין זיין וווינונג דערשאָסן געוואָרן). אַזוי זענען אין די סוכות־טעג 1942 (תש״ג) אומגעבראַכט געוואָרן כמעט אַלע ייִדן פֿון גניעוואַשאָוו און גרעניץ. געבליבן איז בלויז

אַ קלײנער טײל אין דאָרף כאָטש, דעמבלין און אַ קלײנער טײל באַהאַלטענע.

ס׳האָט נישט געדױערט קײן חודש, איז פאָרגעקומען די אױסזידלונג פון כאָטש, װוּ ס׳זענען געבליבן צען באַהאַלטענע גניעװאַשאָװער. דעם 15טן אָקטאָבער און דעם 27סטן אָקטאָבער — אין דעמבלין. אַזױ איז די גאַנצע געגנט געװען רײן פון ייִדן, געבליבן זענען בלױז באַהאַלטענע יחידים און עטלעכע ייִדן אין דעמבלין אין די לאַגערן. אין משך פון 2 חדשים זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן בײ אַ 90 פּראָצענט פון די גניעװאַשאָװער ייִדן. די אַנדערע 10 פּראָצענט זענען געװען אין פֿאַרשידענע פּלעצער, טײל האָבן זיך אױסבאַהאַלטן בײ די פּױערים אין די דערפֿער, געװיסע יונגטלעכע זענען אַװעק אין די װעלדער און בײ אַ 60—70 מאַן זענען געװען אין די דעמבלינער לאַגערן, צװישן זײ — מײן משפּחה. אין יענע טעג האָט מען װעגן זײ אָפּגענומען ביטערע בשׂורות. אָט האָט מען געשאָסן די פֿרױ פון יונה אַנגלעטער, דאָ האָט מען געהערט אַז דוד פּערלשטײנס טאָכטער מיטן קינד זענען דערשאָסן געװאָרן. ס׳איז נישט אַדורך אַ טאָג, אַז מ׳זאָל נישט האָבן געהערט װעגן אומגעבראַכטע גניעװאַשאָװער ייִדן.

װי אַזױ איז אומגעקומען מײן משפּחה

מײן גאַנצער משפּחה איז דורך פֿאַרשידענע װעגן געלונגען, צוזאַמען מיט די קינדער, אַנצוקומען קײן דעמבלין. ביזן 15טן אָקטאָבער האָבן נאָך אַלע געלעבט. נאָר אַז ס׳איז געקומען דער 15טער אָקטאָבער, זענען פון דעמבלין אױסגעזידלט געװאָרן 1500 ייִדן, בעת אױפן פּלאַץ, אין מיטן שטאָט, זענען דערשאָסן געװאָרן איבער 300 ייִדן. צװישן די אַװעקגעשיקטע האָבן זיך געפונען די גניעװאַשאָװער: בעריש פרידמאַן, זײן פֿרױ און זײער אײניקל; שלום צװײגענבערג; מײן קוזינס פֿרױ מירל מיט אירע שװעסטערס, מאַן און קינדער און אַנדערע, װעמענס נעמען איך געדענק נישט. אױפן אָרט זענען דערשאָסן געװאָרן מײן ברודערס פֿרױ רחלע מיט אירע צװײ קינדער און איר עלטערע שװעסטער מיט אַ קינד. דאָס זענען געװען די ערשטע דרײ קרבנות פון מײן משפּחה.

אין 12 טעג אַרום, דעם 27סטן אָקטאָבער, איז געקומען די ענדגילטיקע ליקװידאַציע פון דעמבלין און פון אַ טײל אַרבעט־לאַגערן אין שטאָט. יחידים זענען געשיקט געװאָרן קײן מײדאַנעק. דאָרט האָבן זיך געפונען מײנע צװײ שװאָגערס: משה קאָסמאַן און בעריש רובינשטײן מיט זײערע צװײ עלטסטע

זין, נאָך קינדער — און אַנדערע גניעוואַשאָווער, ווי יצחק וויינריב און מיין שוואָגערס קוזינען. פון מיין משפחה האָבן שוין געפעלט זיבן נפשות. (מיין פרויס משפחה איז זיך צעפאָרן אין אַנדערע ערטער, ווי קאָזשעניץ, זוואָלין און כאָטש. ווו און ווי אַזוי זיי זענען אומגעקומען — איז מיר נישט באַקאַנט).

געבליבן פון מיין משפחה אין די דעמבלינער לאַגערן: מיין מוטער טאָבע, מיינע שוועסטערס: קיילע מיט צוויי קינדער, מירל מיט צוויי קינדער און מיין ברודער הערשל. די מוטער מיט מיין יינגסטער שוועסטער און צוויי קינדער האָבן זיך געפונען אין לאַגער ביי דער באַן און די עלטערע שוועסטער קיילע — מיט אירע צוויי קינדער — אין אַ צווייטן לאַגער. מיין ברודער הערשל האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט מיט מיר צוזאַמען. מיר האָבן פון צייט צו צייט זיך געטראָפן מיט אונדזער פאַמיליע, ווייל אין מיין לאַגער האָט מען פון די אַלע אַרבעט־פלעצער געבראַכט אַלע אין אונדזער באָד־אַנשטאַלט. אַזוי האָב איך זיך אָפט געזען מיט מיין מוטער, שוועסטערס, זייערע קינדער, ווי אויך מיט נאָך גניעוואַשאָווער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די לאַגערן. ביז ס'איז אַרויס אַ באַפעל פון די דייטשן, אַז אַלע באַהאַלטענע יידן אין די וועלדער צי אין אַנדערע ערטער, קאָנען זיך פריי באַוועגן, ווייל ס'ווערן געשאַפן „יודען־שטאַטן" ווו יידן וועלן זיך קענען פריי אויסלעבן, מער וועט מען קיין יידן נישט אויסזידלען. זיי האָבן געגעבן צייט איין חודש. צווישן די „יודען־שטאַטן" איז אויך באַשטימט געוואָרן קאָנסקע־וואָלע, אַ שטעטל צווישן פולאַווו און קאָריוו.

דאָס איז געווען אין די ערשטע חדשים פונעם יאָר 1943. געיאָגטע און געפלאָגטע יידן האָבן זיך געלאָזט אַריינגאַרן, ס'האָבן אָנגעהויבן צו קומען יידן פון פאַרשידענע ערטער, צווישן זיי אויך עטלעכע גניעוואַשאָווער. אין יענער צייט איז ליקווידירט געוואָרן דער לאַגער ווו ס'האָבן זיך געפונען מיין יינגערע שוועסטער מירל מיט אירע צוויי קינדער און מיין מוטער. אַלע מענטשן פון דעם לאַגער זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין קאָנסקעוואָלע, אין דעם „יודענשטאַט", וועלכער האָט עקזיסטירט עטלעכע חדשים. אין איינעם אַן אָוונט זענען אַלע „יודען־שטאַטן" מיט קאָנסקעוואָלע בראש, ליקווידירט געוואָרן. די יידן האָט מען אַוועק געשיקט קיין טרעבלינקע. דאָן זענען פון מיין משפחה אומגעקומען עלף נפשות. געבליבן זענען נאָר מיין שוועסטער קיילע מיט אירע צוויי קינדער און מיין ברודער הערשל.

אַזוי האָט מען טאָג נאָך טאָג דערוואַרט דעם טויט. מען איז געוואָרן גלייכ־

גילטיק צו אַלעמען. דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אַ 30 טויזנט יידן האָט מען פון וואַרשעווער געטאָ אַריבערגעפירט אין צוויי ערטער נעבן לובלין: טראַווניק און פּאָניאַטאָוו. דאַן האָט מען ליקווידירט דעם אַרבעטס־פּלאַץ ווו מיין שוועסטער האָט געאַרבעט און דעם גאַנצן לאַגער איבערגעפירט קיין פּאָניאַטאָוו. פון דאָרט האָב איך נאָך דערהאַלטן ידיעות פון דער שוועסטער. זי האָט מיר געשריבן, אַז זי האָט זיך געטראָפן מיטן גניעוואַשאָווער ייד משה פרומער. זיין זון חיים איז געווען פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפערס. ער געפינט זיך אין ישראל. אויך די פאַמיליע שמעון ראָזענבוים (שיינדל ברוכס זון). שמעון ראָזענבוים האָט איר אַריינגענומען אין זיין וווינונג (אין פּאָניאַטאָוו האָבן זיי געהאַט געמויערטע בלאָקן) און אַז ער העלפט איר זייער פיל. איך האָב נאָך אַפילו איבערגעוויזן איר געלט און באַקומען עטלעכע מאָל בריוולעך. משה פרומער און שמעון ראָזענבוים זענען געשיקט געוואָרן קיין פּאָניאַטאָוו פון וואַרשעווער געטאָ. ביז ס׳איז געקומען דער פינצטערער טאָג. אין נאָוועמבער 1943 האָט מען אַרומגערינגלט דעם לאַגער פּאָניאַטאָוו און אין משך פון איין טאָג האָט מען אַלע 15 טויזנט יידן אויסגעשאָסן און אויפן אָרט פאַרברענט. אַזוי האָבן מיר איבערגעגעבן די קריסטן, וואָס מיר האָבן כסדר געשיקט פון דעמבלינער לאַגער. ס׳האָט זיך קיין איין ייד נישט געראַטעוועט פון די 15 טויזנט יידן, צווישן זיי אויך די גניעוואַשאָווער, ווי אויך מיין שוועסטער קיילע מיט אירע צוויי קינדער. אַזוי איז פון מיין משפחה נאָר געבליבן מיין ברודער הערשל, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט מיר אין איין לאַגער.

מיין ברודערס אומקום וויל איך באַשרייבן אין מיינע איבערלעבונגען אין טאָג פון דער אויסזידלונג פון גניעוואַשאָוו — ביז צו דער באַפרייאונג.

דעם 19טן אויגוסט 1942, מיטאָג־צייט. גניעוואַשאָוו איז שוין כמעט ריין פון יידן, ווייל דעם 18טן האָבן גאָר אַ סך פאַרלאָזט דאָס שטעטל, כאָטש מיר האָבן נאָך געהאַט צייט דריי טעג. מיין 5־יעריק קינד איז שוין פון גאַנץ פרי געווען אין דעמבלין מיט מיין מוטער, בעת מיין פרוי מיט מיין ברודער און זיין פאַמיליע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסט אין דאָרף אַלעקסאָוו. איך מיט מיין שוועסטער קיילע, אירע קינדער, שוואָגער און אהרון גראָסמאַן האָבן אין מיטן העלן טאָג זיך אַריבערגעשיפט פון רעגאָוו אויף דער צווייטער זייט ווייסל. דאָרט האָט געוואַרט אַן אויטאָ, וואָס די משפחה פון מיין שוועסטער האָט געהאַט באַשטעלט. מיט האַרצקלאַפעניש זענען מיר איינגעשטיגן אין דער מאשין און אָנגעקומען קיין דעמבלין, צו אונדזער שוועסטערס מחותנים.

אין 10 טעג אַרום, ווען אויף דער בריק האָט מען אויפגעהערט צו קאָנטראָלירן, האָב איך געשיקט דעם זעלבן שאָפער ער זאָל ברענגען מיין פרוי, ברידער און פאַמיליע.

אַזוי ווי אונדזער משפחה האָט געשמט אַלס פאַרמעגלעכע מענטשן, האָט דער יודענראַט מיט דער יידישער פּאָליציי זיי גענומען יעדן טאָג צ׳ויף צוואַנגס־אַרבעט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע וואָכן — ביז מ׳האָט אויך אין דעמבלין אָנגעהויבן רעדן וועגן אַן אויסזידלונג. נאָר די וואָס האָבן אַרבעט־קאַרטן, וועט מען איבערלאָזן, ווי ס׳איז געשען ביי דער ערשטער אויסזידלונג אין חודש מאַי 1942. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרומלויפן און זוכן אַ „גוטן" אַרבעטס־פּלאַץ. איך האָב זיך פאַרשריבן מיט נאָך עטלעכע גניעוואַשאָווער — די ברידער שייער, די ברידער צווייגענבערג, אברהם און יחזקאל, ווי אויך מיינע צוויי שוואָגערס, מיין ברודער הערשל און נאָך באַקאַנטע. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַראָפּלאָדענען קוילן פון די וואַגאָנען, וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַרן בעסטן אַרבעטס־פּלאַץ. דאָ זענען געווען פאַרשריבן שטאַדקע, יונגע מענטשן פון דעמבלין. דאָס אָרט האָט זיך געפונען אויף יענער זייט ווייסל, אין זאַיעזשעזשע. מיין פרוי מיטן קינד און מיין שוועגערין מיט אירע צוויי קינדער האָבן זיך פאַרשריבן אויפן אַרבט־פּלאַץ ביים דעמבלינער אַעראָדראָם, ווייל דאָרט האָט מען אָנגענומען מיט קינדער. אַזוי זענען מיר שוין געווען פאַרזאָרגט מיט אַרבעט־קאַרטן.

די אויסזידלונג אין דעמבלין

ס׳איז געקומען דער חודש אָקטאָבער 1942. די פינצטערע בשורות האָבן זיך געמערט. יידן פון קאָזשעניץ האָבן דערציילט, אַז אין די ערשטע טעג סוכות האָט מען פון זייער שטעטל אויסגעזידלט, עס זענען געפאַלן אַ סך קרבנות, דער עיקר קראַנקע און אַלטע לייט. מ׳האָט אויך דערציילט, אַז דער גניעוואַשאָווער רב איז דערשאָסן געוואָרן אין זיין שטוב. ענלעכע פינצטערע בשורות זענען אָנגעקומען פון זוואָלין און פון דאָרף כאָטש: אַז מען האָט אַלע איבערגעשיקט קיין ליפּסק און אין צוויי טעג אַרום אויסגעזידלט. איך דערמאָן די דריי ערטער דערפאַר, ווייל כמעט אַלע גניעוואַשאָווער יידן האָבן זיך דאָרט געפונען. אין דעמבלין האָט מען שטאַרק אָנגעהויבן רעדן וועגן אַן אויסזידלונג. דעם 10טן אָקטאָבער האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אויף אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, אַז ביז דעם 13טן אָקטאָבער זאָלן אַלע אַרבעטער ווערן

קאָשאַרירט אין די קאַזאַרמעס אין זאַיעזשעזשע; אַז מיר טאָרן נישט נעכטיקן אין שטאָט, נאָר אין די קאַזאַרמעס.

דעם 15טן אָקטאָבער 1942, פֿאַרמיטאָג, האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע שיסעריי פֿון שטאָט. אַ סך פֿון אונדזערע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן לויפֿן אין שטאָט אַריין, כדי געוווּיר צו ווערן וואָס האָט דאָרט פּאַסירט. זיי זענען באַלד צוריק געקומען מיט דער פֿינצטערער בשורה, אַז אין דעמבלין קומט פֿאָר אַן אויסזידלונג. די קריסטן האָבן אויפֿן וועג זיי דערציילט, ווייל אין שטאָט קען מען נישט אַריינקומען. אַז ס׳איז געוואָרן טונקל, זענען זיי אַוועק אין שטאָט און געטראָפֿן ליגן דרייהונדערט יידישע הרוגים. מען האָט צונויפֿגענומען די אַלע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די היימען און זיי אויפֿן אָרט דערשאָסן, צווישן זיי — פֿיל גניעוואַשאָווער. ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, מיין ברודערס פֿרוי מיט צוויי קינדער און איר שוועסטער מיט אַ קינד.

דעם 27סטן אָקטאָבער, פֿאַרטאָג, איז אונדזער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשע זעלנער. מ׳האָט אונדז געפֿירט אין שטאָט אַריין. אין שטאָט גופא האָבן זיך נאָך געפֿונען רעשטלעך יידן פֿון עטלעכע ליקווידירטע לאַגערן אין ראַיאָן פֿון נעבן ריקי. צווישן זיי האָב איך געזען גניעוואַשאָווער יידן, ווי יצחק וויינריב, יצחק מענדעלע קיילעס. מען האָט אונדז אַלע אויסגעשטעלט צו זעקס אין אַ ריי און ס׳איז געקומען אַ באַפֿעל מיר זאָל זיך אַרויפֿזעצן אויף די פֿון פֿריער צוגעגרייטע וועגענער. מיר זענען געווען זיבן גניעוואַשאָווער אויף איין וואָגן. (איך מיט מיין ברודער, די ברידער אהרון, הערשל און ישראלקע שייער, די ברידער אברהם און יחזקאל צווייגענבערג).

צו אונדזערע וועגענער איז צו אַ דייטש מיט זשאַנדאַרן און באַפֿוילן אַז 40 געזונטע מענער זאָלן אַראָפּגיין. מען האָט אונדז אַוועקגעפֿירט (מיט אַלע גניעוואַשאָווער) אין אַ לאַגער (שולץ־לאַגער). דאָרט האָב איך געטראָפֿן נאָך אַ גניעוואַשאָווער: מיכאל קאָפּלאַק. דעם צווייטן טאָג האָט זיך אומלעגאַל אַריינגעכאַפּט אין לאַגער נאָך אַ גניעוואַשאָווער: מענדל וויינריב (יצחק־מענדעלע, קיילעס זון). די אַרבעט איז באַשטאַנען פֿון לייגן באַן־ליניעס. אָפּזייענדיק דאָרט עטלעכע טעג, האָב איך געזען אַז לאַנג וועל איך ביי אַזאַ קאַטאָרגע־אַרבעט נישט אויסהאַלטן. באַלד נאָכן ערשטן טאָג בין איך מיט די לעצטע כוחות צוריק געגאַנגען אין לאַגער אַריין, הגם מ׳ר האָט מען געגעבן מיט נאָך איינעם צו טראָגן שטיינער אויף אונטערצולייגן אונטער די באַן־רעלסן.

די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן האַלב זעקס אין דער פרי ביז האַלב 12 און פון 1 ביז 7 אָוונט. נישט זעלטן האָט מען באַקומען קלעפּ.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין לאַגער ביים לופט־פּלאַץ דאַרף מען האָבן 50 פאַכמענער: שניידערס, שוסטערס און אַנדערע. די וואָס וועלן זיך מעלדן, וועלן אַהין אַריבערגעשיקט. מ'האָט געשמועסט, אַז מן־הסתם וויל מען דעם לאַגער פון אַעראָדראָם ליקווידירן, ווייל דאָרט האָבן זיך געפונען איבער 1000 יידן און אַ 100 קינדער און עלטערע מענטשן. ווער עס וועט געבן געלט, וועט מען נישט שיקן אַהין. דאָך האָבן מיר גניעוואַשאָווער זיך געמאָלדן אַלס פאַכמענער, הגם נאָר מיכאל קאַפּלאַן איז באמת געווען אַ שוסטער. אין צוויי טעג אַרום רופט מען אויס די נעמען פון אַלע פאַכלייט. ועגען געווען נאָר די ברידער שייער, יעקב קאַרמאַן און אַפילו נישט פאַר־שריבענע, ווי מיכאל קאַפּלאַן און אַנדערע. דערזעענדיק אַז איך, מיין ברודער, ווי אויך די ברידער צווייגנבערג געפינען זיך נישט אין דער רשימה, האָב איך פאַרשטאַנען די סיבה: די יידישע פּאָליציי האָט באַקומען ידיעות, אַז מיר און די ברידער צווייגנבערג זענען פאַרמעגלעכע, האָבן זיי אונדז נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. בין איך מיט מיין ברודער אַריין אין ביוראָ און געפרעגט פאַר וואָס מיר זענען נישט אין דער רשימה, מיר זענען דאָך פאַכמענער. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. ערשט נאָכן געבן אַ סומע געלט, זענען מיר גלייך אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער ליסטע. די ברידער צווייגענבערג איז עס אָבר נישט געלונגען.

די באַגעגעניש מיט מיין פרוי און קינד

מיטאָג־צייט האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין צווייטן לאַגער. מענדל וויינריב האָט זיך אַריינגעגנבעט צווישן אונדז, מיר האָבן אים געגעבן צו טראָגן אַ קעסטל. צוקומענדיק צום לאַגער, איז צו אונדז אַרויס דער יידישער לאַגער־פירער וועגקאַרט (אַ ייד פון ווין) און דער דייטשער קאָמענדאַנט און געפרעגט צי מיר זענען געזונטע לייט. ער האָט אונדז עטלעכע מאָל גוט באַטראַכט, בלויז מיכאל קאַפּלאַן פון גניעוואַשאָוו נישט געוואָלט אָננעמען, ד'האָט אים צוריק געשיקט. דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר געהערט, אַז עס זענען אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט די זשאַנדאַרמעריע פון דעמבלין, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם דייטשן קאָמענדאַנט פון שולץ־לאַגער, אַז נישט ווייט פון לאַגער זענען אין גרוב באַהאַלטן עטלעכע דעמבלינער יידן —

און מען האָט זיי דערשאָסן. צווישן זיי, אויך מיכאל קאַפּלאַן פון גניעוואַשאָוו.

מיר זענען אַריינגעפּירט געוואָרן אין אַ באָד־אַנשטאַלט, אונדזערע מלבושים זענען „אַנטלויזט" געוואָרן, מען האָט אונדז פאַרשריבן און יעדער האָט באַקומען אַ נומער. מיר זענען אַריין אין אַ ניי אָרט, וואָס האָט געהייסן „צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגער ביים דעמבלינער לופט־פּלאַץ".

די אַלע צרות און איבערלעבונגען אין פאַרלויף פון די עטלעכע וואָכן וועט קיין מענטשלעכער געדאַנק נישט באַגרייפן. כ'האָב צוגעזען מיט די אייגענע אויגן און געפילט אויף דער אייגענער הויט ווי נאָענטע און באַקאַנטע משפחות, קינדער און פרויען, זענען אין די הונדערטער דערשאָסן געוואָרן אויף די וועגן, אין שטאָט, אין זייערע היימען. ס'האָט זיך נישט געפונען קיין שפּאַן ערד וואָס זאָל נישט האָבן איינגעזאַפּט יידיש בלוט. און ס'נעמט נישט קיין סוף, געפינסט זיך ווייטער אין די מערדערישע הענט.

אין נייעם לאַגער איז מיר אָבער באַשערט געווען אַ גרויסע פרייד: איך האָב דאָ געפונען מיין 6־יאָריק קינד וואָס איך האָב עס עטלעכע וואָכן נישט געזען. אין צוויי שעה אַרום איז מיין פּר'וי געקומען פון דער אַרבעט — און אונדזער פרייד איז געווען נישט צום באַשרייבן.

אין לאַגער האָבן זיך געפונען ביי אַ טויזנט מענער און פרויען און אַ 100 קינדער. דער רוב פון דעמבלין. גניעוואַשאָווער זענען מיר געווען איבער 25 נפשות: די ברידער שייער — אהרון הערש מיט זיין פרוי, ישראלקע און זייער שוועסטער; שלום צווייגענבערגס צוויי יינגלעך, פיש, שאַפּיר, אלי יואל, אלי קאַפּלס זין. אהרון גראָסמאַן, אברהם זשאַבינגער מיט זיין זון, יונה אנגלעטערס צוויי מיידלעך און אַ קליין יינגל; יעקב קאַרמאַן מיט זיין פרוי; די שוועסטערס צייגפינגער, מענדל וויינריב, מיין ברודער הערשל, יאָסל קופּערמאַנס אַ זון, איך מיט מיין פרוי און אַ קליין קינד פון דריי יאָר, דבורה, בערל וויינבערגס אַ קינד. פון זיי האָבן איבערגעלעבט דעם לאַגער 19 גניעוואַשאָווער. פון די 19 זענען צוויי דערהרגעט געוואָרן דורך די פּוילישע א. ק. באַנדיטן, שוין נאָך דער באַפרייונג.

אויסער מיט מיין משפחה, האָב איך זיך אויך געזען מיט גניעוואַשאָווער און מיט אַ סך באַקאַנטע פון דעמבלין און ריקע. מען האָט אונדז צוגעטיילט ערטער צום שלאָפן. 4 גניעוואַשאָווער זענען מיר געלעגן איינער לעבן אַנדערן: איך מיט מיין ברודער און די צוויי ברידער שייער. האַלב זעקס פרי האָט מען אונדז געוועקט. מיר האָבן באַקומען די קאַווע. האַלב זיבן זענען שוין אַלע

געשטאַנען אין דער ריי און דערנאָך האָט מען אונדז געפירט צו דער אַרבעט אויפן לופט־פּלאַץ, ווו אַ פֿאָלקס־דייטש האָט איינגעטיילט אין גרופּן. איך און מיין ברודער זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַ פּלאַץ ווו עס זענען געלעגן שטויסן ברעטער און קלעצער. די גרופּע איז באַשטאַנען פון אַן ערך 30 מאַן. מיר האָבן געדאַרפט טראָגן ברעטער פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן. דער הויפּט־אויפזעער איז געווען דער דייטשער מייסטער פון טישלער־וואַרשטאַט. אין פאַרגלייך צו די פריערדיקע לאַגערן, איז די איצטיקע אַרבעט געווען אַ לייכטע. נאָר ס'האָט זיך אונטערגערוקט דער ווינטער, מען האָט אַ גאַנצן טאָג געמוזט שטיין אין דרויסן — און די קעלטן האָבן אויף מיר שטאַרק געווירקט. האָב איך געבעטן דעם יידישן מייסטער פון דער טישלעריי, יוסף דויטשער, אַ דעמבלינער, ער זאָל מיר טאָן אַ טובה: אַזוי ווי איך בין אַ שטיקל סטאָליער, קאָן הובלעווען ברעטער, זאָל ער פועלן ביים דייטשן מייסטער מען זאָל מיך אַריינעמען אין דעם טישלער־וואַרשטאַט. אַזוי איז געשען. דעם צווייטן טאָג, ביים איינטיילן די אַרבעט דורך דעם פאָלקס־דייטש, איז מיין נאָמען אויסגערופן געוואָרן — און ער האָט מיך געהייסן צוגיין צו דער גרופּע טישלערס. אין דעם וואַרשטאַט האָט מען אַ גאַנצן טאָג געברענט אַן אויוון. די אַרבעט דאָרט איז פאַר מיר געווען ממש אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט אַלע פריערדיקע באַשעפטיקונגען אין די לאַגערן.

איך האָב אַזוי אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן. ס'איז צוגעקומען נאָך אַ טישלער ווי איך, אויך אַ גניעוואַשאָווער — יעקב קאָרמאַן, אַ שוואָגער פון דעם יידישן מייסטער יוסף דויטשער. זענען מיר שוין געווען צוויי גניעוואַשאָווער. איך האָב אָבער געוווסט, אַז לאַנג וועט דאָס דאָזיקע גליק נישט דויערן. ווייל צוויי אַזעלכע „טישלערס" וועט דער יידישער מייסטער, ביים בעסטן ווילן, נישט קאָנען דעקן. איינער וועט מוזן „פליען". און דער קאַנדידאַט דערצו בין איך געווען, ווייל, ערשטנס, איז קאָרמאַן געווען אַ שוואָגער פון מייסטער, צווייטנס, איז ער געווען יינגער און שטאַרקער פון מיר. דריטנס — איז ער אַ קאַמאַשן־מאַכער, פאָרט אַ פאַכמאַן, בעת איך האָב אין מיין לעבן נישט געאַרבעט ביי קיין פאַך. כ'האָב געזוכט פּראָטעקציע דורך פאַרשידענע באַקאַנטע. איך האָב אויך געוואָלט אַז מיין ברודער זאָל זיך נישט דאַרפן אַרומדרייען דעם גאַנצן טאָג אין דרויסן און ליידן פון די קעלטן — און ס'איז מיר געלונגען. אונדזער אַ משפחה פון דעמבלין, אברהם רובינשטיין, האָט געאַרבעט אין דער עלעקטרע־אָפּטיילונג און גערעדט מיט דער סעקרעטאַרין

און בוכהאַלטערין פרוי פּישפּעלד. איך מיט מיין ברודער זענען אָנגענומען געוואָרן אַלס עלעקטריקער און געאַרבעט ביז מען האָט אונדז אָפּגעשיקט קיין טשענסטאָכאָוו.

די עיקרדיקע אַרבעט אין דעם לאַגער איז באַשטאַנען אין פאַרגרעסערן דעם פלי־פּלאַץ, אַז גרויסע עראָפּלאַנען זאָלן קאָנען לאַנדן. מ'האָט באַדאַרפט אַספּאַלטירן וועגן, לייגן באַן־ליניעס. עס זענען דאָרט געווען טישלער־וואַרשטאַטן, עלעקטרישע וואַרשטאַטן, קוילן־שטעלעס. פרויען האָבן בדרך־כלל געאַרבעט ביי לאַנדווירטשאַפט. אַ טאָג אַרבעט האָט זיך געצויגן פון 7 אַ זייגער פרי ביז 6 אין אָוונט. די אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן זענען געוויינלעך געווען לייכטער ווי די אין דרויסן.

אַ מילדער רעזשים מיט... רציחות

אַ ספּעציעל שטרענגער רעזשים איז ביי אונדז נישט געווען. צו דער אַרבעט אין דער פרי זענען מיר געגאַנגען אונטער דער באַגלייטונג פון דער יידישער לאַגער־פּאָליציי. צוריק זענען מיר געגאַנגען נישט אַלע צוזאַמען, נאָר גרופּנווייז, אָן באַגלייטונג. דער לאַגער גופא איז געווען אַרומגעצוימט מיט דראָטן, נישט עלעקטריזירטע. ביים טויער איז געשטאַנען אַ יידישער פּאָליציאַנט, נישט ווייט האָט געוווינט דער דייטשער קאָמענדאַנט, פון דער ווערמאַכט. דאָך זענען אויך פון זיינע הענט געפאַלן עטלעכע קרבנות, צווישן זיי אַ גניע־וואַשאָווער — דער זון פון אברהם זשאַבינקער. ער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין לאַגער אַ זייגער 10 ביינאַכט, מיט אַן אויפשריפט אַז מען האָט אים געכאַפּט אינעם שפּייז־מאַגאַזין.

אַ צווייטער ייד, אַן עלטערער און רעליגיעזער פון סלאָוואַקיי איז דערשאָסן געוואָרן ביים טויער פון לאַגער און איז דאָרט געלעגן 24 שעה, אויך מיט אַ צעטל. זיין „פאַרברעך" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט ביי אים אין אַ ספר געפונען געלט. נאָך עטלעכע קרבנות זענען געפאַלן אָן אַ פּאַרוואָס. מען האָט זיי געבראַכט אין לאַגער און קובר געווען אויף אַ ספּעציעלן פּלאַץ, צוזאַמען מיט די, וואָס זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

אַמאָל איז ביי אונדז געשען אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל. 10 מאַן, כמעט אַלע פון ריקע — זענען אין מיטן דער נאַכט אַרויס פון לאַגער, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און אויטאָמאַטן, וואָס זיי האָבן געגנבעט פון די מאַגאַזינען אויפן לופט־פּלאַץ. מיר זענען געווען זיכער אַז די שטראָף וועט זיין אַ קאָלעקטיווע,

פאַר אַלע. ס׳איז אָבער אַלץ אַדורך בשלום. מ׳איז אָפּגעקומען מיט אַן אַפּעל און אַ וואָרענונג. פון די צען מאַן זענען זיבן אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, זיי זענען אָבער אומגעקומען. דריי האָבן זיך באַהאַלטן אין די דערפער ביי ריקע און איבערגעלעבט.

אַ צווייטער פאַל. דער יידישער לאַגער־פירער ווענקאַרט האָט צוזאַמענגערופן די וואָס קאָנען זינגען, אָדער דעקלאַמירן, פון די קינדער און איינגעאָרדנט אַ מין ליטעראַרישן אָוונט מיט געזאַנג און דעקלאַמאַציעס. אין מיטן דער פאָרשטעלונג, ווען אַ מיידל האָט געזונגען דאָס ליד „אַ היים, א היים״, זענען אין זאַל אַריין צוויי עס־עס מענער, אָפיצירן. זיי האָבן געוואַרט ביז מען האָט געענדיקט זינגען דאָס ליד. דאַן האָבן זיי צוגערופן דעם אַנוועזנדיקן דייטשן קאָמענדאַנט און אים געגעבן אַ באַפעל ער זאָל צושטעלן צוויי יונגע מענער פון סלאָוואַקיי, וועלכע זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך. דער גאַנצער לאַגער האָט געקאָכט: ווער ווייסט וואָס די צוויי האָבן אָפּגעטאָן. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז די צוויי אָפיצירן זענען געווען פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, איבערגעטועט אין עס. עס.־מונדירן. אַזוי האָבן זיי אַרויסבאַקומען די צוויי בחורים פון לאַגער. דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט וועגן דעם פאַל אַפילו נישט געמאָלדן די העכערע אינסטאַנצן, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך. (שפּעטער האָט מען איבערגעגעבן, אַז די צוויי בחורים זענען געכאַפּט געוואָרן ביי דער דייטש־אונגאַרישער גרענעץ און זענען דערשאָסן געוואָרן. צי טאַקע אַזוי איז געשען — ווייס איך נישט. נאָר אַז זיי האָבן נישט איבערגעלעבט דעם קריג, ווייס איך פון די סלאָוואַקישע יידן, וואָס האָבן געקענט די צוויי און זייערע משפחות).

די אַרבעט איז זיך ווייטער געגאַנגען, טאָג־איין טאָג־אויס. איך האָב געאַרבעט מיט מיין ברודער אין דעם עלעקטריע־וואַרשטאַט און מיין פרוי אין דער לאַנדווירטשאַפט. אין צווישנצייט האָט מיין פרוי באַקומען אַן אַטאַק אויף די נירן און גאַל און נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט. מעדיצינישע הילף האָט זי באַקומען פון לאַגער־דאָקטאָר קעסטנבוים. אַז ס׳איז איר בעסער געוואָרן און זי איז ווידער געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זי נאָך עטלעכע טעג ווידער באַקומען אָנפאַלן. ביז ס׳איז איר געלונגען צו פועלן ביי ווענקאַרטן זי זאָל נישט דאַרפן גיין אויפן פרייען פעלד, נאָר בלייבן אַרבעטן אין לאַגער, ווי אויפראַמען, וואַשן די פאַדלאָגעס, העלפן שיילן קאַרטאָפל אין קיך. אַזוי איז זי געבליבן ביז צום ליקווידירן דעם לאַגער.

אין חודש נאָוועמבער 1943, איז דער רוב לאַגערן ליקווידירט געוואָרן מיט דעם תירוץ, אַז מען האָט געפונען ביי יידן געווער. אַזוי זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אַלע פון לאַגער פּאָניאַטאָוו, וועלכן כ׳האָב פריער באַשריבן. דאָרט האָבן זיך געפונען די גניעוואַשאָווער משה פרומער, די פאַמיליע שמעון שיינדל ברכהס און מיין שוועסטער קיילע מיט אירע צוויי קינדער. עפּעס ענלעכס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין לאַגער. דעם 11טן נאָוועמבער, אַרום 8 אַזייגער פרי, איז דער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך עטלעכע הונדערט זעלנער פון דער ווערמאַכט, באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער. (דאָס איז געווען אונדזער גליק, וואָס נישט דורך עס.־עס.). אַ טייל זעלנער זענען אַריין אין לאַגער און געמאָלדן, אַז די אַלע וואָס האָבן געווער, גאָלד, בריליאַנטן און וואַלוטע, זאָלן דאָס אַרויסגעבן. אַלע, צוזאַמען מיטן יידישן לאַגער־פירער, אַפילו קראַנקע, האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין רייען. מיר זענען געווען זיכער, אַז איצט איז געקומען אונדזער סוף. ס׳איז פאָרגעקומען די רעוויזיע. דאָס גאָלד און אַנדערע ווערטזאַכן, וואָס די מיליטער־לייט האָבן געפונען, זענען אַריין אין זייערע אייגענע קעשענעס. דאַן האָט מען אָנגעהויבן מאַכן פּערזענלעכע רעוויזיעס. מענער און פרויען אין באַזונדערע באַראַקן. אַן אָפיציר האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז פרויען זאָל רעווידירט ווערן נאָר פון פאַרהייראַטע זעלנער, מענער — פון נישט־פאַרהייראַטע. אַ סך האָבן שטייענדיק אין דער ריי אַוועקגעוואָרפן דאָלאַרן, צירונג און גאָלד, וואָס זיי האָבן ביי זיך געהאַט, ווייל מען האָט אַלץ מען אויסגעטאָן נאַקעט. ביי די טישן ווו די רעוויזיע איז פאָרגעקומען, זענען געלעגן אַ סך דאָלאַרן, ווערט־זאַכן, ווי אויך פויליש־דייטשע זלאָטעס. דאָס האָט געדויערט ביז אַזייגער 1 בייטאָג. די זעלנער פון לאַגער האָבן דערנאָך באַקומען אַ באַפעל צו מאַכן אַ רעוויזיע ביי אַלע אַרבעטער וואָס געפינען זיך אויפן פלי־פּלאַץ. דאַקעגן מיר, אויף די ערטער, האָבן באַקומען אַ באַפעל אַז אַלע מענער און פרויען דאַרפן זיך צושטעלן ביי דעם עלעקטרישן וואַרשטאַט, ווו איך האָב געאַרבעט. אַרום 3 אַ זייגער איז אָנגעקומען דאָס מיליטער. אַלע זענען מיר געשטאַנען אין די רייען, מען האָט צו 10 פּערזאָן אַריינגערופן אין ביוראָ און געהייסן יעדער איינעם אַוועקגעבן דאָס געלט. ס׳האָט נישט געדויערט מער ווי אַ שעה. דאָס מיליטער איז אַוועק און אַלע אַרבעטער זענען צוריק אַריין אין לאַגער. מיר זענען ווידער אָפּגעקומען מיט שרעק. אין לאַגער זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען. אַרום דעמבלין איז געווען אַ גרויסע צאָל אַרבעט־פּלעצער, מיט בדרך־כלל געזונטע, פעסטע

אַרבעטער, אָן אַלטע מענטשן אָדער קינדער, דאָך זענען די אַלע לאַגערן ליקווידירט געוואָרן. אין אונדזער לאַגער, ווי דערמאָנט, האָבן זיך געפונען אַן ערך הונדערט קינדער, צווישן 1 און 10 יאָר און אַ געוויסע צאָל פרויען און מענער אין עלטער פון 60 ביז 70 יאָר. (צוויי פרויען, עלטערע פון 70 יאָר האָבן איבערגעלעבט).

פון דער אונטערערדישער טעטיקייט

אַ קלאַנג איז געווען, אַז דער קאָמענדאַנט פון לופט־פּלאַץ, אַ קאָלאָנעל, איז אַ קעגנער פון היטלערן. אויך דער הויפּט־דאָקטער, אַ מאַיאָר (מען האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד), אַרבעטן מיט מיט די אַליאירטע קעגן די נאַציס. דאָס איז אויף זיכער נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. אָבער דאָס וואָס איך באַשרייב ווייטער, איז הונדערט־פּראָצענט אמת.

אויפן לופט־פּלאַץ ווו מיר האָבן געאַרבעט אַלס עלעקטריקער, האָט זיך געפונען אַן אונטער־אָפיציר קאַמינסקי, אַן אינזשיניער. ער איז געקומען צו אונדזער מייסטער און געפאָדערט עטלעכע עלעקטריקער צו דער אַרבעט אין דער געוו. דעמבלינער פעסטונג. אויך איך בין געווען צווישן דער גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן עלעקטרישע באַלייכטונג פאַרן גענעראַל. מיר האָבן זיך פאָרזיכטיק פונאַנדערגערעדט מיטן אינזשיניער קאַמינסקי און געוווּיר געוואָרן, אַז ער איז אַ קעגנער פון היטלערן. ער האָט געזאָגט, אַז היטלער מיט זיין פאַרברעכערישער באַנדע מוזן די קריג פאַרלירן. אַ פאָלק וואָס קאָן אַזויפיל אומשולדיקע מענטשן אומברענגען, האָט נישט קיין רעכט צו טראָגן דעם נאָמען פאָלק און טאָר נישט דעם קריג געווינען. ער האָט אונדז איבער־געגעבן די נייעס פון אויסלענדישן ראַדיאָ וואָס די דייטשן האָבן פאַרשוויגן. ער האָט אונדז געהאָלפן מיט עסן, פּאַפּיראָסן. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ קעגנער פון באָלשעוויזם, ווו מיליאָנען מענטשן זענען פאַרשיקט אין לאַגערן. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון אַמעריקע. ער האָט געזאָגט, אַז די פאַר. שטאַטן דאַרפן באַהערשן די וועלט, ווייל אין יענעם לאַנד געפינען זיך מענטשן פון אַלע נאַציעס.

אין צווישנצייט איז אין לאַגער געקומען אַ דייטשער אָפיציר מיט אַ ראַדיאָ און זיך געפרעגט צי ס׳איז פאַראַן ביי אונדז אַ ראַדיאָ־טעכניקער. ס׳האָט זיך געמאָלדן פישפעלד, אַ וואַרשעווער ייד און געזאָגט, אַז ער איז אַ ראַדיאָ־טעכניקער. דערנאָך האָט נאָך איינער געבראַכט אַ ראַדיאָ צו פאַריכטן און אַדאַנק דעם האָבן

מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן ראַדיאָ פון ענגלאַנד, רוסלאַנד און פון פוילישן אונטערגרונט. מיר האָבן אויך געהערט אַלע נייעס פון אינזשיניער קאַמינסקי. אין אָוונט פלעגן אין לאַגער שוין וואַרטן יידן כדי צו הערן פון אונדז די נייעס.

מיר זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן געהערט אין ראַדיאָ וועגן אַטענטאַט אויף היטלערן. מיר האָבן געהערט ווען מען האָט די אונגאַרישע יידן אָנגעהויבן שיקן נאָך אוישוויץ און וועגן די אַלע קאַמפן אויף די פראָנטן, דאָס צוריקגיין פון די דייטשן פון רוסלאַנד. מיר האָבן געהערט, אַז עס האָט זיך געעפנט דער צווייטער פראָנט ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דייטשע שטעט.

איך און מיין ברודער הערשל מיט נאָך עטלעכע מאַן האָבן געפּלאַנט צו אַנטלויפן פון לאַגער. דערווייל איז אין אונדזער לאַגער אָנגעקומען דער באַוווּסטער מערדער פון סקאַרזשיסקאָ, באַרטנשלאַגער, וועלכער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן הונדערטער קרבנות, דער עיקר יידישע מיידלעך. ער פלעגט זיי אַרויסנעמען פון די רייען און מיט אַנדערע דייטשע מערדער זיי פאַרגוואַלטיקן. מער זענען די מיידלעך שוין נישט צוריק געקומען. באַרטנשלאַגער איז אין טשענסטאָכאָוו געוואָרן שעף פון אַ נייעם לאַגער אויסצואַרבעטן ביקסן־קוילן און מאַשין־געווער און זיך געניטיקט אין אַרבעטער. ער איז געקומען מיט אַ פאָדערונג פון אונדזער לאַגער מען זאָל אים געבן אַרבעטער. מען האָט אָנגעהויבן רעגיסטרירן צום אַוועקשיקן און באַלד האָט מען 200 מאַן אַרויס־גערופן צו פאָרן קיין טשענסטאָכאָוו. צווישן די 200 האָבן זיך געפונען 17 קינדער, אויך די גניעוואַשאָווער ברידער שייער, די צוויי שוועסטער אַנלעטער מיט אַ קליין ברודערל. די 200 זענען אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו, אין לאַגער וואַרטאַ. דער מערדער האָט אַרויסגענומען די 17 קינדער און זיי איבערגעגעבן די אוקראַינער, אַז זיי זאָלן זיי נעמען אויפן יידישן בית־עולם און אויסשיסן. מיר זענען דאָס געוווּיר געוואָרן ווען מ'איז אָנגעקומען מיטן צווייטן טראַנס־פּאָרט, ווען דער לאַגער אין דעמבלין איז ליקווידירט געוואָרן.

די גרופּע וואָס האָט פּלאַנירט צו אַנטלויפן, האָט באַשטימט, אַז דאָס זאָל פאָרקומען אין שבת. איך מיט מיין פרוי האָבן אָפּגערעדט אַז זי זאָל בעטן דעם יידישן לאַגער־פירער ער זאָל איר מיטן קינד דערלויבן מיטצוגיין מיט דער יידישער פּאָליציי, ווען זיי פירן עסן פאַר די אַרבעטער — דעמאָלט זאָלן מיר אַוועק. די פרוי האָט עטלעכע מאָל אַזוי געטאָן, ווייל אַ קריסט פון גניעוואַשאָוו פלעגט אונדז ברענגען פאַרשידענע זאַכן און די פרוי פלעגט עס ביי אים

אָפּנעמען. אַ געוויסן טאָג האָט דער יידישער לאַגער־פירער דערקלערט מיין פרוי, אַז ער האָט אַ חשד, אַז איך מיט אַ גרופּע ווילן אַנטלויפן, דעריבער דערלויבט ער נאָר איר אַליין צו גיין און זי דאַרף איבערלאָזן דאָס קינד אין לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז די פרוי איז נישט געקומען. דעם זעלבן שבת (דעם 16טן יולי) האָבן מיר אין געהיים געהערט פון ראַדיאָ מאָסקווע, אַז די רוסן געפינען זיך 20 קילאָמעטער פון לובלין און אַז נאָך היינט פאַרנעמען זיי די שטאָט. שבת 1 אַזייגער איז די גרופּע אַוועק פון אַרבעט־פּלאַץ און מיין ברודער מיט זיי. איך, נישט זעענדיק מיין פרוי, בין געבליבן. פאַרנאַכט, ווען מיר זענען געקומען אין לאַגער, האָבן מיר באַמערקט אַז די דייטשן זענען זייער צעטומלט, עפּעס רודערט זיך. דער ווייסל־ברעג איז אַרומגעשטעלט מיט אַ סך זעלנער און געווער. זונטיק אין דער פרי האָט מען אונדז שוין נישט גערופן צו דער אַרבעט. ס'איז געוואָרן לעבעדיק. מען האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן פון לאַגער. הונדערט מאַן, צווישן זיי דער גניעוואַשאָווער פּרץ שאַפּיר, איז געלונגען צו אַנטלויפן. כמעט אַלע זענען דערהרגעט געוואָרן אויף די וועגן דורך די פּוילישע באַנדיטן פון דער א. ק. בלויז יחידים האָבן זיך געראַטעוועט, צווישן זיי אויך פּרץ שאַפּיר.

מיטאָגצייט איז געקומען צום לאַגער דער אינזשיניער קאַמינסקי און אַרויסגערופן עטלעכע עלעקטריקער און געזאָגט, אַז העכסטנס אין 24 שעה אַרום וועלן מיר אַלע זיין פריי. ער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט. אין לאַגער גופא איז פאָרגעקומען אַ קאַמף מיטן יידישן קאָמענדאַנט ווענקאַרט. ער האָט זיך באַמיט מ'זאָל אונדז אַוועקשיקן, מען זאָל צושטעלן וואַגאָנען. מען האָט זיך מיט אים געאַמפּערט. זונטיק אַרום 8 אין אָוונט איז צום לאַגער געקומען אַ צוג מיט אָפענע וואַגאָנען אין באַגלייטונג פון זעלנער און מען האָט באַפוילן אַז אַלע זאָלן אַריין אין די וואַגאָנען. מיר זענען אַריין. נאָר איינצלנע האָבן זיך באַהאַלטן. מיר זענען אָפּגעפאָרן און דינסטיק אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו.

אין טשענסטאָכאָווער לאַגער

מיט צוויי טעג פריער האָבן די ברידער צווייגנבערג פון גניעוואַשאָוו מיט איין דעמבלינער, געאַרבעט ביי דייטשן וואָס האָבן געהאַט פערד־און־וועגענער. מען האָט די דריי מאַן מיטגעשיקט מיט די דייטשן וואָס האָבן באַקומען אַ באַפעל צו עוואַקואירן זיך. דער דעמבלינער איז צוריק געקומען און דערציילט, אַז די צוויי ברידער צווייגענבערג האָט מען אומגעבראַכט. דאָס בין איך געוווירר געוואָרן ערשט נאָך דער קריג.

מיר זענען געשטאַנען עטלעכע שעה אויף דער סטאַציע אין טשענסטאָכאָוו. אין צווישנצייט זענען דריי מיידלעך אַוועק פון צוג. מען האָט זיי שפּעטער געכאַפּט און געשיקט קיין אוישוויץ. זיי האָבן איבערגעלעבט דעם קריג. אויך וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט ערשט נאָך דער באַפרייונג.

נאָכן אָפּהאַלטן עטלעכע שעה אויף דער סטאַציע, האָט מען אונדז געשיקט אין לאַגער „וואַרטאַ״. האַסאַק, דער באַוווּסטער מערדער, באַגלייט מיט 20 שוץ־ווערק אויפזעערס, האָט אונדז מקבל פּנים געווען מיט געשרייען „שנעלער! שנעלער״. 200 מענער האָט מען אַוועקגעשטעלט באַזונדער און זיי געשיקט אין אַ צווייטן לאַגער, אויך אין טשענסטאָכאָוו, אין אַן אייזן־פאַבריק. דאָרט האָט זיך געפונען דער גניעוואַשאָווער מענדל וויינריב. די רעשט זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אויף אַ פּלאַץ נעבן לאַגער. אַלע פּעק און זאַכן וואָס מיר האָבן מיטגענומען פון דעמבלין, האָבן מיר געמוזט לאָזן ליגן אויפן פּלאַץ. מען האָט אונדז גערופן — פרויען, מענער און קינדער — אַלע באַזונדער — אַדורכצוגיין די קאָנטראָל פון די שוץ־ווערק. יעדן גרינטלעך באַזוכט. ווער עס האָט געהאַט אַן אויבער־מלבוש, האָט מען צוגענומען. יעדער האָט באַקומען אַ נומער. אַ יידישער פּאָליציאַנט איז געשטאַנען מיט אַן עמער קאַלך און אַ באַרשט און פון פאָרנט און אונטן אָנגעצייכנט אַ פּאַס, כדי מען זאָל נישט קענען אַנטלויפן. די קינדער האָט מען נישט אַריינגעלאָזט אין לאַגער, נאָר זיי געשטעלט באַזונדער. די געשרייען און געוואַלדן פון די עלטערן און פון אַלע לאַגער־מענטשן זענען געגאַנגען עד לב השמים.

דאָ מוז פאַרצייכנט ווערן דער אויפטו פון דעם יידישן דאָקטער־אָפּעראַטאָר וואָס איז שוין לאַנג געווען אין לאַגער. ער איז אַוועק צו דער פרוי פון דעם מערדער, וואָס איז געווען מיט אים צוזאַמען, און זי האָט אינטערווענירט ביים מאַן. אַ חוץ דעם איז ביי די עלטערן געשאַפן געוואָרן אַ געוויסע סומע דאָלאַרן, מען האָט דאָס איבערגעגעבן דעם יידישן לאַגער־פירער, ער זאָל דאָס געבן דעם דייטשן מערדער. דאָס האָט אַזוי געדויערט צוויי טעג. ערשט דעם דריטן טאָג האָט באַרטענשלאַג געגעבן די באַוויליקונג אַריינצולאָזן די קינדער אין לאַגער אַריין. אין אָוונט האָט די יידישע פּאָליציי אַריינגעברענגט פאַר די קינדער געקאָכט עסן, האָבן אַלע קינדער געענטפערט, אַז זיי זענען נישט הונגעריק. דער פּאָליציאַנט האָט געוווּסט אַז דאָס זאָגן די קינדער ליגן. ס'איז אים אויך איינגעפאַלן פאַר וואָס די קינדער האָבן מורא צו עסן. האָט ער גענומען אַ לעפל און אַליין פאַרזוכט. ערשט איצט האָבן זיך די קינדער

געוואָרפן אויפן עסן און עס פאַרצערט. דאַן האָט מען די קינדער אַריינגענומען אין לאַגער. דער דאָקטער האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייען און איז געגאַנגען מיט אַ שטראַלנדיק פנים און פייכטע אויגן. דערזעענדיק די קינדער אַריינפירן אין לאַגער, זענען אויסגעבראָכן פריידיקע אויסגעשרייען, באַגלייט מיט שמחה־טרערן פון עלטערן און לאַגער־מענטשן. מען האָט די קינדער געכאַפּט אויף די הענט, געקושט זיי, געוויינט...

ווי אַזוי אַ 6־יאָריק קינד האָט איבערגעלעבט די מלחמה

אין גניעוואַשאָוו האָט געלעבט דאָס יונגע פּאָרפּאָלק בערל וויינבערג מיט זיין פרוי, וואָס האָט געשטאַמט פון דעמבלין. אין יאָר 1939 איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. זיי האָבן עס אַ נאָמען געגעבן דבורה.

אין צייט פון קריג האָבן זיי געוווינט אין גניעוואַשאָוו אין הויז פון שלמה גרינשפּאַן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן שלמה טוביס. אין סוף פון יאָר 1941 אָדער אָנפאַנג 1942, איז אַראָפּגעקומען פון ראַדאָם די זשאַנדאַרמעריע מיטן באַוווּסטן מערדער שוועטקע ימ״ש אַדורכצופירן אַ רעוויזיע ביי בעריש פרידמאַן און ביי נאָך עטלעכע ייִדן. אַרויסגייענדיק פון דער רעוויזיע ביי בעריש פרידמאַן דורך דער הינטערטיר, זענען זיי אַריין צום פּאָרפּאָלק וויינבערג, וואָס האָט געוווינט דערנעבן. די פרוי פון בערל וויינבערג האָט זיך דערשראָקן און איז אַרויסגעלאָפן מיטן קליינעם קינד ביי דער האַנט. האָט אַ זשאַנדאַר איר געוואָלט פאַרהאַלטן, האָט זיך דער מערדער שוועטקע אָנגערופן צום זשאַנדאַר: „לאָז איר לויפן!" — און ער האָט איר נאָכגעשאָסן און אויפן אָרט געהרגעט. אַזוי האָט שוין דאָס קינד צו דריי יאָר נישט געהאַט קיין מוטער. דער פאָטער האָט אין עטלעכע חדשים אַרום חתונה געהאַט, אויך מיט אַ פרוי פון דעמבלין, כדי דאָס קינד זאָל כאָטש האָבן אַ שטיף־מוטער. דערווייל איז געקומען די אויסזידלונג פון גניעוואַשאָוו. אין אויגוסט 1942 איז דאָס פּאָרפּאָלק מיטן קינד אַריבער קיין דעמבלין. דאָרט האָט דער פאָטער איינגעשריבן זיין פרוי מיטן קינד אין לאַגער פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן און ער האָט געאַרבעט ביי דער באַן־אינספּעקציע. אַ דאַנק דעם האָט זיך דער פאָטער איין מאָל אין דער וואָך, אָדער אין צוויי וואָכן, געזען מיט זיין קינד און מיט זיין צווייטער פרוי, ווען מ'האָט פון דער באַן־אינספּעקציע געבראַכט די אַרבעטער אין באָד.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביז מיטן יאָר 1943, ווען מען האָט אַלע אַרבעטער פון דער באַן־אינספּעקציע אַוועקגעשיקט. אין לאַגער איז דאָס קינד געווען

פאַרשריבן מיט איר שטיף־מוטער, וועלכע האָט געהייסן לויטן נאָמען פון מאַן, וויינבערג, אָבער אַלע האָבן געוווּסט אַז די פרוי איז נישט די מוטער פון קינד, זי האָט זיך אויך וויניק אָפּגעגעבן מיטן קינד. ס׳האָט קיינער צו איר קיין טענות נישט געהאַט. אין לאַגער פון דעמבלין איז דאָס קינד זייער גוט באַהאַנדלט געוואָרן. מען האָט עס געוואַשן, געבאָדן, געגעבן צו עסן, ווייל אין דעמבלינער לאַגער זענען געווען צוויי מיידלעך וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען זיך מטפל זיין מיט די קינדער, ווען מוטערס אָדער פאָטערס האָבן געאַרבעט.

ווען מען האָט איבערגעפירט דעם דעמבלינער לאַגער קיין טשענסטאָכאָוו, איז דאָס קינד אויך מיטגענומען געוואָרן. אין די פּאַפּירן איז עס געווען פּאַרשריבן אויף איר שטיפמוטערס נאָמען. זייענדיק אין לאַגער עטלעכע טעג, האָט אַ צווייטער לאַגער אין טשענסטאָכאָוו געדאַרפט האָבן מענטשן, האָט מען פון אונדזער לאַגער געשיקט אַ ביסל מענטשן, דאָס רוב פרויען, וואָס האָבן געהאַט קינדער. צווישן זיי אויך די פרוי וויינבערג מיט איר שטיף־קינד. אָנקומענדיק אין צווייטן לאַגער, האָט דער קאָמענדאַנט דאָרט אָנגעהויבן מאַכן אַ סעלעקציע — די קינדער באַזונדער און די אַרבעטער באַזונדער. זענען אַלע וואָס האָבן געהאַט קינדער צוגעלאָפן צו זייערע עופהלעך און נישט געוואָלט פון זיי אָפּטרעטן. „וואָס ס׳האָט צו זיין מיט די קינדער, זאָל זיין מיט אונדז" — האָבן זיי געשריגן. ווייזט אויס, אַז דער לאַגער־פירער איז קיין גאַנצער מערדער נישט געווען. ער האָט די קינדער מיט די מוטערס צוריק געשיקט אין דעם לאַגער פון וואַנען זיי זענען געקומען. די פרוי וויינבערג, זייענדיק זיכער אַז מען וועט די קינדער אומברענגען צוזאַמען מיט די מוטערס, איז געבליבן שטיין, נישט צוגעלאָפן צו איר שטיף־קינד. קיינער האָט דאָס נישט געהאַלטן פאַר קיין פאַרברעכן. צום באַדויערן, האָט די פרוי וויינבערג אין יענעם לאַגער נישט איבערגעלעבט, דאָס קינד אָבער איז ווייטער געווען אין דעם ערשטן לאַגער, באַזאַמען מיט אַלע קינדער. אין יאַנואַר 1945, ווען טשענסטאָכאָוו איז באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן, איז דאָס קינד אַלט געווען 6 יאָר און עס איז באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט צוויי טויזנט יידן, צווישן זיי אַן ערך 50 קינדער וואָס האָבן געהאַט עלטערן, אָדער בלויז מוטערס אָדער פאָטערס. בלויז דאָס איינע קינד האָט קיינעם נישט געהאַט. ווו עס געפינט זיך היינט, איז מיר נישט באַקאַנט. געהייסן האָט דאָס מיידעלע דבורה וויינבערג, געווען אין די לאַגערן דעמבלין און טשענסטאָכאָוו.

ביי די דייטשן, רוסן און פּאָליאַקן

יוסף דינער

באַזונדערס געדענקט זיך דאָס יאָר 1939, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. גלייך ביים אָנהייב, ווען די פּוילישע אַרמיי האָט זיך צוריק געצויגן, זענען אַ סך מיליטער־אָפּטיילונגען אַדורכגעגאַנגען אונדזער שטעטל. צווישן זיי האָבן זיך געפונען פיל יידישע זעלנער, וועלכע זענען געווען פאַר־וווּנדעט און אָפּגעשוואַכט. אַ סך האָבן ווייטער נישט געקענט גיין. האָבן יידן (באַזונדערס — אין שטוב פון יאַנקל קייזער), אָרגאַניזירט הילף. מען האָט די פאַרוווּנדעטע אַרומגעוואַשן און זיי באַנדאַזשירט. אויך איך האָב זיך באַטיי־ליקט אין דער וויכטיקער אַרבעט. מיט אַמאָל האָבן מיר דערהערט אַ רויש פון מאָטאָציקלען און דערזען, אַז די דייטשע אויספירער זענען אַריין אין שטעטל. ווען איך בין אַרויס פון שטוב דורכן פענצטער און געלאָפן אַהיים, האָט מיך באַמערקט איינער פון די דייטשן און נאָכגעלאָפן. מיר האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן און כ'בין ניצול געוואָרן פון זיינע הענט.

ווען די דייטשן האָבן שוין פאַרנומען דאָס שטעטל, איז געפאַלן אַ מרה־שחורה אויף די יידן. מען האָט געכאַפּט מענטשן און אַוועקגעשיקט. געווי וווּ אַהין — האָט מען נישט געוווּסט. אין אַלגעמיין האָבן די מענער זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן. די דייטשן האָבן געזוכט אין די שטובן און צוגענומען אַלע ווערטפולע זאַכן. ווען מען האָט נישט געטראָפן קיין מענער, האָבן זיי פרויען נישט געטשעפּעט. איך האָב געלעבט אין יענער צייט ביי פנחס ל'עדערמאַן אין דירה, אויפן ערשטן שטאָק. ווען די דייטשן האָבן געקלאַפּט אין טיר, האָט זיך דאָרט געפונען מיין שוועסטער בלומע. זי האָט נישט געעפנט די טיר. ווען זיי האָבן גענומען אויפרייסן די טיר מיט כוח, איז זי אַרויסגעשפרונגען דורכן באַלקאָן. צום גליק איז איר גאָרנישט געשען. איר האָט זיך איינגעגעבן אויס־צובאַהאַלטן. מען האָט איר איינגערעדט, אַז געפערלעך איז נאָר פאַר די מענער, פרויען און קינדער וועלן די דייטשן נישט באַאומרויקן.

איך מיט נאָך איניקע גניעוואַשאָווער, צווישן זיי ישראל גירש מיט זיין פרוי שרהלע פערלשטיין, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, כדי זיך צו דער־

קלייבן קיין לעמבערג. דעם וועג האָבן מיר דורכגעמאַכט דורך פּולאַווו, לובלין, זאַמאָשטש. זייענדיק אין טאָמאַשאָוו־לובעלסקי, האָבן מיך די דייטשן געכאַפּט צו אַרבעט. זיי האָבן מיר ספּעציעל געגעבן אַלע שווערע, שמוציקע אַרבעטן, ווי רייניקן קלאָזעטן אדג״ל. אַ גאַנצן טאָג האָב איך ביי זיי געאַרבעט, דערנאָך האָבן זיי מיך באַפרייט. מיר זענען ווייטער געגאַנגען צו דער גרענעץ קיין בעלזשיץ. דאָרט האָבן מיר געטראָפן טויזנטער מענטשן פון אַלע עקן פּוילן.

נאָך אַ טאָג וואַרטן, האָבן די מענטשן מיט שטורעם זיך אַדורכגעריסן די גרעניץ און זיך געפונען אויפן נייטראַלן פּאַס. די גרענעץ־וועכטער האָבן געוואַרט אויף אַ פאַראָרדענונג פון דער העכערער מאַכט, וואָס זיי זאָלן מיט אונדז טאָן. ענדלעך האָט מען אונדז אַדורכגעלאָזט און אָפּגעפירט אין שטעטל ליביטש. די רוסן האָבן אַדורכגעפירט אַן אויספאָרשונג ווער די פּליטים זענען. מיר האָבן נישט געוואַרט און אַנטלאָפן פון דער גאַנצער מאַסע, זייענדיק אַ טאָג ביי אַ ייד פון דעם שטעטל, זענען מיר אַוועק קיין ראַווע־רוסקע און פון דאָרט קיין לעמבערג.

אין לעמבערג האָבן מיר געטראָפן אַ סך גניעוואַשאָווער, וועלכע זענען שוין געווען דאָרט פון פריער, צווישן זיי: יהושע פּערלשטיין, איטשע־מאיר ליפּשיץ, יעקב שערמאַן. מיר האָבן געוואַרט מיט דער האָפענונג, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיר וועלן קענען צוריק אַ היים. אַ טייל פון אונדז האָבן נישט געהאַט קיין געדולד, נאָכן זיין אַ שטיקל צייט אין לעמבערג, זענען זיי צוריק (וועלוול גרינשפּאַן, יעקב שערמאַן א״אַנד) אין דעם טייל פּוילן, וואָס איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן.

אין 1940 האָט מען פאָרגעלייגט אַלע געקומענע פון פּוילן, אַז זיי זאָלן נעמען רוסישע פּאַספּאָרטן און ווערן סאָוויעטישע בירגער. אַ קליינע טייל פּליטים האָבן אָנגענומען די רוסישע בירגערשאַפט, אָבער דער גרעסטער טייל האָבן נישט געוואָלט. אָנהייבנדיק פון יוני 1940, האָט מען די אַלע וועלכע האָבן נישט גענומען קיין רוסישע פּאַספּאָרטן, צוגענומען דורך די נ. ק. וו. ד. און אַרויסגעשיקט פון לעמבערג. ווען מען איז געקומען מיך נעמען, האָט דעמאָלט מיט מיר געוווינט איטשע־מאיר ליפּשיץ. אים האָט זיך איינגעגעבן אויס־צובאַהאַלטן און מען האָט אים נישט געפונען. יהושע פּערלשטיין האָט מען צוגע־נומען און ער איז שוין געווען אין וואַגאָן, אָבער נאָך דער אינטערווענץ פון זיין זון משה און איידעם ישראל גירש, וועלכע האָבן באַוויזן אַז ער איז נאָך

פריער געווען אין לעמבערג, האָט מען אים באַפרייט און ער איז שפּעטער אומגעקומען.

מיך האָט מען פון לעמבערג אַוועקגעשיקט אין אַרכאַנגעלסקער אָבלאַסט אין אַ דערפל. מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז מיר בלייבן דאָ אויף אייביקער פאַרשיקונג. אונדזער אַרבעט איז געווען: האַקן האָלץ אין וואַלד און עס צוגרייטן אויף אַוועקשיקן. נאָכן אָפּזיין דאָרט 14 חדשים, זענען מיר נאָך אַן אַפּמאַך פון דער רוסישער רעגירונג מיט דער פּוילישער (פון גענעראַל שיקאָרסקי) באַפרייט געוואָרן און פון דאָרט אַוועק קיין מיטל־אַזיע — אין דער הויפּט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן, טאַשקענט. דאָרט האָב איך געטראָפן צוויי גניעוואַשאָווער: גימפּל האַנדלסמאַן און אלעזר שטיינפעלד. מיר זענען צוזאַמען אַוועק פון טאַשקענט קיין אבאַלייאַש. פון דאָרט האָט מען אונדז געשיקט אין קאָלכאָז „ריוואַן”, ווו מיר זענען געווען, ביז מ'האָט אונדז מאָביליזירט אין דער „טרוד־אַרמיי”. מיך האָט מען געשיקט קיין טשעליאַבינסק, ווו איך האָב געאַרבעט אויפן זאַוואָד טש. ט. ז. ביזן סוף פון דער מלחמה.

אין 1946 האָט מען אונדז אַלס פּליטים, דערלויבט צוריק פאָרן קיין פּוילן. אין חודש מערץ בין איך שוין געווען אין פּוילן. אַדורכפאָרנדיק די סטאַציע באַנקאָוויעץ, בין איך אַרויס פון וואַגאָן און געטראָפן באַקאַנטע קריסטן, וועלכע האָבן זיך באַגריסט מיט מיר און פאָרגעלייגט איך זאָל אַריינפאָרן אין שטעטל. איך האָב געזאָגט, אַז כ'האָב געהערט, ווען עטלעכע יידן זענען געקומען אין שטעטל, האָט מען פינף פון זיי דערמאָרדעט. צוזאַמען מיט זיי איז געשטאַנען אַ קריסט. ער האָט אַרויסגענומען אַ מעסער און מיר געוויזן, אַז אויב איך וועל קומען אין שטעטל, וועט מען אויך מיך דערהרגענען. זעענדיק דאָס, בין איך צוריק אַריין אין וואַגאָן און געפאָרן קיין ווראָצלאַוו. נאָכן זיין דאָרט דריי חדשים, זענען מיר מיט דער הילף פון אַ קיבוץ אַוועק אומלעגאַל דורך טשעכיע קיין עסטרייך, פון דאָרט — קיין דייטשלאַנד, ווו איך בין געווען 2½ יאָר אין די פּליטים־לאַגערן. נאָכן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה, בין איך געקומען קיין ישראל.

(פאַרצייכנט: משה פּערלשטיין)

אין ראַטנפאַרבאַנד
בעת דער 2־טער וועלט־מלחמה

גימפל האַנדעלסמאַן

דעם ערשטן סעפטעמבער 1939, ווען די שרעקלעכע מלחמה האָט אויס־געבראָכן, בין איך פון וואַרשע צוריק געפאָרן אין מיין היים־שטעטל גניעוואַ־שאָוו און דאָרט זיך אָפגעשמועסט מיט די קוזינען זעליג און משה אורטרעגער, צו אַנטלויפן אין דעם פאַר אונדז אומבאַקאַנטן לאַנד, ווו ס׳איז נישטאָ קיין ראַסן־אונטערשיד, ממש אַ גן־עדן אויף דער ערד — רוסלאַנד.

דעם 2־טן סעפטעמבער פון יענעם יאָר, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזערע נאָענטע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. צוקומענדיק צו דער פולאַווער ווייסל־בריק, האָבן מיר דערזען אַן אויפשריפט אויף אַ גרויסן פּלאַקאַט: „אַכטונג! פאַר יידן און פאַר הינט איז דער דורכגאַנג פאַרבאָטן”. צו אונדזער מזל זענען דעמאָלט נישט געווען קיין פּאָליאַקן, וואָס זאָלן אָנווייזן די דייטשן, אַז מיר זענען יידן. אונדז איז געלונגען אַדורכצוגיין בשלום די בריק.

אין פולאַוו האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ פראַכט־צוג, וועלכער איז געפאָרן קיין לובלין.

אויף דער סטאַציע אין לובלין האָבן זיך אַלע מענטשן באַדאַרפט אויסצו־שטעלן אין אַ ריי און דורך אַ שמאָל טירל אַריינגיין אין שטאָט. די דייטשן האָבן געשריגן, אַז מען האָט געקענט טויב ווערן: „ווער עס איז אַ ייד, זאָל אַרויסטרעטן פון דער ריי. ווער עס וועט דעם באַפעל נישט אויספירן, וועט גלייך אויפן אָרט דערשאָסן ווערן”. מיר האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, גלייך מען מיינט נישט אונדז. אַזוי איז אונדז געלונגען צום צווייטן מאָל אָפּצונאַרן די דייטשע באַנדיטן און אַריינקומען אין לובלין.

מיר האָבן גערעדט מיט אַ סך יידן און כמעט אַלן האָבן באַשטעטיקט, אַז פון לובלין קיין כעלם איז אוממעגלעך צו גיין אָדער צו פאָרן, ווייל די אוקראַינער באַפאַלן, רויבן און מאָרדן אויף די וועגן. מען האָט אונדז געעצהט, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן אין אונדזער שטעטל גניעוואַשאָוו, אָבער מיר האָבן וועגן דעם נישט געוואָלט הערן און באַשלאָסן צו דערגרייכן אונדזער ציל.

מיר האָבן זיך ווידער אַריינגעכאַפּט אין אַ פּראַכט־צוג און אַריינגעפאָרן קיין כעלם, פון דאָרט זיך געלאָזן צופוס קיין דראָהוסק, ווו עס פליסט דער טייך בוג, די דעמאָלט דייטש־רוסישע גרענעץ. דאָרט האָט מען געזען ווי פון דער אַנדערער זייט בוג פלאַטערן די רוסישע פענער, וואָס האָט פאַרשאַפן פרייד אין אונדזערע הערצער.

מיר האָבן אין דראָהוסק געלעבט אַ צוויי וואָכן צייט. דערנאָך האָבן די דייטשן פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז אין קורצן קומט אין שטעטל די עס.־עס. זיי וועלן אָפּרייניקן דעם גאַנצן גרענעץ־פּאַס. אַ גרויסע שרעק איז אונדז באַפאַלן. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיר באַצאָלט אַן אוקראַינער, וועלכער האָט אונדז איבערגעפירט אין אַ שיפל אויף דער צווייטער זייט פון בוג — און פאַרטאָג האָבן מיר זיך שוין געפונען אין אונדזער אויסגעבענקטן לאַנד.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך רעגיסטרירט צו פאָרן טיפער אין לאַנד. מען האָט אונדז אָנגענומען און אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנעס, אין אַ גרויסן לאַנגן עשאַלאָן, מחמת עס זענען געווען זייער אַ סך מענטשן, בעיקר יוגנטלעכע — מענער און כּרויען. צו אונדזער עשאַלאָן האָט מען צוגעטשעפּעט אַ וואַגאָן מיט רויטע פענער. דער וואַגאָן האָט געהאַט פענצטער, אונדזערע האָבן קיין פענצטער נישט געהאַט. אין דעם דאָזיקן שיינעם וואַגאָן האָבן נאָר געקענט פאָרן געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע פונעם פאַשיסטישן פּוילן.

דער עשאַלאָן איז געגאַנגען קיין קאַנאַטאָפּ, טולער געגנט, נישט ווייט פון קיעוו. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַטאָפּ, האָט מען דעם „יחסן־וואַגאָן‘ אַוועקגעפירט אין אַ זייט און זעלנער מיט באַגנעטן אויף די ביקסן האָבן די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אַוועקגעפירט. אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז זיי זיצן אַלע אין תּפיסה. אַבי מיר האָבן זיי מקנא געווען און געמיינט, אַז מען וועט זיי גלייך שיקן קיין מאָסקווע, אין קרעמל...

אין קאַנאַטאָפּ האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אויף אַרבעט, אָבער ביז דאָס איז געשען, האָט מען געפאָדערט, אַז יעדער זאָל אָנשרייבן אַ ביאָגראַפיע, וואָס האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַ מורא, מ׳זאָל אונדז חלילה, נישט כאַפּן ביי עפּעס אַ חטא, אָדער ביי אַ ליגן, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אַז די נ. ק. וו. ד. ווייסט אַלץ. ווער עס האָט געאַרבעט, ווער עס קומט אַרויס פון אַרבעטער און ווער פון „בורזשואַזע" עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ געוועלבל ווו מען האָט פאַרקויפט אַ שטיקל הערינג אָדער אַ פּאָר דעקאָ צוקער. איך בין דעמאָלט

געוועז גליקלעך, וואָס מײַן טאַטע האָט געהאַט די זכיה צו זײַן אַ כשרער שוסטער.

נאָך דעם ווי נאַטשאַלסטוואָ האָט איבערגעלייענט מײַן פּראָלעטאַרישע ביאָגראַפיע, זענען זיי געבליבן צופרידן און מיר געקלאַפּט אין די פּלייצעס מיט אַן עכט רוסישן „כאַראַשאָ". „ביי אונדז — האָבן זיי געזאָגט — וועסטו דערגרייכן אַ גוטע צוקונפט". מיט לייב און לעבן האָבן מיר זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט, אַזוי ווײַט, אַז דעם ערשטן חודש זענען מיר געוואָרן „סטאַכאַנאָווצעס" און די צייטונגען האָבן וועגן אונדז געשריבן: גימפּל און משה אורטרעגער אַרבעטן אויס 200 פּראָצענט.

נאָך אַ קורצער צייט אַרבעטן, האָבן מיר באַמערקט אַ שטילע, אַנטיסעמי־טישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן אונדז, אַז מיר, „יידישע קאַפּיטאַליסטן", זענען געקומען אַוועקנעמען די אַרבעט פון די אוקראַיִנער — הגם קיין אַרבעט אין ראַטנפאַר־באַנד פעלט קיינמאָל נישט אויס. די יידן־שונאים האָבן פאַרשפּרייט בלבולים, אַז מיר רעדן קעגן דער רעגירונג. מען האָט אונדז אָנגעהויבן אַלע בײַנאַכט רופן אויף אויספאָרשונגען, זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי אַלץ איז אמת, וואָס מיר האָבן אָנגעשריבן אין די ביאָגראַפיעס.

גאָר פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט נאַצי־דייטשלאַנד, וועלכע האָט, אַגב, אַרויסגערופן אַ פרייד ביי די אוקראַיִנער אַנטיסעמיטן. זיי האָבן געזאָגט: „איצט וועט שוין קומען אַ סוף צום יידישן קאָמוניזם".

די מלחמה האָט זיך דערוויַיל אַנטוויקלט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. מיר האָבן געאַרבעט בייטאָג — און בײַנאַכט האָט מען אונדז געלערנט ווי אומצוגיין מיט געווער, אַז אויף יעדן רוף זאָלן מיר זײַן גרייט. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָבן די דייטשן פאַרנומען קיעוו. די אוקראַיִנישע מנהיגים זענען אַנטלאָפן פון קאַנאַטאָפּ און די אָנפירערשאַפט האָט איבערגענומען אַ רוסישער ייד, וואַר־שאַווסקי. דאַן זענען מיר שוין נישט אַוועק צו דער אַרבעט, נאָר אומגעגאַנגען איבער די גאַסן מיט די ביקסן און געהיטן די שטאָט, ווײַל אויך די פּאָליצײַ איז פון דאָרט נעלם געוואָרן. כמעט יעדן טאָג זענען געוועז עטלעכע קרבנות פון אונדזערע יוגנטלעכע פון פּוילן, ווײַל די אוקראַיִנער האָבן אויף אונדז געשאָסן פון די באַהעלטענישן.

אין איינעם אַ טאָג איז צו אונדז געקומען אַ יידיש יינגל און דערציילט, אַז אויף דער באַן־סטאַציע זענען פאַראַן אַ סך יידישע מענער, פרויען און קינדער, אויך אַלטע לייט, וואָס מען האָט זיי עוואַקויִרט פון קיעוו. ווען זיי זענען

אַנגעקומען קיין קאַנאַטאָפּ, האָט דער סטאַציע־נאַטשאַלניק, אַן אוקראַינער, נישט געגעבן קיין דערלויבעניש דעם צוג ווייטער צו פאָרן. וואַרשאַווסקי, אַ געבוירע־נער אין קיעוו, האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן צו דער באַן־סטאַציע. ווען מיר זענען דאָרט אָנגעקומען, איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פיל יידישע פרויען מיט קליינע קינדער און זקנים ליגן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און אַ סך פון זיי זענען שוין קראַנק.

מיר זענען אַוועק צום סטאַציע־נאַטשאַלניק און אים געבעטן, אַז ער זאָל ווייטער שיקן די פרויען און קינדער, ווייל זייערע מענער און זין זענען געבליבן פּאַרטיידיקן די שטאָט. אָבער דער נאַטשאַלניק האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן. ער האָט געזאָגט: „די יידן האָבן אויסראַבירט די בענק און אַנטלויפן מיט דעם געלט”.

מיר האָבן געזען, אַז אונדזערע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן, האָט וואַרשאַווסקי באַפוילן, אַז מיר זאָלן אויף אַלע פאַרבייפאָרנדיקע צוגן אריינזעצן עטלעכע פרויען און קינדער און אַלטע לייט פון די פליטים, ווייל קאַנאַטאַפּ איז געווען אַ גרויסער באַן־קנופּ. אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. וווּ מען האָט נישט געקענט דורכפירן מיט גוטן, האָבן מיר עס געמאַכט מיט דער הילף פון עטלעכע פלעשער „וואָדקאַ”.

פון דעם זענען געוויר געוואָרן עטלעכע נ. ק. וו. ד.־יסטן, וועלכן זענען געבליבן אין שטאָט. ביי זיי האָט עס געהייסן, אַז מיר טאָן „קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעט”. זיי האָבן אַרעסטירט עטלעכע אונדזעריקע, געמאַכט זיי אַ פּראָצעס פאַר אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט. וווּ די יידן זענען אַהינגעקומען — ווייסט מען נישט ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער זעלבער צייט האָט מען דערשאָסן וואַרשאַווסקין, וועלכער האָט גערופן נישט צו אַנטלויפן, נאָר זיך פאַרטיידיקן ביז צום לעצטן און קעמפן קעגן די דייטשע טאַנקען. ביי אונדז איז אַנטשטאַנען די פראַגע: וואָס ווייטער טאָן? איך האָב צוגערעדט משה אורטרעגער, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן פון דער שטאָט. ער איז געווען ביי דער מיינונג, היות מיר זענען שוין איינמאָל אַנטלאָפן פון פוילן, דאַרפן מיר ווייטער נישט לויפן, נאָר קעמפן קעגן די דייטשן.

איך בין געבליבן ביי מיין מיינונג — עוואַקויִרן זיך, ווייל עס איז אַן אומזין, אַז עטלעכע הונדערט כמעט אומבאַוואָפנטע יוגנטלעכע, זאָלן זיך שטעלן קעגן אַזאַ מעכטיקע אַרמיי, בפרט נאָך, אַז אונדזער מיליטער איז אָפּגעטראָטן פון אַלע פראָנטן און די אוקראַינער העלפן די דייטשן.

אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך צעשיידט מיט מיין חבר און אַוועק אין טיף רוסלאַנד. ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, האָט משה אורטרעגער אויך זיך אַריבערבאַקומען אין ראַטנפאַרבאַנד און ער איז אין דייטשלאַנד, נאָך דער מלחמה געשטאָרבן.

זאָלן די שורות זיין אַ דערמאָנונג פאַר זיין גוטן איבערגעלאָזטן נאָמען.

אין סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט

משה פעלדמאַן / תל־אביב

דעם 24סטן אויגוסט 1939, האָט אויך אין גניעוואַשאָווער ראַיאָן זיך אָנגעהויבן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע אין דער פּוילישער אַרמיי, אַלס ענטפער אויף די אָפענע מלחמה־דראָונגען מצד היטלער־דייטשלאַנד. איך האָב באַקומען אַ מאָבי־ליזאַציע־רוף צוצושטעלן זיך מיט דער פולער אויסשטאַטונג. מיט טרערן אין די אויגן און שטאַרקער האַרץ־קלאַפּעניש, קוים באַוויזן זיך צו געזעגענען מיט מיינע נאָענטסטע. דאָס גאַנצע פריערדיקע לעבן איז געבליבן הינטער מיר. איך בין מיט מיין מיליטער־טייל אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ראַדאָם. אין דער גרויסער צעמישעניש, ווען אומעט און בענקשאַפט האָבן געדריקט אויפן האַרצן און ס׳איז נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן, האָב איך מיט אַמאָל געטראָפן אין מיליטער אונדזערן אַ גניעוואַשאָווער — איז שוין געוואָרן פריילעכער אויף דער נשמה. משה־פּנחס האָט ער געהייסן. אַ ווילער יונג. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ס׳איז געוואָרן היימישער. מ׳האָט זיך אַראָפּגע־רעדט פון האַרצן, געטיילט זיך מיט זכרונות פון היים־שטעטל — אוןביידע האָבן מיר זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע: ווען מען קומען אַהיים לעבעדיקע? וועט מען טרעפן גאַנץ דאָס שטעטל? וועט מען געפינען עמעצן פון די נאָענטע און טייערע ביים לעבן?

מיר האָבן זיך דאַן נאָך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די קאַטאַסטראָפע וועט זיין אַזאַ גרויסע און שוידערלעכע. מ׳האָט נישט געקענט זיך דערטראַכטן צו דעם,

אַז עטלעכע טעג נאָכן מלחמה־אויסברוך, וועט שוין נישט זיין קיין רעגירונג און קיין אַרמיי־אָנפירונג. מיר זענען פול געווען מיט קאַמפס־מוט, געוואָלט פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, סיי אַלס פוילישע זעלנער, סיי אַלס יידן, וועמענס לעבן עס איז באַזונדערס געשטאַנען אין געפאַר. אָבער שוין דעם ערשטן טאָג פון מלחמה־אויסברוך, האָבן מיר נישט געהאַט מיט וואָס צו שיסן. ווען דער הימל איז געוואָרן באַדעקט מיט דייטשישע עראָפּלאַנען, און זיי האָבן אויף אונדז געהאָגלט מיט באָמבעס, האָבן מיר געענטפערט מיט... ביקסן.

אויפן 4טן מלחמה־טאָג האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן ראַדאָם און אַנטלויפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן. די אָפיצירן, ווי די זעלנער, זענען געווען הילפלאָז און צעמישט. מיר זענען געלאָפן טאָג און נאַכט אָן עסן, אָן טרינקען, אָן שלאָף, אָן אַ ציל און ריכטונג. אַ דרימל האָבן מיר געכאַפּט גייענדיק. און אַזוי האָבן מיר איינער דעם צווייטן צוביסלעך פאַרלוירן. פון אונדזער גאַנצער אָפּטיילונג איז קוים פאַרבליבן אַ קליין הייפל זעלנער, מיט אַ קאַפּיטאַן. פאַרשטויבטע, טויט־מידע, האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט קיין זאַמאָשטש. דאָרט, אין די זאַמאָשטשער וועלדער, געטראָפן נאָך אַזעלכע גרופּעס ווי מיר — און עס האָבן זיך פאָרמירט פרישע אַרמיי־אָפּטיילונגען, גרייט צו אַ שלאַכט מיט די דייטשן. די היטלעריסטן האָבן אונדז אַרומגערינגלט, ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרביסענע שלאַכט. אין דעם דאָזיקן קאַמף בין איך פאַרווונדעט געוואָרן אין אַ זייט. קיין אַמבולאַנס איז נישט געווען אויפן אָרט, האָט מען מיך אַרויפגעלייגט אויף אַ קליין פעלד־האַרמאַטל און געבראַכט אין אַ סאַניטאַר־פּונקט.

ווען אונדזערע האָבן אַדורכגעריסן די דייטשישע אַרומרינגלונג, האָט מען מיך איבערגעשיקט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, אין הרוביעשאָוו, לעבן כעלם. אין שפּיטאָל איז קיין פריי בעט נישט געווען. האָט מען מיך געלייגט אויף אַ שעניק אויפן דיל. איך האָב נישט געוווּסט ווו איך געפין זיך, בין אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן, שווערן שלאָף. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזען, אַז איך געפין זיך אין אַ גרויסער ווייס־געקאַלכטער שפּיטאָל־פּאַלאַטע, פול מיט פאַרווונדעטע, צווישן זיי אויך יידן. דער בלויזער געדאַנק, אַז איך בין שוין נישט אויפן פראָנט, האָט געמאַכט פאַרגעסן די ווייטיקן.

איך בין געוואָרן הונגעריק. כ'האָב נאָך געהאַט אַ שאַכטל פלייש־קאָנסערוון אין מיין זעלנערישן טאַש, אַ טייל פון דער „אייזערנער פּאָרציע" וואָס דער זעלנער קען באַנוצן אויפן פראָנט, בלויז אין ערגסטן פאַל, אָבער די פּושקע מיט די קאָנסערוון איז געווען אינגאַנצן דורכגעלעכערט פון קוילן. דער דאָקטער

האָט מיט פאַרוווּנדערונג באַטראַכט די שאַכטל און געזאָגט, אַז די דאָזיקע פּושקע קאָנסערוון האָט מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. זי האָט אַריינגעכאַפּט די פּאָרציע קוילן וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר מיר... אַזוי, אַז בלויז אַ פּאָר פון די קוילן האָבן קוים באַרירט מיין זייט און מיך לייכט פאַרוווּנדעט.

פּלוצום האָבן די שפּיטאָל־שויבן גענומען ציטערן פון אַ שווערער קאַנאָנאַדע, וואָס האָט געדויערט דריי טעג און נעכט. מיר זענען געווען זיכער, אַז דאָס קומט פאַר אַ שווערע שלאַכט מיט די דייטשן און מיר וועלן באַלד אַריינפאַלן אין די מערדערישע הענט. ווי איבעראַשט זענען מיר אָבער געוואָרן, ווען אָנשטאָט די דייטשן, האָבן דעם 19־טן סעפּטעמבער 1939 אַריינגעמאַרשירט טיילן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. די שמחה איז געווען גרויס. באַזונדערס ביי די יידן, וועלכע זענען אַרויס מקבל פּנים זיין די רויטע אַרמייער מיט רויטע שלייפלעך אין די קלאַפּעס און רויטע פענדלעך אין די הענט.

מיר האָבן געמיינט, אַז די מלחמה איז פאַר אונדז פאַרענדיקט און מיר זענען פרייע בירגער. עס איז אָבער געווען אַ גרויסער טעות. די רוסן האָבן אונדז גענומען אין געפאַנגענשאַפט. צוזאַמען מיט 14 טויזנט פּוילישע זעלנער, בין איך אָפּגעשיקט געוואָרן קיין שעפּעטאָווקע, ווו מ׳האָט אונדז געהאַלטן אַ חודש צייט אינטערנירט. עסן האָבן מיר באַקומען צו 300 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ שאַכטל פיש־קאָנסערוון אויף פיר פּערזאָן. נאָך וואַסער האָט מען לאַנגע שעהן געמוזט שטיין אין דער ריי.

שפּעטער האָט מען אונדז אָפּגעשיקט קיין דאָנבאַס, ווו מיר האָבן זייער שווער געאַרבעט אין אַ מין שטיין־האַקעריי, כדי אַרויסצובאַקומען אייזן־אַרץ. ווען מיר האָבן זיך באַקלאָגט אויף די שווערע אוממענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען, האָט מען אונדז געענטפערט: „דאָס איז גאָלד, עס וועט אייך זיין נאָך ערגער!”

אין 1940 האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַן עשאַלאָן מיט פאַרמאַכטע וואַגאָנעס און מיר זענען געפאָרן דריי וואָכן צייט. וווּהין מען פירט אונדז, האָבן מיר נישט געוווּסט. עסן האָבן מיר באַקומען איין ברויט אויף 8 מענטשן אַ טאָג און אַ הערינג. וואַסער איז געווען ווייניק און דער דאָרשט האָט אונדז אויסגעברענט די קישקעס. דער עשאַלאָן האָט אונדז געבראַכט אויפן ווייטן צפון, קיין קאָמי־א. ס. ס. ר. אויפן אָרט האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ הויכן באַרג. ביי זיין צופוסנס איז געפלאָסן דער טייך איכטאַ. דער באַרג איז געווען אַזוי משופּעדיק, אַז מיר האָבן געמוזט קריכן אויף אַלע פיר, כדי נישט

אַראָפּצופּאַלן אין טייך אַריין. די היטער האָבן געלאַכט פון אונדז און געזאָגט:

— ניטשעוואָ, זאָל יעדער פון אייך גיין ווי ער קען. — זיי האָבן אונדז אָבער פאַרזיכערט, אַז אין אַ חודש אַרום וועלן מיר שוין דאָ קענען פאָרן אויף אַ באַן, וועלכע מיר וועלן אַליין אויפבויען. מ׳האָט אונדז געבראַכט אויף אַ גרויסן ליידיקן פּלאַץ צווישן וועלדער. נ. ק. וו. ד.־לייט האָבן געמאָלדן: „דאָ וועט איר וווינען”. אויפן אָרט זענען נישט געווען קיין הייזער, צי באַראַקן. „אַז איר וועט אויסבויען באַראַקן, וועט איר האָבן. דערווייל וועט איר זיך אויסבעטן און שלאָפן אויף אייערע אייגענע שמאַטעס”. פּשוט געריכט — אויף דער הוילער ערד...

ס׳איז אונדז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. אָבער וואָס האָבן מיר געקענט העלפן? קיין צוריק פון דאָרט איז נישט געווען.

מ׳האָט פאַר אונדז געבראַכט אַ גרויסן קעסל און געזאָגט: „אין דעם וועט איר קאָכן פאַר אייך עסן און עסן וועט דער, וואָס וועט אַרבעטן. ביי אונדז אַז מען אַרבעט נישט, עסט מען נישט”. און אַזוי איז געווען: די וואָס האָבן געהאַט כוח צו גיין צו דער שווערער אַרבעט, האָבן לויט זייער „פּראָדוקציע” באַקומען פון 500 ביז 900 גראַם ברויט אַ טאָג. שוואַכע, וועלכע האָבן נישט געקענט אַרבעטן, האָבן באַקומען אַ „שטראַפנאָי פּאַיאָק” — 300 גראַם ברויט טעגלעך. פאַרשטייט זיך, אַז אויך וואַרעם געקעכטס: קאַשע, פּליישיקס, האָבן די אַרבעטנדיקע באַקומען מער ווי די „פּראָגולטשיקעס” („ליידיק־גייערס”), ד. ה. שוואַכע און קראַנקע. אָבער אַזעלכע זענען כמעט ווי נישט געווען בנמצא. קראַנקע האָבן בעסער געוואָלט אַרבעטן און באַקומען עסן, ווייל עסן איז געווען דער איינציקער „אידעאַל” פון אונדזערע געפאַנגענע.

אויף יענעם שטח פון אַ גרויסן פאַרנעם, האָבן אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען זיך געפונען ביי 20 טויזנט פּוילישע קריגס־געפאַנגענע. מ׳האָט געאַרבעט זייער אינטענסיוו ביים בויען באַראַקן, הייזער, ביים פאַרלייגן די באַן־ליניע. אַזוי, אַז אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט, האָבן מיר דאָרט אויפגעבויט אַ גאַנצע שטאָט. אויך אַ בית־הקברות אַן אייגענעם האָבן מיר דאָרט איבערגעלאָזט, ווייל פיל, פיל פון אונדזערע זענען אויסגעשטאָרבן. די לעבנגעבליבענע האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מ׳וועט אַמאָל דערלעבן די פרייהייט און אונדזערע ביינער וועלן נישט פוילן אויפן דאָרטיקן בית־הקברות. ס׳איז אָבער געשען אַ נס — די ישועה איז אומדערוואַרט אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל.

מיר זענען באַפרייט געוואָרן אין יאָר 1941, ווען די סאָוויעטישע רעגירונג

האָט מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן געשלאָסן דעם אַזוי גערופענעם שיקאָרסקי־אַפּמאַך, אין וועלכן דער הויפּט־פּונקט איז געווען: פאַרמירן אַ פּוילישע אַרמיי אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. מ'האָט אונדז דאַן אַלס פרייע בירגער געשיקט הינטער מאָסקווע. אַהין זענען געקומען מיליטערישע פאַרשטייער פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן. זיי האָבן פאַרמירט די אַרמיי. איך בין פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין די פּוילישע מיליטער־טיילן. נאָך די געהעריקע צוגרייטונגען, איז די אָרגאַניזירטע אַרמיי, אונטער דעם אָנפירונג פון גען. אַנדערס, אַרויסגעפירט געוואָרן קיין איראַן און שפּעטער אויפן מיטעלן מזרח.

מיר זענען געקומען קיין עזה און דאָרט זיך פאַרהאַלטן אַ געוויסע צייט. פיל יידן און פּאָליאַקן האָבן זיך אַליין „באַפרייט״. איך בין אַוועק געפאָרן קיין תל־אביב און דאָרט געטראָפן אַ גניעוואַשאָווער משפחה — שיינפעלד, וועלכע האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. אויך מיין שמחה איז געווען זייער גרויס: איך בין אויף דער הייליקער ערד פון אונדזערע אבות און דערצו נאָך צווישן אייגענע, היימישע מענטשן. קען דען זיין אַ גרעסער גליק און פרייד?

נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, בעת דער באַפרייונגס־מלחמה, בין איך אַוועק אין דער ישראל־אַרמיי און אָרגאַניזירט אַ שיך־פאַבריק אין יפו, ווו איך האָב אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, וואָס האָט באַשיכט אונדזערע חיילים.

היינט לעב איך גליקלעך און צופרידן אין קרייז פון מיין משפחה, אין אייגן לאַנד, אָבער טיף אין האַרצן טראָג איך די בענקשאַפט און דעם אומהייל־באַרן ווי נאָך דעם חרוב געוואָרענעם פאַרשניטענעם יידיש־היימישן שטעטעלע גניעוואַשאָוו און נאָך די דאָרטיקע יידן, פאַרפייניקטע דורך די דייטשן. צווישן די פאַרפייניקטע איז אויך מיין ערשטע פרוי חנה און אונדזער דריי־יאָריקער זון...

פון דייטשער געפאַנגענשאַפט — קיין ארץ־ישראל

אברהם כהן / קרית־מוצקין

צום אָנדענק פון דורך די דייטשן פאַרפייניקטע
עלטערן מיינע, ר׳ אהרון און לאה־פערל כהן
און שוועסטער־ברידער: שרהלע, אסתר, כיינע,
זעלדע, שמואל, שמחה און צבי.

אַ יידישער זעלנער אין פוילישן מיליטער

ערשטער סעפּטעמבער 1939. דעם ערשטן טאָג פון מלחמה־אויסברוך בין איך געווען אין פוילישן מיליטער. מיר, די זעלנער, בפרט די יידישע, האָבן געפילט די אַטמאָספער פון דער מלחמה שוין עטלעכע חדשים פאַר איר אויסברוך. די באַציִונג צו אונדז יידן איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. יעדן טאָג האָט מען אונדז געגעבן אָנצוגעהערן, אַז אָט קומט אויף אונדז היטלער... גלייך די פּאָליאַקן וואָלטן נישט געווען קיין „מחותנים״ צו דער דאָזיקער מלחמה. די שפּאַנונג איז געווען גרויס. דער טראַגישער טאָג איז געקומען און די פּאָליאַקן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז היטלער מיינט זיי אויך.

איך האָב זיך געפונען אויפן פראָנט ביי לאָמזשע, לעבן דער דייטש־פוילישער גרענעץ. צוליב דעם וואָס דאָרט זענען געווען שטאַרקע באַפעסטי־קונגען, איז אונדז געלונגען צו האַלטן דעם פראָנט 20 טעג און דערביי אָוועקגע־לייגט אַ שפּאָר ביסל דייטשן. דאָס איז געווען איינע פון די געציילטע ערטער, ווו די פוילישע פּאָזיציעס האָבן זיך לענגער געהאַלטן. דער טראַגישער סוף איז אַבער געקומען. מיר זענען געוואָרן אַרומגערינגלט דורך די דייטשן, זיך אונ־טערגעבן און אַוועק אין געפאַנגענשאַפט.

פאַר די יידישע זעלנער איז עס געווען אַ טראַגישער מאָמענט: פיל פון אונדז האָבן באַדויערט, וואָס מען איז נישט געפאַלן אין שלאַכט, איידער גיין אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן. מ׳איז געבליבן לעבן און געדאַרפט זיך ווייטער ראַנגלען פאַר דער עקזיסטענץ. מ׳האָט אונדז געטריבן דריי טעג און דריי נעכט, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין קעניגסבערג. אויפן וועג האָבן מיר

זיך אָנגעטראָפן אויף פיל דייטשן. אַלע האָבן געזוכט יידן. זיי האָבן געמיינט, אַז מיר האָבן אַן אויסזען פון שדים אָדער חיות. די דייטשן האָבן געחוזקט, אַז די יידן גייען פאַרנעמען בערלין. מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט. מען האָט אונדז געהאַלטן אין קאַמערן. מיר האָבן באַקומען 100 גראַם ברויט מיט אַ ביסל געקאָכט וואַסער, אַ מין זופּ. נאָך צוויי וואָכן האָט מען אָנגעהויבן פאַרטיילן די געפאַנגענע לויט נאַציאָנאַליטעטן: יידן, פּאָליאַקן, אוקראַינער.

די פּאָליאַקן האָט מען צעשיקט אויף אַרבעט, זיי האָבן באַקומען גוט עסן. די יידישע געפאַנגענע האָט מען נישט גענומען צו קיין אַרבעט. מען האָט אונדז געלאָזט הונגערן און שטאַרבן. עס האָבן זיך באַוויזן ביי אונדז טיפוס און פאַרשידענע קראַנקהייטן, וואָס מען האָט נישט געוווּסט ווי זיי צו באַצייכענען. אָפטמאָל האָבן אונדז באַזוכט עס.־עס.־לייט. זיי האָבן אונדז אויסגעלאַכט און געוויזן אויפן האַלדז, אַז מען וועט אונדז הענגען.

עס זענען געווען פיל פּאָליאַקן צווישן די געפאַנגענע, וואָס האָבן געהעצט די דייטשן קעגן אונדז און זיי האָבן דערציילט די עס.־עס.־לייט, אַז די פּאָליאַקן האָבן גאָרנישט געוואָלט קיין קריג, נאָר די יידן זענען שולדיק אין אַלעם.

אַזוי זענען אַוועק דריי חדשים. מיט יעדן טאָג איז פאַר אונדז, יידישע געפאַנגענע, געוואָרן ערגער. מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער און קראַנק־הייטן — און דאָס איז געווען די כוונה פון די דייטשן. איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן און אָנגעהויבן טראַכטן פון אַנטלויפן.

מיר אַנטלויפן פון געפאַנגענשאַפט

איך האָב זיך צוזאַמענגערעדט מיט נאָך עטלעכע יידישע געפאַנגענע. מיר האָבן געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, וואָס איז טאַקע אונטערגעקומען.

יעדן טאָג זענען אַוועק טראַנספּאָרטן מיט פּאָליאַקן אויף אַרבעט אין פאַרשידענע ערטער. אַ מעלדונג האָט צעוויסן געטאָן, אַז מאָרגן זאָלן זיך שטעלן 400 פּאָליאַקן און זיין גרייט צום אָפּפאָר אויף לאַנדווירטשאַפט, אין דער געגנט לעבן עדר פּוילישער גרענעץ. אַזוי ווי איך האָב אין יענער געגנט געדינט אין מיליטער, האָב איך בערך געוווּסט ווו דאָס אָרט געפינט זיך. האָבן מיר זיך צונויפגערעדט (אַכט יידן) און דעם טאָג אַריין צווישן די פּאָליאַקן. מיר האָבן שוין געהאַט אַזאַ אויסזען, אַז די פּאָליאַקן האָבן אויך נישט דערקענט, אַז מיר זענען יידן.

מ׳איז אַריין אין די בהמות־וואַגאָנען. דער פּלאַן איז געווען: פאַרן באַשטימטן

אָרט צו שפּרונגען דורך די שמאָלע פענצטער. אויב עס וועט זיין ביינאַכט און מען וועט נישט קענען שפּרונגען צוליב דער פאַרשטאַרקטער וואַך, זאָל מען אַנטלויפן די ערשטע נאַכט באַלד נאָכן אָנקומען אויפן אָרט. איידער מען וועט פירן די געפאַנגענע צום וואַשן זיך. לויט אַ באַפעל, האָבן די געפאַנגענע, וועלכע מען האָט געשיקט פון לאַגער אויף אַרבעט, באַדאַרפט דורכגיין אַ באָד אויפן נייעם אָרט ווו מ׳איז אָנגעקומען. זענען געווען פאַלן, ווען יידישע געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך אַריינגעדרייט צווישן פּאָליאַקן און אַוועק אויף אַרבעט, האָט מען ביים וואַשן דערקענט, אַז זיי זענען יידן. די פּאָליאַקן האָבן זיי אויסגעגעבן און די דייטשן האָבן די יידן דערשאָסן.

צו אונדזער מזל זענען מיר אָנגעקומען ביינאַכט נאָענט צום באַשטימטן אָרט. עס איז געווען גוט פינצטער, אונדז איז געלונגען צו שפּרינגען פון די וואַגאָנעס. דורכגעקוועטשט זיך דורך דער פאַרצוימונג פון די פענצטער, ווו אַ קאַץ וואָלט קוים אַדורך. די פּאָליאַקן האָבן אַפילו נישט באַמערקט, אַז עס שפּרינגט ווער פון וואַגאָן, ווייל זיי זענען געשלאָפן, אָדער געדרימלט, געהאַט מיט זיך צו טאָן. דאָס איז געווען אַ לאַנגע נסיעה. ביים אַרויספאָרן האָט יעדער געקריגן אַ האַלבן קילאָ ברויט. יעדער איז געווען הונגעריק און שוואַך, אַלע האָבן כסדר געדרימלט. מיר האָבן דאָס אויסגענוצט און אַנטלאָפן.

די אַכט יידן זענען נישט אַריין אַלע אין דעם זעלבן וואַגאָן, כדי זיך נישט וואַרפן אין די אויגן פון די פּאָליאַקן. דאָס שפּרינגען איז געווען אַ פאַר־צווייפלטער שריט. מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. האָבן מיר ריזיקירט, אָדער עס וועט געלונגען אָדער נישט. צום גליק איז אונדז געלונגען. מיר האָבן זיך גוט צעקלאַפּט — און געלאָפן ווייטער. בעתן לויפן האָבן מיר זיך צוזאַמענ־געטראָפן, ווייל עס האָט זיך איינגעגעבן אַלע צו שפּרונגען כמעט אין דער זעלבער צייט.

מען איז אַריין אין אַ דאָרף און געבעטן אַ מלבוש צום איבערטאָן זיך און עפּעס צום עסן. מען האָט פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעזאָגט, אַז מיר זענען יידן — און באַקומען וואָס מיר האָבן געבעטן.

די ערשטע שטאָט אין וועלכער מיר זענען אָנגעקומען, איז געווען אָסטראָלענקאָ. פון דאָרט איז מען אַריבער קיין לאָמזשע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורך די רוסן. אין דער שטאָט האָב איך פאַר דער מלחמה געדינט אין פוילישן מיליטער. איך האָב געהאַט דאָרט פיל באַקאַנטע. ביי איינעם פון זיי האָב איך זיך אַביסל אויסגערוט און געקומען צו זיך. פון די געפאַנגענע,

וואָס זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט מיר, איז יעדער אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. איך בין דערווייל געבליבן אין לאָמזשע.

צוזאַמען מיט חלוצים, שליחים פון ווילנע; מיין לעצטער שבת אין גניעוואַשאָוו

אין לאָמזשע האָב איך געהערט צום ערשטן מאָל, אַז ווילנע איז פאַרנומען פון די ליטווינער און פון דאָרט איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. מען האָט געשמועסט, אַז אין ביאַליסטאָק קען מען קריגן אינפאָרמאַציע וועגן די ענינים. איך בין אַוועק קיין ביאַליסטאָק און דאָרט געטראָפן חברים מיט וועלכע איך בין געווען אויף הכשרה אין גראָכאָוו. דאָס זענען געווען חלוצים, ספּעציעלע שליחים פון ווילנע אין די שטעט פון אָקופּירטן פּוילן, מיט דער אויפגאַבע צונויפצוזוכן חברים חלוצים, „שומרים", וואָס זענען פאַרן מלחמה־אויסברוך געווען אויף הכשרה און זענען מסכים דורך ליטע צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין געהיים. איך האָב גלייך מסכים געווען צו גיין קיין ווילנע. למען האמת דאַרף מען צוגעבן: קיינער האָט נישט פאַרזיכערט, אַז מען וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל, מען האָט נאָר גערעדט וועגן אַ שאַנס און ריזיקע. איך האָב באַשלאָסן צו פּרוּוון. גלייכצייטיק האָב איך אויך ביי זיך באַשטימט, אַז איידער איך וועל זיך לאָזן קיין ווילנע, וועל איך זיין אין גניעוואַשאָוו, כדי צו זען וואָס עס טוט זיך מיט מיין משפחה. איך האָב זיך אָפּגעשמועסט מיט די חברים, די שליחים, אַז איך וועל זיין אין גניעוואַשאָוו 2 טעג, דערנאָך צוריקקומען קיין ביאַליסטאָק, ווו איך האָב געדאַרפט מיטאַרבעטן מיט די שליחים און שפּעטער גיין קיין ווילנע.

איך האָב זיך געלאָזט אין לאַנגן וועג קיין גניעוואַשאָוו. פון ביאַליסטאָק בין איך אַוועק ביז מאַלקין, וואָס איז געווען באַזעצט פון די דייטשן. איך האָב בייַנאַכט געשוואַרצט די גרענעץ קיין מאַלקין. פון דאָרט געוואַנדערט קיין וואַרשע. אויף די גאַסן האָב איך אָנגעטראָפן יידן, וואָס האָבן אויף די מלבושים, אויפן אָרעם, געטראָגן בענדער מיט אַ געלן מגן־דוד. פון וואַרשע בין איך אַוועק קיין דעמבלין. דורך דער בריק, וואָס האָט געפירט אין שטאָט, האָבן דייטשן נישט דורכגעלאָזט קיין יידן. קליינע שקצים האָבן אָנגעוויזן ווער עס איז אַ „יודע".

עטלעכע יידישע פרויען פון גניעוואַשאָוו, וואָס האָבן געהאַנדלט קיין וואַרשע,

האָבן אויך געוואָלט דורכגיין די בריק און מען האָט זיי נישט געלאָזט. דורך פאַרשידענע קונצן, דורך אונטערקויפן, האָט זיך דאָך מיר איינגעגעבן איבער־צוקומען די בריק. אויף דער צווייטער זייט האָט געוואַרט דער באַוווסטער גניעוואַשאַווער בעל־עגלה שבתאי — און מיט אים בין איך אָנגעקומען קיין גניעוואַשאָוו פּריטיק פאַרנאַכט, סוף דעצעמבער 1939.

איך בין אַריין אין מיין שטוב. מען האָט זיך מיט מיר דערפרייט, צעקושט. מיר איז געווען טרויעריק אויפן האַרצן. איך האָב כמעט נישט דערקענט מיין פאָטער: די באָרד אָפּגעשניטן דורך די דייטשן, ער איז געווען אומעטיק און טרויעריק. איך האָב באַמערקט אין יעדנס אויגן אַ פּחד, אַ נישט זיכערקייט פאַרן מאָרגן. איך בין נאָך נישט געווען געוווינט צו דעם אַלעם. מקבל שבת געווען האָט מען אין שטוב, ווייל די שול האָבן די דייטשן פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל פאַר די פערד. שבת בייטאָג האָט מען יידן געכאַפּט אויף אַרבעט. איך האָב זיך געטראָפן מיט חברים און פריינט און יעדן געראָטן צו אַנטלויפן פון דעם גיהנום. אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, אַ חוץ עטלעכע. איינער פון זיי לעבט אין ישראל, אין תל־אביב. זיין נאָמען איז צבי. אין גניעוואַשאָוו האָט מען אים גערופן הערשל. איך וועל אייביק באַדויערן וואָס איך האָב דעמאָלט נישט אַרויסגענומען פון גניעוואַשאָוו מיינע ברידער און שוועסטער.

זונטיק אין דער פרי האָב איך זיך געלאָזט אין וועג קיין ביאַליסטאָק, כדי פון דאָרט צו גיין קיין ווילנע. עס איז נישט געווען קיין לייכטער „שפּאַציר״. איך האָב ווידער דורך מאַלקין געשוואַרצט די דייטש־סאָוויעטישע גרענעץ און געקומען קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט די שליחים און מען האָט באַשטימט, אַז איך גיי גלייך קיין ווילנע, ווייל עס ווערט מיט יעדן טאָג שווערער ביי דער גרענעץ.

דער קיבוץ אין ווילנע; באַזוך פון נ. ק. וו. ד.

אין ווילנע האָב איך געטראָפן פיל חברים, מיט וועלכע איך בין געווען אויף הכשרה און סתם פליטים, וואָס זייער ציל איז געווען — אויסוואַנדערן. די חלוצים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין קיבוץ אויף סאָבאָטש־גאַס. מיר האָבן געפירט אַ נאָרמאַלן, קיבוצישן לעבן און כסדר געזוכט אַ וועג קיין ארץ־ישראל. די איינציקע גרויסע שטערונג איז געווען — די סאָוויעטישע רעגירונג.

ליטע איז דעמאָלט געווען „זעלבשטענדיק״, אָבער כדי זיך אַרויסצובאַקומען

פון דעם קליינעם לאַנד, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ טראַנזיט־וויזע דורכן ראַטנפאַרבאַנד — און דאָס איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען. דער מצב האָט אָנגעהאַלטן ביז סעפטעמבער 1940. פון יענער דאַטע אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פאַר אונדז: ליטע און אויך ווילנע זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוויעטן. גלייך האָט זיך אונדזער לאַגע פאַרשווערט, דאָס נאָרמאַלע לעבן האָט זיך געענדיקט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צרות. נישט ווייניק האָבן מיר געליטן פון די יידישע קאָמוניסטן. זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויסווייזן פאַר טרייע דינער פון דער סאָוויעטן־מאַכט און דאָס איז געווען אויף אונדזער חשבון.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען ווילנע, האָבן מיר אין קיבוץ געהאַט אַ באַזוך. די „געסט״ האָבן זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ דעלעגאַציע פון רויטן קרייז. זיי האָבן זיך אינטערעסירט ווי אַזוי מיר לעבן, ווער עס זענען די פאָרשטייער, און געבעטן זיך באַקענען מיטן סעקרעטאַריאַט צו וועלכן איך האָב געהערט (מיין אויפגאַבע איז געווען איינאָרדענען די חברים אויף אַרבעט). די „דעלעגאַציע״ האָט פאַרשריבן אונדזערע נעמען און איז אַוועק. דאָס זענען געווען מענטשן פון נ. ק. וו. ד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר געמוזט ליקווידירן דעם קיבוץ און זיך צעטיילט אין קבוצות. יעדע קבוצה פון 4—5 חברים האָט געוווינט אויף אַ באַזונדער אָרט. און די חלוציש־ציוניסטישע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אין געהיים.


ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און מיר האָבן באַקומען איינלאַדונגען אויף אויספאָרשונגען. לאַנג האָבן זיי נישט געדאַרפט פאָרשן. זיי האָבן אַלץ געוווּסט וועגן אונדזער טעטיקייט און מיר האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס צו לייקענען. ביי איינער אַזאַ אויספאָרשונג האָב איך דערקלערט, אַז אונדזער ציל איז צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט שאַפן קיבוצים.

אין דער זעלבער צייט האָט די סאָוויעטישע מאַכט אין ווילנע דערלויבט צו פאַרלאָזן די שטאָט די פליטים, וואָס האָבן געהאַט אַריינפאָר־וויזעס אין וועלכן ס׳איז לאַנד. פאַר הונדערט דאָלאַר האָט מען געקאָנט באַקומען אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש פון ווילנע. האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פון באַזאָרגן זיך מיט וויזעס אין פאַרשידענע לענדער.

סוף־כל־סוף איז מען געפאָרן דורך וולאַדיוואָסטאָק קיין יאַפּאַן, קיין אינדיע און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. פליטים אָן חלוצישער איינשטעלונג זענען געפאָרן קיין אַמעריקע. דער צווייטער וועג מיט וועלכן מ׳איז געפאָרן, איז געווען פון ווילנע קיין מאָסקווע, ווייטער — אָדעס, פון דאָרט קיין טערקיי, דורך סיריע

און לבנון קיין ישראל. מען האָט איינגעטיילט טראַנספּאָרטן אויף אַלע וועגן און מיט אַלע מיטלען. מיר האָבן אויך באַקומען אַ ביסל סערטיפיקאַטן פון דער סוכנות, אָבער ווען מיר וואָלטן געוואַרט נאָר אויף סערטיפיקאַטן, וואָלטן אַפילו קיין 10 פּראָצענט נישט אַרויס פון ווילנע. וויפל עס איז באמת אַרויס איז נישט מעגלעך פעסטצושטעלן, ווייל מ׳האָט נישט געפירט קיין רעגיסטראַציע.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט ביז אַ קורצע צייט פאַרן פאַרנעמען ווילנע דורך די דייטשן. מיט איינעם פון די טראַנספּאָרטן, וואָס איז אַרויס פון ווילנע אין חודש מערץ 1941, בין איך דעם ערשטן מאַי 1941 אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.



מצבת־זכרון לקדושי גניבשוב שהוקמה בטרבלינקה, פולין
אָנדענק־שטיין פאַר די קדושים אין גניעוואַשאָוו, אויפגעשטעלט אין טרעבלינקע, פּוילן

לחמתי נגד הנאצים

חיים פרימער־גרינשפן

הייתי חבר בארגון היהודי הלוחם בגיטו ורשה. לקחתי חלק בפעולותיו לפני המרד. בעצם הייתי לוחם אלמוני, אחד מהשורה, מאלה הסרים למשמעת מפקדיהם ולפקודותיהם. בשבילי המרד היה ביטוי למצוקה ולמשאת־הנפש היחידה שזמו רב פיעמה בקרבי ללא ניב: נקם!

המרד בגיטו, נשא אופי וצביון מיוחדים. גם ממערכי־לב של הלוחמים היו מיוחדים. היה זה מרד ללא סיכויי ניצחון. לוחמים שתוו המוות היה חרות על מצחם, נערים ונערות שתמול־שלשום שכלו את הקרובים להם ביותר, בלי אשליות הצלה. לפיכך גמרו אומר להקריב את חייהם במחיר גבוה ככל האפשר, ועל ידי כך למלא שליחות כפולה. לנקום את עלבון חייהם ולהשאיר אחריהם ירושה של כבוד.

רק תנועה חברתית היתה מסוגלת לחזק את רוח האדם המתמוטטת בסערת־האימים ולהרים את נס העם וכבודו. תחילה ראיתי ביטויים לכך במסיבות השבת החמות. בהן טיפחנו אמנם באזלת־יד, אבל בנפש חפצה, ערכים רוחניים, ולאחר מכן ראיתים בפעולותיו המסועפות של „הארגון היהודי הלוחם" בטיהור הרחוב היהודי, מבוגדים ומשתפי־פעולה ובמרד גופו.

אילו פתחתי את סיפור דברי מיום כניסתי לאירגון היתה הפרשה לוקה בודאי בחסר, ונעדרת הרקע שהוא עיקר גדול במסכת זו. אפתח איפוא בתיאורים כלליים על העיירה, בה נולדתי, ועל כיבושה של ורשה על ידי הגרמנים. ואשקיף ממרחקי הימים על דרך היסורים עד הצטרפותי לארגון היהודי הלוחם בגיטו ורשה.


זכרונות חיי

נולדתי ב־13 לינואר 1920 להורי משה ונחה (מבית גרינשפן) פרימר, בעיירה גניוושוב בה גדלתי עד גיל 15. על שנות ילדותי איני חושב שאזכור מאורע הראוי לספר. בהגיעי לעול מצוות הצטרפתי ל„הנוער הציוני" בה היתה גם אחותי המבוגרת חיה־סימה חברה זה שנים אחדות. וגם כמה מחברי לספסל הלימודים לשעבר. יום הצטרפותי לתנועה היה בשבילי יום מיפנה בחיי. הוא חתם תקופה

של היותי „ילד־רחוב" משוטט בשעות הפנאי ומחפש אחרי משחקים של מה בכך — ופותח תקופה חדשה. חל בי כעין „פיצול האישיות" — ילד המשחק בשבתות בכפתורים ובחג באגוזים — ומצד שני הנני נחשב לאדם מכובד, שכותבים אליו מכתבים רציניים כגון „חבר נכבד", על החתום הנהגת הקן „חזק ואמץ", שאת פירוש המלים בקושי ידעתי. באותו יום שבת אחרי הצהריים התיצבתי בקן לפני ראש הגדוד שינדיל גולדשטיין, נשאלתי כמה שאלות שהייתי מוכן להן מראש וצורפתי לקבוצה.

בימים הראשונים בתנועה היה לי הרושם כאילו אני חבר בתנועת צופים סתם, אבל במרוצת הזמן הבינותי לקראת מה אני הולך ומה יעודי. אני נזכר בשיחה על הנושא „מדינת היהודים" של הרצל. אחד החברים הביע את דעתו שהמשטר במדינה חייב להיות סוציאליסטי, על כך ענתה לו ראש הקבוצה מירל צווייגנברג: „אתה קונה לך רהיטים בטרם בנית לך בית ?"

מיום כניסתי לתנועה לא פסחתי על שום פעולה קטנה כגדולה. השתתפתי בכל הטיולים כמו לפולבי וליערות ריקי וכו'. בפברואר 1935 בהיותי בן 15 עברה משפחתי לוורשה. באסיפת פרידה של הקן שנערכה עם עוזבנו את העיר



עצמות שנמצאו בבית־הקברות בגניוושוב אחרי המלחמה.
געפונענע ביינער אויפן יידישן בית־עלמין אין גניעוואָשאָוו

נאמו ראשי שני הגדודים של אחותי חיה סימה ושלי. גם אנו נפרדנו בהבטחה שנמשיך גם בוורשה לפעול למען התנועה הציונית.

